STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03124

# DOS NATSYONALE PONEM FUN GOLES-YIDNTUM

Jacob Lestschinsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעשצינסקי

יעקב לעשצינסקי

# דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־ייִדנטום

# 8

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

קיום

יעקב לעשצינסקי

# דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פֿון גלות־ייִדנטום

בוענאָס איירעס

תשט״ז — 1955

משה פייגענבלום.

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיוראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס־איירעס.

# הקדמה

איך געברויך אין גאַנצן בוך און אויך אין קאָפּ דאָס וואָרט „גלות״ און נישט „תפוצות״, ווי עס איז געוואָרן די מאָדע ביי אַ סך יידישע שרייבער, אַפילו ציוני־ניסטישע. איך בין נישט גורם דעם נייעם נאָמען מיט אַ כיוון גאַנץ באַוווסטזיניק — און אַט צוליב וואָסערע טעמים.

גלות איז נישט נאָר שחיטות און הריגות, רדיפות און נגישות, באַגרענע־צונגען און צוימען — דאָס זענען גרויסע אומגליקן און זיי זענען אין גאָר אַ גרוי־סער מאָס אַ רעזולטאַט פון דער גלות־לאַגע. נאָר זיי שעפּן ווייט נישט אויס דעם היסטאָרישן באַגריף „גלות״. דער ברייטערער און דער טיפערער זין פון גלות מיינט לעבן אין דער פרעמד, לעבן אויף פרעמדן באָדן און אונטער אַ פרעמדן הימל. גלות מיינט זיין אונטערגעוואָרפן די השפעות פון פרעמדע לעבנס־נוסחאות און פרעמדע גייסט־ און קולטור־ווירקונגען. גלות מיינט יענע שרעקלעכע אַנאָ־מאַליע, וואָס פירט צו אַ מצב, וועלכע מען מוז כאַראַקטעריזירן מיט פאָלגנדיקע אומלאָגישע ווערטער: **מאַקסימום פרייהייט — מינימום יידישקייט! מאַקסימום פריינטשאַפט פון דעם פרעמדן אַרום — מינימום צוזאַמענהאַנג פון צוזאַמענבונד צווישן די אייגענע, צווישן די תפוצות!**

אַט די דאָזיקע אַנאָמאַליע, וועלכע האָט זיך היסטאָריש אַזוי טראַגיש אַנט־פלעקט אינעם צעפאַל און אין דער נאַציאָנאַלער פרוכטלאָזיקייט פונעם מערב־אייראָפּעאישן אידנטום און וואָס שרייט שוין אַזוי הויך אַרויס פון אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן אין דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט — אַט דער דאָזי־קער נאַציאָנאַלער פחד פאַר צו גוט, פאַר צו פיל פרייהייט, פאַר צו פיל עולם הזה,אַט די דאָזיקע מער ווי אומנאָרמאַלע לאַגע צווינגט מיך צו בלייבן ביים טראַ־דיציאָנעלן, היסטאָריש געהייליקטן טערמין **גלות!**

יאָ, מיר זענען אין גלות און נישט פּשוט צעשפּרייטע אָרגאַנישע טיילן פון גאַנצן יידישן פאָלק. מיר זענען נישט אין תפוצות, נאָר אין גלות!

ס׳איז עפּעס ממש גאָרנישט צו פאַרשטיין, ווי ס׳איז גאָר אויפגעקומען דער דאָזיקער אַנטי־נאַציאָנאַלער געדאַנק דווקא אין דער בלוטיקסטער עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע און, דאָס קלינגט מאָדנע, נאָר ס׳איז אַזוי, אין דער תקופה פון

מאַקסימאַלסטן אַסימיליר־פּאָטענציאַל פונעם פרעמדן אַרום אין די גלות־לענדער און אויך פון דער מאַקסימאַלסטער אַסימילאַציע־נטיה מצד די יידישע מיעוטים; אין אַ עפּאָכע, וואָס האָט נאָר־וואָס געדראָט דעם יידישן קיום מיטן קרדום און דראָעט איצט מיט מיתה בנשיקה! און ענדלעך אין אַ תקופה פון אתחלתא דגאולה.

ס׳איז מיר שווער צו פאַרשטיין, פאַר וועלכע אַזעלכע מעשים־טובים קומט דאָס דער דאָזיקער טראַגישסטער תקופה אין דער יידישער געשיכטע דער הויכער כבוד פון ליקווידירן דאָס הייס אַנגעלאָדענע טראַדיציאָנעלע וואָרט „גלות״, אַ וואָרט, וואָס מאַכט אויפציטערן דאָס יידישע האַרץ; אַ וואָרט, וואָס איינינקט יידישע נשמות פון אַלע כנפות הארץ, און עס פאַרבייטן מיט אַן אייז־קאַלט וואָרט „תפוצות״, וואָס נישט נאָר ס׳זאָגט נישט גאָרנישט נישט דעם יידישן האַרץ און נישט דער יידישער נשמה, נאָר, פאַרקערט, ס׳קילט אָפּ די נאַציאָנאַלע געפילן, ס׳האַקט אונטער די פליגל פון גאולה־שטרעבונגען, ס׳דערפירט דעם נהיה ככל הגויים צו זיינע לעצטע קאָנסעקווענצן — צו מיאש זיין זיך פון די תפוצות!

וואָרום וואָס פאַר אַ אייראָפּעיש פאָלק האָט דאָס נישט קיין תפוצות און ווער פון זיי טראַכט עפּעס וועגן גאולה און וועגן נאַציאָנאַלן המשך און וועגן עם אחד!?

ניין! דער פאַרבייט פון גליענדיק־הייסן היסטאָרישן וואָרט „גלות״ מיטן דורך און דורך פאַלשן באַגריף פון „תפוצות״ איז אַן עבירה, שגוררת עבירות רבות — גאָר אַ סך עבירות! דאָס הייסט זיך אָפּזאָגן פון די אַלע ציון־ און ירושלים־תפילות, וועלכע האָבן געהאַלטן נאַציאָנאַל וואַך דאָס יידישע האַרץ און געעגבערט אין יידישן מוח, אַז „וקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ״ איז אַ האָפענונג, וואָס טאָר נישט אויפגעגעבן ווערן, נישט אָפּהענגיק פון דעם, צי זי זעט אויס אין אונדזערט אויגן אין אַ באַשטימטן היסטאָרישן מאָמענט רעאַליזירבאַר צי נישט. גלות וועקט און מאָנט — תפוצות פאַרשלעפערן און פאַרוויגן און מאַכן קאַלט. גלות איינינקט און ברידערט — תפוצות צעטיילן און צערייסן, ווייל יעדע תפוצה בינדט צו צו אַן אַנדערן צענטער, צו אַ פרעמדן צענטער. גלות האָט וייטע היסטאָרישע צילן, נאַציאָנאַלע צילן און לאָזט דעריבער נישט צו־רו — תפוצות שטעלן פעסט דאָס דערגרייכטע און מען איז צופרידן מיט דעם יש.

**ניין!** דער בייט איז אין בעסטן פאַל אַ פאַטאַלער היסטאָרישער טעות. ער זאָגט עדות וועגן אַ שרעקלעך געפאַלענער נאַציאָנאַלער שטימונג ביי געוויסע קרייזן פון יידישן פאָלק. דאָס שרייט וועגן אַ משיח־ירידה, ווי ס׳איז נאָך נישט געווען אין דער יידישער געשיכטע.

**תפוצות —** דאָס מיינט שלום־מאַכן מיט דעם הײַנט, ווייל דער מאָרגן איז אין בעסטן פאַל אַ גרויסע רעטעניש. נישטאָ אין איצטיקן מאָמענט קיין גרויסע תפוצותדיקע נאַציאָנאַלע כוחות, וועלכע זאָלן צוזאָגן אייגענע נייע גרויסע נאַציאָנאַלע שאַפונגען, אייגענע נייע נאַציאָנאַלע גייסטיקע עליות. נאָך וויניקער קען מען רעדן אין געגעבענעם היסטאָרישע מאָמענט וועגן געמיינזאַמע פאַר אַלע תפוצות נאַציאָנאַלע רייפן, תפוצותדיקע רייפן, גלות־רייפן, וועלכע זאָלן מאַכן שלאָגן די הערצער פון אַלע יידן אין אַלע כנפות הארץ, וועלכע זאָלן מאַכן אויפ־

וואַכן ייִדישע נשמות בכל קצוי העולם. און, ליידער, איז נאָך ישׂראל דערווייל נישט דערוואַקסן צו דער מדרגה פֿון מרכז רוחני, נישט אַרויסגעוואָקסן נאָך פֿון די וויקעלעך פֿון שטעלן זיך אויף די אייגענע פֿיס פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. על אחת כמה וכמה קען זי נישט דערלויבן דעם גלות שוין זיך אָפּטרייסלען פֿון די גלות־טראַגעדיעס און פֿון די גלות־אַנטינאָמיעס און זיך איינרעדן, אַז הכול על מקומו יבוא בשלום...

***

דאָס פֿאָרגעלייגטע בוך געהערט מאָראַליש דעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישע ענינים ביים ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. מאָראַליש מיינט, אַז נאָר אַ דאַנק דעם דאָזיקן אינסטיטוט איז מיר געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צונויפֿצוטראָגן דעם גאַנצן מאַטעריאַל און אָנשרייבן דאָס ווערק. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דער אינסטיטוט איז אין וועלכער ס'נישט אי זמאָס פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די אַרויסגעזאָגטע אין בוך געדאַנקען און מיינונגען. איך האַלט פֿאַר מיין חוב דאָ אויסצודריקן מיין האַרציקסטן דאַנק דעם דערמאָנטן אינסטיטוט.

מעגלעך, אַז דאָס איז מיין „שוואַנען־ליד" — אדם יסודו מעפר וסופו... ווילט זיך מיר זאָגן עטלעכע קורצע ווערטער פֿראָ „דאָמאָ מעאַ".

דאָס פֿאָרגעלייגטע בוך איז אין תוך אַ מין סאָרט סך הכל פֿון אַלע מיינע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען און געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיווקייטן פֿאַר העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט. און אַלע סתירות אין מיין לעבנס־גאַנג, אין אַלע מיינע טעטיקייטן, קומען דאָ צום אויסדרוק, אילוסטרירנדיק, אַז די דערמאָנטע סתירות זענען נישט מיינע פּריוואַטע פּערזענלעכע, נאָר זיי זענען אָרגאַניש־פֿאָלקישע, נאַציאָנאַל־ייִדישע, היסטאָריש־תקופֿהדיקע.

אַלגעמיינע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען זענען תמיד געקומען צו פּעסימיסטישע אויספֿירן. זיי האָבן געוויזן, אַסימילאַציע אין אונדזער צייט, אין דער תקופֿה פֿון העכסטן אַסימילירן־פּאָטענציאַל מצד דעם אַרום און פֿון העכסטער אַסימילאַציע־נטיה מצד דער ייִדישער מינדערהייט, איז אַ אומפֿאַרמיידלעכער פּראָצעס. דער דאָזיקער פּראָצעס פּירט אפֿשר נישט, צוליב פֿילע סיבות, צום פֿאַרשווינדן פֿון דער ייִדישער גרופּע, פֿירט נישט צו פֿיזישער מיתה, נאָר זי פֿירט אָבער צו מיתה רוחנית. ווייל עס בלייבט נישט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט קיין פּלאַץ פֿאַר אייגענע־אייגנאַרטיקע אָריגינעלע ייִדישע קולטור־שאַפֿונגען, פֿאַרלירט די באַזונדערע איזאָלירטע עקסיסטענץ יעדן היסטאָרישן זין און יעדע מאָראַלישע באַרעכטיקונג.

בין איך אָבער מיין גאַנץ לעבן נישט געווען קיין קאַבינעט־פֿאָרשער, וואָס שאַפֿט זיינע טעאָריעס ביי די קאַלטע שטערן פֿונעם הימל. איך בין מיט מיין גאַנצן ישׁ טיף אַריינגעטון אין ייִדישן לויפֿנדיקן לעבן און אין זיינע ווייטיקדיקע און ווייטוענדיקע פֿראַגן און פּראָבלעמען, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעל־גייסטיקע. און

אַזוי ווי יציאת גלות איז פאַר זיך נאָך נישט קיין פּראָגראַם, יעדנפאַלס נישט קיין פּראַקטישע פּראָגראַם, ווייל יציאה איז דאָך הונדערט פּראָצענט אָפּהענגיק פון כניסה, האָט מען תמיד געמוזט און מען מוז נאָך אויך איצט, כאָטש די כניסה־פּראַגע איז ביז אַ געוויסער מאָס געלייזט, זוכן מעגלעכקייטן און אויך באַרעכטי־קונגען פאַר אַרבעט אין גלות, פאַר לענגערע און קורצערע טעטיקייט־פּראָגראַמען. זענען דאָך תמיד די פּראַקטישע פּראָגראַמען ווייט אַריבערגעשפּרונגען די אויספירן פון די טעאָרעטישע פאָרשונגען. דאָס ליגט אין דער נאַטור פון דער זאַך, אין דעם געזונטן לעבנס־אינסטינקט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער גרופּע. פיל מאָל מער איז אַזאַ אַריבערשפּרינגען באַרעכטיקט אין אונדזער צייט — מדינת ישראל תוכיה! מדינת ישראל דיקטירט אָפּטימיזם, יאוש יוצר! פאַר אונדזערע אויגן איז דער דאָזיקער נס פאָרגעקומען — יאוש יוצר!

די דערמאָנטע סתירה, אַ אימאַנענטע, אַ טיף פאַרוואָרצלטע אינעם היסטאָ־רישן גורל פון אונדזער פאָלק, אַ סתירה, וואָס וועט אפשר קיינמאָל נישט אָפּגעשאַפט ווערן — אָט די דאָזיקע סתירה, דערלויב איך מיר צוזאָגן, האָט מיין גאַנץ לעבן באַוועלטיקט מיין מוח און מיין נשמה. און די דאָזיקע סתירה קומט צום פולן אויסדרוק אין דעם פאָרגעלייגטן ווערק, וואָס איך שרייב איין יאָר פאַר גבורות...

**יעקב לעשצינסקי**

ערשטער טייל

# די נייע אָביעקטיווע באַדינגונגען אין די גלות־לענדער

# אַרײַנפֿיר

ממש פֿאַר די אויגן פֿון אונדזער דור האָט זיך ראַדיקאַל געביטן די גאַנצע פּיזיאָנאָמיע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק: די געאָגראַפֿישע פֿאַרטיילונג איבער קאָנטי־נענטן און לענדער און די קאָנצענטראַציע אין פֿאַרשיידענע טיפּן וווין־ערטער; די ביאָלאָגישע פּאָטענציאַלן און דער נאַטירלעכער צוואַקס; די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור און די קלאַסן־גלידערונג; די פּאָליטישע לאַגע און די פּאָלי־טישע פּראָבלעמען און טענדענצן; ענדלעך די גאַנצע אַרומיקע שפּראַך־ און קול־טור־סביבה און דערמיט אויך ממילא די אייגענע נאַציאָנאַלע שאַפֿונגס־מעגלעכ־קייטן און די פּראָפּאָרץ צווישן די אַסימילירער־ און נאַציאָנאַליזיר־פּאָטענציאַלן אי־נעם ייִדישן פֿאָלק.

די ייִדישע געשיכטע איז גענוג רייך מיט אויסטערלישע געשעענישן, מיט שחיטות און מאַסן־גירושים, מיט רדיפֿות און גזישות און מאַסן־וואַנדערונגען, וועלכע האָבן אין רעלאַטיוו קורצע תּקופֿות געשאַפֿן ראַדיקאַל נייע סיטואַציעס, געענדערט ביזן סאַמע יסוד דעם מאַטעריעלן באַדן פֿון דער מערהייט פֿון פֿאָלק און דערמיט אויך זיינע אַרומיקע פּאָליטישע און קולטורעלע סביבות. ס'איז גענוג צו דערמאָנען דאָס פֿאַרשווינדן פֿונעם קולטורעל הויך־אַנטוויקלטן און טיף־משפּיענדיקן שפּאַניש־פּאָרטוגעזישן ייִדנטום, וואָס האָט געגעבן דעם ייִדישן פֿאָלק די מיטלאַלטערלעכע ייִדישע פֿילאָסאָפֿיע און די רייכע העברעיִשע פּאָעזיע, אָפּגעער שמד פֿון אַ גרויסן טייל פֿון דאָזיקן ייִדנטום און מאַראַנענטום פֿון אַ צווייטן באַדייטנדיקן טייל האָבן שוין ליקווידירט דעם בעסטן קוואַל פֿון די שאַפֿונג־כּוחות פֿון דאָזיקן אויסנאַם־שעפֿערישן צווייג פֿון ייִדישן פֿאָלק. די לעבן־געבליבענע זענען אַריינגעפֿאַלן אין די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער פֿון דער טערקישער אימ־פּעריע און די שאַפֿונגס־קוואַלן פֿון דאָזיקן פֿליגל פֿונעם שפּאַניש־פּאָרטוגעזישן ייִדנטום זענען גאָר גיך אויסגעטריקנט געוואָרן.

דאָס איז אָפּילו אין אונדזער אויסנאַם־געשיכטע נישט געווען אַזאַ טיף איינ־שניידנדיקער און אַזאַ אַלזייטיקער שנוי אין אַלע לעבנס־באַדינגונגען פֿונעם גרעסטן רוב פֿון ייִדישן פֿאָלק ווי אין די לעצטע געציילטע צענדליקער יאָר. און גאַנץ באַזונדערס אין די לעצטע 15 יאָר. ווייל הגם פֿון דער גרויסער פֿיזישער

קאַטאַסטראָפע פון די לעצטע יאָרן האָט געליטן בלויז דאָס אייראָפּעישע ייִדנטום, האָט אָבער דער חורבן פון דעם מזרח־אייראָפּעישן ייִדישן קיבוץ, פונעם דאָזיקן שפע־שפּרודלדיקן קוואַל פון פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניש־היסטאָרישע און דאָך מאָדערנע ווערטן און באַוועגונגען, געהאַט די טיפסטע און די ווייט־גייענדיקסטע השפּעה אויפן נאַציאָנאַלן גורל פון גאַנצן ייִדישן פאָלק. אָן השפּעה אינעם פיל־פּאַכיקסטן זינען פון דאָזיקן וואָרט — אין פּרט פון נאַציאָנאַלע שאַפונגס־מעגלעכקייטן און שאַפונג־פּערספּעקטיוון אין די ניי־אויפגעקומענע תפוצות־צענטערן, אָבער אויך נישט ווייניקער אין פּרט פון דער ווייטערדיקער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל און פון דער קומענדיקער גייסטיק־קולטורעלער פיזיאָנאָמיע פון דער מדינה.

א) פאָלגנדיקע גרונט־פאַקטאָרן האָבן געווירקט אויף די רעוואָלוציאָנער־ראַדיקאַלע ענדערונגען אינעם לעבן פונעם ייִדישן פאָלק:

1) די וואַנדערונגען און, אין דער לעצטער סטאַדיע, די עליה — דער שטראָם פון ייִדישן וואַנדערער אינעם לעצטן יאָרהונדערט איז געווען פון אַזאַ פאַרנעם און פון אַזאַ טיפער און אַלזייטיקער השפּעה אויף אַלע געביטן פון ייִדישן לעבן, אַז די דאָזיקע דערשיינונג מוז באַטראַכט ווערן, ווי די סאַמע וויכטיקסטע און פּאָזיטיוו־ווירקנדיקסטע אין דער אַנטוויקלונג פון ייִדישן לעבן.

דער באַרימטער סאָציאָלאָג פראַנץ אָפּענהיימער האָט געשריבן אין אײנעם פון זיינע ווערק, אַז „די גאַנצע וועלט־געשיכטע איז אין תוך די געשיכטע פון וואַנדערונגען. געשיכטע איז די באַוועגונג פון מענטשן־מאַסן".

נעמען מיר זיך נישט אונטער אָנצונעמען די דאָזיקע אַלגעמיינע פאָרמולע פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, פאַר טעריטאָריאַלע פעלקער מיט טויזנט־יאָריקער איינגעזעסנקייט — בנוגע ייִדן אָבער איז די פאָרמולע הונדערט פּראָצענט פּאַסיק און ריכטיק און גאַנץ באַזונדערס אין די לעצטע הונדערט יאָר.

פון 1840 ביז 1953 האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע דורות־איינגעזעסענע ערטער העכער פינף מיליאָן ייִדן, מער מיט אַ האַלבן מיליאָן ווי ס'איז אינגאַנצן געווען ייִדן אויף דער וועלט אין יאָר 1840. דאָס איז די צאָל נאָך אָן די העכער פינף הונדערט טויזנט ייִדן, וועלכע האָבן געוואַנדערט אין די גרענעצן פון אייראָפּע גופא, פון די מזרח־אייראָפּעישע אין די מערב־אייראָפּעישע לענדער. נאָך בולטער און איבערראַשנדיקער ווערט דאָס בילד, ווען מיר נעמען נאָר די לעצטע 53 יאָר — פאַר די לעצטע 53 יאָר האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע איינגעזעסענע ווױן־ערטער און זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין העכער 4 מיליאָן ייִדן. נישטאָ אין דער וועלט קיין צווייט פאָלק מיט אַזאַ אינטענסיווער וואַנדערונג־מדרגה.

וואַנדערונג איז אַ צוויי־פּנימדיקער, אַ צוויי־זייטיקער פּראָצעס. פון איין זייט, האָט די ייִדישע וואַנדערונג אין לעצטן יאָרהונדערט צעזייט און צעשפּרייט

דאָס יידישע פֿאָלק איבער צענדליקער לענדער, דערפירנדיק צו אַ מצב, אַז ס׳איז אַבסאָלוט אוממעגלעך צו געפינען אַ ווינקעלע אין דער וועלט אָן יידן. די וואַנדערונגען האָבן צעריסן און צעוואָרפן דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן צענ־טער, וואָס האָט געהאַט די גרויסע מערהייט פון יידישן פֿאָלק, אַ מערהייט אַ טיף פאַרוואָרצלטע מיט אָרגאַניש־אויפגעוואָקסענע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען און נאַציאָנאַלע שאַפונג־פּראָצעסן. דער דאָזיקער היסטאָרישער יידישער צענטער האָט זיך געפונען אין די גינציקסטע אָביעקטיווע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע און קול־טורעל־גייסטיקע באַדינגונגען אין פּרט פון זיך אויסלעבן נאַציאָנאַל שעפעריש.

געוויס, נישט נאָר די וואַנדערונגען האָבן צעריסן דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן צענטער — נישט קיין קלענערע ראָלע אין פּרט פון דעגראַדירן די נאַ־ציאָנאַלע פּאָטענצן פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן צענטער האָט געשפּילט דער צעפאַל פון דער רוסישער און עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריעס, די צוויי קאָנגלאָמעראַטן פון פעלקער און שטאַמען, ווו דער יידישער מיעוט האָט געפונען די בעסטע אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פאַר בלייבן טריי זיך אַליין.

מיר שמועסן דאָ אויסשליסלעך וועגן די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר איי־גענע יידישע לעבנס־פאָרמען און קולטור־שאַפונגען. אַז יידן האָט זיך געלעבט עקאָנאָמיש און אויך פּאָליטיש זייער שלעכט אין רוסלאַנד, און אין אַ טייל פון עסטרייך, ווי אין גאַליציע, איז גוט באַקאַנט. היסטאָריש גענומען זענען דאָ נישט קיין תרתי דסתרי — אויסערלעכע אונטערדריקונגען און אינערלעכע שעפעריש־קייט. „מעז יצא מתוק״ איז כמעט אַ געזעץ אין דער יידישער גלות־געשיכטע.

און טאָקע יידישע וואַנדערונגען פון דער לעצטער עפּאָכע זענען דער בעס־טער און בולטסטער באַווייז, ווי ווייט ס׳איז אָנגעמאָסטן פאַרן יידישן גלות־לעבן דער „מעז יצא מתוק״! האָט דאָך פאַקטיש אָפּגעראַטעוועט פיזיש מיליאָנען יידן. די יידישע מאַסן־אויסוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע, קעגן וועלכער ס׳האָבן פּראָ־טעסטירט און געקעמפט נישט וויניקע פאַרטרעטער פון דער יידישער אינטעליגענץ, פון דער אַסימילירטער נאָר אויך פון דער נאַציאָנאַל, אָבער אַנטי־ציוניס־טיש געשטימטער און אויך פון אַ גאַנצער פּאָליטישער ריכטונג אין יידישן גע־זעלשאַפטלעכן לעבן — פון „בונד״.

די דאָזיקע פיזישע רעטונג פון מיליאָנען יידן האָט געגעבן די מעגלעכקייט דעם אויפקום פון צוויי נייע צענטערן: פונעם כמותדיקן אין צפון־אַמעריקע און פונעם איכותדיקן אין ארץ ישראל. וואַנדערונג האָט געשאַפן צוויי נייע צענטערן במקום דעם איינעם פון מזרח־אייראָפּע. מיר קענען זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין דערקלערונגען און פּירושים וועגן די פּראָצעסן, וועלכע זענען אַן אָביעקטיווער רעזולטאַט פון דער צעשפּאַלטונג פונעם מזרח־אייראָפּעיִשן צענטער — לאָמיר נאָר אויסדריקן די האָפענונג, אַז דער ישראל־צענטער, וואָס זיין הויפּט־ציל איז

נישט נאָר קיבוץ פון יידישן גייסט, גאולת השכינה, נאָר אויך קיבוץ גלויות אין פיזישן זין, וועט זיינע צילן דערגרייכן.

2) די גרויסע שחיטה, וואָס האָט נישט איר גלייכן הן לויט דער צאָל קרבנות און הן לויט די שטאָטלעך אָרגאַניזירטע מאָרד־מעטאָדן, האָט מעכאַניש געענ־דערט די כוחות־פאַרהעלטענישן אין יידישן פאָלק. זי האָט פאַרניכטעט איין דריטל פון יידישן פאָלק, נאָר כמעט דעם גאַנצן מזרח־אייראָפּעיִשן פליגל פון פאָלק. באַזונדערס יענעם טייל פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן צענטער, ווו ס׳איז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט פון איר זייט אָפּגע־ריסן אַ גאַנץ גרויסן טייל פונעם דאָזיקן צענטער, געווען קאָנצענטרירט די גאַנצע שעפערישע ענערגיע פון דאָזיקן געבענטשטן קוואַל פון יידישער שאַפונג. פונעם פויליש־ליטווישן יידנטום איז לעבן־געבליבן נישט מער פון 12־10 פּראָצענט.

די ניי־אויפגעקומענע יונגע יידישע ישובים האָלטן נאָך ביי די ערשטע סטאַדיעס פון זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און זיך אַריינפּאַסן אין די נייע סביבות. די שחיטה האָט געמאַכט אַ סוף צו יענעם שטראָם פון גייסטיקע כוחות פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין די חבלי לידה פון דער גייסטיקער צופּאַסונג צו נייע קולטור־סביבות. פאַטאַל איז דער אומקום פון די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן אויך פאַר מדינת ישראל — זענען דאָך די לעצטע דרייסיק יאָר די פויליש־ליטווישע יידן געווען די הויפּט־בויער פון דער מדינה און די הויפּט־באַגייסטערער פאַר דעם ציוניסטישן אידעאַל. דער אַרויספאַל פו־נעם צושטראָם פון קולטור־גייסטיקע כוחות פון פוילן־ליטע און טיילווייז פון רומעניע־אונגאַרן פילט זיך געוויס אין די גלות־תפוצות פיל שטאַרקער, ווי אין מדינת ישראל, ווו די אייגענע ערד־ און הימל־אַטמאָספער גיט צו מוט און גלויבן אין די שוין פאַראַנענע און אין די טאָג־טעגלעך ניי־געבוירענע כוחות און פּאָ־טענצן. פון אַ ברייטערן נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אָבער, פון שטאַנדפּונקט פון מרכז רוחני אויף אַ ברייטער כמותדיקער יידישער באַפעלקערונג־באַזע, איז די לאַגע אין מדינת ישראל פיל טראַגישער, ווי אין גלות, ווו די נאַציאָנאַל־קולטור־רעלע פּערספּעקטיוון זענען אַפילו ביי די גרעסטע אָפּטימיסטן נישט זייער ראָזעווע.

עד כאן וועגן די צוויי גרונט־דערשיינונגען, וועלכע האָבן ראַדיקאַל געענ־דערט די פיזיאָנאָמיע פון יידישן פאָלק. לאָמיר איבערגיין צו די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע ענדערונגען, וועלכע וועלן אונדז געבן אַ קלאָר בילד וועגן דעם נאַ־ציאָנאַלן פּאַרמעג אין די גלות־לענדער און די וואָרשיינלעכע נאַציאָנאַלע פּערס־פּעקטיוון, וועלכע זענען מעגלעך ביי דער געשאַפענער לאַגע. ערשט ווען מען גיט זיך אָפּ אַ קלאָרן און ניכטערן חשבון וועגן דעם אַלעם וועט מען קענען צוקומען צו אַ פּראַקטישער פּראָגראַם, וואָס זאָל צוזאָגן דעם מאַקסימום אויפטוען.

ב) פאָלגנדיקע גרונט־מאָמענטן זענען די הויפּט־רעזולטאַטן פון די פּאַרגע־

קומענע פיל־פאַכיקע שנוים אינעם לעבן פון יידישן פאָלק — מאָמענטן, וועלכע זענען די הויפּט־פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען אין דער גרעסטער מאָס דעם ווייטערדיקן אַנטוויקלונג־גורל פונעם יידישן פאָלק:

1) כמעט אַלע אַלטע טיף־פאַרוואָרצלטע יידישע קיבוצים, **קיבוצים מיט** טויזנט־יאָריקע און אַפילו מיט צוויי־טויזנט־יאָריקע טראַדיציעס, אַרומגעוואָקסענע מיט חברות און אָרגאַניזאַציעס, מיט אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, פּאָליטיש און קולטורעל צוגעפּאַסטע צו די אַרומיקע באַדינגונגען און אַריינגעפּאַסטע אין די אַרומיקע סביבות, זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן. קרוב צו 90 פּראָצענט פון יידישן פאָלק געפינען זיך איצט געאָגראַפיש און פאָלגלעך אויך פּאָליטיש־עקאָנאָמיש און גייסטיק־קולטורעל אין גאַנץ נייע לענדער. אַלס מאַסן־ישובים זענען זיי אויפגעקומען אין די נייע לענדער ערשט אין די לעצטע 50 יאָר, אין אַ סך פאַלן אַפילו נאָר אין די לעצטע פאָר צענדליק יאָר. נעמט מען דעם באַגריף „ניי״ נישט שטאַטלעך נאָר קולטורעל, וועלן מיר באַקומען, אַז העכער נײַנציק פּראָצענט פון יידישן פאָלק לעבן אין גאַנץ נייע באַדינגונגען, וועלכע זענען מײַלן ווייט פון באַגינציקן אָרגאַנישן המשך פונעם עבר. פילע אַקומולירטע אין באַשטימטע באַדינגונגען נאַציאָנאַל־גייסטיקע ווערטן און שאַפונגען מוזן גיין פאַרלאָרן אין די נייע לעבנס־תנאים. אין אַ סך פאַלן מוז מען ביי די נייע באַדינגונגען גאָר אָנהייבן פון דאָס ניי, ממש פון געזעלשאַפטלעכן אַלף־בית. דאָס עלטסטע אפשר פאָלק אין דער וועלט איז געשטעלט פאַר עלעמענטאַרע מאַטעריעלע, אָבער אויך קולטורעלע אויפגאַבן און פּראָבלעמען, וואָס פּאַסן פאַר גאָר יונגע פעלקער, וועלכע הייבן ערשט אָן זייער היסטאָרישן וועג.

מיר האָבן אין דער צאָל נייע יידישע קיבוצים אַריינגענומען אויך די יידן, וועלכע לעבן נאָך געאָגראַפיש אין זייערע אַלטע ווינ־ערטער (אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד, פוילן, טיילווייז אויך רומעניע און אונגאַרן), ווייל די גרויסע מערהייט פון די יידן פון די דאָזיקע ישובים איז געוואָרן אַרויסגעריסן פון די היסטאָרישע וואָרצלען פון זייער לעבן און זיי האָבן נאָך דער מלחמה געמוזט אָנהייבן זייער ניי לעבן ביי פולקאָם געענדערטע באַדינגונגען, ביי אַ פולער פאַרניכטונג פון די טראַדיציאָנעלע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן און ביי באַדינגונגען, וועלכע דערלויבן נישט זייער באַנייאונג און אויפלעבונג.

2) ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט גורם געווען דעם ערשטן ראַדיקאַלן איבערברוך אינעם גורל פונעם יידישן פאָלק, מחמת מיט איר הייבט זיך אָן דער צעפאַל פונעם מזרח־אייראָפּעישן צווייג פונעם וועלט־יידנטום, האָבן העכער 75 פּראָצענט פונעם יידישן פאָלק געלעבט שטחדיק אַזוי קאָמפּאַקט און איזאָלירט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, סאָציאַל־עקאָנאָמיש אַזוי געדיכט באַזעצט גאַנצעווירטשאַפט־צווייגן און די איזאָלאַציע האָט אַזוי ווייט פאַרכאַפּט אויך דאָס סאָציאַלע לעבן, אַז ס'זענען געשאַפן געוואָרן די גינציקסטע

אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אייגענע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען און לכן אויך פאַר אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור־שאַפונגען. דערצו האָבן די דאָזיקע קאָמפּאַקטע און איזאָלירטע יידישע מאַסן געלעבט צווישן פעלקער מיט דעם מינימאַלסטן אַסימיליר־פּאָטענציאַל, מיט די שוואַכסטע שפּראַך־ און קולטור־השפעות. ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן נאָך אַלץ אַרום 50 פּראָצענט פון יידישן פאָלק געלעבט ביי די זעלבע נאָר־וואָס כאַראַקטעריזירטע אָביעקטיווע באַדינגונגען.

אין די נייע לענדער מיט יידישע תפוצות זענען געשאַפן געוואָרן אַבסאָ־לוט אַנדער אָרומיקע באַדינגונגען — נישט נאָר לעבט איצט די מערהייט יידן צווישן פעלקער מיט די העכסטע אַסימיליר־פּאָטענצן און אַסימיליר־השפעות, נאָר אויך שטחדיק און סאָציאַל־עקאָנאָמיש לעבן זיי איצט ביי גאַנץ אַנדערע איינגלי־דערונג־באַדינגונגען. אמת, די שטחדיקע קאָמפּאַקטקייט באַגלייט יידן אויך אין די נייע לענדער, נאָר קאָמפּאַקטקייט אָן איזאָלאַציע פאַרלירט אַ סך פון איר פּאָזיטיווער נאַציאָנאַלער השפעה; און שטחדיקע קאָמפּאַקטקייט אָן באַגלייטנדי־קער סאָציאַל־עקאָנאָמישער געדיכטקייט און איזאָלאַציע פאַרלירט נאָך אַ סך מער פון אירע גינציקע השפעות.

3) אַ דאַנק די געענדערטע אָרומיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען האָבן זיך די אַסימיליר־פּראָצעסן געשטאַרקט אין אַלע זייערע אַנטפּלעקונגען און אויסערונגען — די ירידה פון די רעליגיעזע באַנדן צווישן די געמיינדעס און קיבוצים און דאָס אָפּשטאַרבן פון דער יידישער שפּראַך, פון די דאָזיקע צוויי אויסגעפּרוווּ־טעסטע און וויכטיקסטע היסטאָרישע פאַקטאָרן פון נאַציאָנאַלן צוזאַמענהעפט און נאַציאָנאַלער שאַפונג־ענערגיע, איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג.

געמישטע חתונות, דער בולטסטער סימן פון נאַציאָנאַלן צעפאַל און דעגע־נעראַציע, האַלטן אין מערן זיך אַבסאָלוט אין אַלע יידישע קיבוצים, מער אין די קליינע קיבוצים און אין די פּאַרוואָרפענע קליינע געמיינדעס, נאָר די דערשיי־נונג אַלס אַזאַ איז פאַרשפּרייט איבעראַל. דערביי מערקט זיך, אַז די געמישטע חתונה, ביי וועלכער אין דער מערהייט פאַלן ווערן די קינדער דערצויגן אין דער רעליגיע פון דעם קריסטלעכן פּאַרטנער, הערט אויף צו זיין אַ יידישע פאַמי־ליע־טראַגעדיע. פונקט פאַרקערט — דער קריסטלעכער צד ווערט גרינג אינטעג־רירט אין דער משפחה און ווערט אויפגענומען מיט ליבע און אַכטונג. ווידער אַ באַווייז פון דער אינטענסיווער אָפּשוואַכונג פון די נאַציאָנאַלע געפילן, פון דעם נאַציאָנאַלן ציטער און פחד פאַר דער אָפּפרעמדונג פון קומענדיקע דורות, וואָס איז געווען טויזנטער יאָרן אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידן.

ג) עד כאן אין אַלגעמיינע שטריכן די הויפּט־פּראָצעסן פון אַסימילאַציע און צעפאַל — ס׳איז אָבער דאָ אויך אַ צד שכנגד, אַ פּאָזיטיווער פּראָצעס. מיר וועלן אין קורצן אָנוואַרפן אויך די דאָזיקע דערשיינונגען.

1) דער אויפקום פון מדינת ישראל איז אַ געווינס פון אַזאַ קאָלאָסאַלער היסטאָרישער נאַציאָנאַליזירנדיקער קראַפט, פון אַזאַ פּאָטענציעלער נאַציאָנאַליזירנדיקער השפּעה אויף די קיבוצים אין די גלות־לענדער, אַז ס'איז איצט, ביי די סאַמע ערשטע מאָמענטן פון אויפקום פון דער מדינה, אוממעגלעך דאָס אָפּצושאַצן. געוויס, דער אומגעהויער שווערער פּראָצעס פון מיזוג גלויות, פון צוזאַמענשמעלצן און אַמאַלגאַמירן יידן נישט נאָר מארבע כנפות הארץ, נאָר מארבעים שפּראַכן און קולטורן, לעבנס־נוסחאות און טראַדיציעס, וועט אַ גאַנץ לאַנגע צייט איינשלינגען די בעסטע כוחות פון דער מדינה. די דאָזיקע קאָלאָסאַלע היסטאָרישע אויפגאַבע האָט דאָך נישט איר גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָ גייט דאָך נישט אין שאַפן אַ ניי פאָלק דורך פאַרבלאָסן און פּאַרווישן און סוף כל סוף איינגאַנצן איינשלינגען און אַמאַלגאַמירן מיטגעבראַכטע קולטור־רעשטלעך און קולטור־שפּליטער, ווי דאָס איז דער פאַל, למשל, אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. דאָ גייט אין אויפלעבן אַן אַלט פאָלק, אין אָנטפּלעקן און אויפלעבן און מאַכן אַקטיוו וואָס מער פון יענע טיפע אונטערערדישע געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע וואָרצלדיקע קולטור־ווערטן, וועלכע זענען מסוגל צו פאַרוואַנדלען די צעפּרעמדטע און צעוויטערטע ברידער אין קינדער פון איין פאָלק, אין גלידער פון איין־איינהייטלעכן גייסטיקן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם.

נישט געקוקט דערויף קען מען שוין מערקן די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ באַדייטנדיקער קולטור־השפּעה. דער לימוד פון העברעיִש, אַלס דער לעבעדיקער שפּראַך פון דער מדינה, איז אין די יידישע שולעס פון די גלות־תפוצות מער ווי פאַרטאָפּלט געוואָרן. ס'איז איצט ממש אוממעגלעך די עקסיסטענץ פון דער ראַדיקאַלסטער אַנטי־ציוניסטישער שולע אָן דעם לימוד פון העברעיִש און אין די העכערע קלאַסן אויך פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. העברעיִש אין די אַלגעמיינע מיטל־שולעס און אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן, אין קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, ווערט פון יאָר צו יאָר אַלץ מער פאַרשפּרייט און דאָס ווירקט אויף דעם וווקס פון דער פאַרשפּרייטונג פון העברעיִש ביי דער יידישער באַפעלקערונג. דער קאַמף פאַר ארץ ישראל און דער אויפקום פון מדינת ישראל זענען אָנגענומען אַלס לימוד אַבסאָלוט אין אַלע יידישע שולעס פון דער גאָרער וועלט — און די אידעאַליסטישע גבורות פון די בויער פון די קבוצות און קיבוצים, ווי די פיזישע גבורות פון די מלחמה־העלדן מיט די אַראַבער זענען די הויפּט־קעגנשטאַנדן ביי די דאָזיקע לימודים. עס איז גאָרנישט אָפּצושאַצן די טיפע השפּעה וואָס די דאָזיקע לימודים קענען און האָפנטלעך וועלן אויסאיבן אויפן אויפוואַקסנדיקן דור.

די העברעיִשע סעמינאַרן פאַר לערער אין די גלות־לענדער — סעמינאַרן אין ישראל אָדער אין די גלות־לענדער — שאַפן אַ בריק צווישן מדינת ישראל און גלות. פאַר די לעצטע דריי יאָר זענען העכער צוויי טויזנט לערער פון יידישע

שולעס אין די גלות־לענדער דורכגעגאַנגען אַזאַ מדינת ישראל־ און העברעיִש־קורס. דער נאָמען „העברעיִשע קורסן" דעקט נישט דעם גאַנצן אינהאַלט פון די סע־מינאַרן — געוויס ווערט געלייגט גרויס געוויכט אויף דער העברעיִשער שפּראַך, וועלכע דאַרף ווערן דער עלעמענטאַרער בריק צווישן מדינת ישראל און די תּפוצות. נאָר דאָס שעפּט נישט אויס די גרויסע אויפגאַבע פון שאַפן אינטימע גייסטיקע פאַרקניפּונגען צווישן ישראל און גלות. די פּראָבלעם איז אַ סך טיפער און טאַקע אַזוי ווערט זי באַטראַכט פון דער סוכנות, וואָס איז די גרינדערין און די גייסטיקע פירערין פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען. דער תּוך באַשטייט אין אַריינוועבן אין די חינוך־צילן אין די גלות־לענדער און מאַכן לעבעדיק און אַק־טיוו, אינטים און נשמהדיק די זעלבע אידעאַלן און שטרעבונגען, די וויטסטע ווי די נאָענטסטע, געבונדענע מיט די נויטן און אויפגאַבן פון היסטאָרישן מאָ־מענט, וועלכע באַגייסטערן דעם ישוב אַלס אַ גאַנצן, אַלס מלכות ישראל.

2) די גרויסע קאַטאַסטראָפע פונעם אייראָפּעיִשן יידנטום האָט בלתי ספק שטאַרק צעטרייסלט און צערודערט די תּפוצות ישראל. דאָס איז געקומען צום בולטן אויסדרוק אין דער אַקטיווער שטיצע מיט געלט אָבער אויך מיט בלוט, וואָס דער גלות האָט געגעבן דעם קאַמף פון ארץ ישראל מיט די אַראַבער און דער גאַנצער גרינדונג פון מדינת ישראל. עס איז אָבער אויך בלתי ספק, אַז די דערוואַכונג פון נאַציאָנאַלן געוויסן האָט געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף די נאַ־ציאָנאַליזיר־פּראָצעסן אין די גלות־לענדער.

מיר געברויכן די ווערטער „נאַציאָנאַליזיר־פּראָצעסן", ווי דאָס וואָלטן שוין פון לאַנג געווען קלאָרע און אויסגעשפּראָכענע דערשיינונגען אין יידישן לעבן פון תּפוצות. מיינען מיר, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. עס איז גענוג אויבנ־אויפיק דורכצולייענען די נישט־לאַנג־פאַרעפנטלעכטע פּראָטאָקאָלן פון דער ניו־יאָרקער קהילה, וואָס ד"ר מאַגנעס האָט געגרינדעט אין 1912 און וועלכע האָט קוים דערשלעפּט ביז 1922, ביז דעם אָפּפאָר פון דאָזיקן עוסק בצרכי ציבור באמונה (און נאָך מיט וואָס פאַר אַ אמונה!), קיין ארץ ישראל, כדי זיך גריננג איבערצוצייגן, אַז שוין דעמאָלט האָט אַ טיפער נאַציאָנאַלער אומרו פאַרכאַפּט אַ גרויסע גרופּע יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע. די גרינדונג פון דער ניו־יאָרקער קהילה, וועלכע איז אַלס אַזאַ אונטערגעגאַנגען, האָט דאָך געלאָזט טיפע שפּורן אין דעם חינוך־געביט אינעם סאַמע וויכטיקסטן געביט פון יידישן לעבן. דאָס איז געווען אַן אָרגאַנישער רעזולטאַט פונעם אומרו. נאָך בולטער און זאָרגפולער טרעט אַרויס דער נאַציאָנאַלער אומרו, וואָס האָט באַהערשט אַ גרויסע גרופּע יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע, אין די פּראָטאָקאָלן פון דער אחוה־אָרגאַניזאַציע, וואָס אין איר שפּיץ זענען געשטאַנען ווידער ד"ר מאַגנעס, ד"ר פרידלענדער, מרדכי קאַפּלאַן און נאָך אַ גאַנץ גרויסע גרופּע אָנגעזעענסטער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע

אין יידישן לעבן פונעם אַמעריקאַנער יידנטום. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אויפגעקומען עטלעכע יאָר פאַר דער גרינדונג פון דער קהילה. איר צוועק איז פּאַקטיש באַשטאַנען אין וויכוחים איבער דער יידישער פראַגע, וואָס קאָנקרעט האָט דאָס געמיינט, ווי צו שטעלן זיך קעגן די אַסימילירער־כוואַליעס, וואָס פאַר־פלייצן שוין דאָס יידישע לעבן פון אַמעריקע און דראָען צו ווערן אַלץ מעכטיקער און פאַרפלייצנדיקער.

די גרויסע קאַטאַסטראָפע האָט אין דעם פּרט געוויס געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג — דער נאַציאָנאַלער אומרו האָט איצט פיל ברייטער פאַרכאַפּט און איז פיל טיפער אַריינגעדרונגען אין די נשמות, שוין נישט נאָר פון יחידי סגולה און פון באַרופענע עוסקים בצרכי ציבור, נאָר פון אַ סך ברייטערע מאַסן. סטי־כיש קומט דער דאָזיקער אומרו צום אויסדרוק אין דעם אינטענסיוון אינטערעס לגבי חינוך — מיר וועלן אין פּאַסיקן אָרט זיך גאַנץ גענוי אָפּשטעלן אויף דער דאָזיקער קאַרדינאַלער פּראָבלעם פון יידישן נאַציאָנאַלן קיום אין גלות. אָבער דאָ קען שוין געזאָגט ווערן, אַז די צאָל יידישע קינדער אין די שולעס פון די גלות־לענדער איז שטאַרק געוואָקסן. טויזנט מאָל וויכטיקער — אין דאָס, וואָס די איכות פון די לימודים איז דורכגעגאַנגען די לעצטע צען יאָר אַ גרינטלעכע רע־וואָלוציע. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז די לימודים פון דער העברעישער שפּראַך און פון העברעישקייט, אין זין פון קולטור פון מדינת ישראל, זענען געוואָרן אומפאַרמיידלעכע לימודים אין די שולעס אַבסאָלוט פון אַלע טיפּן און ריכטונ־גען. נאָר אויך די פייערונגען פון יידישע יום טובים און פון יום העצמאות, פיל יידישע מינהגים און טראַדיציעס זענען געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון שול־לעבן. די קאָמוניסטישע שולעס זענען געווען געצוווּנגען איינצופירן אַפילו די צוגרייטונג צו בר־מיצווה, ווייל די עלטערן פאָדערן דאָס. איך ווייס זייער גוט, ווי ווייניק דאָס אַלץ איז — איך ווייס אָבער, אַז דער אומרו, וואָס האָט אַרויס־גערופן די דאָזיקע אויפמערקזאַמקייט פון עלטערן צו יידישע יום טובים און צו יידישע מינהגים און טראַדיציעס, קען אויסגענוצט ווערן, קען פאַרטיפט ווערן און קען ווייניקסטנס האַמעווען דעם לויף פון די אַסימילירער־פּראָצעסן.

דער נאַציאָנאַלער אומרו דעמאָנסטרירט זיך באַזונדערס אָריגינעל אין די שטימונגען פון גאַנץ ברייטע קרייזן פון דער אַסימילירטער און האַלב־אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ. עס זענען אויפגעקומען זשורנאַלן אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס פאַרנעמען זיך ספּעציעל מיט יידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען — זיי האָבן נישט קיין קלאָרע פּראָגראַמען, זיי זוכן אָבער וויטאָק־דיק און פלייסיק וועגן צו יידישקייט. דער אויפקום פון אַן ערנסטער יידישער בעלעטריסטיק אין דער ענגלישער שפּראַך, ווי די אויסגאַבע פון מאָנומענטאַלע ווערק פון יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע אין דער דאָזיקער שפּראַך זאָגן

עדות, אַז דער נאַציאָנאַלער אומרו פאַרברייט זיך און פאַרטיפט זיך און פירט צו אַ נאַציאָנאַלער דערוואַכונג פון אַ באַדייטנדיקער מדרגה.

מיר האָבן אין אַ זייער קאָנדענסירטער פאָרעם אָנגעוואָרפן די הויפט־מאָמענטן פון דער אַרבעט, וועלכע האָט דעם ציל צו געבן אַן אָביעקטיוון שפּיגל פון יידישן לעבן אין די גלות־לענדער. אין ברייטע ליניעס קען מען אַזוי פאַרמולירן אונדזער ווייטערדיקע אַרבעט, וועלכע וועט זיך דער עיקר קאָנצענטרירן אויף פאַקטן און טאַטן:

א) די ניי־אויפגעקומענע אָביעקטיווע באַדינגונגען פון יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער.

ב) די אַסימיליר־פּראָצעסן אין דער איצטיקער סטאַדיע פון יידישן לעבן אין די תפוצות.

ג) די נאָציאָנאַליזיר־פּראָצעסן אין די גלות־לענדער.

מיר לאָזן אין דער דאָזיקער אַרבעט אַרויס אײנגאַנצן איינע פון די וויכטיקסטע, פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, דערשיינונגען אין יידישן לעבן — דעם אַנטיסעמיטיזם. דאָס טוען מיר נישט ווייל מיר נעמען אָן, אַז אַנטיסעמיטיזם שפּילט שוין נישט קיין שום ראָלע אין יידישן לעבן. אַבסאָלוט נישט! אין דער דאָזיקער אַרבעט אָבער פאַרנעמען מיר זיך בכלל נאָר מיט דער פראַגע פון יידישקייט און נישט פון יידן, מיט די פּראָבלעמען פון מעגלעכקייטן פון אַ יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין דער צעשפּרייטונג און נישט מיט די פראַגן פון פיזישן און מאַטעריעלן קיום פון יידן אין די גלות־לענדער. מיר וועלן דעריבער אויך ווייטער אַפילו אין דעם קאַפּיטל וועגן דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פונעם מאָדערנעם יידנטום שטעלן דעם טראָפּ אויף די דערשיינונגען, וועלכע באַגינציקן אָדער באַגינציקן נישט דאָס נאַציאָנאַלע יידישע לעבן. דערביי וועלן מיר באַהאַנדלען נישט די גייסטיקע יידישקייט, נישט לכן די פילאָסאָפיע און די עטיק פונעם יידנטום, נאָר די וואָכעדיקע, טאָג־טעגלעכע אַנטפּלעקונגען פון פאָלקס־לעבן, נישט די הימל־הויכן פון יידישע שאַפונגען, די גיטער פון יחידי סגולה, נאָר די ערד־ווערטן, וואָס דינען געוויינלעך אַלס נאַציאָנאַלע שפּייז פאַר די מאַסן פון פאָלק.

# וואַנדערונג און עליה

פון אַ פאָלק, וואָס איז ביז דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט געווען כמעט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אין אייראָפּע מיט אַ קליינער מינדערהייט אין די שכנותדיקע לענדער פון מיטל־אַזיע און צפון־אַפריקע, זענען ייִדן געוואָרן אין לעצטן יאָרהונדערט דאָס צעשפּרייטסטע און פאַרשפּרייטסטע פאָלק אין דער וועלט, דאָס וועלט־פאָלק „פּאַר עקסעלאַנס". וואַנדערונג און עליה זנענען געווען יענע צוויי שטראָמען, וועלכע האָבן דעם צענטער פון ייִדישן לעבן טראַנספּערירט פון אייראָפּע אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט און אין לאַנד פון די אָבות. מיר וועלן באַטראַכטן אָט די דאָזיקע צוויי שטראָמען.

וואַנדערונג איז אַ סטיכישער דינאַמישער פּראָצעס, אַן אינדיווידועלער אַקט, געטריבן און גערעכטפערטיקט פון אָביעקטיווע סיבות און פאַקטאָרן, דער עיקר פון עקאָנאָמישער נויט און פּאָליטישע רדיפות. יעדער יחיד פאָרט אויף זיין אייגענער אַחריות, מעג ער אַפילו פאָרן על חשבון הקהל. די צילן פון די וואַנדערער זע־נען אינדיווידועלע און זענען אין תוך נעגאַטיווע — פּטור צו ווערן פון עקאָנאָ־מישער נויט, זיך אַרויסרייסן פון פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען.

גאַנץ אַנדערש איז די עליה — דאָ איז סוף מעשה במחשבה תחילה. דאָס איז אַן אָרגאַניזירטע און אַ ציל־פאַרפאָלגנדיקע אויסוואַנדערונג און נאָך מער אַ ציל־ און אידעאַל־שטרעבנדיקע איינוואַנדערונג. זי איז און מוז זיין אַ קאָלעק־טיווע, אַ געזעלשאַפטלעכע, אַ דורכגעדרונגענע מיט נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע אָדער מיט ביידע מינים צילן און אידעאַלן. עולים זענען נישט קיין געוויינלעכע אויסוואַנדערער און נאָך וויניקער געוויינלעכע איינוואַנדערער — הגם אינעם פאַרנעם און אין דעם טעמפּ פון די עליות שפּילן גאָר אַ גרויסע ראָלע אָביעק־טיווע פאַקטאָרן, וועלכע צווינגען און טרייבן צו עליה.

ביי די סטיכישע דינאַמישע וואַנדערונגען איז כמות דער הויפּט־ציל און דער איינציקער ציל. ביי די עליות זענען פאַראַן מדרגות און סטאַדיעס אין דער אַנטוויקלונג. אין דער איניציאַטיוו־סטאַדיע, ביי די ערשטע שטאַפּלען, איז דער עיקר די איכות, די קוואַליטעט. כמות איז דער סוף־ציל, וואָס דאַרף און זאָל דערגרייכט ווערן אויף אַ געוויסער סטאַדיע פון עליה, פון דער איכות־אַנטוויק־

לונג. ביי די סטיכישע וואַנדערונגען מוז די אויפנאַם־פעיִקייט פונעם איינוואַנ־דערונג־לאַנד זיין אַ געגעבענע, אַ גרייטע, אַ צוציִענדיקע מיט באַשטימטע מעלות. ווערט דאָס איינוואַנדערונג־לאַנד אַנגעזעטיקט מיט אימיגראַנטן מוזן די אויסוואַנ־דערער זוכן נייע וועגן און נייע אויפנאַם־לענדער. ביי דער עליה האָט די אויפ־נאַם־פעיִקייט נישט געשפּילט קיין שום ראָלע — מען האָט פון לכתחילה קיינע האָפענונגען נישט געלייגט אויף אַ גרייטע אויפנאַם־פעיִקייט. דער ציל איז גע־ווען די דאָזיקע אויפנאַם־פעיִקייט צו שאַפן און עד היום איז דער דאָזיקער ציל נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן אַלע הונדערט פּראָצענט און דער פּראָצעס פון שאַפן איינוואַנדערונג־מעגלעכקייטן איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט.

די סטיכישע יידישע וואַנדערונגען פון לעצטן יאָרהונדערט זענען לכתחילה נישט געגאַנגען אין פיל לענדער. קאָנצענטראַציע איז געווען דער אויסגע־שפּראָכנסטער סימן מובהק פון די יידישע וואַנדערונגען אין די לעצטע 75 יאָר. אַזוי זענען 90 פּראָצענט פון די יידישע וואַנדערער פון 1840 ביז 1914 געגאַנגען אין די צפון־אַמעריקאַנער לענדער, די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. מיט דער עליה קיין ארץ ישראל, אַלזאָ מיט דער אָרגאַניזירטער וואַנדערונג פון יידן, האָבן 93 פּראָצענט פון אַלע יידישע וואַנדערער זיך קאָנצענטרירט אין דריי לענ־דער, פּאַקטיש אין איין לאַנד, ווייל די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אַליין גענומען קרוב צו 89 פּראָצענט פון אַלע יידישע וואַנדערער. ערשט אָנהייב 20טן יאָר־הונדערט, ווען די כוואַליעס פון דער יידישער וואַנדערונג האָבן זיך שטאַרק צע־וואַקסן, האָט די סטיכישע יידישע וואַנדערונג גענומען זוכן נייע איינוואַנדערונג־פּלעצער. און וואָס שמאָלער ס׳זענען געוואָרן די אויפנאַם־טויערן פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן, אַלץ מער זענען די יידישע מאַסן געווען געצוווּנגען צו וואַרפן זיך אויף נייע איינוואַנדערונג־לענדער און זיך צעשפּרייטן און צעוואַרפן איבער אַלע פינף קאָנטינענטן און איבער צענדליקער לענדער און מלוכות. אי די קאָנ־צענטראַציע אין איינעם אָדער צוויי לענדער און אי די צעשפּרייטקייט איבער צענ־דליקער לענדער זענען געווען אויסשליסלעך אַ רעזולטאַט פון אָביעקטיווע אויי־סערלעכע באַדינגונגען, ביי וועלכע דער יידישער רצון האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָלע.

גאַנץ אַנדערש ביי דער עליה. זי האָט געהאַט איין קאָלעקטיוון נאַציאָנאַלן הויפּט־ציל, איין צענטראַלע פאַרכאַפּנדיקע און באַגייסטערנדיקע שטרעבונג — אין לאַנד פון די אבות, צו יידישער גאולה, צו תחית העם. קאָנצענטראַציע מוז נישט זיין אַ רעזולטאַט פון אויסערלעכע באַדינגונגען נאָר פון אייגענע אָנשטרענ־גונגען און קאַמפן. געוויס האָט מען אויך ביי דער עליה גאָר אָפט געמוזט זיך רעכענען מיט אָביעקטיווע באַדינגונגען און פאַקטאָרן, אָבער קיינמאָל נישט אום זיך זיי אונטערגעבן, נאָר כדי זיי גובר צו זיין; נישט כדי זיך צו זיי צופּאַסן נאָר כדי זיי צופּאַסן צו זיך, צו די אידעאַלן פונעם פאָלק.

כמעט גאַנצע הונדערט יאָר האָבן די סטיכישע וואַנדערונגען געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין ייִדישן לעבן. זיי האָבן אָבער פאַרזאָגט אין די סאַמע טראַגישסטע צייטן אין דער ייִדישער געשיכטע — אין די לעצטע 20 יאָר; אין די יאָרן פון די גרעסטע רדיפות אין לענדער מיט העכער פינף מיליאָן ייִדן; אין די יאָרן פון שחיטות, ביי וועלכע עס זענען אויסגעראָטן געוואָרן זעקס מיליאָן ייִדישע נפשות; ענדלעך אין צייטן, ווען הונדערטער טויזנטער לאַגער־ייִדן מיט פּרישע פּיזישע און זעלישע ווונדן האָבן געטרוימט וועגן אַ מקום מנוחה. אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע האָט אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן פון לויפנדיקן יאָרהונדערט שוין מער נישט באַטייט באַפרייאונג פון הונגער און נויט, פון פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע רדיפות. אין קאָן איז געשטאַנען דער נפש אין עלעמענטאַרסטן זין פון וואָרט. פיזישע רעטונג איז געווען די הויפּט טרייב־קראַפט פון אייראָפּע. און אָט אין די דאָזיקע טראַגישע צייטן האָבן די סטיכישע דינאַמישע וואַנדערונגען פאַרזאָגט — די שפּאַרונעס, דורך וועלכע מען האָט זיך דורכגעשלאָגן אין די לענדער פון אַמעריקע, זענען געווען אַזעלכע שמאָלע, אַז דאָס איז געווען אַ חוזק איבער די היימלאָזע ייִדישע מאַסן. גענוג צו ברענגען איין פאַקט, וואָס וועט אילוסטרירן, פון איין זייט, די טראַגישע לאַגע פון די לויפנדיקע ייִדישע מאַסן; און, פון דער צווייטער זייט, די גרויזאַמקייט פון געשלאָסענע טויערן פון איינוואַנדערונג־לענדער.

יוני 1939 איז ביי די טויערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן געשטאַנען אַ שיף מיט העכער 900 היימלאָזע ייִדן פון דייטשלאַנד. צווישן די פּאַסאַזשירן זענען געווען הונדערטער ייִדישע אינטעלעקטואַלן, מען האָט אַלע מיט געוואַלד אַרויסגעטריבן אויף אַ שיף אין האַמבורג און זיי געלאָזט אויף הפקר פון די ים־כוואַליעס. דריי גאַנצע וואָכן איז די שיף געשטאַנען ביי די ברעגעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן. רוזוועלט האָט זיך נישט אַנטשלאָסן אַריינצולאָזן די דאָזיקע אימיגראַנטן איבער דער קוואָטע, וועלכע איז געווען פאַרפולט. דער הומאַניסט רוזוועלט האָט זיך געווענדט צו אַ צענדליק אַמעריקאַנער לענדער מיט דער בקשה אַריינצולאָזן די העכער 900 פּליטים־היימלאָזע. דער אָפּזאָג איז געווען אַן אַלגעמיינער! איינעקע ייִדן האָבן זיך געוואָרפן אין ים — די צאָל איז נישט באַקאַנט, ווייל מען האָט דאָס באַהאַלטן פון דער עפנטלעכקייט. די שיף האָט געפירט צוריק קיין אייראָפּע די ייִדן, פראַנקרייך האָט זיי ענדלעך אַריינגעלאָזט. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די מערהייט פון די דאָזיקע וואַנדערער זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן שפּעטער פון די היטלער־מערדער.

אָט אין די דאָזיקע טראַגישע יאָרן האָט זיך ערשט אַנטפּלעקט די היסטאָרישע קראַפט פון דער עליה, וואָס האָט זיך געשטיצט דער עיקר אויף אייגענע כוחות; וואָס האָט געשעפּט מוט און גענוואַגטקייט אין די אימאַנענטע קרעפטן פון די פאַרצווייפלטע ייִדישע מאַסן; וואָס האָט געבויט אויף אייגענע אַקומולירטע

נאַציאָנאַלע פּאָטענצן און שטרעבונגען. אין די יאָרן פון דער גרעסטער פאַר־צווייפלונג האָט די עליה באַקומען אַ גרויסן צושטראָם פון כוחות און מוט, פון קאַמף־גרייטקייט און קאַמף־גבורה.

אויפגעשווידערט פון דער אומגעהויערער פאַרצווייפלונג פון די ייִדישע מאַסן אין אייראָפּע און אויפגעטרייסלט פון דער אַכזריות פון די ענגלישע רעגירונגען, וועלכע האָבן אין די סאַמע טראַגישסטע מאָמענטן אין דער ייִדישער געשיכטע געפּרווווט ליקווידירן די גאולה־האָפענונג און צונעמען ביים ייִדישן פאָלק דעם איינציקן און לעצטן אמונה־טרוים, האָט דער ארץ־ישראל ישוב זיך געוואָרפן זעלבשטענדיק צו שאַפן קליטה־באַדינגונגען; זעלבשטענדיק עפענען ברייטע טויערן פאַר די פאַרצווייפלטע ייִדישע מאַסן. און דאָס אַלץ אַבסאָלוט זעלבשטענדיק און מיט אייגענע כוחות און קעגן דעם קלאָרן רצון פון די באַשטימענדיקע פרעמדע פאַקטאָרן, מעגן זיי זיין ווי מעכטיק און באַוואָפנט.

פאַקטיש האָבן זיך נאָך דער היטלער־שחיטה צוזאַמענגעטראָפן צוויי גרויסע היסטאָרישע פאַרצווייפלונגען — פון איין זייט זענען הונדערטער טויזנטער ייִדן אויף דער מיט ייִדישן בלוט פאַרגאָסענער אייראָפּעישער ערד געווען פאַרכאַפּט פון אַ פיבערדיקן רצון וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דעם דאָזיקן עמק הבכא. די דאָזיקע פאַרצווייפלטע מאַסן זענען געווען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות אַבי וואָס גיכער זיך באַפרייען פון די אייראָפּעישע קאַשמאַרן, וואָס גיכער פאַרלאָזן די אייראָפּעישע טומאה־ און דם־ערד. דערפילט ווי נאָך קיינמאָל נישט די יתום־לאַגע פון ייִדישן פאָלק, די היימלאָזיקייט און לאַנדלאָזיקייט פון פאָלק, זענען די דאָזיקע שארית־השחיטה־מאַסן געווען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות אינעם קאַמף פאַר אַ היים פאַרן פאָלק.

פון דער צווייטער זייט, איז דער ישוב פון ארץ ישראל, אין וועלכן ס׳איז אינוועסטירט געוואָרן אַזוי פיל ייִדישע מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות און וואָס האָט מיט זיך פאַרקערפּערט די גרעסטע און טיפסטע היסטאָרישע נאַציאָנאַלע האָפענונגען, געשטאַנען פאַר אַ דילעמע: איצט אָדער קיינמאָל נישט! אָדער דער ישוב ווערט אַ מערהייט אין זיין לאַנד און דערשלאָגט זיך צו מלוכהשער זעלבשטענדיקייט און נעמט זיך פאַרן אויפבוי פון יענער גאולה גדולה, מיט וועלכער דער ציוניזם האָט געשפּייזט דאָס פאָלק צענדליקער יאָרן; אָדער דער ישוב גיט זיך אונטער, בלייבט אַ מיעוט אין לאַנד פון די אבות, אַ מיעוט קעגן אַ מערהייט, וואָס האַלט פיזיש אין שטאַרקן וואַקסן און פּאָליטיש אין רייפן און שטייגן. אין לעצטן פאַל מוז דאָך דער רעזולטאַט זיין איינער: אַלע אינוועסטירטע אוצרות פון ענערגיע — פיזישער, מאַטעריעלער, קולטורעלער און גייסטיקער, מוזן גייען פאַרלאָרן. אַלע טויזנט־יאָריקע האָפענונגען און טרוימען, תפילות און חלומות ווערן אָפּגעווישט פון דער רעאַלער וועלט. דאָס פאָלק בלייבט דעמאָלט אין פינצטערסטן מאָמענט פון זיין לאַנגער טראַגישער געשיכטע אָן יענער היסטאָרי־

שער אמונה אין גאולה, וואָס איז געווען ממש די כישוף־קמיע פון קיום אין לאַנגן גלות.

אָט די צוויי היסטאָרישע פאַרצווייפלונגען, אָנגעלאָדענע מיט שטאַרקן אויפ־רייס־שטאָף, נאָר אויך מיט רייכע שעפערישע כוחות און האָפענונגען; אָנגעלאָ־דענע מיט טיפער אַנטוישונג אין פרעמדע פעלקער און אין פרעמדע הבטחות, נאָר מיט טיפער אמונה אין אייגענעם פאָלק, אין זיינע כוחות און אין זיינע צילן — אָט די צוויי יאושן האָבן זיך קעגנזייטיק באַפרוכפּערט און געשטאַרקט, דער־גאַנצט און באַרייכערט. און די העפּלה, די „אומלעגאַלע" איינוואַנדערונג, איז אָרגאַניש מגולגל געוואָרן אין לעצטן פאַרביטערטן קאַמף פאַר פרייע עליה, פאַר קיבוץ גלויות, פאַר קליטה, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון פרעמדע קרעפטן.

דער חילוק אָבער צווישן די סטיכישע יידישע וואַנדערונגען און דער אָרגאַ־ניזירטער און רעגולירטער עליה באַשטייט נישט בלויז אין פּרט פון שאַפן איי־גענע איינוואַנדערונג־מעגלעכקייטן, נאַציאָנאַלע קליטה־שאַנסן, אומאָפּהענגיקע פון פרעמדע דרויסנדיקע פאַקטאָרן. דער חילוק איז פיל טיפער און גורלדיקער. ער איז אָנגעלאָדן מיט פיל טיפער און ווייטער־גרייכנדיקע נאַציאָנאַלע רעזול־טאַטן. די סטיכישע וואַנדערונגען טראָגן נאָר אַריבער די גרונט גלות־מכה — די מיעוט־לאַגע — אין נייע באַדינגונגען. אַמאָל בעסערע פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלן קיום און אַמאָל ערגערע. געוויס, יעדע איינוואַנדערונג שפּילט אין איר ערשטער תקופה די ראָלע פון קיבוץ גלויות, פון צוזאַמענשמעלצונג פון פאַר־שיידענע יידישע גרופּעס און גרופּקעלעך מיט פאַרשיידענע פרעמדע שפּראַכן און פרעמדע קולטורן. דער דאָזיקער קיבוץ גלויות איז אָבער נישט מער ווי אַן איבערגייענדיקע דערשיינונג, וואָס טרעט אָפּ איר אָרט אַ נייער כוואַליע פון אַסימילאַציע און פון צעריסנקייט און צעפרעמדקייט צווישן יידישע ישובים פון פאַרשיידענע איינוואַנדערונג־לענדער.

גאָר אַנדערש די אָרגאַניזירטע און ציל־באַוווסטע עליה. זי ליקווידירט דעם גלות, זיין גרונט־מכה, די לאַגע פון אַ מיעוט. איר גרונט־ציל און איר אימאַנענ־טע טענדענץ איז נישט צייטווייליקע און איבערגייענדיקע צוזאַמענשמעלצונג פון צעריסענע גלידער פון יידישן פאָלק, נאָר די אַבסאָלוטע און ענטגילטיקע ליק־ווידאַציע פון יענע אָביעקטיווע באַדינגונגען ,וועלכע פירן און מוזן פירן צו דער צעריסנקייט און צעפרעמדקייט פון די קינדער פון יידישן פאָלק.

# די שחיטה־רעזולטאַטן

די מאָדערנע עפּאָכע פון די ייִדישע וואַנדערונגען מעבר לימים האָט זיך אָנגעהויבן נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות — די ייִדישע מאַסן אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע האָבן אָנגעהויבן זוכן אויסוועגן פון זייער עקאָנאָמישער קלעם און פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט. די דייטשע ייִדן, אָנגערעגט פון דער מאַסן־אויס־וואַנדערונג פון דייטשע פּויערים און בעלי־מלאכות, קולטורעלער און פּאַרמעג־לעכער פון זייערע מזרח־אייראָפּעיִשע ברידער, זענען זיי געווען די פּיאָנערן פון דער ייִדישער מאַסן־אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע. צו די 40ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט האָט זיך דער שטראָם ייִדישע אויסוואַנדערע פון צענטראַל־אייראָפּע, דייטשלאַנד, עסטרייך, בעמען און מערן, שטאַרק צעוואַקסן און האָט שוין אָנגענומען רעלאַטיוו אַ מאַסן־כאַראַקטער. אין די דאָזיקע אַלע דייטשע לענדער האָט די ייִדישע באַפעלקערונג איבערגעלעבט אַן עקאָנאָמישן קריזיס אַ דאַנק דער איבערגאַנג־צייט פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג צו דער קאַפּיטאַליסטישער, וואָס ס׳האָט געפירט צו דעם אַרויסשטויס פון גרעסערע צאָלן ייִדן פון די אַלטע פּרנסות איידער זיי האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. זיי האָבן איבערגעלעבט אויך אַ פּאָליטישן קריזיס אין זין פון געשטיגענער אַנ־טיסעמיטישער אַגיטאַציע פון די קליינבירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע האָבן געזען אין דער ייִדישער קאָנקורענץ די וויכטיקסטע סיבה פון די שווערע חבלי לידה פונעם נייעם עקאָנאָמישן סדר.

צו די 70ער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז די אויסוואַנדערונג פון די ייִדן פון די אויסגערעכנטע דייטשע לענדער שטאַרק געפאַלן און צו די 80ער יאָרן איז זי געווען אינגאַנצן פאַרענדיקט. די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע אין די דאָזיקע לענדער איז שוין געווען דורכגעפירט, און די דאָזיקע אַלע לענדער, אין פאַרשיידענע מדרגות, אָבער אַבסאָלוט אַלע, האָבן איבערגעלעבט אַ גרויסן עקאָנאָמישן אויפבלי. און אויף וויפל די רייד גייט וועגן אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג קען מען באַהויפּטן, אַז ביז 1933, ביז דעם אויפשטייג פון היטלערן צו דער מאַכט, איז זי גלייך ווי נישט געווען. פון 1933 הייבט זיך אָן די צווייטע סעריע אויס־וואַנדערער פון די באַהאַנדלטע לענדער — זי נעמט אַרום פון 500 ביז 550 טויזנט

נפשות. צוזאַמען קען מען רעכענען, אַז פון די העכער אויסגערעכנטע דייטשע לענדער האָבן פון 1840 ביז 1953 אויסגעוואַנדערט קרוב צו 700 טויזנט נפשות. פון די דאָזיקע קרוב 700 טויזנט אויסוואַנדערער זענען בערך אַ הונדערט טויזנט געבליבן אין אייראָפּע (אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און אין בעלגיע־האָלאַנד) און אַרום 600 טויזנט האָבן אויסגעוואַנדערט אין די פאַרשיידענע אַמעריקאַנער לענדער, דער עיקר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און קיין ארץ ישראל. בערך קען מען אָננעמען, אַז פון די דאָזיקע 600 טויזנט מעבר לימדיקע וואַנדערער זענען געפאָרן קיין ארץ ישראל אַרום 150 טויזנט, אַרום 25־20 טויזנט קיין דרום־אַפריקע און אויסטראַליע, און די איבעריקע אין פאַרשיידענע אַמעריקאַנער לענדער.

די גרעסערע אויסוואַנדערונג פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער האָט זיך אָנגעהויבן אָנהייב די 70ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן איבערלעבן דעם זעלבן איבערגאַנג־פּעריאָד פון דער פעאָדאַלער ווירטשאַפט־סיסטעם צו דער קאַפּיטאַליסטישער, וואָס די דייטשע לענדער האָבן דורכגעמאַכט פריִער מיט 40־30 יאָר. די חבלי לידה זענען אין די דאָזיקע שטאַרק אָפּגעשטאַנענע און געדיכט באַפעלקערטע לענדער מיט אַ זייער הויכן נאַטירלעכן צוּוווּקס געווען פיל שווערער און באַגלייט געוואָרן מיט פיל שאַרפערע פּאָליטישע און סאָציאַלע קאַמפן. די דאָזיקע קאַמפן זענען נאָך קאָמפּליצירט געוואָרן דורך דעם פיל־פעלקערלעכן באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג און מיט די נאַציאָנאַלע סתירות און ראַנגלענישן.

די ייִדישע באַפעלקערונג איז אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער געווען מער ווי צען מאָל גרעסער און האָט אויך געהאַט אַ פיל העכערן נאַטירלעכן צוּוווּקס ווי ביי די דייטשע ייִדן. דאָס אַלץ האָט געמאַכט די לאַגע דאָרטן פיל טראַגישער און קאָמפּליצירטער — די ייִדישע אויסוואַנדערונג, וועלכע האָט שוין אָנהייב דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט באַגלייט אין קליינע צאָלן איר שוועסטער־עמיגראַציע פון די דייטשע לענדער, האָט געהאַלטן אין איין שטייגן און צו די 70ער און באַזונדערס צו די 80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, האָט זי שוין אָנגענומען אַ בולטן מאַסן־כאַראַקטער. די כוואַליעס האָבן געהאַלטן אין איין אינטענסיוון שטייגן, אונטערגעטריבן פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און רומעניע און פונעם אַלץ שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע. די פּאָגראָם־געשעענישן אין רוסלאַנד, ווו ס׳איז געווען די גרעסטע צאָל ייִדן, אין די ערשטע יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט האָבן געטריבן די אויסוואַנדערונג־כוואַליעס צו אַ מדרגה פון יערלעכער עמיגראַציע פון הונדערט טויזנט ייִדן פון גאַנץ מזרח־אייראָפּע.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט איבערגעריסן דעם עמיגראַציע־שטראָם, נאָר באַלד נאָך דער מלחמה האָט ער ווידער אַ שפּרונג געטון גאָר הויך און האָט

אַנטפּלעקט אויסגעשפּראָכענע טענדענצן צו אַ מדרגה פון שטייגן, וואָס זאָל באַ־טייטן ממש יציאת אייראָפּע. ליידער האָט די איינגעפירטע 1924 קוואָטע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אינעם לאַנד מיט דער גרעסטער קליטה, אויפגעשטעלט אַ געדיכטע וואַנט פאַר די יידישע אײַנוואַנדערער. די קוואָטע האָט באַשטימט פאַר די לענדער פון מזרח־אייראָפּע די קלענסטע צאָלן. די יידישע מאַסן האָבן זיך דורכגעשלאָגן אײַנוואַנדערונג־מעגלעכקייטן אין פילע לענדער פון לאַטיין־אַמע־ריקע און אין ארץ ישראל, נאָר אַלע לעצטע לענדער האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געקענט קאָמפּענסירן די כמעט געשלאָסענע טויערן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. ערשט מיט דער גרינדונג פון מדינת ישראל האָט די אויסוואַנדערונג פון די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן, וועלכע זענען געווען אין גרויסע צאָלן קאָנצענטרירט אין די פּליטים־לאַגערן, אָנגענומען ווידער אַ מאַסן־כאַראַקטער.

אין אַלגעמיין קען מען רעכענען, אַז פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער האָבן אין דער גענומענער תקופה פון 1840 ביז 1953 אויסגעוואַנדערט אַרום 3 מיליאָן מיט 300 טויזנט יידישע נפשות, פיל מער פון דער צאָל יידן אין די דאָזיקע לענדער צום אָנהייב פון דער גענומענער תקופה.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אויסוואַנדערונג־גראַד איז געווען פאַרשיידן פון באַזונדערע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, נאָר מיר קענען זיך נישט אַרײַנלאָזן אין אַזעלכע פּרטים און מוזן זיך באַגניגענען מיט די אַלגעמיינע ציפער.

ס׳איז אונדז געבליבן נאָך צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער אויסוואַנ־דערונג פון די מוסולמענישע לענדער. שוין אין די 70ער און 80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן קליינע אויסוואַנדערונג־שטראָמען פון לבנון און שפּעטער אַביסל פון סיריע, דער עיקר אין אַמעריקאַנער לענדער. אויך פון איראַק איז געגאַנגען אַ קליינע אויסוואַנדערונג, דער עיקר אין אַזיאַטישע לענדער, כינע און אינדיע. צום אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט האָבן די דאָזיקע שטראָמען זיך פאַרברייטערט אויך אויף אַנדערע מוסולמענישע לענדער, אָבער זיי האָבן קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין כאַראַקטער פון גרויסע אויסוואַנדערונג־כוואַליעס. אַן אמתע מאַסן־יציאה פון די מוסולמענישע לענדער איז געקומען ערשט אין די גאָר לעצטע יאָרן אַלס אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה פון ישראל מיט די אַראַבישע לענדער. אין אַלגעמיין קען מען אָננעמען, אַז פון די מוסול־מענישע לענדער האָבן אין די לעצטע 113 יאָר אויסגעוואַנדערט אַרום 600 טויזנט יידן.

צוזאַמען באַקומען מיר אַ קימא־לן פון יידישע וואַנדערער מעבר לים און קיין ארץ ישראל פון העכער פינף מיליאָן — קיין פּינקטלעכע ציפער פאַרמאָגן מיר ליידער נישט. די העכער געמאַכטע רעכענונגען זענען געבויט דער עיקר אויף די דאַטן פון די אײַנוואַנדערונג־לענדער. מיר וועלן איבערגיין צו דער פאַרטיילונג פון דער יידישער אײַנוואַנדערונג לויט תקופות און לענדער.

### טאַבעלע 1

## די פאַרטיילונג פון די יידישע וואַנדערער לויט אימיגראַציע־זאָנעס (1840—1953)

| יאָרן | די גאַנצע וואַנדערונג | פאַר. שטאַטן און קאַנאַדע | | ארץ ישראל | | אַנדערע לענדער | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | אַבס. | % | אַבס. | % | אַבס. | % |
| 1840—1880 | 220.000 | 200.000 | 91.0 | 10.000 | 4.5 | 10.000 | 4.5 |
| 1881—1900 | 770.000 | 690.000 | 89.6 | 25.000 | 3.2 | 55.000 | 7.2 |
| 1901—1914 | 1.605.000 | 1.440.000 | 89.7 | 35.000 | 2.2 | 130.000 | 8.1 |
| 1915—1939 | 1.250.000 | 550.000 | 44.0 | 340.000 | 27.2 | 360.000 | 28.8 |
| 1940—1945 | 180.000 | 100.000 | 55.5 | 55.000 | 30.5 | 25.000 | 14.0 |
| 1946—1947 | 90.000 | 40.000 | 44.4 | 40.000 | 44.4 | 10.000 | 11.2 |
| 1948—1951 | 870.000 | 120.000 | 13.8 | 715.000 | 82.2 | 35.000 | 4.0 |
| 1952—1953 | 60.000 | 20.000 | 33.3 | 35.000 | 58.3 | 5.000 | 8.4 |
| סך־הכל | 5.045.000 | 3.160.000 | 62.6 | 1.255.000 | 24.9 | 630.000 | 12.5 |

די דאָזיקע עטלעכע געציילטע שורות פון דער טאַבעלע, שטומע ציפער, זענען אָנגעלאָדן מיט די וויכטיקסטע און גורלדיקסטע געשעענישן און גילגולים אין יידישן לעבן פון 19טן און 20טן יאָרהונדערט. זיי שפּיגלען אָפּ די סאַמע טיפּסטע רעוואָלוציאָנערסטע פּראָצעסן אינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק; יענע פּראָצעסן, וועלכע זענען עפּעס ווי פון דער השגחה באַשטימט געוואָרן אָדער פון דעם געזונטן פאָלקס־אינסטינקט דיקטירט געוואָרן, כדי צו באַוואָרענען נישט נאָר דעם ווייטערן קיום פון יידישן פאָלק נאָר אויך זיין אויפגעריכט־ווערן ביז צום העכסטן שטאַפּל פון זיינע היסטאָרישע האָפענונגען און תפילות. זיי שפּיגלען אָפּ דעם אויפקום פון נייע צענטערס, ווו די גרעסטע מערהייט פון פאָלק מוז פון דאָס ניי זיך צופּאַסן צו גאַנץ אַנדערע נייע באַדינגונגען, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע, מוז ממש אָנהייבן פון אַלף־בית אויפצושטעלן און אויפצובויען אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, חברות און אָרגאַניזאַציעס, די אויסגעפּרוווטע כלי זין אויף פירן אַ נאַציאָנאַלן קיום אין אַ פרעמדער סביבה.

די דאָזיקע טאַבעלע שעפּט ווייט נישט אויס די יידישע וואַנדערונגען פון דער תקופה, וואָס איז דאָ גענומען. דאָ קומען אַריין נאָר די וואַנדערונגען, וועלכע זענען געגאַנגען מעבר לים און קיין ארץ ישראל. חוץ די דאָזיקע גרויסע היסטאָרישע וויכטיקסטע יידישע וואַנדערונגען זענען געווען נאָך אַנדערע אין די

ראַמען פון איינער און דער זעלבער מלוכה און אין די גרענעצן פון אייראָפּע פון איין מלוכה אין אַ צווייטער.

אַזוי האָבן איבערגעוואַנדערט קרוב אַנדערטהאַלבן מיליאָן אָדער נאָך אַ ביסל מער ייִדן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, ליטע און לעטלאַנד און טיילווייז אויך פון די פּוילישע גובערניעס קיין גרויס־רוסלאַנד, דער עיקר אין די צוויי הויפּט־שטעט פון סאָוועטישן רוסלאַנד — מאָסקווע און לענינגראַד — און אין די ווייטע אַזיאַטישע און סיבירישע גובערניעס. דאָס האָט געמיינט אַן איבערוואַנדערונג פון ראַיאָנען מיט אַ מינימאַלן אַסימיליר־פּאָטענציאַל אין ראַיאָנען מיט אַ מאַקסי־מאַלן אַסימיליר־פּאָטענציאַל. די זעלבע דערשיינונג, נאָר פון אַ קלענערן מאָס־שטאַב, איז פאָרגעקומען אין דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע, ווו פון גאַ־ליציע און בוקאָווינע האָבן אַרום 100 טויזנט ייִדן איבערגעוואַנדערט קיין ווין און צענדליקער טויזנטער ייִדן פון סלאָוואַקיע און קאַרפּאַטאָרוס קיין בודאַפּעשט. מיר פאַרשפּאָרן צוצוגעבן, אַז דער אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג פון מזרח־גאַליציע און קאַרפּאַטאָרוס איז געווען נישט צו פאַר־גלייכן מיטן אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון דער דייטשער קולטור פון ווין און פון דער אונגאַרישער אין בודאַפּעשט. און די פּויזנער ייִדן, וועלכע האָבן זיך אַרי־בערגעפּעקלט קיין בערלין און אין אַנדערע שטעט פון דייטשלאַנד, האָבן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס פיל גיכער און אינטענסיווער דורכגעמאַכט, ווי דאָס וואָלט געווען געווען אויף די אַלטע היסטאָרישע וווין־ערטער מיט אַ פּוילישער מערהייט.

באַדייטנדיק זענען אויך געווען די איבערוואַנדערונגען פון איין מלוכה אין אַ צווייטער אין די ראַמען פון אייראָפּע — פון מזרח־אייראָפּע קיין ענגלאַנד און פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד, די שווייץ און שוועדן־דענעמאַרק. דאָ גייט די רייד וועגן מינימום אַ האַלבן מיליאָן ייִדישע איבערוואַנדערער. מיר באַקומען אַ סומע פון מינימום העכער צוויי מיליאָן ייִדישע איבערוואַנדערער אין די גרע־נעצן פון אייראָפּע און אין די ראַמען פון איינע און די זעלבע מלוכות, נאָר מיט ראַדיקאַל פאַרשיידענע קולטור־באַדינגונגען, פון מלוכות און ראַיאָנען מיט נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן און מיט שוואַכע קולטור־השפּעות אין מלוכות און ראַ־יאָנען מיט אויסגעגאָסענע איינהייטלעכע פעלקער און מיט אַ גאָר הויכן אַסימיליר־פּאָטענציאַל.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער טאַבעלע, וואָס גיט אונדז העכער 5 מיליאָן ייִדישע איבערוואַנדערער, וועלכע האָבן פאַרלייגט די פונדאַמענטן פון יענע נייע ייִדישע צענטערס, וואָס שטעלן איצטער מיט זיך פאָר די באַזעס פון ייִדישן נאַ־ציאָנאַלן קיום און נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

ראשית דבר, וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז פון העכער 5 מיליאָן ייִדישע וואַנדערער, וועלכע האָבן געשאַפן די פונדאַמענטן פון די נייע צענטערס און נייע ישובים, זענען העכער 4 מיליאָן געקומען אין די איינוואַנדערונג־לענדער

ערשט אין די לעצטע 53 יאָר פון 20טן יאָרהונדערט. העכער איין מיליאָן יידן זענען געקומען אין די איינוואַנדערונג־לענדער ערשט אין די לעצטע אַכט יאָר. און מעג דאָס „נייע" לאַנד פון דער לעצטער גרויסער איינוואַנדערונג זיין דאָס גאַנץ אַלטע ארץ ישראל, דאָך איז דאָס ניי פאַר די איינוואַנדערער, נישט נאָר אין פּרט פון עקאָנאָמישער צופּאַסונג, נאָר אויך אין זין פון שפּראַך און קולטור.

על פּי שכל וואָלטן די אויסוואַנדערונג־כוואַליעס און לכן די איינוואַנדערונגען באַדאַרפט אויספאַלן האַרמאָניש מיט דעם שטייגן פון די נויטן פון די מאַסן אין די עמיגראַציע־לענדער. על פּי שכל און אויך על פּי עלעמענטאַרן יושר. דאָס איז טאַקע אַזוי געווען ביז די 20ער יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט — ביז די טויערן פון די איינוואַנדערונג־לענדער מיט געוואַלדיק גרויסע פרייע שטרעקעס לאַנד, וואָס קוקן אַרויס אויף מענטשלעכע הענט זיי צו באַאַרבעטן, זענען געשלאָסן געוואָרן צוליב צעעפּנט און געשלונגען מיליאָנען איינוואַנדערער. 1924 איז געווען דער איבערברוך־יאָר אין דעם פּרט: די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן איינגעפירט קוואָטעס און דערביי מיט פּריווילעגיעס פאַר די רייכע לענדער פון מערב־אייראָפּע, וועלכע האָבן זיך ווייניק געניטיקט אין אויסוואַנדערונג, און מיט חוזק־ציפער פאַר די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, ווו די אַלגעמיינע נויט איז געווען שרעקלעך און ווו די יידישע נויט און די פיזישע רעטונג־באַדערפעניש זענען געווען צום הימל שרייענדיק. די דאָזיקע קוואָטע־צוים איז געווען אַ מין סאָרט סיגנאַל פאַר אַלע איבעריקע לענדער פון אַמעריקע, וועלכע האָבן אַ ביסל שפּעטער נאָכגעטון פּאַקטיש די פאַראייניקטע שטאַטן.

די טראַגישע לאַגע פונעם אייראָפּעיִשן יידנטום האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה. גירושים פון הונדערטער טויזנטער יידן פון די גרענעץ־מקומות דורך דער צאַרישער רעגירונג; די פּאָגראָמען פון פּעטלורע און דעניקין; די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, וואָס האָט דעקלאַסירט העכער אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג; די רעוואָלוציעס און די אינפלאַציעס אין אונגאַרן און אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן שטאַרק מיטגעווירקט צום אויפשטייג פונעם אַנטיסעמיטיזם אין די דאָזיקע לענדער; דער עטאַטיזם אין פּוילן און רומעניע, ליטע און לעטלאַנד, וואָס האָט געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם פּאַשיסטישן כאַראַקטער מיט דער טענדענץ אַרויסצושטויסן די יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס; ענדלעך היטלערס קומען צו דער מאַכט, וואָס ס'האָט נישט נאָר רויִנירט און חרוב געמאַכט דאָס דייטשע יידנטום, נאָר האָט פאַרסמט די לופט אין גאַנץ אייראָפּע און האָט געמאַכט די לאַגע פונעם גאַנצן אייראָפּעיִשן יידנטום מער ווי טראַגיש — אָט דאָס אַלץ האָט נאַטירלעך אונטערגעגראָבן די סאַמע וואָרצלען פון יידישן קיום אין דער מערהייט לענדער פון אייראָפּע און האָט דיקטירט די מאַסן דעם איינציק מעגלעכן וועג פון זוכן רעטונג אין די איינוואַנדערונג־לענדער. אויסוואַנדערונג איז געוואָרן דער נשמה־באַגער פון

גרויסע מאַסן פונעם אייראָפּעישן יידנטום. די 20ער און 30ער יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט זענען פאַרשריבן אין דער יידישער געשיכטע נישט נאָר מיטן גע־וואַגטסטן קאַמף פון שוואַכסטן פאָלק פון דער וועלט קעגן דער דעמאָלט שטאַרק־סטער אימפּעריע אין דער וועלט — די העפּלה! — נאָר אויך מיט דורכשלאָגן איינוואַנדערונג־וועגן אין די פאַרוואָרפנסטע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע. יידי־שע עמיגראַנטן האָבן אָנגעשפּאַרט אין ערטער, וווּ קיין יידישער פוס איז קיינמאָל נישט געווען. אָט אין יענע יאָרן האָט די צעשפּרייטקייט און צעוואָרפנקייט פון יידן איבער דער גאָרער וועלט דערגרייכט אירע העכסטע מדרגות. נישט גע־קוקט אָבער אויף די אַלע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען און ריזיקאַלישע געוואַגטע אַוואַנטורעס פון יידישע וואַנדערער, איז דער צורך אין אויסוואַנדערונג געבליבן ווייט נישט באַפרידיקט. די אומלעגאַלע עליה האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין פּרט פון הייבן דעם מוט פון דער יידישער יוגנט, געבנדיק איר אַ געלעגנהייט אויסצולאָדן איר צער און צאָרן — אין פּרט פון אַרויסראַטעווען וואָס מער יידן פון דער פאַרסמטער אייראָפּע איז דאָס געווען אַ טראָפּן אין ים פון צרות און אַנגסטן.

די נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע טראַגישע לאַגע ווערט אילוסטרירט ביים פעסטשטעלן די יערלעכע דורכשניט־ציפער פון די יידישע איינוואַנדערונגען אין אַלע אימיגראַציע־לענדער.

טאַבעלע 2

## די יערלעכע דורכשניט־איינוואַנדערונג אין אַלע אימיגראַציע־לענדער

| יאָרן | דורכשניטלעכע איינוואַנדערונג. |
|---|---|
| 1840—1880 | 5.500 |
| 1881—1900 | 38.000 |
| 1901—1914 | 115.000 |
| 1915—1939 | 50.000 |
| 1940—1945 | 30.000 |
| 1946—1947 | 45.000 |
| 1948—1951 | 217.500 |
| 1952—1953 | 30.000 |

דאָס בילד איז זייער קלאָר — נאָך פאַר די טראַגישע יאָרן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך דאָס אייראָפּעישע יידנטום

געריסן אויסצוואַנדערן. פון אַזעלכע פינף טויזנט דורכשניטלעך יערלעך פון 1840 ביז 1880 אַ שפּרונג צו 115 טויזנט אין די ערשטע 14 יאָר פון 20סטן יאָרהונדערט. די יאָרן פון קישינעווער פּאָגראָם און פון די הונדערטער פּאָגראָמען אין די רעוואָלוציע־וואָכן פון אָקטאָבער 1905. די געשטיגענע אויסוואַנדערונג פון יידן פון רומעניע, גאַליציע, אונגאַרן, סלאָוואַקיע און קאַרפּאַטאָרוס האָט גע־וויזן, אַז די הויכע אויסוואַנדערונג־ציפער פון אייראָפּע, באַזונדערס פון מזרח־אייראָפּע, זענען נישט קיין פּועל יוצא נאָר פון פּאָליטישע געשעענישן, ווי פּאָ־גראָמען און רעוואָלוציעס.

פון 1915 ביז 1939 איז שוין די יערלעכע דורכשניטלעכע אויסוואַנדערונג נאָר 50 טויזנט, מער ווי צוויי מאָל קלענער ,ווי אין די כמעט נאָרמאַלע יאָרן, (אין פאַרגלייך מיט די נאָכמלחמה־צרות), פון אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. און אין די סאַמע טראַגישסטע יאָרן אין דער יידישער געשיכטע, ווען עס איז אָפן פאַר דער גאָרער וועלט געגאַנגען אַ מאַסן־שחיטה אין אייראָפּע און יידן זענען ווי פאַרסמטע אַרומגעלאָפן זוכן אַ שפּאַלט, אַ שפּאַרונע אין אַ לאַנד וווהין זיך צו ראַטעווען, — אָט אין די דאָזיקע פאַרצווייפלונג־יאָרן איז די איינוואַנדערונג געווען נאָך קלענער, שוין נאָר 30 טויזנט יערלעך. ענדלעך איז געקומען דאָס יאָר 1948, דאָס יאָר וואָס וועט פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע, ווי די אתחלתא דגאולה. ווי גאולת העם, און אויפן אָרט פון וואַנדערונג איז געקומען עליה — דער דורכשניט אין 217 טויזנט, העכער ווי אין די ערשטע יאָרן פון 20סטן יאָרהונדערט.

לאָמיר איצטער וואַרפן אַ בליק אויף דער פאַרטיילונג פון די יידישע וואַנ־דערער לויט באַזונדערע איינוואַנדערונג־זאָנעס. טאַבעלע נומער 1 גיט אַ קלאָר בילד — ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה נעמען די פאַראייניקטע שטאַטן מיט קאַנאַדע, אייגנטלעך דער עיקר די שטאַטן, אַרום 90 פּראָצענט פון אַלע יידישע וואַנדערער. דער אָנטייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער יידישער איינוואַנ־דערונג נעמט פאַלן נאָך דער מלחמה, דער עיקר נאָך דעם איינפירן פון דער קוואָטע אין יאָר 1924 און דערגייט ביז אַ מינימום פון קנאַפּע 14 פּראָצענט אין די יאָרן 1948־1951, אין די יאָרן פון דער גרויסער היסטאָרישער עליה. דאָס איז אָבער געווען נישט נאָר אַ רעלאַטיווע ירידה פונעם אָנטייל פון די פאַראיי־ניקטע שטאַטן אין דער לייזונג פון דער יידישער וואַנדערונג־פראַגע. די פאָלגנ־דיקע טאַבעלע וועט אונדז ווייזן די אמתע אַנטוויקלונג פון דער יידישער איינוואַנ־דערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

טאַבעלע 3

## די יערלעכע דורכשניטלעכע איינוואַנדערונג פון יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע

| יאָרן | יערלעכע איינוואַנדערונג |
|---|---|
| 1840—1880 | 5.000 |
| 1881—1900 | 34.000 |
| 1901—1914 | 100.000 |
| 1915—1939 | 19.000 |
| 1940—1945 | 16.666 |
| 1946—1947 | 20.000 |
| 1948—1951 | 30.000 |
| 1952—1953 | 10.000 |

אָט דאָ זעט מען קלאָר די ווירקונג פון דער קוואָטע אויף דער ייִדישער איינוואַנדערונג — פון 100 טויזנט יערלעך אָנהייב 20טן יאָרהונדערט אַ פאַל ביז 19 טויזנט יערלעך אין די טראַגישע יאָרן פון ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה און ביז 16 טויזנט יערלעך אין די שחיטה־יאָרן. און דערביי געבליבן אייגנטלעך אויך אין די גאָר לעצטע זעקס יאָר, פון 1948 ביז 1953 אין כלל. דאָס איז דער דורכשניט פאַר פינף יאָר. נעמט מען די גאָר לעצטע צוויי יאָר, 1952־53, ביי וועלכע עס האָט זיך שוין אויסגעווירקט דער נייער ראַסיסטישער אימיגראַציע־געזעץ, איז די איינוואַנדערונג אין די שטאַטן אַליין געווען נישט מער ווי 3־4 טויזנט יערלעך. די נויט אין איינוואַנדערונג־מעגלעכקייטן איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרביי, און דער רעאַקציאָנערער איינוואַנדערונג־געזעץ איז זייער און זייער שעדלעך פאַר יידן.

לאָמיר איצט זען ווי איז געווען די אַנטוויקלונג פון דער איינוואַנדערונג אין צווייטן לאַנד פון גרויסער קליטה — אין ארץ ישראל.

טאַבעלע 4

## די יערלעכע דורכשניטלעכע איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל.

| יאָרן | יערלעכע איינוואַנדערונג |
|---|---|
| 1840—1880 | 250 |
| 1881—1900 | 1.250 |
| 1901—1914 | 2.500 |
| 1915—1920 | —— |
| 1921—1939 | 17.900 |
| 1940—1945 | 9.140 |
| 1946—1947 | 20.000 |
| 1948—1951 | 178.500 |
| 1952—1953 | 17.500 |

לאָזט מען אַרויס די מלחמה־יאָרן פּילט זיך אין די ציפער די רעגולירנדיקע האַנט פון אַ באַוווּסטזיניקער באַוועגונג. מיטן וווּקס פון דער יידישער טראַגישער לאַגע וואַקסט אָרגאַניש די איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה גייט די אַנטוויקלונג, די ערשטע סטאַדיעס פון דער אַנטוויקלונג, זייער לאַנגזאַם: פון 250 יערלעך קוים אויף צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט יערלעך ווען די גאַנצע אויסוואַנדערונג האָט שוין דערגרייכט 115 טויזנט יערלעך. נאָר באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און גלייך נאָך די אַלע צרות און אַנגסטן, וועלכע מיר האָבן העכער באַשריבן, נעמט די איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל שטייגן און דערגרייכט קרוב צו 18 טויזנט יערלעך.

די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און די יאָרן פון דער בעווין־הערשאַפט זענען נישט טיפּיש — דאָס זענען יאָרן פון בלוטיקן קאַמף פאַר עליה און די איינוואַנדערונג פאַלט ביז 9 טויזנט יערלעך. אָבער מיטן פּאָליטישן ניצחון גיט די איינוואַנדערונג יענעם שפּרונג, וואָס וועט אַריין אין דער יידי־שער געשיכטע אַלס דער גאולה־שפּרונג — יערלעך 179 טויזנט! די צוויי גאָר לעצטע יאָרן 1952־53 זענען נישט טיפּיש — דאָס איז אפשר נאָר אַן הפסקה אויף איבערכאַפּן דעם אָטעם, אויף פאַרדייען די גרויסע פּאַרציע איינוואַנדערער פון די פריערדיקע פיר יאָר.

אונדז איז נאָך געבליבן זיך אָפּצושטעלן אויף דער דריטער זאַנע פון אונדזער טאַבעלע, וועלכע מען קען אָנרופן די זאָנע פון צעשפּרייטונג איבער דער גאָרער וועלט, פון תפוצה אין ברייטסטן זין פון וואָרט. אין דער דאָזיקער זאָנע גייען אַריין נישט נאָר די העכער צוואַנציק לאַטייניש רעפּובליקן און

דרום־אַפריקע און אויסטראַליע, נאָר אויך אַ סך אַפריקאַנישע און אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס, וווּהין קליינע, אָפּט געציילטע גרופּעס און גרופּקעלעך ייִדישע פּליטים האָבן אין פאַרצווייפלונג אַנגעשפּאַרט און דאָרטן פאַרבליבן אָפּגעריסן פון כלל ישראל און פאַרמשפּט אויף נאַציאָנאַלע איינזאַמקייט און איזאָלירטקייט.

## טאַבעלע 5

## די יערלעכע דורכשניטלעכע איינוואַנדערונג אין די פאַרשיידנסטע איבעריקע לענדער פון דער וועלט

| יאָרן | יערלעכע איינוואַנדערונג |
|---|---|
| 1840—1880 | 250 |
| 1881—1900 | 2.750 |
| 1901—1914 | 9.300 |
| 1915—1939 | 14.400 |
| 1940—1953 | 5.400 |

אין די ערשטע סטאַדיעס פון ייִדישער אויסוואַנדערונג מיידן ייִדן אויס צעשפּרייטונג און צעזייאונג. נאָר גאָר קליינע שפּליטער פונעם ייִדישן וואַנדערער־שטראָם רייסן זיך אָפּ פונעם מאַסן־כלל און לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין זוכן גליקן. צוערשט פאַרן קוים 250 ייִדן אַ יאָר אין די פאַרשיידנסטע לענדער — דאָס איז געווען די התחלה פון דער וואַנדערונג קיין דרום־אַפריקע און אויסטראַליע. אין די לעצטע 20 יאָר פון 19טן יאָרהונדערט רייסן זיך שוין אָפּ יערלעך קרוב צו דריי טויזנט ייִדן, וועלכע געפינען פאַר זיך בעסער און פּערספּעקטיוון רייכער זיך לאָזן נישט מיטן גרויסן שטראָם וואַנדערער, נאָר זוכן שאַנסן אין לענדער מיט קליינע צאָלן ייִדן אָדער מיט גאָר קיין ייִדן נישט. ס'הייבט זיך דעמאָלט אָן די וואַנדערונג קיין דרום־אַמעריקע, דער עיקר אַרגענטינע און טיילווייז קיין בראַזיל. די דאָזיקע קליינע שטראָמעלעך ייִדישע וואַנדערער בילדן אין עטלעכע געציילטע לענדער שוין גרעסערע קיבוצים, ווי אין אַרגענטינע און בראַזיל, אין דרום־אַפריקע און אין אויסטראַליע, וועלכע ווערן צוציִונג־פּונקטן פאַר קרובים און לאַנדסלייט. די מאַפּע פון די ייִדישע וואַנדערונגען ווערט פאַרבנרייכער — די צעשפּרייטונג פאַרברייטערט זיך. שפּליטער פון ייִדישע וואַנדערער ווערן שוין פאַרוואָרפן אין די שכנותדיקע לענדער פון די קליינע קיבוצים, ווי אין טשילע און אורוגוויי.

אין די יאָרן פון די גרעסטע ייִדישע וואַנדערונגען פון אָנהייב 20טן יאָרהונדערט שפּאַלטן זיך שוין אָפּ יערלעך העכער נייַן טויזנט ייִדן, וועלכע צע־

שפּרייטן זיך איבער די העכער אויסגערעכנטע לענדער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די נויט אין איינוואַנדערונג־לענדער שרייט צום הימל און די קליטה פון ארץ ישראל איז, פון איין זייט, שוואַך צוליב עקאָנאָמישע סיבות, און, פון דער צווייטער זייט, איז זי באַגרענעצט פון דער ענגלישער רעגירונג, און אין די שטאַטן ווערט איינגעפירט די קוואָטע — אָט אין דאָזיקן פּעריאָד נעמט אָן די צעשפּרייטונג פון יידן ממש טאַקע אַ וועלט־מאַסשטאַב. די אַבסאָ־לוטע צאָלן זענען נישט גרויס — אין דורכשניט זענען פון 1915 ביז 1939 צע־וואָרפן געוואָרן איבער צענדליקער לענדער נאָר אַ ביסל מער פון 14 טויזנט יידן יערלעך. אין די דאָזיקע יאָרן זענען אויפגעקומען צוויי צענדליק נייע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע, ס׳איז געוואַקסן דער ישוב אין אויסטראַליע און אויך אין דרום־אַפריקע און ס׳זענען אויפגעקומען יידישע ישובים אין די פאַרשיידנ־סטע קאָלאָניעס פון אַמעריקע, אַפריקע און טיילווייז אויך פון אַזיע. נאָר וואָס גרעסער ס׳איז געוואָרן די טראַגעדיע פונעם אייראָפּעיִשן יידנטום, וואָס שאַרפער דער חלף האָט גענומען שניידן יידישע העלדזער, אַלץ מער זענען געוואָרן די טויערן פון כמעט אַלע לענדער פון צעשפּרייטונג שמאָלער און שמאָלער. און אין די יאָרן פון 1940 ביז 1953 האָבן זיך דערשלאָגן אין אַלע צענדליקער לענ־דער פון יידישער צעשפּרייטונג קוים אַ ביסל מער פון פינף טויזנט נפשות יערלעך.

דאָ איז געגעבן אַ גלענצנדיקער ביישפּיל, ווי שרעקלעך ס׳איז די אָפּהענ־גיקייט פון פרעמדע קרעפטן — די עקאָנאָמישע קליטה־פעיִקייט פון די צענדלי־קער לענדער פון דער יידישער צעשפּרייטונג־זאָנע איז בלתי ספק אָן אַ שיעור העכער פון דער זעלבער פון ארץ ישראל. נאָר ס׳קומט די פרעמדע פּאָליטישע מאַכט און פאַרשליסט די טויערן גאָר אינגאַנצן אָדער זי לאָזט אָפן אַזעלכע שמאָלע שפּאַרונעס, אַז ס׳שטופּן זיך דורך זיי געציילטע שפּליטער.

מיר האָבן געווידמעט גרויסע אויפמערקזאַמקייט יידישע וואַנדערונגען אין 19טן און אין דער ערשטער העלפט פון 20טן יאָרהונדערט, ווייל די דאָזיקע וואַנ־דערונגען האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אינעם גורל פון אונדזער פאָלק. מיר וועלן אין אַ ווייטערן קאַפּיטל ווייזן, ווי די מאַפּע פון יידישן פאָלק האָט זיך ראַדיקאַל געביטן אַ דאַנק די דאָזיקע וואַנדערונגען. מיר קענען אָבער נישט פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער פראַגע, ווי ס׳האַלט איצט מיט דער דאָזיקער נישט לאַנג נאָך אַזאַ קאַרדינאַלער פראַגע אין יידישן לעבן. ס׳איז געוויס נישט צו לייקענען, אַז מיר פאַרמאָגן איצט נישט מער קיין גרויסע מאָסן פּאָטענציעלע יידישע וואַנדערער, ווי דאָס איז געווען אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט ביז דער היטלער־שחיטה. ס׳וואָלט אָבער געווען אַבסאָלוט פאַלש צו באַהויפּטן, אַז די צוויי הויפּט־קוועלן פון יידישע וואַנ־דערער, אייראָפּע און די מוסולמענישע לענדער, זענען אַזוי אויסגעשעפּט אין

זין פון וואַנדערונג, אַז מיר זענען כלל מער נישט אינטערעסירט אין איינוואַנדע־רונג־מעגלעכקייטן.

לאָמיר גאַנץ קורץ מאַכן אַ שטיקל חשבון פון אונדזערע פּאָטענציעלע וואַנ־דערער. דער האַלבער מיליאָן יידן אין די מוסולמענישע לענדער, דער עיקר אין די צפון־אַפריקאַנישע מלוכות, שטייט אין די ערשטע רייען פון דרינגנדיקער עקאָנאָמישער באַלדיקער און פון זייער וואַרשיינלעכער פּאָטענציעלער נישט ווייניקער דרינגנדיקער פּאָליטישער אויסוואַנדערונג. ווען דער אָרעמקייט פון די יידן אין מאַראָקאָ, טוניס, פּערסיע, און אין דער אַלזשירער פּראָווינץ האָט מען גענוג געשריבן און מיר האַלטן פּאַר איבעריק דאָס אַלץ איבערצוחזרן. פּאָליטיש איז דאָס דאָזיקע ווינקל בלתי ספק אַ קעסל, וואָס זידט, און וועט געוויס אויפרייסן מיט אַזאַ קראַפט, אַז די וועלט וועט שטוינען. די אָפּטע טעראָר־אַקטן פון די לעצטע פּאָר יאָר אין טוניס און אין מאַראָקאָ זענען בליצן, וואָס זאָגן פאָרויס אַ שטורעם. און עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער פּאָליטישער שטורעם וואָס וועט אויסברעכן וועט יידן קאָסטן טייער נישט נאָר אַלס בירגער, נאָר ספּעציעל אַלס יידן. מעגן די פּאָליטישע פירער פון די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען ערלעך באַהויפּטן, אַז זיי ווילן נישט און וועלן נישט צולאָזן צו קיינע אַנטי־יידישע גע־שעענישן. פּאָליטישע שטורמען האָבן אַ טבע אַרויסצושפּרינגען פון די ראַמען און גרענעצן, וועלכע ווערן זיי געשטעלט פון די פירער. די לעצטע זענען פשוט נישט בכוח צו האַמעווען די מאַסן־אויפברויזן, וועלכע זיי אַליין רופן אַרויס. און עס איז כמעט אַ געזעץ, אַז אין אַזעלכע פאַלן ווערן יידן צוגעצויגן צו היס־טאָרישן חשבון און ווערן תמיד דערקלערט שולדיק אין אַ גרויסער מאָס אין דער טרויעריקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון קעמפנדיקן פּאָלק.

דער היסטאָרישער שכל הישר דיקטירט ממש, אַז מען זאָל די צאָל יידן אין די דאָזיקע לענדער מאַכן וואָס קלענער און וואָס גיכער דאָס דורכפירן. דאָס איז נומער איינס.

די צאָל פּאָטענציעלע עמיגראַנטן פון אייראָפּע איז פיל קלענער, נאָר זי גרייכט אויך אין פילע צענדליקער טויזנטער קאַנדידאַטן. די לעצטע באַשטייען פון צוויי קאַטעגאָריעס: פון דרינגנדיקע אויסוואַנדערער, וועלכע באַשטייען פון די רעשטלעך פון די פליטים, פון לאַגער־יידן, וואָס געפינען זיך אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע. מיט די חוזרים פון ישראל וועט דאָס זיין אַ בינטל קאַנ־דידאַטן פון אַ פּאָר צענדליק טויזנט.

מען מוז אָבער קוקן דערווירקלעכקייט אָפן אין די אויגן. ס׳גייט די גאַנצע צייט אַ לאַנגזאַמע אָבער אַן אומאויפהערלעכע אויסוואַנדערונג פון אַלע לענדער פון מערב־אייראָפּע. ס׳גייט אַן אַלגעמיינע אויסוואַנדערונג פון ענגלאַנד, האָלאַנד, פראַנקרייך און טיילווייז אויך פון בעלגיע. און ס׳גייט אויך אַ יידישע אויסוואַנ־דערונג פון די זעלבע לענדער. און נישט תמיד פּאַסן זיך אַריין די יידישע קאַנ־

דידאַטן אין די באַדינגונגען פון די איינוואַנדערונג־לענדער, וועלכע שטייען ברייט צעעפנט פאַר די בירגער פון די אַלע נאָר וואָס אויסגערעכנטע לענדער. אין די אַלע לענדער זענען פאַראַן צענדליקער טויזנטער יידישע איינוווינער, וועלכע זענען נישט קיין בירגער און קענען נישט אויסנוצן די איינוואַנדערונג־פּריווילעגיעס, וואָס די בירגער האָבן. מיר פאַרשפּאָרן צוצוגעבן, אַז די צענדליקער טויזנטער נישט־בירגער פון די אַלע מערב־אייראָפּעישע לענדער געפינען זיך אויך עקאָנאָמיש אין ערגערע באַדינגונגען ווי די אָטאָכטאָנע באַפעלקערונג. נעמט מען, למשל, אַזעלכע לענדער, ווי בעלגיע און פראַנקרייך גרייכט די צאָל יידישע נישט־בירגער אין ערשטן לאַנד ביז כמעט 90 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל דאָרטיקע יידן און אין צווייטן לאַנד בערך ביז 50 פּראָצענט. די נישט־בירגער געפינען זיך אין גאַנץ שווערע באַדינגונגען בנוגע רעכט אויף אַרבעט. און ס׳איז געווען באַקאַנט, אַז ביי די דאָזיקע יידן פון די מערב־אייראָפּעישע לענדער איז בכלל די שטימונג אַ אויסוואַנדערערישע. זיי האָבן זיך נאָך נישט אינגאַנצן באַפרייט פונעם קאָשמאַר פון די היטלער־צייטן און וואָלטן בעסער געוואָלט פאַרלאָזן די טומאה־ערד פון אייראָפּע. דערמיט דערקלערט זיך וואָס יעדער רמז אויף אַ מעגלעכן מלחמה־קאָנפליקט אין דער וועלט ווארפט אַריין אין פּאַניק די יידישע באַפעלקערונג אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי די נישט־יידישע.

מיר וועלן דערמיט פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל וועגן יידישע וואַנדערונגען און וועלן איבערגיין צום צווייטן פאַקטאָר, וואָס האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקער השפּעה אויף די גרונט־שנוים אינעם לעבן פון יידישן פאָלק — מיר גייען איבער צו די רעזולטאַטן פון דער שחיטה.

# דער אונטערגאַנג פֿונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום

די אַקטיווע געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק במשך פֿון די לעצטע טויזנט יאָר פֿאַלט אין תוך כּמעט צוזאַמען מיט דער געשיכטע פֿונעם אייראָפּעיִשן ייִדנ־טום. באַזונדערס שוואַך איז געוואָרן דער אָנטייל פֿון די ייִדן פֿון אַזיע און אַפֿריקע אינעם ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן די לעצטע 500 יאָר, נאָכדעם ווי די גייסטיקע העגעמאָניע אינעם וועלט־ייִדנטום איז איבערגעגאַנגען פֿון צענטראַל־ און דרום־אייראָפּע קיין מזרח־אייראָפּע. די געשיכטע פֿונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום איז רייך מיט עליות און ירידות, אויף וועלכע מיר קענען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן. אין רעזולטאַט פֿון אַנטוויקלונגען אין משך פֿון פֿילע יאָרהונדערטער האָט זיך באַ־קומען, אַז סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט האָבן געלעבט אין מזרח־אייראָפּע אַרום 70 פּראָצענט פֿונעם ייִדישן פֿאָלק און אַרום 85 פּראָצענט פֿונעם אַשכּנזישן ייִדנטום, פֿונעם סאַמע שעפֿערישן צווייג פֿון ייִדישן פֿאָלק, פֿונעם טרעגער פֿון אַלע גייסטע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע באַוועגונגען ביים ייִדישן פֿאָלק.

אָט דער גרויסער מזרח־אייראָפּעיִשער מאַסיוו פֿון ייִדישן פֿאָלק, אַרום 8 מיליאָן נפֿשות סוף 19טן יאָרהונדערט, האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אַ נישט איבערגעריסענעם דורכאויסיקן שטח לאַנד, וואָס איז געווען באַזעצט מיט איבער אַ צענדליק קליינע און שוואַכע, עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענע און פּאָליטיש אונטער־טעניקע פֿעלקער און איז געווען אַ טייל פֿון צוויי פֿיל־פֿעלקערלעכע אימפּעריעס — רוסלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן.

אויף דעם דאָזיקן שטח איז היסטאָריש געווען אַ האַרמאָנישער צוזאַמענטרעף פֿון אַ גאַנצער רייע נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געפֿירט צו דער פּרוכטבאַרער פֿילזייטיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פֿונעם מזרח־איי־ראָפּעיִשן ייִדנטום. ייִדן זענען געווען קאָמפּאַקט קאָנצענטרירט אין שטעט און שטעטלעך, ווו זיי האָבן אויסגעמאַכט אָפֿט אַן אַבסאָלוטע מערהייט און נאָך אָפֿטער

אַ רעלאַטיווע מערהייט. אַ דאַנק דער אייגנאַרטיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג האָט זיך באַקומען, אַז יידן זענען געווען איזאָלירט פון דעם פרעמדן אַרום נישט נאָר שטחדיק נאָר אויך סאָציאַל־עקאָנאָמיש. אין די הענט פון יידן זענען אָפט געליגן גאַנצע צווייגן פון דערווירטשאַפט און זיי האָבן געקענט רעגולירן די שבת־ און יום־טובים־פייע־רונגען לויט זייער אייגענעם רצון.

דאָס רוסישע יידנטום, וואָס האָט אויסגעמאַכט דעם גרונטמאַסיוו פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער יידישער קאָנצענטראַציע, האָט אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט אַ עמאַנציפּאַציע־פּראָצעס, וואָס איז געווען מער אַ רעזולטאַט פון אָרגאַנישער אינערלעכער זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג ווי פון געשענקטע רעכט פון דער אַרומיקער וועלט, ווי דאָס איז געווען אין צענט־ראַל־ און מערב־אייראָפּע. דאָס רוסישע יידנטום איז אויף אַזאַ אופן נישט געווען געצווונגען צו באַצאָלן פאַר דער פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע מיטן נאַציאָנאַלן פּנים, ווי דאָס איז געווען אין צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע. די ווייניקע פּאָלי־טישע רעכט, וואָס דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געשענקט די רוסישע יידן אין די 60ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, האָבן געוויס געהאָלפן דער צעטרייסלונג פון די „געטאָס" און דער דערוואַכונג פון שמאָלע שיכטן פון דעם רוסישן יידנטום — זיי זענען אָבער געווען צו שמאָל און צו באַגרענעצט און האָבן דעריבער נישט געקענט אונטערגראָבן דעם פעסטן נאַציאָנאַלן באָדן פון דעם דאָזיקן יידנטום, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַנטוויקלונג פון פילע יאָרהונדערטער. די אָקומולירטע רייכע אייגענע קולטור־גייסטיקע ירושה פון די פריערדיקע תקופות איז לכן געוואָרן די געזונטע אָרגאַנישע באַזע, אויף וועלכער אַלע מאָדערנע יידישע באַפרייאונג־באַוועגונגען האָבן זיך אַנטוויקלט. און טאַקע ביי דעם דאָזיקן טייל פון יידישן פאָלק, ביים פינף־מיליאָניקן רוסישן יידנטום זענען געבוירן געוואָרן אַלע מאָדערנע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, אַלע מאָדערנע קולטורעלע און גייסטיקע שטרעמונגען און אַספּיראַציעס.

די אָרגאַנישע אינערלעכע עמאַנציפּאַציע פונעם רוסישן יידנטום איז צוזאַ־מענגעפאַלן מיט דער שטורמישער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע אין דער רוסישער אימפּעריע — די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דערוואַכונג פון די אַרומיקע אונטער־דריקטע קלאַסן און פעלקער האָט נישט ווייניק מיטגעווירקט דער צעוועקונג און אַקטיווירונג פון די יידישע מאַסן. דער פּאָליטיש־סאָציאַלער קאַמף פון די אַרו־מיקע נישט־יידישע פּויערים און אַרבעטער איז צוזאַמענגעפאַלן מיט זייער נאַ־ציאָנאַלן קאַמף — און דאָס האָט געשאַפן באַזונדערס גינציקע באַדינגונגען פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג און פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע אַספּי־ראַציעס.

אין דער שכנותדיקער עסטרייכישער אימפעריע האָבן געלעבט גרויסע טיילן פון יענע פעלקער, וועלכע האָבן אין רוסלאַנד געפירט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר באַפרייאונג, פּאָליאַקן און אוקראַינער, און די רעוואָלוציאָנערע פלאַמען פון רוסלאַנד האָבן באַלויכטן די פינצטערע ווינקעלעך פון די זעלבע פעלקער אין עסטרייך. און ווי עס קריסטלט זיך יידלט זיך — די גאַליציאַנער יידן זענען געוואָרן שטאַרק באַאיינפלוסט און אָנגעשטעקט פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען ביים רוסישן יידנטום. אויף אַזאַ אופן איז דער פראָנט פון די יידישע באַפרייאונג־באַוועגונגען, הן אין דער ציוניסטישער פאָרעם און הן אין דער גלות־אויטאָנאָמישער, געוואָרן נאָך שטאַרקער און פעסטער. עס מעג זיין אמת, אַז ביידע די דאָזיקע שטראָמען פון יידישן באַפרייאונג־קאַמף זענען אין גאַליציע איינצייטיק אָדער אַפילו אַ ביסל פריִער געבוירן געוואָרן, נישט אָפהענגיק פונעם רוסישן יידנטום — ס׳גייט אָבער נישט אין פרימאַט פון געבורט פון די דאָזיקע אידייען, נאָר אין זייער פאַקטישער און פראַקטישער אַנטוויקלונג, אין זייער פאַרוואַנדלונג אין פאָלקס־אידעאַלן און אין פאָלק־באַוועגונגען.

אַלע מאָדערנע יידישע שאַפונגען פון דער לעצטער תקופה, פון לעצטן פערטל פון 19טן און ערשטן העלפט פון 20טן יאָרהונדערט, הן פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע און הן גייסטיק־קולטורעלע, פאַרשפרייט איבער די צענדליקער לענדער און מלוכות פון יידישער צעשפרייטקייט, קומען פון דאָרטן — פון דעם זאַפטיקן קוואַל, וואָס שטאַמט היסטאָריש פון דעם קאָנסערוואַטיוון פוילישן יידנטום און וואָס די הויפט־ראָלע האָט איבערגענומען דאָס רוסישע יידנטום, אַ צווייג פונעם פוילישן. דער ציוניזם, אין אַלע זיינע שאַטירונגען, דער יידישער סאָציאַליזם, דער אויטאָנאָ־מיזם, די יידישע און העברעיִשע פרעסע און ליטעראַטור, דער יידישער טעאַטער, די יידישע קונסט און מוזיק, די יידישע וויסנשאַפט אין איר נייער מאָדערנער רעאַליסטישער באַגרינדונג — אַלץ, אַלץ שטאַמט פון דאָרטן און האָט פון דאָרטן געצויגן זאַפט און שווונג, מוט און קאַמף־לוסט ביז די סאַמע לעצטע יאָרן פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אָפּגעריסן אַ גאַר וויכטיקן און זאַפט־רייכן טייל פון דעם דאָזיקן גאָט־געבענטשן יידנטום פון דער געוועזענער רוסי־שער אימפעריע. אָפּגעריסן און איזאָלירט פון דעם כלל ישראל און דערשטיקט אַלע יענע העכער אויסגערעכנטע קוואַל־שפרודלענדיקע באַוועגונגען און דערשיי־נונגען. די ירושה איז געוועזן צו רייך אום דערשטיקט צו ווערן מיט אַמאָל — האָט זיך די דאָזיקע ירושה געראַנגלט מיט דעם באָלשעוויסטישן שטריק, וואָס איז אַרומגעדרייט געוואָרן אַרום איר האַלדז אַ גאַנץ לאַנגע צייט. ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט שוין די יידישע קולטור אין סאָוועטרוסלאַנד גע־האַלטן ביי דער גסיסה־סטאַדיע. די מלחמה האָט צעוועקט די נאַציאָנאַלע געפילן ביי די יידישע שרייבער און געוויס נאָך מער ביי די יידישע מאַסן, און עס האָט

איין מאָמענט אַ בליק געטון אַ האָפענונג אויף אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג און אויך אויף אַן אָנ־קניפּ צום וועלט־ יידנטום, וואָס עס וואָלט אפשר געקענט געווען ווערן אַ התחלה פון אויפלעבונג און אויפבלי. ליידער, זענען די דאָזיקע האָפענונגען גאָר גיך אויסגערונען געוואָרן און מיט איין שטריך פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג איז סוף 1948 אָפּגעמעקט געוואָרן יעדער סימן פון ייִדישער שאַפונג, יעדער אָטעם פון ייִדישער אייגנאַרטיקייט.

צום גליק האָט די באָלשעוויסטישע מאַכט נישט געירשנט אַלע זעקס מיליאָן רוסישע ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט אין די גרענעצן פון דער רוסישער אימפּעריע ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. פּוילן, ליטע און לעטלאַנד, וועלכע זענען אָפּ־געריסן געוואָרן פון רוסלאַנד און געוואָרן פּאָליטיש זעלבשטענדיק, האָבן גע־ירשנט אַרום דריי מיליאָן ייִדן. די דאָזיקע דריי מיליאָן ייִדן האָבן איבערגענומען די רייכע ירושה און דעם אָרגאַנישן המשך פון די קולטורעלע שאַפונג־פּראָצעסן און דעם שוווּנג פון די ייִדישע באַפרייאונג־באַוועגונגען. אין די דאָזיקע לענדער האָט זיך איבערגעחזרט די אייגנאַרטיקע לאַגע, וואָס איז געווען אין צאַרישן רוס־לאַנד — נישט געקוקט אויף די פּאָליטישע רדיפות און פּאָגראָמען איז דאָך דאָס רוסישע ייִדנטום געווען נישט נאָר דאָס וויגעלע פון די אַלע העכער אויסגע־רעכנטע קולטורעלע פּראָצעסן און פּאָליטישע שטרעבונגען, נאָר עס איז געבליבן די גאַנצע צייט די פּראַנט־קראַפט אין זייער ווייטערער אַנטוויקלונג.

אין די ניי־אויפגעקומענע מלוכות פון די פּאָליאַקן, ליטווינער און לעטן האָבן ייִדן נישט געלעבט קיין האָניק, כאָטש אין די צייטן פון די קאַמפן פון די דאָזיקע פעלקער פאַר פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט האָבן זיי ייִדן צוגעזאָגט גאָל־דענע בערג. נאָר נישט געקוקט דערויף האָבן די ייִדן פון די דאָזיקע לענדער נישט נאָר ממשיך געווען די גאַנצע גרויסע פּרוכטבאַרע אַרבעט, נאָר זיי האָבן זי נאָך באַרייכערט מיט נייע צווייגן און מיט נייעם פּאַטאָס. די צעבליטע העב־רעיִשע שול־נעץ אין ליטע; די ברייטע ייִדיש־העברעיִשע שול־נעצן אין פּוילן און לעטלאַנד; די צעצווייגטע און צעבליטע ייִדישע פּרעסע און ייִדיש־העברעיִשע ליטעראַטור אין אַלע דריי לענדער; דער אויפשוווּנג פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען און גאַנץ באַזונדערס אינעם חלוצישן צווייג; דער אינטענסיווער וווּקס פון דער אויטאָנאָמיסטישער באַוועגונג אין איר עקס־טרעמען דאָיִקן גלות־נוסח און אין איר באַגרענעצטער ציוניסטישער שיטה — דאָס אַלץ זענען געווען קלאָרע דעמאָנסטראַציעס צו דער עשירות, וואָס די דאָזיקע קיבוצים האָבן באַקומען בירושה פונעם צעפּאַלענעם פאַרמלחמהדיקן רוסישן ייִדנטום, און גוטע אילוסטראַציעס צום פּסוק „מעז יצא מתוק“, רדיפות און נגישות האָבן תמיד געטריבן ייִדן צו זיך און צו אייגענע שאַפונגען.

ס׳איז אַ גרויסער ספק, צי מען וועט אַפילו איצט, 13 יאָר שוין זינט דעם

חורבן פונעם אייראָפּעיִשן צענטער, אָנציילן אויף די פינגער פון איין האַנט אין די אַמעריקאַנער לענדער געבוירענע יִידיש־ און העברעיִש־פּאָעטן און בעלעט־ריסטן, יִדישע און העברעיִשע זשורנאַליסטן און פּובליציסטן, וויסנשאַפטלער און פאַרשער, אָרטאָדאָקסישע רבנים און ישיבה־מדריכים, יִדישע שוישפּילער און יִדיש־ און העברעיִש־זינגערס. דער גאַנצער נאַציאָנאַלער קולטור־פאַרמעגן אין זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע יִדיש־ און העברעיִש־פאָרמען ביי די זעקס מיליאָן אַמעריקאַנער יִדן, אַלזאָ ביי העכער אַ העלפט פון יִדישן פאָלק, שטאַמט פון מזרח־אייראָפּע. שטאַמט פון דאָרטן און געפינט זיך עד היום אויסשליסלעך אין די הענט פון אַריבערגעקומענע פון אייראָפּע עלעמענטן. די פראַגע פון המשך בלייבט לעת עתה אַן אָפענע פראַגע און מיר האַלטן נישט פאַר נויטיק דאָ זי צו פאַרענטפערן. מיר רעדן דאָ פון המשך אין די זעלבע נאַציאָנאַלע פאָרמען, אַלזאָ אין אָרגאַנישער אַנטוויקלונג. וועגן נייע כלים פאַר אַלטע אינהאַלטן וועט ווייטער זיין די רייד, כאָטש אונדזער הויפּט־ציל אין דער געגעבענער אַרבעט איז נישט תשובות אויף פראַגן נאָר שטעלן פּראָבלעמען און ברענגען וואָס מער פאַקטן זיי צו באַלייכטן און אויפקלערן.

דאָס נאָר וואָס געזאָגטע וועגן דעם אַמעריקאַנער יִדנטום קען ביז אַ געוויסער מאָס אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם ישראל־יִדנטום. געוויס, דאָרטן האָבן זיך שוין באַוויזן שפּראָצונגען פון פיל צוזאַגנדיקע אָריגינעלע שאַפונגען אין העברעיִש אויף אַלע געביטן פון קולטור, פּאָעזיע און בעלעטריסטיק, פאָרשונג און וויסנשאַפט, טעאַטער און קונסט. דאָך פאַרנעמען נאָך עד היום די אַריבער־געקומענע פון מזרח־אייראָפּע, דער עיקר פון רוסלאַנד און פּוילן־ליטע, שאַ־פערס און טרעגער פון די אַלע קולטור־צווייגן דעם סאַמע פּראָמינענטן פּלאַץ נישט נאָר קוואַנטיטאַטיוו, נאָר אויך קוואַליטאַטיוו. דאָ, אין ישראל, איז פאַראַן אַן אייגענע ערד און אַן אייגענער הימל — די זיכערסטע און בעסטע באַזע פאַר אייגענע אָריגינעלע שאַפונגען. די אָרגאַנישקייט אָבער פון דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג קען גאַראַנטירט ווערן נאָר דורכן המשך מיט די שאַפונגען פון די יִדן אין מזרח־אייראָפּע.

פּאַראַלעל מיטן גרויסן פיל־מיליאָניקן און טיף טראַדיציאָנעלן אָרגאַנישן מזרח־אייראָפּעיִשן צענטער האָט פאַרנומען גאָר אַ וויכטיקן אָרט אין די יִדישע שאַפונגען אין אַ פרעמדער שפּראַך דאָס דייטשע יִדנטום. דער דאָזיקער צווייג פון יִדישן פאָלק האָט, ראשית, געציילט נישט ווייניקער פון טויזנט יאָר עקסיס־טענץ, וואָס ס׳האָט צוגעגעבן וואָג און וואָרצל צו זיין נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. די אַסימילאַציע האָט שטאַרק צעפרעסן דאָס דאָזיקע יִדנטום און באַרויבט אַ סך נאַציאָנאַלע זאַפטיקע כוחות. דאָך האָט דער המשך־אינסטינקט און די המשך־אַחריות נישט דערלאָזט צום אונטערגאַנג פון דאָזיקן יִדנטום און אים געבענטשט

מיט באַדייטנדיקע נאַציאָנאַלע שאַפונג־כּוחות הן אויפן געביט פון קולטור און הן אין פרט פון יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

ס׳איז צוגעקומען נאָך אַ פאַקטאָר, וועלכער האָט באַפרוכפּערט און באַפרישט די נאַציאָנאַלע געפילן און געדאַנקען פונעם דייטשן יידנטום — ס׳איז געגאַנגען אַן אוימאויפהערלעכער צושטראָם פון פויליש־רוסישע יידן, פון איין זייט, און כמעט דאָס גאַנצע פויזנער יידנטום, צום אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט אַן אויסגע־שפּראָכענער זאַפטיקער צווייג פונעם פוילישן יידנטום, איז איינגעשלונגען גע־וואָרן פונעם דייטשן יידנטום. כמעט אַלע אָריגינעלע דייטש־יידישע שאַפער, באַזונדערס אויף דעם געביט פון יידישער וויסנשאַפט און יידישער נאַציאָנאַלער דערציִונג אין ברייטן זין פון וואָרט, אין זין פון רבנים און לערער, שטאַמען פון פויזן. דער חלק פון דייטשן יידנטום הן אין דער יידישער וויסנשאַפט און הן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געווען גאָר באַדייטנדיק און מיר האָלטן פאַר איבעריק צו ברענגען ראיות און אילוסטראַציעס.

אָט די ביידע נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע צענטערס פון יידישן קולטור־שאַפן און פון נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג זענען הונדערט פּראָצענט פאַרשוואונדן. נישטאָ אין געגעבענעם מאָמענט ממש קיין זכר פון די דאָזיקע ביידע רייכע און זאַפטיקע המשך־אַנגעלאָדענע און אויפלעבונג־צוזאָגנדיקע קיבוצים. וואָס ס׳האָט נישט באַוויזן צו פאַרגאַזן און פאַרניכטן דער היטלער־רוח האָט גייסטיק ליקווי־דירט דער קאָמוניסטישער טייוול.

לאָמיר איבערגיין צום פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס וועט אונדז ווייזן דעם גאַנצן שוידערלעכן בראָך אין גורל פון יידישן פאָלק. מיר האָבן נישט בדעה דאָ צוצעוויקלען די היטלער־שחיטה אין איר גאַנצן אויפשוידערנדיקן פאַרנעם און אין איר גאַנצן אוממענטשלעכן פאַרלויף. אין הסכם מיטן ציל פון דעם דאָזיקן בוך צו באַלייכטן די איצטיקע פיזיאָנאָמיע פון יידישן פאָלק אין די תפוצות, וועלן מיר זיך פאַרנעמען דעם עיקר מיט די רעזולטאַטן פון דער שחיטה — מיט גרונט־שנוים, וועלכע דער אומגליק האָט גורם געווען.

די ערשטע עלעמענטאַרע פראַגע באַשטייט אין פעסטשטעלן כאָטש בערך וויפל נפשות מיר האָבן פאַרלאָרן און וועלכע יידישע קיבוצים האָבן געליטן מער און וועלכע ווייניקער. פון נאַציאָנאַל־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט מוז מען פאַרשיידן שאַצן די פאַרשיידענע פאַרשניטענע יידישע קיבוצים, כאָטש דאָס האַרץ טוט בלתי ספק שטאַרק ווי אויף יעדן אומגעבראַכטן יידישן נפש, מעג ער זיין ווי אַסימילירט און ווי אָפּגעריסן פונעם כלל ישראל.

## טאַבעלע 6

# די ליקווידירטע יידישע קיבוצים אין אייראָפּע

| לענדער | די צאָל יידן 1939 | אומגעבראַכטע און אומגעקומענע יידן: אבס. | אומגעבראַכטע און אומגעקומענע יידן: % לגבי 1939 | די צאָל יידן 1953: אבס. | די צאָל יידן 1953: % לגבי 1939 |
|---|---|---|---|---|---|
| 1) פּוילן | 3.250.000 | 2.850.000 | 87.7 | 40.000 | 1.23 |
| 2) סאָוו.־רוסלאַנד א) | 2.100.000 | 1.500.000 | 71.4 | 600.000 | 28.57 |
| 3) רומעניע | 850.000 | 425.000 | 50.0 | 200.000 | 23.53 |
| 4) אונגאַרן | 400.000 | 200.000 | 50.0 | 100.000 | 25.00 |
| 5) פראַנקרייך | 300.000 | 90.000 | 30.0 | 250.000 | 83.33 |
| 6) טשעכאָסלאָוואַקיע | 315.000 | 240.000 | 76.2 | 18.000 | 5.71 |
| 7) דייטשלאַנד | 193.000 | 110.000 | 57,0 | 25.000 | 12.75 |
| 8) עסטרייך | 90.000 | 45.000 | 50.0 | 12.000 | 13.33 |
| 9) ליטע | 150.000 | 130.000 | 86.6 | 10.000 | 6.32 |
| 10) לעטלאַנד | 95.000 | 80.000 | 84.2 | 10.000 | 10.5 |
| 11) האָלאַנד | 150.000 | 105.000 | 70.0 | 25.000 | 16.66 |
| 12) בעלגיע | 90.000 | 40.000 | 44.4 | 35.000 | 38.88 |
| 13) יוגאָסלאַוויע | 75.000 | 55.000 | 73.3 | 6.000 | 8.00 |
| 14) גריכנלאַנד | 75.000 | 60.000 | 80.0 | 9.000 | 12.00 |
| 15) איטאַליע | 57.000 | 15.000 | 26.3 | 32.000 | 56.14 |
| 16) בולגאַריע | 50.000 | 7.000 | 14.0 | 4.000 | 8.00 |
| 17) פאַרשיידענע | 15.000 | 5.000 | 33.3 | 10.000 | 66.66 |
| צוזאַמען | 8.255.000 | 5.957.000 | 72.1 | 1.386.000 | 16.79 |

די דאַטעס פון דער דאָזיקער טאַבעלע פּרעטענדירן נישט אויף אַבסאָלוטער ריכטיקייט — דאָס קען מען, ליידער, נישט זאָגן וועגן דער מערהייט ציפער, וועלכע ווערן געבראַכט וועגן יידן. די יידישע סטאַטיסטיק איז געצוווּנגען אָנצו־קומען גאָר אָפט צו שאַצונגען און בערכדיקע דאַטעס. דאָך זענען מיר טיף איבער־צייגט, אַז די געבראַכטע ציפער זענען גאַנץ קרוב לאמת — אַ טעות אין 2־3 פּראָצענט ארויף אָדער אַראָפּ קענען גאָר נישט ענדערן אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון דער דאָזיקער טאַבעלע. באַזונדערס איז דאָס ריכטיק אין געגעבענעם

א) נאָר די אָקופּירטע פון היטלערן טיילן פון רוסלאַנד.

פאַל ווען עס האַנדלט זיך דער עיקר אינעם אַרויסבאַקומען יענע שנוים, וועלכע די שחיטה האָט גורם געווען אינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק.

די טאַבעלע גיט נישט אָן נאָר די צאָל דירעקט דערמאָרדעטע און פאַרגאַזטע דורך די היטלער־באַנדעס — דאָ גייען אַריין אַלע קאַטעגאָריעס קרבנות, אַלע אומגעקומענע און אומגעבראַכטע, ווי געפאַלענע אויף די פאַרשיידענע פראָנטן און אין די פּאַרטיזאַנען־קאַמפן; די געשטאָרבענע פון הונגער און פון פאַרשיידענע קראַנקייטן, פאַראורזאַכטע בכוונה און נישט בכוונה דורך די היטלער־באַגרענעצונגען; די זעלבסטמאָרדן, וואָס זייער צאָל איז געווען נישט קליין אין דייטשלאַנד און עסטרייך; און ענדלעך אויך די דערמאָרדעטע פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג נאָך איידער די דייטשן האָבן די דאָזיקע ערטער אָקופּירט. אַזעלכע פאַלן זענען געווען גאָר נישט ווייניק אין ליטע, לעטלאַנד און אוקראַינע. אָט די אַלע קרבנות פאַלן דאָך אַלע מאַראַליש אויף די פּלייצעס פון דייטשן פאָלק.

לאָמיר צוערשט קורץ אַנאַליזירן די ערשטע דריי רובריקעס פון דער טאַבעלע — דאָ האָבן מיר דעם פיזישן חסר. לויט דעם חשבון האָבן מיר פאַרלאָרן אין די יאָרן פון דער מלחמה, פון 1939 ביז מיטן 1945 קרוב צו זעקס מיליאָן נפשות. אָבער נישט אַלע קיבוצים האָבן אַלצאיינס געליטן. דעם גרעסטן פיזישן פאַרלוסט האָבן געהאַט יענע דריי יידישע קיבוצים, וועלכע האָבן געשפּילט די גרעסטע און וויכטיקסטע ראָלע אינעם נאַציאָנאַלן לעבן פון יידישן פאָלק — די פּוילישע יידן האָבן פאַרלאָרן קרוב צו 88 פּראָצענט פון זייער צאָל; די ליטווישע — קרוב צו 87 פּראָצענט, און די לעטישע העכער 84 פּראָצענט. פיזיש פאַרלאָרן, אַלזאָ אַבסאָלוטע אבידה, נישט נאָר ס'איז ווינציקער געוואָרן אויפן היסטאָריש־איינגעזעסענעם און פאַרוואָרצלטן פּלאַץ, נאָר אויסגעראָטן לחלוטין.

נאָך די דריי מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער מיט די גרעסטע קרבנות קומט גריכנלאַנד מיט 80 פּראָצענט פיזישע אבירות — דאָ איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ קהילה פון גאָר באַזונדערע היסטאָרישע פאַרדינסטן און ראָלעס אין דער יידישער געשיכטע, די היסטאָרישע באַזע פונעם ספרדישן יידנטום. מיר האָבן אין אויג סאַלאָניקי, ווו עס האָבן געלעבט אַריבער 60 טויזנט יידן, אַלע ספרדישע. דאָס איז געווען אַ טיף טראַדיציאָנעלע ספרדישע געמיינדע מיט אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געציילט פילע הונדערטער יאָרן פון עקסיסטענץ. פון זיי האָבן געצויגן זאַפט און נאַציאָנאַלן מוט די ספרדישע קהילות אין דער גאָרער וועלט.

נאָך גריכנלאַנד קומט טשעכאָסלאָוואַקיע מיט העכער 76 פּראָצענט פיזיש־אויסגעראָטענע יידן — דאָ זענען אויף העכער ניינציק פּראָצענט פאַרניכטעט געוואָרן צוויי קיבוצים, וועלכע זענען געווען צווישן די אָפּגעשטאַנענסטע אין פּרט פון אַלגעמיינער וועלטלעכער בילדונג, וועלכע זענען אָבער געווען אפשר די רייכסטע און וויכטיקסטע אין פּרט פון טריישאַפט צו אַלטע יידישע טראַדיציעס

און צו דער ייִדישער שפּראַך. מיר האָבן אין זינען די ייִדן פון קאַרפּאַטאָרוסלאַנד און סלאָוואַקיע. געראַטעוועט האָבן זיך דורך אויסוואַנדערונג און אויך אויף די ערטער מערסטנס די ייִדן פון בעמען און מערן, די מער אַסימילירטע.

מיר האַלטן נישט פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף יעדער גרופּע אומגעקומענע ייִדן. דאָך מוז מען זאָגן כאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגן די דייטשע און עסטרייכישע ייִדן. די ציפער פון די טאַבעלעס שעפּן נישט אויס די גאַנצע צאָל קרבנות — אין דייטשלאַנד האָבן זיך דאָך די מאָרדן אָנגעהויבן שוין אין יאָר 1933 — און עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז ביז 1939 זענען דערמאָרדעט געוואָרן נישט ווייניקער פון 40־30 טויזנט ייִדן. און מען מוז צוגעבן די זעלבסטמאָרדן. לויט אַן אָנגעזעענער דייטשער צייטונג („די צייט״, האַמבורג, 18טן פעברואַר 1954, ציטירט לויטן ביולעטין פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין לאָנדאָן, 23טן פעברואַר, 1954) זענען אין דייטשלאַנד געווען 68 טויזנט ייִדישע זעלבסטמאָרדן! עס איז נישט אָנגעגעבן וויפל פון 1933 ביז 1939 און וויפל שפּעטער. די ציפער איז מער ווי אַ שרעקלעכע! מען האָט גוט געוווּסט, אַז אין דייטשלאַנד קומען פאָר, ביים היטלער־רעזשים, אַ סך זעלבסטמאָרדן, אָבער וועגן אַזאַ ציפער האָט קיינער נישט געטראַכט. עס איז אָבער שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די דייטשע צייטונג האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אויסצוטראַכטן אַזאַ ציפער. צו וואָס דאַרף זי עס? יעדנפאַלס איז שוין ביז 1939 געווען אַ גרויסע צאָל זעלבסטמאָרדן. ווין איז געגאַנגען אין די טריט פון בערלין, ווו עס איז געווען די גרעסטע צאָל זעלבסטמאָרדן אין דייטשלאַנד. ביי אונדז אין טאַבעלע זענען אָנגעגעבן בנוגע דער צאָל ייִדן אין דייטשלאַנד אין 1939 בערך 57 פּראָצענט דערמאָרדעטע. לגבי 1933, ווען אין דייטשלאַנד זענען געווען 525 טויזנט ייִדן, וועט דער פּראָצענט זיין קלענער אַפילו נאָכן צוגעבן די קרבנות ביז 1939. אין אַלגעמיין קען מען רעכענען, אַז פון 1933 ביז 1945 זענען אומגעקומען און אומגעבראַכט געוואָרן אַרום 180 טויזנט ייִדן, וואָס עס וועט אויסמאַכן אַרום העכער אַ דריטל פון דער צאָל ייִדן אין דייטשלאַנד אין יאָר 1933.

מיר גייען איבער צו אַן אַנאַליז פון די לעצטע צוויי רובריקעס פון דער טאַבעלע — דאָ האָבן מיר דעם חשבון פון דעם, וואָס מיר פאַרמאָגן אין געגעבענעם מאָמענט, אין 1953, אין אייראָפּע. לייגט מען צונויף די צאָל קרבנות (5.957.000) מיט דער צאָל ייִדן אין די זעלבע לענדער אין 1953 (1.386.000), וועלן מיר באַקומען, אַז עס פעלט צו דער צאָל ייִדן אין 1939 אַרום 912 טויזנט נפשות. דאָס פאַלט בערך צונויף מיט דער צאָל ייִדן, וועלכע האָבן פאַר די יאָרן פון 1945 ביז סוף 1953 אויסגעוואַנדערט פון אייראָפּע.

ייִדן זענען געלאָפן פון דעם אייראָפּעיִשן דם־קאָנטינענט ווי פון אַ קאַשמאַר. וואָלטן די איינוואַנדערונג־באַדינגונגען געווען בעסערע, וואָלט געוויס די צאָל ייִדן אין אייראָפּע געוואָרן נאָך ווייניקער. ווייל נאָך עד היום רייסן זיך ייִדן פון

אייראָפּע. אין די ביוראָען פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פּאַריז, ווו זייערע צענטראַלעס געפינען זיך, זענען פאַררעגיסטרירט ביז 30 טויזנט קאַנדידאַטן פאַר אויסוואַנדערונג. עפּנט זיך נאָר ערגעץ אַ שפּאַרונע, וואָס זאָגט צו בעסערע מעג־לעכקייטן פאַר איינוואַנדערונג, לויפן יידן ווי באַנומענע. אַזוי האָבן באַקומען לויט דעם נייעם אימיגראַציע־געזעץ פון אַמעריקע גריכישע בירגער געוויסע פּריווילעגיעס. איז כאָטש פון 75 טויזנט יידן פאַר דער קאַטאַסטראָפע זענען דאָרטן געבליבן נישט מער פון אַזעלכע ניין טויזנט און פון העכער 60 טויזנט יידן אין סאַלאָניקי זענען קוים געבליבן 1.200 האָבן זיך רעגיסטרירט פאַר אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע 700 יידן, די מערהייט פון סאַלאָניקי („דזשוואיש כראָניקל“, 12טן פעברואַר 1954). און וואָלטן פון די קאָמוניסטישע לענדער געווען אויסוואַנדערונג־מעגלעכקייטן, וואָלט די אויסוואַנדערונג אָנגענומען געוויס אַ שטורמישן כאַ־ראַקטער, גאָר נישט אָפּהענגיק פון די איינוואַנדערונג־באַדינגונגען. דאָס האָט מען געזען אין די יאָרן 1951־1949 ווען די סאַטעליטן־לענדער האָבן געעפנט זייערע טויערן פאַר יידישער עמיגראַציע. די באַדינגונגען אין ישראל זענען שוין דע־מאָלט געווען גאַנץ שווערע, אָבער מען האָט גאָר נישט געטראַכט וועגן די באַ־דינגונגען אינעם איינוואַנדערונג־לאַנד. דער עיקר פאַקטאָר איז געווען און איז געבליבן עד היום דער ברענענדיקער רצון זיך אַרויסצורײַסן פון דער קאָמוניס־טישער שטייג, ווו מען איז פאַרשפאַרט אַן פּערספּעקטיוו ווען ס׳נישט איז זיך קענען רירן פון אָרט.

ס׳איז געווען צו וואַרפן אַן אויבנאויפיקן בליק אויף די לעצטע צוויי רובריקעס פון טאַבעלע 6 כדי צו זען, אַז די מזרח־אייראָפּעישע קיבוצים זענען די געליטנסטע — פון העכער דריי מיליאָן יידן אין פּוילן זענען געבליבן קוים 40 טויזנט, קוים אַ ביסל מער פון 1 פּראָצענט. און אויך די דאָזיקע יידן טרוימען ווי זיך אַרויסצורײַסן פונעם קאָמוניסטישן „גן עדן“. אין ליטע און לעטלאַנד, אין צוויי לענדער, ווו פון 80 ביז 85 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער האָבן זיך געלערנט אין העברעישע און יידישע גאַנצע שולן מיט דער מערהייט אַלגעמיינע לימודים אין איינער פון די דאָזיקע נאַציאָנאַלע שפּראַכן און מיט סובסידיעס פון די רעגירונגען, וועלכע האָבן געדעקט כמעט אַלע הוצ־אות — אין די דאָזיקע צוויי געבענטשטע לענדער פאַר דער קאַטאַסטראָפע זענען קוים געבליבן אַזעלכע 6 פּראָצענט פון דער פאַרמלחמהדיקער צאָל יידן. און דער דאָזיקער קלייגלעכער נישאָר איז פאַרשפאַרט אויף זיבן שלעסער און האָט קיין רעכט אַפילו אויף אַ יידיש בלעטל, שוין אָפּגערעדט פון שולעס.

נאָך גרעסער, יעדנפאַלס נישט קלענער איז דער חורבן ביים דייטשן יידנ־טום — מען רעכנט איצט 25 טויזנט יידן אין דייטשלאַנד. דאָס מאַכט אויס קרוב צו 13 פּראָצענט פון דער צאָל יידן אין 1939. מאַכט מען אָבער דעם חשבון לגבי דער צאָל יידן אין 1933 (525 טויזנט), ווען די מאָרד־אַרבעט פון היטלערס

באַנדעס האָט זיך אָנגעהויבן, וועלן מיר באַקומען קנאַפּע פינף פּראָצענט. נאָר מען מוז נאָך וואַרפן אן אויג אויף דער פיזיאָנאָמיע פון דעם דאָזיקן קלעגלעכן נישאַר: — „דער דורכשניט־עלטער פון אַ ייִדן אין דייטשלאַנד אין 1953 איז געווען — 55־54 יאָר, אַרום 20 יאָר עלטער, ווי ביי דער נישט־ייִדישער באַפעל־קערונג. די מערהייט ייִדן אין בערלין זענען פאַרהייראַטע צו קריסטלעכע פּאַרט־נערס. די קינדער פון געמישטע חתונות באַהאַלטן זייער ייִדישן אָפּשטאַם. צווישן 251 ייִדישע נפשות אין האַנאָווער זענען פאַראַן נאָר 13 אין עלטער צווישן 20 און 30 יאָר. דער פּראָצענט יונגע מענטשן ביי ייִדן איז אין אַנדערע קהילות נאָך קלענער" („די צייט", האַמבורג, 25טן פעברואַר, ציטירט לויט קאָנגרעס־ביולע־טין פון לאָנדאָן, 2טן מערץ 1954).

דאָס דאָזיקע דעגענעראַציע־בילד פונעם דייטשן נישאַר איז הונדערט פּראָ־צענט פּאַסיק אויך פאַרן רעשט פון 12 טויזנט ייִדן אין עסטרייך.

מיר האַלטן נישט פאַר נויטיק זיך ווייטער אָפּצושטעלן אויף אַלע קיבוצים — מיר וועלן נאָר מאַכן דעם חשבון פאַרן ייִדנטום פון גאַנץ אייראָפּע. אין די לענדער, וועלכע האָבן געליטן פון דער היטלער־שחיטה, האָבן מיר געהאַט אין יאָר 1953, 1 מיליאָן מיט 386 טויזנט ייִדן. צו דער דאָזיקער צאָל דאַרף מען צו־געבן די ייִדן פון ראַיאָנען אָדער לענדער, וועלכע האָבן נישט געליטן פון דער קאַטאַסטראָפע. אין אייראָפּעיִשן טייל פון סאָוועטרוסלאַנד, וואָס האָט נישט גע־ליטן פון היטלערס באַנדעס, געפינען זיך אַרום 900 טויזנט ייִדן; אין ענגלאַנד אַרום 400 טויזנט; און אין קליינע לענדער (שווייץ, שוועדן, שפּאַניע און פּאָרטו־גאַל) אַרום 40 טויזנט. צוזאַמען האָבן מיר אין נישט־געליטענע אַרום — 1.340.000. צוזאַמען מיט די 1.386.000 ייִדן פון די געליטענע לענדער וועלן מיר באַקומען אין אייראָפּע אין יאָר 1953 נישט מער פון צוויי מיליאָן מיט 726 טויזנט נפשות. אַזוי ווי אין יאָר 1939 זענען געווען אין אייראָפּע אַרום 9 מיט אַ האַלבן מיליאָן ייִדן, זענען איצט נאָך דער שחיטה און נאָך דער מאַסן־אויסוואַנדערונג פון די נאָכמלחמה־יאָרן געבליבן נישט מער פון אַרום 28 פּראָצענט פון דער צאָל ייִדן אין 1939.

ס'איז אָבער נישט גענוג פעסטצושטעלן די נומערישע גרויס פון דער ייִדי־שער באַפעלקערונג און דערפון ציִען שלוסן וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ ייִדישן לעבן אין אייראָפּע. מיר מוזן צוגיין צו דער דאָזיקער ערנסטער פראַגע קאָנקרע־טער און פּראַקטישער.

פון דער העכער אויסגערעכנטער צאָל ייִדן אין אייראָפּע אין 1953, כמעט צוויי מיליאָן מיט דריי פערטל, פאַלט אַראָפּ די גרעסטע מערהייט פון די קאָמו־ניסטישע לענדער — זיי זענען דאָך נישט נאָר אָפּגעריסן פונעם כלל ישראל און דער לעצטער פון זיי, נאָר זיי זיי זענען צעריסן און צעפּרעמדט אַפילו צווישן

זיך. וואָלטן די העכער צוויי מיליאָן יידן פון אַלע קאָמוניסטישע לענדער אין איי־ראָפּע געווען פריי אין פּרט פון נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך און אין פּרט פון נאַ־ציאָנאַלן שאַפן, וואָלט מען דאָך געקענט האָבן געוויסע האָפענונגען אויף דעם דאָזיקן גרעסטן טייל פונעם אייראָפּעישן יידנטום. די לאַגע איז אָבער גאַנץ אַנדערש.

די סאָוועטישע יידן — קרוב צוויי מיליאָן מיט די יידן פון די אַזיאַטישע טיילן פון סאָוועטרוסלאַנד — זענען אינגאַנצן פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג. די לעצטע צייט האָט מען עפּעס געהערט וועגן די דאָרטיקע יידן אַלס אַ רעליגיעזע גרופּע, אָבער טאַקע נישט מער. און אויך דאָס אין זייער באַגרענעצטע פאָרמען — אין אַ טעלעגראַמע פונעם מאָסקווער רב צו ראש השנה פון 1953 איז געגעבן אָנצוהערן, אַז יידן האָבן אַ מעגלעכקייט פריי צו דאַווענען, אָבער נישט זיך צו פאַראייניקן אַפילו ווי א רעליגיעזע גרופּע. און לויט אַ טעלעגראַמע אין „טיימס" פון 22טן נאָוועמבער 1953 ווערט קלאָר, אַז ביי די סינאַגאָגעס, די איינציקע נאָך פונקציאָנירנדיקע יידישע אינסטיטוציעס אין סאָוועטרוסלאַנד, זענען קיין קורסן פאַר יידישע קינדער נישט פאַראַן. ס'וואַקסט לכן אין סאָוועטרוסלאַנד אַ דור, וואָס וועט זיין הונדערט פּראָצענט אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט.

דאָ איז נישט די לאַגע, ווי זי פלעגט זיין אין לענדער, וווּ מען האָט פאַר־פאָלגט און געפּייניקט יידן — מען האָט דאָרטן געקענט פירן אַ יידיש לעבן אין פּרט פון רעליגיע, שפּראַך און קולטור. חוץ, פאַרשטייט זיך, אין די לענדער, ווו די קרייץ־צוגן האָבן געווילדעוועט אָדער די אינקוויזיציע האָט געפלאַמט. מערסטנטיילס, באַזונדערס אָנהייבנדיק פון 18טן יאָרהונדערט, האָט מען פאַר־פאָלגט יידן און געלאָזט צורו יידישקייט. דאָס יידישע פאָלק האָט ברייט אויסגע־נוצט די דאָזיקע יידישקייט־פּריווילעגיע און האָט די לעצטע צוויי הונדערט יאָר געשאַפן אַ וווּנדערבאַר ברייט־פאַרצווייגטע און טיף־פאַרוואָרצלטע יידישע קול־טור. דער סאָוועטישער ביישפּיל איז אַ שפּאַגל נייער אין דער יידישער גלות־געשיכטע; דער ייד־יחיד איז אַבסאָלוט פריי, ער געניסט פון אַלע גיטער צו גלייך מיט נישט־יידן. דער יידישער כלל און די יידישקייט־קולטור אין אַלע אירע פאָרמען זענען פאַרבאָטן און ווערן פאַרניכטעט. דאָס איז אַבסאָלוט אַ גאַנץ נייע סיטואַציע אין דער יידישער געשיכטע. אונדזערע שטענדיקע האָפענונגען אויף יידישע עקשנות און טראַציקייט און אויף דעם היסטאָריש אַזוי אויסגע־פּרוווטן פּרינציפּ פון „מעז יצא מתוק" קענען, לײדער, דאָ נישט גילטן. די סאָ־וועטישע ביטש שלאָגט נישט דעם יחיד, נאָר דעם כלל — און דער צעפאַל און די נאַציאָנאַלע דעגענעראַציע פונעם יונגן דור, וואָס הייבט נישט אָן צו וויסן פון יידישקייט און האָט נישט געזען אין לעבן קיין צורת אות, האָבן געוויס שוין אָנגענומען שרעקלעכע מאָסן און שרעקלעכע פאָרמען. גענוג צו דערמאָנען, אַז

שוין אין די יאָרן 1926-1924 האָבן די געמישטע חתונות ביי די ייִדישע מענער אויסגעמאַכט אין צענטראַל־רוסלאַנד — 20,7 און ביי די פרויען 12,5%. אין לענינגראַד זענען די געמישטע חתונות געווען נאָך מער פאַרשפּרייט — ביי די מענער — 25,6% און ביי די ייִדישע פרויען — 20,30% 1). דער פּראָצענט ייִדן איז סאָוועטרוסלאַנד, וואָס לעבן אין די צענטראַלע גובערניעס, דער עיקר אין מאָסקווע און לענינגראַד, איז איצטער אַ סך העכער, ווי אין די 20ער יאָרן פון דורכן דיקן יאָרהונדערט, און גאָר אַ גרויסער פּראָצענט פונעם סאָוועטישן ייִדנטום געפינען זיך אין די אַזיאַטישע געגנטן — און דאָרטן זענען געוויס די געמישטע חתונות נאָך מער פאַרשפּרייט.

מיר קומען צום טרויעריקן אויספיר, אַז לעת עתה מוזן מיר די סאָוועטישע ייִדן אַראָפּוואַרפן פונעם חשבון פונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום — זיי זענען דאָך אַפילו נישט קיין פּאַסיווע אויפנעמער פון ייִדישע קולטור־שאַפונגען, שוין אָפּגערעדט פון אַקטיוון טיילנעמען אין ייִדישן קולטור־גייסטיקן לעבן.

פון די ייִדנשאַפטן פון אַלע איבעריקע קאָמוניסטישע לענדער אָטעמט נאָך אַ ביסל נאָך דאָס פּוילישע ייִדנטום, ריכטיקער די קליינע גרופּקע יעווסעקן. עס דערשיינט נאָך דאָרטן דריי מאָל אין וואָך אַ ייִדישע צייטונג, אַ חודש־שריפט און אַ פערטל־יאָר שריפט, געווידמעט דער עיקר דער קאַטאַסטראָפע־פאָרשונג. עס אָטעמען נאָך קוים 6-5 ייִדישע שולעס, וווּ די מערהייט לימודים ווערן געפירט אין ייִדיש; אין עטלעכע אַלגעמיינע שולעס מיט אַ גרעסערער צאָל ייִדישע קינדער ווערט געגעבן אַ ספּעציעלער קורס פון ייִדיש אַלס אַ שפּראַך. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט קיין שום צוקונפט. ערשטנס איז די צאָל ייִדן שרעקלעך קליין און די אַסימילאַציע שלינגט אין דעם דאָזיקן 0.2% ייִדן. פאַר די לעצטע 4-3 יאָר איז די צאָל ייִדישע שולעס געוואָרן פיר מאָל קלענער און די צאָל תלמידים אין ייִדישע שולעס איז געוויס נאָך מער געפאַלן. נאָר עס גייט דאָך נישט נאָר אין לשון — עס איז נאָך וויכטיק וואָס מען לערנט. אין די לערן־ביכער, וואָס זענען דערשינען אין רעלאַטיוו גרויסע צאָלן, קען מען נישט געפינען קיין שורה וועגן אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן יום טוב, וועגן אַ ייִדישער געשיכטלעכער געשעעניש. עס ווערט אַנטוויקלט אין די קינדער אַ געדיכטער משוגענער פּאַטריאָטיזם לגבי סאָוועטרוסלאַנד און לגבי דער קאָמוניסטישער פּוילן און אַן אַקטיווע שינאה לגבי מדינת ישראל, קלאָר, אַז עס וואָלט געווען פיל בעסער אָן ייִדישע שולעס. דער געזונטער נאַציאָנאַלער אינסטינקט ביי די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע האָבן שוין פון סאַמע אָנהייב פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור און יעווסעקישער שול־פּראָגראַם בעסער געשיקט זייערע קינדער אין אַלגעמיינע שולעס און נישט אין יעווסעקיש־ייִדישע —

1) יידן אין סאָוועטרוסלאַנד (רוסיש), 1926, ז׳ 26.

אָט דער זעלבער נאַציאָנאַלער אינסטינקט דיקטירט איצט די פּוילישע ייִדן צו האַלטן זייערע קינדער וואָס ווייטער פון די אַנטי־ייִדישע שולעס פון די ייִדישע קאָמוניסטן.

פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט מוז מען, ליידער, אויך אַראָפּוואַרפן די קליינע ייִדישע קיבוצים. מיר וועלן ווייטער אין קאַפּיטל וועגן געמישטע חתונות ברענגען אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל וועגן געמישטע חתונות אין דער שווייץ און אין דע־נעמאַרק און מיר וועלן זען, אַז די אַסימילאַציע פרעסט אויף גאָר גיך דעם אונטער־וואַקסנדיקן דור אין קליינע ישובים.

שטעלט זיך איצט די פראַגע: ביי וואָס בלייבן מיר אין אייראָפּע, אויפן קאָנטינענט, וו עס האָט זיך צעוויקלט די לעצטע ייִדישע טויזנטיאָריקע געשיכ־טע מיט אַזעלכע רייכע און זאַפטיקע נאַציאָנאַלע שאַפונגען און דערגרייכונגען?

פונעם היסטאָרישן אייראָפּעיִשן ייִדנטום זענען מיר געבליבן ביי נישט מער, ווי ביי צוויי גרעסערע ישובים, וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך אַקטיווע גלידער פון ייִדישן כלל — ענגלאַנד מיט אירע 400 טויזנט ייִדן, און פראַנקרייך מיט אירע 250 טויזנט ייִדן, צוזאַמען קוים 650 טויזנט נפשות אין צוויי לענדער מיט אַן ערך 95 מיליאָן איינוווינער, אַלזאָ קוים 0.7% פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג און דערביי אַ באַפעלקערונג מיטן העכסטן אַסימיליר־פּאָטענציאַל. ביז וואַנען עס האָט נאָך געלעבט דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער צענטער איז געגאַנגען אַ באַדייטנדיקער שטראָם איינוואַנדערער פון דאָרטן קיין ענגלאַנד ביז בערך דער ערשטער וועלט־מלחמה און קיין פראַנקרייך ביז דער סאַמע לעצטער וועלט־מלחמה. די מזרח־אייראָפּעיִשע „געטאָס" אין לאָנדאָן און פּאַריז האָבן נישט ווייניק מיט־געווירקט צו דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג פון די אַלט־איינגעזעסענע, שוין טיף אַסימילירטע ייִדישע גרופּעס. דורך די דאָזיקע „געטאָס" איז די השפּעה פונעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן צענטער געווען אַן אומאויפהערלעכע אַפילו נאָך ביי דער אויפגעהערטער איינוואַנדערונג פון לעבעדיקע ייִדן קיין ענגלאַנד — געוויס אַ שוואַכערע, אָבער דאָך אַ גענוג ווירקנדיקע. שוין דורך דער פאַרזאָרגונג פון די דאָזיקע צוויי קיבוצים מיט גייסטיקע פירער, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע. איצט זענען די דאָזיקע ישובים שטאַרק פאַריתומט געוואָרן אין דער האַלב־ביליאָניקער אייראָפּע.

די גרויסן, וואָס קומען פון ביידע יתום־קיבוצים אין אייראָפּע, זענען מער ווי טרויעריק. אין ענגלאַנד: אַ סך געמישטע חתונות; ביאָלאָגישער מינוס ביי די העכערע און מיטעלע קלאַסן און די ייִדישע נידעריקע קלאַסן ווערן אַלץ שיטערער, דורך אָרטיקן סאָציאַלן אויפשטייג און דורך אויסוואַנדערונג. דאָס איינציקע ייִדיש בלעטל, וואָס האָט עקסיסטירט צענדליקער יאָרן, האָט אויפגעהערט צו דערשיי־נען. דער ייִדישער טעאַטער איז אונטערגעגאַנגען און די פּראָבעס צו שפּילן ייִדישן

טעאַטער אין ענגליש זענען דורכגעפאַלן. די שליסונג פון איינעם פון די עלטסטע בתי מדרשים אין ווייטשעפּל, אינעם לאָנדאָנער קוואַרטאַל, וואָס האָט במשך פון צענדליקער יאָרן געשפּייזט ־אָס גאַנצע ענגלישע יידנטום מיט מאָדערנער ייִדי־שער קולטור און מיט אַ לעבעדיקן אינטענסיוון קאָנטאַקט מיט אַלע ייִדישע נאַ־ציאָנאַלע באַוועגונגען, איז זייער סימבאַליש און אַלאַרמירט דאָס גאַנצע ענגלישע ייִדנטום. ייִדישע דערציִונג באַקומען קוים 40 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע קינדער אין שול־עלטער און די דערציִונג איז אַ קורץ־דויערנדיקע און לאָזט גאַנץ שוואַכע שפּורן אין די הערצער און אין די נשמות פון די קינדער.

מיר וועלן שפּעטער רעדן וועגן דער קליינער אויפלעבונג, וועלכע מערקט זיך די גאָר לעצטע יאָרן — ס'איז אָבער גאָר קיין ספק נישט, אַז לעת עתה, ביז מדינת ישראל איז נאָך גאָר שוואַך אין פּרט פון קולטורעלער השפּעה, קען נישט די דאָזיקע אויפלעבונג, מעג זי זיין ווי אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן און ווי באַווירקט פונעם אויפקום פון מדינת ישראל, קען זי נישט צוימען דעם אַסימילירּ־לויף פון דער אַרומיקער סביבה.

פיל לעבעדיקער און פרוכטבאַרער איז דער ישוב אין פראַנקרייך, ווו ער באַשטייט אויף צוויי דריטל פון פּריש איינגעוואַנדערטע מזרח־אייראָפּעיִשע עלע־מענטן און וואָס האָט באַקומען שוין נאָך דער לעצטער מלחמה אַ באַדייטנדיקן צו־שטראָם פון ייִדישער אינטעליגענץ און פון אַנגעזעענע ייִדישע כלל־טוער אַ דאַנק דעם לויפן פון די קאָמוניסטישע לענדער. עס דערשיינען דאָרטן דריי טעגלעכע ייִדישע צייטונגען, אויך איינינקע וואָכנבלעטער און גאַנצע פיר חודש־אויסגאַבעס. עס דערשיינען אויך ביכער אין ייִדיש און זעלטן אויך אין העברעיִש. מיר וועלן אינעם קאַפּיטל וועגן די נאַציאָנאַליזיר־פּראָצעסן זיך אויספירלעך אָפּשטעלן אויף דער גייסטיק־קולטורעלער אַקטיוויקייט פונעם ישוב אין פראַנקרייך, באַזונדערס אויפן געביט פון קאָנסאָלידאַציע און פון דערנעענטערונג צווישן די אַלט־איינגעזע־סענע און ניי־אָריינגעקומענע ייִדן. עס איז אָבער אַן אַלגעמיינע מיינונג, אין דעם כלל אויך פון זייער קאָמפּעטענטע כלל־טוער, אַז דאָס איז אַן אויפלעבונג אָן וואָרצלען, אַן צוקונפט־צוזאָגן. מען ווייזט אָן אויף דעם סימפּטאָמאַטישן פאַקט, אַז דווקא אין פראַנקרייך באַזוכן אַלע טיפּן ייִדישע שולעס נישט מער פון 12־10 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע קינדער אין שול־עלטער. עס רודערט זיך די לעצטע צייט אויף דעם באַדן פון חינוך און געוויס זענען פאַראַן געוויסע פאַרבעסערונגען, אָבער זייער ווינציקע און שוואַכע, און איין גאָט ווייסט, ווי טיף זיי וועלן גראָבן.

דער פראַנצויזישער ישוב, באַזונדערס זיין פריש־איינגעוואַנדערטער צווייג, טרוימט וועגן אויסוואַנדערונג — צוריק מיט עטלעכע יאָר, באַלד נאָך דער קאַ־טאַסטראָפע און שפּעטער ביי דער פּאַניק אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פחד פאַר אַ נייער וועלט־מלחמה, איז מען געזעסן אויף די פּעקלעך. מען האָט זיך באַרויִקט

די לעצטע יאָרן, אָבער מען זוכט נאָך אַלץ קניפּן אין די איינוואַנדערונג־לענדער און מען גיט נישט אויף אײנגאַנצן דעם טרוים וועגן פאַרלאָזן דעם אייראָפּעיִשן דם־קאָנטינענט.

עד כאן דער באַלאַנס פונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום, פון אַ צווייג פון ייִדישן פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געגעבן דעם ייִדישן גייסט און נאָך מער צוגעזאָגט און געפּלאַנצט האָפענונגען און אַזוי טרויעריק און פאַטאַל פאַרענדיקט! חסל סידור אייראָפּעיִש ייִדנטום, דעם פרוכטבאַרסטן טרעגער פון ייִדישע שאַפונגען און ווערטן אין משך פון העכער טויזנט יאָר!

# די ליקווידאַציע פון די יידישע ישובים אין די מוסולמענישע לענדער

די טראַנספאָרמאַציע פונעם יידישן גלות שעפּט זיך נישט אויס מיט דעם אונטערגאַנג פונעם אייראָפּעישן יידנטום און מיטן אויפקום פון די צוויי צענטערן — נאָרד־אַמעריקע און מדינת ישראל. אַ גאַנץ גרויסע ראָלע שפּילט אויך די ליקווידאַציע פון די יידישע קיבוצים אין די מוסולמענישע לענדער; קיבוצים טיף־פאַרוואָרצלטע אין די אַרומיקע סביבות און געדיכט אַרומגעוואַקסענע מיט אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן.

די יידן פון די אָריענטאַלישע לענדער ציילן זייער גלות־געשיכטע מער ווי צוויי טויזנט יאָר. וועגן דעם גלות־בבל (איצט איראַק) איז גוט באַקאַנט, אַז ער ציילט שוין מער פון צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר — אַ המשך טאַקע פון ערשטן גלות־בבל, ווייל מיט עזרא און נחמיה האָבן נישט אַלע פאַרלאָזט דאָס גלות־לאַנד. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן גלות־תימן. און עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז קיין איינער פון די פילע ישובים פון די מוסולמענישע לענדער איז נישט יינגער פון צוויי טויזנט יאָר.

ס'איז נישט מער ווי נאַטירלעך, וואָס אויף דער ריין־יידישער אָריגינעלער קולטור־ און גייסט־ירושה האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גאַנץ הויכער באַרג פרעמדע השפּעות, פּאָזיטיווע און געוויס מער נעגאַטיווע. נאָר אַלע פאָרשער פון יידישן לעבן אין די דאָזיקע אָפּגעשטאַנענע לענדער זענען מסכים, אַז דער גרונט־באָדן פון דעם יידישן גייסטיקן לעבן איז פונדעסטוועגן געבליבן גאַנץ געזונט — ער איז אַ טראַדיציאָנעל־ביבלישער און אַ קאָנסערוואַטיוו־תלמודישער. באַזונדערס וויכטיק איז דאָס, וואָס דער חינוך איז אין די דאָזיקע אַלע לענדער געבליבן אַ וואָרצלדיק יידישער, אַ טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַלער. די קינדער לערנען אין חדרים לאַנגע יאָרן און די העברעיִשע שפּראַך איז נישט פרעמד דעם דאָרטיקן ייִדן. אין דער אָרעמסטער יידישער פאַמיליע אין תימן, אינעם אָרעמסטן לאַנד פון מיטל־מזרח, האָט מען געפונען יידישע ספרים, און עס איז באַקאַנט, ווי די העברעיִשע שפּראַך איז שטאַרק פאַרשפּרייט דווקא צווישן די דאָזיקע אָרעמסטע יידן פון דעם אָריענטאַלישן גלות.

די גרעסטע מערהייט יידישע קיבוצים פון די אָריענטאַלישע לענדער האָבן

געלעבט, און די עקסיסטירנדיקע לעבן נאָך איצט, אין שרעקלעכער נויט און דחקות, אומגעפּער ווי אין די געטאָס פון מזרח־אייראָפּע אינמיטן פון 19טן יאָר־הונדערט. דאָך האָבן זיי פאַרמאָגט, און די געבליבענע פאַרמאָגן נאָך איצט, אַ סך אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן פון צדקה — און אויך פון חינוך־כאַראַקטער.

אַלס אַ ביישפּיל פון חינוך־אינסטיטוציעס אין איינעם פון די מוסולמענישע לענדער וועלן מיר ברענגען אייניקע דאַטעס וועגן דעם שול־וועזן אין איראַק, וועגן וועלכן מיר פאַרמאָגן גראַד זייער דעטאַליזירטע און ביז גאָר אינטערעסאַנ־טע ידיעות.

אין באַגדאַד, אין דער הויפּט־שטאָט פון איראַק, ווו עס האָבן געלעבט פאַר דער גרויסער יציאה העכער 80 טויזנט יידן פון 139 טויזנט אין גאַנצן לאַנד, זענען געווען אין יאָר 1950 — 29 יידישע שולעס מיט 13.448 תלמידים און תלמידות 1). דאָס מאַכט אויס קרוב צו 17 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און שעפּט אויס בערך אַלע קינדער אין שול־עלטער. פון די דאָזיקע 29 שולעס זענען 16 געווען פון דער קהילה און אין זיי האָבן זיך געלערנט 10.458, קרוב צו 80 פּראָ־צענט פון אַלע שול־קינדער. די שולעס זענען געווען פון די טיפּן: פאָלקס־שולעס, מיטלשולעס און העכערע. די קהילה האָט פאַרמאָגט צוויי גימנאַזיעס, צוויי מיטל־שולעס און די איבעריקע פאָלקס־שולעס. מיר זעען, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט נישט נאָר אין עלעמענטאַרער בילדונג. די באַגדאַדער קהילה האָט אויך פאַרמאָגט צוויי פּראָפעסיאָנעלע שולעס מיט 570 תלמידים און תלמידות. איינע פון די פאָלקס־שולעס פון דער קהילה האָט עקסיסטירט פון יאָר 1832, אַלזאָ פון מער פון הע־כער הונדערט יאָר צוריק. אַ צווייטע קהילה־שולע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1864. די שולע פון יאָר 1832 האָט געהאַט אין יאָר 1950 — 1.100 תלמידים און די צווייטע שולע — 988 תלמידים. אַ דריטע שולע איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1893 און האָט געהאַט 1950 — 1.388 תלמידים. פון דעם, וואָס די באַגדאַ־דער קהילה האָט שוין אין משך פון 19טן יאָרהונדערט געגרינדעט שולעס מיט גרויסע צאָלן תלמידים איז גרינג צו דרינגען, אַז דאָס איז געווען אַ גוט אָרגאַ־ניזירטע און מער ווי אַ גוט פונקציאָנירנדיקע קהילה.

זאָל זיין אַפילו, אַז די באַגדאַדער יידישע קהילה איז נישט גאָר טיפּיש, ווייל דאָס איז געווען רעלאַטיוו איינע פון די פאַרמעגלעכסטע יידישע געמיינדעס אינעם אָריענט — דאָך איז געווען באַקאַנט, אַז דער געבאָט „ותלמוד תורה כנגד כולם" איז געווען היילִיק אַפילו ביי די אָרעמסטע קהילות פונעם אָריענט און איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן בערך, ווי ביי די פּוילישע יידן אין 17טן און אין 18טן יאָרהונדערט, וועלכע זענען אויך געווען געבוג אָרעם. חוץ חינוך־אינסטי־

1) ילקוט המזרח התיכון, אָב־אלול, תשי"א (אויגוסט־סעפּטעמבער 1951) ירושלים, ז' 13.

טוציעס זענען געווען פיל אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און ייִדישע אָרגאַניזירטע קהילות האָבן אומעטום פונקציאָנירט און אַנטוויקלט אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. מיר מיינען, אַז אַפילו די שולעס פון דער „אַליאַנס״, אין וועלכע עס לערנען זיך נאָך איצטער — 1954 — העכער 45 טויזנט ייִדישע קינדער, וואָלטן נישט געקענט אַזוי רעגולער פונקציאָנירן אָן דער מיטהילף פון לאָקאַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות.

דער פועל יוצא פון דעם אַלעם געזאָגטן איז קלאָר — די ליקווידאַציע פון קהילות אַפילו אין די אָרעמע און אָפּגעשטאַנענע לענדער פונעם אָריענט מיינט אויך אַ פאַרלוסט פון באַדייטנדיקע געזעלשאַפטלעכע קולטור־פאַרמעגנס. בפרט נאָך ביי אַ ליקווידאַציע אונטער דער בייטש פון פּאָגראָמען און דערלויבטע רויבערייען, ווי דאָס איז געווען אין איראַק, טיילווייז אין תימן און אין פיל אַנדערע מוסולמענישע לענדער.

לאָמיר זען, ווי עס גייט די ליקווידאַציע פון די עלטסטע ייִדישע גלות־קיבוצים. מיר וועלן אין דעם פאַל פאַרגלייכן די צאָל ייִדן אין די אַראַבישע לענדער אין 1948 און אין 1953, ווייל די ליקווידאַציע פון גאַנצע ייִדישע קיבוצים אין די מוסולמענישע לענדער האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט דער גרינדונג פון מדינת ישראל.

### טאַבעלע 7

## די צאָל ייִדן אין פאַרשיידענע מוסולמענישע לענדער אָנהויב 1948 און סוף 1953

| לענדער | 1948 | 1954 אַבס. | 1954 % לגבי 1948 |
|---|---|---|---|
| 1) איראַק | 130.000 | 8.000 | 6.1 |
| 2) תימן און אדן | 50.000 | 500 | 1.0 |
| 3) סיריע און לבנון | 15.000 | 12.000 | 80.0 |
| 4) אַזיאַטישע טערקיי | 30.000 | 10.000 | 33.3 |
| 5) איראַן | 100.000 | 75.000 | 75.0 |
| 6) ליביע 1) | 35.000 | 4.000 | 11.4 |
| 7) מאַראָקע 2) | 240.000 | 200.000 | 83.3 |
| 8) טוניס | 100.000 | 90.000 | 90.0 |
| 9) אַלזשיר | 140.000 | 130.000 | 92.8 |
| סך־הכל | 840.000 | 529.500 | 63.0 |

1) שליסט איין טריפּאָלי און קירענאַיקע.
2) שליסט איין שפּאַניש־מאַראָקע און טאַנזשער.

בנוגע אַלע ניין לענדער איז די צאָל ייִדן געוואָרן קלענער נאָר מיט אַ ביסל העכער פון איין דריטל. נעמט מען אָבער באַזונדערע לענדער ווערט דאָס בילד קלאָרער און בולטער. דריי גרויסע ייִדישע קיבוצים, איראַק, תימן און אַדן, און ליביע זענען כמעט לחלוטין ליקווידירט — פון 215 טויזנט ייִדישע איינוווינער אין יאָר 1948 זענען געבליבן נאָר 12.500, נישט מער פון 5.8%. דערביי איז וויכטיק, וואָס דאָס ייִדישע לעבן איז סיי ווי שוין אַזוי איינגעשרומפּן געוואָרן, אַז עס דאַרט איין פון טאָג צו טאָג אַלץ מער. די ייִדישע רעשטלעך אין ליביע וואָלטן גערן פון דאָרטן אַנטלאָפן, ווייל ס׳איז זיי שרעקלעך צובלייבן אַליין מיט די אַראַבער. די לעצטע צייט איז זייער לאַגע געוואָרן נאָך טרויעריקער — די ליבישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן יעדע פּאָסט־פאַרבינדונג מיט ישראל. און די ליבישע ייִדן האָבן אייגענע און פריינט אין ישראל, וווּהין עס האָבן דאָך אויסגעוואַנדערט קרוב צו ניינציק פּראָצענט פון די ייִדן פון דאָזיקן לאַנד.

די לאַגע אין די צפון־אַפריקאַנישע לענדער ווערט פון יאָר צו יאָר אָנגעשטרענגטער און דער פּאָליטישער קעסל דראָט אויפצורייסן. און רייסט ווו ס׳נישט איז אויף אַ פּאָליטישער קעסל, לאָזט זיך דאָס אויס אין דער ערשטער רייע צו דער ייִדישער באַפעלקערונג. מעגן די פירער פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין די דאָזיקע לענדער זיין ווי ערלעך און ערנסט מיט זייערע הבטחות, אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן צו קיין פּאָגראָמען אויף ייִדן. באַזונדערס שווער און געפערלעך איז די לעצטע צייט געוואָרן די לאַגע אין מאַראָקע, ווו דאָס אַראָפּזעצן פונעם פריִערדיקן סולטאַן און דאָס אַרויפרוקן אויף זיין פּלאַץ דעם נייעם פראַ־פראַנצויזישן סולטאַן האָט אַרויסגערופן טעראָריסטישע קאַמפן, וועלכע האָבן געגעבן צענדליקער קרבנות. דערביי איז שוין פאָרגעקומען, אויגוסט 1953, אַ שטיקל פּאָגראָם אויף ייִדן מיט פיר דערמאָרדעטע אין אוזשדע, אין דער זעלבער שטאָט, ווו עס זענען פאָרגעקומען אַנטי־ייִדישע אָנפאַלן מיט מענטשלעכע קרבנות שוין עטלעכע מאָל אין די לעצטע צען יאָר. דער נייער סולטאַן איז דווקא אַן אוהב ישראל און עס איז באַקאַנט, אַז ער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעראַטעוועט ייִדן פון פּאָגראָמען אין די מלחמה־יאָרן — דאָס קען אָבער נישט און טאָר נישט באַרויִקן די ייִדישע געזעלשאַפט. יעדנפאַלס מוז מען רעכענען מיט אַ פּאָטענציאַלער עמיגראַציע פון בערך אַ האַלבן מיליאָן ייִדן פון צפון־אַפריקע מיט איראַן, ווו די לאַגע פון ייִדן איז אַזוי עקאָנאָמיש קאַטאַסטראָפאַל, אַז זיי וואַנדערן קיין ישראל אויך די גאָר לעצטע חדשים, נישט געקוקט אויף דער שווערער לאַגע אין מדינת ישראל.

דער פּראָצעס פון טראַנספאָרמאַציע פון בילד פון ייִדישן פאָלק אין די גלות־לענדער איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרענדיקט — די גרונט־שנוים אָבער זענען אין אַ גרויסער מאָס פאַרענדיקט און מען קען שוין אונטערפירן געוויסע סך־הכלן. צו דעם גייען מיר איצט איבער.

# די נייע געאָגראַפֿישע פֿאַרטיילונג פֿון יידישן פֿאָלק

מיר האָבן שוין אויבן באַוויזן, אַז די טראַנספֿאָרמאַציע פֿון דעם בילד פֿון יידישן פֿאָלק האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן פֿון דעם אָרגאַנישן וואַנדערונג־פּראָצעס, וואָס האָט צוערשט פֿאַרכאַפּט דאָס דייטשע יידנטום, שפּעטער דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע און צולעצט אויך די יידן פֿון די מוסולמענישע לענדער. אַ טיפֿן שניט אין דער פֿאַרטיילונג פֿון יידישן פֿאָלק איבער קאָנטינענטן און לענדער האָט אַריינגעטראָגן די היטלער־שחיטה, וועלכע האָט מיט איין מאָל פֿאַרקלענערט די צאָל יידן אין אייראָפּע מיט קרוב זעקס מיליאָן יידישע נפֿשות.

פֿאָלגנדיקע טאַבעלע וועט אָפּשפּיגלען די רעזולטאַטן פֿון ביידע גרונט־פֿאַקטאָרן, וועלכע האָבן ראַדיקאַל געביטן די געאָגראַפֿישע פֿיזיאָנאָמיע פֿון יידישן פֿאָלק.

טאַבעלע 8

### די פֿאַרטיילונג פֿון יידישן פֿאָלק לויט קאָנטינענטן (1840—1953)

| קאָנטינענטן | 1840 אַבס. | 1840 % | 1900 אַבס. | 1900 % | 1939 אַבס. | 1939 % | 1953 אַבס. | 1953 % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אין 1000 | | | | | | | |
| 1) אייראָפּע | 3.950 | 87.8 | 8.900 | 80.9 | 9.500 | 57.8 | 2.725 | 23.7 |
| 2) אַמעריקע | 50 | 1.1 | 1.200 | 10.9 | 5.250 | 31.9 | 6.100 | 52.8 |
| 3) אַזיע: | | | | | | | | |
| א) ארץ־ישראל | 10 | 0.2 | 35 | 0.3 | 480 | 2.9 | 1.475 | 12.8 |
| ב) אַנדערע | 290 | 6.5 | 475 | 4.3 | 550 | 3.4 | 600 | 5.2 |
| 4) אַפֿריקע | 198 | 4.4 | 375 | 3.4 | 625 | 3.8 | 600 | 5.2 |
| 5) אויסטראַליע | 2 | 0.0 | 15 | 0.2 | 35 | 0.2 | 55 | 0.3 |
| צוזאַמען | 4.500 | 100.0 | 11.000 | 100.0 | 16.440 | 100.0 | 11.555 | 100.0 |

ראשית דבר מוזן מיר דערקלערן די סך־הכל־ציפער פון 1953 אין פאַרגלייך מיט די זעלבע פון 1939 — ס'באַקומט זיך, אַז ס'פעלן נישט מער ווי 4 מיליאָן מיט 890 נפשות און נישט קיין קרוב זעקס מיליאָן, ווי מיר האָבן העכער געזען. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם נאַטירלעכן צוווּקס פאַר די יאָרן — פון 1939 ביז 1953. ביי די אַמעריקאַנער יידן איז דאָך די גאַנצע צייט געגאַנגען אַ ביאָלאָגישער וווּקס — פאַר דעם גאַנצן קאָנטינענט מאַכט ער אויס נישט ווייניקער פון אַ האַלבן מיליאָן נפשות. אויך אין ישראל איז פאַר דער צייט פון 1939 ביז 1953 געווען אַ באַדייטנדיקער צוווּקס — צוזאַמען מיטן צוווּקס ביי די יידן פון די איבעריקע אַזיאַטישע לענדער און פון אַפריקע באַטרעפט ער אַרום 430 טויזנט נפשות. ענדלעך איז דאָך ביי די אייראָפּעיִשע יידן אין די יאָרן פון סוף מלחמה ביז סוף 1953 אויך געווען אַ נאַטירלעכער צוקום פון אַזעלכע 140 טויזנט נפשות. צוזאַמען האָבן מיר אַ נאַטירלעכן צוקום פאַר דער גאַנצער צייט פון אַרום 1 מיליאָן מיט 70 טויזנט נפשות — דאָס איז דער ביאָלאָגישער עודף, וועלכער דעקט אַ קליינעם טייל פון די פאַרלאָרענע יידן אין די יאָרן פון דער מלחמה.

לאָמיר איצטער פּרוּוון אַנאַליזירן די טאַבעלע 8 — די דאַטן פון 1840 ביז 1939 שפּיגלען אָפּ דער עיקר די ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען דורך די וואַנדערונגען. מיר זאָגן „דער עיקר", ווייל דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום האָט געהאַט אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד און טיילווייז אין פּוילן אַ פאַרלוסט פון בערך 600 טויזנט נפשות. דאָס האָט אָבער געשפּילט אַ קליינע ראָלע אין פאַרגלייך מיט דער אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע, וועלכע האָט באַטראָפן אַרום 4 מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן.

מיר האָבן געטיילט די גאַנצע תקופה פון דער השפּעה פון די וואַנדערונגען אויף דער פאַרטיילונג פון יידישן פאָלק איבער פאַרשיידענע קאָנטינענטן — פון 1840 ביז 1900, די צייט, ווען די אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע האָט צוגענומען זייער אַ קליינעם טייל פון דעם נאַטירלעכן צוקום, און דעם צווייטן צייט־אָפּשניט, פון 1900 ביז 1939, ווען די אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע האָט שוין צוגענומען כמעט דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוווּקס. אַזוי האָט זיך די צאָל יידן אין אייראָפּע אין דער ערשטער תקופה — פון 1840 ביז 1900 — מער ווי פאַרטאָפּלט, פון קנאַפּע פיר מיליאָן אויף כמעט ניין מיליאָן נפשות. אין צווייטן צייט־אָפּשניט האָט שוין די אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע צוגענומען כמעט דעם גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוקום — אויף קנאַפּע ניין מיליאָן יידישע נפשות אין 1900טן יאָר זענען ביז 1939 קוים צוגעקומען אַזעלכע 600 טויזנט נפשות.

מיר האָבן אין קאַפּיטל וועגן וואַנדערונגען גאַנץ קלאָר באַהאַנדלט די גרויס פון די יידישע אויסוואַנדערונגען פון אייראָפּע אין פאַרשיידענע צייט־אָפּשניטן

און קענען דאָ זיך האַלטן קורץ. די רעלאַטיווע צאָלן פון דער וואָג פונעם אייראָ־פּעיִשן יידנטום אין דעם כלל־ישראל זענען ביז גאָר אינטערעסאַנט — פון קרוב צו 90 פּראָצענט פון גאַנצן פאָלק ישראל אין 1840 פאַלט ער אַראָפּ ביז 1900 זייער ווייניק, נאָר ביז קרוב 81 פּראָצענט. דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום איז נאָך אַלץ אידענטיש מיטן אַשכנזישן צווייג פון יידישן פאָלק. אָבער פון 1900 ביז 1939 גיט ער שוין אַ פאַל ביז נאָר קנאַפּע 58 פּראָצענט.

וואָס פאַר אַ קאָנטינענט האָט געיר׳שנט די ירידה, אַ לאַנגזאַמע, אָבער דאָך אַ ירידה? דער אַמעריקאַנער — פון אַזעלכע 50 טויזנט יידן אין יאָר 1840, נישט קיין סך מער פון 1 פּראָצענט פון יידישן פאָלק, אַ שפּרונג ביז אַ מיליאָן מיט 200 טויזנט אין 1900, קנאַפּע 11 פּראָצענט פון יידישן פאָלק; און פון 1 מיליאָן מיט 200 טויזנט אין 1900 נאָך אַ גרעסערער שפּרונג אויף העכער פינף מיליאָן אין יאָר 1939 און קרוב צו אַ דריטל פון יידישן פאָלק.

פון די איבעריקע קאָנטינענטן איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן נאָר אויפן טייל פון אַזיע, וואָס טראָגט דעם הייליקן נאָמען „ארץ ישראל״ — פון 10 טויזנט אין יאָר 1840, 0.2% פון יידישן פאָלק, אַ שפּרונג אויף 480 טויזנט אין יאָר 1939, קנאַפּע דריי פּראָצענט פון יידישן פאָלק. פאַר זיך איז דאָס אַ גאַנץ באַדייטנדיקע אַנטוויקלונג — אין פאַרגלייך אָבער מיטן אַמעריקאַנער קאָנטינענט מאַכט דאָס זייער אַ שוואַכן איינדרוק.

עד כאן די שנוים, גרויסע און היסטאָריש זייער באַדייטנדיקע, וואָס זענען געווען אַ רעזולטאַט פון וואַנדערונגען, אַן אָרגאַנישער פּראָצעס, וועלכער האָט פאַרכאַפּט אַלע פעלקער פון אייראָפּע, נאָר האָט זיך רעלאַטיוו אויסגעווירקט פיל אינטענסיווער און גורלדיקער אין יידישן לעבן. אַבסאָלוט איז די אויסוואַנדערונג פון ענגלאַנד, אירלאַנד, דייטשלאַנד און איטאַליע געווען גרעסער, ווי ביי יידן. נאָר ביי קיינעם פון די נאָר וואָס אויסגערעכנטע אייראָפּעיִשע פעלקער האָט די אויסוואַנדערונג אין משך פון דער געענומענער תקופה פון הונדערט יאָר — 1840־1939 — נישט באַטראָפן בערך די זעלבע צאָל, וויפל עס זענען געווען נפשות צום אָנהייב פון דער גענומענער צייט — ביי יידן איז דאָס געווען!

לאָמיר איצטער וואַרפן אַן אויג אויף דער ווירקונג, וואָס עס האָט געהאַט דער צווייטער פאַקטאָר פון די גורלדיקע שנוים אין דער פאַרטיילונג פון יידישן פאָלק לויט קאָנטינענטן. פון 9 מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן אין אייראָפּע אין 1939 זענען געבליבן אין 1953 סך־הכל 2 מיט קנאַפּע דרייפערטל מיליאָן, ווייניקער פון אַ דריטל. אויך וואַנדערונג האָט דאָ געווירקט, אָבער דעם טיפסטן לאָך אין דעם אייראָפּעיִשן יידנטום האָט געמאַכט די שחיטה — פון קרוב 58 פּראָצענט פון יידישן פאָלק אין 1939 אַ ירידה אויף קנאַפּע 24 פּראָצענט, אויף ווייניקער פון אַ פערטל פון יידישן פאָלק! און פאַרגלייכט מען מיט 1840, באַקומט זיך אַז דער פּראָצענטועלער אַנטייל פון די אייראָפּעיִשע יידן אינעם יידישן פאָלק איז

געפאַלן כמעט פיר מאָל — פון קרוב 88 פּראָצענט אויף קנאַפּע 24 פּראָצענט; פון פאַרשטעלן מיט זיך אייגנטלעך דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, ווייל די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע ייִדן האָבן דעמאָלט קיין שום ראָלע אינעם גורל פון ייִדישן פאָלק נישט געשפּילט, אַ ירידה כמעט אויף נול; ווי מיר האָבן דאָס דערוויזן אין אַ פריִערדיקן קאַפּיטל, ווו מיר האָבן געוויזן, אַז די ייִדן פון די קאָמוניסטישע לענדער קומען לעת עתה נישט אין באַטראַכט אַלס אַקטיווע אָדער אַפילו נאָר פּאַסיווע גלידער פון ייִדישן פאָלק און זיי מאַכן דאָך איצט אויס כמעט דריי פערטל פונעם גאַנצן אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

צווישן 1939 און 1953 איז אָבער פאָרגעקומען אַ געשעעניש פון אַ גראַנדיעזן היסטאָרישן באַטייט — אין ארץ ישראל זענען צוגעקומען בערך אַ מיליאָן ייִדן — אַ טייל פון אייראָפּע און אַ באַדייטנדיקער טייל פון אַזיע און אַפריקע. וואָרפט מען אַראָפּ פון חשבון דאָס סאָוועטישע ייִדנטום איז דער ציבור פון מדינת ישראל דער צווייטער לויט דער גרויס. דער אַזיאַטישער קאָנטינענט האָט בכלל ווידער פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין ייִדישן לעבן — פון אַזעלכע דריי הונדערט טויזנט אין יאָר 1840 אַ שפּרונג אויף העכער צוויי מיליאָן אין יאָר 1953. מיר וועלן ווייטער זען, אַז לויט דעם נאַטירלעכן צוווּקס פאַרנעמט דער דאָזיקער קאָנטינענט גאָר אַ וויכטיק אָרט אין ייִדישן לעבן.

דער אַזיאַטישער קאָנטינענט איז געוואָרן רייכער מיט ייִדן נישט נאָר צוליב דער קאָנצענטראַציע פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן ייִדן אין ארץ ישראל — אין אַזיאַטישן רוסלאַנד, ווו צוריק מיט הונדערט יאָר זענען געווען געציילטע ייִדישע משפּחות און מערסטנס פון פאַרשיקטע פאַר פאַרברעכנס אָדער אַלס ניקאָלאַיִ דעם ערשטנס סאָלדאַטן, געפינען זיך איצט קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן ייִדן. עס איז אַ איראָניע פון ייִדישן גורל: פון איין זייט אין אַזיע מדינת ישראל מיטן מאַקסימום ייִדישקייט און מאַקסימום פּערספּעקטיוון אויף נאַציאָנאַלן פּראָגרעס און, פון דער צווייטער זייט, קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן ייִדן, וועלכע זענען פאַרמשפּט אויף נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג.

דער אויספיר פון אַלעם געזאָגטן אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל איז קלאָר — פון אַן אויסגעשפּראָכן אייראָפּעיִשן פאָלק ביז סוף 19טן יאָרהונדערט זענען מיר געוואָרן אַן אַמעריקאַניש־אָריענטאַליש פאָלק. פון אַ פאָלק טיף פאַרוואָרצלט אין באָדן פונעם אייראָפּעיִשן קאָנטינענט דורך אַ טויזנטיאָריקער געשיכטע זענען מיר געוואָרן אַ פאָלק, וואָס מוז ערשט אָנהייבן בויען זיינע היימען פון דאָס ניי און לייגן נייע פונדאַמענטן פאַר זיינע ספּעציפישע נאַציאָנאַלע הצטרכותן.

קאָנטינענטן זענען אָבער צו גרויסע איינסן, אום אָפּצושפּיגלען די גאַנצע ראַדיקאַלע רעוואָלוציע וואָס די דאָזיקן געאָגראַפישע איבערגרופּירונג טראָגט אין זיך און מיט זיך — ערשט די קאָנקרעטע פאַרשטעלונג פון דער פאַרטיילונג פון ייִדישן פאָלק צווישן די נייע לענדער און פעלקער מיט די נייע פּאָליטיש־

עקאָנאָמישע און קולטור־גייסטיקע באַדינגונגען וועט וואַרפן אַן אמת ליכט אויף דער טיף־גייענדיקער איבערקערעניש, וואָס די אויסערלעכע געאָגראַפישע ענדע־רונג איז גורם. מיר גייען לכן איבער צו דער מער דעטאַליזירטער און מער קאָנקרעטער איבערגרופירונג פונעם יידישן פאָלק. מיר וועלן ווייטער אונדזערע פאַרגלייכן מאַכן מערסטנס מיטן יאָר 1900, אַלס דעם העכסטן פונקט פון דעם שאַפונגס־צעבלי פונעם אייראָפּעיִשן יידנטום. צו דעם דאָזיקן היסטאָרישן מאָ־מענט האָבן זיך אַנטפּלעקט אַלע פּאָטענצן פונעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום אויף אַלע געביטן פון נאַציאָנאַלער שאַפונג. באַזונדערס רייך און שעפעריש האָבן זיך די דאָזיקע פּאָטענצן אַנטפּלעקט ביים רוסיש־פּולישן יידנטום, וואָס איז פּאָק־טיש באַשטאַנען פון יידנשאַפטן צווישן אַ גאַנצער גרופּע פּאָליטיש אונטערגע־וואָרפענע פעלקער: אוקראַינער, ליטווינער, לעטן, ווייסרוסן און פּאָליאַקן, וועלכע זענען געווען צעטיילט צווישן רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד.

מיר האַלטן פאַר ראַטזאַם מאַכן די פאַרגלייכן מיט דעם מצב פון 1900, ווייל מען לייגט איצט די נאַציאָנאַלע האָפענונגען פונעם גלות־יידנטום דער עיקר אויפן יידנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זיין צאָל פאַלט בערך צונויף מיט דער צאָל יידן אין רוסלאַנד־פּוילן אין 1900. די אויפגאַבע באַשטייט לכן אין אונטערזוכן די אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געפירט צו דעם רייכן אויפבלי פון דער יידישער קולטור אין אַלע אירע פאָרמען און געשטאַלטן אין רוסלאַנד־פּוילן און צי פאַרמאָגן מיר אין די אַמעריקאַנער לענדער כאָטש בערך די זעלבע אָביעקטיווע באַדינגונגען, אום צוהאָפן אויף די זעלבע נאַציאָ־נאַלע אָדער בערכדיקע רעזולטאַטן.

# רוימלעכע קאָמפּאַקטקייט און איזאָלירטקייט

איידער מיר גייען איבער צום סטאַטיסטישן מאַטעריאַל מוז מען אָנווייזן אויף איין פאַקטאָר, וועלכן מען קען נישט אויסדרוקן אין ציפער — מיר האָבן אין אויג די לאַנגיאָריקייט פונעם מזרח־איראָפּעיִשן ייִדנטום, וואָס האָט טיילווייז געציילט זיין איינגעזעסנקייט מיט גאַנצע טויזנט יאָר און מינימום פון 600 ביז 500 יאָר.

דאָס האָט געפירט צו פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונעם דאָזיקן ייִדנטום: איינגעוואָרצלטקייט; טיפע טראַדיציאָנעלקייט און שעפערישע אינערציע; אַ געזונטער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער קאָנסערוואַטיזם; אַ דעמאָגראַפיש־סטאַטיסטישע און באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַלער שטאָלץ; אַ שטאַרק אַנטוויקלטע נאַציאָנאַלע דיסציפּלין. דאָס איז געווען אַן אָרגאַנישער רעזולטאַט פון דער לאַנגיאָריקייט און אומאונטערבראָכנקייט פון לעבן פון די דאָזיקע ייִדן אויף איין און דעם זעלבן באָדן, אונטער איינעם און דעם זעלבן הימל און ביי איינע און די זעלבע אָביעקטיווע באַדינגונגען אין פּרט פון רוימלעכער און ווירטשאַפטלעכער איזאָלירטקייט פון דער אַרומיקער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג.

די פאַרפאָלגונגען זענען געווען דער עיקר געריכטעט קעגן ייִדן און נישט קעגן ייִדישקייט, קעגן דעם יחיד און נישט קעגן דעם כלל. מען האָט מערסטנטייל נישט געשטערט ייִדן זיך צו אָרגאַניזירן אין קהילות, בויען בתי מדרשים, חדרים און ישיבות, זיך אָרגאַניזירן אין לאַנד־פאַראייניקונגען, גרינדן און אַנטוויקלען סאָציאַלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, הכלל כאָוועז און אַנטוויקלען נאַציאָנאַלע אחדות און נאַציאָנאַלע גיטער. עס איז קיינעם נישט געקומען אויפן געדאַנקט ביז דעם 20טן יאָרהונדערט צו פאַרלאַנגען פון ייִדן זיך אָפּצוזאָגן פון אַ באַזונדערער שפּראַך און פון אַ באַזונדערער קולטור.

חוץ לכן סאַמע הויכער און סאַמע געדיכטער אין הימל גרייכנדיקער רעליגיעזער מחיצה צווישן ייִדן און נישט־ייִדן, איז נאָך געווען אַ זייער געדיכטע צעטייל־וואַנט נישט נאָר אין פּרט פון וועלט־באַנעם און ירושה־אַקומולאַציעס, ווי איצט צווישן ייִדן און נישט־ייִדן, נאָר אַבסאָלוט אין אַלע לויפנדיקע לעבנספאָרמען און אין אַלע לעבנס־אַנטפּלעקונגען אין משך פון יעדן טאָג. חוץ, פאַר־

שטייט זיך, מקח וממכר, וואָס האָט געטראָגן אַ רייך אויסערלעכן, אַ ריין גע־שעפטלעכן כאַראַקטער, אָן וועלכע עס נישט איז אינטימע פאַרבינדונגען.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז עס זענען געווען קרייץ־צוגן, אינקוויזיציעס, הייד־דאַמאַקישע פּאָגראָמען און פאַרשיידענע אַנדערע ספּאַראַדישע כלל־אומגליקן און כלל־צרות — דאָך מוז מען מודה זיין, אַז זיי זענען געווען די אויסנאַמען. די הונדערטער יאָרן פון צרות היחיד און לאָזן צורו דעם כלל האָבן געגעבן יידן ברייטע מעגלעכקייטן אויפצובויען און צעבויען זייערע אייגענע רעליגיעזע און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן. באַזונדערס ריכטיק איז דאָס געווען בנוגע דער לאַגע אין פוילן, וועמענס יידנטום איז נאָכן גירוש ספרד געוואָרן די צענטראַלע אַכסניה של תורה אין ברייטן זינען פון וואָרט, רעליגיעז און נאַציאָנאַל. אַכסניה של תורה אין טיפסטן און ברייטסטן זין. און טאַקע די צענטראַלע אַכסניה של תורה — אַ צענטער, וואָס פון זיינע פירות גע־ניסן אַלע יידישע קיבוצים אין דער גאָרער וועלט עד היום גייסטיקע שפּייז.

צוריק מיט איינע 175 יאָר איז דאָס פּוילישע יידנטום געווען כמעט גלייך מיטן וועלט־יידנטום, אויב מען זאָל האָבן אין אויג נאָר דאָס אַשכנזישע יידנטום, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט די העגעמאָניע אין יידישן לעבן אַרום צוויי הונדערט יאָר. אין פוילן פון ערב דער ערשטער צעטיילונג (1772) האָבן געלעבט העכער 80 פּראָצענט פונעם אַשכנזישן יידנטום, קאָמפּאַקט און געדיכט, קאָנ־צענטרירט און געזעלשאַפטלעך וווּנדערבאַר אָרגאַניזירט אין לאָקאַלע, ראַיאָנע און צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

אַלע אויסגעוואַקסענע אין די לעצטע 150 יאָר גרויסע און קליינע ישובים, הן אין אייראָפּע גופא און הן אין אַלע עקן פון דער גרויסער וועלט, זענען ביאָ־לאָגיש און קולטורעל צווייגן פונעם פּויליש־יידישן בוים — פונעם איינציקן גלות־בוים, וואָס האָט געזויגן יניקה פון איין און דעם זעלבן באָדן אין משך פון אַזאַ לאַנגער און נישט אונטערגעבראָכענער תקופה, אין משך כמעט פון צען יאָרהונדערטער. נישט געווען אין פוילן קיינע אַלגעמיינע גירושים, וועלכע האָבן אין די צענטראַל־ און מערב־אייראָפּעישע לענדער נישט געלאָזט די יידן זיך געבונג אַנווערעמען אויף זייערע באָדנס און האָבן אָפט איבערגעריסן די שאַפונגס־פּראָצעסן וויבאַלד נאָר זיי האָבן אַנגעהויבן לאָזן טיפערע וואָרצלען אין לאַנד.

ווען מיר זאָגן פּויליש יידנטום דאַרף מען גלייך זיך פאָרשטעלן, אַז אין דעם כלל זענען אַריינגעגאַנגען אויך אַלע אוקראַאינישע, אַלע ווייסרוסישע, אַלע ליטווישע און אַלע לעטישע יידן, אַלזאָ יענער גאַנצער מאַסיוו, וואָס האָט צע־שפּרייט זיינע מאַסן נישט נאָר אין די שכנותדיקע לענדער, ווי רומעניע, אונגאַרן און בוקאָווינע, נאָר אויך קיין צענטראַל־אייראָפּע, דייטשלאַנד און עסטרייך און שפּעטער אויך קיין פראַנקרייך און ענגלאַנד, און וואָס זיין קערן האָט אין 19טן יאָרהונדערט פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס רוסישע יידנטום.

דאָס רוסישע יידנטום האָט באַקומען אַ גרייטע און רייכע ירושה, אַן אַקומו־לאַציע פון רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און אינסטיטוציעס, פון שאַ־פונגען און ווערטן, וועלכע זענען געלייגט געוואָרן אין סאַמע יסוד פון די שפּע־טערדיקע זיך אַזוי צעצווייגטע און צעוואַקסענע קולטור־ און גייסט־גיטער. געוויס האָבן די באַדינגונגען אין רוסלאַנד באַגינציקט דעם צעוואַקס און צעבלי פון דער ירושה פון די פריערדיקע יאָרהונדערטער אין פּוילן. אָן אָבער דער העכער קורץ באַשריבענער אַקומולאַציע פון גאַנצע אוצרות גייסט־ און קולטור־שאַפונגען, אָן דער גערירשנטער פון פּוילן זאַפטיקער באַזע וואָלטן די גינציקסטע באַדינגונגען אין רוסלאַנד נישט געקענט געווען שאַפן יענע עשירות פון געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער שפע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם רענעסאַנס פונעם וועלט־יידנטום סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט.

ס'איז געווען אָנצורופן צוויי שאַפונגען פונעם פּוילישן יידנטום אום אָפּצו־שאַצן ווי געהעריק וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דעם רענעסאַנס פון סוף 19טן יאָרהונדערט ס'האָבן געהאַט די גייסטיקע אַקומולאַציעס פון דעם דאָזיקן צווייג פון יידישן פאָלק. מיר האָבן אין אויג דעם גילגול פון דייטשן דיאַלעקט אין יידיש, אין אַ פאָלקס־שפּראַך, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ נאַציאָנאַלער הויך פון אומגעהויערן באַטייט נישט נאָר אַלס דער וויכטיקסטער צוזאַמענבונד צווישן קיבוצים און געמיינדעס נאָר אויך אַלס אָרגאַנישע פאָרעם פון נאַציאָנאַלע קולטור־שאַפונגען. און צווייטנס — חסידיזם, די דאָזיקע תחית הלב, ווי פילע היסטאָריקער כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע פאָלקסטימלעכסטע באַ־וועגונג און, אויך תחית הארץ, ווייל חסידים, ווי מאָדערנסטע היסטאָריקער באַ־הויפּטן, זענען געווען די ערשטע אין דער מאָדערנער צייט, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אַליין וואַנדערן קיין ארץ ישראל און נאָך מער האָבן זיי געוועקט די בענקשאַפט נאָכן לאַנד פון די אבות.

די איבערגעוואַנדערטע פון מזרח־אייראָפּע יידישע מאַסן האָבן געוויס נישט אַריינגעוואָרפן אין די ימים, דורך וועלכע זיי זענען געקומען אין די נייע לענדער, די אַקומולירטע טראַדיציעס און שאַפונגען. מיט די מיטגעבראַכטע טראַדיציעס און ווערטן, לעבנס־נוסחאות און גייסט־שאַפונגען לעבט מען נאָך עד היום, נישט נאָר אין די פרעמדע אַמעריקאַנישע לענדער נאָר אויך אין דער אייגענער ארץ ישראל. די יסוד־פראַגע באַשטייט אין דעם, צי איז מעגלעך אין די נייע לענדער אַ ווייטערע אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון די מיטגעבראַכטע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און ווערטן — צי איז דער נייער געזעלשאַפטלעכער קלימאַט גינציק פאַר די מיטגעבראַכטע פון מזרח־אייראָפּע קולטור־פאַרמעגנס אָדער, חלילה, פאַרקערט. ווייטערער וווקס מיינט נישט, פאַרשטייט זיך, אַ מעכאַנישע קאָפּיע פון אַלטן — דאָס מיינט דער עיקר אָרגאַנישע אַנטוויקלונג מיט טריישאַפט צו די גרונט־פאַר־

מען, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון טויזנטיאָריקער געשיכטע, און צו די גרונט־איינהאַלטן, וואָס זענען דער וואָרצל פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור.

דאַרף מען נישט ברענגען אַ סך ראיות, אַז די אַנטוויקלונג פונעם ישוב אין מדינת ישראל איז אין תוך אָרגאַנישער המשך פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט. מען קען נישט לייקענען, אַז דער אָפּזאָג פון יידיש, פון אַ קולטור־שאַפונג פון טויזנטיאָריקער יידישער געשיכטע, איז אַן ערנסטער שניט אין אונדזער קולטור־אַנטוויקלונג. דאָס איז דאָך אָבער אַ קער צו אייגנס, וואָס איז נאָך טיפער פאַר־וואָרצלט אין דער יידישער נשמה און הייליקער אין דער יידישער טראַדיציע — צו העברעיש. און דער עיקר דאָס איז דאָך אַ פריוויליקע טאַט און נישט קיין אַרויסגעצוווּנגענע פון השפּעות פון אַ פרעמדער סביבה. די שנוים אין מדינת ישראל זענען אייגענע־אָרגאַנישע, פון דעם היסטאָרישן אוצר געשעפּט, אַ קער צו די וואָרצלען פונעם אייגענעם באָדן און צו די טרוימען פונעם אייגענעם הימל. דאָס זענען פאַקטאָרן, וואָס קענען דעקן מיט גרויסע און רייכע געווינסן די היזקות פון דעם אויפגעב פון געוויסע ווערטן פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן באַגאַזש.

גאָר אַנדערש אין די פרעמדע לענדער מיט השפּעות פון פרעמדע לעבנס־נוסחאות און פרעמדע קולטור־ווערטן — דאָ דאַרף מען היטן ווי דעם שוואַר־צאַפּל פון אויג יעדע גרייטע ווערטפולע נאַציאָנאַלע קולטור־פאָרעם און יעדן תוך פון אונדזערע נאַציאָנאַלע ירושות. און די גרונט־פראַגע באַשטייט אין דעם, צי דער נייער גרזעלשאַפטלעכער קלימאַט אין די פרעמדע לענדער לאָזט צו דעם המשך און וויטערע אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון די מיטגעבראַכטע אוצרות. נאָך מער — צי זענען די נייע באַדינגונגען פון יידן אין די פרעמדע לענדער נישט נאָר נישט גינציק פאַר דעם ווייטערן וווקס פון די יידישע גייסט־ווערטן, נאָר בפירוש נעגאַטיוו ווירקנדיק, אויפעסנדיק מיט אַ אינטענסיוון טעמפּ אַלע אייגענע לעבנס־פאָרמען און אַלע אייגענע קולטור־נוסחאות. דער אונטערזוכונג פון די פאַקטאָרן, וועלכע האָבן, פון איין זייט, גינציק געווירקט אויפן וווקס פון יידישע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען און קולטור־נוסחאות אין די מזרח־אייראָ־פּעיִשע לענדער, און, פון דער צווייטער זייט, ווירקן זיי נישט גינציק, נעגאַטיוו אויף דעם וווקס און ווייטערע אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע לעבנס־פאָרמען און קולטור־נוסחאות אין די נייע איינוואַנדערונג־לענדער, איז געווידמעט די גאַנצע ווייטערע אַרבעט.

נעמען מיר אָן, אַז דער מינימום פון 500 טויזנט יידן אין אַ ישוב איז נויטיק כדי מער אָדער ווייניקער צעוויקלען נאַציאָנאַלע שעפערישע ענערגיע און שאַפן נישט נאָר צדקה־אינסטיטוציעס און מינימאַלע חינוך־אַנשטאַלטן, נאָר אַנטוויקלען באַדייטנדיקע נאַציאָנאַלע כוחות און באַפרוכפּערן דאָס קולטורעלע לעבן אין אַזאַ מאָס, אַז די קומענדיקע דורות זאָלן באַקומען פאַר זייער המשך נישט נאָר דעם קערן, נאָר אַ באַרייכערטן באַגאַזש.

## טאַבעלע 9

## ישובים מיט מער פון 500 טויזנט יידן אין די תפוצות (אין 1.000)

| לענדער | 1900 | | 1953 | |
|---|---|---|---|---|
| | אבס. | % פון אַלע יידן אין די תפוצות | אבס. | % פון אַלע יידן אין די תפוצות |
| 1) רוסלאַנד | 5.050 | 45.9 | 1.400 | 13.9 |
| א) אוקראַינע *) | 2.250 | 20.5 | 500 | 5.0 |
| ב) רוסיש־פּוילן | 1.400 | 12.7 | — | — |
| ג) ווייסרוסלאַנד**) | 1.400 | 12.7 | — | — |
| ד) גרויסרוסלאַנד | — | — | 900 | 8.9 |
| 2) גאַליציע | 810 | 7.4 | — | — |
| 3) אונגאַרן | 845 | 7.7 | — | — |
| 4) דייטשלאַנד | 590 | 5.5 | — | — |
| 5) פאַר. שטאַטן | 1.100 | 10.0 | 5.200 | 51.6 |
| סך־הכל | 8.395 | 76.5 | 6.600 | 65.5 |

מיר האָבן דאָ גענומען נאָר די תפוצות־לענדער, ווייל די הויפּט־פּראָבלעם, וועלכע אינטערעסירט אונדז דאָ, באַשטייט דאָך אין אויפדעקן יענע שנוים אין דער פאַרטיילונג פון יידישן פאָלק צווישן פעלקער, וועלכע פירן צו גאַנץ גייע אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און המשך אין דער פרעמד.

די צאָל יידן אין דער גלות־וועלט האָט באַטראָפן 11 מיליאָן אין 1900, דאָס הייסט זי איז צוזאַמענגעפאַלן מיט דער צאָל יידן בכלל אין דער וועלט — אין 1953 האָבן מיר שוין געמוזט אַראָפּרעכענען די אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן פון מדינת ישראל און מיר האָבן באַקומען אין די תפוצות נאָר 10 מיליאָן מיט 50 טויזנט. מיר האָבן אַלזאָ ביי די דאַטן פון 1953 אויסגערעכנט די פּראָצענטער נאָר לגבי דער לעצטער צאָל און נישט פון דער גאַנצער צאָל יידן אין דער וועלט.

לאָמיר איבערגיין צום אַנאַליז פון דער דאָזיקער טאַבעלע. די אונטערשטע שורה ווייזט אונדז, אַז צוריק מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט האָבן העכער דריי פערטל פון יידישן גלות־פאָלק געלעבט אין גרויסע ישובים מיט מער פון 500 טויזנט יידן — אין 1953 שוין נאָר קרוב צו צוויי דריטל. די פראַגע איז

*) מיט בעסאַראַביע.

**) מיט ליטע און לעטלאַנד.

אָבער, ווי איז געווען צעזייט דער רעשט פון בערך איין פערטל אין 1900טן יאָר און העכער פון איין דריטל פון דעם תפוצות־יידנטום אין 1953? אָנהייב 20טן יאָרהונדערט זענען אַ פערטל פונעם גלות־יידנטום געווען צעשפּרייט און צעוואָרפן איבער בערך 45 לענדער און אין 1953 איז העכער אַ דריטל פונעם גלות־פאָלק צעשפּרייט איבער העכער 90 לענדער. שוין דער דאָזיקער פאַקט אַליין איז גענוג אום צו מאַכן אַן אויספיר, אַז די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַרן ווייטערן נאַציאָנאַלן קיום־קאַמף אין דער פרעמד האָבן זיך שטאַרק פאַרערגערט.

ס'וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז די צאָל יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין 1953 איז אַפילו אַ ביסל גרעסער פון דער אַבסאָלוטער צאָל יידן אין רוסלאַנד אין 1900. אין איין מלוכה, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זענען קאָנצענטרירט אין 1953 העכער אַ העלפט פון גלות־פאָלק, בעת אין 1900טן יאָר האָבן מיר געהאַט אין איין מלוכה — אין רוסלאַנד — נאָר קרוב צו 46 פראָצענט פון אַלע יידן אין די תפוצות. אַזאַ אָנזאַמלונג פון העכער אַ העלפט יידן פון דער גלות־וועלט אין איין מלוכה איז געוויס אַ גרויסע טרייסט. זי ווייזט אונדז, אַז דער געזעץ פון צעשפּרייטונג, פון איין זייט, און פון קאָנצענטראַציע, פון דער צווייטער זייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן נישט נאָר אין וועלט־מאַסשטאַב, נאָר אויך אין פרט פון פאַרטיילונג אין איינער און דער זעלבער מלוכה און אין איינער און דער זעלבער שטאָט — אָט דער דאָזיקער געזעץ בלייבט ווייטער אין זיין קראַפט.

ס'איז אָבער נישט גענוג פעסטצושטעלן נאַקעטע ציפער און פון זיי ציִען שלוסן — מען מוז אַריינדרינגען טיפער אינעם זין און אינהאַלט פון די ציפער. ס'וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז דער גרעסטער צענטער פון 1900, דער רוסלענדישער, איז אין דערווירקלעכקייט געווען צעטיילט צווישן דריי פעלקער בעת דער גרעסטער צענטער אין 1953, דער אַמעריקאַנער, איז איינגעשלאָסן אין די ראַמען פון איין פאָלק. אויבנאויפיק קען דאָס אויסזען ווי אַ פלוס, אַ געווינס. אין דער אמתן איז דאָס אַ גרויסער חסרון. אין 1900טן יאָר זענען די 5 מיליאָן יידן פון גרעסטן צענטער געווען צווישן עטלעכע פעלקער, וועלכע זענען אַלע געשטאַנען אין אינטענסיוון קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום, פאַר זייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. די יידישע שטרעבונגען צו ווייטערער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג און צו ווייטערן נאַציאָנאַלן קולטור־אויפשטייג זענען האַרמאָניש צוזאַמענגעפאַלן מיט די אינטערעסן און קאַמפן פון די אַרומיקע מערהייטן, פון די לאָקאַלע פאָלקישע מערהייטן — די העכער פינף מיליאָן יידן אינעם אַמעריקאַנער צענטער געפינען זיך צווישן פיל פעלקער, אַפילו צווישן מער פעלקער, ווי אַמאָל איז אוקראַינע אָדער פוילן, אָבער צווישן פעלקער — שפּליטער און דריבער פון גאַנץ אַנדערע טענדענצן — פון אינטענסיוון רייסן זיך אונטערצוגיין אין דער אַלגעמיינער מלוכה־קולטור, וואָס גיכער פאַרגעסן די אייגענע שפּראַך, וואָס

גרינטלעכער פאַרלאָזן די אייגענע נאַציאָנאַלע מינהגים און לעבנס־נוסחאות. די יידישע שטרעבונגען, אויף וויפל זיי זענען אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַלע און נישט רעליגיעזע, קומען אין אַ שאַרפער סתירה צו דער גאַנצער אַרומיקער קולטור־אַטמאָספער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר האָבן אין דער טאַבעלע זיך נישט אינגאַנצן גערעכנט מיט די מלוכה־גרענעצן און מער גענומען אין אַכט די פּאַקטישע נאַציאָנאַלע לאַגע. אַזוי האָבן מיר אינגאַנצן אַראָפּגעלאָזט די קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן יידן פון רוסישער אַזיע — רוסלאַנד איז אַ קאָלאָסאַלע מדינה, די קולטור־גייסטיקע באַדינגונגען, וועלכע זענען דער עיקר בנוגע דער פראַגע פון אַסימיליר־פּאָטענציאַל, זענען געוואַלדיק פאַרשיידן. קען מען נישט שטעלן אין איין טאַבעלע די יידן פון אוקראַינע און פון קאַזאַקסטאַן. מיר האָבן גענומען נאָר די יידן פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד. מיר האָבן אויך מיט אַ כיון צעטיילט די יידן פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד לויט פעלקער־סימנים. דאָס בילד איז דעריבער קאָנקרעטער און אַנטשפּרעכט מער און טיפער דער אמתער לאַגע אין לעבן. אַזוי האָבן מיר אויסגעטיילט גרויס־רוסלאַנד — די 900 טויזנט יידן פון גרויסרוסלאַנד, וועלכע האָבן זיך פריִער געפונען אין די אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד, זענען אַריינגעפאַלן אין גאַנץ אַנדערע, פיל אינטענסיווערע אַסימיליר־תנאים ווי אין אוקראַינע אָדער ווייסרוס־לאַנד אָדער אַפילו אין פוילן. אויך די איבעריקע טיילן פון רוסלאַנד, וווּ ס׳האָבן געלעבט 95 פּראָצענט פון אַלע רוסישע יידן אין 1900טן יאָר, זענען געווען צווישן זיך פאַרשיידן אין פּרט פונעם אַסימיליר־פּאָטענציאַל. קענער פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין רוסלאַנד ווייסן דאָס זייער גוט — זיי ווייסן אויסנווייניק, אַז ביי די יידן אין תחום המושב איז געווען דער העכסטער גראַד פון אַסימילאַציע אין פוילן און אין דרום־רוסלאַנד און דער שוואַכסטער אין ווייסרוסלאַנד און ליטע. קען מען דאָס אָבער דערקלערן מיט אָביעקטיווע באַדינגונגען? מיר וועלן דאָס שפּעטער זען.

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף דעם פּראָצענטועלן אַנטייל פון יידן אין באַזונ־דערע לענדער פון דער יידישער צעשפּרייטונג — דאָס וועט אונדז ווייזן דעם גרונט־חילוק צווישן דער פאַרטיילונג פון יידן אַנהייב 1900טן יאָר און אין יאָר 1953.

טאַבעלע 10

## פּראָצענט יידן לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג אין פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע

| לענדער | 1900 | 1953 |
|---|---|---|
| א) מיזרח־אייראָפּע | | |
| 1) קאַרפּאַטן־רוסלאַנד | 15.9 | 1.0 |
| 2) ליטע | 13.7 | 0.4 |
| 3) בוקאָווינע | 13.2 | 4.0 |
| 4) ווייסרוסלאַנד | 12.7 | 1.0 |
| 5) פּוילן מיט מזרח־גאַליציע | 12.4 | 0.1 |
| 6) אוקראַינע | 9.4 | 1.5 |
| 7) אונגאַרן | 6.5 | 1.1 |
| 8) סלאָוואַקיע | 5.5 | 0.2 |
| 9) לעטלאַנד | 5.5 | 0.6 |
| 10) רומעניע | 5.0 | 1.2 |
| ב) אַמעריקע | | |
| 1) פאַר. שטאַטן | 2.1 | 3.4 |
| 2) אַרגענטינע | 0.7 | 1.8 |
| 3) קאַנאַדע | 1.1 | 1.4 |
| 4) בראַזיל | 0.0 | 0.1 |
| 5) אורוגוואַי | 0.0 | 0.4 |
| 6) טשילע | 0.0 | 0.1 |
| 7) מעקסיקע | 0.0 | 0.4 |
| 8) קובאַ | 0.0 | 0.1 |
| 9) קאָלאָמביע | 0.0 | 0.1 |
| 10) באָליוויע | 0.0 | 0.1 |

די דאָזיקע זייער פּשוטע טאַבעלע גיט אַ גלענצנדיק בילד פון דער רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם לעבן פון יידישן פאָלק און משמעות אויך אין זיין גורל. די ציפער פון מזרח־אייראָפּע ווייזן אונדז, אַז פון אַלע צען לענדער, ווו עס איז אַמאָל געווען דער צענטער פון די קרוב צו אַכט מיליאָן טראַדיציע־טרייע יידן און ווו דער פּראָצענט יידן לגבי דער אַרומיקער באַפעלקערונג איז געווען אַ הויכער, דערגרייכנדיק אין איין לאַנד אַזש ביז כמעט 16 פּראָצענט און אין פינף לענדער אויסמאַכנדיק מער פון 10 פּראָצענט — פון די דאָזיקע צען לענדער איז געבליבן נאָר איין קליינער קיבוץ, אין

בוקאָווינע, ווו זיי מאַכן נאָך אויס אַרום 4 פּראָצענט. אין אַלע לענדער, ווו עס האָבן געלעבט גרויסע מאַסן יידן, ווי אין פּוילן, אין אוקראַינע וכדומה, מאַכן יידן אויס אַ נישטיקן פּראָצענט, וואָס מוז בטל ווערן במאה.

מיר ווייסן, אַז דער פּראָצעס פון פאַרשווינדונג פון יידן פון די לענדער פון מזרח־אייראָפּע איז געווען אַ רעזולטאַט נישט נאָר פון דער היטלער־שחיטה, נאָר אויך פון איבערוואַנדערונג, דער עיקר אין די אַמעריקאַנער לענדער. וואָס זשע האָט געגעבן די איבערפּלאַנצונג פון מיליאָנען יידן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטי־נענט אין פּרט פון וואָג לגבי דער אַרומיקער באַפעלקערונג? געוויס איז זייער וויכטיק די קאָנצענטראַציע פון יידן אין איינער און דער זעלבער מלוכה — נישט ווייניקער וויכטיק איז אָבער די רעלאַטיווע וואָג לגבי דער נישט־יידישער באַ־פעלקערונג.

דער צווייטער טייל פון דער טאַבעלע ווייזט אונדז, אַז ס'איז נישטאָ קיין איין לאַנד צווישן אַלע צען לענדער פון אַמעריקע, ווו דער פּראָצענט יידן זאָל דערגרייכן די רעלאַטיווע הויך פון דעם סאַמע נידעריקן פּראָצענט יידן אין די צען לענדער פון מזרח־אייראָפּע. דער פּראָצענט יידן אין די אַמעריקאַנער לענדער איז געוויס געוואַקסן, און אויב פון צען אַמעריקאַנער לענדער האָבן 7 נישט געהאַט אין 1900 גאָר קיין יידן אָדער אַזוי ווייניק, אַז זיי האָבן נישט באַטראָפן אַפילו איין צענטל פון איין פּראָצענט, איז אין 1953 דער פּראָצענט יידן אומע־טום געשטיגן. אָבער דאָס שטייגן איז אַזוי קליין, אַז עס קען נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט. בנוגע די נאָר וואָס דערמאָנטע 7 לענדער גאָר אָן יידן אָדער מיט אַ גאָר נישטיקער צאָל יידן אין 1900 האָט דער פּראָצענט יידן דערגרייכט 0.4% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג נאָר אין צוויי (אין אורוגוויי און אין מעקסי־קע) — אין אַלע איבעריקע האָט ער קוים דערגרייכט 0.1%. די דריי לענדער מיט גרעסערע מאַסן יידן, די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע און קאַנאַדע, צייכענען זיך שוין אויס מיט אַ הויכן פּראָצענט, אָבער ער דערגרייכט אין די שטאַטן מיט זיין גרעסטן קיבוץ קוים אַ ביסל מער פון 3 פּראָצענט לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג און אין די איבעריקע צוויי באַדייטנדיק ווייניקער.

קאָנטינענטן, באַזונדערע מלוכות און לענדער גיבן נאָך אַלץ נישט קיין קאָנקרעטע פול בילד וועגן דעם חילוק, וואָס איז פאַרגעקומען אין יידישן לעבן בנוגע יענע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געמאַכט מעגלעך אַן אייגן יידיש לעבן, אייגענע יידישע לעבנס־פאָרמען מיט אַן אייגענער יידישער שפּראַך און מיט די אַלע שעפערישע קאָנסעקווענצן, וועלכע פאָלגן פון אַזעלכע לעבנס־תנאים. מיר מוזן שטודירן די קאָנקרעטע פּונקטן, אין וועלכע ס'זענען פאַקטיש געווען קאָנצענטרירט די יידישע מאַסן, ווו דאָס יידישע מאַסן־לעבן איז פאַקטיש געווען קאָנצענטרירט. דערביי איז ווידער נישט גענוג די יידישע קאָמפּאַקטקייט פאַר זיך. זי שפּילט געוויס אַ גרויסע ראָלע, אָבער נישט ווייניקער וויכטיק איז

די רעלאַטיווע וואָג פון די ייִדן לגבי דער אַרומיקער באַפעלקערונג. און נישט ווייניקער וויכטיק איז דער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד פון דער נישט־ייִדישער באַ־פעלקערונג. צו די דאָזיקע צוויי מאָמענטן גייען מיר איצט איבער. פון העכער פינף מיליאָן רוסישע ייִדן האָבן 95 פּראָצענט געלעבט אין די 25 גובערניעס פון תחום המושב. דער עיקר אין די שטעט און שטעטלעך — אַרום 82 פּראָצענט. בנוגע די שטעטלעך איז גאָר איבעריק צו ברענגען דעם פּראָצענטועלן אָנטייל פון ייִדן, ווייל דאָ איז די איזאָלאַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען אַ טאָטאַלע — די ייִדן האָבן אַלע הונדערט פּראָצענט, חוץ גאָר זעלטענע אויסנאַ־מען, געוווינט אין די עטלעכע צענטראַלע גאַסן; די קריסטן האָבן אַלע טאָקע, שוין גאָר אָן אויסנאַמען, געלעבט אין די פּעריפעריע־טיילן, וועלכע זענען סאָ־ציאַל־עקאָנאָמיש געווען אַ סך מער באַהעפט צו די אַרומיקע דערפער, ווי צום ייִדישן שטעטל.

נישט אומזיסט שפּילט דאָס ייִדישע שטעטל אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַלס דער אינטענסיווסטער קוואַל פון ייִדישער אייגנקייט און אָריגינעלקייט, פון ייִדישער אָרגאַנישער שעפערישקייט און גאַנצקייט. ס׳וועט געוויס נישט זיין איבערגעטריבן צו באַהויפּטן, אַז נישט ווייניקער פון ניינציק פּראָצענט ייִדישע שרייבער שטאַמען פון די קליינע שטעטלעך פון רוסלאַנד און גאַליציע, ווו די באַדינגונגען זענען געווען זייער ענלעך צו די זעלבע אין רוס־לאַנד. און דאָס זעלבע בערך קען מען זאָגן וועגן די ייִדישע שאַפער אויף אַנדערע געביטן, ווי מוזיק, מאָלעריי און אַזוי ווייטער.

אַ ביסל אַנדערש איז געווען די לאַגע אין די שטעט און דאָ האָט שוין גע־שפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע די רעלאַטיווע וואָג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. מיר האַלטן דעריבער פאַר זייער וויכטיק און אינטערעסאַנט צו ברענגען דעטאַ־ליזירטערע ידיעות וועגן דעם פּראָצענטועלן אָנטייל פון ייִדן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד, אינעם לאַנד, וואָס האָט געגעבן נישט נאָר אין כמות נאָר אויך אין איכות דאָס בעסטע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביים ייִדישן פאָלק אין די לעצטע הונדערט יאָר. איידער מיר גייען איבער צו די זייער גענויע ידיעות פון דער פאָלקס־ציילונג פון 1897, ווו מיר האָבן דאַטעס פאַר אַלע 25 גובערניעס פונעם תחום המושב, האַלטן מיר פאַר זייער אינטערעסאַנט צו געבן ציפער פון אָנטייל פון ייִדן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין עטלעכע גו־בערניעס פאַר אַ פריִערדיקן צייט־פּונקט, פאַרן יאָר 1864. דער שעפערישער קוואַל פונעם רוסישן ייִדנטום האָט זיך דאָך אַנטפּלעקט שוין אין די 70ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט.

דער פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון אייניקע גו־בערניעס פון רוסלאַנד (1864) 1):

| | |
|---|---|
| 1) וואָלינער | 83.0 |
| 2) מאָהילעווער | 81.9 |
| 3) קיעווער | 76.7 |
| 4) פּאָדאָליער | 68.7 |
| 5) קאָוונער | 66.2 |
| 6) וויטעבסקער | 63.0 |
| 7) ווילנער | 60.0 |
| 8) מינסקער | 48.7 |
| | 70.7 |

מיר וועלן ווייטער זען, אַז דער נישאר פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז נישט באַשטאַנען פון איין נאַציאָנאַלער גרופּע, נאָר פון עטלעכע וואָס ס'האָט נאָך מער אָפּגעשוואַכט דעם אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. די לאַגע אין די איבעריקע 17 גובערניעס איז אין 1864 נישט געווען אַנדערש, ווי אין די 8 גובערניעס, וועגן וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס געבראַכט ידיעות. פון 1864 ביז 1897 איז אָבער אין רוסלאַנד פאָרגעקומען אַ גרויסע עקאָנאָמישע רעוואָלוציע. די שטאָטישע באַפעלקערונג האָט גענומען שטאַרק וואַקסן — דער עיקר פון נישט־יידישן אינדוסטריע־פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פון נישט־יידישע בעלי־מלאכות, הענדלער און אינטעליגענץ. דאָך ווייזן די דאַטן פון 1897, אַז דער יידישער אָנטייל אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז נאָך דעמאָלט געווען אַזאַ באַדייטנדיקער, אַז די איזאָלאַציע איז געווען אַ גאַנץ אָנזעעוודיקע און ווירקנדיקע.

**א)** יידן האָבן געהאַט אַן אַבסאָלוטע מערהייט אין די שטעט פון פאָלגנדיקע גובערניעס 2):

| | |
|---|---|
| 1) מינסקער (ווייסרוסלאַנד) | 59.4 |
| 2) גראָדנער ( „ ) | 58.3 |
| 3) שעדלעצער (פּוילן) | 53.7 |
| 4) וויטעבסקער (ווייסרוסלאַנד) | 52.7 |
| 5) מאָהילעווער ( „ ) | 52.6 |
| 6) קעלצער (פּוילן) | 51.3 |
| 7) וואָלינער (אוקראַינע) | 51.0 |
| 8) ראַדאָמער (פּוילן) | 50.6 |

1) י. אָרשאַנסקי, די יידן אין רוסלאַנד, (רוסיש), 1872, ז' 81.
2) יעקב לעשצינסקי, דאָס יידישע פאָלק אין ציפער. בערלין, 1922.

**ב)** יידן האָבן געהאַט אַ רעלאַטיווע מערהייט אין די שטעט פון פאָלגנדיקע גובערניעס 2):

1) לאָמזשער (פוילן) — — — — — — — — — — — — — — 46.9
2) פּאָדאָליער (אוקראַינע) — — — — — — — — — — — — 46.4
3) לובלינער (פוילן) — — — — — — — — — — — — — — 45.8
4) ווילנער (ליטע) — — — — — — — — — — — — — — 44.1
5) קאָוונער ( „ ) — — — — — — — — — — — — — — 43.4
6) סוואַלקער (פוילן) — — — — — — — — — — — — — 40.0
7) בעסאַראַביע (אוקראַינע) — — — — — — — — — — — 37.2

**ג)** יידן האָבן געהאַט מער פון 30 פּראָצענט אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון פאָלגנדיקע גובערניעס 3):

1) קאַלישער (פוילן) — — — — — — — — — — — — — — 37.6
2) פּלאָצקער ( „ ) — — — — — — — — — — — — — — 35.0
3) וואַרשעווער ( „ ) — — — — — — — — — — — — — — 33.9
4) פּיעטראָקאָווער (פוילן) — — — — — — — — — — — — 32.0
5) קיעווער (אוקראַינע) — — — — — — — — — — — — 31.6
6) כערסאָנער ( „ ) — — — — — — — — — — — — — 30.5

מיר האָבן אַלזאָ אַכט גובערניעס מיט אַן אַבסאָלוטער יידישער מערהייט — דאָרטן גייען אַריין אַלע פיר ווייסרוסישע גובערניעס פון צאַרישן רוסלאַנד, דריי גובערניעס פון פוילן און נאָר איינע פון אוקראַינע. אין דער צווייטער גרופּע מיט אַ רעלאַטיווער יידישער מערהייט גייען אַריין ביידע ליטווישע גובערניעס פון צאַרישן רוסלאַנד, דריי פון פוילן און צוויי פון אוקראַינע. בנוגע די לעצטע צוויי מוז מען באַמערקן, אַז בעסאַראַביע האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקע מאָלדאַווישע באַפעלקערונג. ענדלעך אין דער דריטער גרופּע מיט נאָר מער פון 30 פּראָצענט יידן גייען אַריין פיר פון פוילן און צוויי פון אוקראַינע.

מיר האָבן 21 גובערניעס פון 25 מיט אַ גאָר באַדייטנדיקער וואָג פון יידן אום צו געבן די דאָזיקע שטעט אַ יידישע פיזיאָנאָמיע. ווייל די נישט־יידישע באַפעלקערונג איז מערסטנטייל געווען נישט אויסגעגאָסן פון איין שטיק, נאָר איז באַשטאַנען גאָר אָפט פון דריי גרופּעס, וועלכע האָבן תמיד געפירט צווישן זיך אַ פאַרביטערטן קאַמף. דער אַסימילירפּאָטענציאַל פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג איז גאָר אָפט פשוט פאַראַליזירט געוואָרן אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער צעשפּאַלטונג. לאָמיר ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן.

אין קאָוונער גובערניע האָבן יידן אין 1864 געהאַט כמעט צוויי דריטל פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג — און אין 1897 שוין נאָר 43.4%. וואָלט די

2) דאָרטן.
3) דאָרטן.

ירידה פון דעם יידישן אַנטייל אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם שטראָם פון ליט־ווינער אין די שטעט און וואָלטן דערביי די ליטווינער אַרויסגערוקט פון זייערע רייען הענדלער, אינטעליגענטן און בעלי מלאכות, ווי דאָס האָט געטראָפן שפּע־טער אין דער זעלבשטענדיקער ליטע, וואָלטן די יידן געוויס שטאַרק געפילט זייער ירידה, ווי דאָס האָט טאַקע געטראָפן צווישן 1920 און 1939. די לאַגע איז אָבער נישט געווען אַזוי — אין 1897 האָבן די ליטווינער געהאַט קוים 11.5% אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג. ווער זשע זענען געווען די איבעריקע נאַציאָ־נאַלע גרופּעס אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון קאָוונער גובערניע אין יאָר 1897? ס'זענען געווען פּאָליאַקן (19.8) גרויס־רוסן (18.5%) און נאָך קליינע פאַרשיידענע גרופּעס (דייטשן, לעטן און ווייסרוסן). ווי מיר זעען איז די מער־היט געווען אַזאַ שטאַרק צעשפּאָלטענע, אַז איר אַסימיליר־פּאָטענציאַל האָט גע־מוזט שטאַרק פאַלן אָדער ער האָט גאָר נישט געהאַט קיין שליטה. אויב אַ געווי־סער, אַ גאַנץ קליינער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דאָך געווען שפּראַכלעך אַסימילירט איז דאָס געווען נישט אַ רעזולטאַט פון אַן אַרומיקער רוסישער קולטור־השפּעה, נאָר פון דער רוסישער ליטעראַטור, פון לערנען אין רוסישע מיטל־ און הויכשולן. די אַסימילאַציע איז געווען זייער אַן אויבערפלעכ־לעכע און טאַקע נאָר אַ שפּראַכלעכע און, אַזוי צו זאָגן, אַ קאַלטע, אַ טרוקענע אָן זאַפט, אָן צוגעבונדנקייט צו דער רוסישער קולטור אין נאַציאָנאַלן זין. די גרויסע מערהייט פון די אייננווינער פון דער גובערניע זענען דאָך געווען ליטווינער.

מען דאַרף נאָך געדענקען, אַז נישט אַלע קלאַסן פאַרמאָגן דעם זעלבן אַסי־מיליר־פּאָטענציאַל — מען קען נישט פאַרגלייכן די אַסימיליר־קראַפט פון אינטע־ליגענץ צי אַפילו פון האַנדל־קלאַס מיט דער אַסימיליר־מדרגה פונעם פּויערטום צי פון בעלי מלאכות. די רוסן אין קאָוונער גובערניע זענען געווען אין דער מערהייט מיליטער, וואָס האָט געהאַט די מינימאַלסטע השפּעה אין פּרט פון קולטור. די פּאָליאַקן זענען שוין באַשטאַנען פון מער משפּיעדיקע עלעמענטן — גרויסע גרונט־באַזיצער און אינטעליגענץ, און אויך בעלי מלאכות און אַר־בעטער. זיי האָבן אָבער נישט געהערט צו דער פּאָליטיש־הערשנדיקער גרופּע און דאָס האָט שטאַרק געמינערט זייער השפּעה, ווייל שולעס מיט דער פּוילישער לימוד־שפּראַך זענען געווען פאַרבאָטן. די דערמאָנטע העכער 11 פּראָצענט ליט־ווינער אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון קאָוונער גובערניע אין יאָר 1897 זענען באַשטאַנען כמעט נאָר פון סאַמע נידעריקע סאָציאַלע קלאַסן, ווי שוואַרץ־אַרבעטער, דינסטמיידלעך, בעלי־עגלות וכדומה, אַלזאָ די מערהייט־גרופּע אין דער גובערניע איז נישט נאָר געווען אין אַ נישטיקער מינדערהייט אין די שטעט, נאָר איז נאָך באַשטאַנען פון סאָציאַלע גרופּעס מיט דעם אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון נול.

קאָוונער גובערניע איז נישט געווען קיין יוצא מין הכלל — איך וואָלט

געקענט אָנרופן מינימום נאָך מער פון אַ צענדליק גובערניעס, ווו די לאַגע איז געווען בערך ענלעך.

מיר וועלן ווייטער זען, אַז דער פּראָצענט ייִדן, וואָס האָבן ביי דער ציילונג פון 1897 אָנגעגעבן ייִדיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך, פּאַלט אין אַלגעמיינעם צו־נויף מיט דעם בילד, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די דאַטעס וועגן דעם פּראָ־צענט ייִדן אין פאַרשיידענע גובערניעס. געוויס האָבן געווירקט אויף דער שפּראַך־אַסימילאַציע אויך אַנדערע פאַקטאָרן, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט. אָבער אין אַלגעמיין האָט זיך באַקומען, אַז וואָס גרעסער עס איז געווען דער פּראָצענט ייִדן אין אַ גובערניע, אַלץ העכער איז געווען דער פּראָצענט, וואָס האָט אָנגעגעבן ייִדיש, אַלס מוטער־שפּראַך.

לאָמיר ברענגען אייןביישפּיל פון די פיר גובערניעס, ווו דער ייִדישער אָנטייל אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז געווען ווייניקער פון 30 פּראָצענט — אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע האָבן ייִדן געהאַט אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג נישט מער פון 25.9%. פון וועמען זענען אָבער באַשטאַנען די איבעריקע קרוב צו דריי פערטל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג? די גרויס־רוסן האָבן געהאַט 41.8% און די אוקראַאינער, וועלכע האָבן געהאַט אין דער גובערניע 69 פּראָצענט איינוווינער, האָבן געהאַט אין דער שטאָטישער באַפעל־קערונג נאָר 27 פּראָצענט, בערך אַזוי פיל וויפל ייִדן. די לאָקאַלע גובערניע־מערהייט, די אוקראַאינישע, איז געווען אין די שטעט אַ מינדערהייט באַגלייך מיט ייִדן. חוץ איר שוואַכער אַסימיליר־השפּעה אַ דאַנק איר שוואַכער קולטור־אַנט־וויקלונג און דעם פאַרבאָט פון שולעס מיט אוקראַאיניש אַלס לימוד־שפּראַך, איז זי געווען גאָר אַ מינדערהייט. די גרויס־רוסן, וועלכע זענען געווען אַ קליינע מינ־דערהייט אין דער גובערניע, נישט מער פון קנאַפּע 18 פּראָצענט האָבן געהאַט אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג די רעלאַטיווע מערהייט. די דאָזיקע מערהייט, כאָטש זי איז באַשטאַנען אויך פון אַ גרויסער צאָל מיליטער און באַאַמטע, האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אין פּרט פון שפּראַך־אַסימילאַציע. די זעלבע לאַגע איז געווען אין כערסאָנער גובערניע, ווו דער פּראָצענט ייִדן אין די שטעט איז געווען נישט מער ווי 30.5 און די גרויס־רוסן האָבן געהאַט 45.2% אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

נאָר אַ פּאָר דאַטן וועגן דער לאַגע אין גאַליציע אין פּרט פון שטאָטישער באַפעלקערונג — פון 125 שטאָטישע פּונקטן אין גאַליציע אין 1880 זענען גע־ווען שטעט מיט מער פון 50 פּראָצענט ייִדן 55, אַלזאָ 44 פּראָצענט; מיט מער פון 40 פּראָצענט ייִדן זענען געווען 82 פּונקטן, אַלזאָ 65.6%. און 40 פּראָצענט אין גאַליציע איז גאָר אָפט געווען אַ רעלאַטיווע מערהייט, באַזונדערס אין מזרח־גאַליציע.

די אַנטוויקלונג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אומעטום אין מזרח־אייראָפּע געפירט צום פאַלן פון פּראָצענט יידן אין די שטעט. פון איין זייט, איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון די לענדער, וועלכע זענען געוואָרן זעלבשטענדיק און געטריבן מיט מלוכה־מיט־לען די אינדוסטריאַליזאַציע און געשאַפן גרויסע פּאָליטישע אַפּאַראַטן, וואָס זע־נען באַשטאַנען אויסשליסלעך פון די אָנגעהעריקע פון דער מערהייט־באַפעלקע־רונג; פון דער צווייטער זייט איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון קינסטלעך פאַר־גרעסערן די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין די שטעט דורך איינשליסן אין די שטאָטישע גרענעצן דאָרפישע פאָרשטעט.

דאָך איז דער פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג נאָך אַלץ געווען גענוג גרויס ביז דער סאַמע צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. לאָמיר ברענגען אַ ביישפּיל פון פּוילן — דאָס פּוילישע יידנטום האָט דאָך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איבערגענומען פונעם רוסישן יידנטום בירושה די פירנ־דיקע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע ראָלע אינעם וועלט־יידנטום, ווי דאָס רוסישע האָט געירשנט דאָס פּוילישע יידנטום סוף 18טן יאָרהונדערט.

טאַבעלע 11

## דער פּראָצענט יידן אין פאַרשיידענע טיפּן שטעט אין פּוילן (1931־1897)

| שטאָטישע טיפּן | % יידן 1897 (* | % יידן 1931 |
|---|---|---|
| 1) שטעט מיט מער פון 100 ט. איינוו. | 30.1 | 25.9 |
| 2) שטעט מיט איינוו. פון 50 ביז 100 ט. | 44.6 | 33.1 |
| 3) שטעט מיט איינוו. פון 20 ביז 50 ט. | 48.5 | 37.6 |
| צוזאַמען | 36.0 | 27.3 |

דער אַנטייל פון יידן איז שטאַרק געפאַלן, נאָר דאָך האָבן זיי נאָך אויס־געמאַכט אַ גאַנץ היפּשן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין אַלע טיפּן שטעט. מיר האַלטן פאַר נויטיק ווידער דערמאָנען, אַז די נישט־יידישע באַפעלקערונג איז נישט געווען אויסגעגאָסן פון איין נאַציאָנאַלער גרופּע. פּוילן פון פאַר דער לעצ־טער וועלט־מלחמה איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענע פיל־פעלקערלעכע מלוכה.

*) בנוגע גאַליציע זענען גענומען געוואָרן די דאַטן פון 1900.

די מינדערהייטן האָבן אויסגעמאַכט 36 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. און אָט, למשל, אין וואָלינער וואָיעוואָדשאַפט האָבן יידן אויך אין 1931 אויסגע־מאַכט 55.6% אין די שטעט. אויפן צווייטן אָרט זענען געגאַנגען די אוקראַינער און ערשט אויפן דריטן אָרט די פּאָליאַקן, די מלוכה־הערשנדיקע גרופּע.

איבערגייענדיק צו די אַמעריקאַנער לענדער קענען מיר זיין קורצער, ווייל דאָס בילד איז, ליידער, צו קלאָר. די יידן זענען אומעטום אַ קליינער מיעוט.

### טאַבעלע 12

## פּראָצענט יידן אין די פאַרשיידענע טיפּן וווין־ערטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן (1937)

| טיפּן וווין־ערטער | % יידן |
|---|---|
| מער פון 100 טויזנט איינוווינער | 10.9 |
| פון 25 ביז 100 טויזנט איינוווינער | 2.8 |
| פון 10 ביז 25 טויזנט איינוווינער | 1.2 |
| ווייניקער פון 10 טויזנט איינוווינער | 0.7 |
| אין דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג | 6.5 |

ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער פּראָצענט יידן איז אין די ערשטע דריי גרופּעס שטעט שטאַרק געפאַלן — דער יידישער נאַטירלעכער צוּוואַקס איז כמעט צוויי מאָל קלענער פונעם נישט־יידישן. דאָס איז איינס. אין דער איינוואַנדערונג פון די לעצטע 16 יאָר האָט דער אַנטייל פון יידן אויסגעמאַכט אַ הויכן פּראָצענט נאָר אין די עטלעכע מלחמה־יאָרן, אָבער אין די לעצטע 6־5 יאָר איז ער געווען גאָר קליין. און דער עיקר — פאַר די לעצטע 16 יאָר איז געגאַנגען אַ גאָר גרויסער שטראָם פון די פאַרמס און קליינע שטעטלעך אין די מיטעלע און גרויסע שטעט און דאָס איז געווען אויסשליסלעך אַ נישט־יידישער שטראָם. צוליב די אַלע סיבות איז אָנצונעמען, אַז דער פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעל־קערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז איצט נישט מער פון קנאַפּע 4. דער חשבון איז אַ פּשוטער — רעכענען מיר אַלע 5 מיליאָן מיט 200 טויזנט יידן אַלס שטאָטישע — לגבי 145 מיליאָן שטאָטישע איינוווינער לויט די סאַמע לעצ־טע רעכענונגען, וועט דאָס באַטרעפן נישט מער פון 3.6%. דאָס איז בערך צען מאָל קלענער פון פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון די 25 גובערניעס פון תחום אין רוסלאַנד אין יאָר 1897 (36.9) און כמעט אַכט מאָל קלענער, ווי דער פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון פּוילן אין יאָר 1931 (27.3).

נישט גרעסער איז דער פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון אַרגענטינע — 380 טויזנט לגבי העכער 11 מיליאָן שטאָטישע איינוווינער — 3.3%. אַ סך קלענער איז דער פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון בראַזיל — נעמען מיר נאָר די 7 שטעט מיט מער פון הונדערט טויזנט איינ־וווינער, וועלכע האָבן געהאַט לויט דער שאַצונג פון 1951 צוזאַמען 6 מיליאָן מיט 640 טויזנט איינוווינער, און רעכענען מיר אַלע 120 טויזנט יידן אַלס קאָנ־צענטרירט אין די דאָזיקע זיבן גרעסטע פּונקטן, וועלן מיר באַקומען, אַז יידן מאַכן אויס אין דער גרויסשטאָטישער באַפעלקערונג קוים 2 פּראָצענט און אין דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג נאָך אַ נידעריקערן פּראָצענט.

נעמען מיר אויך אין מעקסיקע נאָר די 6 שטעט מיט העכער 100 טויזנט איינוווינער אין יעדער, וועלן מיר באַקומען, אַז אין זיי האָבן געלעבט לויט דער ציילונג פון 1950 — 3 מיליאָן מיט 742 טויזנט איינוווינער — 20 טויזנט יידן מאַכן אַלזאָ אויס קוים, קוים 0.5%.

מיר האַלטן פאַר איבעריק אויסצורעכענען אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענ־דער — דער פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון אַלע איבע־ריקע לענדער איז אין גאָר זעלטענע פאַלן העכער מיט אַ פערטל אָדער האַלבן פּראָצענט, אין מערהייט פאַלן איז ער נאָך נידעריקער.

מיר האָבן ביז איצט גענומען אָדער די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג אָדער די גאָר גרויסע שטעט אָן דעם חילוק בנוגע דער פאַרטיילונג פון די יידן פאַר זיך. מעג אמת זיין, אַז קאָמפּאַקטקייט אַליין איז ווייט נישט גענוג פאַר אַ פּרוכט־באַרן נאַציאָנאַלן לעבן — דאָך שפּילט קאָמפּאַקטקייט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין פילע וויכטיקע פּרטים, באַזונדערס בנוגע אינסטיטוציעס פאַר חינוך. מיר וועלן לכן זיך אָפּשטעלן אַביסל לענגער אויף דער יידישער קאָמפּאַקטקייט פאַר זיך און אויף דעם פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פּונקטן, אין וועלכע זיי זענען קאָנצענטרירט.

מיר וועלן אָנהייבן פון דעם גרעסטן יידישן קיבוץ, פאַר וועלכן מיר פאַר־מאָגן גראָד מער פאַרלעסלעכן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל.

### טאַבעלע 13

## די פאַרטיילונג פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן לויט דער גרויס פון די קהילות 1)

| טיפּן קהילות | צאָל קהי־לות | די צאָל יידן: אַבס. | % לגבי גאַנצער באַפ. | % פון יידן אין לאַנד | דורכשניט־צאָל יידן אין איין קהילה |
|---|---|---|---|---|---|
| 1) מיט מער פון 100 טויזנט | 5 | 3.295.000 | 20.1 | 65.0 | 659.000 |
| 2) פון 50 ביז 100 טויזנט | 7 | 451.000 | 7.1 | 8.9 | 64.430 |
| 3) פון 25 ביז 50 טויזנט | 5 | 164.000 | 5.5 | 3.2 | 32.800 |
| 4) פון 10 ביז 25 טויזנט | 26 | 385.000 | 7.2 | 7.6 | 14.800 |
| 5) פון 5 ביז 10 טויזנט | 36 | 250.000 | — | 4.9 | 7.000 |
| 6) פון 1 ביז 5 טויזנט | 156 | 331.000 | — | 6.6 | 2.120 |
| 7) ווייניקער פון 1 טויזנט | 560 | 189.000 | — | 3.8 | 340 |
| צוזאַמען | 795 | 5.065.000 | — | 100.0 | — |

די דאָזיקע טאַבעלע שטעלט פאָר מיט זיך אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס — זי גיט אונדז זייער אַ כאַראַקטעריסטיש בילד פון דער קאָנצענטרירטער קאָמפּאַקט־קייט ביי די ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע שטייגט אַריבער גאַנץ ווייט די געדיכטקייט אין די געטאָס פון אייראָפּע.

לאָמיר צוערשט זיך פאַרהאַלטן אויף דער אַלגעמיינער צאָל ייִדן אין אַמע־ריקע. מען מוז די סך־הכל־ציפער פון דער טאַבעלע אַ ביסל פאַרגרעסערן, ווייל די מחברים פון די דאַטעס, אויפן סמך פון וועלכע מיר האָבן אויפגעבויט די קאָמפּליצירטע טאַבעלע, זענען מודה, אַז אַ סך פונקטן, ווו די צאָל ייִדן איז זייער קליין, זענען געבליבן נישט רעגיסטרירט, ווייל מען האָט צו זיי נישט געקענט דערגרייכן. און עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז אַזעלכע פונקטן מיט גאָר קליינע גרופּקעס ייִדן זענען פאַראַן די והותר אין דעם גרויסן און ברייט־צעשפּרייטן לאַנד, וואָס הייסט „פאַראייניקטע שטאַטן". עס זענען פאַראַן טויזנטער פונקטן מיט איינער, צוויי אָדער דריי ייִדישע משפּחות, וועלכע בלייבן אומבאַ־קאַנט אַפילו די אָרגאַנען, וועלכע זענען אַזוי ספּעציאַליזירט אין די וועלט־קאַמ־פּיינס. עס איז לכן צוצורעכענען עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדן. בנוגע אַ סך פונקטן האָט מען גענומען די פאַרעלטערטע שאַצונגען — מיר נעמען לכן אָן,

1) a) American Jewish Year Book, 1954, pp. 8—12.
b) Information Please Almanac, 1953, pp. 124—27.

אַז די צאָל ייִדן אין 1953 איז געווען נישט ווייניקער פון 5 מיליאָן מיט 100 טויזנט. און סוף 1954 באַטרעפט די צאָל ייִדן נאָך מער מיט אַרום 100 טויזנט ייִדן.

לאָמיר איצטער זען, ווי זענען די ייִדן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר־טיילט איבערן לאַנד. אין די פינף גרעסטע שטעט מיט מער פון איין מיליאָן איינוווינער אין יעדער (ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס, פילאַדעלפיע און באָסטאָן) לעבן 3 מיליאָן מיט 295 טויזנט ייִדן. דאָס מאַכט אויס 65 פּראָצענט פון אַלע ייִדן פון די שטאַטן. נעמט מען די נישט־ייִדישע באַפעלקערונג פון די זעלבע פינף גרעסטע שטעט, וועט זי באַטרעפן 13 מיליאָן מיט 60 טויזנט (16 מיליאָן מיט 355 טויזנט אינגאַנצן מינוס 3 מיליאָן מיט 295 טויזנט ייִדן) — דאָס מאַכט אויס נישט מער ווי 8.6% פון דער גאַנצער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג. ייִדן זענען לכן גרויס־שטאָטיש, מעטראָפּאָליש אַכט מאָל מער, ווי די נישט־ייִדישע באַפעלקערונג.

אַזאַ מדרגה פון קאָנצענטראַציע, פון קאָמפּאַקטקייט האָבן ייִדן אין ערגעץ נישט דערגרייכט. עס איז איבעריק צו רעדן וועגן דער וויכטיקער ראָלע, עקאָ־נאָמישער און פּאָליטישער, וואָס אַזאַ ייִדישע קאָנצענטראַציע שפּילט. ראשית, איז די הכנסה פון די איינוווינער פון די אויסגערעכנטע פינף שטעט באַדייטנדיק העכער פונעם דורכשניט פאַרן גאַנצן לאַנד. נישט ווייניקער באַקאַנט איז, אַז גאָר אָפט שפּילן די גרויסע שטעט די אַנטשיידנדיקע ראָלע אין פּאָליטישע קאַמפּן.

אין די פינף גרעסטע שטעט פון לאַנד מאַכן ייִדן אויס העכער 20 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג — זעקס מאָל העכער, ווי אין גאַנצן לאַנד. און אַזוי ווי ייִדן פאַרנעמען אַ הויכן פּראָצענט צווישן די ליבעראַלע פּראָפעסיעס, אַ באַדייטנדיק העכערן פון זייער אַנטייל אין דער באַפעלקערונג, און שפּילן אַ גאָר אָנגעזעענע ראָלע אינעם האַנדל פון די דאָזיקע גרעסטע שטעט פון לאַנד, זעט זיך טאַקע שטאַרק אָן די ייִדישע ראָלע אין די דאָזיקע מעטראָפּאָליעס.

די צווייטע גרופּע שטעט — פון 50 ביז 100 טויזנט ייִדן — ציילט 7 פּונקטן מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג פון 451 טויזנט נפשות. אין דורכשניט העכער 64 טויזנט ייִדן אין יעדן פּונקט. אויך דאָס איז נישט קיין קליינע צאָל און גיט גרויסע מעגלעכקייטן פאַר געזעלשאַפטלעכע און חינוך־אינסטיטוציעס. צוזאַמען האָבן מיר אין 12 ייִדישע קהילות 3 מיט דרייפערטל מיליאָן ייִדן, אַרום דריי פערטל פון אַלע אַמעריקאַנער ייִדן.

לאָזן מיר דורך די ייִדישע קהילות מיט מיטלע צאָלן ייִדן און וואַרפן מיר אַ בליק אויף די פּונקטן מיט ווינציקע ייִדן און לכן מיט שווערקייטן און פּרט פון זיך אויסלעבן וויפל ס׳נישט איז ווי ייִדן.

ביי די אַמעריקאַנער באַדינגונגען איז די צאָל ווייניקער פון 5 טויזנט ייִדישע נפשות שוין אַ צו קליינע צאָל אום צו רעכענען און האָפן אויף אַן אָרגאַ־

ניזירט יידיש לעבן. בפרט נאָך, אַז דער דורכשניט פון יידן אין אַ קהילה פון דער גרופּע פון 1 טויזנט ביז 5 באַטרעפט נאָר גאָר אַ ביסל מער פון 2 טויזנט נפשות. מיר וועלן לכן געוויס נישט מאַכן קיין טעות אויב מיר וועלן משער זיין, אַז אַרום אַ האַלבן מיליאָן יידן אין אַמעריקע זענען אַזוי צעשפּרייט און צעזייט איבער פיל פּונקטן, אַז זיי זענען קוים אימשטאַנד צו אָרגאַניזירן פאַר זיך אַ קולטורעל יידיש לעבן.

אין די פינף גרעסטע שטעט פון אַמעריקע מאַכן יידן אויס לגבי דער גאַנ־צער באַפעלקערונג אַ גאַנץ היפּשן פּראָצענט — 20. אָבער אין די מיטעלע שטעט מיט דער צאָל יידן שוין נאָר פון 50 ביז 100 טויזנט איז דער פּראָצענט יידן נאָר 5.5. ביי אַזאַ קליינער רעלאַטיווער צאָל און ביי דער אינטענסיווער מדרגה פונעם אַסימילר־פּאָטענציאַל אין אַמעריקע ווערט די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּרט פון קאַמף קעגן אַסימילאַציע זייער שוואַך.

פון גרופּעס לאָמיר איבערגיין צו קאָנקרעטע סטאַטישע פּונקטן און לאָמיר מאַכן אַ פאַרגלייך מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט פון מזרח־איירָאָפּע, ווו יידן האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן ממש אַ אויטאָנאָם יידיש נאַ־ציאָנאַל לעבן. ערשט דעמאָלט וועט אונדז ווערן קלאָר דער טיפער תהום־חילוק צווישן די אָביעקטיווע נאַציאָנאַלע באַדינגונגען איןביידע פאַלן.

אַז דאָס יידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע לעבן איז דער עיקר קאָנצענטרירט אין די שטעט, פאַרשטאַרט מען צוצוגעבן. און אָט זעען מיר, אַז סוף 19טן יאָר־הונדערט האָבן יידן אין צאַרישן רוסלאַנד געהאַט מער פון אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין 7 גרעסערע שטעט פון 15, דערגרייכנדיק אין אַ פּאָר שטעט ביז העכער 70 פּראָצענט! די 15 שטעט פון דער טאַבעלע זענען נישט קיין אויסנאַם — פּונקט פאַרקערט, זיי זענען ביז גאָר טיפּיש. זיי זענען גענומען אַלס מוסטערן, ווייל זיי האָבן קאָנצענטרירט אין זיך אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד סוף 19טן יאָרהונדערט.

אין 11 שטעט פון די 15 האָבן יידן אויסגעמאַכט מער פון 40 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. דערביי מוז מען נעמען אין אַכט, אַז די נישט־יידי־שע באַפעלקערונג איז נישט געווען נאַציאָנאַל מאָנאָליטיש — אָפט איז זי באַ־שטאַנען פון דריי און מער באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס, רוסן, אוקראַינער און פּאָליאַקן, אָדער רוסן, פּאָליאַקן, דייטשן און ליטווינער. און זייער אָפט איז די לאַנד־ אָדער אַפילו גובערניע־מערהייט געווען זייער שוואַך פאַרגעשטעלט אין דער גובערניאַלער שטאָט.

מיר ברענגען אין דער טאַבעלע אויך דאַטעס פאַר אַ שפּעטערדיקן יאָר — פאַר 1926 פון סאָוועטישן רוסלאַנד און פאַר 1931 פאַר פּוילן. ס׳וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד איז דער פּראָצענט יידן נאָך דער מלחמה געשטיגן אין אַ פּאָר שטעט, ווי אָדעס און קרעמענטשוג. דאָס דערקלערט

זיך מיט דעם, וואָס בעת די פּאָגראָמען פון 1918־1921 זענען די יידן געלאָפן אין די גרעסערע שטעט. די שפּעטערע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט צוגעצויגן גרויסע מאַסן נישט־יידישע אַרבעטער און דער פּראָצענט יידן איז באַדייטנדיק געפאַלן.

### טאַבעלע 14

## יידן אין שטעט פון מזרח־אייראָפּע און פון אַמעריקע

| שטעט | א) מיזרח־אייראָפּע 1897–1900 | א) מיזרח־אייראָפּע 1926–1931 | ב) אַמעריקע שטעט | ב) אַמעריקע 1953 אבס | ב) אַמעריקע 1953 % לגבי דער גאַנצער באַפ. |
|---|---|---|---|---|---|
| 1) באַרדיטשעוו | 79.7 | 65.3 | 1) ניו־יאָרק | 2.300.000 | 29.0 |
| 2) פּינסק | 74.2 | 63.4 | 2) טשיקאַגאָ | 325.000 | 9.0 |
| 3) ביאַליסטאָק | 63.5 | 43.0 | 3) לאָס־אַנזשעלעס | 325.000 | 16.5 |
| 4) גראָדנע | 59.5 | 42.6 | 4) פילאַדעלפיאַ | 270.000 | 11.8 |
| 5) האָמעל | 55.6 | 43.7 | 5) באָסטאָן | 140.000 | 17.5 |
| 6) לובלין | 51.3 | 34.7 | 6) דעטראָיט | 72.000 | 4.0 |
| 7) מינסק | 52.3 | 40.8 | 7) קליוולענד | 85.000 | 9.0 |
| 8) קרעמענטשוג | 47.3 | 53.4 | 8) באַלטימאָר | 78.000 | 8.0 |
| 9) קישינעוו | 46.3 | 55.0 | 9) נוואַרק | 56.000 | 12.0 |
| 10) ווילנע | 45.4 | 28.2 | 10) פּיטסבורג | 54.000 | 8.0 |
| 11) קאָוונע | 35.9 | 25.3 | 11) ס. פראַנציסקאָ | 51.000 | 8.1 |
| 12) אָדעס | 34.4 | 41.2 | 12) מיאַמי | 55.000 | 20.0 |
| 13) וואַרשע | 33.9 | 30.1 | 13) בוענאָס־איירעס | 250.000 | 7.5 |
| 14) לאָדזש | 31.8 | 33.5 | 14) טאָראָנטאָ | 66.000 | 7.0 |
| 15) יאַסי | 53.4 | 50.0 | 15) מאָנטרעאַל | 85.000 | 5.5 |
| | | | 16) מאָנטעווידעאָ | 32.000 | 4.0 |
| | | | 17) ס. פּאַולאָ | 40.000 | 3.0 |
| | | | 18) סאַנטיאַגאָ | 30.000 | 2.5 |
| | | | 19) ר. דע זשאַנעיראָ | 40.000 | 2.0 |
| | | | 20) מעקסיקע | 20.000 | 1.0 |

1) די ערשטע רייע ציפער זענען וועגן שטעט פון אַמאָליקן רוסלאַנד, פון 1897, חוץ יאַסע, ווו די דאַטעס זענען פון 1900. די צווייטע שורה ציפער איז: בנוגע סאָוועטישע שטעט (באַרדיטשעוו, האָמעל, מינסק, קרעמענטשוג און אַדעס) זענען די דאַטעס פון דער ציילונג פון 1926; אַלע איבעריקע שטעט, חוץ יאַסי, זענען די דאַטעס פאַרן יאָר 1931, יאָר פון פּוילישן צענזוס. פאַר יאַסי זענען די דאַטעס פון 1935.

אין די שטעט פון פוילן איז דער פּראָצענט אומעטום געפאַלן און גאַנץ באַדייטנדיק, באַזונדערס אין די שטעט פון די קרעסן, ווי אין ביאַליסטאָק, ווילנע און גראָדנע — די דאָזיקע ירידה פון יידישן אָנטייל אין די שטעט פון פוילן איז נאָר טיילווייז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג. מיינס־טענס איז דאָס געווען אַ פּועל יוצא פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון די פּויּלישע רעגירונגען, וועלכע האָבן אַלע, נישט אָפּהענגיק פון פּאָליטישע ריכטונגען, געטריבן די פּאָליטיק פון פּאָלאָניזירן די שטעט דורך צוגעבן פּאָרשטעט און אויך דורך איבערפירן די באַפעלקערונג פון די פוילישע גובערניעס אין די שטעט פון די קרעסן.

נאָר אויך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און שוין כמעט ערב דער גרויּסער קאַטאַסטראָפע האָבן נאָך אַלץ יידן אויסגעמאַכט מער פון אַ העלפט אין 4 שטעט פון די 15 פון דער טאַבעלע און מער פון 40 פּראָצענט אין 10 פון די 15 שטעט. און 40 פּראָצענט איז כמעט תמיד געווען אַ רעלאַטיווע מערהייט, ווייל די איבעריקע טיילן זענען תמיד געווען נאַציאָנאַל צעשפּאָלטן. אין 13 שטעט פון די 15 איז די באַפעלקערונג געווען נאַציאָנאַל זייער געמישט. און נאַציאָנאַל אין אייראָפּע האָט געמיינט זיך איינבייסן מיט די ציין און שיצן די נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס.

גייט מען איבער צו די שטעט פון אַמעריקע בייט זיך דאָס בילד ראַדיקאַל — וועגן אַ מערהייט, זאָל זיין אַ רעלאַטיווע, קען גאָר קיין רייד נישט זיין. אין 14 שטעט פון 20 מאַכן יידן אויס ווייניקער פון 10 פּראָצענט, פּאַלנדיק אין 6 שטעט ביז ווייניקער פון 5 פּראָצענט און אין דריי ביז ווייניקער פון 3 פּראָצענט. דער מאַקסימום איז 29 פּראָצענט אין ניו־יאָרק. דאָס איז אָבער אַ אוניקום אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. נאָר אין 4 שטעט פון 20 מאַכן יידן אויס מער פון 15 פּראָצענט. און זאָל דאָ צוגעגעבן ווערן, אַז כאָטש די נישט־יידישע באַפעלקערונג אין די אַמעריקאַנער שטעט איז ביז גאָר אַ געמישטע און געוויס נישט מאָנאָליטיש, איז זי אָבער דורכגעדרונגען מיט איינער און דער זעלבער שטרעבונג — וואָס גיכער זיך באַפרייען פון די געבראַכטע פון אייראָפּע קולטור־גיטער און וואָס גיכער זיך אינטעגרירן אין דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער מערהייט און אין איר קולטור.

# סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור און אַסימילאַציע

קאָנצענטרירטקייט אין אַ קליינער צאָל פּונקטן און מאַסן־קאָמפּאַקטקייט אין די ראַמען פון די שטעט זענען געוויס איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין קאַמף פון דער ייִדישער מינדערהייט פאַר נאַציאָנאַלן המשך. די דאָזיקע פאַקטאָרן זענען אַנטוויקלט אין זייער אַ הויכער מדרגה אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ עס איז איצט קאָנצענטרירט קרוב צו אַ העלפט פון ייִדישן פאָלק. קרוב צו 45 פּראָצענט פון אַלע ייִדן פון דאָזיקן לאַנד לעבן אין איין שטאָט ניו־יאָרק. אין כמות האָבן מיר אין דער דאָזיקער איינער קהילה 2 מיליאָן מיט 300 טויזנט ייִדן — אַ קאָנצענטראַציע, ווי קיינמאָל אין דער ייִדישער געשיכטע און ווייט איבערגעשטיגן די קאָנצענטראַציע אין די אייראָפּעיִשע לענדער. אין 5 שטעט (ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס, פילאַדעלפיע און באָסטאָן) — דריי מיליאָן מיט 350 טויזנט ייִדן, קרוב צו צוויי דריטל פון אַלע אַמעריקאַנער ייִדן און אין די אַלע שטעט זענען ייִדן צוזאַמענגעזאַמלט אין באַשטימטע ראַיאָנען — אין ברוקלין, אַ פאָראָרט פון ניו־יאָרק, אַ גאַנצער מיליאָן ייִדן!

ס׳מערקט זיך די לעצטע צייט אַ טענדענץ זיך צו צעשפּרייטן, אָבער זי האָט נאָך לעת עתה נישט אָנגערירט דעם גרונט־באָדן פון דער קאָמפּאַקטקייט אין באַשטימטע ראַיאָנען פון די שטעט.

דער דאָזיקער זייער וויכטיקער פאַקטאָר איז אָבער ווייט נישט גענוג כדי שוין צובאַוואָרענען דעם קיום פון דער ייִדישער מינדערהייט אין אַ פרעמדער וועלט, אין אַ וועלט פון אַ מערהייט, וואָס שלינגט איין צענדליקער פעלקער און שטאַמען, שפּראַכן און קולטורן. ערשט ווען דער דאָזיקער פאַקטאָר ווערט געשטיצט און אינטענסיווירט דורך אַ גאַנצער רייע באַגלייטנדיקע מאָמענטן אַנטפּלעקט זיך אין זיין פולער מאָס זיין געבענטשטע ראָלע. פאַלט אָבער דער דאָזיקער פאַקטאָר נישט צוזאַמען מיט די באַגלייטנדיקע נאַציאָנאַל־פּאָזיטיווע דערשיינונגען, טרעפט אָפט, אַז ער ווערט בטל בששים, אַז ער ווערט אַזוי געשוואַכט

און געמינערט אין זיינע פּאָזיטיווע השפּעות, אַז זיין גאַנצע נאַציאָנאַלע רעטונג־ווירקונג גייט פאַרלאָרן.

נאָר אַ האַרמאָניע צווישן דעם קאָנצענטראַציע־ און קאָמפּאַקטקייט־פאַקטאָר מיט נאַציאָנאַל־גינציקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און גייסטיק־קולטורעלע השפּעות גיט יענע ווונדערבאַרע רעזולטאַטן פון נאַציאָנאַלן צעבלי און שעפערישער נאַציאָנאַלער איזאָלירטקייט, וועלכע מיר האָבן דורכגעלעבט אין די מזרח־אייראָ־פּעיִשע לענדער. אין די נייע איינוואַנדערונג־לענדער אָבער און גאַנץ באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן הערשט אַזאַ דיסהאַרמאָניע צווישן די השפּעה־פאַק־טאָרן, אַז די געבענטשטע ווירקונג פון דעם קאָנצענטראַציע־ און קאָמפּאַקטקייט־מאָמענט גייט פיל פאַרלאָרן.

אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, ווו מיר האָבן איבערגעלעבט דעם מאָ־דערנעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, איז דער שטאַרקער איזאָלאַציע־מאָמענט צוזאַ־מענגעפאַלן מיט דער יִדישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער איזאָלירטקייט און מיטן מינימאַלן אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון דער אַרומיקער מערהייט — אָט די דאָזיקע היסטאָרישע האַרמאָניע פון אַלע נאַציאָנאַל־פּאָזיטיווע פאַקטאָרן האָט געגעבן די רייכסטע און פרוכטבאַרסטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעזולטאַטן. די לאַגע אין די נייע איינוואַנדערונג־לענדער און גאַנץ באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז פּונקט אַ פאַרקערטע — דער שטאַרקער קאָמפּאַקטקייט שטייט אַנטקעגן אַ מדרגה פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער איינגלידערונג און אַריינוואַקסונג אין דער אַרומיקער מערהייט און אַ גראַד פון אַ קולטורעלער השפּעה מצד דער דאָזיקער אַרומיקער מערהייט, אַז די ברכות פון דער קאָנצענטרירטקייט און קאָמפּאַקטקייט פאַרלירן שטאַרק אין זייער השפּעה.

ביי באַזונדערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע מערהייט־גרופּעס איז זייער פאַרשיידן דער אַסימיליר־דרוק אויף דער מינדערהייט. און עס איז אויך זייער פאַרשיידן דער צופּאַסונג־גראַד, די איינגלייכונג־מדרגה צו דער מערהייט ביי באַזונדערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע שיכטן פון דער מינדערהייט.

ס׳ווירקן זייער אַ סך פאַקטאָרן איןביידע פאַלן, סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָ־ליטישע און קולטורעל־גייסטיקע. אַלע די דאָזיקע פאַקטאָרן באַווירקן זיך קעגנ־זייטיק, פּאָזיטיוו אין זין פון מינימאַלער אַסימיליר־השפּעה און מינימאַלער אַסי־מילאַציע־נטיה און נעגאַטיוו אין זין פון מאַקסימום אַסימיליר־דרוק און מאַקסי־מום צופּאַסונג־ טענדענץ מצד דער מינדערהייט — די גרונט־באַזע פון ביידע מאָמענטן פון די השפּעות פון ביידע צדדים ליגט אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער מערהייט און אין דעם פּלאַץ, וואָס די מינדערהייט פאַרנעמט אין דער דאָזיקער סטרוקטור.

די ווירקונג איז אַ האַרמאָנישע ביי ביידע גרופּעס, ביי ביידע צדדים, ביים אַסימיליר־סוביעקט ווי ביים אַסימילירטן אָביעקט: וואָס העכער עס איז דער

אַסימיליר־דרוק פון דער מערהייט, אַלץ אינטענסיווער איז ביים מיעוט די נטיה זיך וואָס טיפער אַריינפּאַסן אין דער מערהייט און זיך צופּאַסן צו איר אין שפּראַך און קולטור. און דאָס זעלבע קומט פאַר פאַרקערט — וואָס שוואַכער עס איז דער פּאָטענציאַל פונעם אַסימיליר־סוביעקט, אַלץ נאָכגעלאָזענער און פּאַסיווער איז די טענדענץ ביי דער מינדערהייט זיך צוצופּאַסן צו דער מערהייט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָ גייט נישט די רייד וועגן צוואַנג־אַסימילאַציע און וועגן צוואַנג־צופּאַסונג. דאָ רעדט זיך וועגן אָביעקטיווע פּראָצעסן, וועלכע ווירקן מעכאַניש און אויטאָמאַטיש. דער פּאָליטישער פאַקטאָר קען געוויס אינ־טענסיווירן דעם אַסימיליר־פּראָצעס — גאָר אָפט טרעפט אָבער, אַז דווקא דער פּאָליטישער צוואַנג־פאַקטאָר טרייבט צו אַ ווידערשטאַנד מצד דעם מיעוט־קרבן. צוואַנג האָט אַ טבע זיך אָנצושטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד דעם קרבן. דווקא דאָרטן ווו דער פּאָליטישער צוואַנג־פאַקטאָר מישט זיך נישט אַריין, דווקא דאָרטן ווו די פּראָצעסן אַנטוויקלען זיך פריי, ווי דאָס קומט טאַקע פאָר אין די נייע איינוואַנדערונג־לענדער, באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן — אָט דווקא ביי אַזעלכע פריי באַדינגונגען איז דער השפּעה־פּאָטענציאַל דער מעכ־טיקסטער, הן מצד דעם אַסימיליר־סוביעקט און הן מצד דעם אַסימילירטן אָב־יעקט. די אַסימיליר־פּראָצעסן צעוויקלען זיך ביי פרייע באַדינגונגען אַמשטאַרקסטן, אויף אַ נאָרמאַלן אופן, אויף אַ, אַזוי צו זאָגן, געזונטן אופן, אָן צוואַנגען און שטערונגען פון זייטיקע פאַקטאָרן. „נאָרמאַלן", „געזונטן" אופן — אין זין פון גלאַטער אָנווייטיקדיקער אַפּוויקלונג פון די פּראָצעסן, אין זין פון גיכער און אינטענסיווער אַסימילאַציע פון דער מינדערהייט. אין דעם איז אפשר די גרעסטע סכנה פאַר דער יידישער גלות־צוקונפט, וואָס די אַסימילאַציע־פּראָצעסן זענען נאָרמאַלע אָן געוויזנפּיסלעך, נאָרמאַל פאַר צענדליקער פעלקער און אויך פאַר יידן פון שטאַנדפּונקט נישט נאָר פון פרעמדע, נאָר אויך פון באַדייטנדיקע טיילן פון יידישן פאָלק זעלבסט; נאָרמאַל פון שטאַנדפּונקט פון די עקאָנאָמישע אינטע־רעסן פון דעם מיעוט; נאָרמאַל אויך פון די פּאָליטישע אינטערעסן פון דער יידישער מינדערהייט. ווייל יעדע איזאָלאַציע, יעדע זיך אויסטיילונג פון דעם רוב, יעדעס זיך איזאָלירן און זיך אָפּרייסן פונעם כלל איז פאַר אַ מיעוט געפער־לעך. עס איז געוויס נישט נאָרמאַל פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט; ריכטיקער, ס'איז נישט געוווּנטשן פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט; ס'איז אַפילו אַ גרויסער ווייטיק פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. מיר פאַרנעמען זיך דאָ אָבער נישט מיט סוביעקטיווע ווונטשן און שטרעבונגען, נאָר מיט אָביעקטיווע פּראָצעסן און זייערע אויסווירקונגען, מיט אָביעקטיווע פאַקטן און זייערע אומפאַרמיידלעכע רעזולטאַטן.

מען קען נישט רעדן וועגן אַן עקזאַקטן מעסטער נישט פאַרן גראַד פון דעם אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון די פאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע גרופּעס פון דער מערהייט, ווי אויך נישט וועגן דער אינטענסיווקייט פון דער אַסימילאַציע־נטיה

ביי פֿאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע שיכטן פֿון דער מינדערהייט. אין אַלגעמיין קען מען אויפֿשטעלן אַ סקאַלע פֿון בערך פֿאָלגנדיקן השפּעה־כאַראַק־טער: אינטעליגענץ און באַאַמטנטום, האַנדל, אינדוסטריע, מלאכה, פּויערטום. וואָס ס׳איז שייך די קלאַסן־גרופּעס, איז אַנצונעמען אקסיאמאטיש, אַז דער אַסימילירדרוק פֿון די בעלעבאַטים פֿון דער מערהייט, ווי אויך די אַסימילאַציע־נטיה ביי די באַלעבאַטים פֿון דער מינדערהייט זענען שטאַרקער און אינטענסיווער, ווי ביי די פּראָלעטאַרישע קלאַסן.

די השפּעה פֿון דער אינטעליגענץ פֿון דער מערהייט אין פּרט פֿון אַסימילירפּאָטענציאַל קען נישט געמאָסטן ווערן מיט איר פּראָצענטועלן אַנטייל אין דער באַפֿעלקערונג. איר השפּעה בכלל איז פֿיל טיפֿער און פֿיל פֿילזייטיקער, ווי איר רעלאַטיווע צאָל. אַזוי אויך אין פּרט פֿון אַסימיליר־אויסאיבונג. איר אַסימילירהשפּעה איז פֿיל מאָל העכער פֿון איר אַנטייל אין דער באַפֿעלקערונג. די אינטעליגענץ איז דער אויסדערווײלטער עלעמענט, אויף וועלכן מען קוקט און מען פֿאַרקוקט זיך, וועמען מען טוט נאָך און צו וועמען מען ציט זיך. די אינטעליגענץ איז די געזעצגעבערין אין פּרט פֿון טאָג־טעגלעכע לעבנס־פֿאָרמען און לעבנס־פּרינציפּן, ווי אויך אין פּרט פֿון העכערע לעבנס־פֿילאָסאָפֿיעס און מאָראַלישע אַני מאַמינס, פּאָליטישע ריכטונגען און קולטורעלע געשמאַקן.

די אינטעליגענץ איז אָבער דער שופֿר פֿון דער מערהייט־קולטור, פֿון דער מערהייט־נשמה, פֿון די נאַציאָנאַלע גיטער פֿון דער מערהייט. זי פֿאַרפּלייצט מיט איר שטאַרקער השפּעה די מינדערהייטן נישט ווייניקער ווי די מערהייט. איר אַסימיליר־השפּעה איז פֿילזייטיק און באַצווינגנדיק. בפּרט נאָך אין אונדזערע צייטן, ווען זי האָט צו איר רשות נישט נאָר די שולע אין ברייטן זינען פֿון וואָרט, פֿון פֿאָלקס־שולע ביז אוניווערסיטעט, נאָר אויך די ראַדיאָ און די טעלעוויזיע, דורך וועלכע זי רייסט זיך אַריין אין הויז פֿון אַלע איינוווינער און אויך פֿון דער מינדערהייט; רייסט זיך אַריין און כאַפּט אַריין אין די נעצן פֿון דער מערהייט־קולטור די גאַנצע פֿאַמיליע, פֿונעם 5־יאָריקן קינד ביז דעם 80־יאָריקן זקן. וואָס גרעסער דער שטח פֿון דער מערהייט־אינטעליגענץ אין אַ לאַנד, אַלץ אריינדרינגנדיקער איר השפּעה; אַלץ ברייטער און צעשפּרייטער איר ווירקונג; אַלץ פֿאַרכאַפּנדיקער איר צוצי־קראַפֿט, איר צוזאָגנדיקע פּערספּעקטיוון פֿאַר די מינדערהייטשיכטן פֿון דעם זעלבן קלאַס.

אין האַרמאָניע מיט די דאָזיקע קוואַליטעטן פֿון דער אינטעליגענץ פֿון דער באַפֿעלקערונג־מערהייט אַסימילירט זיך די אינטעליגענץ פֿון דער מינדערהייט. זי לויפֿט אין איר אַסימילאַציע־טענדענץ און שטרעבונגט אָן אַלע אירע גייסטיקע כוחות, אום נישט נאָר נישט אָפּצושטיין פֿון דער גרונט־אינטעליגענץ אין פּרט פֿון אויסדרוק פֿון דער מערהייט־פּסיכיק און מערהייט־שטייגער, נאָר זי פּלייסט זיך איבעריאָגן און איבערלויפֿן. דאָס השפּעה־פֿעלד פֿון דער מערהייט איז אַזוי ברייט

און פילזייטיק, זאָגט צו אַזעלכע רייכע און הויכע פּערספּעקטיוון, ווינקט מיט אַזעלכע צוקונפט־דערגרייכונגען, מאַטעריעלע און גייסטיקע, אַז ס׳וואָלט געווען צו אומנאַטירלעך, אַז די מינדערהייט־אינטעליגענץ זאָל זיך פרייוויליק אָפּזאָגן פון די ממש אָנצוטאַפּן גרויסע מעגלעכקייטן און הויכע שאַנסן.

אויך ביי דער מינדערהייט ווערט שטאַרק נאָכגעטון דער אינטעליגענץ און זי ווערט באַזונדערס פון דער יוגנט באַוווּנדערט. אירע אַסימילאַציע־נטיות און אירע צופּאַסונג־אָנשטרענגונגען ווירקן אין אַ סך אַ גרעסערער פּראָפּאָרץ, ווי איר צאָל־וואָג אין דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז דער ייִדישער אינטעליגענט אין אַ גלות־לאַנד פאַרברענגט דאָך העכער 20 יאָר אין דער אַטמאָספער פון דער מערהייט־שפּראַך און מערהייט־קולטור. דאָס איז דאָך אין דורכשניט כמעט אַ דריטל פון דעם לעבנס־דויער. דערביי זענען דאָך דאָס די ייִנגסטע יאָרן, ווען די אויפנאַם־פעיִקייט און די איינזאַפּ־באַגאַבונג זענען די בעסטע און שעפערישסטע. זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז די ייִדישע יוגנט גיט אַ העכערן פּראָצענט ווי אין דורכשניט טאַלאַנטן און באַגאַבטע אויף די פאַר־שיידנסטע גייסטיקע געביטן. און וואָס העכער דער אינטעליגענץ־פּאָטענציאַל, אַלץ אינטענסיווער און עקשנותדיקער דאָס רייסן זיך אין דער ברייטער וועלט, דאָס זוכן פון אַ ברייטערער פעלד פאַר ווירקונג און זיך אַנטפּלעקן.

מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי דער באַפעלקערונג־מערהייט אויף דער אַסימיליר־השפעה פונעם באַאַמטנטום, ווייל די געזעלשאַפטלעכע וואָג פון דעם דאָזיקן קלאַס איז בערך שוואַך. גאָר אַנדערש ביי דער מינדערהייט־באַפעל־קערונג — מעג זי זיין ווי גלייכבאַרעכטיקט און ווי גלייכאייַנגעגלידערט אין דער גאַנצער בירגערשאַפט פון לאַנד, אַ פּאָליטישער אַמט איז ביי איר אַ גאָר לאַנגע צייט אַ דערהויבנקייט, אַ געזעלשאַפטלעכע עליה, אַ געווינס, וואָס מוז באַצאָלט ווערן. און ס׳ווערט גאַנץ טייער באַצאָלט מיטן מאַקסימום אָפּרייסן זיך פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער גרופּע און מיטן מאַקסימום זיך אַריינגלידערן און אַריינ־וואַקסן אין דער מערהייט־אַטמאָספער אין ברייטסטן זין פון וואָרט. באַזונדערס טייער ווערט באַצאָלט ביים באַקומען העכערע פּאָליטישע אַמטן און אַפילו מי־טעלע פּאָליטישע שטעלעס.

וואָס טאָלעראַנטער די מערהייט־אינטעליגענץ איז צו די קאָלעגן פון דער מינדערהייט, אַלץ אינטענסיווער די שטרעבונג פון דער אינטעליגענץ פון דער לעצטער זיך פולקאָמענער אַריינפּאַסן און צופּאַסן צו דער מערהייט. ס׳איז אָבער אַ באַזונדערער שטריך פון דער ליבעראַלער פּראָפעסיע, וואָס אַפילו אין די לענדער, ווו עס איז פון דער הערשנדיקער מערהייט־אינטעליגענץ געפירט גע־וואָרן אַ פאַרביטערטער קאַמף קעגן דער ייִדישער מינדערהייט, איז די לעצטע דאָך געווען גאַנץ גענוג אַסימילירט און ווייט נישט נאָר שפּראַכלעך. דאָס ליגט אין דער נאַטור פון דער ליבעראַלער פּראָפעסיע, וועלכע צווינגט צו פאַרברענגען

די בעסטע יינגסטע יאָרן אין דער סביבה פון דער הערשנדיקער שפּראַך־ און קולטור־אַטמאָספער.

ביי די ליבעראַלע פּראָפעסיעס איז די אַסימילאַציע אַן אַלגעמיינע דערשיי־נונג, אַ גאָר נישט אָפּהענגיקע פון די פּראָצענטועלע אָנטיילן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס און אַ צווינגנדיקע ביי אַלע באַדינגונגען. איר השפּעה אין דער מינדערהייט־גרופּע איז געוויס אָפּהענגיק פון איר צאָליקער גרויס און אינטעלעקטועלער וואָג אין דעם דאָזיקן שיכט. אין דעם פּרט איז אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן דער מצב שוין אַזוי, און אין די איבעריקע אַמעריקאַנער לענ־דער צילט צו דעם די אַנטוויקלונג־טענדענץ, אַז דער דאָזיקער השפּעה־פולער קלאַס זאָל פאַרנעמען אַלץ מער און מער פּלאַץ אינעם עקאָנאָמישן לעבן.

אַנדערש איז די לאַגע אינעם האַנדל, ביי דער צווייטער גרופּע מיט אַ הויכן אַסימיליר־פּאָטענציאַל ביי דער מערהייט־באַפעלקערונג און מיט אַ הויכער נטיה צו אַסימילירן זיך ביי דער מינדערהייט־גרופּע. דאָ זענען שוין די באַדינ־גונגען פיל קאָמפּליצירטער און פאַרוויקלטער. האַנדל איז אַן אָפענע באַשעפטי־קונג, אַ שרייענדיקע באַשעפטיקונג, אַ דעמאָנסטראַטיווע באַשעפטיקונג — די קאָנקורענץ איז דאָ די שאַרפסטע, די דערפינדערישסטע. דער קולטור־מצב פון דער קונים־מאַסע שפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע אין פּרט פון צופּאַסונג פון די פאַרקויף־באַדינגונגען נישט נאָר אין פּרט פון סחורה־אויסוואַל און דעם טאַלאַנט צו וויזן די סחורה אין אַ צוציִונג־פאַרעם. אויך אין פּרט פון שפּראַך און קול־טור און באַנעמונג קומט פאָר אַ צופּאַסונג צו דער קונים־מערהייט. אָבער נאָר ביי אַ הויך קולטיווירטער קונים־מאַסע און נישט ביי אַ פּרימיטיווער; ביי אַ קונים־מאַסע פון אַ גרויסן פאַרשיידנאַרטיקן און קאָמפּליצירטן אַסאָרטימענט פון סחורות.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די צופּאַסונג־מדרגה פון אַ מינדערהייט־גרופּע אין האַנדל איז אין דער ערשטער רייע אָפּהענגיק פון איר צאָליקן אָנטייל אינעם דאָזיקןווירטשאַפט־צווייג. אַ מינוס־צופּאַסונג איז אומפאַרמיידלעך אַפילו ביי אַ הונדערט־פּראָצענטיקן אָנטייל פון דער מינדערהייט־גרופּע. די שפּראַך־צופּאַסונג צו דער קונים־מאַסע איז אַ אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג — עס איז אָבער קלאָר, אַז די שפּראַך־צופּאַסונג פון פּוילישן אָדער אוקראַאינישן יידן צום פּרימיטיוון אַנ־אַלפאַבעטישן פּויער פון דאָרף האָט נישט געקענט פירן צו אַסימילאַציע בעת די צופּאַסונג צום קונה פון דער אַמעריקאַנער גרויס־שטאָט צי אַפילו פון דער אַמע־ריקאַנער מיטל־ און קליין־שטאָט איז גאָר אַן אַנדערע.

די צופּאַסונג צו דער קונים־מאַסע איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער מדרגה פון קאָנקורענץ פון דער מערהייט־גרופּע. אין די פּוילישע, אוקראַאי־נישע, ליטווישע, לעטישע, מאָלדאַווישע און אַזוי ווייטער שטעטלעך, האָט דער יידישער קרעמער נישט געהאַט כמעט גאָר קיין קאָנקורענטן. אין די גרויסע

שטעט, ווו עס איז געווען אַ קאָנקורענץ פון קרעמער פון דער מערהייט־גרופּע, איז כאָטש דער יידישער האַנדל־קלאַס האָט אויסגעמאַכט אויך דאָרטן אַ גאָר הויכן פּראָצענט, אין אַלע פאַלן העכער אַ העלפט, האָט דער פּראָצעס געטריבן צום עפענען די יידישע קראָמען שבת און יום טוב. עס האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, ווי פּאַראַלעל מיטן וווּקס פון קריסטלעכע קאָנקורענטן איז גע־וואָקסן די צאָל יידישע קראָמען אָפענע שבת און יום טוב.

די לאַגע איז פּונקט אַ פאַרקערטע אין די אַמעריקאַנער לענדער — די יידן מאַכן אומעטום אויס אַ קליינעם פּראָצענט פון גאַנצן קלאַס הענדלער, כאָטש דער האַנדל באַשעפטיקט אומעטום העכער אַ העלפט און אָפט אַפילו מער פון צוויי דריטל פון אַלע יידישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו מיר פאַרמאָגן גרויסע קאָנצענטרירטע מאַסן אין אַ געציילטער צאָל שטעט, מאַכן יידן אויס אַ גאַנץ הויכן פּראָצענט פון אַלע הענדלער — דער האַנדל אין די גרויסע שטעט איז אָבער שטאַרק אָפּהענגיק פון דער לאַגע אין גאַנצן לאַנד. אין וואַרשע, למשל, זענען די פּראָווינץ־קונים, הן די הורט־קונים און הן די לאחדים־קונים, געווען כמעט אויף הונדערט פּראָצענט יידן. באַזונדערס איז דאָס ריכטיק בנוגע די הורט־קונים. גאַנץ אַנדערש, למשל, אין ניו־יאָרק — די פּראָווינציעלע הורט־קונים זענען בלתי ספק פילע מאָל מער פון די יידישע קונים, ווייל יידן מאַכן דאָך אויס אינעם האַנדל פון גאַנץ אַמעריקע נישט מער פון 9־8 פּראָ־צענט. די לאַגע ווערט נישט באַשטימט פון די פאַרהעלטענישן אין איינעם אָדער צוויי פּונקטן, נאָר אינעם גאַנצן לאַנד. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן די באַ־זונדערע האַנדל־צווייגן — דער פּנים פונעם האַנדל ווערט נישט באַשטימט אין האַרמאָניע מיט איינצלנע בראַנזשעס, נאָר אין הסכם מיט דער גאַנצער פאַר־צווייגטער פילזייטיקער געביידע פון דאָזיקן ווירטשאַפט־צווייג. מעגן יידישע סוחרים מיט גרייטע קליידער און מיט יוועליר־זאַכן אויסמאַכן אַפילו אַלע הונ־דערט פּראָצענט אין די דאָזיקע בראַנזשעס — נישט זיי באַשטימען די פיזיאָגנאָ־מיע פונעם האַנדל אין די צוויי צווייגן, נאָר דער אַלגעמיינער מצב. און יידן זענען אין האַנדל פון לאַנד אַ מינדערהייט און וואַרפן זיך אונטער די מינהגים און פירונג־כללים פון דער גרויסער מערהייט.

ביי אינדוסטריע און האַנטווערק איז די לאַגע גאָר קלאָר — די אינ־דוסטריע ניוועלירט, אַסימילירט, שמעלצט צוזאַמען. דער האַנטווערקער איז אינ־דיווידועל און קען זיך דערלויבן בלייבן טריי אויסנאַם־שפּראַך און אויסנאַם־פאַרטיילונג פון רו־ און אַרבעט־צייט. אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער איז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט און דער יידישער אַרבעט־קליינבירגער געווען קאָנצענט־רירט אין דעם האַנטווערק — זיי האָבן אויסגעמאַכט העכער אַ דריטל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. ווייל דער האַנטווערק איז געווען געבונדן מיט דער היים פונעם באַלעבאָס, האָט דער לעצטער תמיד געשטרעבט צו נעמען

יידישע אַרבעטער און יידישע לערן־ייִנגלעך. אין דער פּראָווינץ איז דעריבער דער יידישער האַנטווערק געווען גאַנצע הונדערט פּראָצענט יידיש. אין די גרויסע שטעט זענען שוין געווען גרעסערע וואַרשטאַטן, ווו עס האָט זיך דורכגעוואָרפן אַ קריסטלעכער אַרבעטער, אָבער די יידישע אַרבעטער האָבן אַלץ אויסגעמאַכט נישט ווייניקער פון 80־90 פּראָצענט פון אַלע באַשעפטיקטע. גיט מען צו, אַז אין די שטעטלשע מלאכה־צווייגן, ווי אין נאָדל־אַרבעט, אין מעבל, אין היטלמאַכעריי האָבן יידן אויסגעמאַכט צווישן 70 און 90 פּראָצענט, ווערט קלאָר, אַז אויך דער דאָזיקער צווייג פון יידישער באַשעפטיקונג האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן פאַר זיך באַשטימען זיין רו־טאָג, ווי אויך זיין שפּראַך־פאַרקער. די צופּאַסונג צום אָפּגעשטאַנענעם פויער־באַשטעלער און פויער־קונה, וואָס האָט אויסגעמאַכט די גרויסע מערהייט פון די אָפּנעמער, איז געווען מינימאַל.

די מלאכה און דער האַנדל, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ, האָבן באַשעפטיקט העכער 70 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג און זענען געווען אין פּרט פון צופּאַסונג צו דער אַרומיקער סביבה זייער שוואַך באַאיינפלוסט. זיי זענען געווען ביז אַ געוויסן גראַד אויטאָנאָמיש.

דער האַנטווערק אין זיין אייראָפּעיִשער פאָרעם איז אין די אַמעריקאַנער לענדער, באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן כמעט ווי אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. אַפילו די יידישע נאָדל־אַרבעטער זענען איצט אינדוסטריע־אַרבעטער און ווערן אונטערגעוואָרפן דער ווירקונג פון דער אינדוסטריע, ווו זיי מאַכן אויס אַפילו אין די אַזוי גערופענע „יידישע" צווייגן אַ קליינע מינדערהייט, נישט מער פון 15־16 פּראָצענט.

אַ פאַרגלייך צווישן דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור און קלאַסן־גליִדערונג ביי יידן און נישט־יידן אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, אין לאַנד פון די העכסטע און זאַפטיקסטע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, קולטורעל־גייסטיקן און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן, און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין לאַנד פון די שווערסטע און פיינלעכסטע אָנשטרענגונגען ווי ס'נישט איז ממשיך צו זיין די אַריבערגעבראַכטע גרייטע קולטור־ירושות פון מזרח־אייראָפּע — אָט דער דאָזיקער פאַרגלייך וועט וואַרפן אַ בליץ־שיין אויף דער גאַנצער מאָדערנער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם אין גלות. דער טיפער תהום־חילוק צווישן די באַדינגונגען, ווי זיי זענען געווען גינציק פאַר אייגענע־אייגנאַרטיקע יידישע לעבנס־פאָרמען און לעבנס־נוסחאות, די אומפאַרמיידלעכע באַזעס פאַר יעדער נאַציאָנאַלער קולטור־שאַפונג, און ווי זיי זענען איצט ביי נישט פאַרגלייך־בעסערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען, אומגינציק און לאָזן נישט קיין פּלאַץ פאַר באַזונדערע אייגענע לעבנס־פאָרמען — אָט דער דאָזיקער תהום־חילוק טרעט אַרויס אין זיין גאַנצער גרויס און אויך אין זיין גאַנצער היסטאָרישער וואָרענונג.

טאַבעלע 15

## די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור ביי יידן און נישט־יידן (אין %) 1)

| באַשעפטיקונגען | אין תחום המושב פון רוסלאַנד (1897) | | אין זעלבסטשטענ־דיקן פוילן (1921) | | אין די פאַר. שטאַטן (1953) | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | יידן | ניט־יידן | יידן | ניט־יידן | יידן | ניט־יידן |
| 1) לאַנדווירטשאַפט | 3.5 | 76.3 | 9.8 | 78.4 | 1.5 | 15.0 |
| 2) האַנדל און פינאַנץ | 38.6 | 2.7 | 35.1 | 2.0 | 55.0 | 20.0 |
| 3) אינד. און מלאכה | 35.5 | 10.2 | 32.2 | 7.7 | 25.0 | 30.0 |
| 4) ליבעראַלע פּראָפ. און באַאַמטנטום | 5.2 | 2.0 | 4.4 | 2.3 | 15.0 | 18.0 |
| 5) קאָמוניקאַציע | 5.0 | 4.9 | 6.2 | 4.4 | 2.1 | 8.5 |
| 6) פאַרשיידענע | 12.2 | 3.9 | 12.3 | 5.2 | 1.4 | 8.5 |
| צוזאַמען | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 |

לאָמיר צוערשט אַנאַליזירן די טאַבעלע לגבי דעם סוביעקט פון די אַסימי־לאַציע־פּראָצעסן. די נישט־יידישע באַפעלקערונג אין צאַרישן רוסלאַנד, אינעם ווייגעלע פון דער מאָדערנער העברעישער און יידישער ליטעראַטור, איז געווען אויף העכער דריי פערטל פאַרנומען אין לאַנדווירטשאַפט און דערביי אין זיינע פּרימיטיווסטע פאָרמען. דאָס מיינט, אַז העכער דריי פערטל פון דער מערהייט־באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון עקאָנאָמישע און קולטורעלע עלעמענטן מיטן מינימאַלסטן אַסימיליר־פּאָטענציאַל. מיר זאָגן „מינימאַלסטן" און נישט „נולסטן", ווייל אַ געוויסע אַסימיליר־השפעה האָט געהאַט אַפילו אָט דער דאָזקער סאָציאַל־און קולטורעל־אָפּגעשטאַנענסטער עלעמענט. עס זענען געווען פּרימיטיווע ניגו־נים און טענץ, וועלכע זענען בלתי ספק געווען באַאיינפלוסט פון דער אַרומיקער

1) מיר האַלטן פאַר נויטיק מאַכן אייניקע דערקלערונגען צו אַ פּאָר פּונקטן פון דער טאַבעלע. די הויכע פּראָצענטער ביי די באַשעפטיקטע אין לאַנדווירטשאַפט ביי די נישט־יידן אין פוילן אין 1921 דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס צו דער זעלבשטענדיקער פוילישער מלוכה זענען געוואָרן באַהעפט צוויי גרויסע שטאַרק אָפּגעשטאַנענע ראַיאָנען — מזרח־גאַליציע און אַ גרויסער טייל פון ווייסרוסלאַנד.

די דאַטעס פאַר אַמעריקע זענען שאַצונגען, אָבער אויפן סמך פון די פאָלקס־צייי־לונגען בנוגע דער נישט־יידישער באַפעלקערונג און אויפן סמך פון טיילווייזע פאָרשונ־גען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

נישט־יידישע סביבה. וויכטיק איז, אַז די דאָזיקע השפעה איז געווען אין זין פון שפּראַך און קולטור אין העכערן זין פון וואָרט גלייך נול.

וויכטיק איז פּאַר אונדז אויך פעסטצושטעלן, אַז אין זעלבשטענדיקן פּוילן, אין לאַנד, וואָס האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איבערגענומען די פּירנ־דיקע ראָלע אין דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אַלע אירע פּאָליטישע און קולטור־גייסטיקע שאַטירונגען און נוסחאות, איז ווידער די גרויסע מערהייט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון העכער דריי פערטל פּוי־ערים און בערך פון דעם זעלבן קולטור־מצב, ווי אין צאַרישן רוסלאַנד אין יאָר 1897.

מיר וועלן זיך דערלויבן צו באַהויפּטן, אַז אויב ביי דער ציילונג פון 1897 אין רוסלאַנד האָבן 99 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך און ביי דער ציילונג פון 1931 אין פּוילן האָבן נאָך אַלץ 89 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך איז דאָס אין דער ערשטער רייע געווען דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס די אַסימילירן־השפּעה פון דער מערהייט פון דער נישט־יידישער באַפעלקע־רונג, וועלכע איז באַשטאַנען אויף העכער דריי פערטל פון דאָרף־עלעמענטן איז געווען נול.ביים באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל וועגן דער מוטער שפּראַך אין דער פּוילישער מלוכה האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז די דאָרף־יידן, כאָטש אַ נישטיקער פּראָצענט פון דער אַרומיקער נישט־יידישער מאַסע, האָבן געגעבן אַ סך אַ העכ־ערן פּראָצענט יידיש־ריידנדיקע, ווי די יידן פון די גרויסע שטעט, ווו זיי האָבן אויסגעמאַכט אַ פּיל, פּיל העכערן פּראָצענט.

נעמען מיר אָן, אַז אויך אין אַמעריקע איז דאָס פּויערטום דער שוואַכסט־אַסימילירנדיקער עלעמענט — מאַכט ער אָבער אויס נאָר 15 פּראָצענט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, פינף מאָל אַ קלענערן ווי אין די צוויי ערשטע פאַלן, ווו מיר האָבן פעסטגעשטעלט דעם מינימום פון אַסימילאַציע־פּראָצעסן.

גייען מיר איבער צום צווייטן פּונקט פון דער טאַבעלע — צום האַנדל. נאָר 2 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין פּוילן און נאָר 2.7% אין אַמאָליקן צאַ־רישן רוסלאַנד האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל, מיט איינעם פון די אַממייגנסטן צווינגענדיקע דעם מיעוט שפּראַכלעך און אָפּט אויך קולטורעל זיך צוצופּאַסן צו דער אַרומיקער סביבה. אין די פאַראייניקטע שטאַטן צען מאָל און אַכט מאָל אַ העכערער פּראָצענט באַשעפטיקטע אין האַנדל ביי דער נישט־יידישער באַ־פעלקערונג.

נעמען מיר מלאכה און אינדוסטריע איז ווידער ביי דער אַמעריקאַנער באַ־פעלקערונג דריי מאָל און פיר מאָל אַ העכערער פּראָצענט באַשעפטיקטע. דערביי מוז גענומען ווערן אין אַכט, אַז אין צאַרישן רוסלאַנד און אין דער דער פּוילישער מלוכה האָט דער האַנטווערקער מיט זיין שוואַכער אַסימילירן־השפּעה געשפּילט

די גרעסטע ראָלע אין דאָזיקןווירטשאַפט־צווייג בעת אין אַמעריקע שפּילט די הויפּט־ראָלע די גרויס־אינדוסטריע, וועלכע שלינגט איין מיליאָניקע מאַסן פון צענדליקער פעלקער און גיסט זיי גרינג איבער אין איר זידיקן קעסל אין איין שפּראַכלעך־איינהייטלעכער געשטאַלט.

נעמען מיר דעם ווירטשאַפט־צווייג מיטן מאַקסימאַלסטן אַסימיליר־פּאָטענציאַל, ליבעראַלע פּראָפעסיעס און באַאַמטנטום, געפינען מיר ווידער, אַז אין אַמעריקע זענען אין די דאָזיקע באַשעפטיקונגען פּאַרנומען אַכט און ניין מאָל אַ העכערער פּראָצענט ווי אין צאַרישן רוסלאַנד און אין פּוילן.

גייען מיר איבער צום אָביעקט פון די אַסימילאַציע־פּראָצעסן — צום יידנטום — און מיר וועלן פּרווון קאָנקרעטער צוגיין צום לעבנס־בילד. מיר האַלטן נישט פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן באַריכות אויף דער יידישער לאַנדווירטשאַפט־לעכער באַפעלקערונג. כאָטש אין דער פּוילישער מלוכה איז דער פּראָצענט פון דער דאָזיקער סאָציאַלער גרופּע געווען אַ גאַנץ הויכער און האָט געגרייכט צו אַ גאַנצן צענט־חלק פון דער יידישער באַפעלקערונג. און אויב אין אַמעריקע גיבן די אין אַ דאָרף אָדער קליינעם פּונקט פאַרוואָרפענע יידן דעם העכסטן פּראָצענט געמישטע חתונות, איז אין פּוילן און אויך אין אַלע איבעריקע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער דער דאָרף־ייד געווען דער קאָנסערוואַטיווסטער עלעמענט מיטן מינימום שפּראַך־אַסימילירטע און אויך מיטן מינימום פון אַנדערע סימפּטאָמען פון אַסימילאַציע.

דאָ קומען שוין צו דער אויסווירקונג, פון איין זייט, די ירידה פון יידישער פּרומקייט, און פון דער צווייטער זייט, דער קולטור־מצב פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. אינעם אַמעריקאַנער דאָרף איז נישטאָ אַזאַ קולטור־תהום צווישן יידן און נישט־יידן, ווי דאָס איז געווען אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער.

מיר האַלטן ביי האַנדל ביי יידן — דאָס איז אַ ווירטשאַפט־צווייג, וואָס האָט אין משך פון יאָרהונדערטער געהאַלטן די יידישע באַפעלקערונג אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער איזאָלירט פון דער נישט־יידישער מאַסע. די יידן זענען תמיד געווען אין אַזאַ קאָלאָסאַלער מערהייט אין דאָזיקן צווייג, אַז זיי האָבן אין די דאָזיקע לענדער כמעט אין אַלע פאַלן קיין מורא נישט געהאַט פאַר נישט־יידישער קאָנקורענץ. ווו־זשע איז די מורא פאַר קאָנקורענץ אויפגעקומען, ווי אין אייניקע לענדער, למשל, אין אונגאַרן און טיילווייז אין רומעניע און אין די גרויסע שטעט פון רוסלאַנד און פּוילן, ווי אין אַדעס און קיִעוו, און וואַרשע און לאָדזש, דאָרטן איז דער דאָזיקער וויכטיקער נאַציאָנאַלער פּראָנט דורכגעבראָכן געוואָרן. יידישע געשעפטן האָבן זיך געעפנט אין די שבתים און יום טובים און די שפּראַך־אַסימילאַציע האָט אָפּגעהאַלטן באַדייטנדיקע ניצחונות. עס דערמאָנט זיך מיר אַ טראַגישער פאַל אין וואַרשע אין יאָר 1936, אַ פאַל, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג — אַ ייד, וואָס האָט צוגעמאַכט שבת

ראש־חודש זיין קראָם אויף אַ האַלבע שעה כדי צו דאַווענען ביי ראש־חודש־בענטשן אין נאָענטסטן בית־המדרש, איז געפאַלן טויט ביים שרייען „חיים של פרנסה״. אָט מיט וואָס פאַר אַ האַרץ־קלעם יידן האָבן זיך גענומען צופּאַסן צו דער מערהייט־באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך געוואָרפן אויף די טראַדיציאָנעלע יידישע פרנסות. „ברויט פאַר די קינדער וועט מכפר זיין אויף חילול שבת״, האָט מיר פערזענלעך דערקלערט אַ ייד אויף לעשנע־גאַס, אויף אַ גאַס, וועלכע איז געווען ווי אַ צעשייד־גרענעץ צווישן דעם „געטאָ״ און דעם געמישטן טייל פון דער באַפעלקערונג.

פאָלגנדיקע טאַבעלע וועט אונדז קלאָר מאַכן פאַרוואָס אין הונדערטער שטאָטישע און נאָך מער אין שטעטלשע פונקטן פון מזרח־אייראָפּעישע לענדער האָבן יידן געקענט זיך דערלויבן און פאַרגינען פראַווען הונדערט פּראָצענט שבת און יום טוב און זיך צופּאַסן צו דער שפּראַך פון דער מערהייט אין דער מינימאַלסטער מאָס.

טאַבעלע 16

## דער פּראָצענטועלער אָנטייל פון יידן אין האַנדל אין מזרח־אייראָפּעישע לענדער און שטעט 1)

| לאַנד אָדער שטאָט | סוף 19־טן יאָרהונדערט | | נאָך דער 1טער וועלט־מלחמה | |
|---|---|---|---|---|
| | יאָר | % | יאָר | % |
| 1) מיזרח־גאַליציע | 1900 | 88.6 | 1921 | 85.7 |
| 2) ווייסרוסלאַנד | 1897 | 88.0 | 1921 | 84.8 |
| 3) ליטע | 1897 | 85.7 | 1923 | 73.1 |
| 4) מערב־גאַליציע | 1900 | 73.0 | 1921 | 67.4 |
| 5) קרוין־פּוילן | 1897 | 75.4 | 1921 | 66.8 |
| 6) גראָדנע | 1897 | 87.5 | 1921 | 78.4 |
| 7) קאָוונע | 1897 | 87.3 | 1923 | 74.6 |
| 8) ווילנע | 1897 | 72.4 | 1921 | 52.4 |
| 9) וואַרשע | 1897 | 69.5 | 1921 | 60.0 |
| 10) לאָדזש | 1897 | 67.8 | 1921 | 61.6 |

מיר שיינט, אַז דאָ האָבן מיר דעם שליסל צו דער רעטעניש, וואָס אין פילע ערטער פון מזרח־אייראָפּע האָבן יידן אין לענדער, ווו זיי זענען געווען רעכטלאָז,

1) י. לעשצינסקי, דער יידישער עקאָנאָמישער חורבן נאָך דער וועלט־מלחמה, פּאַריז, 1934, ז׳ 33.

ווו פון צייט צו צייט זענען פּאַרגעקומען פּאָגראָמען, דאָך האָבן זיי דאָרטן געהיט שבת און יום טוב הונדערט פּראָצענט. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך צוגעפּאַסט און געמוזט צופּאַסן זיך צום יידישן נאַציאָנאַלן שטייגער לעבן.

איך וויל דערמיט אַבסאָלוט נישט פאַרמינערן דעם ווערט פון דער עקשנות־דיקער פרומקייט פון פאַרגאַנגענע דורות און פון געוויסע קרייזן אויך אין די גאָר לעצטע יאָרן פאַר דער לעצטער מלחמה אין פּוילן, ווו נישט געקוקט אויף דער קריסטלעכער קאָנקורענץ האָט מען געהונגערט און געליטן און דאָך געבליבן זיך און דעם פאָלק טריי. עס זענען געווען געוויס אַזעלכע קרייזן, באַזונדערס אין פּוילן, וועמענס יידנטום האָט זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט נאַציאָנאַלער עקשנות און מיט אויסערגעוויינלעכער גרייטקייט אויף קרבנות. גאָר יעדער ווער עס האָט געלעבט אין פּוילן אין די דרייסיקער יאָרן פון לויפנדיקן יאָרהונדערט וועט געוויס מיט איר מסכים זיין, אַז אויך דאָרטן האָט זיך דער יידישער לעבנס־נוסח געקרישלט, געבראָכן. די פּרנסה־פראַגע האָט דיקטירט און מען האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן.

די געבראַכטע טאַבעלע שפּיגלט אין אַ געוויסער מאָס אָפּ די אַנטוויקלונג־ריכטונג אין די לענדער, וועגן וועלכע מיר ברענגען דאַטעס — אין די צוויי אַמייינסטן אָפּגעשטאַנענע לענדער, אין מזרח־גאַליציע און ווייסרוסלאַנד (אין פּוילישן טייל), איז דער פּראָצענט יידן אין האַנדל געבליבן אין 1921 כמעט אויף דער זעלבער שטופע, ווי אַנהייב יאָרהונדערט. מען מוז נאָך נעמען אין אַכט, אַז עטלעכע און אַכציק פּראָצענט אין גאַנצן האַנדל האָט אין דער ווירקלעכקייט גע־מיינט גאָר אָפּט גאַנצע הונדערט פּראָצענט אין פילע האַנדל־צווייגן, ווייל די נישט־יידישע הענדלער זענען געווען מייסטנס פאַרנומען אין ספּעציעלע האַנדל־צווייגן, ווי חזיר, טריף פליש בכלל, בעקעריי וכדומה אַרטיקלען, מיט וועלכע יידן האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן.

אין ראַיאָנען, ווו די באַפעלקערונג האָט דורכגעמאַכט אַ אינטענסיווע אַנט־וויקלונג אין דער ריכטונג פון אינדוסטריאַליזאַציע, ווי אין קרוין־פּוילן און אין מערב־גאַליציע, איז דער אַנטייל פון יידן אין האַנדל פאַר די פאַרגאַנגענע 20 יאָר שטאַרק געפאַלן. אין ליטע, ווו די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט ברייט אויסגענוצט די רעגירונג־קרעדיטן אויף גרינדן קאָאָפּעראַטיוון פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און אין דעם כלל אויך פון האַנדל, ווי אויפקויף פון אַגראַר־פּראָ־דוקטן און עקספּאָרט קיין אויסלאַנד אָדער אַריינפיר פון אַגראַר־מאַשינעס און פאַרקויפן אין די דערפער — דאָרטן איז דער אַנטייל פון יידן אין האַנדל גע־פאַלן. ליי דער, האָבן מיר בנוגע ליטע דאַטעס נאָר פאַרן יאָר 1923, ביים סאַמע אַנהייב פון דער ווירקונג פון דער ליטווישער רעגירונג אין פּרט פון אַריינציען די ליטווינער אין די שטאָטישע פּרנסות. שפּעטער איז די ירידה פון יידישן אַנטייל פיל אינטענסיווער געפאַלן.

לאָמיר איצטער וואַרפן אַן אויג אויפן האַנדל אין אַמעריקע — גאַנצע 55 פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פאַרנעמען זיך דאָ מיט האַנדל — העכער אַנדערטהאַלבן מאָל, ווי אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. דער פּראָצענט אָבער פון די ייִדישע באַשעפטיקטע אין האַנדל לגבי דער גאַנצער האַנדל־באַפעלקערונג מאַכט אויס נישט מער פון 9־8, צען־צוועלף מאָל ווייניקער, ווי אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. מיר האָבן לכן די אומגינציקסטע באַדינגונגען פאַר שבת און יום טוב. פון איין זייט אַ סך ייִדן באַשעפטיקט אין אַ צווייג, וואָס זיין באַזע איז קאָנקורענץ, און פון דער צווייטער זייט אַ קליינע מינדערהייט אין דעם דאָזיקן צווייג און לכן אַ נויט זיך צוצופּאַסן. געוויס, עס זענען פאַראַן שטעט, ווו ייִדן מאַכן אויס גאָר אַ הויכן פּראָצענט אינעם האַנדל, ווי, למשל, אין ניו־יאָרק, ווו ייִדן מאַכן אויס קרוב צו 60 פּראָצענט אינעם האַנדל. מוז מען אָבער נעמען אין אַכט, אַז ייִדן זענען שטאַרק פאַרגעשטעלט אינעם גרויס־האַנדל, הן אַלס באַלעבאַטים און הן אַלס אַנגעשטעלטע און אַרבעטער — און דער גרויס־האַנדל איז דאָך אָפּהענגיק פון דער לאַגע אין גאַנצן לאַנד, ווו ייִדישע הענדלער מאַכן אויס אַ גאָר נישטיקן פּראָצענט פון אַלע האַנדל־באַשעפטיקטע.

דער ייִדישער דעטאַיל־האַנדל, באַזונדערס אין די ייִדישע ראַיאָנען, וואָלט געוויס געקענט אָפּהיטן שבת און יום טוב, אָבער דאָ ווירקן שוין מיט אַנדערע פאַקטאָרן, ווי דאָס פאַלן פון רעליגיעזן מאָמענט און די שפּראַך־ און קולטור־אַסימילאַציע, געשטיצט און געטריבן פאָרויס פון אַנדערע מאָמענטן, וועגן וועלכע מ'ר קענען דאָ נישט מאַריך זיין. איינס מוז דאָ צוגעגעבן ווערן — די קונים־מאַסע איז אין אַמעריקע אין איר גרויסער מערהייט אַ שטאַטישע, אַ מער אָדער ווייניקער קולטורעלע און דער האַנדל־קלאַס מוז שפּראַכלעך און קולטורעל זיך צו איר צופּאַסן. אַ פאָלק, וואָס האָט גאַנצע 55 פּראָצענט אין האַנדל, מוז זיך רעכענען מיט דער מערהייט און מיט איר שפּראַך און מיט איר קולטור, ווייל דאָס איז אַ פּרנסה, וואָס באַדינט דעםברייטן עולם, וואָס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, וואָס איז דעמאָנסטראַטיוו.

גייען מיר איבער צו אינדוסטריע און מלאכה איז גענוג צו זאָגן, אַז לויט די דאַטן פאַר פּוילן פון 1931 זענען 82 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע אינדוסטריע־אַרבעטער געווען באַשעפטיקט ביי האַנטווערק און קליין־אינדוסטריע, דאָס מיינט אַלע 82 פּראָצענט ביי ייִדישע באַלעבאַטים און מינימום 95 פּראָצענט נאָר מיט ייִדישע אַרבעטער. וויטערע 15 פּראָצענט זענען געווען באַשעפטיקט אין דער מיטעלער אינדוסטריע, ווו די ייִדישע אַרבעטער זענען שוין געווען אין אַ מינדערהייט, אָבער נאָר גענומען אַלס אַ גאַנצע גרופּע. פאַקטיש איז די לאַגע געווען אַנדערש — עס זענען געווען ייִדישע מיטעלע פאַבריקן מיט אויסשליסלעך ייִדישע אַרבעטער און ייִדישע מיטעלע פאַבריקן מיט אויסשליסלעך אָדער מערהייט קריסטלעכע אַרבעטער. נאָר 3 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע אַרבעטער זענען געווען

אַריינגעשפּרענקלט אין דער גרויס־ אינדוסטריע, ווו זיי זענען בטל געוואָרן בששים און זיך נאַטירלעך געמוזט צופּאַסן צו דער פּוילישער מאַסע. די דאָזיקע צופּאַסונג איז אָבער געווען גאַנץ ווייט פון דער צופּאַסונג, וואָס עס האָט געמוזט דורכמאַכן דער יידישער קרעמער, וועלכער האָט געהאַט אַ געשעפט אין די צענטראַלע גאַסן פון וואַרשע און האָט געוואָלט צוציִען אַ פּוילישן אינטעליגענטן קונה. דער לעצטער האָט געמוזט רעדן פּערפעקט פּויליש, ווי דער קרעמער פון 5טער עווענױ אין ניו־יאָרק מוז רעדן אַ אינטעליגענטן ענגליש.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין אַמעריקע איז אויף העכער צוויי דריטל אַ האַנדל־פּראָלעטאַריאַט און ווערט אונטערגעוואָרפן אַלע יענע צווינגענדיקע אַסי־מיליר־ווירקונגען, וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט העכער. אויף וויפל עס איז אויפגעקומען אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט אין די טעכנישע און מעכאַנישע פאַכן, ווי מען באַהויפּטעט די לעצטע צייט, איז ער אין אַזאַ קנאַפּער צאָל, אַז נאָר אַ פולע אַסימילאַציע, אין שפּראַך און קולטור, קען אים עפענען די טויערן פון דער גרויס־אינדוסטריע. דער יידישער אַרבעטער גייט דאָך נישט אויף שוואַרץ־אַרבעט — גיכער נאָר אויף „סקילד" אָדער מינימום אויף „סעמי־סקילד". נאָר אַפילו אין דער טראַדיציאָנעל יידישער אינדוסטריע, אין דער נאָדל־אינדוסטריע, מאַכט שוין דער ייד אויס אַזאַ קליינעם פּראָצענט, אַז ער איז אין אַ מינימום פון נישט מער פון 15 פּראָצענט. דער אָנטייל פון יידישע אַרבעטער אין דער נאָדל־אינדוסטריע איז געפאַלן נישט נאָר פון דעם אַרויספאַל פון אַ נייעם צושטראָם פון יידן אין דאָזיקן אינדוסטריע־צווייג, נאָר אויך פונעם גרויסן צושטראָם פון נישט־יידישע אַרבעטער. און כאָטש די דאָזיקע נישט־יידישע מאַסע באַשטייט מינימום פון אַ צענדליק פעלקער, גיכער פון מער, איז נישט פאַראַן צווישן זיי קיין איין גרופּע, וואָס זאָל נישט אָנשטרענגען אַלע אירע כוחות וואָס גיכער זיך שפּראַכלעך אַסימילירן. און אין אַזאַ סביבה איז שווער צו בלייבן איזאָלירט.

אונדז איז געבליבן נאָר דער צווייג פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס און באַאַמ־טע. לאָמיר צוערשט זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די באַאַמטע — יידן גייען נאָר אויף הויכע און מיטעלע שטעלעס. פאַר די לעצטע 20 יאָר איז די צאָל יידישע באַאַמטע קאָלאָסאַל געוואַקסן — פעדעראַלע, שטאַטלעכע און שטאַטישע. זייער צאָל איז נישט באַקאַנט, נאָר זי גרייכט אין די צענדליקער טויזנטער. לויט די לעצטע דאַטעס גרייכט די אַלגעמיינע צאָל באַאַמטע פון די נאָר וואָס דערמאָנטע דריי קאַטעגאָריעס ביז 7 מיליאָן, אַלזאָ העכער 11 פּראָצענט פון אַלע באַשעפ־טיקטע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווען מיר זאָל אַפילו רעכענען, אַז די יידי־שע באַאַמטע מאַכן אויס נאָר איין פּראָצענט פון אַלע באַאַמטע באַטרעפט דאָס אַרום 70 טויזנט. דאָס איז אַ גאַנצע מחנה יידישע אינטעליגענטן און האַלבע־אינטעליגענטן, וועלכע ווערן געטריבן לויט זייער געזעלשאַפטלעכער לאַגע און

פונקציע צו וואָס פולסטער און גאַנצעסטער אַריינוואַקסונג אין דער שפּראַך אוז קולטור פון דער מערהייט.

אַמעריקע איז נישט די אַמאָליקע פוילן אָדער אוקראַינע, אָדער רומעניע, ווו די באַאַמטע פון די מינדערהייטן, אויף וויפל זיי זענען בכלל געווען, האָבן געקעמפט פאַר רעכט צו רעדן זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך און נעמען אין אַכט די מינהגים און לעבנס-געוווינהייטן פון זייערע נאַציאָנאַלע ברידער. דאָ איז פונקט פאַרקערט — אַלע, אַבסאָלוט אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און זייער צאָל איז העכער פערציק, מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען וואָס גיכער פריי צו ווערן פון דער גאַנצער געבראַכטער פון דער אַלטער היים ירושה. און אין דער ערשטער רייע פון דער „פרעמדער" שפּראַך, פרעמדער פאַרן נייעם לאַנד.

לאָמיר ווארפן אַן אויג אויף די ליבעראַלע פּראָפעסיעס און באַאַמטע אין דער טאַבעלע — ביי ייִדן באַטרעפט דער פּראָצענט 15 — 4־3 מאָל העכער, ווי אין דער אַלטער היים. דער דאָזיקער פּראָצענט ווערט העכער און העכער. דער שטראָם פון ייִדן אין די אוניווערסיטעטן איז קאָלאָסאַל. די עקאָנאָמישע לאַגע גיט די מעגלעכקייט ברייטע מאַסן צו שיקן זייערע קינדער אין די אוניווערסי־טעטן. די דיסקרימינאַציעס אויף די מעדיצינישע פאַקולטעטן האָבן כמעט אינ־גאַנצן אויפגעהערט. די דיסקרימינאַציעס ביי די באַאַמטע פון אַלע קאַטעגאָריעס זענען פאַרשווונדן. ענדלעך דאָס אָנקומען פאַר ייִדישע אינזשעניערן, כעמיקער, טעכנאָלאָגן און אַנדערע אינטעלעקטואַלן אין דער גרויס־אינדוסטריע איז גע־וואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג און מען הערט מער נישט פון קיין דיסקרי־מינאַציע.

ס'לערנען זיך איצטער העכער 200 טויזנט ייִדישע סטודענטן אין די אוני־ווערסיטעטן, העכער 10 פּראָצענט פון אַלע סטודענטן, אַרום דריי מאָל העכער פון פּראָצענט ייִדן אין לאַנד. אין דער פּראָווינץ מאַכן שוין אויס ייִדישע ליבע־ראַלע באַרופן אַרום 20 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע עקאָנאָמישע אַקטיוו. און ווייל ייִדן ווערן איצט אומעטום צוגעלאָזט באַגלייך מיט אַלע בירגער, וואַקסט נישט נאָר דער שטראָם ייִדן אין די הויכשולעס כדי אויסצונוצן די גינציקע לאַ־גע, נאָר ס'וואַקסט אויך די פּסיכאָלאָגיע פונעם ייִדישן אינטעליגענט וואָס טיפער אַריינצוּוואַקסן אין דער קולטור פון דער סביבה, וועלכע האָט געעפנט פאַר אים אַזעלכע ברייטע מעגלעכקייטן און אַזעלכע הויכע שאַנסן.

מיר האָבן שוין העכער גערעדט וועגן דער אינטענסיווער אַסימילירן־השפעה פון דער אַרומיקער אינטעליגענץ — נאָך אינטענסיווער און טיפער איז די השפעה פון דער אינטעליגענץ פון דער ייִדישער מינדערהייט, וואָס האַלט אין איין וואַקסן אין כמות און אין איכות. יעדער וווּקס אין איכות, אין פאַרנעמען מער און מער הויכע אינטעלעקטועלע פּאָזיציעס, מיינט אַ אינטענסיווירונג פון דער אַסימילאַ־ציע־נטיה און פון דעם אַפּעטיט פון ברייטע שיכטן נאָכצושטרעבן און נאָכצוטון.

אַט זענען נאָר עטלעכע ציפער וועגן פּראָצענט יידן אין אייניקע ליבעראַלע פּראָפעסיעס אין ניו־יאָרק אין יאָר 1937, איידער די העכער באַשריבענע ברייטע מעגלעכקייטן זענען אויפגעקומען 1):

| | | |
|---|---|---|
| 1) | אַדוואָקאַטן און ריכטער | 65.7 |
| 2) | דענטיסטן | 64.0 |
| 3) | מוזיקער און מוזיק־לערער | 58.7 |
| 4) | מעדיצין־דאָקטוירים | 55.7 |
| 5) | שוישפּילער | 43.1 |
| 6) | לערער | 29.4 |
| 7) | פּראָפעסאָרן | 11.1 |

דאָס זענען שטאַרק פאַרעלטערטע ציפער. ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער פּראָצענט יידישע לערער און יידישע פּראָפעסאָרן איז איצט דריי מאָל גרעסער ווי אין יאָר 1937. ביי די ערשטע פיר פּראָפעסיעס איז שוין צוריק מיט 17 יאָר דער פּראָצענט יידן געווען טאָפּלט אין פאַרגלייך מיטן פּראָצענט יידן אין דער באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק. יידישע דאָצענטן און פּראָפעסאָרן זענען איצט צעשפּרייט איבער אַלע העכערע לערן־אַנשטאַלטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער פּראָווינץ, ווו די יידישע באַפעלקערונג איז קנאַפּ, ווערט דער יידישער אינטעליגענט נאָך טיפער אַריינגעוואָקסן אין דער אַרומיקער סביבה און די אַסימילאַציע איז אַ הונדערט פּראָצענטיקע.

היוצא לנו מדברינו — וואָסערע אויספירן קען מען מאַכן פון די געבראַכטע מאַטעריאַלן?

די ברכה פון דער קאָנצענטראַציע און פון דער קאָמפּאַקטקייט ווערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין גאָר אַ גרויסער מאָס בטל ומבוטל דורך דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג און פון דער יידישער, וועלכע זענען ביידע ביז גאָר גינציק פאַר אַסימילאַציע. אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער האָט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע איזאָלאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג מיטגעווירקט צו דער פאַרפולקומונג פון איר שטח־קאָנצענטראַציע און שטח־קאָמפּאַקטקייט און געפירט צום אויפקום פון אַ יידישן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם מיט זיינע אייגענע לעבנס־פאָרמען און קולטור־נוסחאות און אין רעזולטאַט צו נאַציאָנאַלע גייסט־שאַפונגען. אין די פאַריייניקטע שטאַטן דאַקעגן ווערט דער שטח־קאָנצענטראַציע און די שטח־קאָמפּאַקטקייט דורכגעריסן און דורכגעלעכערט דורך דער טיפער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַריינגלידערונג פון דער

1) מאַנוסקריפּט אינעם אַרכיוו פון דער „קאָנפערענץ פאַר יידישע באַציונגען”, ניו־יאָרק (ענגליש).

ייִדישע באַפעלקערונג אינעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָרגאַניזם פון דער אַרומי־קער גרויסער מערהייט.

אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער זענען אויף דער באַזע פון דער ייִדישער איזאָלירטער עקאָנאָמיק אויסגעוואַקסן ספּעציעל ייִדישע עקאָנאָמישע אָרגאַני־זאַציעס, חברות, קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן געמאַכט רייכער דאָס ייִדישע גע־זעלשאַפטלעכע לעבן און געפירט אויך צום אויפקום פון באַזונדערע אייגענע ייִדישע פּאָליטישע פּאַרטייען, אַפילו צו אַ באַזונדערער ייִדישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס אַלץ איז געווען אַ זאַפּטיקער צוגאָב צום אייגענעם ייִדישן אויסלעבן זיך, אַלזייטיק אויסלעבן זיך זעלבשטענדיק און נישט אין די ראַמען פון דער פרעמדער מערהייט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז קיין זכר און קיין סימן נישט פאַראַן נישט פון קיין סעפּאַראַטע ייִדישע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס און אויך נישט פון באַזונדערע ייִדישע פּאָליטישע פּאַרטייען — די איינגלידערונג אין דער אַרומיקער וועלט איז אַ הונדערטפּראָצענטיקע אין אַלע מאַטעריעלע פּרטים — און די קולטורעל־גייסטיקע איינגלידערונג לויפט נאָך דער דאָזיקער מאַטע־ריעלער אַריינוואַקסונג אין דער מערהייט־סביבה און אין דער מערהייט אַטמאָספער.

# קולטור־מצב און אַסימילאַציע

מיר האָבן ביז איצט באַהאַנדלט די מאַסן־קאָנצענטראַציע און די מאַסן־קאָמפּאַקטקייט און אויך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור ווי פאָרבאַדינגונגען פאַרן אַסימיליר־דרוק פון איין צד און פאַר דער אַסימילאַציע־נטיה פון צווייטן צד — אין נעגאַטיוון זין, אין זין פון שטאַרקן אַסימיליר־פּאָטענציאַל מצד דער מערהייט און שטאַרקער אַסימילאַציע־נטיה מצד דער מינדערהייט; און אין פּאָזיטיוון זין, אין זין פון שוואַכן אַסימיליר־דרוק און שוואַכער אַסימילאַציע־נטיה. מיר גייען דערביי לכן אַרויס פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער מינדערהייט.

לאָמיר איצטער איבערגיין צו די קולטור־באַדינגונגען און קולטור־פאַקטאָרן איןביידע פּרטים — אין זין פון אַסימיליר־דרוק און פון אַסימילאַציע־נטיה.

די אַסימילאַציע־פּראָצעסן זענען אין תוך קולטור־דערשיינונגען, גייסט־גילגולים — קלאָר, אַז די קולטור־ און גייסט־פאַקטאָרן מוזן שפּילן אַ גאָר גרויסע און וויכטיקע ראָלע ביי ביידע צדדים. דער פּרינציפּ פון זה בזה תלוי, כלומרשט וואָס העכער דער קולטור־מצב איז ביי דער מערהייט, אַלץ העכער איז דער זעלבער ביי דער מינדערהייט, באַקומט דאָ גאָר אַ באַזונדער גרויסע באַדייטונג. ווייל וואָס העכער דער אַסימיליר־פּאָטענציאַל ביי דער העכער־געבילדעטער און העכער־אַנטוויקלטער מערהייט, אַלץ העכער איז דער אַסימילאַציע־אַפּעטיט ביי דער העכער־געבילדעטער און העכער־אַנטוויקלטער מינדערהייט. ס׳גייט האַרמאָניש.

די געשיכטע פון יידן און נישט נאָר פון יידן האָט דערוויזן נישט איין מאָל און נישט אין איין לאַנד, אַז וואָס העכער און רייכער דער קולטור־מצב ביי דער מערהייט, אַלץ אינטענסיווער און טיפער משפּיענדיק איז איר אַסימיליר־ווירקונג. און וחוזר ביי דעם מיעוט — וואָס געבילדעטער דער מיעוט איז, אין זין פון דער קולטור פון דער מערהייט, אַלץ טיפער און דרינגנדיקער איז זיין נטיה צו אַסימילירן זיך מיט דער דאָזיקער מערהייט.

ביי דעם מיעוט ווירקן געוויס די פאַקטאָרן פונעם אייגענעם נאַציאָנאַלן קולטור־פאַרמעג, פון דעם אַקומולירטן אייגענעם גייסט־באַגאַזש, וועלכער ווירקט

צוריקהאַלטנדיק און טאָרמאָזירנדיק דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס. דער ביישפּיל אָבער פונעם דייטשן יידנטום, וואָס איז געווען בלתי ספק סוף 18טן און ערשטע העלפט פון 19טן יאָרהונדערט נישט שוואַך באַוואָפנט מיט נאַציאָנאַלער קולטור־ירושה, וואָס ס׳איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער שאַפונג פון דער חכמת היהדות, וועלכע האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע און באַפרוכפּערנדיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון גאַנצן יידישן פאָלק אין דער לעצטער עפּאָכע, גיט זייער ווייניק טרייסט און נאָך ווייניקער האָפענונגען אין דעם פּרט.

אין מזרח־אייראָפּע איז געווען אַן אויסערסט גליקלעכע, אַ זעלטן־אויסנאַמיקע היסטאָרישע קאָמבינאַציע פון אויסערלעכע און אינערלעכע באַדינגונגען און פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט דער יידישער מינדערהייט צו געניסן פון דעם מינימום פון אַסימילירן־השפּעות מחוץ און פון דעם מאַקסימום פון די אייגענע אַקומולירטע נאַציאָנאַלע גייסט־גיטער מבפנים.

ראשית, קומט אין באַטראַכט דאָס וואָס דער ווירקנדיקסטער אַסימילירפּאָטענציאַל, דער גרויס־רוסישער, איז געווען ווייט פון די יידישע מאַסן. 95 פּראָצענט פון די רוסישע יידן האָבן געלעבט צווישן די מינדערהייטן. אויף וויפל דער גרויס־רוסישער פּאָטענציאַל האָט געווירקט אין די שטעט פונעם תחום־המושב, ווו די גרויס־רוסן האָבן אויסגעמאַכט אָפט אַ גאַנץ היפּשן פּראָצענט, איז די דאָזיקע השפּעה שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דעם נאַציאָנאַלן קאַמף אין די שטעט פון צוויי און אָפט פון דריי נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די לעצטע האָבן געקעמפט רעוואָלוציאָנער, אָבער ביז 1905 האָבן זיי נישט געהאַט קיינע קולטור־אינסטיטוציעס פון השפּעהדיקן כאַראַקטער — נישט קיין שולע, נישט קיין פּרעסע, נישט קיין טעאַטער, נישט קיין ליטעראַטור. די פּאָליאַקן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אין אַ געוויסן זין אַן אויסנאַם און דעריבער איז טאַקע אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ געגאַנגען פאַרלאָרן פאַר יידן אַפילו אין 19טן יאָרהונדערט, ווען די פּוילישע קולטור איז געווען שטאַרק אונטערדריקט און רעכטלאָז. ווי נאָר די טעריטאָריעלע מיעוטים האָבן נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 באַקומען ברייטע מעגלעכקייטן פון קולטור־אַנטוויקלונג, איז נישט אַוועק קיין גאַנצער צענדליק יאָר און אין די אוקראַינישע און אויך אין די ווייסרוסישע שולעס האָט זיך באַוויזן אַ בדייטנדיקער פּראָצענט יידישע קינדער, כאָטש עס זענען געווען אין סאָוועטרוסלאַנד אויך יידישע שולן.

אויף וויפל עס האָט זיך געפילט די אַסימילירן־השפּעה פון די גרויס־רוסן, איז דאָס געווען בנוגע די תחום־גובערניעס אַ ריין־שפּראַכלעך־ליטעראַרישע, לכן אַן אויבנאויפיקע און נישט קיין קולטורעל־גייסטיקע, ווי, למשל, אין דייטשלאַנד. דערמיט דערקלערט זיך אין אַ גרויסער מאָס, וואָס אַפילו דער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד, וועלכע האָט געלעבט אין די צוויי מעטראָפּאָליעס, אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, איז נישט געווען אַזוי אַריינגעהעפט

און אַריינגעוואַקסן אין דער גרויס־רוסישער קולטור, ווי דאָס איז געווען אין דייטשלאַנד אָדער פראַנקרייך, און זי האָט זיך אָרגאַניש געפילט טיף געבונדן מיטן גאַנצן רוסישן ייִדנטום.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז געווען אין פּרט פון אַסימילירן־השפּעה די לאַגע אין עסטרייך, ווו מיר האָבן געהאַט אַ גאַנצע סימפּאָניע פון אַסימילירן־השפּעות און פון אַסימילאַציע־נטיות. עס איז דאָרטן גרינג פעסטצושטעלן, אַז וואָס העכער עס איז געווען דער פּראָצענט ייִדן לגבי דער אַרומיקער באַפעלקערונג (קאַרפּאַטאָרוס, גאַליציע, אוקראַינע, סלאָוואַקיע); וואָס געדיכטער ייִדן זענען געווען צונויפגעזאַמלט אין די שטעטלעך און שטעט; וואָס אָפּגעשטאַנענער עס איז געווען דער עקאָנאָמישער מצב פונעם ראַיאָן און וואָס העכער עס איז דעריבער געווען דער פּראָצענטועלער אָנטייל פון ייִדן אין האַנדל און טיילווייז אין מלאכה; ענדלעך, וואָס קולטורעל אָפּגעשטאַנענער עס איז געווען דער נישט־ייִדישער אַרום און לכן אויך דער ייִדישער קיבוץ, אַלץ שוואַכער איז געווען דער אַסימילירפּאָטענציאַל אויך פון יענעם מעכטיקן אַסימילירן־פאַקטאָר, וואָס איז געווען דער הערשנדיקער אין דער גאַנצער אימפּעריע — דער דייטשער פאַקטאָר. און אַלץ שוואַכער און פּאַסיווער איז געווען די אַסימילאַציע־נטיה ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג. וואָס רייכער עס איז געווען די אייגענע קולטור־ירושה פון פאַר דער עמאַנציפּאַציע, וואָס זאַפטיקער די אייגענע אַקומולירטע נאַציאָנאַלע גייסט־עשירות, אַלץ פרוכטבאַרער איז געווען די אייגענע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג נאָך דער עמאַנציפּאַציע (גאַליציע!).

די דייטשע אַסימילאַציע אין גאַליציע און בוקאָווינע און די מאַדיאַרישע אין סלאָוואַקיע און טיילווייז אין קאַרפּאַטאָרוס, האָט זיך געוויס שטאַרק געפילט אין אַלע די דאָזיקע לענדער, אָבער נאָר ביי די שפּיצן פון דער אינטעליגענץ. פּאַראַלעל מיט דער אַסימילירטער ייִדישער אינטעליגענץ אין די אַלע לענדער, איז אויפגעקומען, באַזונדערס אין גאַליציע, אַן אייגענע רייכע און זאַפטיקע ייִדישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט גאָר אַ פעטן חלק הן אין דער אַלגעמיינער אויפלעבונג־באַוועגונג פון ייִדישן פאָלק און הן אין דער תחית העם אין ארץ ישראל אין אַלע אירע סטאַדיעס און אין אַלע אירע פאָרמען; הן אין פּרט פון געבן חלוצים פון סאַמע אָנהייב פון דער קאָלאָניזאַציע און אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער חלוציות־באַוועגונג און הן אין דער אויפלעבונג פון העברעיִש און דער העברעיִשער קולטור.

ס'וואָלט געווען פאַלש צו מאַכן אַן אויספיר, אַז וואָס סעפּאַרירטער און אָפּגעזונדערטער די ייִדישע באַפעלקערונג איז געווען אין אַ לאַנד, אַלץ רייכער אדן זאַפטיקער אין פּרט פון ייִדישער קולטור־אַקומולאַציע און אין פּרט פון נאַציאָנאַל־גייסטיקער אַנטוויקלונג. ווידער גיט אונדז די עסטרייכישע אימפּעריע אַ גוטן ביישפּיל, אַז דאָס איז ווייט נישט אַזוי — קאַרפּאַטאָרוסלאַנד איז געווען דאָס

אָפּגעשטאַנענסטע לאַנד אין דער אימפּעריע און דאָס דאָרטיקע ייִדנטום דאָס סאַ־מע אָפּגעזונדערטסטע הן פון דער השפּעה פון דער דייטשער קולטור און הן פון דער ווירקונג פון דער מאַדיאַרישער און דאָס דאָזיקע ייִדנטום איז אויך אין פּרט פון ייִדישער קולטור געווען דאָס מאָגערסטע און דאָס אויסגעטרוקנטסטע. פאַר־קערט, גאַליציע און בוקאָווינע, וועלכע זענען געווען באַאיינפלוסט, אָבער טאַקע נישט מער, פון דער רייכער דייטשער קולטור, האָבן געגעבן די בעסטע פּירות און אייגענער אָרגאַנישער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. אין די דאָזיקע לענדער איז די השפּעה פון דער דייטשער קולטור געווען בערך ווי פון דער גרויס־רוסישער קולטור אין די תחום־גובערניעס — אַ ריין שפּראַכלעך־ליטעראַרישע, אָבער נישט קיין גייסטיק־קולטורעלע. די דאָזיקע השפּעה איז געווען גענוג אויף צוצוועקן די פאַרחלשטע אייגענע קולטור־כוחות און צעברייטערן די אייגענע שמאָלע האָ־ריזאָנטן, זיי אָנשטעקן מיט די מאָדערנסטע פּאָליטישע און גייסטיקע באַוועגונגען און שטרעמונגען און זיי אויף אַזאַ אופן באַפרוכפּערן אויף אייגענער אָרגאַנישער נאַציאָנאַלער כוחות־צעוויקלונג און קולטור־אַנטוויקלונג. די דרויסנדיקע השפּעה האָט נישט דערשטיקט די שוואַכע אייגענע קולטור־כוחות, האָט נישט געפירט צו זעלבסטפאַרלאָרנקייט און אין רעזולטאַט צו אַסימילאַציע, ווי דאָס איז גע־ווען אין טיילן פון דער זעלבער אימפּעריע, וווּ ייִדן זענען געווען רעלאַטיוו ווייניק אין צאָל און די אַרומיקע רייכע איינהייטלעכע דייטשע קולטור איז געווען פון אַזאַ אַריינרייסנדיקער און משפּיענדיקער קראַפט, אַז זי האָט דערשטיקט די שוואַכע אייגענע ירושה־רעשטלעך און די אייגענע שוואַכע שפּראָצונגען פון מאָ־דערנער קולטור און געפירט נישט נאָר צו אַסימילאַציע נאָר שוין גאָר צו דעגע־נעראַציע. ווין האָט דאָך געגעבן דעם העכסטן פּראָצענט שמד און אויך דעם העכסטן פּראָצענט געמישטע חתונות.

מען קען אויפשטעלן אַ גאַנצע סקאַלע פון אַסימילירפּאָטענציאַלן און אַסי־מילאַציע־נטיות אין דער געוועזענער עסטרייכישער אימפּעריע פון בערך אַזאַ כאַראַקטער — אין נידער־עסטרייך און אין בעמען און מערן, וווּ עס איז געווען דער קלענסטער פּראָצענט ייִדן און די העכסטע השפּעה פון אַ שטאַרקער דייטשער קולטור, איז געווען דער העכסטער אַסימיליר־פּאָטענציאַל און די גרעסטע אַסי־מילאַציע־נטיה. דאָס זעלבע בערך איז פאָרגעקומען אין דער אונגאַרישער מלוכה — וווּ נאָר די אונגאַרישע קולטור איז געווען מאָנאָליט, ווי די דייטשע אין ני־דער־עסטרייך; בודאַפּעשט האָט שטאַרק קאָנקורירט אין פּרט פון שמד און גע־מישטע חתונות מיט ווין. און איןביידע טיילן פון דער אימפּעריע פאַלן ביידע מאָמענטן פון פּראָצענט, הן דער אַסימיליר־פּאָטענציאַל און הן די אַסימילאַציע־נטיה, וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו די געגנטן, וווּ דער אָנטייל פון ייִדן איז געווען פיל העכער, וווּ דער אָנטייל פון ייִדן אין דער שטאָטישער עקאָנאָמיק איז געווען כמעט מאָנאָפּאָליסטיש און וווּ די קולטור־השפּעה פון דער לאָקאַלער

מערהייט איז געווען ביז גאָר שוואַך און אַנעמיש. חוץ דעם איז נאָך די לאָקאַלע מערהייט־קולטור אָפּט דערצו געווען צעשפּאָלטן, ווי אין מזרח־גאַליציע צווישן די פּאָליאַקן און אוקראַינער, אין סלאָוואַקיע צווישן די מאַדיאַרן, טשעכן און סלאָוואַקן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דער ווירקלעכקייט זענען די דאָזיקע פּראָצעסן געווען פיל פאַרוויקלטער און קאָמפּליצירטער.

אין צאַרישן רוסלאַנד, וווּ עס איז אויסגעשמידט געוואָרן יענער יידישער קיבוץ, וואָס האָט געגלאַנצט מיט אַ שפע פֿון שאַפונגען אויף אַלע געביטן פֿון פאָלקס־לעבן און וווּ עס איז בלתי ספק באַשטימט געוואָרן דער גאַנצער גורל פֿון יידישן פאָלק אויף תקופות, זענען סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט געשאַפן געוואָרן אַזעלכע אויסנאַם־געבענטשטע און אַזעלכע אויסנאַם־באַפרוכפּערנדיקע באַדינגונגען, אַז עס לוינט זיך ספּעציעל זיך נאָך צו פאַרהאַלטן ביי דער דאָזיקער פראַגע. כאָטש מיר האָבן שוין העכער אָנגעדייטעט אויף דער דאָזיקער דערשיינונג.

די עמאַנציפּאַציע ביים רוסישן יידנטום, וואָס האָט באַקומען די רייכע ירושה פֿון דער קולטור־אַנטוויקלונג פֿונעם פּוילישן יידנטום אין משך פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער, האָט זיך אָנגעהויבן שוין סוף 18טן יאָרהונדערט און נאָך מער אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען אַ ריין־אינערלעכע גייסטיקע עמאַנציפּאַציע, אַ זייער באַשיידענע, אַ זייער שמאָלע, אָבער מיט אַ גרויסער און ביז גאָר באַדייטנדיקער מעלה — זי איז געווען אינגאַנצן אַן אייגענע, אַן אינעווייניקסטע אַן אָרגאַנישע פֿון אינעווייניקסטע רייפנדיקע קולטור־כּוחות אַן אַרויסגערופענע. מיר האָבן נישט אין אויג דאָ יענע השכּלה־באַוועגונג, וואָס האָט לכתחילה נאָכגעזאָגט די לאָזונגען פֿון דער בערלינער באַוועגונג, בויענדיק אַלץ אויף דער יידישער רעליגיע און פּרעדיקנדיק פולע אויסגלייכונג מיט יעדן פרעמדן אַרום אין שפּראַך און אין לעבנס־מינהגים, אין קולטור־ און גייסט־טענדענצן. מיר האָבן אין זינען יענע אונטערערדישע שטראָמעלעך און שפּעטער שטראָמען פֿון באַנייאונג און אויפוואַכונג, וואָס האָבן זיך אין תוך אָנגעהויבן שוין מיטן חסידיזם אין דער העלפט פֿון 18טן יאָרהונדערט; אַ באַוועגונג, וואָס האָט געשטעלט אין צענטער דעם אדם פּשוט, דעם פאָלקס־מענטש און זיינע גייסטיקע אינטערעסן און בענקשאַפטן — אַ באַוועגונג, וואָס האָט צעאַקערט דעם באָדן פֿאַר די שפּעטערדיקע נאָך אַלץ שמאָלע און באַשיידענע אַפּעלאַציעס צו בילדונג און אַרבעט, צו באַנייאונג און ראַדיקאַלע ענדערונגען אין די פּרנסות נאָך איידער עס איז געווען אַפילו אַ רמז אויף פּאָליטישע רעכט, אויף עמאַנציפּאַציע מצד די מאַכט־האָבער.

די אַזוי גערופענע בערלינער השכּלה איז געווען אַן אָפּרוף, אַן ענטפער־דערקלערונג אויף די שטימונגען אין דער געבילדעטער דייטשער געזעלשאַפט

און עס איז טאַקע באַלד ווי מענדעלסאָן האָט זיך באַזעצט אין בערלין געקומען צו גאָר אָפּטע צוזאַמענקומען צווישן ייִדישע און נישט־ייִדישע אינטעלעקטואַלן. מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַ שטימונג אין דער אַרומיקער געזעלשאַפט און אויך אין די רעגירונג־קרייזן וועגן רעכט פאַר ייִדן. גאַנץ אַנדערש איז געווען די אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד, וווּ די ייִדן זענען געווען גאַנץ נייע איינוווינער, אַריבערגעקומענע פון דער צעטיילטער פוילישער מלוכה און אַבסאָלוט ווייטע פון דער רוסישער שפּראַך און נאָך מער פון דער רוסישער קולטור. רוסיפיקאַ־טאָרן אין דעם זין ווי עס זענען געווען אין דייטשלאַנד פּרעדיקער איבערצוגייִן פון ייִדיש צו דייטש האָבן זיך אין רוסלאַנד באַוויזן ערשט נאָך די 60ער יאָרן, נאָך די גרויסע רוסישע רעפאָרמעס, נאָך דער באַפרייאונג פונעם פּויערטום און נאָך יענער קאַרליקאָווער ייִדן־עמאַנציפּאַציע, וועלכע איז געווען קוים געצוג אויף אַ וואָרף צו טון אַ קליינעם סנאָפּ שטראַלן אין ייִדישן תחום און צעוועקן די פאַרשלאָפענע ייִדישע כוחות און אויפרודערן אַ שמאָלן פּאַס פון דער רייכער ייִדישער געזעלשאַפט און פון די וואַכערע און רירעוודיקערע פון צווישן די אָרעמע ישיבה־בחורים און אויף אַזאַ אופן אַרויסרופן אַ געוויסע באַוועגונג מיט אַ רוסיפיקאַציע־טענדענץ. אָבער די דאָזיקע אַנטינאַציאָנאַלע רוסיפיקאַטאָרישע השכלה־באַוועגונג האָט זיך גאָר גיך אַנגעשטויסן אויף די צוויי אָרגאַנישע נאַ־ציאָנאַלע השכלה־באַוועגונגען, וועלכע זענען געווען אַ רעזולטאַט פון דער אייגע־נער אַנטוויקלונג פון ייִדישן געדאַנק און זענען נאָך די 60ער יאָרן געשטויסן געוואָרן צו פאַרברייטערן און פאַרטיפערן זייערע השפּעות; געשטויסן געוואָרן צו יענע גייסט־טענדענצן און צו יענע קולטור־אַנטוויקלונגען, וועלכע האָבן צום סוף 19טן יאָרהונדערט געגעבן די גאַנצע פלעיאַדע העברעיִשע און ייִדישע שרייבער און אין באַגלייטונג אַ שטראָם פון נאַציאָנאַלע אויפוואַכונגען אויף די פאַרשיידנ־סטע געביטן, ווי מוזיק, טעאַטער, וויסנשאַפט און אַזוי ווייטער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג פונעם ייִדנטום אויף דער פעטער שוואַרצערד פון גרויסע און געדיכטע מאַסן מיט אַ טויזנט־יאָריקער קולטור־אַקומולאַציע איז די דערשיינונג פון דעם פרומען מנשה איליער, דעם גרעאַטענסטן תלמיד פון ווילנער גאון, וועלכער האָט געפּרעדיקט די ראַדיקאַל־סטע רעפאָרמעס אין בילדונג און פּרנסות, נישט וואַרטנדיק אויף משכילים און חכמים, וואָס האָבן געגאַנשט פון בערלינער השכלה. דער ווילנער גאון זעלבסט האָט געקעמפט קעגן פּלפּול און געפאָדערט, אַז מען זאָל לערנען פּאָזיטיווע חכמות, ווי מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפט. מענדל סאַטאַנאָווער זעצט איבער משלי שלמה אויף ייִדיש אין יאָר 1812. חייקל הורוויץ זעצט אי־בער אויף ייִדיש דעם באַרימטן בוך פון קאַמפּע „קאָלומבוס" (1818). דער חסידיזם שאַפט אַ רייכע ליטעראַטור אין ייִדיש — די מעשיות פון רבי נחמן בראַצלאַווער זענען געווען מער ווי פּאָפּולער ביי דער מאַסע און די שבחי בעש״ט, וועלכע זענען דערשינען

אויך אין יידיש 1815, האָבן געהאַט נאָך אַ גרעסערן דערפֿאָלג. אין די 20־ און 30ער יאָרן באַווייזן זיך שוין יידיש־שרייבער, וועלכע האָבן געשאַפֿן גאָר פֿיינע וועלטלעכע ווערק — מיר האָבן אין אויג אַקסענפעלדן און ד״ר עטינגער. דיק און גאָטלאָבער צעברייטערן אין די 40ער יאָרן די יידיש־ליטעראַטור און געווינען אַ גאַנץ גרויסע מאַסן־אוידיטאָריע, רעלאַטיוו, פאַרשטייט זיך, צו יענעם קולטור־צושטאַנד פון די יידישע מאַסן. אין די 50ער יאָרן באַווייזט זיך שוין אין באַרדיטשעוו, אין דער שטאָט מיט העכער 80 פּראָצענט יידן און מיט אַ הויך־אַנטוויקלטער עקאָנאָמיק, וואָס האָט באַדינט גאַנץ אוקראַינע און וואָס איז געווען אויב נישט אַלע הונדערט פּראָצענט אין יידישע הענט, איז וויניקסטנס 95 פּראָצענט, פון די העכסטע שטופעס, ווי אַ באַנק און אַ גרויסער עקספּאָרט־ און אימפּאָרט־מיסחר און ביז אַ ברייטע קליין־אינדוסטריע מיט יידישע אַרבעטער — אָט אין דער דאָזיקער דורך און דורך יידישער שטאָט באַווייזט זיך אַ יידישער אינטעליגענט יהושוע מרדכי ליפשיץ, אַ מענטש, וואָס קען שוין דריי פּרעמדע שפּראַכן, רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש, און נעמט פֿרעדיקן יידיש אַלס פאָלקסשפּראַך. ער לייגט אַוועק אַ גאַנצן פּאַק טענות און מענות צו אַלע יענע, וועלכע האַלטן נישט פון יידיש אַלס אַ קולטור־שפּראַך און ער לאַכט זיי אויס. ער גיט אַרויס 1869 זיין רוסיש־יידישן ווערטערבוך און 1876 זיין יידיש־רוסישן ווערטערבוך.

לאָמיר נאָך דערמאָנען, אַז שוין אין יאָר 1823 ווערט געמאַכט אַ פּראָבע אַרויסצוגעבן אַ וואָכנצייטונג אין יידיש „באָאָבאַכטער אָן דער ווייסל״ (דערשינען 42 נומערן).

מיר האַלטן פאַר איבעריק זיך אָפּצושטעלן אויף דער צעוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין די 60ער יאָרן מיט מענדעלע מוכר ספרים און לינעצקי און האָט געגעבן די קלאַסיקער פּרץ און שלום עליכם און נאָכדעם דעם גאַנצן דור יידישע שרייבער, וועלכע האָבן זיך שפּעטער צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט און געשאַפֿן פליגלען און צווייגן פון יידיש־שאַפֿונגען פון פאַרשיידענער הויך און וואָג. אונדז איז געגאַנגען צו ווייזן, אַז די יידיש־עשירות אויף אַלע געביטן פון קולטור אין 20טן יאָרהונדערט, איז נישט פון הימל אַראָפּגעפאַלן און איז נישט געווען קיין „דעאוס עקס מאַכינע״ און פון סתם גליקלעכע פון גאָט געבענטשטע טאַלאַנטן; זי איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ קולטור מיט אַ טויזנט־יאָריקער טראַדיציע, מיט אַ באַזע, וואָס איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין אַ ברייטער געדיכטער מאַסע, וועלכע האָט געוויקט אין רעליגיע און נאָר אין רעליגיע, וועלכע עס איז געוויס געווען שווער צו צעוועקן און זי באַהעפטן צו מאָדערנע קולטור־פאָרמען און צו מאָדערנע גייסט־שאַפֿונגען, אָבער דערפֿאַר זענען די פּירות געווען אָריגינעלע, פון אייגענעם באָדן אַרויס־

געוואַקסענע, מיט אייגענעם טוי באַשפּריצטע, מיט אייגענע קולטור־מאַזאַליעס געשאַפענע און אויסגעטראַגענע.

פּאַראַלעל מיט דעם נאָר וואָס קורץ כאַראַקטעריזירטן שטראָם פון די סאַמע געדיכטעסטע וואַרצלדיקסטע מאַסן איז געקומען דאָס העברעיִשע שמאָלע ריטש־קעלע, וואָס איז אין זיין ערשטער סטאַדיע געווען פאַרשקלאַפט צו דעם נוסח פון די „מאספים״ פון דער בערלינער השכלה־שולע מיט איר נעגאַציע נישט נאָר פון ייִדיש נאָר בכלל פון אַלע ייִדישע הייליקסטע טראַדיציעס, אויך בנוגע אַפילו העברעיִש אַלס אַ שטענדיקן קולטור־פאַקטאָר און אַלס אַ צוקונפט־טרוים פון ייִדישן נאַציאָנאַלן קיום, און אויך פון ארץ ישראל, אַלס אַ לאַנד פון נאַציאָנאַלן טרוים און פון רעאַלע נאַציאָנאַלע האָפענונגען. די העברעיִשע השכלה האָט זיך אָבער גאָר גיך באַפרייט פון די בערלינער השפעות, און איז איבערגעגאַנגען, פון איין זייט, צו קאָנקרעטע לעבעדיקע, ממש ברענענדיקע סאָציאַל־געזעלשאַפטלע־כע פראַגן, ווי יצחק בער לעווינזאָנס, „תעודה בישראל״ און „בית יהודה״, און צו יענעם ראָמאַנטיזם לגבי העברעיִש און ארץ ישראל, וועלכער איז אַזוי נישט דערשאַצט געוואָרן פון די ליטעראַטור־היסטאָריקער פון פריִערדיקן דור, וועלכע מוזן אָבער איצט, אין דער תקופה פון מדינת ישראל, גאַנץ אַנדערש געווערטעט און געשאַצט ווערן. די „שירי בת ציון״ פון מ. לעבענסאָן (1851) און די ראָמאַ־נען „אהבת ציון״ און „אשמת שומרון״ פון מאַפּו (1852 און 1865) זענען דאָך אין תוך געווען אָרגאַנישער המשך פון די אַלע תפילות, וואָס ייִדן האָבן טויזנטער יאָרן געזאָגט און געשיקט צום הימל מיט דער האָפענונג אויף משיחן; און זיי זענען אויך געוואָרן די מבשרים פון דעם קומענדיקן דור ציוניסטישע דיכטער מיט ביאַליקן בראש.

ביידע באַשריבענע שטראָמען זענען געווען אָרגאַנישע, אָריגינעלע, אייגענע, פון אייגענע קוואַלן געשעפּטע און מיט אייגענע נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונגען גע־שאַפענע און אַנטוויקלטע. דערמיט זאָל נישט געזאָגט ווערן, אַז זיי זענען נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער גרויס־רוסישער קולטור, באַזונדערס אין דער שפּעטערער צעצווייגונג און צוואַקסונג צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט — באַ־איינפלוסט און באַפרוכפּערט געוויס און געוויס, אָבער נישט מער.

ס'איז אויך געווען אַ דריטער שטראָם, וואָס טאָר נישט איגנאָרירט ווערן — ער איז אָבער געווען אין תוך נאָר די פינפטע ראָד אינעם וואָגן פון דער נאַ־ציאָנאַלער אויפלעבונג פונעם רוסישן ייִדנטום. מיר האָבן אין אויג דעם רוסישן שטראָם, דעם שפּראַכלעך־אַסימילירטן פליגל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס האָט געוויס אַ סך אויפגעטון אין פּרט פון צעוועקן און צערודערן, מיט צוגעבן פאַרבן און ניואַנסן, באַרייכערן מיט וויסן און אינפאָרמאַציעס, אָבער נישט אין תוך אַריין און נאָך ווייניקער אין זין פון נאַציאָנאַלער נשמה־באַרייכערונג. אין לעצטן פּרט זענען די ערשטע צוויי שטראָמען געווען הונדערט פּראָצענט אָריגי־

נעלער און זעלבשטענדיקער און דעריבער נאַציאָנאַל אַזוי שעפעריש און אַזוי רעזולטאַט־רייך.

מאי קא משמע לן? וואָס לאָזט אונדז הערן אָט דער קורצער שפּאַציר איבער אַ בלעטל יידישער גייסט־ און קולטור־געשיכטע פון גורלדיקער באַדייטונג און פון נישט וויניקער גורלדיקער השפעה ביז אין אונדזערע טעג אַריין, ביז מדינת ישראל איז כלל?!

דער אויספיר איז אַ קלאָרער — צו דער שטח־איזאָלאַציע און סאָציאַל־עקאָנאָמישער אויטאָנאָמישקייט איז צוגעקומען די וואָרצלדיקע אַקומולאַציע פון קולטור־כוחות פון טויזנט יאָר; צו די גינציקע אָביעקטיווע פאַקטאָרן איז צוגע־קומען אַ סוביעקטיווע קולטור־עשירות, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פון די אַלע מאָדערנע יידישע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע און גייסטיק־קולטורעלע באַ־וועגונגען און שטרעבונגען, וועלכע האָבן אַזוי באַרייכערט דאָס יידישע לעבן און געבענטשט אונדז מיט געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע כוחות אויף צו שאַפן מדינת ישראל.

די צענטראַלע פּראָבלעם אין פּרט פון דעם גלות־יידנטום באַשטייט אין דעם, ווי ווייט און טיף גייט דער היסטאָרישער המשך אין די נייע לענדער, ווי ווייט איז דער געזעלשאַפטלעכער קלימאַט אין די נייע איינוואַנדערונג־לענדער, באַזונדערס אין דעם גרעסטן יידישן קיבוץ, גינציק אָדער אומגינציק פאַר אָר־גאַנישן המשך, פאַר אַזאַ מדרגה פון צופּאַסונג, אַז דער קערן, דער נאַציאָנאַלער יסוד זאָל בלייבן גאַנץ און זאָל פאַרמאָגן זאַפט און קראַפט אויף ווייטער וועבן די גאָלדענע קייט פון דער שפּראַך־טאָפּלטער קולטור, פון יענער איינציקאַרטי־קער און אויסנאַם־קאָמפּליצירטער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור־עשירות, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן ביי אַבסאָלוט אויסנאַם־באַדינגונגען אין פּרט פון די אייגענע יידישע אַנטוויקלונג־באַדינגונגען און נישט וויניקער אויך אין פּרט פון די אַרומיקע סביבה־פאַקטאָרן.

ווייל כאָטש מיר האָבן געגעבן אַ בילד פון אייגענע אויסטערליש־רייכער אַקומולאַציע פון קולטור־כוחות און לכן פון שטאַרקן ווידערשטאַנד קעגן דרויסנ־דיקע פרעמדע השפעות, האַלטן מיר, אַז דער גרויסער נאַציאָנאַלער גליק איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ רעזולטאַט פון אומגליק, פון צרות, פון פּאָליטישע און קולטורעלע באַגרענעצונגען, פון אָפּגעשטאַנענקייט אין פּרט פון אַלגעמיינער בילדונג, פונעם אָרום און אויך פון דער יידישער באַפעלקערונג. מעז יוצא מתוק איז אין דער יידישער גלותגעשיכטע נישט קיין אויסנאַם־דערשיינונג. מיר דערלויבן זיך זייער צו צווייפלען, אויב מיר וואָלטן געהאַט די העכער באַשרי־בענע נאַציאָנאַלע עשירות אין פאַל ווען די באַפעלקערונג פון רוסלאַנד וואָלט געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פון קולטור־אַנטוויקלונג און עס וואָלט אין לאַנד געהערשט פּאָליטישע פרייהייט און יידן וואָלטן געהאַט אַלע מעגלעכקייטן

אויסצונוצן די בילדונג־אינסטיטוציעס און די באַוועגונג־פרייהייט איבער דער אומגעהויער גרויסער און צעוואָרפענער רוסישער אימפעריע. דווקא די באַוועגונג־באַגרענעצונגען, וועלכע האָבן געהאַלטן צוזאַמען די העכער פינף מיליאָן רוסישע ייִדן קאָנצענטרירט און קאָמפּאַקט; דווקא די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג און איר קנאַפּע קולטורעלער אַסימיליר־פּאָטענציאַל; דווקא די באַגרענעצטע צאָל ייִדן אין די מיטל־ און הויכשולן, וואָס עס האָט שטאַרק געצוימט די שטרעבונג פון דער ייִדישער יוגנט צו ליבעראַלע פּראָפעסיעס, צו באַשעפטיקונגען מיט דער העכסטער אַסימילאַציע־נטיה — אָט דווקא די דאָזיקע צרות און צוימען, קעגן וועלכע מיר האָבן זיינער צייט אַזוי געקעמפט, האָבן געשאַפן יענעם קאָמפּלעקס גינציקע אויסערלעכע און אינערלעכע באַדינגונגען און פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געגעבן די מאַקסימאַלסטע פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע רעזולטאַטן.

לאָמיר זשע פּרוּוון מאַכן אַ פאַרגלייך אין פרט פון השפעה פון די קולטור־ און בילדונג־פאַקטאָרן אין אַמאָליקן רוסישן לאַנד מיט העכער פינף מיליאָן ייִדן און אין איצטיקן קיבוץ אין אַמעריקע מיט דער זעלבער בערך צאָל ייִדן. מיר ווילן שוין אין סאַמע אָנהייב פון דער דאָזיקער באַטראַכטונג צוגעבן, אַז דער אויספיר מוז, פאַרשטייט זיך, נישט זיין, אַז מיר דאַרפן טרוימען וועגן צוימען און באַגרענעצן. דער בעסטער נאַציאָנאַלער אויסוועג ליגט אין דער אייגענער מערהייט אין אייגענעם לאַנד. נאָר מיר פאַרנעמען זיך דאָ נישט מיט דער פּראַקטישער פּאָליטיק פון ייִדישן פאָלק נאָר מיט די אָביעקטיווע לעבנס־באַדינגונגען.

אין 1897 האָט דער פּראָצענט „גראַמאַטנע“ אין רוסלאַנד באַטראָפן אַ ביסל מער פון 16 — איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן 98 אָדער 99 פּראָצענט! שוין אָט די דאָזיקע דאַטעס באַלייכטן ווי מיט אַ בליץ דעם טיפן חילוק צווישן די אָביעקטיווע קולטור־באַדינגונגען אין די צוויי לענדער מיט די גרעסטע ייִדישע קיבוצים; אין די צוויי לענדער, ווו עס איז אַמאָל אין איינעם באַשלאָסן געוואָרן דער נאַציאָנאַלער גורל פון ייִדישן פאָלק און ווו עס ווערט איצט אין אַ צווייטן אין אַ גרויסער מאָס באַשלאָסן דער גורל פון גלות־פאָלק.

אַלגעמיינע „גראַמאַטנאָסט“ זאָגט נאָך פאָרט ווייניק — מיר וועלן גלייך צוגיין צו יענעם בילדונג־פאַקטאָר, וואָס פאַרמאָגט ביי איין צד דעם העכסטן אַסימיליר־פּאָטענציאַל און ביים צווייטן צד די העכסטע אַסימילאַציע־נטיה.

און ווייל דער ייִדישער צד אינטערעסירט אונדז אַמטיפסטן, וועלן מיר אָנהייבן פון דעם דאָזיקן צד. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ איז אומעטום די אַסימילירטסטע — זיצט דאָך אָפּ אַ מענטש, וואָס ענדיקט אוניווערסיטעט, נישט ווייניקער פון 18־20 יאָר, גאָר אָפט גאַנצע 25 יאָר אין בילדונג־אינסטיטוציעס פון דער מערהייט. ער זאַפּט איין אין זיך אַזאַ באַרג נישט נאָר פון טרוקענע אינפאָרמאַציעס און ידיעות נאָר אויך פון געשיכ־

טע, ליטעראַטור, אַנדערע צווייגן פון נאַציאָנאַלן גייסטיקן לעבן, און מעג ער אַפילו באַקומען אַ באַדייטנדיקע יידישע צוגאָב־בילדונג און אַ נאַציאָנאַלע צוגאָב־דערציִונג, ווערן זיי בטל בששים, ווערן זיי פאַרבלייכט און פאַרווישט דורך דער כמות און דורך דער איכות פון דער הערשנדיקער לאַנד־קולטור, פון דער עשירות פון דער אַרומיקער פרעמדער, אין תוך אָבער מער אייגענער און טיפער איי־בערגעלעבטער און איינגעזאַפּטער, ווי די נאַציאָנאַל־אייגענע, פּאַקטיש פרעמדע, פּאַקטיש אַ הוספה, וואָס ליגט נעבעך פאַררוקט אין אַ ווייט ווינקעלע פון דער נשמה, באַליידיקט און פאַרטרויערט.

1910־11 זענען אין רוסלאַנד געווען אַזוי פיל איינוווינער בערך ווי אין יאָר 1950 אין די פאַראייניקטע שטאַטן. יידן זענען געווען דעמאָלט אין רוסלאַנד בערך 5 מיליאָן מיט 600 טויזנט, אַלזאָ מער מיט אַ האַלבן מיליאָן ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. לאָמיר מאַכן אַ חשבון וויפל יידישע סטודענטן אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן פון כל המינים זענען געווען אין רוסלאַנד אין יאָר 1911, פאַר וועלכן מיר האָבן אָפיציעל דאַטעס, און אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרן יאָר 1950.

אין רוסלאַנד זענען געווען יידישע סטודענטן אין יאָר 1911 — 4.599 (1 און אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1950 בערך 200 טויזנט. דאָס איז די־מינימאַלע שאַצונג, אין דער ווירקלעכקייט איז די צאָל געווען און איז אויך איצט נאָך אַ גרעסערע. די צאָל יידישע סטודענטן אין אַמעריקע, ווו עס איז פאַראַן מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן ווייניקער, ווי אין רוסלאַנד אין 1911, איז אַלזאָ 44 מאָל גרעסער. אַנדערש געזעגט: אין רוסלאַנד איז געווען איין סטודענט אויף 1.217 יידישע נפשות און אין אַמעריקע איין סטודענט אויף יעדע 25 נפשות. דאָס מיינט שוין 48 מאָל מער! אויב זשע אין רוסלאַנד, ווו עס איז געווען אַזאַ געדיכטע יידישע מאַסן־קולטור מיט אַזאַ טיף פאַרוואָרצלטער יידישער טראַדי־ציאָנעלער לעבנס־פאָרעם, איז דער סטודענט געווען דער אַקטיווסטער טרעגער פון אַסימילאַציע, דער אַמטיפסטן אַריינגעוואַקסענער אין דעם פרעמדן גייסטיקן אַרום, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי דער סטודענט אין אַמעריקע, ווו זיין צאָל איז 44 מאָל מער, ווי אין רוסלאַנד, איז אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט פון זיין פאָלק און איז אַריינגעוואָרצלט אין דעם פרעמדן, פאַקטיש אייגענעם אַרום.

אַזאַ איז די לאַגע בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג — דער נישט־יידישער אַרום שפּילט דאָך אָבער אַ גאָר גרויסע ראָלע מיט זיין אַסימילירְ־פּאָטענציאַל און מיר האָבן שוין העכער אָנגעוויזן, אַז דער געבילדעטער קלאַס איז באַוואָפנט מיטן העכסטן אַסימיליר־דרוק אויף די מינדערהייטן. לאָמיר זשע זען ווי גרויס

1) יידישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש) באַנד 13, ז' 58.

איז געווען די צאָל נישט־ייִדישע סטודענטן אין די צוויי לענדער, וועלכע מיר באַטראַכטן.

אין רוסלאַנד זענען געווען אויף 150 מיליאָן איינוווינער אין 1910 אין רונדע ציפער — 40 טויזנט נישט־ייִדישע סטודענטן. גערעכנט נאָר אויף 145 מיליאָן איינוווינער, וועלן מיר באַקומען אין נישט־ייִדישן סטודענט אויף 3.625 נישט־ייִדישע נפשות און אין אַמעריקע זענען געווען אין יאָר 1950 נישט־ייִדישע סטודענטן 1) (אַראָפּגערעכנט 200 טויזנט ייִדן) אין רונטע ציפער 2 מיליאָן מיט 460 טויזנט, אַלזאָ 1 סטודענט אויף 60 נפשות! בערך 60 מאָל מער. די געבראַכטע ציפער נויטיקט זיך נישט אין לאַנגע פּירושים — מיר האָבן אין אַמעריקע דעם העכסטן גראַד פון הויכער בילדונג ביי דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג און דעם נאָך העכערן ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג. דאָס מיינט, אַז מיר לעבן איצט אין דעם גליקלעכן לאַנד מיט הויכער בילדונג ביי דער מערהייט און מיט אַ נאָך העכערער ביי דער ייִדישער מינדערהייט. אין רעזולטאַט מיינט דאָס: העכסטער אַסימילירפּאָטענציאַל ביי איין צד און העכסטע אַסימילאַציע־נטיה ביים צווייטן צד.

די דאַטן וועגן דער מיטל בילדונג ווייזן די זעלבע דערשיינונג און אין נאָך אַ שרייענדיקער מאָס — פּיל, פּיל מאָל אַ העכערער פּראָצענט מיט מיטל־בילדונג ביי דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע ווי אין רוסלאַנד און נאָך אַ סך אַ העכערער פּראָצענט מיט מיטל־בילדונג ביי די ייִדן פון אַמעריקע, ווי ביי די רוסישע ייִדן.

מיר האָבן אַלץ גערעדט וועגן סטודענטן — מיר פאַרמאָגן אויך דאַטן, וועלכע גיבן אונדז אַ קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דעם פּראָצענט ייִדן מיט העכערער בילדונג און דאָס בילד איז אַ וווּנדערבאַרער באַווייז, ווי ייִדן נוצן אויס פרייהייט און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. די לעצטע פאָרשונג אין דער שטאָט ניו־אָרלעאַנס 2), וואָס פאַרמאָגט 9 טויזנט מיט 500 ייִדן, האָט געוויזן פאָלגנדן פּראָצענט מיט העכערער בילדונג ביי פאַרשיידענע עלטער־גרופּעס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג:

| עלטער־גרופּעס | % מיט העכערער בילדונג |
|---|---|
| 1) 61—70 | 22.5 |
| 2) 41—50 | 42.6 |
| 3) 21—25 | 82.8 |

1) „אינפאָרמעישען פּליעז אַלמאַנאַק", 1954, ז' 257.

2) The Jewish Population of New Orleans Ld., The Council of Jewish Federations and Welfare Funds. 1953, p. XXXIV.

מיר גייען צו אַ מצב, ווען הונדערט פּראָצענט ייִדן וועלן זיין מיט העכערער בילדונג. נעמט מען פאַר די יאָרן 25־21 נאָר די מענער האָבן זיי געגעבן 92.1% מיט העכערער בילדונג אין יאָר 1953! דאָס איז געוויס אַ גליק און אַ גרויסע דערגרייכונג, ווען מיר זאָלן פאַרגעסן אין דעם, אַז דווקא אָט די דאָזיקע גרופּע מיט העכערער בילדונג איז אַנגעשטעקט מיט דער העכסטער אַסימילאַציע־נטיה!

די לאַגע אין ניו־אָרלעאַנס איז געוויס טיפּיש פאַר אַלע ייִדישע געמיינדעס פון דער זעלבער גרויס און נאָך מער פאַר די קלענערע געמיינדעס. אין די גרויסע שטעט מיט אַ גרויסן פּראָצענט וויניקער פאַרמעגלעכע עלעמענטן און אויך מיט אַ געוויסן פּראָצענט פּראָלעטאַריער, פּיזישע און וויסקאַלנער, איז דער פּראָצענט ייִדן מיט העכערער בילדונג קלענער. מיר וועלן זיין נאָענט צום מצב, אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז די עלטער־גרופּע פון 25־21 איז אין גאַנצן לאַנד אויף בערך אַ העלפט באַוואָפנט מיט העכערער בילדונג. דאָס מיינט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז אַ גאַנצע העלפט פון דער דאָזיקער עלטער־גרופּע איז באַשעפטיקט נאָר אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אַ געוויסער פּראָצענט פון די גראַדויִרטע וואַרפט זיך אַריבער אויף אַנדערע מער צוזאַגנדיקע פּרנסות. בנוגע אונדזער טעמע איז גאָר נישט אַזוי גרויס דער חילוק, צי דער גראַדויִרטער יוריסט פאַרנעמט זיך מיט יורידישע פראַגן אָדער ער איז גאָר געוואָרן אַ ביזנעס־מאַן; צי דער גראַ־דויִרטער אינזשעניער שטייט אין דער פאַבריק ביי דער מאַשין אָדער ער איז אַ רייכער באַלעבאָס פון דער פאַבריק. די העכערע בילדונג האָט אים אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ סכום קולטור פון דעם מערהייט־אַרום, אַז דער ייִדישער באַגאַזש ווערט בטל ווען ער איז אַפילו באַדייטנדיק.

מיר וועלן ווייטער גאַנץ אויספירלעך באַהאַנדלען די פראַגע וועגן ייִדישן חינוך אין אַמעריקע — נאָר שוין דאָ קענען מיר מאַכן פאַלגנדיקן אַלגעמיינעם אויספיר — דאָס ייִדישע קינד אין אַמעריקע ווערט אַמשוואַכסטן באַוואָפנט מיט ייִדישע ידיעות און מיט ייִדישע קולטור־ווערטן בעת מען לאָזט אים שווימען אין אַ פרעמדן ים, ווו די אַסימיליר־כוואַליעס זענען די מעכטיקסטע און די פאַר־פליייצנדיקסטע. נישט נאָר איז דער יונגער ייִד נישט אָנגעלאָדן מיט אַזאַ רייכער און טיף־טראַדיציאָנעלער ייִדישער ירושה, ווי דער יונגער מענטש אין אַמאָליקן רוסלאַנד; נישט נאָר האָט ער נישט אַרום זיך אַזאַ לעבעדיקע געדיכט־ייִדישע אַטמאָספער ווי אין רוסלאַנד און פוילן, נאָר ער לעבט און אָטעמט אין אַ הויך געבילדעטער פרעמדער אַטמאָספער; אין אַ אַטמאָספער, וואָס האָט מענטשן מיט העכערער בילדונג פיל מאָל מער, ווי אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פוילן, ווי אין רומעניע און אין די מזרח־אייראָפּעיִשע טיילן פון עסטרייך־אונגאַרן.

דער אַסימיליר־פּאָטענציאַל איז אַן אומגעהויער הויכער און דריקנדיקער, נישט מיט פּאָליציי־מיטלען און נישט חלילה מיט וועלכן עס נישט איז געזעל־שאַפטלעכן צוואַנג, נאָר דווקא מיט אַבסאָלוטער פרייהייט, דווקא מיט לאָזן פריי

שווימען דאָס קינד פון דער מינדערהייט — און די דאָזיקע פרייהייט, אַבסאָלוטע פרייהייט, פאַרשיכורט, פאַרכישופט און פירט צו דעם, וואָס מיר האָבן אַזוי אָפט געהערט פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט פאַר דער קאַטאַסטראָפע: צו וואָס יידישקייט? פאַרוואָס יידישקייט?

די אַסימילאַציע־נטיה זשע איז די העכסטע, ווייל דער סאָציאַלער און קול־טורעלער לייטער שטייט פריי און צוגענגלעך און דער יידישער מענטש, אַ קינד פון צוויי טויזנט יאָר גלות, פון רדיפות און גגישות, פון פאָגראָמען און גאַז־קאַ־מערן, לויפט הענדום־פענדום, שפרינגט איבער די טרעפ, שטרעבנדיק צו די סאַמע העכסטע און דערגרייכנדיק טאַקע די העכסטע נישט נאָר אין מאַטעריעלן זין, נאָר אויך אין וויסנשאַפטלעכן און ליטעראַריש־פּאָעטישן פּרט. מיר פאַר־שפאָרן אָנרופן נעמען פון יידן, וועלכע פאַרנעמען הויכע און סאַמע העכסטע וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע פּאָזיציעס — מען קען זיי אָנציילן נישט אין די צענדליקער נאָר בפירוש אין די הונדערטער. אָט איז אַן אינטערעסאַנטע נאָטיץ ביי צביון, ביים באַקאַנטן מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס” (12טן יוני 1954), וועל־כע וועט אונדז גוט צונוצקומען ביי דער באַהאַנדלטער פראַגע:

„אין דעם זשורנאַל „פאָרטשון” איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע: וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש ווערט אַן אָנגעזעענער וויסנשאַפטסמאַן?

„כדי צו קריגן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע זענען אויסגעפרעגט געוואָרן הונדערט און פיר יונגע וויסנשאַפטלער, (פון 40 יאָר און יינגער), וועלכע זענען פון זייערע עלטערע קאָלעגן באַטראַכט געוואָרן פאַר אָנגעזעענע וויסנ־שאַפטלייט. פון די אויסגעפרעגטע האָבן אַן ערך אַ העלפט אָנגעגעבן, אַז זיי זענען דערצויגן געוואָרן אַלס פּראָטעסטאַנטן, קנאַפע 5 פּראָצענט אַלס קאַטאָליקן און מער ווי 25 פּראָצענט אַלס יידן. דערביי האָבן זיי אויך אָנגעגעבן, אַז אַרום צוויי דריטל פון זיי האָבן קיינע רעליגיעזע פאַרבינדונגען און אין דעם כלל אַלע, וועלכע שטאַמען פון קאַטוילישע פאַמיליעס”.

הויכע גייסטיק־וויסנשאַפטלעכע פּאָזיציעס בינדן צו צום דערפאָלג — לאַנד און דאָס מיינט וווין־לאַנד, פיל טיפער און זאַפטיקער, ווי געוויינטע מאַטעריעלע הויכע פּאָזיציעס. דער מיעוט פאַרלירט און מוז פאַרלירן זיינע בעסטע קינדער, זיינע באַגאַבטסטע און טאַלאַנטפולסטע גלידער. וואָס העכער די גייסטיקע פּאָזי־ציע, אַלץ גרעסער דער אַפּעטיט זיך צו אַנטפלעקן און זיך צו צעוויקלען ביי דער מערהייט, אויף דער העכסטער בימה און נישט אויף דער נידעריקסטער. וואָס רייכער און צוזאָגנדיקער די גייסטיקע פּאָטענצן, אַלץ שטאַרקער די שטרעבונג צו וואָס ברייטערע און רייכערע טעטיקייט־פעלדער.

אַ גוטע און בולטע אילוסטראַציע צו דעם אינהאַלט פון לעצטן קאַפּיטל און אויך פון די פריערדיקע פּרקים איז די לאַגע אין אַרגענטינע. די יידישע איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע איז יינגער מיט 3־2 צענדליק יאָר, דאָס מיינט,

אַז זי איז אָנגעלאָדן מיט אַ העכער אַנטוויקלטער מזרח־אייראָפּעישער יידישער קולטור און מיט אַ פרישערער און זאַפטיקערער. שנית, האָט זי נישט געהאַט ביי די ערשטע סטאַדיעס פון איר פאַרוואָרצלונג אין לאַנד די אַסימילאַציע־מוס־טערן פון דייטשע יידן. די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון איר העכערער נאַציאָנאַלער אַקטיוויטעט און שוואַכערער אַסימילאַציע־נטיה זענען פאָלגנדיקע. דער ישוב איז אַ קאָנצענטרירטער און קאָמפּאַקטער נאָך מער ווי דער צפון־אַמעריקאַנער. אין דער הויפּט־שטאָט לעבן קרוב צו צוויי דריטל פון גאַנצן קיבוץ — העכער 250 פון 400 טויזנט. פיל וויכטיקער און משפּיענדיקער איז דער סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישער מאָמענט. די יידן אין אַרגענטינע האָבן נישט געטראָפן קיין הויך־אַנטוויקלטע עקאָנאָמיק, אין וועלכער זיי וואָלטן באַדאַרפט זיך איינגלידערן — זיי זענען געווען פּיאָנערן און איניציאַטאָרן אין אַלע יענע צווייגן פון האַנדל און אינדוסטריע, אין וועלכע זיי זענען באַשעפטיקט. פון 20 ביז 25 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג לעבן פון פעדלעריי, אָבער פון אַ סאָרט פעדלע־ריי, וועלכע איז אייגנאַרטיק און אפשר איינציקאַרטיק — די יידן האָבן געשאַפן גרויסע פאַרקויף־קאָאָפּעראַטיוועס, וווהין די קונים פון די פאַרוואָרפענע און צעוואָרפענע דערפער און קליינע שטעטלעך קומען און קלייבן אויס סחורות אויף באָרג, אויף ראַטעס־צאָלונגען; אָדער זיי קלייבן אויס סחורות לויט די געבראַכ־טע מוסטערן פונעם פעדלער. די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוועס מאַכן גרויסע אומזאַצן אויף הונדערטער מיליאָנען פּעזעס. די קאָאָפּעראַטיוועס האָבן אַרויסגערופן צום לעבן קאָאָפּעראַטיוו־בענק, וועלכע שפּילן אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דער יידישער עקאָנאָמיק פון אַרגענטינע. זיי מאַכן אויך אומזאַצן אויף הונדערטער מיליאָנען פּעזעס. ביידע די דאָזיקע וויכטיקע עקאָנאָמישע צווייגן בלייבן עד היום אַלע הונ־דערט פּראָצענט אין יידישע הענט, אַבסאָלוט איזאָלירט פון דער אַרומיקער נישט־יידישער באַפעלקערונג.

די דאָזיקע עקאָנאָמישע איזאָלאַציע אין האַנדל און פינאַנץ ווערט נאָך פאַר־טיפט און דערגאַנצט דורך דער איזאָלאַציע אָדער גרויסער מערהייט אין עטלעכע אינדוסטריע־צווייגן, אין וועלכע יידן זענען קאָנצענטרירט. אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע האָבן יידן זייער פיל אויפגעטון און שטעלן פאַר מיט זיך אַ באַדייטנ־דיקע מערהייט צווישן די באַלעבאַטים. צווישן די מעבל־פאַבריקאַנטן און טרי־קאָטאַזש־אינדוסטריעלער זענען זיי כמעט מאָנאָפּאָליסטן. יעדער אינדוסטריע־צווייג האָט אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע — למשל, אַ קאָאָפּעראַטיוו אויף איינצוקויפן רוי־מאַטעריאַלן, ווי ביי די מעבלפאַבריקאַנטן און ביי די טריקאָ־טאַזשניקעס. ווו יידן זענען נישט קיין מאָנאָפּאָליסטן אין פאַרנעם פון לאַנד, זענען זיי דאָס אין דער הויפּט־שטאָט אָדער אין פיל פּראָווינץ־שטעט.

ס'באַקומט זיך, אַז די מערהייט פונעם אַרגענטינער יידנטום איז לעת עתה

עקאָנאָמיש שטאַרק איזאָלירט פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג און לעבט זיך אויס אין אַן אייגענער סביבה.

נישט קיין קליינע ראָלע שפּילט דער קולטור־פאַקטאָר — די שפּאַנישע קולטור איז פאַר זיך נישט אַזאַ הויכע און פאַרמאָגט נישט אַזאַ הויכן אַסימילירדרוק, ווי די ענגלישע. דער קולטור־מצב פון לאַנד איז ווייט אָפּגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט דעם קולטור־צושטאַנד פון די פאַראייניקטע שטאַטן און עפּנט נישט אַזוינע העלע און צוזאָגנדיקע פּערספּעקטיוון ווי בילדונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די שפּאַנישע קולטור איז טיף קאַטויליש, וואָס ס׳מוז אין אַ געווויסער מאָס אָפּשטויסן דעם ייִדישן מענטשן.

און אַחריי ככלות הכול איז דאָך די אַסימילאַציע פונעם יונגן דור אויך דאָרטן אַ שרייענדיקער פאַקט. נישט פון אַזאַ פאַרנעם, ווי אין די שטאַטן, און נישט מיט אַזאַ טיפער אַריינוואַקסונג אין דער פרעמדער קולטור ווי אין אַמעריקע, אָבער גענוג דראָענדיק לגבי דער צוקונפט פונעם דאָרטיקן ייִדנטום. די סיבות זענען גענוג קלאָר און מיר האַלטן נישט פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף זיי לאַנג — אין פאַרגלייך מיט אַמעריקע זענען אין אַרגענטינע די באַדינגונגען פאַר נאַציאָנאַלן המשך אָדער קאַמף פאַר המשך גינציקער, אָבער אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע אָנהייב 20טן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד אָדער אַפילו אין די דרייסיקער יאָרן אין פּוילן, זענען די באַדינגונגען געוויס „ערגער“, נישט אַזוי „גינציק“. ייִדן לעבט זיך אין אַרגענטינע פיל בעסער און פיל פרייער, ווי אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. די פּערספּעקטיוון זענען העלער און צוזאָגנדיקער. נישט נאָר זענען נישט פאַראַן קיין פּאָגראָמען און רעכטלעכע באַגרענעצונגען, נאָר אויך נישט קיין פיקעטן ביי די ייִדישע קראָמען און נישט קיין באָיקאָט־אָרגאַניזאַציעס. דער ייִד קלייבט זיך נישט אין וועג אַריין און טרוימט נישט וועגן ראַדיקאַל ענדערן זיין לעבנס־גורל, ווי דאָס איז געווען אין אַלע מזרח־אייראָפּעישע לענדער.

# די פּאָליטישע לאַגע און אַסימילאַציע

ס׳איז איבעריק צו ברענגען אַ סך באַווייזן און ראיות, אַז די פּאָליטישע לאַגע אין אַ לאַנד, פּאָגראָמען און רעכטלאָזיקייט, פון איין זייט, פולע פרייהייט און גלייכהייט פון אַ צווייטער זייט, ווירקט גאַנץ שטאַרק אויף דער מדרגה פון פּאַטריאָטיזם און אין רעזולטאַט אויך אויף דער מדרגה פון אַריינוואַקסונג אין דער אַרומיקער סביבה; אויף דער מדרגה פון אידענטיפיצירן זיך מיטן גורל פונעם ווױן־לאַנד, מיט קרבנות־גרייטקייט פאַרן גליק פונעם לאַנד.

ייִדן האָבן געלעבט אין אייראָפּע מער פון טויזנט יאָר, אין דרום־געגנטן מער פון אַנדערטהאַלבן טויזנט יאָר — געפילט האָבן זיי זיך אומעטום אַבסאָלוט אין דער פרעמד, נישט אָפּהענגיק פון דעם דויער פון לעבן אין דעם אָדער יענעם לאַנד. אַזוי איז געווען ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּילט די טיפע אמונה אין „בשובך לציון״ — גלות איז געווען נאָר אַ פּויזע, אַ הפסקה, וואָס מוז סוף כל סוף זיך ענדיקן. גלות האָט געמיינט אַ קללה פון גאָט, וואָס מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ צייטווייליקע קללה, אַן איבערגייענדיקער מצב, אַ שטראָף פון גאָט. צייטווייליקייט, דערווייליקייט אין יעדעס לאַנד פון גלות זענען געווען זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן.

אויך מצד דער אַרומיקער באַפעלקערונג זענען ייִדן אומעטום געוואָרן באַטראַכט ווי צייטווייליקע איינוווינער, ווי דורכגייענדיקע, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן אין וועג, אָבער וועלן סוף כל סוף פאַרלאָזן דאָס צופעליקע לאַנד פון זייער אויפהאַלטן זיך.

די דאָזיקע האַרמאָנישע באַציִונג פון ייִדן צו די לענדער פון זייער וווינען און פון די נישט־ייִדישע מערהייטן צו זייערע ייִדישע „געסט״ איז געווען דער רויטער שנור, וואָס גייט דורך דער ייִדישער גלות־געשיכטע אַבסאָלוט אָן אויסנאַמען.

מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע הייבט זיך אָן אין דעם פּרט אַ טיפע, ממש אַ שטורמישע איבערקערעניש ביי ביידע: ביי די באַלעבאַטים פון די לענדער און ביי די ייִדישע „געסט״ זייערע. מיר קענען נישט זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דעם גוואַלדיק אינטערעסאַנטן קאַפּיטל ייִדישער געשיכטע פון די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערט מיט די אַלע קאַמפן מצד די ייִדן שוין נישט נאָר פאַר

גלייכע רעכט פאַרן פרייז פון נאַציאָנאַלן שמד נאָר גאָר ביז דער געוואָגטער פאָדערונג פון אויטאָנאָמיע מיט פּאָליטישער פאַרטרעטערשאַפט און מיט שטאַט־לעך אָנערקענטע סאָציאַלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. נישט גאָר גרינג און נישט אָן ספקות און קעגנערשאַפטן האָט די נישט־ייִדישע וועלט אויפגענומען די העזה־טרוימען פון ייִדן, נאָר עס זענען געווען צוזאַגנדיקע מאָמענטן, רעוואָ־לוציאָנערע, מאָראַליש־פּאָליטיש דערהויבענע מאָמענטן אין די מזרח־אייראָפּעיִ־שע לענדער, ווען געוויסע קלאַסן, ריכטיקער פּאַרטייען האָבן צוגעשטימט צו די עקסטעמע און מאַקסימאַלסטע נאַציאָנאַלע טרוימען פון געוויסע טיילן פון ייִדישן פאָלק. די לופט איז געווען אָנגעלאָדן מיט משיח־האָפענונגען, משיח נישט פאַר איין פאָלק, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט — און אויטאָנאָמיסטישע ייִדישע חלומות מיט אַן אייגענער שפּראַך אין מיטן פון פעלקער, מיט אַן אייגענער כמעט מלוכה־אָרגאַניזאַציע פאַר אַ מיעוט, וואָס זיצט אין שטעט און ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער אין זיין רעלאַטיווער גרויס. אמונה ווייסט נישט פון קיין גרענעצן און עס האָט זיך געגלויבט — ביי גאַנץ שמאָלע שיכטן פון דער אָרומי־קער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג און ביי גאַנץ שמאָלע ביי ייִדן זעלבסט. נישט נאָר די גאָר ברייטע ייִדישע מאַסן האָבן נישט געגלויבט אינעם אויטאָנאָמיסטישן חלום, נאָר אויך גאָר אַ גרויסער טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, און טאַקע פון דער וואָרצלדיקסטער, פון דער דורך און דורך ייִדיש־המשכדיקער האָט אויך נישט געגלויבט. נישט געגלויבט און דאָך געפאָדערט, ווייל מען האָט געוואָלט ווי ס'נישט איז שענער מאַכן דעם גלות, וואָס וועט געוויס נישט אויפהערן צו זיין גלות אַפילו ביי די ברייטסטע נאַציאָנאַלע רעכט. גלות מיינט דאָך דער עיקר „שכינתא בגלותא", גלות מיינט שפּראַך־ און קולטור־אַסימילאַציע, וועלכע קיין שום פּאַפּיר־רעכט קען נישט פאַרהאַלטן.

ווי אָבער האָט די ווירקלעכקייט אויסגעזען? פון איין זייט רדיפות און נגישות, פּאָגראָמען און שחיטות און זייער אָפּט פון די זעלבע עלעמענטן, וואָס אין זייער נאָמען האָט מען צוגעזאָגט ייִדן די ברייטסטע רעכט, נאַציאָנאַלע איינ־געשלאָסן, אייביקע ייִדן־איינוווינער אין דער מיט פון פרעמדע פעלקער. פון דער צווייטער זייט, ייִדישע אויסוואַנדערונג, אין די הונדערטער טויזנטער יער־לעך מיט אַפּעטיטן אויף נאָך גרעסערע אויסוואַנדערונגען, אויף אַנטלויפן פון אייראָפּע, באַזונדערס דווקא פון מזרח־אייראָפּע, ווו מען האָט געחלומט די ברייט־סטע נאַציאָנאַלע גלות־חלומות. דאָס לעבן איז קאָמפּליצירטער פון אַלע טעאָריעס און געוויס קען מען גרינג אָנווייזן, אַז פּאַראַלעל מיט אַנטלויפן פון אייראָפּע האָבן ייִדן געקעמפט נישט נאָר פאַר עלעמענטאַרע רעכט פריי צו אָטעמען און פריי צו האַנדלען און פריי צו האָרעווען אין פאַבריקן, נאָר אויך פאַר פרייהייט פון אייגענער שפּראַך און קולטור. גראָבט מען אָבער טיפער אין די פּראָצעסן, וועלכע האָבן באַשטימט דעם גורל פונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום, מוז מען קומען

צום אויספיר, אַז הן פיזיש־מאַטעריאַליסטיש און הן גייסטיק־קולטורעל, נאַציאָ־נאַל־געשיכטלעך, האָבן די יידישע מאַסן געזען רעטונג און צוקונפט דער עיקר אין אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע: קיין אַמעריקע פאַרן גוף, קיין ארץ ישראל פאַר דער נשמה. און אויב מעגלעך און אויף וויפל מעגלעך, זאָל דער גוף אין אַמעריקע איינהיטן אויך די יידישע נשמה, אָבער דער עיקר איז דער גוף. און אויב מעגלעך זאָל די ארץ ישראל נשמה אויך זאָרגן וואָס מער און מער פאַרן גוף, אָבער דער עיקר איבער אַלע עיקרים, די צענטראַלע אידייע און דער היס־טאָרישער געבאָט איז די נאַציאָנאַלע נשמה ראַטעווען, וועלכע איז אין נאָך אַ גרעסערער סכנה, ווי דער יידישער גוף.

לאָזן מיר ארץ ישראל, וואָס קומט נישט אין באַטראַכט אין דער געגעבענער אַרבעט, און ווענדן מיר זיך צו די אַמעריקאַנער לענדער און דער עיקר צו די פאַראייניקטע שטאַטן. די יידישע איינוואַנדערער האָבן ממש היסטאָריש געזוכט פיזישע זיכערקייט, פסיכישע רו, פרנסה, פרייהייט, גלייכהייט — און דאָס גע־בענטשטע לאַנד האָט דאָס אַלץ געגעבן מיט אַזאַ שפע, מיט אַזאַ ברייטער האַנט, אַז מען האָט געקענט טאַקע פאַרשיכורט ווערן פון גליק און דאַנקבאַרקייט; אַז מען האָט טאַקע געקענט גרינג פאַרגעסן אין העכערע יידישע נאַציאָנאַלע אינטע־רעסן. מען איז געקומען אין אַ לאַנד, וווּ אַלץ איז פאַרקערט ווי אין אייראָפּע — פאַרקערט און צום גוטן! נאָך ווי אַזוי צום גוטן! ממש צום בעסטן!

אין אייראָפּע האָט מען כסדר און באַזונדערס פון די מאַכט־אָרגאַנען באַטאָנט און געמאַכט פילן אויף שריט און טריט, אַז מען געפינט זיך אין אַ קריסטלעך לאַנד. נישט־קריסטן, באַזונדערס יידן, מוזן תמיד, אַפילו אין שלאָף, געדענקען, אַז זיי זענען נישט נאָר נישט קיין קריסטן, נאָר זיי זענען די קרייציקער פון קריס־טוסן. אַלס נישט־קריסטן זענען דאָך יידן געווען אין אייראָפּע באַגרענעצט אַפילו אין די דעמאָקראַטישסטע לענדער, ווי פראַנקרייך און דייטשלאַנד פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. נישט אַזוי אין די געזעץ־ביכער, ווי פּאַקטיש אין לעבן.

און אינעם נייעם לאַנד איז רעליגיע שטרענג אָפּגעטיילט און אויסגעזונדערט פונעם שטאַטלעכן לעבן! אויסגעטיילט אַזוי ווייט, אַז קינדער אין די שולעס טאָרן נישט לערנען קיין רעליגיעזע לימודים! דאָס יידישע קינד אָטעמט אַבסאָלוט פריי אין דער אַמעריקאַנער שולע — נישטאָ דער יעזוס־דרוק, וואָס אינעם רוב לענדער פון אייראָפּע אַזוי פיל פחד אָנגעוואָרפן אויפן צאַרטן יידישן קינד. נישטאָ קיין „איקאָנעס" אין די שולעס און נישטאָ קיין גלחים, ווי זיי זענען געווען אַזוי פיל אין די רוסישע און פוילישע, אין די רומענישע און אונגאַרישע שולעס!

אינעם נייעם לאַנד לעבן צענדליקער פעלקער און אויפן אָרט פון רייסן זיך ביי די נעזער און זיך שנײַדן די העלדזער פאַר די רעכט צו לערנען אין אַ שולע אין דער אייגענער שפּראַך, איז גאָר אַזאַ רצון נישט פאַראַן. די פעלקער גיסן זיך אַריין פרייוויליק, ממש מיט שמחה אינעם אַמעריקאַנער טאָפּ און פילן

זיך גליקלעך. דער טאָפּ איז ברייט און טיף, דורכגעדרונגען מיט ליבע צו אַלע שפּראַכן און פעלקער און דערלויבט זיי מיט דער ברייטער האַנט זיך נישט צוזאַמענשמעלצן אינעם טאָפּ. קיינער האָט אָבער נישט קיין חשק זיך אָפּצוזונדערן און זיך אויסצוטיילן. מען וויל מיטן גאַנצן האַרצן בעסער אַנטרינען ווערן אינעם שמעלץ־טאָפּ — די דורות, וועלכע זענען שוין דורכגעגאַנגען דעם שמעלץ־טאָפּ, אילוסטרירן פאַר די ניי־געקומענע, אַז די נייע וועלט אָן נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן און אָן נאַציאָנאַלע המשכים איז שענער, בעסער, רויִקער, פריינטלעכער, ברידערלעכער, שותפותדיקער, איבערגעגעבענער צו אַלגעמיינע צילן און אידעאַלן, און פּראַקטיש גליקלעכער — די כוחות, וואָס איראָפּע האָט פאַרלאָרן אויף אוּימאויפהערלעכע צווישן־קאַמפן, צווישן לענדער און נאָך מער צווישן פעלקער, ווערן דאָ פאַרברויכט פאַר אַלגעמיינע צילן, פאַר עקאָנאָמישע און קולטורעלע צילן, וועלכע ברענגען דאָס גלייכע גליק פאַר אַלע קינדער פון געוועזענע פאַרשיידענע און צעריסענע און צעקריגטע פעלקער.

דאָס איז דאָס אַלגמיינע בילד, ווי ס'האָט געמוזט ווירקן אויפן ייִדן, וואָס איז אַנטלאָפן פון רוסיש־אוקראַינישע שחיטות, פון רומענישע פּאָגראָמען, פון צאַרישע וויין־באַגרענעצונגען, פון מאַדיאַרישע אַנטיסעמיטן און אַזוי ווייטער. געוויס, ס'זענען געווען פלעקן אויך אויפן אַמעריקאַנער הימל — און מען וואָלט געקענט דערמאָנען די פאַרפאָלגונגען קעגן די אירלענדער זיינער צייט און רייסן בערד ביי ייִדן פון די זעלבע אירלענדער און פון אַנטיסעמיטישע מיטינגען אויפן קאָלומבוס־צירקל אין ניו־יאָרק. דאָס אַלץ ווערט אָבער בטל נישט בששים נאָר אין הונדערטער מעלות טובות, וועלכע האָבן געגעבן פינף מיליאָן ייִדן אַ מעגלעכקייט נישט נאָר אויסצוגלייכן די פּלייצעס און גיין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ אומעטום און זיך פילן בפירוש גאַנצע הונדערט פּראָצענט גלייך און פריי אַפילו מיט די נאָרדיקס, מיט די גרעסטע מיוחסים פון לאַנד, נאָר אַ עקאָנאָמישן מצב, וואָס ווערט אומעטום געשטעלט אויפן צווייטן פּלאַץ נאָך די ענגלענדער און פאַר אַלע אַנדערע צענדליקער פעלקער, און אַ גייסטיק־קולטורעלע פּאָזיציע, וואָס שטעלט ייִדן אַוועק אין דער ריי פון די גרעסטע וויסנשאַפטלער פון לאַנד מיט גאַנצע 25־30 פּראָצענט, מיט צען מאָל אַ גרעסערן חלק, ווי דער פּראָצענטועלער אָנטייל פון ייִדן אין לאַנד!

ווי זשע זאָל מען נישט פאַרשיכורט ווערן פון גליק און דערגרייכונגען, פון פּערספּעקטיוון און שאַנסן, ווען יעדער טאָג ממש ברענגט אַ טרעפּ העכער, הן מאַטעריעל און הן גייסטיק?! שרייט לכן אַפילו דער פּשוטסטער ייִד, אַז אַמעריקע איז נישט קיין גלות! און נאָך העכער שרייט דאָס זעלבע דער אינטעליגענט!

ס'זענען געווען צווישן די ייִדישע איינוואַנדערער עלעמענטן, וועלכע זענען נישט פאַרשיכורט געוואָרן פון אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם אַפילו ביי אַזעלכע

גראַנדיעזע באַרג־אַרויפן. — עלעמענטן, וועלכע האָבן געוווסט און געפּרעדיקט, אַז לא ככל הגוים די ייִדן — יענע אַלע פאַרשמעלצטע אין אַמעריקאַנער טאָפּ נישט־ייִדישע איינוואַנדערער זענען זיכער מיט דער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ פון זייערע פעלקער אין זייערע אַלטע היימען, אָבער מיר זענען אַפילו איצט, שוין ביי מדינת ישראל, נאָך נישט אַזוי זיכער מיט אונדזער נאַציאָנאַלן גורל. מען מוז לכן שטיין אויף דער היסטאָרישער וואַך און מען מוז זאָרגן פאַר נאַציאָנאַלן המשך אַפילו אין אַ לאַנד, ווו דער יחיד האָט די גלענצנדיקסטע פּערספּעקטיוון אויף אויפשטייג. מען מוז שווימען קעגן אַלגעמיינעם שטראָם אויך אין אַ לאַנד, ווו דער שמעלץ־טאָפּ ווערט באַגריסט פון צענדליקער פעלקער און קולטורן. מיר מוזן זיך האַלטן ביים „ודתיהם שונות מכל עם" אַפילו אין אַ לאַנד, ווו ס'וועט אונדז אויסקומען צו זיין אַ שרייענדיקער יוצא מיר הכלל, כמעט אַ יוצא דופן, די איין און איינציקע נאַציאָנאַלע גרופּע, וואָס וויל בשום אופן נישט אַריינשפּרינגען אין דעם וווּנדערבאַרן שמעלץ־טאָפּ פון אַמעריקע, ווּהין עס זענען אַריינגעשפּרונגען נאַציאָנאַלע גרופּעס מיט פיל קאָנקרעטערע און מיט פיל אַנטוויקלטערע מאָדערנע נאַציאָנאַלע גיטער.

וועגן רבנים איז אָפּגערעדט, זיי האָבן פון ערשטן מאָמענט אָן זיך געשטעלט קעגן דעם שמעלץ־טאָפּ אין נאָמען פון „שמע ישראל ה' אלהינו, ה' אחד!" שפּעטער זענען געקומען די ציוניסטן און האָבן אין נאָמען פון נצח ישראל לא ישקר און אין נאָמען פון תחית העם געפּרעדיקט תחית הלשון און טריישאַפט צום „בשובך לציון". נאָך שפּעטער זענען צוגעקומען בונדיסטן און אין נאָמען פון פּשוטן פאָלק געפּרוווּט ראַטעווען דעם פאָלקס־לשון און אַלע יענע שאַפונגען־שפּע'ס, וועלכע זענען געוואָרן בשר מבשר פון פאָלק, די נשמה פונעם מזרח־איירּאָפּעיִשן ייִדישן פאָלק.

מיר וועלן שפּעטער פּרווון אונטערפירן סך הכלן די אַלע אָנשטרענגונגען און פּרווון, התחלות און קאַמפן פאַר נאַציאָנאַלן קיום און נאַציאָנאַלן המשך. דעם דאָזיקן פּרק ווילט זיך מיר פאַרענדיקן מיט אַ ציטאַטע פון אַן אָנגעזעענעם קענער פון דער חינוך־פראַגע, פון יענעם עיקר העיקרים, וואָס באַשטימט דעם נאַציאָנאַלן גורל פון אונדזער פאָלק אין די גלות־לענדער. יודל מאַרק שרייבט אין „קולטור און דערציאונג" (פעברואַר 1954):

„דאָס טרויעריקסטע אין דער געשיכטע פון דערציִונג דאָ אין לאַנד — ס'זענען כסדר פאַראַנען אַזוי פיל התחלות און עס זענען פאַראַן אַזוי ווייניק המשכים. עס פעלט סטאַבילקייט, אויסדויער, איינגעשטעלטקייט, טראַדיציע אין דער ייִדישער דערציִונג אין אַמעריקע. עס איז אַ געדריי פון סאַמע אָנהייבן. אַזוי זעט אויס דאָס בילד, ווען מען נעמט עס אין זיין גאַנצקייט, דורך אַלע יאָרן, דורך אַלע ריכטונגען.

„ס'איז נישט אמת, אַז אונדזער קיבוץ זאָרגט זיך נישט וועגן המשך אָדער

האָט נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר יידישער דערציִונג. די זאָרג איז פאַראַן, און די אומרוּקייט איז בנימצא, און פּרוּוון איבערצופלאַנצן זענען געווען. נאָר דאָס אַלץ קומט אויף שיפּן. דאָס אַלץ ווערט אימפּאָרטירט. נאָר וויפל נעמט זיך אָן? וויפל פון דעם אַריינגעפירטן זאָמען ווערט מגולגל אין פלאַנץ אויף דעם היגן באָדן? און שטעקט דאָ די שולד אין באָדן אָדער אין די פלאַנצערס?"

די תשובה אויף דער געשטעלטער פראַגע איז שוין געגעבן העכער — די פלאַנצערס זענען געווען פליסיק און איבערגעגעבן — „די זאָרג איז פאַראַן, און די אומרוּקייט איז בנימצא, און פּרוּוון איבערפלאַנצן זענען געווען" — נאָר דער באָדן איז צו גוט פאַר באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּרות. עס איז נישט גענוג איבערצופלאַנצן ביימער — מען דאַרף נאָך פּרוּוון דעם באָדן, צי איז ער פּאַסיק פאַר די געגעבענע ביימער. און דער אַמעריקאַנער באָדן פון אַ צוזאַמענשמעלץ פון צענדליקער פעלקער און קולטורן; אַ באָדן, ווו דער ייד האָט זיך דערפילט אין היפּער־פרייער אַטמאָספער, אין אַ לאַנד מיט קאָלאָסאַלע שאַנסן און פּערס־פּעקטיוון אויף אַלע געביטן, מאַטעריעלע, ווי גייסטיקע — אָט אין אַזאַ לאַנד איז יעדע סעפּאַראַציע, יעדע איזאָלאַציע זייער אַ שווערע אונטערנעמונג. בפרט נאָך, אַז מען דערלויבט די איזאָלאַציע, אַז מען שטערט נישט קיינעם זיך בויען באַזונדערע פּאַלאַצן — ערשט דעמאָלט איז שווער זיך אָפּצוטיילן. און יידן האָבן מורא צו בויען טאָג־שולעס, ווייל דאָס פירט צו איזאָלאַציע, וועלכע קיינער פאַרבאָט נישט. זיך אַליין איזאָלירן פון דער גרויסער מערהייט, זיך אַליין אויס־טיילן און אויסזונדערן איז ווירקלעך אַ שריט, וואָס צווינגט זיך ערנסט צו פאַר־טראַכטן.

מיר וועלן צו דער דאָזיקער טעמע זיך מוזן אומקערן ביים באַהאַנדלען די חינוך־פראַגע — דאָ האָבן מיר זי באַרירט נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל אונדז איז נויטיק געווען צו אילוסטרירן, אַז דווקא אינעם פרייעסטן לאַנד פון דער וועלט איז די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע די שווערסטע, די קאָמפּליצירטעסטע, די ווידערשפּרעכנדיקסטע.

וואַרפט מען אַ בליק אויף דער פּאָליטישער לאַגע ביי די יידן פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז זייער העכערע נאַציאָ־נאַלע שטימונג און אויך העכערע נאַציאָנאַלע אַקטיווקייט זענען אין געוויסן גראַד אַ רעזולטאַט פון דער ווייט קלענערער פּאָליטישער זיכערקייט. דער פּריי־מאַט פון דער קריסטלעכער רעליגיע פילט זיך אויף שריט און טריט. אין אַר־גענטינע האָט מען איינגעפירט רעליגיע אין די שולעס און יידישע קינדער בלייבן אָפּט זיצן אויף די דאָזיקע לעקציעס, נישט ווילנדיק זיך אויסטיילן און זיך אי־זאָלירן. מען קען זיך אָבער גרינג פאָרשטעלן, וואָס אַ יידיש קינד לעבט איבער בעת דער גלח דערציילט, ווי יידן האָבן געקרייצט יעזוסן.

אויך אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער איז פאַראַן אַ שמעלץ־טאָפּ, אָבער נישט אַזאַ אָפענער און נישט אַזאַ ווילקאָמענער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן — מען באַגריסט גערן די איטאַליענער און שפּאַניער, אָבער זייער שוואַך אַנ־דערע קריסטלעכע פעלקער און שוין גאָר נישט גערן יידן. די אַסימילאַציע ווערט דאָרטן געהאַמעוועט, ראשית, דורך דער רעליגיעזער פאָרעם פון מלוכה־לעבן און באַזונדערס פונעם קולטור־לעבן, און, שנית, דורך די פּאָליטישע וואַק־לונגען און שטורמען, וועלכע טרייסלען כמעט אַלע לענדער פון דאָזיקן טייל פון אַמעריקע. דער ייִד קען זיך דאָרטן נישט פילן אַזוי זיכער און אַזוי גלייכבאַרעכ־טיקט ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די לאַגע איז פאַרשיידן אין באַזונדערע לענדער, נאָר מיר האַלטן פאַר איבעריק זיך אָפּצושטעלן אויף באַזונדערע לענ־דער — אין אַלגעמיין איז זי געוויס בעסער, ווי זי איז געווען אין די מזרח־איי־ראָפּעיִשע לענדער, נאָר ווייט נישט אַזוי זיכער און נישט אַזוי פריי ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

צווייטער טייל

# די אַסימילאַציע־פּראָצעסן

# אַריינפיר

מיר האָבן אין ערשטן טייל פון אונדזער אַרבעט באַהאַנדלט די אָביעקטיווע באַדינגונגען, ווי זיי האָבן אַמאָל אויסגעזען אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, ווו זיי זענען געווען אין אַלע הינזיכטן גינציק און העלפנדיק דעם נאַטירלעכן וווּקס פון אַן אייגנאַרטיקער יידישער קולטור, וואָס אַנטוויקלט זיך אָרגאַניש און געשטיצט דער עיקר אויף אייגענע אינעווייניקסטע כוחות, און ווי זיי זעען אויס אין די נייע איינוואַנדערונג־לענדער, באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און מיר האָבן געוויזן און אויך דערוויזן, אַז די אָביעקטיווע באַדינגונגען אין די איינוואַנדערונג־לענדער זענען נישט נאָר אומגינציק פאַרן אָרגאַנישן וווּקס פון דער מיטגעבראַכטער פון אייראָפּע קולטור־ירושה, נאָר דער אַסימיליר־פּאָטענציאַל איז דאָרטן פון אַזאַ מאַכט און פון אַזאַ השפּעה, אַז די אַסימילאַציע־נטיה ביי דער יידישער באַפעלקערונג וועט מוזן אַלץ מער שטייגן און מער פאַרפלייצן דאָס יידישע לעבן.

מיר גייען איצט איבער צו די אַסימילאַציע־פּראָצעסן גופא ביי די יידן אין די גלות־לענדער, גאַנץ באַזונדערס אין די אַמעריקאַנער לענדער, ווו די אַסימילאַציע־דערשיינונגען, וועלכע זענען אונדז באַקאַנט פון די מערב־אייראָפּעיִשע לענדער, נעמען אָן אינטענסיווערע פאָרמען און אין האַרמאָניע מיטן ראַשיקן טעמפּ פון אַנטוויקלונג, וואָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַמעריקאַנער לענדער, באַזונדערס פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן נעמען אויך אָן די אַסימילאַציע־פּראָצעסן גרעסערע מאַסשטאַבן, ווי אין מערב־אייראָפּע.

קוקט מען זיך צו מיט ניכטערע און אָפענע אויגן צו די לעבנס־פּראָצעסן ביי יידן אין די גלות־לענדער, פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אָרגאַניש און סטיכיש און קענען נאָר וויפל ס׳נישט איז געהעמט און פאַרלאַנגזאַמט ווערן, אָבער נישט אָפּגעשטעלט און געענדערט ווערן, מוז מען קומען צום אומפאַרמיידלעכן אויספיר, אַז ייִד זיין הערט אויף אַלץ מער און מער צו זיין אַן אָביעקטיוו געגעבענע סיטואַציע, אַן אָביעקטיוו־פעסטגעשטעלטער פאַקט, ווי ביי טעריטאָריעלע פעלקער, ווי ביי די יידן אין מדינת ישראל און ווי דאָס איז געווען ביז אַ געוויסן

גראַד ביי דער גרויסער מערהייט יידן אין דעם חרוב־געוואָרענעם מזרח־אייראָ־פּעישן נאַציאָנאַלן יידישן צענטער.

ייד זיין ווערט אַלץ מער און מער אַ פראַגע פון סוביעקטיוון, פרייען רצון, אַ באַשטימטער באַוווסטזיניקער אַקט, אַ סוביעקטיווע אָנשטרענגונג, אַ מין סאָרט נאַציאָנאַלע מיצווה, אַ מין סאָרט פּראָטעסט קעגן דעם אָרום, וואָס פאַרווישט און פאַרניכטעט פאָלקס־ירושה פון טויזנטער יאָרן.

די אַסימילאַציע פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער און מער פון שפּראַך און קול־טור אויף די טאָג־טעגלעכע לעבנס־פאָרמען, אוי ף די רו־ און יום־טוב־טעג, אויף די אַלע שטייגער־מינהגים און שטייגער־אמונות, וועלכע וועבן און שפּינען דאָס פאַקטישע נאַציאָנאַלע לעבן, גיבן אים צו באַשטימטע נאַציאָנאַלע פאַרבן און קאָלירן, גיבן אים צו דעם זאַפט־טעם פון באַהעפטונג צו דורות־ירושה און צו דורות־איבערלעבונגען.

אויף וויפל אַ מאָדערנער ייד אין גלות קומט אָן צו איינער פון די יידישע שפּראַכן, צו איינער פון די יידישע ליטעראַטורן, בכלל צו יידישע קולטור־ווערטן און צו יידישע שטייגער־פאָרמען, איז דאָס נישט קיין נאַטירלעכער אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון זיין אייגענעם טאָג־טעגלעכן לעבן, אַן אָרגאַנישע כלל־דער־שיינונג, וואָס דער יחיד פילט אויס ממילא, אויטאָמאַטיש, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך נאָר איבער דער נאַציאָנאַלער וואָג און נאַציאָנאַלן באַדייט פון דעם אַקט. ס'איז מער אַ באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַלער אַקט, אַ נאַציאָנאַלער אויפטו, אַ יחי־דישע אָנשטרענגונג, אַ סוביעקטיווע טאַט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַן אַקטיוון סוביעקטיוון רצון, פון אַן אויסנאַם־רצון, פון אַ מין סאָרט נאַציאָנאַלער דעמאָנ־סטראַציע, מיט איין וואָרט אַ מצווה. אַ נאַציאָנאַלע מצווה, וואָס דער נאַציאָנאַלער היסטאָרישער געוויסן דיקטירט — נישט דאָס קאָנקרעטע לעבן פונעם כלל דיקטירט, נאָר דער יחידישער געוויסן, וואָס איז צעוועקט און אָנגעלאָדן דורך אויסטערלישע נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע געשעענישן, וועלכע רירן אים אָן נישט דירעקט, נאָר אומדירעקט, וועלכע ליגן מער אויף דער אויבערפלאַך פונעם נאַציאָנאַלן זכרון, ווי אוממיטלבאַר אין דער נשמה און אינעם האַרץ, מער אַ רעפלעקס, ווי אַן איבערלעבונג.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר רעדן דאָ נישט וועגן דער ממילאדיקער היסטאָ־רישער צוגעהעריקייט פון יעדן יידישן יחיד צו דער יידישער רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַלער גרופּע — דאָס איז דאָך יענער אָביעקטיווער מצב, וואָס לאָזט נישט צורו דעם יחידס געוויסן, וואָס וועקט און דריקט און צווינגט צו פאַר־טראַכטן זיך איבער דעם נאַציאָנאַלן גורל פונעם כלל. מיר רעדן אויך דאָ נישט וועגן יוצאים מין הכלל, ווי דער אָרטאָדאָקסישער מיעוט ביים גלות־יידנטום און נאַציאָנאַלע יחיד סגולה, וועלכע צוימען אָפּ זייערע היימען און שליסן אָפּ זייערע הערצער און מוחות און פירן איין ביי זיך אַן אָרגאַניש יידיש לעבן מיט דער

אייגענער ירושה־שפּראַך, מיט די אייגענע יום טובים און שבת־רוען, הכלל מיט א נאַציאָנאַל־רעליגיעזן לעבנס־סדר, וואָס איז אַבסאָלוט פרעמד און אין קעגנזאַץ צום גאַנצן אַרום, נישט נאָר צום פרעמדן אַרום, נאָר אויך צום ייִדישן אַרום. מיר רעדן דאָ וועגן דער גרויסער מערהייט, וועגן יענעם ייִדישן רוב, וואָס שאַפט דעם קאָנקרעטן כאַראַקטער און די ווירקלעכע פאַרב פון דעם מאָדערנעם ייִדישן לעבן אין די גלות־לענדער.

מען קען נישט זאָגן, אַז דער מאָדערנער ייִד לעבט אין צוויי קולטורן — אין דער קולטור פון דער אַרומיקער מערהייט און אין זיין אייגענער ייִדישער קולטור. אַזאַ האַרמאָניע וואָלט געוועזן אַ גאָר גרויסע און הויכע דערגרייכונג — מען וואָלט געמעגט מאַכן אַ „שהחיינו" אויף אַזאַ דערגרייכונג. פאַקטיש איז די לאַגע פיל, פיל ערגער. מען לעבט פאַקטיש אין איין קולטור, אין דער קולטור־ספערע פון דער מערהייט; איר לופט אָטעמט מען פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אירע אינטערעסן, פּראָבלעמען און צילן פילן אויס די הויפּט־זאָרגן און די הויפּט־שמחות פון האָרץ און נשמה פונעם ייִדן אין גלות — דערביי זע־נען פאַראַן ייִדן, ווייט נישט די מערהייט, וועלכע רייסן אַרויס ביי דער אַרומי־קער אַטמאָספער מינוטן, מאַקסימום אַ פּאָר שעה אויף ייִדישקייט — אויף יוצא זיין פאַרן נאַציאָנאַלן געוויסן, אויף באַרויקן די בענקשאַפט נאָך אייגנס, נאָך דער רייכער ירושה, נאָך באַרג־ירושה פון הונדערטער דורות.

ייִד זיין איז געוואָרן אַ סוביעקטיווע באַוווסטזיניקע אָנשטרענגונג. עס איז דעריבער פון אַ פאַרשיידענער מדרגה און אָפט אויך אַפילו פון אַ פאַרשיידענעם כאַראַקטער ביי באַזונדערע יחידים אין איינעם און דעם זעלבן קיבוץ — איינער באַפרידיקט זיין נאַציאָנאַלן געוויסן מיט פּרצן און אַ צווייטער מיט ביאַליקן; איינער מיט אַן אָוונט לטובת מדינת ישראל און אַ צווייטער לטובת אַ בוך אין ייִדיש און אַזוי ווייטער. נאָך פאַרשיידענער הן אין מדרגות און הן אין כאַ־ראַקטער זענען די נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונגען אין באַזונדערע קיבוצים — אָפּ־העגניק פון דעם אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון דער אַרומיקער מערהייט; אָפּהענגיק פון דעם נאַציאָנאַלן באַגאַזש, וואָס מען האָט געבראַכט פון דער אַלטער היים און אויף וויפל מען האָט אים איינגעהיט און אויפגעהאַלטן.

די פאַרשיידנקייטן פון די נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונגען ביי באַזונדערע ייִדי־שע קיבוצים ווערן פון טאָג צו טאָג געפערלעכער און אָפּפרעמדנדיקער — וואָס מער די שפּראַך־אַסימילאַציע צעררייסט די גלות־קיבוצים און וואָס מער עס ווערן אָפּגעשוואַכט די השפעות פון דער ייִדישער שפּראַך און פון דער ייִדישער לי־טעראַטור, אַלץ טיפער ווערן די תהומות צווישן די קיבוצים און אַלץ פאַרשיי־דענער ווערן אויך די סוביעקטיווע אָנשטרענגונגען צום קאַמף קעגן די אַסימי־ליר־כוואַליעס. דאָס פאַרשווונדן פון דער געמיינזאַמער שפּראַך און געמיינזאַמער ליטעראַטור לויפט אַ סך אינטענסיווער, ווי דאָס אויפקומען פון דעם נייעם

איינאונאיינציקן און צוזאַמענבינדנדיקן פאַקטאָר פון מדינת ישראל און העברעיש.

מיר האָבן ביז איצט גערעדט אַלץ בנוגע דורות אָדער אַ דור, וואָס איז רייך מיט נאַציאָנאַלער ירושה, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַ באַדייטנדיקן באַגאַזש פון דער אַלטער היים און איז געצוווּנגען אים צו ראַטעווען פון די פאַרווישנדיקע און איינשלינגענדיקע אַסימיליר־כוואַליעס פונעם פרעמדן אַרום; אַ דור, וואָס האָט נישט נאָר פערזענלעך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַקומולאַציע פון די רייכע גיטער, וועלכע מען האָט געבראַכט אין די נייע איינוואַנדערונג־לענדער, נאָר איז פערזענלעך געטראָפן געוואָרן גאָר טיף פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט פאַרניכטעט דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום, און האָט פערזענלעך גאָר אַ גרויסן חלק אין דעם אויפקום פון מדינת ישראל. מיר האָבן לכן צו טון מיט אַ דור, אַ נאַציאָנאַלן „גביר" אין פילע פּרטים, אין מזור־מנער רייכער ייִדישער קולטור, אין טראַגישע אויפשווידערנדיקע איבערלעבונגען און אין משיחישע פּערספּעקטיוון פון גאולת העם. דאָס זענען דאָך אַלץ פאַקטאָרן פון אומגעהויערן נאַציאָנאַלן ווערט, פון השפעות פון קאָלאָסאַלער קראַפט, פון איבערלעבונגען פון אומגעהויערער רייכקייט און באַפרוכפּערונג.

גייט מען איבער צום ייִנגן דור ווערט די לאַגע טויזנט מאָל קאָמפּליציר־טער, טראַגישער, אויסזיכטלאָזער. געוויס ירשנט דער ייִנגער דור שיריים און ברעקלעך פון די אַלע פאַקטאָרן און השפעות, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט, אָבער טאַקע נישט מער ווי שיריים און ברעקלעך, וואָס זייער נאַציאָנאַלע וואָג און זייערע באַפרוכפּערנדיקע ווירקונגען זענען זייער מאָגער און אָפט גאָר סטעריל. מען דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז דער ערשטער דור איינוואַנדערער האָט עפּעס ווי פאַרגעסן, אַז מען מוז זאָרגן פאַר המשך, אַז מען מוז תיכף ומיד נישט נאָר זאָרגן פאַר די גופים פון די קינדער, נאָר אויך פאַר זייערע ייִדישע נשמות. און אַלע זענען מודה, אַז מען האָט אין די איינוואַנדערונג־לענדער פאַר־לאָרן אַ גאַנצן דור — פאַרלאָרן אין דעם זין, וואָס ער איז ליידיק, מער ווי שוואַך אָנגעלאָדן מיט ייִדישע וויסנס און נאָך שוואַכער באַוואָפנט מיט ייִדישע געפילן, מיט ייִדישע טראַדיציעס, מיט ייִדישע ירושה־ווערטן.

מיר האָבן גערעדט די גאַנצע צייט וועגן „סוביעקטיווע אָנשטרענגונגען", וועגן „אַקטיוון נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין" — וואָס מיינען מיר מיט דעם? מיר האָבן אין אויג באַוווּסטזיניקן קאַמף — נאָר דאָס איז אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער קאַמף, אַ יחיד במינודיקער קאַמף. דאָס איז אַ קאַמף נישט כלפּי חוץ. דאָס גלות־ייִדנטום, יעדנפאַלס זיין גרויסע מערהייט, וועלכע מיר האָבן אין אויג, לעבט אין לענדער, וווּ נישט רעכטלעך און נישט געזעלשאַפטלעך ווערן ייִדן נישט געטריבן צו אַסימילאַציע, ווערן אַבסאָלוט נישט געצוווּנגען אומבאַדינגט איבערנעמען די אַרומיקע לעבנס־פירונגען און מינהגים, אַלע אַרומיקע קריסט־לעכע יום טובים און רו־טעג. עס איז נאָר און אויסשליסלעך אַ קאַמף מיט זיך

און קעגן זיך זעלבסט — דער שווערסטער און קאָמפּליצירטסטער קאַמף.

דער גאַנצער סכום יידישער געזעלשאַפטלעכער ענערגישער טעטיקייט און אַקטיווקייט, אויף וויפל די רייד גייט נישט וועגן ריינער צדקה, באַשטייט אין דעם דאָזיקן קאַמף כּלפּי פּנים, כּלפּי זיך זעלבסט, אינדיווידועל און אויך געזעל־שאַפטלעך. דער קאַמף פאַרן נאַיצאָנאַלן קיום און פאַרן נאַציאָנאַלן המשך הייבט זיך אָן ביי יעדן יידן אין שטוב, אין דער אייגענער פאַמיליע; און ער חיבורט זיך און כפלט זיך דורך דער אָרגאַן־זירטער לאָקאַלער קהילה, דורך די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, דערגרייכנדיק ביז דער העכסטער אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס אויך איר אמתער זין און היסטאָרישער באַרוף באַשטייט אין אָרגאַניזירן מאַקסימום נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונגען ביי די געגעבענע גלות־באַדינגונגען, כּדי צו שטאַרקן די לאָקאַלע, די יחידישע און די קהילותדיקע אָנשטרענגונגען אינעם קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע־סכנה. עס איז אַן אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע רע־טונג — די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע רעטונג שטאַרקט די הענט פון די יחידים און פון די קליינע קיבוצים.

דער תהום צווישן דעם יידישן זיין און דעם יידישן באַוווסטזיין ווערט אין די איצטיקע גלות־לענדער אַלץ טיפער און דראַמאַטיקער — דאָס איז אַ תהום צווישן דעם קאָנקרעטן טאָג־טעגלעכן וואָכעדיקן און יום טובדיקן לויפנ־דיקן לעבן און צווישן די נאַציאָנאַלע געפילן, מחשבות, בענקשאַפטן, געוויסנס, שטרעבונגען און צילן. מיט איין וואָרט צווישן דעם פאַקטישן לעבן און צווישן דעם געטרוימטן און געבענקטן. אין פאַרשיידענע מדרגות געטרוימטן און גע־בענקטן. ביי פאַרשיידענע גרופּעס און ביי פאַרשיידענע דורות, אָבער דאָך די בענקשאַפט איז נישט אויסגעלאָשן.

דער טאָג־טעגלעכער זיין ווערט באַשטימט פון די אַרומיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, קולטורעל־גייסטיקע. דער יידישער באַ־וווסטזיין איז אַ קאָמפּלעקס פון אַ זייער קאָמפּליצירטן און געדיכטן היסטאָרישן קנויל, וואָס עס איז זייער שווער אים צוצעוויקלען. דער קנויל וויקלט זיך פון איין זייט, פון דעם באַרג סיני, אויף וועלכן משה האָט יידן געגעבן די תורה, ביז די מאָדערנסטע יידישע און העברעיִשע שאַפער פון גייסט און קולטור; און, פון דער צווייטער זייט, פון עמלקן, וואָס אויף אים איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז „מחה תמחה את עמלק מתחת השמים" און ביז היטלער־המן. עס איז אַ גע־פלעכט פון די העכסטע מענטשהייט־אידעאַלן, די נאַציאָנאַלסטע שטאָלצסטע גייסט־מיסיעס און קולטור־שליחותן, מיט איבערמענטשלעכע ליידן און פייני־קונגען, שחיטות און פּאָגראָמען, אינקוויזיציעס און בלוט־צאַפּונגען. די דאָזיקע ביידע גורל־משאות, וואָס די געשיכטע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף דעם שוואַכן ישראל שבט, וואָס איז אַרויס פון מצרים, האָבן געפירט דאָס יידישע פאָלק דורך זיין היסטאָרישן וועג, וואָס איז פול מיט די העכסטע גייסט־דערגרייכונגען

אויף די פאַרשיידענע געביטן פון מענטשנס געדאַנק און מענטשלעכע באַציִונגען, און דער זעלבער וועג איז פאַרגאָסן מיט ימים יידישן בלוט.

אַ וווּנדערבאַרע אילוסטראַציע צו די ווירקונגען פון דעם דאָזיקן היסטאָ־רישן גורל־וועג מיט זיינע צווײ שטראָמען, פון העכסטן באַרג־ארויף אין דער גייסט־וועלט און פון די גיהנמדיקסטע ליידן אין פיזישן קיום, גיבן אונדז די צווײ וועלט־באַקאַנטע פילאָסאָפן פון דער גאָר לעצטער עפּאָכע, וועלכע האָבן ווי דעמאָנסטרירט ביידע גרונט־שטריכן פון יידישן פאָלק. מיר האָבן אין אויג, פון איין זייט, פראַנץ ראָזענצווייג, וואָס איז שוין געהאַט געשטאַנען אויפן שוועל פון קאַטויילישן קלויסטער און האָט אין אַ שול אום יום כיפור איבערגעלעבט אַ וויזיע, וואָס האָט אים געהייליקט צו ווערן דער באַנייער און באַלעבער פון די העכסטע עטיק־פּרינציפּן פונעם יידנטום; פון דער צווייטער זייט איז הענרי בערגסאָן שוין געווען אַזוי נאָענט צום קאַטויליציזם, אַז ער האָט אין זיין צוואה געבעטן רופן אַ קאַטוילישן גלח צו זיין לויה צום יידישן בית עולם, אָבער זיך שמדן האָט ער נישט געוואָלט, ווייל עמלק־היטלער האָט דעמאָלט געצאַפּט יידיש בלוט אָן אַ שיעור און אָן אַ מאָס.

מיר וועלן אין דאָזיקן צווייטן טייל פון אונדזער אַרבעט זיך באַגרענעצן מיט באַשרייבן דעם רעאַלן פּנים פון דער יידישער ווירקלעכקייט און פון אירע טענדענצן, איבערלאָזנדיק פאַר אַ דריטן טייל די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אָנ־שטרענגונגען אינעם קאַמף קעגן די אַסימיליר־טענדענצן, ריכטיקער קעגן די אַסימילאַציע־נטיות מצד דער יידישער באַפעלקערונג.

מיר האָבן בדעה דאָס מאָל צו געבן אַ סך מער מאַטעריאַל, וואָס באַלייכט און באַשרייבט דאָס קאָנקרעטע יידישע לעבן כמות שהוא, ווי באַטראַכטונגען און מיינונגען, שאַצונגען און אויספירן וועגן דעם דאָזיקן לעבן. וועט אונדז דעריבער אויסקומען צו ברענגען אַ סך מער און אַ סך לענגערע ציטאַטעס. און ווייל מיר ווילן זייער, אַז די בילדער פון יידישן לעבן זאָלן אַרויס וואָס לעבעדיקער און בולטער, וואָס קאָנקרעטער און גאַנצער, וועלן מיר נישט צע־שניידן די גרעסערע ציטאַטעס לוי׳ט די באַזונדערע ענינים, וואָס ווערן אין זיי באַהאַנדלט, כאָטש זיי וועלן אָפּט אַרויסשפּרינגען פון דער הויפּט־טעמע פון געגעבענעם קאַפּיטל.

זאָל אונדז זיין דערלויבט אין דעם אַריינפיר צום טייל צווײ, פון אונדזער אַרבעט נאָך צוצוגעבן די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון ראַביי מרדכי קאַפּלאַן וועגן דעם אַמעריקאַנער יידנטום. דאָ האָבן מיר דאָך פאַר אונדז איינעם פון די אָנגעזעענסטע פירער פונעם אַמעריקאַנער יידנטום און געוויס איינעם פון

די בעסטע און טיפּסטע קענער פונעם קאָנקרעטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון דאָ־זיקן יידנטום. ער שרייבט 1):

„50 פּראָצענט פונעם אַמעריקאַנער יידנטום האָבן קיין שום באַציִונג נישט צו יידישקייט; 30 פּראָצענט זענען באַוווסטזיניק אַסימילאַטאָרן; 10 פּראָעצנט זענען וואַקלדיקע עלעמענטן, נישט אַהין און נישט אַהער, און בלויז 10 פּראָ־צענט זענען טרייע קינדער פונעם פאָלק, וועלכע ווילן און שטרעבן ממשיך צו זיין זייער נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ, ווי גאַנצע און פולע יידן. און זיי זענען גרייט אויך צו פירן אַ קאַמף מיט די השפעות פון דער אַרומיקער פרעמדער סביבה“.

דאָ האָבן מיר אין אַ קלאָרער און קאָנדענסירטער פאָרעם די כוחות פונעם אַמעריקאַנער יידנטום, ווי זיי זענען פאַרטיילט צווישן דעם נאַציאָנאַלן „למות“ אדער „לחיים“ — 10 פּראָצענט אַקטיווע „לחיים“ קעגן 30 פּראָצענט אַקטיווע „למות“. דערביי איז אָנצונעמען, אַז די 10 פּראָצענט „לחיים“, קענען אין פּאָ־טענץ באַקומען מיטקעמפּער ביי די 10 פּראָצענט וואַקלדיקע בעת די 30 פּראָ־צענט „למות“ ווערן בלתי ספק אַקטיוו געשטיצט פון די 50 פּראָצענט, וועלכע האָבן קיין שום באַציִונג צו יידישקייט.

ס׳גייט נישט, פאַרשטייט זיך, דאָ אין מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט — ס׳איז אַ בילד און נישט קיין חשבון, ס׳איז אַן אַלגעמיינע שאַצונג און נישט קיין קאָנקרעטע פעסטשטעלונג. דאָך וואַרפן די דאָזיקע ציפער אַ בליץ־ליכט אויף יענע פּראָצעסן, וועלכע מיר קלייבן זיך ווייטער צו אילוסטרירן מיט ביל־דער און באַשרייבונגען פון מענטשן, וועלכע זענען לויט זייער באַרוף און טע־טיקייט־כאַראַקטער באַאָבאַכטער פון יידישן לעבן טאָג־טעגלעך יאָרן לאַנג און זענען פאַראינטערעסירט צו געבן די לעבנס־בילדער אין זייער אמתער גע־שטאַלט, ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט.

1) „החינוך“, ניו יאָרק, יוני 1951, ז׳ 135.

# דער אונטערגאַנג פון די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען

איינער פון די שטאַרקסטע און שיצנדיקסטע פאַנצערס פונעם יידישן מיעוט צווישן מערהייט־פעלקער, שיצנדיקסטע און שאַפנדיקע באַדינגונגען פאַרן המשך פון אייגענעם נאַציאָנאַלן נוסח אין דער אומגעהויערער צעשפּרייטקייט צווישן פרעמדע שפּראַכן און קולטורן, איז בלתי ספק געווען און געבליבן עד היום די יידישע רעליגיע, דער דאָזיקער שם המפורש פון יידישן נאַציאָנאַלן המשך. אירע סיגים און גדרים, אירע מיצוות און התחיבותן, אירע הייליקע רו־טעג און תפילה־ און תורה־געבאָטן האָבן געשאַפן, פון איין זייט, דעם מאַקסימום פון יידן־איזאָלאַציע און יידן־אָפגעשיידקייט פון דער אַרומיקער נישט־יידישער וועלט און, פון דער צווייטער זייט, ווידער דעם מאַקסימום פון האַלטן יידן צוזאַמען, זיי צעמענטירן און צוזאַמענבינדן, איינזיקן און איינהייטלעכן — יחידים אין איינעם און דעם זעלבן קיבוץ, נאָר אויך קיבוצים צווישן זיך. די רעליגיע מחיצה, וואָס איז געווען און איז עד היום די העכסטע, ביז טיף אין הימל גרייכבדיקע, האָט געשאַפן יענע ווונדער, וועלכע האָבן געראַטעוועט יידן פון אונטערגאַנג אין „וישמן ישורון" — יאָרן און ווען זיי זענען געשיקט געוואָרן אויף די עשאַפאָטן אין אינקוויזיציע־צייטן.

עס איז נישט נאָר אַ שיין בילד און אַ פיינער סימבאָל, נאָר אויך אַ טיפער און ביז גאָר וויכטיקער היסטאָרישער אמת, אַז ווען אַ ייד האָט אין באַרדיטשעוו אָדער וואַרשע געמאַכט קידוש פּרייטיק אָוונט און געזונגען זמירות און געקרעכצט ביים בענטשן ביי די ווערטער „אל תצריכנו ה' אלוהינו לא לידי מתנת בשר ודם" האָט מען צו דער זעלבער צייט אין טויזנטער שטעט און שטעטלעך אין דער גאָרער גלות־וועלט געהערט די זעלבע קולות מיט די זעלבע ווערטער, מיט די זעלבע ניגונים און קנייטשן און זיפצן און קרעכצן, אַלזאָ מיט די זעלבע יידישע נשמה־ און האַרץ־איבערלעבונגען און טרוימען און מיט די זעלבע נשמה־ און האַרץ־האָפענונגען און בקשות צו גאָט. אָט דאָס נאַציאָנאַל־רעליגיעזע איבעררופן זיך נישט נאָר פּרייטיק אָוונט, נאָר אויך יעדן טאָג ביי די תפילות

דריי מאָל אין טאָג — איבערגערופן זיך איבער גרענעצן און ימים איז געווען דער משפּיענדיקסטער פאַקטאָר אין ראַטעווען דעם שוואַכן שבט ישראל פון אַסימי־ליר־פאַרפלייצונג און אויך בעת בלוט־צאַפּונגען.

שוין דאָס אַליין וואָס די יידישע רעליגיע איז אַן אמונה פון איין און איינ־ציקער נאַציאָנאַלער גרופּע מאַכט זי נאַציאָנאַל זאַפטיקער און אינדיווידועלער, נאַציאָנאַל סעפּאַרירנדיקער פון פרעמדע וועלטן און אייניקנדיקער בנוגע איי־גענע ברידער. אַלע אַנדערע רעליגיעס זענען אינטערנאַציאָנאַלע, כאָטש יעדעס פאָלק האָט וויפל ס'נישט איז „פאַרנאַציאָנאַליזירט" אויך די רעליגיע, אָבער עס איז נישט צוצוגלייכן צו דער נאַציאָנאַלער אָנגעזאַפּטקייט ביי דער יידישער רעליגיע. דער יידישער גורל פון אַן עם נע ונד האָט געפירט און געמוזט פירן דערצו, אַז די יידישע רעליגיע זאָל ווערן אָנגעלאָדן און אָנגעזאַפּט מיט אַ סך נאַציאָנאַלע עלעמענטן, כדי צו שטאַרקן און אינטענסיווירן איר השפּעה אין פּרט פון וואָס טיפער אויסטיילן און אויסשיידן די יידישע גרופּע צווישן פרעמדע פעלקער און מאַכן די מחיצה צווישן ייד און נישט־ייד וואָס טיפער און וואָס העכער. די נאַציאָנאַלע מאָמענטן זענען געוואָרן אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן און צוזאַמענגעפלאָכטן מיט די רעליגיעזע, אַז עס איז אָפט שווער צו צעטיילן זיי.

ס'איז אוממעגלעך, למשל, פעסטצושטעלן ווו ס'הייבט זיך אָן ביים שבת קודש דער גאָט־רצון און ווו דער פאָלק־רצון. די נאַציאָנאַלע השפּעות פון שבת קודש זענען געווען נישט ווייניקער וויכטיק און גורלדיקער פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פון יידישן פאָלק, ווי די רעליגיעזע מאָמענטן. האָט דאָך זייער קלוג געזאָגט אחד העם, אַז מער ווי יידן האָבן געהאַלטן דעם שבת האָט דער שבת געהאַלטן די יידן. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן די הויפּט־יום טובים און אַפילו וועגן די ימים נוראים. אויך זיי זענען געוואָרן נאַציאָנאַלע שומרים אפשר מער ווי רעליגיעזע. אייגנטלעך קען מען זאָגן, אַז דווקא די ימים נוראים, די רעליגיע־זעסטע ימים טובים לויט טראַדיציע און לויט תפילות־תוך, זענען געוואָרן די נאַציאָנאַלסטע. פאַקטיש זענען דאָך די ימים נוראים געוואָרן נאַציאָנאַלע דע־מאָנסטראַציעס — גאָר גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק, וועלכע שמעקן נישט אַריין אַפילו יום כיפור אין שול, האַלטן זייערע געשעפטן געשלאָסן — דעמאָנ־סטרירנדיק, אַז זיי געהערן צו דער יידישער גרופּע, צו דער יידישער נאַציאָנאַ־לער גרופּע, ווייל פון רעליגיע איז דאָך ביי זיי קיין זכר נישט געבליבן. אין ניו־יאָרק און טשיקאַגאָ, אין פילאַדעלפיע און דעטראָיט און אין אַלע גרויסע שטעט פון די איבעריקע אַמעריקעס שרייען דאָך ממש די הויפּט־גאַסן אין די ימים נוראים, באַזונדערס יום כיפור, אַז יידן בלייבן יידן. און אויב אין אייראָפּע קען מען וויסן פון יום כיפור נאָר אין די גאַסן פון פּאַריז און לאָנדאָן אָבער נישט פון מאָסקווע און וואַרשע, און נישט פון קיעוו און אָדעס, און נישט פון בוקאַרעשט און בודאַפּעשט, און נישט פון בערלין און ווין, און נישט פון פּראָג

און פרעסבורג, איז דאָס איינע פון די שרייענדיקסטע אילוסטראַציעס צום דריטן חורבן פון יידישן פאָלק. די אמתע אינטימע נשמה־רעליגיאָזיטעט איז אַ קנין פון יחידי סגולה און מען וועט זי נישט געפינען ביי דער גרויסער מערהייט פון די, וועלכע שליסן זייערע געשעפטן יום כיפור, זיי טוען עס נישט פון פרומקייט, נאָר פון דרך־ארץ פאַר אַ הייליקער נאַציאָנאַלער טראַדיציע, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער נשמה פון פאָלק.

ליידער, ליידער וואָגט שוין די חורבן־האַנט פון דער אַסימילאַציע אויפצו־הייבן זיך אויך אויף דער דאָזיקער אַזוי טיף פאַרוואָרצלטער פאָלקס־טראַדיציע, זוי מיר וועלן זען ווייטער.

ווי האַלט עס איצט מיט רעליגיע אין יידישן לעבן? איך גיי נישט פּרעדיקן רעליגיעזיטעט, ווייל איך בין אַליין נישט רעליגיעז. מיר גייט דער עיקר אין ווייזן, ווי ווייט דער דאָזיקער פאַקטאָר, דער דאָזיקער שם המפורש פון גלות־יידנטום, דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער נשמה־שומר, איז פאַרשוווּנדן. פאַרשוווּנדן איז ביז גאָר אַ שוואַך וואָרט — דער בית המדרש, וואָס איז געווען תמיד אַ מקום קדוש, אַ בית תפילה, אַ בית הכנסת און די דאָזיקע אַלע טיטולן זענען געווען פול מיט יידישן תוכן, ווייל מען האָט אין בית המדרש געלערנט תורה, למדנים און עם הארצים, די ערשטע האָבן געטון מלמד־זיין און די צווייטע האָבן גע־שלונגען; מען האָט מוסר געלערנט; מען האָט זיך אין בית המדרש געפילט דער־הויבן און איבערגעטראָגן אין אַ העכערער וועלט — אָט דער דאָזיקער מקום קדוש איז מגולגל געוואָרן אין אַ חול פלאַץ, ווו מען פילט זיך און ווו מען פירט זיך ווי אין אַ טעאַטער, ווי אין אַ טאַנץ־פלאַץ.

נאָך ערגער — די פונקציע פון דעם בית מדרש, אַלס אַ סעפּאַרירנדיקער פאַקטאָר פון דער פרעמדער וועלט, איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. זייער אָפּט פּרע־דיקט דער ראַביי, אַז אייגנטלעך זענען אַלע רעליגיעס ווייל און גוט און די חילוקים זענען נישט זייער וויכטיק און לכן קען מען דאַווענען אויך אין אַ קלויסטער, איבערטראָגנדיק אַהין נאָר דעם ארון קודש; און מען קען אויך לאָזן אַ גלח פּרעדיקן אין דער סינאַגאָגע, ווייל אויך ער איז דאָך אַ רעליגיע־פּרעדיקער און אַן אמת־פאַרשפּרייטער. הכול מותר — מען מעג אין בית המדרש אַלץ טון, נישט נאָר מענער מיט פרויען צוזאַמען זיצן, נאָר זיך אויך צוקושן ביי דער ספר תורה, ווו זיי ווערן ביידע אויפגערופן. הכלל, מען האָט אַזוי פאַר־וואָכעדיקט, אַזוי פאַרחולט, אַזוי אַראָפּגעריסן די קדושה פונעם בית המדרש, אַז זיין פונקציע אַלס בעסטער נאַציאָנאַלער שומר איז גילטיק נאָר און אויס־שליסלעך פאַר דער אמתער אָרטאָדאָקסיע.

אמת, אין איין פּרט איז דער בית המדרש נאָך וויכטיק און עס שטייט אים פאָר נאָך אַ גאַנץ גרויסע ראָלע אין יידישן לעבן — אין פּרט פון אָרגאַני־זאַציע, אין פּרט פון אַ ראַם, וואָס נעמט אַרום די יידן; פון אַ טראַדיציאָנעלער

רייף, וואָס האַלט וויפל ס׳נישט איז צוזאַמען אַלע יענע, וועלכע ווילן נישט אינגאַנצן אויפגעבן דעם יידישן קיום און זוכן אַן אויסערלעכן סימן פון צוגע־העריקייט — צוגעהעריקייט, וואָס איז זייער אָפט נישט מער ווי אַ דעקאָראַציע, ווייל דאָס אַלץ, צו וואָס די דאָזיקע קאָנגרעגעישן־צוגעהעריקייט איז מחייב, איז נאַציאָנאַל אַזוי מאָגער, רעליגיעז אַזוי דאַר, אַז דערויף בויען די יידישע צו־קונפט וואָלט געווען צו לייכטזיניק.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז ביי דער אַסימילירטער אינטעליגענץ מערקט זיך די לעצטע צייט אַ געוויסע רעליגיעזע אויפוואַכונג און ביי ברייטערע שיכטן פון דער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ מערקט זיך אַ בענקשאַפט נאָך טראַדיציעס. און יידישע טראַדיציעס איז דאָך שווער צו צעטיילן אויף רעליגיעזע באַזונדער און נאַציאָנאַלע באַזונדער — דאָס אַלץ וועלן מיר אויספירלעכער אַרומרעדן אין דריטן טייל, ווו מיר וועלן זיך ווידמען די קאַמף־דערשיינונגען קעגן די אַסי־מילאַציע־כוואַליעס. מיר ווילן דאָרטן צוזאַמענעמען אַלע סימנים און אַלע אַנטפּלעקונגען פון רעטונג פון אַסימילאַציע. מיר האַלטן אָבער פאַר אונדזער חוב צו ערשט ווייזן דעם חורבן — דעם חורבן אויף אַ געביט, וואָס איז געווען דער אבן פּינה פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. און מען מוז דאָך מודה זיין, אַז דערווייל האָט דער גלות נאָך נישט דערפינדן קיין במקום פאַר דער רעליגיע־מחיצה און פאַר דער רעליגיע־צוזאַמענהעפטונג; אַ במקום, וואָס זאָל כאָטש וויפל ס׳נישט איז אויספילן יענע פונקציעס, וואָס די נאָר־וואָס דערמאָנטע פאַקטאָרן האָבן אויסגעפילט אין דער לאַנגער יידישער גלות־געשיכטע.

מיר גייען איבער צום מאַטעריאַל, וואָס וועט אילוסטרירן דעם דערמאָנטן חורבן. מיר הייבן אָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

## א) אין די פאַראייניקטע שטאַטן

מיר האַלטן פאַר נישט אינטערעסאַנט און נישט וויכטיק זיך צו פאַרנעמען מיט די אויסרעכענונגען וועגן דער צאָל מיטגלידער אין די פאַרשיידענע קאָנג־רעגעישנס. דער אָפּצאָל אין די קאָנגרעגעישנס שפּילט אַזאַ קליינע ראָלע אינעם ביודזשעט פונעם גרויסן רוב פון אַמעריקאַנער יידן, אַז די רעגיסטראַציע באַ־וויזט גאָרנישט. הכול מודים, אַז די רעגיסטראַציע איז מער אַן אָפּקלאַנג פון דעם קריסטלעכן אַרום. דער רוב קריסטן געהערן צו אַ קלויסטער — מאַכן יידן נאָך! מען קען דאָך נישט הענגען אין די לופטן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אין די קליינע יידישע געמיינדעס זענען כמעט אַלע יידן רעגיסטרירט אין דער אָרטיקער קאָנגרעגעישן. און מען פרעגט גאָר נישט פון וואָסער אַ ריכטונג די געגעבענע קאָנגרעגעישן איז.

וויכטיק איז געווען דער באַזוך פון די סינאַגאָגעס. און דאָ איז כדאַי צו ברענגען אייניקע ציפער. דער שוין דערמאָנטער ראַבּי מרדכי קאַפּלאַן קומט צו דער מיינונג, אַז מיטגלידער פון קאָנגרעגעישאָנס זענען פאַראַן אין די שטאַטן אַרום 600 טויזנט (חוץ אַרום 250 טויזנט, וועלכע קויפן פלעצער נאָר פאַר די ימים נוראים) — באַזוכן אָבער די סינאַגאָגעס נאָר אַרום 10 פּראָצענט פון אַלע מיטגלידער 1).

אַ פאַרכאַפּנדיק בילד פון דעם רעליגיעזן לעבן פון אַמעריקאַנער ייִדן גיט אונדז די פאָרשונג פון דער פאַראייניקונג פון די סינאַגאָגעס אין אַמעריקע („טהע יונאַיטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקאַ") אין יאָר 1953. די פאָרשונג האָט שטודירט נאָר די „גבאים" פון די סינאַגאָגעס (די „לידער שיפּ"), אַלזאָ נישט די גייסטיקע פירער, נאָר די מיטגלידער פון די סינאַגאָגע־קאָמיטעטן. יעדנפאַלס מוז מען באַטראַכטן די דאָזיקע קאָמיטעט־מיטגלידער, די „גבאים", ווי די אַקטיווערע רעליגיעזע עלעמענטן, ווי ייִדן מיט אינטענסיווערע אינטערעסן פאַרן ייִדישן רעליגיעזן לעבן און אויך פאַרן ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן.

לאָמיר צוערשט ברענגען אייניקע ידיעות, וואָס זענען נויטיק כדי צו פאַר־שטיין דעם גאַנצן ווערט פון יענע אינפאָרמאַציעס, וועלכע זענען דער תוך פון אונדזער אינטערעס אין געגעבענעם פאַל. פון צעשיקטע 9 טויזנט מיט הונדערט פרעגבויגנס זענען געקומען תשובות נאָר פון 1787; אַלזאָ נאָר פון 20 פּראָצענט. עס איז אָנצונעמען, אַז דאָס זענען די אַקטיווערע און די פאַראינטערעסירטע קאָ־מיטעט־מיטגלידער און וואָרשיינלעך אויך די מער צוגעגרייטע אין פּרט פון ייִדישקייט און ייִדישער בילדונג. די מערהייט פון די, וואָס האָבן געענטפערט געהערן צו דעם מיטל־ און גרויס־בירגערטום: 31 פּראָצענט האָבן געהאַט אַ יאָר־הכנסה פון העכער 15 טויזנט יערלעך; 54 פּראָצענט האָבן געהאַט אַ יער־לעכע הכנסה פון מער פון 10 טויזנט דאָלער יערלעך; ווייניקער פון 4 טויזנט יערלעך הכנסה האָבן געהאַט נאָר 2 פּראָצענט!

ס'וועט אויך זיין אינטערעסאַנט דער באַשעפטיקונג־באַשטאַנד פון די „גבאים" פון די געפאָרשטע קאָנגרעגעישנס: גאַנצע 30 פּראָצענט האָבן געהערט צו די ליבעראַלע באַרופן; גאַנצע 26 פּראָצענט האָבן געהערט צו באַלעבאַטים פון גרויסע און מיטעלע אונטערנעמונגען; ווייסקאָלנער־אַרבעטער און „לעיבאָר" זענען געווען נאָר 5 פּראָצענט. ווייטער זענען געווען קליינע אונטערנעמער און ביזנעס־דירעקטאָרן 29 פּראָצענט; די איבעריקע פאַרשיידענע.

נאָך אַ פּאָר דאַטן וועגן דער אַלגעמיינער בילדונג פון די באָאַרד־מיטגלי־דער און מיר וועלן איבערגיין צו דעם ייִדישן פּנים פון די פירער פון די רעלי־גיעזע אינסטיטוציעס. 67 פּראָצענט פון די באָאַרד־מיטגלידער האָבן געהאַט

1) American Jewish Year Book, 1951, p. 87.

קאָלעדזש און נאָך העכערע בילדונג — אַלזאָ העכער צוויי דריטל זענען אָנגעלאָדן מיט גאָר אַ הויכע משא אַלגעמיינער, אין תּוך אַמעריקאַנער בילדונג. דאָס איז אַ גוטע אילוסטראַציע צו די באַהויפּטונגען, וועלכע מיר האָבן געמאַכט אין קאַפּיטל איבער „קולטור־מצב און אַסימילאַציע" אין ערשטן טייל פון אונדזער אַרבעט. נאָר פינף פּראָצענט פון די מיטגלידער האָבן געהאַט ווייניקער פון מיטל־בילדונג.

מיר האָבן פאַר זיך לכן אַ גרופּע מענטשן מיט אַ גרויסן באַגאַזש פון אַלגעמיינעם וויסן און מיט אַ געדיכטער אַמעריקאַנער קולטור — לאָמיר איצטער זען, ווי ווייט גייט זייער ייִדישקייט־פאַרמעגן און ווי טיף זענען זיי פאַרוואָרצלט אין ייִדישן לעבן און אין ייִדישער קולטור.

54 פּראָצענט פון די באָארד־מיטגלידער האָבן געלערנט אין („ווייקדעי") נאָכמיטיק־שולן פיר יאָר און מער. 24 פּראָצענט האָבן געלערנט אין די זעלבע שולן פיר יאָר און ווייניקער. 6 פּראָצענט האָבן גאָרנישט געלערנט אין קיין שום ייִדישער שול. ווידער 6 פּראָצענט האָבן געלערנט אין זונטיק־שולן. נאָר 7 פּראָצענט האָבן געלערנט אין טאָג־שולן, אין שולן וווּ מען האָט דעם גאַנצן טאָג געלערנט אי ייִדיש און אי אַלגעמיינע לימודים. 3 פּראָצענט האָבן נישט געענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע און מען קען זיי צורעכענען צו די 6 פּראָצענט, וועלכע האָבן נישט באַקומען גאָר קיין ייִדישע בילדונג.

ביי 60 פּראָצענט פון די באָארד־מיטגלידער האָט זיך די ייִדישע בילדונג פאַרענדיקט מיט דער בר־מיצווה און 37 פּראָצענט האָבן געלערנט אויך נאָך דער בר־מיצווה.

לאָמיר איצטער זען ווי ווייט גייען די קענטעניש פון העברעיִש ביי די מיטגלידער? 13 פּראָצענט פון די באָארד־מיטגלידער קענען נישט קיין עברי און קענען נישט לייענען די תּפילות אין סידור אין העברעיִש. 51 פּראָצענט קענען עברי, אָבער פאַרשטייען גאָר זעלטן די טייטש פון די העברעיִשע ווערטער. 27 פּראָצענט קענען לייענען די העברעיִשע תּפילות און קענען אויך פאַרשטיין היפּש („לאָט") די טייטש פון די ווערטער. און נאָר 8 פּראָצענט פאַרשטייען דעם גאַנצן טעקסט פון די תּפילות.

85 פּראָצענט פון די באָארד־מיטגלידער דאַווענען נישט — נישט אין דער היים און נישט אין דער סינאַגאָגע. נאָר 13 פּראָצענט דאַווענען יעדן טאָג אויף וועלכן ס'נישט איז אופן — ביחידות אָדער בציבור.

ווי אָפט קומען די באָארד־מיטגלידער אין דער סינאַגאָגע שבת? 35 פּראָצענט קומען רעגולער צו די שבת־תּפילות. 16 פּראָצענט קומען כמעט קיינמאָל נישט! 49 פּראָצענט קומען פון צייט צו צייט.

58 פּראָצענט פון די סינאַגאָגע־באַזוכער אום שבת נעמען נישט מיט זייערע קינדער צום דאַווענען. 28 פּראָצענט נעמען יאָ מיט די קינדער.

נאָר 5 פּראָצענט פון די באָארד־מיטגלידער דאַווענען אין מיטן דער וואָך כמעט תמיד אין אַ סינאַגאָגע. 20 פּראָצענט קומען קיינמאָל נישט אין מיטן דער וואָך אין אַ סינאַגאָגע. 42 פּראָצענט קומען ביי יאָרצייט. 22 פּראָצענט נאָר צו־פעליק.

לאָמיר נאָך ברענגען אייניקע ציפער וועגן דער היים פון די „גבאים" און דאָס בילד וועט זיין פול.

„סטריקטלי" כשר איז געווען ביי 37 פּראָצענט פון די באָארד־מיטגלידער. ביי 36 פּראָצענט איז געווען נישט כשר און ביי 27 פּראָצענט איז געווען טייל־ווייז כשר.

76 פּראָצענט פּרויען פון די „גבאים" צינדן אָן פּרייטיק אָוונט שבת־ליכט.

57 פּראָצענט פון די באָארד־מיטגלידער מאַכן נישט פרייטיק קיין קידוש און בענטשן נישט נאָכן עסן. 41 פּראָצענט האָבן געענטפערט, אַז זיי מאַכן ווייניקסטנס קידוש 1).

מיר קלייבן זיך נישט צו מאַכן פּירושים און ציִען קאָנסעקווענצן פון די אַלע געבראַכטע דאַטעס. דאָך האַלטן מיר פאַר נויטיק צו ציטירן אייניקע אויס־פירן פונעם מחבר פון דעם באַריכט 2): „די באָארד־מיטגלידער פאַרמאָגן נישט קיין טיפע רעליגיעזע געפילן, זיי פאַרמאָגן אויך נישט קיין רעליגיעזע טראַדי־ציעס, זיי פּראַקטיצירן אויך נישט קיין רעליגיעזע מינהגים כדי צו דינען אַלס אַ מוסטער־ביישפּיל פאַר אַנדערע". און ד"ר עמיל לעהמאַן, דער מחבר פון בוך, שרייט אויס אין זיינער אַ רעדע: „די דאָזיקע ציפער זענען דראַמאַטיש. ציפער זענען דוכט זיך קאַלט, אָבער הינטער די געבראַכטע ציפער, וואָס דערציילן אונדז די געשיכטע פון פּירער, וועלכע זענען באַרופן צושמידן דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן, שטעקט אַ דורכדרינגנדיקע דראַמע" 3).

אַן אויספאָרשונג צווישן קינדער פון תלמוד־תורות און זונטיק־שולעס פון דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג, פון דער זעלבער, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס באַהאַנדלט, האָט געגעבן פאָלגנדיקע רעזולטאַטן 4): „מער נישט ווי 74 פּראָ־צענט פון די טאַטעס גייען יום כיפור אין שול דאַווענען, 15 פּראָצענט אין אַנ־דערע יום טובים, און מער נישט ווי 9 פּראָצענט גייען דאַווענען שבת. 15 פּראָ־צענט טאַטעס אַרבעטן אום ראש השנה און 10 פּראָצענט אַרבעטן אַפילו יום

---

1) אַלע געבראַכטע ציפער זענען גענומען פון פאָלגנדיקן בוך:
National Survey on Synagogue Leadership, undertaken by United Synagogue of America, 1953, p. 4—16.

2) Ibid, p. 17.

3) Surveying Synagogue Leadership, by Dr. G. Lehman, 1953, p. 1.

4) אברהם דוקער, רעליגיעזע שטרעמונגען אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן. „ייוואָ־בלעטער", ניו־יאָרק, 1949, ז' 127.

כיפּור. נאָר 11.8% פּאַטערס אַרבעטן נישט אום שבת. בלויז 28 פּראָצענט מאַכן קידוש פּריוואַט אָוונט. אָבער 62.7% האָבן באַזונדער פליישיק און מילכיק געפעס און העכער 70 פּראָצענט קויפן כשר פליישׂ. 87.8% פון אַלע עלטערן עסן נישט קיין ברויט אום פּסח און 84.6% האָבן מזוזות ביי די טירן. נאָר 19 פּראָצענט עלטערן האָבן העברעיִשע ביכער אין שטוב און נאָר 10.6% האָבן יידישע ביכער אין שטוב. יידישע אָדער העברעיִשע גראַמאָפאָן־דיסקן האָבן נאָר 5.8% פון די עלטערן. די גרויסע מערהייט עלטערן פאַרשטייען יידיש, אָבער נישט מער פון 8.5% לייענען רעגולער יידישע צייטונגען".

מיר וועלן געוויס נישט מאַכן קיין טעות, אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז די מערהייט עלטערן פון די תלמוד־תורה־קינדער זענען געווען מזרח־אייראָפּעיִשע יידן (זיי פאַרשטייען יידיש!) און זענען נאָך פיין אָנגעלאָדן מיט יידישע טראַדיציעס. פאַר אונדז צעוויקלט זיך דאָ אַ בילד, וואָס שפּיגלט קלאָר אָפּ די סיבות, וועלכע ווירקן אַזוי שטאַרק אויף דעם רעליגיעזן און אויך נאַציאָנאַלן לעבן פון די אַמעריקאַנער יידן. שבת און יום־טוב אַרבעטן כמעט אַלע, אַ געוויסער פּראָצענט אַפילו ראש השנה און יום כיפור — דאָ דרינגט דער עקאָנאָמישער מאָמענט! דאָ טרייבט די מאַטעריעלע לאַגע! נישט, חלילה, נויט, נאָר ווייל מען איז נישט פרום, גייט מען אויף די גרעסטע קאָמפּראָמיסן — שבת און יום טוב אויף די מאַקסימאַלסטע פּשרות, ראש השנה און יום כיפור אויף די מינימאַלסטע. אָבער מצות פּסח, מזוזות ביי די טירן, כשרות אין שטוב — פאַר וואָס נישט? שפּראַכלעך איז מען אַסימילירט און מען נוצט זעלטן אַ יידישע צייטונג און נאָך זעלטענער אַ יידישע גראַמאָפאָן־פּלאַסטינקע, ווייל די קינדער פאַרשטייען דאָך נישט נישט קיין יידיש און נישט קיין העברעיִש.

דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַזעלכע וויכטיקע נאַציאָנאַלע אַטריבוטן, ווי שבת און יום טוב, וואָלט אפשר נאָך נישט געווען אַזאַ שרעקלעכע טראַגעדיע, ווען דאָס וואָלט נישט באַגלייט געוואָרן מיט איבערנעמען די קריסטלעכע רו־טעג און די קריסטלעכע יום טובים. און נישט נאָר רו־טעג נאָר אויך אַנדערע רייןקריסטלעכע מינהגים.

דער נאָר־וואָס ציטירטער אברהם דוקער שרייבט אינעם זעלבן אַרטיקל: „די קריסטלעכע רעליגיעזע סביבה איז אומעטום און די דאָזיקע קריסטלעכע קולטור פורעמט אויך די געדאַנקען און די געוווינהייטן פון דער מערהייט יידן".

ער ברענגט ווייטער דאַטעס, אַז אין אַ באַשטימטן מאַנהעטן־קוואַרטאַל פון ניו־יאָרק האָבן די קריסטוס־ביימער אויסגעקויפט העכער 70 פּראָצענט יידן. ער שרייבט ווייטער: „ווען דער געהילף־סופּעראינטענדענט פון די שולעס פון דער שטאָט ניו־יאָרק האָט פאַרבאָטן צו זינגען אין די שולעס מיט אַ רוב יידישע קינדער קריסטמעס־לידער און אויפפירן דראַמאַטיזאַציעס און דעקאָראַציעס מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט פאַר וועלכער נישט איז אמונה, איז אַ צאָל יידן אַרויס־

געטראָטן קעגן אים. זיי האָבן געטענהט, אַז קריסטמעס איז אַ יום טוב, וואָס איז נישט געבונדן צו קיין רעליגיע און טראָגט אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער. קריסטן האָבן זיך דאָס רוב אַרויסגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ רעליגיעזער יום טוב".

אין דער יידיש־ענגלישער פרעסע גייט שוין אַן יאָרן אַ שקלאַ וטריאַ וועגן דעם קריסטוס־בוים. עס איז אַ שטיקל גליק, וואָס אָפטמאָל פאַלט אויס חנוכה אין די זעלבע אָדער נאָענטע טעג פון דעם יום טוב — האָבן מאָמעס, וועלכע זענען נאַציאָנאַל אָדער רעליגיעז געשטימט, געפּסקנט, אַז מען מעג פאַר־אייניקן די צוויי יום טובים — חנוכה־ליכטלעך און קריסטוס־בוים. דער אומגליק אין אָבער, וואָס די קינדער ציט מער צום בוים, וואָס איז באַפּוצט און באַ־קרוינט, ווי צו די באַשיידענע חנוכה־ליכטלעך. גיט מען די קינדער טאָפּלט מתנות — און איין גאָט ווייס וואָס פון דער דאָזיקער פשרה וועט אַרויסקומען.

די חנוכה־ליכטלעך גיבן זיך נישט אַזוי לייכט אונטער — דער קאַמף האָט זיך די לעצטע יאָרן אַריבערגעטראָגן אַפילו אין די מלוכהשע פּאָלקס־שולעס מיט אַ מערהייט יידישע קינדער. עס זענען געווען פאַלן, אמת, זעלטענע, ווען לערער, יידישע נאַציאָנאַל־געשטימטע לערער, האָבן דערציילט די קינדער דעם נס חנוכה. דער קריסטוס־בוים שטייט אָבער ווי אַ בייך אין האַלדז נאַציאָנאַל געשטימטע עלטערן. דער קריסטוס־יום טוב איז שוין אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין יידישן לעבן, אין לעבן פון די ברייטסטע מאַסן, אַפילו פון די, וואָס זענען נאָך גאָרנישט קולטורעל אָדער שפּראַכלעך אַסימילירט, אַז מען מוז, צי מען וויל צי מען וויל נישט, מיטמאַכן, מיט־יום־טובן. אָט אין דעם דאָזיקן קריסטוס־יום־טובן פון דער גרעסטער מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטאַטן קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק די קאָלאָסאַלע השפּעה, וואָס פרייע נישט אַרויפגעצוווּנגענע פרעמדע קולטור האָט און מוז האָבן אויף אַ מינדערהייט.

לאָמיר ווייטער נעמען מאַטעריאַל, וואָס באַלייכט די פראַגע אָביעקטיוו און אַבסאָלוט וויסנשאַפטלעך. ראַביי אלבערט גאָרדאָן פון דער שטאָט מינעאַפּאָליס מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון בערך 20 טויזנט נפשות, וועלכע מאַכן אויס אַרום 4 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָט דורכגעפירט אַ גרינט־לעכע פאָרשונג, וואָס קען ממש דינען אַלס אַ מוסטער פון אָביעקטיווקייט הן אין פּרט פון זאַמלען דעם מאַטעריאַל און הן אין זין פון באַלייכטונג.

מיר וועלן פון דערדאָזיקער אַרבעט 1) נעמען נישט נאָר טרוקענע דאַטעס נאָר אויך אייניקע באַשרייבונגען, ווייל זיי זענען, ראשית, אָביעקטיוו און זאַכ־לעך, און, שנית, ווייל זיי דרינגען זיך צו פאַרטראַכטן טיפער און גרינט־לעכער איבער די אומפאַרמיידלעכע רעזולטאַטן פון אַזאַ אָביעקטיווער אַנט־וויקלונג.

1) Rabbi Albert Gordon, Jews in Transition, Minneapolis, 1949, pp. 91—95.

„דער שבת מיט זיין גאַנצער קדושה און שיינקייט האָט ביי דער מערהייט יידן פון מינעאַפּאָליס גלייך ווי אויפגעהערט צו עקסיסטירן. נישט נאָר האָט דער באַזוך פון דער סינאַגאָגע צו קבלת שבת און שבת פרי כמעט ווי אינגאַנצן אויפגעהערט, נאָר אויך אַלע טראַדיציעס, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט שמירת שבת, ווערן נישט געהיט, אויב נישט אינגאַנצן איגנאָרירט. עקאָנאָמישע פאַקטאָרן האָבן געמאַכט כמעט פאַר אוממעגלעך פאַר דער מערהייט מענער צו גיין אין שול צו קבלת שבת, חוץ גאָר וויניקע, וועלכע זענען גאָר פרום אָדער וועלכע האָבן אַ סך פרייע צייט אָדער רייכקייט".

ער דערציילט ווייטער, אַז ביזן יאָר 1941 האָבן אַלע נאָך אָרטאָדאָקסישע סינאַגאָגעס אַפילו נישט איינגעאָרדנט קיין תפילות פרייטיק אָוונט בציבור — אין דאָזיקן יאָר 1941 האָבן צוויי פון די 9 אָרטאָדאָקסישע סינאַגאָגעס, וואָס ליגן אין צענטער פון דער מער פרומער יידישער באַפעלקערונג, אָנגעהויבן רופן צו קבלת שבת. די ערשטע יאָרן איז דער באַזוך געווען גאַנץ גרויס און עס זענען געווען פאַלן ווען די שולן זענען געווען געפּאַקט. נאָר די נייקייט פון דער זאַך איז גיך פאַראיבער און די צאָל מתפללים איז געוואָרן וויניקער און וויניקער און איצט (1946) קען מען טרעפן קוים אַרום 150 מתפללים אין יעדער סינאַגאָגע".

אין דער דאָזיקער ציטאַטע איז פאַראַן איין פונקט, וואָס מוז באַזונדערס באַטאָנט ווערן — 1941, דער אָנהייב פון דער גרויסער היטלער־שחיטה, גיט אַ ריר די יידישע הערצער פון די וויניקער אַסימילירטע און מען הייבט אָן גיין אין שול דאַוונען, אָבער דאָס לעבן רייסט איבער דעם דאָזיקן מאָמענטאַלן נשמה־הייב, כאָטש די שחיטה איז געוואָרן שרעקלעכער און טראַגישער, און טרייבט און צווינגט זיך אונטערצוגעבן. און ווי גרינג יידן פון אונדזער דור גיבן זיך אונטער!

כאַראַקטעריסטישע זענען די תשובות פון אייניקע אינטערוויוירטע וועגן דורכלאָזן קבלת שבת. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן אָנגעגעבן מידקייט און אַ ווילן צו בלייבן מיט דער פאַמיליע אין שטוב. אַנדערע האָבן אָנגעגעבן, אַז די סימפאָניע־קאָנצערטן, וועלכע ווערן גראָדע געגעבן אין די פרייטיקן, אינטערעסירן זיי פיל מער, ווי די קבלת שבת־תפילות. און אָט איז שוין גאָר אַ מערקווירדיקער טעם, אָבער אַ זייער כאַראַקטעריסטישער פאַר דעם יונגן דור פון אַמעריקע: „אַלע ספּאָרט־שפּילן אין שטאָט קומען פאַר פרייטיק אָוונט. איך האָב ליב די באָקסער־שפּיל און איך זע נישט אין קיין טעם פאַרוואָס איך זאָל נישט גיין צו די ספּאָרט־שפּילן, כאָטש ס'איז פרייטיק אָוונט"1).

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז נישט נאָר האַלט מען נישט פון שבת, נאָר

1) איביד, ז' 98.

מען האַלט זייער פרום פון זונטיק: „פאַקטיש איז זונטיק דער רו־טאָג און דער טאָג פון פאַרברענגען" 1).

לאָמיר ברענגען אייניקע דאַטעס פון דאָזיקן בוך. דער מאַטעריאַל איז געזאַמלט ביי די תלמידים פון די תלמוד־תורות פון אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס, אַלזאָ נישט פון די גאָר אַסימילירטע רעפאָרמירטע סינאַגאָגעס.

פון 144 טאַטעס פון תלמידים באַזוכן פּרייטיק אָוונט די סינאַגאָגע 20, אַלזאָ קנאַפּע 14 פּראָצענט. פון 155 טאַטעס פון תלמידים, וועגן וועלכע עס זענען פאַראַן ידיעות, האָבן באַזוכט די סינאַגאָגע שבת פרי נאָר 12, אַלזאָ נאָר אַ ביסל מער פון 7 פּראָצענט. פון די 155 פאָטערס האָבן געאַרבעט 2):

1) יום כיפור — — — — — — — — — — — 15.0%
2) ראש השנה — — — — — — — — — — 15.0%
3) פסח — — — — — — — — — — — — 77.4%
4) סוכות — — — — — — — — — — — 82.0%
5) שבועות — — — — — — — — — — — 80.7%
6) שבת — — — — — — — — — — — — 84.5%

די דאָזיקע טאַבעלע איז זייער כאַראַקטעריסטיש — און בלתי ספק טיפּיש — ראשית, ווייזט זי, אַז אַפילו די טעג, וואָס פלעגן זיין הייליק ביי דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, ראש השנה און יום כיפור, האָבן שוין באַקומען די ערשטע קלעפּ פון דער אַסימילאַציע. און עבירה גוררת עבירה — אַ ביישפּיל איז זייער געפערלעך און אַנשטעקנדיק. און עס איז ווירקלעך צו באַדויערן, וואָס עס זענען נישט פאַראַן קיין פאַרגלייכן פאַר צוויי צייט־פּונקטן, כדי מיר זאָלן קענען פעסטשטעלן די אַנטוויקלונג און איר טעמפּ.

ס'וואָלט געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי איז די לאַגע אין 1954 אין פאַרגלייך מיט 1946. לאָמיר דערמאָנען, אַז 1946 איז געווען דאָס ערשטע יאָר פון גרויסן פאָלקס־טרויער. ערשט דעמאָלט איז דאָך פעסטגעשטעלט געוואָרן די אמתע צאָל קרבנות און דער פאָלקס־בראָך אין זיין גאַנצער קאַטאַסטראָפאַלקייט.

מיר האָבן העכער אָנגעוויזן דערויף, אַז דער בית המדרש, די מאָדערנע סינאַגאָגע, איז פאַרהולט געוואָרן, פאַרפּראָפאַנירט געוואָרן. מיר ווייסן זייער גוט, אַז יידן האָבן אין בית המדרש גערעדט אויך דברי חול, אָבער עס איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן דברי חול און דברי־וואולגאַריטעט. לאָמיר ציטירן ראַביי ס. דרעזנער צו כאַראַקטעריזירן די אַטמאָספער אין אַן אַמעריקאַנער סינאַגאָגע 3):

1) איביד, ז' 95; 2) איביד, ז' 97; 3) „דזשואיש ספּעקטעיטער", יוני, 1953.

„ס'איז געווען איבערצוקוקן אַ טיפּישן סינאַגאָגע־ביולעטין צו זען, אַז סיי דער „מענסקלאָב" און דער „סיסטערהוד" פאַרברענגען ס'רוב זייער צייט אויף אַ לאַנגער קייט טיי־פּאַרטיס, קאָרטן־פּאַרטיס, ספּאָרט, מאָדע־אויסשטעלונגען. אַפּילו די אַזוי גערופענע רעליגיעזע אונטערנעמונגען ווערן שרעקלעך ווולגאַרי־זירט — די קאַבאַרעט־אַרטיקע חתונה־סאַלאָנען, דאָס ליגן (בעת לויות) אין דעם פּליוש געזוימטן מעטאַלענעם אָרון, דאָס פאַרוואַנדלען דאָס שבת־דאַווענען אין אַ דראַמאַטישן ספּעקטאַקל יעדן פרייטיק מיט אַזעלכע „פּיטשורס" ווי דער כאָר אָדער אַ לעקציע וועגן דעם בעסטסעלער. שמירת שבת איז פּאַקטיש פאַר־שווונדן. דער טעגלעכער מנין שטאַרבט אָפּ. אָנשטאָט אַנטקעגן ווירקן האָליווד, טעלעוויזיע און מיאַמי ביטש האָבן מיר זיי איינגעגלידערט אין אונדזער כלל־לעבן און אויך אין אונדזערע סינאַגאָגעס".

אָט איז אַ גלענצנדיקער ביישפּיל צו דער ווולגאַריזאַציע פון דער סינאַ־גאָגע און טאַקע דורך די פירער זעלבסט און דווקא דורך אָנגעזעענע גייסטיקע פירער, וועלכע וואָלטן באַדאַרפט זיין זהיר וזהיר און ראַטעווען די סינאַגאָגע און די רעשטלעך פון יידישע טראַדיציעס, און ווייזן אַ ביישפּיל, אַז אַ מקום קדוש איז עפּעס אַנדערש ווי אַ טעאַטער און ווי אַ מוווי און אַז מען שטייט פאַר אַן אָפענער ספר תורה מוז מען זיך פילן ווי מען שטייט פאַר גאָט.

מיר וועלן ברענגען אַ ביישפּיל פון אַ סינאַגאָגע פון ראַביי קאַפּלאַן, אַלזאָ פון אַ גייסטיקן פירער פון גאָר אַ הויכן ראַנג און מיט אַ פאַרדינטן נאָמען. און דער העלד פון דער סצענע, וואָס ווערט באַלד באַשריבן, איז נישט אַבי ווער נאָר ראַביי איירא אייזנשטיין, דער איידעם פון ראַבי קאַפּלאַן, דער אייניקל פון באַרימטן אַלטן העברעיִשן שרייבער י. ד. אייזענשטיין, דעם מחבר פון אוצר היהדות. ראַביי איירא אייזענשטיין איז געווען אַ טאָפּלטער יובילאַר: צוואַנציק יאָר אַ ראַביי אין שול און צוואַנציק יאָר פאַרהייראַט:

„באַקומט דער ראַביי אייזענשטיין מיט זיין ווייב חמישי. ביידע ווערן אויפ־גערופן צו דער תורה. זי מאַכט די ערשטע ברכה. ער מאַכט די צווייטע. און ווען דער חזן מאַכט זיי ביידע אַ מי שברך, גיבן זיך די צוויי אַ קוש טאַקע ביי דער תורה"1).

דער דאָזיקער פאַקט איז שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן, נאָר ס'איז גע־וואָרן דערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין איינגעפירטער מינהג אין דער שול פון די רעקאָנסטרישייאָניסטן, נאָר אַן אויסנאַם פאַל פאַרן ראַביי, וואָס איז געווען אַ טאָפּלטער יובילאַר. ס'איז דאָך אָבער גאָר נישט וויכטיק, צי דאָס איז אַן איינ־געפירטע שטענדיקע רעפאָרם, צי אַ צופעליקער אויסנאַם־כבוד דעם ראַביי, דעם מנהיג הדור, וואָס דאַרף דינען פאַר אַ מוסטער. דער פאַל איז כאַראַקטעריסטיש

1) „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 10טן יוני, 1954.

און מען קען זאָגן „אם בארזים״... אויב די צעדער־ביימער ברענען אַזוי, וואָס קען מען שוין פאַרלאַנגען פון די פשוטע אַמעריקאַנער ייִדן?

אָט איז אַ קאָנקרעטע באַשרייבונג פון דער קדושה, וואָס הערשט אין אַ שול אין ניו־יאָרק אום יום כיפור, יום פון „תשובה ותפילה וצדקה״ 1):

„ס'איז געווען אַ האַלב־אָרטאָדאָקסישע שול ווו די מענער און פרויען זיצן אין דעם זעלבן זאַל נאָר באַזונדער, אָפּגעטיילט מיט אַ נידעריקער מחיצה. די בחורים און מיידלעך אין די לעצטע רייען זענען געזעסן צוזאַמען. מען האָט נישט נאָר גערעדט, נאָר אויך זיך געוויצלט און זיך איבערגערופן מיט ווייט־שטייענדיקע. פלוצלונג האָט דער רב אָדער דער גבאי אַ פּאַטש געטון אין שטענ־דער און אויסגערופן אין ענגליש: „לײדיס און דזשענטעלמענס, איך בעט זיין שטיל אויף אַ ווײלע. דער חזן מיטן כאָר וועלן אויסזינגען איצט אַ שטיקעלע, פון וואָס איר וועט הנאה האָבן״. אין ענגליש האָט דאָס געהאַט נאָך מער חן: „לײדיס ענד דזשענטעלמען, פּליז, קיפּ קוויאַיעט, טהי קאַנטאָר ענד איס קווייער וויל נאאו סינג פאָר יו וועהיטש יאָ וויל ריעל ענדזשאָי״.

„עס איז געוואָרן שטיל. דער חזן האָט זיך צעלאָזט מיט אַ פּאָפּולערער מעלאָדיע צוגעפּאַסט צו אַ פּיוט. ווען ער האָט געענדיקט האָט דער עולם אויס־געבראָכן אין אַפּלאָדיסמענטן. עס איז באַלד ווידער טומלדיק געוואָרן. איך בין אַרויסגעלאָפן פון שול״.

מען קען געוויס געפינען אין ניו־יאָרק נישט איין שול, ווו די שטימונג יום כיפור איז אַ גאַנץ אַנדערע. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז געווען צו כל נדרי אין דער שול פון די באָבאָווער חסידים אין מאַנעהעטען — אַ שטי־מונג געווען ממש ווי צוריק מיט 50 יאָר ביי די ייִדן פון מיין קליין שטעטעלע אין קיִעווער גובערניע אין רוסלאַנד. דער אומגליק אָבער איז, וואָס די שול פון די באָבאָווער חסידים איז אַ ירושה פון פריִער, געבראַכט פון גאַליציע — די באַשריבענע שול העכער איז טיפּיש פאַר אַמעריקע, זי איז דער טיפּ פון דער צוקונפט.

דער ציטירטער ד״ר סיימאָן ענדיקט זיין צאָרן־געשריי מיט פאָלגנדיקע ריכטיקע ווערטער:

„אַז מען לעבט אַ גאַנץ יאָר אַן אויסגעליידיקט לעבן, מען רירט זיך נישט צו צו קיין ייִדישן ספר, מען שטעלט דעם טראָפּ אויף פאַרווײלונג און הנאה, קענען נישט די דריי טעג פון יום טוב פלוצלונג ווערן הייליק און פאַרכטיק״.

אַן אילוסטראַציע צו די נאָר וואָס געבראַכטע ווערטער וועט זיין אַ באַ־שרייבונג פון פרייטיק אָוונט אינעם געדיכטעסטן ייִדישן קוואַרטאַל פון ברוקלין,

---

1) ד״ר שלמה סיימאָן, „אַמעריקאַנער אידישקייט״, מאָרגן־זשורנאַל, 23סטן אָקטאָ־בער, 1952.

אין אַ ראַיאָן, ווו עס ווערט נאָך אַ סך גערעדט יידיש, ווו די ירושה פון מזרח־אייראָפּע איז נאָך גענוג פריש און נאָך גענוג לעבעדיק, אָבער שוין פאַרסמט מיט אַמעריקאַניזם, מיט יענעם איבערגאַנג־אַמעריקאַניזם, וואָס איז נישט אַהין און נישט אַהער, עס איז נישט קיין עכטע יידישקייט, עס איז אָבער אויך נישט קיין עכטע אַמעריקאַנישקייט.

פּראָפעסאָר שאַרפשטיין האָט געמאַכט אַ שפּאַציר אינעם געדיכטסטן קוואַר־טאַל און ער שרייבט[1]:

„מיידלעך און בחורים געזונטע, פּרוכט פונעם ים און פון דער זון, שפּילן אין פּילקעס, מען שטייט נאַקעט כמעט. אַלע געשעפטן זענען אָפן. די רעסטאָ־ראַנען זענען געפּאַקט. אויף די בענק זיצן יונגע מענטשן און שלינגען אייזקרעם. מען רעדט און מען געוואַלדעוועט. אין דער גאַנצער גאַס אַ טומל און אַ רעש. איך לאָז זיך זוכן אַ געשלאָסענע קראָם לכבוד שבת. גאָט צו דאַנק — איך האָב גע־פונען. אָבער וואָס איז אָנגעשריבן אויף דער שילד? „בשר כשר!“. עס איז די קראָם פונעם קצב פון דער גאַס.

„איך כאַפּ אַ קוק אין דריי בתי מדרשים, פאַר וועלכע איך בין דורכגע־גאַנגען. זייער ווייניק מתפּללים. אַז איך בין אַרויס פון איין בית המדרש איז שוין געווען אָוונט. דורך די פענצטער פון די הייזער זעט מען נאַקעטע נפשות זיצןביים טיש און עסן. נישטאָ קיין סימן פון יידישקייט, פון שבתדיקייט. נאָר די ציין אַרבעטן געשמאַק. אויך אין די רעסטאָראַנען, אַפילו אין די כשרע, איז נישטאָ קיין סימן פון שבת. געלט נעמט מען אָפן. אויף די באַלקאָנען זיצן אַ סך יידן און שפּילן אין קאָרטן“.

יידן מאַכן אויס אין דעם באַשריבענעם ראַיאָן נישט ווייניקער פון 75־80 פּראָצענט. די קונים אין די יידישע געשעפטן זענען מיסתמא אויך מער פון 90 פּראָצענט יידן. וואָלט לכן נאָר געווען אַ רצון, אַ וועלכער ס'נישט איז יידישער פונק פונעם אַמאָליקן שבת קודש, וואָלט מען גרינג געקענט האַלטן שבת די געשעפטן געשלאָסן. בפרט נאָך, אַז עס איז גאָר נישט אַזוי שווער אין ניו־יאָרק אויסצוקעמפן דאָס רעכט צו האַלטן זונטיק די קראָם אָפן.

דער זעלבער פּראָפעסאָר שאַרפשטיין שרייבט ווייטער אין זעלבן אָרט:
„זונטיק בין איך ווידער דורכגעגאַנגען דעם זעלבן ראַיאָן. די שטימונג איז געווען אַ יום טובדיקע. די געשעפטן געשלאָסן“. ער באַשרייבט ווייטער, ווי דער יידישער עולם האָט אויסגעזען יום טובדיק געקליידט.

מען קען מיט אַ רויקן געוויסן באַהויפּטן, אַז זונטיק אַלס נישט נאָר אַ פּשוטער רו־טאָג, נאָר אויך אַלס אַ הנאה־טאָג, אַלס אַ אמתדיקער נשמע יתירה־טאָג איז שוין אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן ביי די ברייטסטע מאַסן,

1) 'הדואר', ניו־יאָרק, 13טן דעצעמבער, 1946.

אַז מען ספקט גאָר נישט אין דעם, אַז מען נעמט דאָס שוין אָן ווי אַ נאַטיר־לעכע זאַך, כמעט ווי אַ טראַדיציאָנעלע זאַך.

דער גאַנצער געבראַכטער מאַטעריאַל וועגן דער ירידה פון דער ייִדישער רעליגיע, אַלס אַ מחיצה צווישן ייִד און נישט־ייִד, וועגן דער ירידה פון יענע רעליגיעזע טראַדיציעס, וועלכע זענען געווען די וויכטיקסטע חינוך־פאַקטאָרן פון דורות אין ייִדישן נאַציאָנאַלן גייסט — דאָס אַלץ איז אַ טראָפּן פון דעם רייכן מאַטעריאַל, וואָס איז ביי מיר אָנגעזאַמלט און וואָס אילוסטרירט אין דער שרעקלעכסטער פאָרעם איינעם פון די וויכטיקסטע אַסימילאַציע־פּראָצעסן.

מיר האַלטן פאַר געבאַטן צוצוגעבן פאָלגנדעס — לויט די סאַמע לעצטע ידיעות, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף דער ראַבייס־קאָנפערענץ פון דער רעפאָרם־ריכטונג 24טן יוני 1954, זענען אין די לעצטע צען יאָר אויסגעבויט געוואָרן אין די שטאַטן נייע 200 שול־בנינים, וועלכע האָבן געקאָסט העכער 400 מיליאָן דאָלער. מיר פאַרשפּאָרן צוצוגעבן, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג איז נישט געוואָקסן אין אַזאַ טעמפּ, אַז עס זאָל געווען זיין נויטיק נייע 200 שול־בנינים און פון אַזאַ פאַרנעם און פון אַזאַ לוקסוס. גיכער איז דאָס אַ באַווייז, אַז די סינאַגאָגע ווערט אַלץ מער דער נאַציאָנאַלער סימבאָל פון דער צוגעהעריקייט צו דער ייִדישער גרופּע. וואָס מער עס פאַרשווינדן די וועלטלעכע סימנים פון צוגעהעריקייט צו דער ייִדישער גרופּע, שפּראַך, פּרעסע, שבת, יום טובים, אַלץ מער פאַסט מען זיך צו צו דער לעצטער רעטונג — צו דער סינאַגאָגע. זי האָט די גרויסע מעלה, וואָס זי איז אין האַרמאָניע מיט דער אַנטוויקלונג אין לאַנד בכלל — מיט דער רעליגיעזער צעטיילונג און מיט דער אָפּטיילונג פון דער רעליגיע פון שטאַט. אָבער חוץ די דאָזיקע אויסערלעכע סיבות און פאַקטאָרן זענען בלתי ספק פאַראַן אינעווייניקסטע פּאָזיטיווע מאָמענטן, וועלכע ליגן אין דער טענדענץ צו אָרגאַניזירן זיך אַרום און אונטערן דאַך פון די סינאַגאָגעס. דער מאָמענט פון דער פאַשוווּנדונג פון די פאַרשיידענע לאַנד־ און ריכטונג־אָרגאַניזאַציעס, ריכטונגען, רעליגיעזע, פּאָליטישע, קולטורעל־נאַציאָנאַלע ווערט אַלץ נאָענטער און נאָענטער. פאַלן אָבער אַראָפּ די באַנדן, וועלכע האָבן געהאַלטן ייִדן פאַראייניקט דורך לאַנד־אָפּשטאַמונג און דורך פאַרשיידענע נאָר וואָס אויס־גערעכנטע מער ערנסטע און מער נשמה־באַפרוכטערנדיקע מאָטיוון, בלייבט דער ייִד הענגען אין די לופטן, נישט אַהין און נישט אַהער.

די מערהייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז לעת עתה נאָר אויסער־לעך אַסימילירט און מעג דער ייִד אַפילו זיין ווי טיף אַריינגעוואָקסן אין דער אַמעריקאַנער קולטור, זי באַפרידיקט אים נישט אינגאַנצן — ער זוכט נאָך אַ ייִדיש ווינקעלע, זאָל זיין נאָר פון יוצא זיין, פון באַרויִקן דעם נאַציאָנאַלן גע־ווּיסן, צו דעמאָנסטרירן זיין צוגעהעריקייט. און דאָס לעצטע וואָרט „די צוגע־העריקייט" („בילאָנג׳ינג") איז די לעצטע צייט געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע וואָרט

ביי דער יונגער גענעראַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. דער יונגער דור, וואָס האָט נישט קיין לאַנדסמאַנשאַפטן און נישט קיין ייִדישיסטישע אָדער העבּ־רעיִסטישע ירושות, און נישט קיינע אַנדערע מער אָדער ווייניקער ייִדישע צו־זאַמענהעפטונגען חוץ די ריין פילאַנטראָפּישע, וועלכע פאַרלירן אויך אַ סך פון זייער ווערט און ווירקונג, ווייל די מלוכה נעמט איבער גאַר אַ סך פונקציעס פון דער צדקה — אָט דער דאָזיקער ייִד זוכט סימנים פון „בילאָנגינג", פון ווי ס'נישט איז דעמאָנסטרירן פאַר די אייגענע קינדער, אָבער אויך פאַר דער אַרו־מיקער נישט־ייִדישער וועלט זיין ייִדישקייט. דער אַמעריקאַנער ייִד אין זיין גרויסער מערהייט, אַריינגערעכנט אַפילו די אַסימילירטע טיילן, וויל נישט באַ־האַלטן זיין ייִדישע צוגעהעריקייט. זאָל זיין, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער לעצטער גרויסער קאַטאַסטראָפע און אויך פונעם אויפקום פון מדינת ישראל און נישט פון אינעווייניקסטע אָרגאַנישע נאַציאָנאַלע כוחות, וועלכע שפּאַרן אַרויס און זוכן אַנטפּלעקונג־פאָרמען און דעמאָנסטראַציע־נוסחאות — דער פאַקט איז פאַראַן און דער שכל איז מחיב, אַז מען דאַרף די טענדענץ אויסנוצן אין דער מאַקסימאַלסטע מאָס און פּרוּוון אָנפילן די דאָזיקע „צוגעהעריקייט" מיט תוכן, מיט נאַציאָנאַלן אינהאַלט.

ווענן די פּרוּוון אויסצונוצן דעם ווּוּקס פון דער ראָלע פון דער קאָנגרע־גײשן פאַר פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע צילן וועלן מיר רעדן אין דעם דריטן טייל, וואָס וועט זיין געווידמעט די פּאָזיטיווע שטרעבונגען ביים אַמעריקאַנער ייִדנטום.

## ב) אין אַרגענטינע

די העכער באַשריבענע פּראָצעסן פון דער ירידה פון רעליגיע בכלל און פון דער אַנטוויקלונג פון אַ ווולגאַרער באַציִונג צום מקום קדוש זענען נישט קיין ספּעציעלע מכת מדינה פון די ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן — דאָס איז אַ מכת מדינות, נאָך בעסער אַ מכת הגלות. מיר זאָגן אַ „מכת הגלות", ווייל מיר ווייסן זייער גוט, אַז דער רוב פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פונעם ישוב פון פאַר מדינת ישראל איז נישט רעליגיעז און גייט נישט דאַווענען, אָבער עס איז מיר נישט באַקאַנט קיין איין פאַל פון ווולגאַרן פירן זיך אין אַ מקום קדוש. אין דעם באַשטייט טאַקע דער גרונט־חילוק צווישן גלות און היים־לאַנד — פאַר־לירט אייגן היים־לאַנד גאָט אין הימל בלייבט אַלץ דער היים־הימל, וואָס ווירקט גאַנץ שטאַרק אויף די פאָרמען פון נאַציאָנאַלן לעבן. אין גלות פאַרלירט מען די שול, פאַרלירט מען אַלץ — האַלט מען זיך דעריבער שטאַרק פאַר דעם שול־בנין בעת מען האָט גאָט אין הימל פאַרלאָרן. דער מקום קדוש אָבער אָן גאָט אין

הימל פאַרלירט פון זיין קדושה און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טעאַטער, אין אַ טאַנץ־זאַל.

די ידישע באַפעלקערונג פון אַרגענטינע איז באַדייטנדיק יינגער פון דעם אַמעריקאַנער ידנטום. די איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער מיט 2־3 צענדליק יאָרן און איז געגאַנגען לאַנגזאַמער די ערשטע יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט. גאָר אַ גרויסער טייל פון די אַרגענטינער ידן איז גע־קומען ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן לכן פאַר זיך רעלאַ־טיוו אַ יונגן ידישן ישוב, אַן אַנגעלאָדענעם נישט נאָר מיט נאַציאָנאַלע ירושות, נאָר אויך מיט רעליגיעזע. די אַרגענטינער ידן האָבן אויך נישט געטראָפן אין לאַנד בעתן אָנקומען קיין אַסימילאַציע־ירושות פון דייטשע ידן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין צפון־אַמעריקע.

לאָמיר זשע זען ווי האַלטן מיר דאָרטן מיט ידישער רעליגיע, וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט זי אין לעבן און ווי גרויס איז איר השפעה אין פרט פון דערציִען ידישע דורות אַזוי, אַז איזאָלירט זיין פונעם נישט־ידישן אַרום זאָל זיין דער וויכטיקסטער און דער געבענטשטסטער פועל יוצא פון ידישער פרומקייט?

די בוענאָס אײַרעסער „די אידישע צייטונג״ האָט אין 1952 געעפנט אַ סימפּאָזיום וועגן דעם מצב און וועגן דער השפעה פון דער ידישער רעליגיע אין ידישן לעבן. דערביי איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דאָ רעדט זיך נישט וועגן פרומקייט אין שמאָלן זינען פון וואָרט נאָר ברייט־נאַציאָנאַל גענומען.

דוד שיכמאַן, הרבי של „חברה משניות שומרי שבת״ שרייבט[1]:

„די לאַגע פון ידישקייט דאָ אין שטאָט און ווער שמועסט אין דער פּראָ־ווינץ איז זייער שרעקלעך אין אַלע ענינים — פון טהרה ביז מלה, ביז כשרות, ביז תלמוד־תורה, ביז שמירת שבת וימים טובים אאַז״וו.

„די פּופּציק שולן, וואָס וואָלטן אפשר געווען אַ באַווייז פון אַ רעליגיעזן געפיל, איז אָבער צום באַדויערן דער גרעסטער טייל פון זיי אַ גאַנצע וואָך כמעט ליידיק. און אין די, ווו מען דאַוונט נאָך בימי החול, ווערט אויך יעדעס יאָר ווייניקער מתפללים. אַ געוויסע צאָל שולן ברענגען דעם גרעסטן שאָדן דער רעליגיעזער זאַך. דאָס זענען די שולן, וועלכע זענען זיך מפרנס פון חתונות. מען זעצט זיך אויס ביי טישן קעגן דעם אָרון קודש בגלוי ראש און תערובות המינים, ועל השולחן כל מיני מאכלים אסורות עם חזיר, יינם, עם בנותיהם. וכטוב לב המסובין, דאַן הייבן זיך אָן די ריקודים און די געמישטע טענץ. און דאָס אַלץ ווערט געטון אין אַ מקום קדוש, ווו די תורה שטייט און שרייט אַרויס פונעם אָרון קודש, „הטרפה לא תאכלו ואת החזיר לא תאכלו!״.

---

1) „די אידישע צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1952, 20טן יוני.

דאָס איז מער ווי אַ שוידערלעך בילד און איך האָב געהאַפּט, ממש אַרויס־געקוקט, אַז עס זאָל קומען אַן הכחשה, אַז אין די ווייטערע אַרטיקלען זאָל דאָס בילד ווייכער געמאַכט ווערן לכל הפּחות. ליידער איז דאָס נישט געקומען. די ווייטערדיקע אַרטיקלען האָבן דאָס בילד געמאַכט נאָך שוואַרצער. יעדנפאַלס דער חילול פון דעם מקום קדוש איז באַקרעפטיקט געוואָרן.

אַן אַרטיקער באַקאַנטער כלל־טוער אפרים יאַנאָווסקי שרייבט 1):

„דער ריכטיקער גרוס פונעם רעליגיעזן מצב אין דער פּראָווינץ איז זייער אַ שפּלדיקער. אין די יידישע קאָלאָניעס, וועלכע עקסיסטירן נאָך, זענען קיין שוחטים נישטאָ. די שולן פּוסטעווען. אין אַ טייל ישובים שטייען די ספרי תורות און שימלען און ווערן אַ תל. איך האָב געזען אַ פּאָר ספרי תורות צעפּוילט, שטי־קער זענען געפאַלן, וואָס מען דאַרף אויף דעם פּשוט קריעה רייסן לויטן יידישן דין. אייניקע קאָלאָניעס האָבן צעוואָרפן די בנינים פון די שולן, פאַרקויפט די מאַטעריאַלן און פאַרטיילט די געלטער ווער פאַר ארץ ישראל און ווער פאַר די אינסטיטוציעס פון די אַרומיקע שטעטלעך. פון שבת איז אָפּגערעדט. דער חילול שבת איז אַזוי ווייט, אַז אַפילו די גרעסטע און עלטסטע קאָאָפּעראַטיוועס זענען אָפן שבת".

„צווישן די קאָלאָניעס מיט די גרעסטע שולן, וועלכע האָבן שוין שבת און יום טוב תפילה בציבור האָבן זיי זייער ווייניק באַזוכערס. טרויעריק איז אַ קוק צו טון, ווי ביי די וויכטיקסטע תפילות ימים נוראים, למשל, בעת הוצאת התורה אָדער ביי „כל נדרי" שטייען פיל יונגע לייט און קוקן אַפילו נישט אַריין אין קיין מחזור, פּשוט ווייל זיי קענען נישט קיין עברי. שטייען זיי און קוקן זיך צו צו דער „סצענע", עפּעס ווי דערשראָקענע, ווי, להבדיל, אין דער אַלטער היים, ווען מען פלעגט אַריינרופן דעם ערל צו נעילה די ליכט אָנצינדן...

אָט דאָס איז אַ גרוס, אַ ווייטיקלעכער גרוס פונעם רעליגיעזן מצב אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס, אין דער אַמאָליקער „ירושלים ד'אַרגענטינע".

די צוויי געבראַכטע ציטאַטעס זענען נישט קיין אויסנאַמען — אין דעם גייסט זענען געשריבן געוואָרן נאָך מינימום אַ צענדליק אַרטיקלען און בריוו אין רעדאַקציע. און דאָס אַלץ איז געשריבן פון מענטשן, וועלכע שטעקן טיף אינעם יידישן לעבן, וועלכע קוקן נישט פון דרויסן נאָר פון אינעווייניק. דער פאַדראַס איז נאָך גרעסער, וואָס דער הפקר־מצב ווערט פעסטגעשטעלט אויך אין די קאָלאָניעס, ווו די יידישע באַפעלקערונג קען דאָך אויספירן אַן אייגן לעבן און היטן שבת און יום טוב. מען קען נישט פאַרלאַנגען פון מענטשן פרומ־קייט, אָבער היטן שבת און יום טוב, לערנען די קינדער דאַווענען און אַ פּרשה חומש — דאָס זענען דאָך עלעמענטאַרע פאָדערונגען.

1) איביד.

לאָמיר נאָך געבן דאָס וואָרט דעם רב הכולל פון אַרגענטינע — ער ברענגט אַריין אייניקע נייע און ביז גאָר וויכטיקע און אינטערעסאַנטע שטריכן.

דער רב הכולל ד״ר שלעזינגער שרייבט1):

„לפּחות 75 פּראָצענט פון אונדזערע קינדער באַקומען נישט קיין ייִדישע דערציִונג און, להיפוך, לערנען זיי אין די מלוכהשע שולעס, און דאָרטן ווערט געלערנט לויטן געזעץ קאַטוילישע רעליגיע אָדער מאָראַלישע לערע אינספּי־רירט פון קאַטויליציזם. אונדזערע קינדער אָטעמען לכן אין אַ קאַטוליזירנדיקער אַטמאָספער. ווען מען רעדט מיט ייִדישע יוגנטלעכע וועגן ייִדישע רעליגיעזע טעמעס, רעדן זיי אין נישט־ייִדישע טערמינען, ווייל זיי טראַכטן אין קאַטוילישע טערמינען. אין דער דאָזיקער סיטואַציע ווערט שווער צו שטעלן דאַמבעס, וועל־כע זאָלן אויפהאַלטן די וואַקסנדיקע צאָל געמישטע חתונות״.

ווי זשע איז צו דערקלערן דעם דאָזיקן טראַגישן מצב? ווו שטעקט דער וואָרצל פונעם אומגליק?

אויף דעם האָט געגעבן אַ תשובה דער מחבר פון צוויי בענד „נגינות און תפילות ביי ייִדן״ יהודה חידקל2):

„אין דעם גאַנצן טומל אַרום חינוך, ראַבינאַט, בשר כשר, און די מאָנו־מענטאַלע געביידעס פאַר שולן צום דאַווענען, וואָס פּוסטעוועט פון ימים נוראים ביז ימים נוראים, איז קיין רעליגיעז, טראַדיציאָנעל ייִדיש לעבן נישט פאַראַן. די אויסנאַמען קענען נישט גענומען ווערן אין אַכט, ווייל זיי זענען אַ מיעוט שבמיעוט.

„ייִדישקייט וואָס נעמט אין זיך אַריין אַלצדינג: רעליגיע, טראַדיציע, נאַ־ציאָנאַליזם און איבערהויפּט המשך, מוז האָבן אַ פעסטן ייִדישן פונדאַמענט, מוז האָבן די ייִדישע היים, וואָס האָט געגעבן ייִדישן חיות דור־דורות און איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן אומבאַזיגבאַרע פעסטונג פון ייִדישקייט. די ייִדישע שטוב האָט אויסגעהאַלטן די שרעקלעכע שטורעמס פון דער געשיכטע. אונדזע־רע גרעסטע שונאים פון אַלע צייטן, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אונדז אומצו־ברענגען, האָבן אָט די פעסטונג, די ייִדישע שטוב, נישט געקענט צעשטערן.

„ווי האַלט עס דאָ ביי אונדז, אין אַרגענטינע, מיט דער ייִדישער שטוב, מיט אָט דער ייִדישער פעסטונג?

„מיר דוכט זיך, אַז וואָס אונדזערע גרעסטע שונאים האָבן פאַר טויזנטער יאָרן נישט געקענט באַוויזן חרוב צו מאַכן — די ייִדישע שטוב — האָבן מיר עס בידים אַליין געטון. מען מוז זיך זאָגן דעם אמת: די ייִדישע שטוב, חוץ

---

1) „די אידישע צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 19טן יוני 1952.

2) די זעלבע צייטונג, 13טן יולי, 1952.

ווייניקע אויסנאַמען, איז חרוב. און אַז דער פונדאַמענט איז איינגעפאַלן, ווי קען מען האַלטן די אויבערשטע עטאַזשן?״

דער לעצטער שרייבער איז צוגעגאַנגען צום סאַמע וואָרצל פון דער גרויסער טראַגעדיע — נישטאָ מער קיין ידישע היים! די קינדער פון ערשטן דור איינוואַנדערער זענען אומעטום געלאָזט געוואָרן אויף הפקר אין ידישן פּרט. די פרעמדע שולע, אין וועלכע זיי זענען אַוועקגעגעבן געוואָרן, האָט געפורעמט זייערע נשמות און געשמידט זייערע כאַראַקטערן. אומעטום ווערט פעסטגעשטעלט, אַז אַ גאַנצער דור איז אַרויסגעפאַלן — דער דריטער דור אין די איינוואַנדערונג־לענדער האָט זיך אויפגעכאַפּט, נישט פון זיך זעלבסט, נאָר אויפגעריסן פון זיין נאַציאָנאַלן שלאָף דורך די טייכן בלוט פון די היטלער־מערדער און שפעטער, להבדיל, פון די משיח־בשורות פון ארץ ישראל. ער האָט געעפנט די אויגן און זיך דערזען אין נאַציאָנאַלן פּרט פאַר אַ טיפן תהום. אַזאַ איז די לאַגע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַזאַ איז זי אין אַרגענטינע און נישט בעסער איז די לאַגע אין די קלענערע ידישע ישובים, אפילו אין די יינגסטע, ווו מען האָט שוין געקענט עפּעס לערנען פונעם דורכפאַל אין די עלטערע איינוואַנדערונג־לענדער. האָט מען טאַקע פיל געלערנט אָבער דער וואָרצל פון דער מכה — די אַרויסגעפאַלענע ידישע היים — אָט די דאָזיקע טראַגישע מכה איז געבליבן אַפילו אין יענע לענדער, ווו מען האָט פון סאַמע אָנהייב פון איינוואַנדערונג פאַר די ערשטע גראָשנס געבויט פאַלאַצן־שולעס פאַר די קינדער און דווקא גאַנצע אינטעגראַלע שולעס. אַזאַ ביישפּיל גיט אונדז די באַרימטע מעקסיקע.

## ג) אין מעקסיקע

דער מעקסיקאַנער ידישער קיבוץ — 22־20 טויזנט נפשות — איז נאָך פיל יינגער פונעם אַרגענטינער. ער איז אַלט נישט מער פון 25 יאָר און אַ גרויסער טייל פון אים איז נישט עלטער פון 20 יאָר. ער האָט לכן מיט זיך געבראַכט נישט נאָר אַ רייכע ירושה פון ידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע גרונט־טראַדיציעס, נאָר אויך אַ גרויסע פּראַקטיק אין פּרט פון קאַמף פאַר ידישע קולטור, אַ גרויסן באַגאַזש מאָדערנע נאַציאָנאַלע ווערטן און דערגרייכונגען.

עס איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס דער דאָזיקער קליינער ישוב האָט זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר מיט מוסטער־חברות אויף די געביטן פון סאָציאַלער הילף און פון ריינער צדקה, נאָר אויך אויף די געביטן פון קולטור. דער מעקסיקאַנער ידישער ישוב שמט אין דער גאָרער ידישער וועלט מיט זיינע ידישע שולעס און אויך מיט זיין רעלאַטיוו ברייטער פאַרלאַג־אַרבעט.

זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז דער אַסימילירפּאָטענציאַל פון דער אַרומי־

קער סביבה איז אין געגעבענעם פאַל דער שוואַכסטער, פיל שוואַכער ווי אַפילו אין אַרגענטינע, שוין אָפּגערעדט פון אַמעריקע.

קלאָר, אַז מען האָט געקענט דאָ האָפן אויף די מאַקסימאַלסטע דערפאָלגן אין פּרט פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזן המשך, אין פּרט פון וועבן די קייט פון על־טערער און מאָדערנער יידישער קולטור אָרגאַניש ווייטער. מען האָט אַפילו גע־קענט האָפן, אַז אויפן נייעם באָדן ביי בעסערע עקאָנאָמישע און אויך בעסערע פּאָליטישע באַדינגונגען וועט די אַנטוויקלונג פון אָרגאַנישן צוזאַמענשמעלץ פון נייער און אַלטער יידישער קולטור אָננעמען מוסטער־פאָרמען. די קליינע צאָל יידן איז אין געגעבענעם פאַל באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פּלוס — דער קיבוץ האָט דאָך געמאַכט אָפּט אַן איינדרוק פון אַ משפּחה, וואָס ווי מען זאָל זיך נישט אַמפּערן און קריגן צייטנווייז, בעט מען זיך גיך איבער און מען גיט נאָך, ווייל די אינטערעסן פון דער גאַנצער משפּחה אַלס אַזאַ איז דאָך טייערער און ווערט־פולער פון די אינטערעסן און אָפּט קאַפּריזן פון דעם אָדער יענעם גליד פון דער משפּחה. מען האָט זיך קעגנזייטיק געקענט, מען האָט געוווּסט די רעסורסן פון יעדן, ווי אויך דעם קולטור־יחוס. די גיזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז טאַקע צוליב די אַלע אָנגעוויזענע גינציקע פאַקטאָרן אַוועק מיט אַזאַ טעמפּ און מיט אַזעלכע ערשטע און אויבנאויפיקע רעזולטאַטן, אַז מען האָט זיך געווענדט פון אַלע עקן פון גלות־יידנטום צו דעם מעקסיקאַנער ציון פון גלות.

לאָמיר זשע זיך צוקוקן צום „בן יקיר״ פון די גלות־ישובים.

לאָמיר צוערש געבן אַ וואָרט אַ פּעדאַגאָג, וואָס לעבט אין מעקסיקע שוין מער פון אַ צענדליק יאָר און קוקט זיך צו צום יידישן לעבן מיט פיבער און מיט טיפן נשמה־אינטערעס. ער איז אַריינגעטון ראשן ורבו, בלב ונפש אין אַלע זייטן פון יידישן לעבן. זיינע אַנאַליזן, מעגן זיי זיין שטאַרק סוביעקטיוו גע־פאַרבט, זענען זיי אָבער בלתי ספק געבויט אויף פאַקטן, אויף מאַסן־פאַקטן.

דער לערער א. גאָלאָמב שרייבט[1]: „כמעט 80 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער גייען אין יידישע שולעס און נישט איין יאָר אָדער צוויי, נאָר 9 און אויך 11 יאָר און נאָך מער. די יידן גיבן אויס אויף די שולעס גרויסע סכומים פאַר שכר־לימוד און סובסידיעס. די שולעס האָבן אַלע גרויסע בנינים, אייגענע אױ־טאָבוסן צו ברענגען און אַוועקפירן די קינדער. מיט איין וואָרט: הלוואַי אויף אַלע יידישע ישובים נישט ערגער!

„דוכט זיך — איז דאָך זייער גוט! האָבן זיך אָבער לעצטנס גענומען הערן שטימען: נו, און ווו זענען די רעזולטאַטן פון אָט דער פאַרצווייגטער און רייכער יידישער דערציִונג? אין לעבן פון ישוב איז גאָר נישט קאָנטיק די השפּעה פון די יידישע שולעס. דער הויפּט־רב פון שטאָט דערציילט, אַז ער האָט שוין מסדר

---

1) „טאָג״, ניו־יאָרק, 12טן יוני, 1952.

קידושין געווען ביי אַריבער טויזנט פּאָרלעך. זענען צום ישוב זיכער צוגעקומען נייע יידישע היימען. זיכער איבער אַ פערט־חלק. און די גרעסטע מערהייט פון זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ יידישע שולע. און נאָך אַלעמען איז דאָס אין לעבן נישט קאָנטיק!

„דעם גרעסטן חורבן האָט געליטן די אַזוי גערופענע רעליגיעזע יידישקייט — פון שבת איז קיין זכר נישט געבליבן! עס זענען נישט צוגעקומען קיין דאַווע־נער אין די בתי מדרשים אַפילו אין די ימים נוראים. קיין קויפערס פון כשר פלייש זענען נישט צוגעקומען, הגם איינע פון די שולעס גילט פאַר אַ רעליגיעזע און באַרימט זיך מיט אירע אויפטוען.

„נישט בעסער איז אויך מיט דער וועלטלעכער יידישקייט. עס זענען דאָ ביבליאָטעקן, נעמט קיינער, (אָבער טאַקע קיינער!) נישט קיין ביכער. געווען אַ פּרווו צו עפענען אַ ביכער־געשעפט. האָט זיך עס פאַרמאַכט. די צאָל אַבאָנענטן אויף אַ יידישער צייטונג איז נישט געוואָרן גרעסער. אויף אַ יידישן קאָנצערט און אויף אַ יידישן רעפעראַט דאַרף מען אַ יונגערן יידן זוכן מיט ליכט — און איר וועט אים נישט געפינען. אינטערעס צו יידישע פּראָבלעמען כמעט בטל! בכל אופן פאַרנעמט ער נישט קיין שום אָרט אין לעבן".

אַ זייער געדיכט שוואַרץ בילד, וואָס ווען מיר זאָלן אַפילו אַראָפּלאָזן אַ סך פון דער געדיכטקייט וועט נאָך אַלץ בלייבן גענוג חושך ואפלה. ווו שטעקן די סיבות? די גרונט־סיבות פון אַזאַ חורבן, פון אַזאַ סטעריליקייט ביי אַזאַ יונגן און זאַפטיקן יידישן ישוב? ביי אַ ישוב, וואָס איז געקומען אַזוי רייך אָנגעלאָדן און באַוואָפנט מיט גרייטע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע קולטור־פאָרמען און האָט גע־טראָפן אַזעלכע גינציקע און העלפנדיקע אויסערלעכע באַדינגונגען?

אָט איז דעם זעלבן גאַלאַמבס תשובה און נישט נאָר גאַלאַמבס[1]:

„עס גייט אַ געיעג נאָכצומאַכן דעם הויפּט־פאָלק אין אַלץ. דעם גרעסטן חורבן האָט געליטן טאַקע די רעליגיע. שבת איז לגמרי פאַרגעסן. נישטאָ קיין סימן פון שבת נישט אין גאַס און אויך נישט אין שטוב. זונטיק איז אַ גאַנצער יום טוב און יום טובדיקייט. עס גייט די גאַנצע משפּחה אין רעסטאָראַן עסן. מען טאָר נישט מאַכן זונטיק קיינע זיצונגען און קיינע פאַרזאַמלונגען. קיינער וועט אום זונטיק נישט קומען. יידישע קראָמען מיט אַן אויסשליסלעך יידישער קונדשאַפט זענען אָפן שבת, ווען יידישע פרויען גייען איינקויפן אויף זונטיק... ווען איר זעט אַן אָפענע קראָם זונטיק, זייט זיכער, אַז דאָס איז אַ גוייִשע, ווייל קיין ייִד וועט נישט מחלל זונטיק זיין...

„ריידן יידיש מיט אייגענע קינדער — סיידן אַ צעדרייטער, נישט אַנדערש. און מיט אייניקלעך — דאָך זיכער. אַ קהילה מיט אַ פּאָר צענדליק טויזנט יידן

1) איביד.

האָט נישט קיין שטענדיקן חזן. מען ברענגט אַראָפּ אַ חזן אויף ימים נוראים, כּדי מען זאָל פאַרקויפן פּלעצער... עס איז אויך אַ מיסחר.

„קלאָגן זיך אָפּט ייִדן: סטייטש? זיי האָבן זיך דאָך אַזוי פיל אָנגעשטרענגט פאַר ייִדישער דערציִונג פון זייערע קינדער. אַ פאַרמעגן האָבן זיי אויסגעגעבן און די רעזולטאַטן זענען נישטיקע! זוכן זיי שולדיקע ווו איר ווילט, נאָר זיי וועלן בשום אופן נישט מודה זיין, אַז די שולד ליגט אין זיי, אין זייער היימישער נישט ייִדישקייט".

איך האַלט פאַר נויטיק צוצוגעבן, אַז אויך דאָס דאָזיקע פינצטערע בילד איז נישט אָפּגעלייקנט געוואָרן. פונקט פאַרקערט, עס איז אין אַ פולער מאָס באַקרעפטיקט געוואָרן דורך פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן קאָהן, אַ גאָר אַלטער תושב פון מעקסיקע, וועלכע האָט געשריבן אין דער זעלבער צייטונג 1):

„עס איז קיין ספק נישט, אַז די ייִדישע היים האָט שטאַרק געזינדיקט און זינדיקט אויך ווייטער אויף גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב. די לערער און די דערציִער פאַלן אָפּט אַריין אין פאַרצווייפלונג. די דורכשניטלעכע ייִדישע היים איז, פון ייִדיש־דערציִערישן שטאַנדפּונקט, באַנקראָט".

## ד) אין ענגלאַנד

מיר מאַכן אַ שפּרונג פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט אויפן אייראָפּעיִשן — מיר נעמען דעם קיבוץ, וואָס האָט נישט געליטן פון דער היטלעריסטישער מאָרד־מגפה. און נאָך אַ מעלה האָט דאָס ענגלישע ייִדנטום — עס איז דאָך מער אָדער ווייניקער קאָנסערוואַטיוו אינעם גייסט פון דער מערהייט פון לאַנד.

שרייבט דער לאָנגיאַריקער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „טהע דזשואיש מאָנטהלי" (אָקטאָבער 1950, זייט 426):

„אין דער איסט־ענד פון לאָנדאָן ווערט גאָרנישט געטון פאַרן ייִדישן רע־ליגיעזן לעבן. באַזונדערס ווערט איגנאָרירט די רעליגיעזע בילדונג. די אַחריות פאַלט נישט אויף דער געמיינדע נאָר אויף די עלטערן. אַן אָנגעזעענער רב פון מאַנטשעסטער האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט דאָס ענגלישע ייִדנטום: דאָס דאָזיקע ייִדנטום איז פּאָליטיש רייף, עקאָנאָמיש גוט סיטויִרט, געזעלשאַפטלעך שטאַרק פאַרנומען און רעליגיעז איינגעשלאָפן".

אין דעם זעלבן אַרטיקל געפינען מיר אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן כשר פליישׁ און אַז „אין לאָנדאָן זענען רעגיסטרירט פאַר כשר פליישׁ 161 טויזנט ייִדן און אין ליווערפּול 8 טויזנט, וואָס דאָס שעפּט אויס כּמעט אַלע ייִדן". קען

1) „טאָג", 16טן סעפּטעמבער, 1952.

מען זיך דאָך פֿרייען, אָבער ער גיט צו: „בלויז אַ מינדערהייט ייִדישע קינדער באַקומען אַ וועלכע נישט איז רעליגיעזע דערציִונג".

מיר האָבן דאָ צוטון מיט דעם איסט־ענד, מיט די קוואַרטאַלן, ווו עס האָט אַמאָל געקאָכט און געזאָטן מיט ייִדישן רעליגיעזן, נאַציאָנאַלן און פּאָליטישן לעבן. און אָט ווי דער זעלבער דערמאָנטער גלענצנדיקער קענער פֿון ייִדישן לעבן אין דער איסט־ענד כאַראַקטעריזירט דעם אַמאָליקן מצב (טהע דזשואיש מאַנטהלי", דעצעמבער 1950):

„די עלטערן פֿון דעם גרעסטן טייל פֿון איצטיקן ענגלישן ייִדנטום זענען געווען אַ באַזונדער פֿאָלק, וואָס האָט זיך קלאָר אונטערשיידט פֿון דער אַרומיקער נישט־ייִדישער וועלט. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ באַזונדערע קולטור, כמעט אַן אייגענע נאַציאָנאַלע לעבנס־פֿאָרעם, אַן אייגענע אמונה, אַן אייגענע וועלט־אַנשויאונג, אַן אייגענע באַציִונג צו דער אַרומיקער וועלט, אַן אייגענע קיך, אַן אייגענעם לעבנס־סטיל, אייגענע יום טובים און אַפֿילו אייגענע פֿאָרמען פֿון אָרגאַניזאַציע, ווי חדרים אויף צו לערנען קינדער, בתי מדרשים, שפּיטאָלן". דאָס דאָזיקע בילד איז ווערט גאָלד — עס גיט אַ קלאָרע פֿאָרשטעלונג, ווי אייגנאַר־טיק, ווי אָרגאַניש, ווי האַרמאָניש אין זין פֿון רעליגיע און נאַציאָנאַלע פֿאָרמען עס איז געווען דאָס לעבן ביי די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן. דאָס בילד פֿון ייִדישן לעבן אין איסט־ענד פֿון לאָנדאָן איז דאָך אייגנטלעך פֿון די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד, אין גאַליציע, בוקאָווינע און קאַרפּאַטאָרוס. און עס איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין לאָנדאָן — אָבער אויפֿן נייעם באָדן איז דאָס צעפֿאַלן, צעקראָכן און אונטערגעגאַנגען. וואָלט מען געקענט מיינען, אַז חלילה רדיפֿות און נגישות האָבן דעם אומגליק געבראַכט. לאו דווקא! פּונקט פֿאַרקערט.

לאָמיר ווייטער געבן דאָס וואָרט דעם קאָמפּעטענטן קענער פֿון ייִדישן לעבן. נאָכדעם ווי ער באַשרייבט זייער לעבעדיק און זאַפּטיק, ווי ראש השנה און יום כיפּור זענען די בתי מדרשים געווען געפּאַקט און „מען האָט אין גאַנצן ראַיאָן געפֿילט די ייִדישע ימים נוראים"! אַז „זיי האָבן געהאַלטן ייִדיש כמעט פֿאַר הייליק און געקעמפֿט קעגן איינפֿירן ענגליש אין דער תלמוד תורה" און אַז „אין דער ישיבה איז ייִדיש געבליבן די לימודים־שפּראַך אַזוי לאַנג ווי זי האָט פֿונק־ציאָנירט", און אַז עס זענען דערשינען ייִדישע צייטונגען אין לאָנדאָן גיט ער צו: „עפּעס אין קורצע עטלעכע יאָר האָט זיך דאָס בילד געענדערט בייטן. אויפֿן אָרט פֿון דעם וואָס ייִדישע קינדער זאָלן ירשענען ייִדיש פֿון די עלטערן האָבן די עלטערן אָנגעהויבן צומישן ענגלישע ווערטער צו זייער ייִדישער שפּראַך, שאַפֿנדיק אַ מין נייעם זשאַרגאָן, וואָס איז געוואָרן אַ שפּרינג־ברעט צו ענגליש. נאָך דעם געזעץ וועגן אימיגראַציע־באַגרענעצונגען פֿון 1905 איז געוואָרן קלאָר, אַז דער קאַמף איז אַ פֿאַרשפּילטער".

דער קאַמף איז אַ פֿאַרשפּילטער, ווייל די קינדער פֿון די שניידער און סטאָ־ליאַרעס זענען אַוועק אין די מיטלשולעס און אַפֿילו אין די אוניווערסיטעטן און איצט רעכנט מען אין לאָנדאָן נישט ווייניקער פֿון 30 פּראָצענט מיט העכערער בילדונג צווישן די יידישע איינוווינער. און דער פּראָצענט יידישע באַשעפֿטיקטע אין ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס איז ביי יידן עטלעכע מאָל העכער, ווי ביי דער נישט־יידישער באַפֿעלקערונג. און אַ גאַנץ גרויסער פּראָצענט פֿון די קינדער פֿון די שניידערס און סטאָליאַרעס, שוסטערס און טאַבאַק־אַרבעטער האָבן גרויסע געשעפֿטן פֿון קליידער און מאַנטלען, יוועליר־זאַכן און אַנדערע סחורות אין די צענטראַלע גאַסן פֿון לאָנדאָן און פֿון פֿילע אַנדערע ענגלישע שטעט. געוויס נישט אַלע זענען געשפּרונגען באַרג־אַרויף און נישט אַלע אַפֿילו זענען געשטיגן גאַנץ הויך, אָבער דער רעשט, וואָס איז געבליבן אויף די נידעריקע סאָציאַלע און קולטורעלע טרעפּ, איז געוואָרן סטעריל. ס'לעצטע יאָר איז געשטאָרבן די לעצטע יידישע צייטונג אין לאָנדאָן און עס איז אונטערגעגאַנגען דער לעצטער יידישער טעאַטער. די פּרוּוון צו שפּילן יידיש טעאַטער אין ענגליש זענען דורכגעפֿאַלן.

אַט אַזוי האָבן פֿולע פּאָליטישע פֿרייהייט און גוטע עקאָנאָמישע שאַנסן געמאַכט אַ „תכלית" פֿון אַ יידיש ווינקעלע אין אייראָפּע, וווּ עס איז פֿאַרלייגט געוואָרן דער יידישער סאָציאַליזם און וווּ עס זענען אויפֿגעוואַקסן פֿילע, גאָר פֿילע פֿון די לערער און פֿירער פֿונעם יידישן סאָציאַליזם און פֿון דער יידישער פּראָ־פֿעסיאָנעלער באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

בנוגע דעם אונטערוואַקסנדיקן יידישן דור אין ענגלאַנד האָבן מיר מאַטע־ריאַל, וואָס גיט גאָר שוואַכע האָפֿענונגען אויף אַ רעליגיעזן לעבן, און דאָס מיינט אויך אויף אַ נאַציאָנאַלן לעבן. אַן אַנקעטע דורכגעפֿירט ביי 1.075 יידישע סטודענטן האָט געבראַכט פֿאָלגנדיקע רעזולטאַטן („דזשואיש כראָניקל", פֿעב־רואַר 1951):

1) 67 פּראָצענט פֿון די מענער און 80 פּראָצענט פֿון די פֿרויען האָבן מיט בר־ און בת־מיצווה פֿאַרענדיקט זייערע יידישע לימודים.
2) נאָר 11 פּראָצענט פֿון די מענער און נאָר 7 פּראָצענט פֿון די פֿרויען האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי האָבן אַ גוטע און גרינטלעכע יידישע בילדונג.
3) 20 פּראָצענט פֿון די עלטערן פֿון די סטודענטן זענען אָרטאָדאָקסיש.
4) און נאָר 12 פּראָצענט פֿון די סטודענטן און 13 פּראָצענט פֿון די סטו־דענטקעס זענען אָרטאָדאָקסיש.
5) נאָר 12־11 פּראָצענט פֿון אַלע סטודענטן פֿון ביידע מינים היטן אָפּ יידישע מינהגים און טראַדיציעס.
6) נאָר 3 פּראָצענט פֿון אַלע סטודענטן און סטודענטקעס האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי קענען גוט דעם מאָדערנעם העברעיש. 34 פּראָצענט האָבן אָנגע־געבן, אַז זיי פֿאַרשטייען גאָרנישט. און די איבעריקע קענען קוים עברי.

אַרום 20 פּראָצענט פון אַלע סטודענטן האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי לערנען די מאָדערנע העברעיִשע שפּראַך.

מיר װעלן פאַרענדיקן דעם פּרק װעגן ענגלישן ייִדנטום מיט אַ ציטאַטע פונעם לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג „דבר" (9טן סעפּ' 1953):

„דאָ איז אָנגענומען, אַז מען קומט מנחם אָבל זיין ברענגט מען „גוטע זאַכן", קאָנפעקטן, פּרוכטן, קוכנס. גלייך װי מען קומט פונעם בית עולם זעצט מען זיך טרינקען טיי און עסן זיסע זאַכן. די טרויער־אַטמאָספער װערט גיך אויסגעװעפּט און דער שמועס גייט אַװעק אויף זיינע געװיינלעכע רעלצן — פערד־געיעג און אַנדערע ספּאָרט־טעמעס".

מיר האָבן געבראַכט די דאָזיקע ציטאַטע צוליב צװיי טעמים: 1) ערשטנס װייל דער דאָזיקער מאָדנער ריין־גויִישער מינהג איז כמעט װי געװאָרן טראַדי־ציאָנעל ביי דעם גרעסטן רוב פון די אַמעריקאַנער ייִדן. איך האָב פּערזענלעך דאָס בייגעװוינט אין פאַמיליעס, װעלכע זענען טיף נאַציאָנאַל. 2) איך מיין, אַז דװקא דער דאָזיקער מאָדנער גויִשער מינהג איז דער שאַרפסטער באַװייז, װי דאָס מאָדערנע ייִדנטום איז שװאַך געשיצט פון אַסימילירן־װירקונגען, װי לייכט און װי לייכטזיניק מאָדערנע ייִדן נעמען איבער מינהגים און פירעכצן פון דער מערהייט. מנחם אָבל זיין מיט אַ גוטער פלאַש װיין און מיט אַ גרויסן קוכן — װאָס קען זיין מער גויִש פון ייִדישן שטאַנדפּונקט?

**
*

מיר האָבן געבראַכט מאַטעריאַל װעגן דעם רעליגיעזן צעפאַל פון די ייִדישע געמיינדעס אין די לענדער מיט גרויסע מאַסן ייִדן און אין לענדער מיט אַ קליינער צאָל ייִדן; אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט װוּ די ייִדישע געמיינדעס זענען גאָר יונג, און אויף דעם ענגלישן אינדזל, װוּ די ייִדישע געמיינדע איז עטװאָס עלטער. מיר קענען נישט ברענגען קיין מאַטעריאַל װעגן ייִדישן לעבן אין קי־בוצים מיט הונדערטיאָריקער טראַדיציעס, װייל אַלע ייִדישע עלטערע אייראָ־פּעיִשע געמיינדעס זענען אין קאָמוניסטישע הענט און דאָס מיינט אַז װעגן אַ ייִדישן רעליגיעזן לעבן קען גאָר קיין רייד נישט זיין, אויב עס קען בכלל גערעדט זיין װעגן אַ װעלכן ס'נישט איז ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן.

דאָס בילד האָט זיך באַקומען פּעך שװאַרץ — דאָך װאָלט איך אַפּעלירט צום לייענער זיך נישט איילן צו מאַכן אַנטגילטיקע אַבסאָלוטע אויספירן. מיר װעלן װייטער זען, אַז עס רודערט זיך אין ייִדישן לעבן, אַז דער ייִדישער נאַציאָ־נאַל־רעליגיעזער אָרגאַניזם האָט דערפילט די דראָענדיקע סכנה און זוכט פּיי־בערדיק אָפּצוהאַלטן דעם צעפאַל־שטראָם. זוכט פּרוּװן אַריינצוגיסן פרישׁ בלוט

אין די פאַרגליוועךטע אָדערן פון די יידישע געמיינדעס; צו צעוועקן די איינ־געשלאָפענע יידישע טראַדיציעס דורך צוגעבן זיי נייע פאָרמען און נייע אויס־טייטשונגען. מעג דאָס בילד זיין ווי פאַרצווייפלדיק, טאָרן מיר נישט פאַרצווייפ־לען. איך וואָלט אַפילו געזאָגט, אַז דאָס איז די פּראָגראַם פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס — אויפצודעקן די ווונדן אָן רחמנות, ווייזן די אַסימיליר־תהומען אין זייער גאַנצן פאַרנעם און דאָך נישט פאַרלירן די האָפענונג, אַז תבוא ישועה.

# דער אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון די מאָדערנע שפּראַכן און קולטורן

שפּראַך איז אין אונדזערע צייטן געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערער אינסטרומענט פון השפּעה און באַווירקונג, ווי ווען ס׳נישט איז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אירע מאָדערנע השפּעה־אינסטרומענטן און איינפלוס־מעטאָדן זענען פון אַזאַ אַרויפצווינגענדיקער קראַפט, פון אַזאַ זיך אַריינרייסנדיקער מאַכט, אַז ס׳איז אוממעגלעך זיך זיי נישט אונטערצוגעבן.

חוץ דער אָבליגאַטאָרישער פאָלקס־שולע און צוגענגלעכע ווייטערע העכערע סטאַדיעס פון בילדונג; חוץ דער מאָדערנער פּרעסע און ליטעראַטור, וועלכע זענען געוואָרן פיל מער פאַרשפּרייטע און פיל טיפער ווירקנדיקע פאַקטאָרן; חוץ דעם טעאַטער, וועלכער איז געוואָרן ערשט אין די לעצטע הונדערט יאָר אַ פאָלקס־אינסטיטוציע מיט אַ ברייטער השפּעה אויף מאַסן, קומען אין באַטראַכט די גאַנץ מאָדערנסטע אינסטיטוציעס, ווי פילם, ראַדיאָ און טעלעוויזיע. דאָס זענען אינסטרומענטן, וועלכע רייסן זיך אַריין אין שטוב, ממש אין שלאָף־צימער, פאַרפאָלגן דיך אין גאַס אויף שריט און טריט און פאַרכאַפּן און פאַרכישופן מיט דער פאַרבנרייכער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע מאַטעריאַלן. זיי פאַרכאַפּן די נשמה און דאָס האַרץ פונעם יינגסטן קינד און אויך פונעם טיפסטן זקן — ווייל זיי קומען צו זיי און פאַרלאַנגען נישט קיין טרחה אום פון זיי הנאה צו האָבן, און זיי זענען אַזוי רייך אין דעם אויסקלייב פון מאַטעריאַל, אַז יעדער מין און יעדער עלטער געפינט דאָס געגאַרטע און געווונטשטע.

די דאָזיקע אויסערלעכע און אויך אינערלעכע עשירות איז אָבער תמיד און אומעטום די פּריווילעגיע פון דער לאַנד־שפּראַך, פון דער מערהייט־שפּראַך. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די אַסימיליר־השפּעה פון אַ מאָדערנער מערהייט־שפּראַך מוז אין פאַרגלייך מיט דעם אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון די מערהייט־שפּראַכן ביזן 20טן יאָרהונדערט נישט געכופּלט ווערן נאָר פאַרצענפאַכט און אפשר פאַרהונדערטפאַכט ווערן.

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס גרויסע יידישע געדיכטע און קאָמפּאַקטע

מאַסן מיט אַ הויך־אַנטוויקלטער פּרעסע־ און ליטעראַטור־שפּראַך האָבן זיך דאָך אײַן אײַן היסטאָרישן כּהרף עין אונטערגעגעבן דער שפּראַך־אַסימילאַציע. אײַנ־טערגעגעבן און גיבן זיך יעדן טאָג אַלץ מער און מער אונטער. ס'טוט שמערצלעך זוי דאָס מודה צו זײַן, נאָך שמערצלעכער איז דאָס צו דערוויזן מיט אָביעקטיווע פֿאַקטן, וועלכע מען קען נישט פֿאַרלײַקענען, אָבער זיך נאַרן האָט קײַן זין נישט און פֿאַרפֿירט. מיר וועלן ווײַטער גענויער זיך אָפּשטעלן אויף דער טראַגעדיע פֿון אויפגעבן אַ שפּראַך, וואָס שפּילט נאָך איצט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין נאַציאָ־נאַלן לעבן פֿון די ייִדן אין די גלות־לענדער. נאָר פֿאַקטן מוזן פֿעסטגעשטעלט ווערן, ווײַל נאָר אויף אַזאַ אופֿן קען מען געפֿינען וועגן און מיטלען, ווי צופֿאַר־מינערן די נעגאַטיווע זײַטן פֿון דער דערשײַנונג און ווי צו פֿאַרגרעסערן און באַרײַכערן די פּאָזיטיווע השפּעות אירע.

דער אומגליק באַשטייט נאָך אין דעם, וואָס ניט נאָר דער אַסימיליר־סוביעקט איז אין אונדזער עפּאָכע פֿיל שטאַרקער און מעכטיקער אין זײַנע השפּעות נאָר אויך די אַסימילאַציע־נטיות ביים אָביעקט זענען אין אונדזערע צײַטן פֿיל נאָכ־גיביקער, פֿיל צוגעלאָזענער. ריכטיקער וועט זײַן צו זאָגן, אַז די הײַנטצײַטיקע שפּראַכלעכע אַסימילאַציע־נטיות פֿון דער ייִדישער מינדערהייט זענען פֿון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווי אין די פֿריִערדיקע תּקופֿות. זיי זענען אינטימערע, גײַסטיקערע, טיפֿער אין דער פֿרעמדער קולטור אַרײַנדרינגיקע, מער אינער־לעכע, ווי אַמאָל. די הײַנטצײַטיקע שפּראַך־אַסימילאַציע טראָגט פֿון ערשטן מאָ־מענט אָן אַ קולטור — און גײַסט־כאַראַקטער, אַ טענדענץ נישט נאָר זיך קענען ווי ס'נישט איז צונויפֿרעדן מיטן באַלעבאָס פֿון לאַנד, ווי דאָס איז געווען אין די פֿריִערדיקע תּקופֿות, נאָר פֿון לכתּחילה אָן גלײַך אַרײַנשווומען אין די קולטור־אוצרות פֿון דער מערהייט, גלײַך זיך אונטערטוקן אין די גײַסט־וואַסערן פֿון דער מערהייט.

אַ קורצע עקסקורסיע אין דעם גילגול פֿון אַ דײַטשן דיאַלעקט אין אַ נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך וועט בולט מאַכן דעם טיפֿן תּהום צווישן שפּראַך־אַסימילאַציע אין מיטלאַלטער און אין אונדזערע צײַטן.

דער ייִד, וואָס האָט אין די דרום־שטעט פֿון דײַטשלאַנד צוריק מיט טויזנט יאָר אָנגעהויבן רעדן דײַטש, איז נישט נאָר געבליבן ווײַטער הונדערט פּראָצענט גײַסטיק איזאָלירט פֿון דער אַרומיקער קולטור־וועלט, נאָר ער האָט גלײַך ביי זיך אין שטוב גענומען פֿאַרהעברעיִזירן די פֿרעמדע שפּראַך. פֿאַרהעברעיִזירן מיט פֿילע אייגענע העברעיִשע ווערטער און אין רעזולטאַט אויך מיט ענדערן דעם בוי פֿון זאַץ און דערמיט אויך דעם כאַראַקטער פֿון דער שפּראַך. ער האָט אין גאַס און אין מאַרק געמוזט רעדן דײַטש און דאָס האָט אים געצווונגען אויך אין דער היים אָנהייבן סוף כּל סוף צו רעדן דײַטש, אָבער ער איז געגאַנגען אין בית המדרש און האָט מיט זיך מיטגענומען דעם טלית און תּפֿילין און האָט דאָרטן

געזאָגט נאָכן דאַווענען קאַפּיטלעך תהילים אָדער געלערנט אַ פּרק עין יעקב און קומענדיק אַהיים אינאָוונט האָט מען ווייטער געלעבט אַ איזאָלירט יידיש לעבן מיט אייגענע ספרים, הונדערט פּראָצענט פרעמדע צו דער אַרומיקער סביבה.

די דאָזיקע אייגענע, רעליגיעז־אייגענע קולטור־גייסטיקע סביבה האָט טאָג־טעגלעך באַאיינפלוסט די פרעמדע שפּראַך, זי געענדערט און איבערגעמאַכט און צוגעפּאַסט צו די נשמה־איבערלעבונגען און צו די גייסטיקע טראַדיציעס פונעם יידן, פונעם היסטאָרישן טיפּ ייד, פונעם וואָרצלדיקן, טיף אין טראַדיציעס שטע־קנדיקן יידן. דער טעכנישער כאַראַקטער פון דער איבערגענומענער פרעמדער שפּראַך איז געבליבן אין זיין קראַפט אויף ווייל עס האָט זיך גערעדט וועגן דער אַרומיקער פרעמדער סביבה — כלפּי פּנים איז באַשאַפן געוואָרן אַ נייע, אַן אייגענע יידישע שפּראַך. שוין אין דייטשלאַנד איז די איבערגענומענע דייטשע שפּראַך געוואָרן אַ יידישער דיאַלעקט, אַ איבערגעאַנדערשטער און איבערגע־אַרבעטער דיאַלעקט. צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, פון אַ רייכער, זאַפטיקער, נשמה־ און הארץ־פאַרכאַפּנדיקער שפּראַך איז יידיש געוואָרן ערשט אין דער סלאַווישער סביבה; אין דער אָפּגעשטאַנענער סלאַווישער סביבה, ווו יידן זענען הן שטחדיק, און הן סאָציאַל־עקאָנאָמיש געווען נאָך אַ סך מער איזאָ־לירט פון דער אַרומיקער מערהייט־סביבה, ווי אין די דייטשע מקומות און ווו זייער נויט צו פאַרבינדן זיך טעכניש־שפּראַכלעך מיט דער אַרומיקער נישט־יידישער באַפעלקערונג איז געווען באַפרידיקט מיט אַ גאַר קליינער צאָל פרעמ־דע ווערטער און אַן יעדן צוזאַמענהאַנג מיט דעם גייסטיקן לעבן פון דער דאָזי־קער פרעמדער סביבה.

מיר ווען ווייטער זען, אַז סוף 19טן יאָרהונדערט האָבן 99 פּראָצענט רוסי־שע יידן גערעדט יידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך. און אַפילו שפּעטער אין פּוילן אין 1931 האָבן נאָך אַלץ אַרום 90 פּראָצענט גערעדט און דאָס האָט גע־מיינט געלעבט מיט יידיש אַלס זייער הויפּט־שפּראַך.

גאָר אַנדערש איז איצט אין די לענדער מיט אַ הויכער קולטור, ווי אין די ענגלישע און פראַנצויזישע לענדער און אין אַ קלענערער מאָס אין די לענדער מיט שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש אַלס לאַנד־שפּראַכן. דער ייד איז נישט מער גייסטיק איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט — פונקט פאַרקערט: פון ערשטן טאָג פון אָנקומען אין אַ ניי לאַנד שיקט דער ייד זיין קינד אין דער לאַנד־שולע. קענען לייענען די צייטונג אין דער לאַנד־שפּראַך איז דער אידעאַל פון יעדן יידן אין דעם איינוואַנדערונג־לאַנד. דער בית המדרש, די תפילות, די יידישע ימים טובים, שבת, יידישע ספרים פון העכערער אָדער עלעמענטאַרער וואָג — דאָס אַלץ, וואָס האָט געשאַפן אין דער יידישער היים אַ הונדערט פּראָצענטיקע אייגענע יידישע אַטמאָספער, איז פאַרשוווּנדן אָדער האַלט אין פאַרשווינדן. נישטאָ קיין קעגן־אַטמאָספער, וואָס זאָל כאָטש וויפל ס׳נישט איז אָפּשוואַכן די

אַריינפּליסנדיקע אַסימיליר־כוואַליעס פון דער אַרומיקער סביבה מיט אירע מעכ־טיקע השפּעה־אינסטרומענטן. און נישט עס איז נאָר נישטאָ קיין קעגן־אַטמאָס־פער פון יידישן כאַראַקטער, נאָר פאַרקערט — די היים די יידישע איז איבער־פולט מיט דעם קולטור־ און גייסט־אַרום אפשר אין אַ פּיל גרעסערער מאָס, ווי די נישט־יידישע היים, אַפילו פון די נאָרדיקס אין אַמעריקע. מיר האָבן העכער געוויזן, ווי הויך עס איז ביי יידן דער פּראָצענט מענטשן מיט הויכער און מיטעלער לאַנד־בילדונג — און וואָס העכער דער בילדונג־מצב, אַלץ מער זויגט מען איין אין זיך זאַפּט פון דער דאָזיקער בילדונג און דאָס מיינט קולטור־און גייסט־זאַפּט פון דעם פרעמדן אַרום, וואָס איז אייגנטלעך מער אייגן, ווי וועלכער ס׳נישט איז צווייג פון יידישער קולטור.

אין די לעצטע 4־5 יאָרהונדערטער האָט דאָס אַשכנזישע יידנטום געשפּילט די פירנדיקע און די אַנטשיידנדיקסטע ראָלע אינעם לעבן פון יידישן פאָלק. זיינע אָקומולירטע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע גייסטיקע אוצרות און זיין מאָדערנער וועלטלעכער קולטור־באַגאַזש, אויפגעקומען און אויפגעוואַקסן און צעצווייגט זיך אויף דעם געזונטן היסטאָרישן באָדן פון אַן אייגענעם הונדערט־פּראָצענטיקן יידישן לעבן — דאָס זענען געווען די הויפּט־פאַקטאָרן פון אַלע יידישע קונסט־און קולטור־שאַפונגען און פון אַלע יידישע באַפרייאונג־באַוועגונגען, איינגע־שלאָסן דעם אויפקום פון מדינת ישראל.

ס׳וועט געוויס נישט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז די יידישע פאָלקס־שפּראַך, אָנגעזאַפּט מיט פאָלקס־גייסט און מיט פאָלקס־טראַדיציעס, די שאַפונגען אין דער דאָזיקן מאַמע־לשון פאַרנעמען איינעם פון די סאַמע ערשטע פלעצער אין דער רייכער געשיכטע פונעם אַשכנזישן יידנטום פון די לעצטע יאָרהונדערטער, באַ־זונדערס פון לעצטן יאָרהונדערט, פאַרפלייצטע מיט ימים יידישן בלוט, אָבער אויך געצייכנטע מיט גאָר הויכע קולטור־און גייסט־דערגרייכונגען. די יידישע פאָלקס־שפּראַך איז געווען יענער ווונדער־אינסטרומענט, דורך וועלכן די יידישע מאַסן האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די מאָדערנסטע וועלטלעכע אידייען און אידע־אַלן, בלייבנדיק טריי דעם אייגענעם אָריגינעלן יידישן געשיכטלעכן וואָרצל, בלייבנדיק אָרגאַניש אין די ראַמען פון אייגענער אינעווייניקסטער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

דער זאַפּט פון דער שפּראַך איז געווען נישט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ ברייטן און זאַפּטיקן יידישן פאָלקס־לעבן. די העכער שוין געגוג באַשריבענע יידישע קאָנצענטראַציעס, יידישע שטח־איזאָלאַציעס און יידישע סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע אויטאָנאָמיעס האָבן געשאַפן אַ ברייטע באַזע פאַר אַן אייגן פילפאַרביקס און פיל געשטאַלטיקס יידיש לעבן, אַ געדיכט יידיש לעבן, דיפערנצירט סאָציאַל און קולטורעל, פול מיט פּראָבלעמען און קאַמפן, נאָר אין תוך איינהייטלעך און געאייניקט, ווייל אַ נאָרמאַל און אָרגאַניש פאָלקס־לעבן.

אָט ווי אַ יידישער שרייבער מאָלט די פּילפּאַרביקעווירקלעכקייט פון אַ יידיש־שאַפער אין דער חרובער מזרח־אייראָפּעישער יידישער וועלט[1]:

„אַמאָל איז דער יידישער שרייבער פון פּוילן און ליטע געווען אַרומגע־רינגלט מיט יידישע געשטאַלטן און סוזשעטן, מיט שבת און יום־טוב און מיט יידישן אינדערוואָכן, מיט יידישן גורל און יידישער לאַנדשאַפט — דאָס אַלץ האָט זיך אַליין אַריינגעשריבן וואָרט ביי וואָרט אין זיינע שורות. אָט זענען גבירים און אָט זענען אָרעמע לייט, יונגוואַרג מיט ליבעס און מיט פּראָבלעמען, חלוצים און בונדיסטן, מנחם־מענדל און באַנטשע שוויַיג, האַרעפּאַשניקעס, פאַר־חלומטע שלימזלניקעס און צערויבטע סטראַגאַנעס, פּריצים און וועלדער און צעקריגטע שותּפים, וואָס פאַרנעמען שבת צונאַכטס נאָך הבדלה דעם זיידנס קיילעכדיקן טיש אונטערן וויסן בליצלאָמפּ.

„זיצט ביים טיש אויך אליהו הנביא, ער אַליין, אַ היימישער אָרעמאַן, אַ נייער. און„ דוכט זיך, דער רבש״ע אַליין איז אויך אַן אַריינגייער אין יידישע שטיבער. דאָס איז געווען דער אינטעגראַלער אינאיינעם פונעם באַרג סיני ביז צו דער וויסל, שטאַרקע געדיכטע יידישקייט, וואָס האָט געבהענט און גע־לויכטן אין יידיש־שרייבער, אים געגעבן צו זען און צו הערן, צו טרויערן און צו שמייכלען, אים געשאַרפט און געצייטיקט און געמאַכט פאַר אַ שרייבער. דאָס אַלץ איז געווען עכט און נישט אַנטליען ביי קיינעם, נישט נאָכגעמאַכט. דאָס איז געווען דער פענאָמען יידיש. איך קאָן איינעם אַ שרייבער אין ישראל, וואָס שרייבט יידיש אויף העברעיש. דאָס איז ש. י. עגנון, דער מייסטער פון דער העברעישער פּראָזע״.

באַשרייבנדיק די חרובע וועלט קומט ער צום גורל פונעם יידיש־שרייבער און גיט צו:[2]

„אומגעקומען זענען דאָך נישט נאָר די יידיש־יידן, די לייענערס פון יידישע ביכער, פון יידישן בלאַט, די רעדערס פון יידישן וואָרט, אין קראָמען, אין וואַרשטאַטן, אין פאַבריקן און אין מאַרק, אין קלויזן און אין חדרים, אין שולן און אויף פאַרזאַמלונגען און אין יידישן טעאַטער — אומגעקומען איז דאָך אויך דער שעפערישער מיטאָס פון יידיש, די מאָטיוון־וועלט, די אַטמאָספער, די שוואַרצערד פון יידיש של מעלה, וואָס האָט געגעבן כוח דעם יידישן שרייבער, וואָס האָט אים אויסגעטיילט און געשפּייזט מיט אייגנס, מיט אומרו פון איי־גענעם גאָרטן, מיט אַן אייגענעם באַרג סיני פון יידיש אין אַ וועלט פון גוים.

1) פון אַ רעדע פון שרייבער מ. גראָס־צימערמאַן אין אַ סימפּאָזיום וועגן „ישראל, דער יידישער שרייבער און די יידישע וועלט״ אין תל־אביב. „קאַנאַדער אָדלער״, מאָנטרעאַל, 4טן יוני 1954.

2) איביד.

„ווי־זשע איז היינט אין דער חרוב־געוואָרענער ייִדיש וועלט דער מיס־טישער קראַפטצענטער, פון וועלכן ס׳זאָל ציִען די יניקה דער ייִדיש־שרייבער? ווי לאַנג קאָן מען לעבן פון זכרונות? ווי לאַנג קאָן מען אָנהאַלטן אין דעם אַמעריקע־ייִדיש דעם רוח־הקודש פון ייִדישקייט, וואָס איז דאָרטן נישט אונ־טערגעגאַנגען, נאָר אָוועקגעגאַנגען? רוח־הקודש אין איבערזעצונג?״.

מיר זענען אַביסל פאַרלאָפן צו ווייט, ווייל מיר האָבן געוואָלט ברענגען די גאַנצע ציטאַט, וואָס גיט אַזאַ בולטע, אַזאַ שאַרף געשניטן בילד הן פון דער זאַפטיקער ייִדיש־אַטמאָספער אין דער אונטערגעגאַנגער חרובער וועלט און הן פון דעם פאַרשווינדן פון דער דאָזיקער אַטמאָספער אין די פרייע לענדער, ווו ייִדן זענען איצט קאָנצענטרירט.

לאָמיר זיך אומקערן צו דער ראָל פון ייִדיש אין לעצטן יאָרהונדערט. מיט דער צעשפּרייטונג פון ייִדישן פאָלק איבער אַלע ימים און יבשות איז די ראָל פון ייִדיש געשטיגן צו אַן אומגעהויער וויכטיקן און נאַציאָנאַל־שעפערישן פאַק־טאָר. ייִדיש און ייִדישע שאַפונגען באַזונדערס די ייִדישע פּרעסע, די ייִדישע ליטעראַטור, דער ייִדישער טעאַטער זענען געוואָרן יענער כישוף־קנופּ, וועלכער האָט געהאַלטן צוזאַמען די צעשאָטענע גלידער פונעם נע־ונד־פאָלק. דער ייִד פון אַרגענטינע און פון ניו־יאָרק, פון דער ווייטער בראַזיל און פון טשיקאַגאָ, פון דער פאַרוואָרפענער טשילע און פון פילאַדעלפיע האָבן „געדאַוונט״ פון איינער און דער זעלבער ייִדישער פּרעסע, האָבן געבענקט און געטרוימט ביי די זעלבע ייִדישע קלאַסיקער און זיך געקוויקט אין די אָוונטן מיט די זעלבע טעאַטער־שטיק. „די זעלבע״ מיינט נישט, פאַרשטייט זיך, פשוטו כמשמעו — דער תוך און די פאָרם זענען געווען די זעלבע. אַ טשיקאַגער ייִד האָט מיר אַמאָל גע־זאָגט, אַז די ייִדישע צייטונג גאַנץ פרי פאַרבייט אים דאָס דאַווענען, ווייל ער פילט זיך דורך איר געקניפּט און געבונדן מיט עם ישראל אין דער גאָרער וועלט, ער לעבט איבער בציבור ייִדישע פּאָגראָמען און רדיפות און אויך ייִדישע שמחות און יום־טובים.

אין דער געשיכטע פון די קליינע ייִדישע קיבוצים, ווי מעקסיקע און קובאַ, קאָלומביע און ווענעזועלאַ קאָן מען ממש אָנטאַפּן מיט די הענט די גרויסע ווירקונג פון דער פּרעסע פון דעם גרויסן קיבוץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן — איידער זיי זענען דערוואַקסן צו האָבן וועלכע ס׳נישט איז אייגענע אויסגאַבע האָבן זיי געאָטעמט און זיך געשפּייזט מיט דער פּרעסע פון ניו־יאָרק און דורך איר געלעבט און געווען פאַרבונדן מיט עם ישראל אין דער גאָרער וועלט.

ס׳איז קלאָר פאַר יעדן פאָרשער פון דער געשיכטע פון ייִדן אין די איינ־וואַנדערונג־לענדער, אַז די רוסיש־פּויליש ייִדן אַסימילירן זיך לאַנגזאַמער, מיט שווערערע חבלי־לידה, — דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס זיי האָבן גע־בראַכט אַ רייכן מאָדערנעם נאַציאָנאַלן באַגאַזש. דער דאָזיקער באַגאַזש איז באַ־

שטאַנען פון העברעיִש און ייִדיש, אָבער די פונקציע פון ייִדיש אינעם נייעם לאַנד איז געווען אַקטיווער, פּרוכטבאַרער און מער משפּיעדיק אויף די ייִדן פון אַנדערע אויסוואַנדערונגס־לענדער. ביז וואַנען רומעניש אָדער אונגאַרישע ייִדן האָבן נישט געקאָנט פרײַ לייענען ענגליש, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו די ייִדישע צײַטונגען און זייער אָפט געבליבן לייענער פון דער דאָזיקער פּרעסע אויפן גאַנצן לעבן. אויף אַזאַ אופן האָט די ייִדישע פּרעסע און אויך דער ייִדישער טעאַטער מגייר געווען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער דרײַ־פערטל און האַלב־אַסימילירטע ייִדן. די ייִדיש־שפּאַנגען האָבן טאָרמאָזירט און פּאַרהאַלטן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס נישט נאָר פון די ייִדן, וועלכע האָבן אין דער אַלטער היים געהאַט אַן אייגענע פּרעסע און אַן אייגענעם ייִדישן טעאַטער, נאָר אויך פון יענע ייִדן, וועלכע האָבן באַדאַרפט מאַכן דעם צווייטן טור פון אַסימילאַציע. אויף אַזאַ אופן האָבן ייִדיש און די ייִדיש־שפּאַנגען אויסגעפירט נאָך איין היסטאָרישע מיסיע — צוזאַמענגעבונדן און צוזאַמענגעקניפּט די גלידער פון ייִדישן פאָלק, וועלכע זענען דורך דער דיפערענציאַציע פון 19טן יאָרהונדערט שוין געהאַט געווען צעשיידט און צעפּרעמדט שפּראַכלעך און קולטורעל אין אייראָפּע.

און נאָך עד־היום, נישט געקוקט אויף די מפּלות און ירידות, וועלכע די ייִדישע פּרעסע און דער ייִדישער טעאַטער האָבן געליטן און לײַדן ממש טאָג־טעגלעך, איז זייער נאַציאָנאַלע ראָלע גאָר נישט אָפּצושאַצן. אפשר טאָקע ווײַל די אַסימיליר־פּראָצעסן זענען געוואַלדיק אינטענסיווירט און ווײַל די אַסימילאַציע־נטיות זענען שטאַרק געשטיגן פילט מען באַזונדערס שטאַרק די נאַציאָנאַלע ראָלע פון די דאָזיקע צוויי פאַקטאָרן. די ייִדישע פּרעסע האַלט נאָך אַלץ צוזאַמען און מאַכט שלאָגן אײַנצייטיק דעם פּולס פון הונדערט־טויזנטער ייִדן אין אַלע עק־וועלטן. און זאָל מיר דערלויבט זײַן צו זאָגן, אַז אָט די דאָזיקע ייִדן, וואָס בלײַבן טרײַ דער ייִדישער פּרעסע און אָפּט אויך דעם ייִדישן בוך — זיי זענען דער אַקטיוו פון ייִדישן פאָלק; ניט אין פינאַנציעלן זין, פאַרשטייט זיך, נאָר אין זין פון ייִדישער אַטמאָספער, פון ייִדישער וואַרעמקייט, פון ייִדישן קלימאַט. און דאָס אַלץ איז ווי אין לעבן נויטיק אויף פאַר יענע עלעמענטן, וועלכע זענען טרײַ דעם ייִדישן פאָלק מער מיטן בייטל ווי מיטן האַרצן. דאָס פילט מען אויף יעדער מאַסן־פאַרזאַמלונג, וווּ מען רעדט ענגליש אָדער שפּאַניש און פּלוצים גייט אַרויף אַ רעדנער און גיט אַ רעד מאַמע־לשון — ווי אַ קאַלטער וואַסער־שפּריץ אין אַ הייסן זומער־טאָג אַזוי דערפרישנדיק ווירקט די ייִדיש־רעדע.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן ייִדישן טעאַטער — לויפט אַרום אַ ייִד אַ גאַנצן טאָג און לעבט אין אַ רייִן־ענגלישער אָדער אַ רייִן־שפּאַנישער אַטמאָספער. אָוונט האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ייִדישן טעאַטער — ער ווערט ממש מגולגל אין אַ נייעם מענטשן, אין דער ווירקלעכקייט אין אַן אַלטן מענטשן, צוריק אין אַ ייִדן מיט ייִדישע קנייטשן נישט נאָר אויפן פּנים נאָר אויך אין דער נשמה

און אין מוח; דאָ ווירקט נישט נאָר די שפּראַך, נאָר דער גאַנצער קלימאַט, די גאַנצע אַטמאָספער.

מיר וואָלטן אָבער געזינדיקט שווער נישט נאָר קעגן אמת, נאָר אויך קעגן אונדזער פיל־געפּייניקטן פאָלק, ווען מיר וואָלטן באַהאַלטן די ווירקלעכקייט, ווען מיר וואָלטן נישט אויפגעדעקט די גאַנצע טראַגעדיע וואָס די ייִדיש־קולטור אין אַלע אירע צווייגן און געביטן לעבט איבער. ביים געדאַנק, אַז ס׳קאָן, חלילה, קומען אַ מאָמענט ווען ייִדן פון די צענדליקער לענדער פון זייער צעשאָטנקייט און צעוואָרפנקייט קאָנען פאַרלירן דעם ייִדיש־פאַקטאָר פון נשמה־צוזאַמענבינד און פון געמיינזאַמען האַרץ־לשון ווירקט ווי אַ קאָשמאַר. נאָר דאָך פילן מיר אונדז ממש מאָראַליש־נאַציאָנאַל פאַרפליכטעט אויפצודעקן די ווונד אין איר גאַנצן פאַרנעם און גאָר נישט באַהאַלטן און גאָר נישט פאַרדעקן. דאָס פאָלק מוז וויסן דעם גאַנצן אמת, כדי באַצייטנס זיך צו באַוואָרענען, כדי מאַכן די נויטיקע אויספירן, כדי טיפער צו פאַרשטיין דעם אצבע אלוהים, וואָס טייטלט אין אַ נייער ריכטונג — צו די אַלטע און שטענדיק נייע קוואַלן; תמיד צו דער שפּראַך־זקנה, וואָס לעבט איבער אַזאַ „עדנה״־צייט, אַזאַ יונגן צעבלי און צעוואַקס, אַזאַ צויבער־סינטעז צווישן דער הר סיני־תורה מיט די לעצטע אַנטפּלעקונגען פון חכמה, בינה און דעת.

ייִדישער גורל איז אַ גרויס היסטאָריש רעטעניש און ער האָט אונדז שוין נישט איין מאָל געשטעלט פאַר נסיונות און גילגולים, וואָס האָבן אויסגעזען מאָדנע־משוגע און זענען דאָך אַריינגעוועבט געוואָרן אין דער גאָלדענער קייט פון ייִדישע שאַפונגען — אפשר שטייען מיר פאַר אַ נייעם גילגול, וואָס וועט ווידער שטאַרק איבעראַשן: דער לשון־קודש האָלט אין ווערן אַ לשון־חול און דער לשון־חול ווערט אַ לשון־קודש. מיר זאָגן „ער ווערט״, ווייל צו־שטאַרק איז די דאָזיקע שפּראַך צוגעוואַקסן צום נאָפּל פון פאָלק, צו טיף איז זי אַריינגעוועבט אין דער נשמה פון פאָלק און צו רייך זענען זיינע גייסט־אוצרות, אַז מען זאָל צולאָזן כאָטש אויף איין מאָמענט דעם געדאַנק, אַז מיר שטייען, חלילה, פאַר אַ סוף, אַז מיר לעבן איבער די גסיסה. זאָל גאָט שומר ומציל זיין!

מיר ווען דאָס דאָזיקע קאַפּיטל שליסן מיט אַ ציטאַט פונעם דיכטער א. ליעסין, וואָס וועט אונדז געבן דעם יחוס פון ייִדיש:

„איך קום נישט צו דיר פון גאָטס־וואָרט אַ באַשטראַלטע,
אַזוי ווי מיין שוועסטער פלעגט קומען אַמאָל —
פאַרהייליקט פון צייטן פון גרויסע, פון אַלטע,
מיט בליצן און דונערן־אָפּקלאַנג אין קול.
איך קום ניט, ווי זי, פון אַ זוניקער הויכקייט,
אין הימל אין בלויסטן זיך שפּיגלענדיק ריין,

דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום

איך האָב נישט פון היגלען פון גרינע די ווייכקייט,
פון פעלזן־בערג שטאָלצע — דעם וויסט־ווילדן חן.
איך קום צו דיר, קינד מיין, פון גלותן שטומע
פון געטאָס פאַרהאַקטע, פאַרהאַקטע אין קלעם,
איך האָב נאָר די חנען פון תחינות פון פרומע,
איך האָב נאָר די שיינקייט פון קידוש השם״.

# די ראָלע פון ייִדיש אין ייִדישן לעבן

כדי דאָס העכער געבראַכטע בילד וועגן דער אָנגעלאָדנקייט און אָנגעזאַפּט־קייט מיט ייִדיש לשון אין אַמאָליקן ייִדישן לעבן פון מזרח־אייראָפּע זאָל נישט בלייבן הענגען אין די לופטן און באַטראַכט ווערן ווי סתם אַ פאַנטאַזיע פון אַ באַגאַבטן שרייבער וועלן מיר ברענגען אָפּיציעלע ציפער וועגן דער מוטער־שפּראַך ביי די ציילונגען אין רוסלאַנד אין 1897 און אין זעלבשטענדיקן פּוילן אין 1931. מיר וועלן דערביי אויך באַקומען אייניקע וויכטיקע רמזים אויף דער אַסימילירמדרגה פון פאַרשיידענע מערהייט־שפּראַכן.

טאַבעלע

יידיש אַלס מוטער־שפּראַך אין פּוילן אין יאָר 1931 (אין %) +

| ראַיאָנען און שטעט | % יידיש ריידנדיקע |
|---|---|
| 1) ליטוויש־ווייסרוסישער ראַיאָן 1) | 99.3 |
| 2) אוקראַינע (אָן דרום־רוסלאַנד) 2) | 99.4 |
| 3) רוסיש־פּוילן 3) | 05.7 |
| 4) דרום־רוסלאַנד 4) | 96.4 |
| 5) וואַרשע | 84.4 |
| 6) אָדעס | 89.5 |
| 7) קיעוו | 94.0 |
| 8) לאָדזש | 93.5 |
| 9) באקו | 64.1 |
| 10) פּעטערסבורג | 75.0 |
| 11) מאָסקווע | 61.2 |

1) גובערניעס — גראָדנער, מינסקער, קאָוונער, ווילנער, מאָהילעווער, וויטעבסקער.
2) גובערניעס — וואָלינער, פּאָדאָליער, קיעווער, טשערניגאָווער, פּאָלטאָווער.
3) וואַרשעווער, פּיעטריקאָווער, לאָמזשער, שעדלעצער, ראַדאָמער, לובלינער, קעלצער, סוואַלקער, פּלאָצקער און קאַלישער.
4) כערסאָנער, יעקאַטערינאָסלאַווער, טאַורישע און בעסאַראַביער.

די ערשטע 4 ראַיאָנען, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם תחום־המושב און פאַרמאָגט בערך 95 פּראָצענט פון אַלע דעמאָלטיקע רוסישע ייִדן, האָבן געגעבן אין צווי ראַיאָנען העכער 99 פּראָצענט ייִדיש־ריידנדיקע און אין די אַנדערע צווי ראַיאָנען העכער 95 פּראָצענט. דער חילוק איז נישט קיין גרויסער, דאָך פאַרדינט ער, אַז מען זאָל זיך אויף אים אָפּשטעלן. דער פּוילישער ראַיאָן פון תחום־המושב מיט דער העכסטער שפּראַך־ און ליטעראַטור־אַנטוויקלונג גיט דעם העכסטן פּראָצענט ייִדן מיט אַ נישט־ייִדישער שפּראַך — 4.3%. דערביי גיט די הויפּט־שטאָט וואַרשע העכער 15 פּראָצענט שפּראַכלעך אַסימילירטע ייִדן. נאָך די פּוילישע גובערניעס קומט דרום־רוסלאַנד מיט 3.6% שפּראַכלעך אַסימילירטע ייִדן און די הויפּט־שטאָט פון דאָזיקן ראַיאָן — אַדעס — גיט העכער 10 פּראָצענט שפּראַכלעך אַסימילירטע ייִדן. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין דאָזיקן דרום־רוסישן ראַיאָן האָבן געלעבט אַ סך גרויס־רוסן מיט דער גרויס־רוסישער שפּראַך, וועלכע האָט געהאַט אַ גאַר הויכן אַסימיליר־פּאָטענציאַל. למשל אין די שטעט פון כערסאָנער גובערניע האָבן די גרויס־רוסן אויסגעמאַכט לויט דער ציילונג פון 1897 העכער 45 פּראָצענט בעת אין ווילנער גובערניע נאָר 18 פּראָצענט, אין די שטעט פון טאַורישער גובערניע האָבן די גרויס־רוסן אויסגעמאַכט העכער 49 פּראָצענט בעת אין גראָדנער גובערניע האָבן זיי אין די שטעט אויסגעמאַכט נאָר 15 פּראָצענט, שוין אַריינגערעכנט די גרויס־רוסישע סאָלדאַטן.

די אמווייניקסטן שפּראַכלעכע אַסימילירטע ייִדן גיבן די ליטוויש־ווייסרוסישע און די אוקראַינישע גובערניעס מיט די מערהייט־שפּראַכן מיט דעם קלענסטן אַסימיליר־פּאָטענציאַל, ווייל מיט דער אָרעמסטער און אָפּגעשטאַנענסטער קולטור.

אין פּעטערבורג רעדן שוין גאַנצע 25 פּראָצענט נישט־ייִדיש און אין באַקו גאַנצע 36 פּראָצענט — וואָס ווייטער פון תחום, וואָס אָפּגעריסענער פון די געדיכטע ייִדישע מאַסן, אַלץ מער שפּראַכלעך אַסימילירט.

פון די דאָזיקע דאַטן קען מען לערנען, אַז די ייִדישע שפּראַכלעכע אַסימילאַציע איז אין גאָר אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דעם קולטור־מצב פון דעם מערהייט־פאָלק. אָבער סוף 19טן יאָרהונדערט האָבן די רוסישע ייִדן, וועלכע האָבן דעמאָלט אויסגעמאַכט אַרום אַ העלפט פונעם וועלט־ייִדנטום, געהאַט דאָס גליק צו לעבן אין זייער גרויסער מערהייט צווישן אָפּגעשטאַנענע פעלקער און דאָס גאַנצע פאָלק (העכער 99 פּראָצענט!) האָט גערעדט ייִדיש. עס איז לכן נישט קיין פּאָעטישע שיין־פראַזע, אַז ייִדן האָבן גערעדט ייִדיש אין מאַרק און אין קראָם, אין פאַבריק און אין וואַרשטאַט און אַזוי ווייטער. דאָס איז געווען קאָנקרעטע ווירקלעכקייט! מען האָט געוויס געענטפערט דעם אוקראַינישן אָדער ליטווישן קונה אויף זייערע שפּראַכן, אָבער קורץ און זאַכלעך און לכן אָרעם און

מאָגער אין שפּראַך. די לעבנס־שפּראַך איז געווען יידיש — לעבן איון ברייטסטן זינען פון וואָרט — נישט נאָר אין בית המדרש און אין חדר און אין ישיבה, נאָר בפירוש אויך אין מאַרק און אין קראָם, אויף וויפל דער מיסחר איז פאָרגעקומען צווישן יידן זעלבסט; און אויך אין פאַבריק און אין וואַרשטאַט אויף וויפל מען האָט געהאַט צוטון מיט יידישע אַרבעטער און פועלים.

דאָס לעבן איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט — אויך דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום האָט איבערגעלעבט אַ פּראָצעס פון שפּראַך־אַסימילאַציע. מען האָט זיך סוף 19טן און נאָך מער אָנהייב 20טן יאָרהונדערט, אַ לאָז געטון אין די אַלגעמיינע שולן, מען האָט גענומען לייענען נישט־יידישע צייטונגען, מען איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין פּאָליטישע קאַמפן פון לאַנד און דאָס אַלץ האָט געפירט צו שפּראַך־אַסימילאַציע. אָבער דער פּראָצעס איז געווען אַ לאַנגזאַמער, אַ צעצויגענער, וואָס האָט נישט געקענט אָפּשטעלן דעם וווקס פון יענע שעפעריש כוחות, וועלכע זענען אויפגעוואַקסן אויף דעם געזונטן באָדן פון „עם לבדד ישכון". דער דאָזיקער לאַנגזאַמער פּראָצעס פון אַסימילאַציע ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די דאַטן וועגן דער מוטער־שפּראַך ביי די יידן אין זעלבשטענדיקן פּוילן, ווו מיר האָבן אַ גאָר גרויסן טייל פונעם אַמאָליקן רוסישן יידנטום.

טאַבעלע 18

יידיש אַלס מוטער־שפּראַך אין פּוילן אין יאָר 1931 (אין %) +).

| וואָיעוואָדשאַפטן און שטעט | % יידיש־ריידנדיקע |
|---|---|
| 1) אַמאָליק רוסיש־פּוילן 1) | 94.8 |
| 2) אַמאָליקע רוסישע ליטע 2) | 97.7 |
| 3) גאַליציע | 72.0 |
| 4) וואָלין 3) | 98.9 |
| 5) פּויזנער וואָיעוו. מיט פּאָמעראַניע און שלעזיע | 39.5 |
| צוזאַמען | 87.8 |

1) וואַרשעווער, לאָדזשער, קעלצער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפטן.
2) ביאַליסטאָקער, ווילנער, נאָוואָגרודקער און פּאָליעסיער וואָיעוואָדשאַפטן.
3) וואָלין איז די איינציקע אוקראַינער גובערניע פון אַמאָליקן רוסלאַנד — ביי דער ציילונג פון 1897 אין רוסלאַנד האָבן די יידן פון וואָלין געגעבן 99.7% יידיש־ריידנדיקע.

+) די פאַרטיילונג פון די פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן פאַלט נישט צונויף אַלע הונדערט פּראָצענט מיט די אַמאָליקע רוסישע גובערניעס, אָבער דער חילוק איז אַ קנאַפּער און ווירקט נישט אויף די רעלאַטיווע צאָלן. מיר האָבן ביי די

לאָמיר איבערגיין צום אַנאַליז פון דער דאָזיקער טאַבעלע — דער פּראָצענט יידיש־ריידנדיקע האָט זיך ביי די יידן פון רוסיש־פּוילן גאָר ווייניק געענדערט — פון 95.7% אין 1897 אויף 94.8%. מען דאַרף אָבער נעמען אין אַכט פּאָלגנדיקן פאַקטאָר. אין 1897 איז ביי דער ציילונג נישט פאָרגעקומען קיין שום אַגיטאַציע אָנצוגעבן יידיש. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג ביי יידן איז נאָך דעמאָלט געווען אין די וויקעלעך און די ציילער פונעם צענזוס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום טענדענצן צו פאַרמינערן די שפּראַכן פון די מינדערהייטן. גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע אין 1931 אין זעלבשטענדיקן פּוילן. פון איין זייט האָבן די ציילער געהאַט אינסטרוקציעס צו מאַכן וואָס גרעסער די צאָל פּויליש־ריידנדיקע; פון דער צווייטער זייט האָבן די מיעוטים ענערגיש געקעמפט פאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט און אין דער ערשטער רייע פאַר זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. די צענזוס־צאָלן האָבן געשפּילט נישט קיין קליינע ראָלע אינעם פּאָליטישן קאַמף. דאָך טאָר מען נישט שליסן, אַז די ציפער פון 1931 זענען שטאַרק ווייט פון דערווירקלעכקייט — עס קען זיך האַנדלען ביי 2־3 פּראָצענט יידן, וועלכע האָבן שוין אין 1931 גערעדט מער פּויליש ווי יידיש און האָבן דאָך אָנגעגעבן יידיש אַלס זייע הויז־ און פאַמיליע־שפּראַך.

דער אויספיר איז קלאָר — די דאַטן שפּיגלען אָפּ אין אַ גענוגענדיקער מאָס די ווירקלעכע לאַגע. די דאַטן וועגן דעם פּראָצענט יידיש־ריידנדיקע אין ליטוויש־ווייסרוסישן ראַיאָן ווייזן די זעלבע אַנטוויקלונג — די ירידה פון פּראָצענט יידיש־ריידנדיקע איז מינימאַל. פון 99.3% אין 1897 אויף 97.7% אין 1931.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן וואָלין — אין 1897 איז דער פּראָצענט יידיש־ריידנדיקע געווען העכער 99 און אין 1931 קרוב צו 99.

אין די געוועזענע רוסישע טיילן פון דער אויפגעקומענער פּוילישער מלוכה איז פאַר העכער דרייסיק יאָר כמעט נישט פאָרגעקומען קיין שנוי אין זין פון יידיש אַלס מוטער־ און רייד־שפּראַך, אַלס פאָלקס־שפּראַך, אַלס באַזע פון נאַציאָנאַלן לעבן. און ווי באַקאַנט זענען אַלע נאַציאָנאַלע שולעס, הן די יידישיסטישע און הן די העברעיִסטישע, געווען קאָנצענטרירט אין די ביז איצט באַטראַכטע געוועזענע רוסישע ראַיאָנען פון פּוילן. אויך די יידישע פּרעסע און די

דאַטעס פון דער פּוילישער ציילונג געגומען יידיש און העברעיִש צוזאַמען, אַרויסגייענדיק פונעם כלל, אַז אַלע, וועלכע האָבן אָנגעגעבן העברעיִש אַלס זייער מוטער־שפּראַך האָבן בלתי ספק גאַנץ גוט גערעדט יידיש, נאָר זיי האָבן לשם דעמאָנסטראַציע אָנגעגעבן העברעיִש. אין גאַנץ פּוילן האָבן 243.539 יידן אָנגעגעבן העברעיִש אַלס זייער מוטער־שפּראַך — דאָס איז פאַר זיך אַן אינטערעסאַנטע דאַטע, נאָר דאָ אינטערעסירט זי אונדז נישט.

ייִדיש־ און העברעיִש־ליטעראַטור זענען געווען דער עיקר קאָנצענטרירט אין די ביז איצט באַטראַכטע טיילן פון פוילן — וואַרשע און ווילנע זענען געווען די צוויי מעטראָפּאָליעס פון די ייִדישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען הן אין זייער פּאָליטישן אַספּעקט און הן אין זייערע נאַציאָנאַל־קולטורלע צילן.

גייען מיר איבער צו די געוועזענע טיילן פון עסטרייך און דייטשלאַנד בייט זיך דאָס בילד ראַדיקאַל. גאַליציע, וואָס איז געווען אַזוי טראַדיציאָנעל ייִדיש און וואָס האָט גענומען אַזאַ פעטן אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט דאָך אין יאָר 1931 געהאַט נאָר 72 פּראָצענט ייִדיש־רייִדנדיקע. די דייטשע שפּראַך און די דייטשע ליטעראַטור האָבן געהאַט אַ גאָר הויכן אַסימילירפּאָ־טענציאַל און זיי האָבן אַראָפּגעריסן אַפילו ביים שטאַרק פרומען און טראַדיציאָ־נעלן ייִדנטום אַ גרויסן שיכט שפּראַכלעך־אַסימילירטע עלעמענטן — 28 פּראָ־צענט! נאָך טרויעריקער איז געווען די לאַגע אין פּרט פון שפּראַך־אַסימילאַציע אין די געוועזענע דייטשע טיילן — גאַנצע 60 פּראָצענט שפּראַכלעך־אַסימיליר־טע! דערביי מוז מען נעמען אין אַכט, אַז אין די געוועזענע דייטשע ראַיאָנען זע־נען אין 1931 שוין געווען צוגעוואַנדערטע ייִדן פון אַנדערע מער נאַציאָנאַלע ראַיאָנען. וואָלט מען גענומען די אַלט־איינגעזעסענע פּויזנער אָדער שלעזישע ייִדן וואָלט דער פּראָצענט ייִדיש־רייִדנדיקע געווען אַ סך קלענער.

אויפן סמך פון די אַלע געבראַכטע ציפער קען מען רויִק מאַכן פאָלגנדיקע אויספירן — די נאַציאָנאַלע שפּראַך־באַזע איז אין די באַטראַכטע לענדער געווען טיף פאַרוואָרצלט אין פאָלק און זי האָט צו דער צייט פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די פוילישע ייִדן האָבן באַקומען געוויסע פּאָליטישע רעכט, שוין געהאַט אַזעלכע קולטור־ און גייסטיקע־אוצרות, אַז דער אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס איז דאָך פאָרגעקומען, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מעכטיקן באַוווּסטזיניקן נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד. פון דער צווייטער זייט מוז מען מודה זיין, אַז דער אַסימילאַציע־פּראָצעס איז דאָך פאָרגעקומען אויך אין פוילן, אין דער מעטראָפּאָליע פון דער ייִדיש־קולטור און פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, און וואָלטן ייִדן געווען געהאַט אין פוילן פולע אמתע פרייהייט און נישט קיין פּאָגראָמען און עקסצעסן און פּיקעטן ביי קראָמען, וואָלט דער דאָזיקער פּראָצעס געוויס געווען פיל אינטענסיווער און פיל פאַרניכטנדיקער. דער „מעז יצא מתוק“ האָט דאָ געפייערט זיינע גרעסטע ניצחונות און אַ דאַנק די פאַרפאָלגונגען און דער פאַרסמטער אַטמאָספער, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן און אין שטייגן, האָבן די נאַציאָנאַלע שטראָמען אין אַלע זייערע פאָרמען און פאַרבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט.

לאָמיר איצטער איבערגיין צו די לענדער, ווו די אַסימילאַציע־פּראָצעסן שטויסן זיך נישט אָן אויף קיין פאַרסמטע אַטמאָספערן און פּאָגראָמען און ווו אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אַסימילאַציע־נטיות ביי דער ייִדישער באַ־

פּעלקערונג זענען פון דעם גינציקסטן כאַראַקטער: אַלע לערן־אַנשטאַלטן ביז די סאַמע העכסטע האַלטן אָפן די טירן פאַר יידישע קינדער; אַלע פּרנסות, אויך יענע, וועלכע דיקטירן הונדערט־פּראָצענטיקע שפּראַך־אַסימילאַציע, זענען ברייט צוגענגלעך פאַר יידן ווי פאַר נישט־יידן. די נישטיקע רעשטלעך פון דיסקרימי־נאַציע קומען נישט אין באַטראַכט ווי אַן ערנסט ווירקנדיקער פאַקטאָר.

ציפער וועגן יידיש אַלס פולקאָמענע רייד־שפּראַך, ווי דאָס איז געווען פאַרשטאַנען ביי די ציילונגען אין רוסלאַנד און פּוילן, פאַרמאָגן מיר בנוגע די יידן אין קאַנאַדע. און קלאָרע אָפּיציעלע ציפער.

דער פּראָצענט יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער רייד־שפּראַך האָט באַטראָפן:

1) 1931 — — — — — — — — 95.2
2) 1941 — — — — — — — — 77.3
3) 1951 — — — — — — — — 50.5

דאָס זענען טראַגישע ציפער. מען מוז נעמען אין אַכט, אַז פון 1941 ביז 1951 האָבן איינגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע העכער 29 טויזנט יידן. די מערהייט פון די דאָזיקע איינוואַנדערער איז באַשטאַנען פון מזרח־אייראָפּעישע יידן. פון דעם איז צו דרינגען, אַז ווען מען זאָל קענען אויסטיילן די קאַנאַדער יידן פונעם יאָר 1941 וואָלט דער פּראָצענט יידיש־ריידנדיקע געווען נאָך קלענער. נאָר אַפילו די געגעבענע ציפער זענען גענוג כדי אָנצוואַרפן אַ שרעק — דאָס איז דאָך נישט קיין אַנטוויקלונג, נאָר אַ שפּרינגען, אַ לויפן פון יידיש צו די פרעמ־דע שפּראַכן.

איינער פון די בעסטע קענער פון יידישן לעבן אין קאַנאַדע ב. ג. זאַק („קאַ־נאַדער אָדלער" 20טן יאַנואַר, 1953) קלאָגט און שרייבט:

„עס איז קשה, וואָס גראָד אין אַ צייט ווען קאַנאַדער יידן האָבן דעם גרעסטן חינוך־ביודזשעט אין זייער געשיכטע, אין אַ צייט ווען מיר האָבן איבערן גאַנצן לאַנד אַזעלכע פיינע און מאָדערנע יידישע לערן־אינסטיטוציעס, וואָס זענען נישט בלויז פּרעכטיקע בנינים, נאָר וואָס טוען אויך אויסגעצייכנטע אַרבעט — גראָד אין אַזאַ צייט זאָל דער צובונד צו יידיש ביי קאַנאַדער יידן ווערן אַזוי קלענער און שוואַכער".

מיר פאַרמאָגן אויך אַ געוויסן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל וועגן יידיש אין די פאַראייניקטע שטאַטן — ער איז ווייט פון דער הויכער קוואַליטעט פון די נאָר וואָס געבראַכטע ציפער פון קאַנאַדע. ערשטנס איז ער אַ רעזולטאַט נישט פון קיין צענזוס, נאָר פון אַ איינפאַכער ציילונג. און כאָטש דער צענזוס־ביוראָ האָט די רעזולטאַטן הויך קוואַליפיצירט, בלייבט פאָרט זייער ווערט נידעריקער פון צענזוס־דאַטן. שנית, איז דער דאָזיקער מאַטעריאַל פון יאָר 1940 און גראַדע

די לעצטע יאָרן איז דער פּראָצעס פון דער שפּראַך־אַסימילאַציע געווען דער אינטענסיווסטער, ווייל דער פּראָצענט יידישע איינוואַנדערער פון מזרח־אייראָפּע איז שטאַרק געפאַלן און דער פּראָצענט געבוירענע אין אַמעריקע איז שטאַרק געשטיגן. דער דאָזיקער מאַטעריאַל האָט נאָך איינוקע חסרונות — דער פרעג־בויג איז געווען פאָרמולירט גאַנץ אַנדערש ווי ביי די ציילונגען פון 1910 און 1920. ביי דער ציילונג פון 1940 איז געווען די פראַגע נישט וועגן דער פּערזענ־לעך־גערעדטער שפּראַך, נאָר וועגן האָבן גערעדט אין די קינדער־יאָרן. ביי די פריערדיקע ציילונגען איז די פראַגע געווען פאָרמולירט קלאָרער און דעפּיני־טיווער — עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער מוטער־שפּראַך פונעם איינגעוואַנ־דערטן אין אויסוואַנדערונג־לאַנד. איז דעמאָלט יעדנפאַלס קלאָר געווען, אַז מיר האָבן צוטון מיט פאַקטיש יידיש־רייידנדיקע, ווייל עס מוז דאָך אַוועקגייען אַ לענגערע צייט איידער דער אימיגרירטער גייט איבער אין זיין היים צו ענגליש. בפרט נאָך אין די יאָרן איידער די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז שוין באַשטאַנען פון הי־געבוירענע און פאַלגלעך פון ענגליש־רייידנדיקע.

מיר האַלטן פאַר נויטיק צו ברענגען די פאָרמולעס פון ביידע ציילונגען, כדי דער לייענער זאָל זיין אימשטאַנד צו שאַצן דעם ווערט פון דעם ווייטער גע־בראַכטן מאַטעריאַל. מיר האָבן צוטון מיטן גרעסטן יידישן קיבוץ, מיט אַ קיבוץ, וואָס פאַרמאָגט כמעט אַ העלפט פון יידישן פאָלק און די אַנטוויקלונג ביי דעם דאָזיקן יידנטום באַשטימט דעם גורל נישט נאָר פונעם גלות־יידנטום.

די פאָרמולע פון 1910 און 1920:

"The language of customary speech in the homes of the immigrants prior to immigration", Census, 1920.

און אָט איז די פאָרמולע פון פרעג־בויגן פון 1940:

"Mother tongue is defind as the principal language spoken in the home at the person in his earliest childhood", Census, 1940.

איידער מיר גייען איבער צום סטאַטיסטישן מאַטעריאַל האַלטן מיר פאַר ראַטזאַם פאָרשיקן איניקע באַמערקונגען וועגן דער אייגנאַרטיקער לאַגע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו מיר האָבן צוטון מיט אַן אמאלגאמע פון צענדליקער שפּראַכן און קולטורן און ווו אַלע נישט־יידישע גרופּעס אָן אויסנאַם לויפן אויפן מזבח פון אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג ממש ווי צו אַ חתונה. אַ פאַרגלייך צווישן יידן און אַנדערע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע גרופּעס וועט ערשט אויפדעקן די אייגנאַרטיקע אויפנאַם־לאַגע און אויסנאַם־אַנטוויקלונג פון דעם יידישן קיבוץ.

מיר האָבן ביז איצט געבראַכט ראיות און באַוויזן, אַז די אַסימיליר־פאַקטאָרן און די אַסימילאַציע־נטיות זענען ביי די יידן אין די שטאַטן די העכסטע. דאָס איז אָבער ריכטיק נאָר ביז וואַנען מיר פאַרגלייכן די יידן פון אַמעריקע מיט די

יידן פון מזרח־אייראָפּע. די סיטואַציע ענדערט זיך ראַדיקאַל וויבאַלד נאָר מיר גייען איבער צו אַ פאַרגלייך צווישן יידן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין אַמעריקע. דאָ חזרט זיך איבער די דערשיינונג, נאָר מיט אַן איבערגעקערטן סימן: הן די אַסימיליר־פאַקטאָרן און הן די אַסימילאַציע־נטיות זענען ביי די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פיל שוואַכער, ווי ביי אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס. יידן שטעלן אַ סך אַן אינטענסיווערן קאַמף קעגן פולער און אַבסאָלוטער אַסימילאַציע, ווי וועלכע ס'נישט איז אַנדערע רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע גרופּע.

כדי די דאָזיקע ביז גאָר קאָמפּליצירטע פראַגע זאָל אונדז ווערן קלאָרער מוזן מיר זיך פאַרהאַלטן אויפן באַגריף „אַסימילאַציע" און אויף זיין רעאַלן און קאָנקרעטן אינהאַלט. דער דאָזיקער באַגריף איז אין זיין אַלגעמיינער פאָרעם זייער צעשוווּמען און נעמט אַרום דערשיינונגען פון פאַרשידענער קוואַליטעט. ווען מען רעדט וועגן אַסימילאַציע ביי יידן מיינט מען אין אַלגעמיין נאָר שפּראַך־ און קולטור־אַסימילאַציע. שמד און אויך געמישטע חתונות ווערן שוין באַטראַכט ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַרראַט, ווי אַן אַנטלויף לחלוטין פון יידנטום, ווי אייגשליסן זיך אינגאַנצן אין דער פרעמדער גרופּע און לכן ווי אויסשליסן זיך אַבסאָלוט פון דעם יידישן ציבור. מיר ווייסן זייער גוט, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען פאַראַן געבוג געמישטע פאָרלעך, וועלכע זענען אַפילו מיטגלידער און אַפילו פירער פון יידישע געמיינדעס און פון פילע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. דאָס איז אַ טיפּישע אַמעריקאַנער דערשיינונג — אַפילו אין מערב־אייראָפּע, ווו די שפּראַך־ און קולטור־אַסימילאַציע איז שוין געהאַט געווען טיפער פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן ווי אין אַמעריקע, איז דאָס געווען ביז גאָר אַ זעלטענע דערשיינונג. שמד און געמישטע חתונות זענען טאַקע אַ כשר קינד פון דער טריפער אַסימילאַציע פון שפּראַך און קולטור. דאָך איז מען כסדר געווען זייער טאָלעראַנט צו דער גייסט־ און קולטור־אַסימילאַציע, און געמישטע חתונות, שוין אָפּגערעדט פון שמד, האָט מען תמיד נישט נאָר באַטראַכט, נאָר אויך באַהאַנדלט ווי בגידה, ווי אַנטלויפן פון יידישן פאָלק. עס זענען געווען אויסנאַמען, וועלכע מען האָט מוחל געווען אַ געמישטע חתונה, נאָר דאָס זענען געווען יוצאים מין הכלל.

על פי לאָגיק מוזן שפּראַך־ און קולטור־אַסימילאַציע פירן סוף כל סוף צו פולער צוזאַמענשמעלצונג מיט דער מערהייט, מיט וועלכער מען איז גייסטיק צוזאַמענגעוואַקסן. אין יידישן לעבן איז דאָס אָבער קיינמאָל אַזוי אַבסאָלוט נישט פאָרגעקומען. דער אונטערגאַנג פון דער יידישער געמיינדע אין אלכסנדריה של מצרים איז געווען אַ רעזולטאַט נישט נאָר פון אַסימילאַציע, נאָר אויך פון פּאָגראָמען. בנוגע די צוויי אויסגעשפּראָכענע אַסימילירטע יידישע קיבוצים אין אייראָפּע, דער שפּאַנישער און דער דייטשער, קען מען נישט וויסן, ווייל די אַסימיליר־פּראָ־

צעסן זענען איבערגעהאַקט און איבערגעריסן געוואָרן. דאָך קען מען פון די דאָזיקע צוויי ייִדישע קיבוצים פול לערנען און אָפּלערנען.

די אַסימילאַציע פון די דאָזיקע קיבוצים האָט נישט באַוויזן צוצופירן צו זייער פולער צוזאַמענשמעלצונג און צו זייער אַבסאָלוטן אונטערגאַנג — זי האָט אָבער באַוויזן צו מאַכן די דאָזיקע ביידע קיבוצים נאַציאָנאַל סטעריל. דאָס דייטשע ייִדנטום איז געוואָרן גייסטיק אָפּגעריסן און אויף אַזוי פיל אָפּגעפרעמדט פון ייִדישן פאָלק, אַז אַפילו די קאַטאַסטראָפע האָט נישט באַוויזן זיי צו באַפרוכפערן, ווי דאָס איז כסדר געווען און אויך דאָס מאָל מיט די ייִדישע אָרטאָדאָקסישע און נאַציאָנאַלע עלעמענטן. פאַר אונדזערע אויגן זענען צענדליקער טויזנטער דייטשע ייִדן און צווישן זיי טויזנטער אינטעלעקטואַלן געקומען אין לענדער מיט ייִדישע מאַסן, ווו עס שלאָגט גאָר שטאַרק דער נאַציאָנאַלער פולס און ווו ייִדישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען זענען פאַרטון ראשם ירובם אין די קאַמפן מיט די אַסימיליר־טענדענצן, און מען פילט נישט אַבסאָלוט דעם צושטראָם פון אַזאַ גייסטיק רייכן עלעמענט, ווי די דייטשע ייִדן. נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען געקומען מער פון 20 טויזנט דייטש־ייִדישע אינטעלעקטואַלן און די גאָר גרויסע מערהייט האָט גלייך זיך איבערגעטון און פאַרביטן די דייטשע אַסימילאַציע אויף דער אַמעריקאַנער. און דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד און פראַנקרייך און אַבסאָלוט אין אַלע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע.

אַ ביסל אַנדערש איז געווען דער גורל פון יענעם טייל דייטשע ייִדן, וועלכע זענען פרייוויליק אָדער געצוווּנגען געווען צו לויפן קיין ארץ ישראל. צו געדיכט איז דאָרטן די נאַציאָנאַלע אַטמאָספער און צו צוציִענדיק די נאַציאָנאַלע אויפבויאַרבעט, אום צו בלייבן אינגאַנצן אויסער דער דאָזיקער פיבערדיקער אויפלעבונג־טעטיקייט. נאָר אויך אין ישראל וואַרפן זיך אין די אויגן מער די טעכנישע פעיִקייטן פון דעם דייטש־ייִדישן פליגל, ווי די שעפערישקייט אין ייִדישע נאַציאָנאַלע ספערעס.

סטעריליקייט, עקרות זענען געוויס טראַגישע דערשיינונגען און עס קען זייער זיין, אַז דאָס איז פיל טראַגישער, ווי פולע צוזאַמענשמעלצונג מיט דעם פרעמדן אַרום — דער פאַקט בלייבט אָבער, אַז ביי ייִדן איז שפּראַך־ און קולטור־אַסימילאַציע נאָך ווייט פון פולער אונטערגאַנג. דאָס וועט אונדז אויך מאַכן קלאָרער פאַרוואָס ביי ייִדן זענען נישט נאָר געמישטע חתונות, וועלכע זענען דער נאָענטסטער שריט צו שמד, צום פאַרשווונדן אין דעם מערהייט־ים, זעלטענער, ווי ביי אַנדערע פעלקער, נאָר אויך די שפּראַך־ און קולטור־אַסימילאַציע גופא איז אין פאַרגלייך מיט אַנדערע עטנישע גרופּעס ביי ייִדן לאַנגזאַמער און איינגעהאַלטענער, געצוימטער און נאַציאָנאַל באַגרענעצטער. מיר ווייסן זייער גוט, אַז טעכניש, ליטעראַריש אַזוי צוזאָגן נעמען ייִדן גיכער און טאַלאַנטפולער איבער פרעמ־

דע שפּראַכן און קולטורן. געוויסע טיפּן ייִדן שווימען אַריין אין פרעמדע ליטע־ראַטורן און אין פרעמדע גייסט־ספערעס מיט מער גלאַנץ, ווי נישט־ייִדן. און נישט געקוקט דערויף איז דער שריט צום פולן אונטערטוקן זיך אין דעם פרעמדן אַרום, צום גאַנצן איבערררייס מיטן שטאַם־פאָלק ביי ייִדן פיל זעלטענער, ווי ביי וועלכע ס׳נישט איז אַנדער פאָלק.

ווי איז דאָס צו דערקלערן? די סיבות זענען פילע. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע. די ייִדישע גרופּע איז אַ שרייענדיקע אויסנאַם־גרופּע אין דער גאָרער וועלט. דער תהום צווישן ייִדן און נישט־ייִדן, אַלץ איינס פון וואָסער אַ קריסטלעכער רעליגיע און פון וואָסער אַ פאָלק, איז דער טיפסטער. דער דאָזי־קער תהום איז אָנגעפילט מיט ייִדישן בלוט. דער אָפּשטויס צווישן ייִדן און נישט־ייִדן איז אַ קעגנזייטיקער, ער איז אָנגעלאָדן מיט צוויי־טויזנט־יאָריקע קאָנ־פליקטן, אַנטיפּאַטיעס און ייִדישן בלוט. געוויס, אין פאַרשיידענע מדרגות ביי פאַרשיידענע פעלקער, אָבער עס איז נישטאָ קיין איין פאָלק אין אייראָפּע מיט וועלכן מיר האָבן נישט קיין בלוטיקן חשבון. מעג אויסערלעך אויסזען, אַז דאָס אַלץ איז אין אייניקע לענדער שוין געשיכטע און פאַרגעסענע געשיכטע — דער ייִדישער מענטש קען זיך אַזוי גרינג נישט באַפרייען פון דעם קאָשמאַר, וואָס חזרט זיך היסטאָריש אַזוי אָפט איבער און שרייט צום ייִדן, אַז ער זאָל נישט זיין צו פאַרגלויבט אין נישט־ייִדישער ליבע. דער אַמעריקאַנער מענטש איז אין תוך אַן אייראָפּעער און מעג ביי אים דער ירושה־זכרון אין דעם פּרט זיין שוואַ־כער, ווי ביים אייראָפּעער אין דער היים, אינגאַנצן אָפּגעמעקט איז דער בלוטי־קער חשבון אויך נישט אין אַמעריקע. די קעגנזייטיקע שינאה, זאָל זיין אַנטיפּאַטיע איז פון אַזאַ געשיכטלעכער לאַנגיאָריקייט און פון אַזאַ פּסיכישער טיפקייט, אַז נישט אין איין־צוויי דורות קען דאָס אויסגעוועפּט ווערן און פאַרשווינדן. מעג דאָס אויסערלעך נישט קומען צום שיין און אויסדרוק, נאָר די גרויסע שחיטה האָט דעם בלוט־תהום נאָך טיפער געמאַכט. בפרט נאָך, אַז ביז 20 אייראָפּעיִשע פעלקער האָבן אָנטייל גענומען אין דער שחיטה און דאָס מיינט דאָך ברידער און שוועסטער פון אַמעריקאַנער בירגער. אויך אַמעריקע גופא האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק אָנגעגעליגט צו ראַטעווען ייִדן, נישט ערב דער מלחמה בעת דער קליינער שחיטה און אויך נישט אין די מלחמה־יאָרן בעת די שחיטה איז געווען אין איר גאַנצן מיליאָניקן שוידער.

ס׳איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די גרויסע קאַטאַסטראָפע האָט פאַרהאַלטן דעם לויף פון דער אַסימילאַציע, באַזונדערס פון אירע לעצטע קאָנסעקווענצן, פון געמישטע חתונות און שמד. און דאָס מיינט, אַז די לעצטע 10־15 יאָר, די יאָרן פון אינטענסיווער אויסערלעכער שפּראַכלעכער צופּאַסונג צו דער אַרומיקער סביבה, איז פאַקטיש פאַרגעקומען אַ פּסיכישע און גייסטיקע נאַציאָנאַלע אויפ־וואַכונג ביי נאַציאָנאַל שטאַרק פאַרשלאָפענע עלעמענטן און ביי כמעט אָפּגע־

שטאַרבענע גלידער פון פאָלק. צי דאָס וועט געבן נאַציאָנאַל־שעפערישע פּרוכטן, איז אַ ספק.

עד כאן נעגאַטיווע פאַקטאָרן, וועלכע טאַרמאַזירן די לעצטע קאָנסעקווענץ־סטאַדיעס פון דער אַסימילאַציע — לאָמיר אָנווייזן אויך אויף אַ פּאָר פּאָזיטיווע מאָמענטן, וועלכע צוימען די פולע פאַרשמעלצונג מיט דער פרעמדער סביבה, דאָס גאַנצע פאַרשווינדן פונעם ייִדישן מקור.

די אימיגראַנטן פון אַלע אַנדערע אייראָפּעיִשע פעלקער זענען אַבסאָלוט רויִק פאַרן נאַציאָנאַלן גורל פון זייערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זיי האָבן געלאָזט אין דער אַלטער היים. זיי נעמען מיט, מיט זיך קרובים — זאָרגן אָבער נישט נאַציאָנאַלע זאָרגן. זיי קענען זיין אומרויִק פאַר דער מדרגה פון זעלבּ־שטענדיקייט און פרייהייט פונעם אייגענעם פאָלק, אָבער נישט פאַר זיין נאַציאָ־נאַלן קיום און המשך. גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע ביי ייִדן — אויך איצט מיטן אויפקום פון מדינת ישראל איז נאָך די זאָרג פאַרן קיום און פאַר דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק נישט אַראָפּגענומען פון די אַקסלען פון ייִדן אין דער גאָרער גלות־וועלט. ביודעים און בלא יודעים ווירקט דער דאָזיקער פאַקטאָר אויף דער פּסיכיק פונעם ייִדן און צווינגט אים צובלייבן אין אייגענעם לאַגער און נישט פאַרראַטן אַ פאָלק, וואָס שטייט אין קאַמף פאַר זיין קיום.

שנית, ייִדן זענען אַ געפייניקט און געמאָרדעט פאָלק — אַנטלויפן פון אַזאַ לאַגער איז נישט גרינג אַפילו פאַר אַ דורכשניט־מענטש. דער געוויסן דיקטירט צו בלייבן מיטן שוואַכן און נישט איבערלויפן צום שטאַרקן.

ייִדן זענען אַן אַלט פאָלק און יעדער ייִד טראָגט ערגעץ טיף אין זיין נשמה אַ געוויסן שטאָלץ צו געהערן צו אַ מאַרטיריזירטן און העראָיִשן פאָלק.

דער צוזאַמענפאַל פון דער ייִדישער רעליגיע מיטן נאַציאָנאַלן מאָמענט מאַכט די ייִדישע אויסנאַמיקייט בולטער און טיפער, רייכער גייסטיקער און פּסי־כיש און פיל טיפער אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון דער אַרומיקער וועלט, וועלכע איז נאַציאָנאַל און אַפילו אויך רעליגיעז מער צעשוווּמען און צעריסן, מער צעטיילט און צעברעקלט. דאָס ייִדישע פאָלק שפּאַנט אַרום צווישן פעלקער און שטאַמען, ווי אַ היסטאָריש אויסגעשמידטער אויסנאַמיקער גייסטיקער גי־גאַנט און דער דאָזיקער שטאָלץ־געפיל גיט זיך איבער די אָפּגעשטאַנענסטע גלידער פונעם פאָלק. זיין אַ ייִד און בלייבן אַ ייִד איז אַ העראָיִשע טאַט און אימפּאָנירט און לייכט די אָפּגעפרעמדסטע פונעם פאָלק, צי מען גיט זיך אָפּ אַ חשבון אין דעם צי נישט. עס איז געוואָרן אַ טיפע אתה בחרתנו־ירושה־אייגנשאַפט. —

ענדלעך לאָמיר צוגעבן, אַז דער אויפקום פון מדינת ישראל האָט בלתי ספק נאַציאָנאַל דערהויבן די ייִדישע מאַסן, אויך די שפּראַכלעך־ און קולטורעל־

אַסימילירטע, האָט צוגעגאָסן פרישן נאַציאָנאַל בלוט און זאַפט אין די פּאַרדאַרט־סטע ביינער פון יידישן פאָלק.

און נישט געקוקט אויף די אַלע נאָר וואָס פעסטגעשטעלטע פאַקטאָרן און סיבות, וועלכע צוימען דעם לויף פון דער יידישער אַסימילאַציע אַפילו אין אירע ערשטע סטאַדיעס, שפּראַך־ און קולטור־צוזאַמענגוס, דרינגט זי אַריין גאַנץ ברייט אין די יידישע מאַסן און מאַכט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע חורבנות. און דער שאָטן פון עקרות, פון סטערילקייט אין נאַציאָנאַלן פּרט, איינצייטיק שעפעריש אין דער קולטור פונעם אַרום, וואַרפט שוין גאַנץ ברייט זיינע דראָאונגען און גרייכט צו גאָר גרויסע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ.

מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז ביי קיין שום נאַציאָנאַלער גרופּע אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט נישט געפירט אַזאַ אַקטיווע און באַוווסטזיניק אָרגאַניזירטער קאַמף קעגן די אַסימיליר־פאַקטאָרן און קעגן אַסימילאַציע־נטיות. ווי ביי יידן. און אויך דאָס ווירקט, וואָס ביי יידן זענען די לעצטע סטאַדיעס פון אַסימילאַציע, געמישטע חתונות און שמד, פיל וויניקער, ווי ביי אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס אין אַמעריקע — זיי זענען אָבער, לײדער, גאַנץ גענוג כדי אונטערצוהאַקן די פליגל פון נאַציאָנאַלער שעפערישקייט און אַרויסרייסן דעם באָדן פון אונטער די נאַציאָנאַלע שאַפונגען.

לאָמיר איבערגיין צום סטאַטיסטישן מאַטעריאַל — מיר וועלן צוערשט זיך אָפּשטעלן אויף דער שפּראַך־סטאַטיסטיק. 1940 האָבן אין אַמעריקע אָנגעגעבן יידיש אַלס די שפּראַך פון די קינדער־יאָרן אין דער פאַמיליע־היים — 1.751.100 יידן. די דאָזיקע צאָל יידן איז באַשטאַנען פון דריי קאַטעגאָריעס: א) געבוירענע אין אויסלאַנד, אימיגראַנטן — 920.400, ב) געבוירענע אין אַמעריקע, וועמענס בײדע אָדער איינער פון די עלטערן איז געבוירן אין אַמעריקע, — 777.680, ג) געבוירענע אין אַמעריקע פון בײדע אַמעריקאַנער עלטערן — 52.980.

דער אמתער ווייזער פון דער צוקונפט אין פּרט פון יידיש אַלס רעד־שפּראַך איז די דריטע גרופּע. מען קען נישט פעסטשטעלן די צאָל יידישע אייניקלעך אין אַמעריקע אין 1940. נאָר דערמאָנט מען זיך, אַז מיר האָבן אין 1900טן יאָר שוין געהאַט מער פון אַ מיליאָן יידן אין לאַנד און 1914 אַרום דריי מיליאָן, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז פון 4 מיליאָן מיט 440 טויזנט יידן אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן אין 1940 זענען געווען אייניקלעך מינימום אַנדערטהאַלבן מי־ליאָן. פון זיי האָבן קוים אַזעלכע 52 טויזנט אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער שפּראַך אין די קינדער־יאָרן, אַ נישטיקער פּראָצענט, וואָס עס איז גאָר נישט כדאַי אים אויסצורעכענען. נאָר לאָמיר נעמען בײדע לעצטע גרופּעס. די ערשטע גרופּע — אימיגראַנטן — קען דאָך גאָר נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט ווען מען אינטערעסירט זיך נישט מיט דער סטאַטיק נאָר מיט דער דינאַמיק, מיט דער אַנטוויקלונג און מיט די פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפט. בײדע לעצ־

טע גרופּעס צוזאַמען באַטרעפן — 830.660 נפשות, וועלכע האָבן אָנגעגעבן, אַז אין די קינדער־יאָרן האָבן זיי גערעדט ייִדיש אין דער עלטערן־היים. אין יאָר 1940 האָבן מיר געהאַט אין אַמעריקע בערך 4 מיליאָן מיט 400 טויזנט ייִדן. נעמען מיר אַראָפּ די ערשטע גרופּע, די אימיגראַנטן, וועלן מיר בלייבן בערך ביי 3 מיליאָן מיט 500 טויזנט. אַט פון דער דאָזיקער צאָל דאַרף מען אויסרע־כענען דעם פּראָצענט, וואָס האָט אָנגעגעבן, אַז אין די די קינדער־יאָרן האָט מען גערעדט אין דער פאַמיליע ייִדיש, בערך 23 פּראָצענט.

אין אַלגעמיין האָבן אָנגעגעבן ייִדיש אין 1940 — 1.751.100: אין 1920, האָבן אָנגעגעבן ייִדיש אַלס זייער שפּראַך ערב עמיגראַציע — 2.043.616, אַלזאָ אין 1940 ווייניקער מיט 292.516 (1). אין די 20 יאָר פון 1920 ביז 1940 האָבן איינגעוואַנדערט ייִדן קיין אַמעריקע — 433 טויזנט, פון וועלכע עס זענען געווען מינימום 300 טויזנט פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, ווייל נאָר אין די יאָרן 1921־1925 האָבן איינגעוואַנדערט אין די שטאַטן 280 טויזנט ייִדן, דער עיקר פליכטלינגען פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און פוילן, אַלזאָ בלתי ספק ייִדיש־ייִדן. די דאָזיקע צאָל דאַרף אַראָפּגערעכנט ווערן פון דער צאָל ייִדיש־אָנגעגע־בענע אין 1940. מיר וועלן באַקומען, אַז אין יאָר 1940 זענען געווען נישט מער ווי 1 מיליאָן מיט 400 טויזנט ייִדיש אָנגעגעבענע, ווייניקער פון 1920 מיט גאַנ־צע 643 טויזנט. אַט די דאָזיקע ציפער גיט אַ פאַרשטעלונג וועגן דער אַנטוויקלונג — וואָס מיינט ווייניקער מיט 643 טויזנט ייִדיש־אָנגעגעבענע אין 1940, דאָס מיינט, אַז אויפן אָרט פונעם עלטערן דור, וואָס איז געשטאָרבן, זענען נישט צו־געקומען קיין יונגע, וועלכע וואָלטן אין פּרט פון ייִדיש פאַרנומען דאָס אָרט פון די אַוועקגעגאַנגענע.

צו אַ פאַרגלייך מיט ייִדן וועלן מיר נעמען די דייטשע גרופּע — די נאַ־ציאָנאַל־אויסגעשפּראָכנסטע און שאָוויניסטישסטע. זי האָט נאָך אַ סך אַנדערע מעלות אין פּרט פון נאַציאָנאַלער טריישאַפט — זי איז געקומען היסטאָריש כמעט גלייך מיט די ענגלענדער. שוין 1739 איז דערשינען אין אַמעריקע אַ דייטשע צייטונג 2). באַלד נאָך דער רעוואָלוציע זענען דערשינען נאָר אין פּענסילוואַניע — 25 דייטשע צייטונגען 3). מיר וועלן ווייטער די פּרעסע־פראַגע גענויער באַ־האַנדלען — דאָ האָבן מיר געוואָלט נאָר פעסטשטעלן די לאַנגיאָריקייט פון דער דייטשער איינוואַנדערונג. לויט זייער צאָל רעכנט מען, אַז אָפּשטאַמיקע פון

1) ב. שערמאַן, „ייִדן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין די פאַרייניקטע שטאַטן״, ניו־יאָרק; ש. סאָקאָל, „ייִדיש אין דער פאָלקס־ציילונג״, „ייִדישער קעמפער״, 1948, ז. 182; א—1942.

2) Our Racial and National Minorities, edited by Francis Brown and Joseph Habey Roucek, N. York, 1939, p. 574.

3) Ibid., p. 574.

דייטשן מאַכן אויס אַרום 25 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין אַמעריקע 1), נישט קיין סך ווייניקער פון דעם פּראָצענט פון די ענגלישע אָפּשטאַמיקע (ענגלאַנד, שאָטלאַנד, וועלש און צפון־אירלאַנד), וועלכע מאַכן אויס בערך 33 פּראָצענט פון אַלע אַמעריקאַנער 2). באַזונדערס געשטיגן איז די איינוואַנדערונג פון די דייטשן אין דער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט אין 9 יאָר — פון 1846 ביז 1954 — האָבן איינגעוואַנדערט 900 טויזנט דייטשן. זיי האָבן זיך געסטאַרעט צו קאָנצענטרירן אין באַשטימטע ערטער, כאָטש זיי זענען געווען צעשפּרייט איבער פיל שטאַטן. אַזוי האָבן זיי אין פּענסילוואַניע אויסגעמאַכט מער פון אַ דריטל 3) און צוליב דעם איז נישט קיין חידוש, וואָס זיי האָבן אין יאָר 1928 אַריינגעטראָגן אין דער לעגיסלאַטור אַ פאָרשלאָג וועגן דערקלערן אין שטאַט די דייטשע שפּראַך פאַר אַן אָפיציעלער שפּראַך באַגלייך מיט ענגליש 4).

באַשרייבנדיק זייער אויספירלעך און גרינטלעך די נאַציאָנאַלע טענדענצן פון די דייטשע איינוואַנדערער, פאָרמולירט שערמאַן אַזוי די פראַגע: „זעלטן ווען האָט אַן אימיגראַנטן־גרופּע אויסגעטיילט פון זיך אַזאַ הויכן פּראָצענט איינוואַנדערער, וואָס האָבן ביי זייער קומען אַהער זיך געשטעלט דעם ציל צו דערגרייכן קלאָר פאָרמולירטע פּראָגראַמען פון קאָלעקטיוון עטנישן צוזאַמענלעבן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די דייטשן".

און ער גיט צו: „דייטשן זענען געקומען פרי. אין גרויסע צאָלן און געשאַפן פאַר זיך וויכטיקע קולטורעלע און סאָציאַלע שטיץ־פּונקטן סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט און סיי אין דער אינדוסטריע. זיי האָבן געהאַט אַ קאָנצענטרירטע אַגרי־קולטור און זיילן: קירכע, שפּראַך און פאַמיליע. אויך אין די שטעט איז די איינאָרדענונג פון די דייטשן געווען אַ קאָנצענטרירטע און איז געווען באַגלייט פון אַן אינטעסיוון בוי פון קולטור, הילף און זעלבסטהילף־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ שטאַרקן דייטשן נאַציאָנאַליזם און אַ סך מער ווי אַ דורכשניטלעכע געזעלשאַפטלעכע באַוווסטזיניקייט. זיי זענען אין אַ גאַר גרויסער מאָס געווען אידעאָלאָגיש באַווירקט און זיך געשטעלט קלאָרע צילן פון עטנישן זעלבסט־דערהאַלט. זיי האָבן נישט פאַרנאַכלעסיקט די דערציִונג פון זייערע קינדער: בעת די רעליגיעזע דייטשן האָבן געבויט פּאַראָכיאַלע שולן, האָבן די פרייע דייטשן געשאַפן סעקולערע שולן".

דאָ האָבן מיר אַ בילד פון אַ גרופּע, וואָס האָט פון לכתחילה זיך געשטעלט אויסגעשפּראָכענע קלאָרע אויטאָנאָמישע נאַציאָנאַלע צילן, און שערמאַן דערציילט, אַז „די דייטשן האָבן פון צייט צו צייט אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ געוויסע ענלעכקייט צו אַ צאָל פאָדערונגען, וואָס נאַציאָנאַלע

1) Ibidem, p. 166.

2) ב. שערמאַן, ז' 119. 3) איביד, ז' 119. 4) איבידעם, ז' 126.

מינדערהייטן שטעלן אַרויס אין אייראָפּעיִשע נאַציאָנאַליטעטן־מלוכות״ 1).

ער גיט צו, אַז „אין דער דייטשער אימיגראַציע איז געווען המשך, זי איז נישט איבערגעהאַקט געוואָרן דורך לאַנגע הפסקות״ — דאָס איז געוויס איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן. און לאָמיר נאָך צוגעבן, אַז אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע האָט זיך די דייטשן איינגעגעבן אויסצובויען גאַנצע געגנטן מיט אַ דייטשער מערהייט, מיט דער הערשנדיקער דייטשע שפּראַך, מיט אַ נעץ שולעס מיט דער דייטשער שפּראַך. נאָר וואָס איז געוואָרן? פון דער גרויסער מיליאָני־קער דייטשער אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן?

שערמאַן פירט אונטער אַזאַ סך הכל: „אין ליכט פון די פאַקטן איז מעגלעך בלויז איין אויספיר — די דייטשע גרופּעשקייט לאָזט זיך פאַנאַנדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און וואָס ווייטער מיט אַן אַלץ שנעלערן טעמפּ. דייטשן, וואָס זענען געקומען מיט אַן אייגענער שפּראַך און מיט אַן אייגענער קולטור און מיט אַ שטאַרקער צוגעבוסנדנקייט צו ביידע האָבן נאָר געקענט פאַרלאַנג־זאַמערן די אַסימילאַציע אָבער נישט זי אָפּשטעלן״ 2).

לאָמיר ברענגען אייניקע ציפער וועגן דער היים־שפּראַך אין די קינדער־יאָרן ביי די דייטשן. אין יאָר 1940 האָבן דייטשן אָנגעגעבן אַלס זייער שפּראַך אין די קינדער־יאָרן — 4.949.780. אין יאָר 1920 — 8.164.111, אַלזאָ 1940 וויניקער מיט 3.214.331! וויניקער כמעט מיט אַ גאַנצער העלפט! אָבער דער חשבון איז נאָך נישט ריכטיק — מען מוז פון די דאַטן פון 1940 אַראָפּרעכענען די אימיגראַנטן פון 1920 ביז 1940 — 192.691, ווייל דאָס זענען דאָך געוויס געווען אַלע דייטש־שפּרעכנדיקע, וואָרום אויך די דייטשע ייִדן זענען הונדערט פּראָצענט דייטש־שפּרעכנדיקע. דעמאָלט וועלן מיר באַקומען, אַז אין משך פון 20 יאָר האָט די דייטשע שפּראַך פאַרלאָרן 3.407.022! אַזוי לויפנדיק איז געווען דער אַסימילאַציע־פּראָצעס אין די 20 יאָר פון 1920 ביז 1940, אין יאָרן ווען אין דייטשלאַנד איז דער דייטשער שאָוויניזם געוואַקסן משוגענערווייז און האָט זיינע פליגלען פאַרשפּרייט איבער דער גאָרער דייטשער וועלט אויף אַלע פינף קאָנטינענטן.

ריכטיק באַמערקט שערמאַן, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי וויכטיק די אַלגע־מיינע צאָל אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן ביי דער ציילונג פון 1940 אָנגעגעבן זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך אַלס די קינדער־שפּראַך אין דער עלטערן־היים. פיל וויכ־טיקער און באַדייטנדיקער איז די צאָל אייניקלעך, וועלכע האָבן אָנגעגעבן די נאַציאָנאַלע שפּראַך אַלס די קינדער־שפּראַך. מיר האָבן העכער געזען, אַז ביי ייִדן איז די צאָל געווען גאָר אַ נישטיקע — אַ ביסל מער פון 52 טויזנט ביי העכער פיר מיליאָן ייִדן. דערביי מוז מען האָבן אין אויג, אַז ייִדן זענען די

---

1) שערמאַן, ז. 126. 2) איביד, ז. 129.

שטאַטישסטע צווישן אַלע איינוואַנדערער, אַפילו אין פאַרגלייך מיט די דייטשן, שוין אָפּגערעדט פון פּאָליאַקן, איטאַליענער און אַנדערע מיעוטים. אַלס שטאַטישע און אַלס אַ העכערער קולטור־עלעמענט און אויך אַלס אַ געשיכטלעך גע־איבטער אין איבערנעמען פרעמדע שפּראַכן גיבן יידן דעם קלענסטן פּראָצענט אייניקלעך מיט יידיש אַלס די היים־שפּראַך אין די קינדער־יאָרן. מען קען נישט, פאַרשטייט זיך, שאַצן עקזאַקט די ווירקונג פון די דאָזיקע פאַקטאָרן, נאָר מיר וועלן ווייטער זען פון די דאַטן בנוגע דער נאַציאָנאַלער פּרעסע, אַז יידן קעמפן מיט מער היץ פאַר זייער טראַדיציאָנעלער שפּראַך:

לאָמיר ברענגען דאַטן וועגן די אייניקלעך אין יאָר 1940 ביי עטלעכע נאַ־ציאָנאַלע גרופּעס:

1) דייטש — — — — — — — — 925.040
2) פּויליש — — — — — — — 185.820
3) איטאַליעניש — — — — — — 125.040

בנוגע דער דייטשער צאָל קען מען געוויס מאַכן אַ שטיקל חשבון — זיי האָבן מיט די דרייסיקער יאָרן אויסגעמאַכט 25 פּראָצענט פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, דאָס מיינט, אַז אין יאָר 1940 זענען געווען אין אַמעריקע אַרום 33 מיליאָן דייטש־אָפּשטאַמיקע. פון זיי האָבן נאָר אַ ביסל מער פון 925 טויזנט אייניקלעך אָנגעגעבן דייטש אַלס זייער קינדער־שפּראַך, דאָס מיינט נישט מער פון קנאַפּע דריי פּראָצענט!

פּוילישע סטאַטיסטיקער און קענער פון דער אויס־ און איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע האָבן ערב דער לעצטער מלחמה געשאַצט די אַמעריקאַנער פון פּוי־לישן אָפּשטאַם בערך אין אַכט מיליאָן — די צאָל אייניקלעך מיט פּויליש אַלס קינדער־שפּראַך מאַכט לכן אויס נישט מער פון אַרום צוויי פּראָצענט.

די צאָל איטאַליענער־אַמעריקאַנער איז בערך די זעלבע אָדער אַפילו אַ ביסל מער פון דער צאָל פּאָליאַקן. ביי זיי איז די צאָל אייניקלעך מיט איטאַליעניש אַלס קינדער־שפּראַך נאָך וויניקער און מאַכט נישט אויס אַפילו קיין צוויי פּראָצענט.

מיר זעען, אַז אין פּרט פון נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון בנוגע דער מוטער־שפּראַך, וואָס דאָס איז דאָך דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין קאַמף פאַר נאַציאָ־נאַלער שעפערישקייט, זענען אַלע פעלקער בערך גלייך — די שפּראַך־אַסימילאַ־ציע פרעסט אויף אַלע צענדליקער שפּראַכן פון די איינגעוואַנדערטע: מיר האָבן גענומען די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַל שטאַרקערע פעלקער, פון גרופּעס, וועלכע האָבן שוין געבראַכט מיט זיך קולטור־אוצרות אין זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן אָדער זיי האָבן געהאַט היסטאָריש צוקעמפן פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום פאַר זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך און זענען אין דעם פּרט באַזונדערס פּילבאַר און קעמפעריש.

שטעלט מען זיך די פראַגע: ווו ליגט דער שורש פון דער דערשיינונג? איז דאָ איין און איינציקער קלאָרער און ביז גאָר פשוטער תירוץ! דער אַסימילירדרוק פון דער אַמעריקאַנער סביבה, וואָס טענדירט מיט אַ געוואַלדיקן כוח צו אידענטישקייט און האַרמאָניע, פאַרמאָגט אַן אומגעהויערע השפעה און נאָר און אויסשליסלעך מיט דער הילף פון פולער פרייהייט! אַלע חקירות וועגן פלוראַליזם האָבן אַ ווערט אויף וויפל עס רעדט זיך וועגן אַריינגיסן די פאַרשיידענע קולטורן אין דער איינהייטלעכער און האַרמאָנישער אַמעריקאַנער קולטור, אָבער נישט וועגן פאַראייביקן אָדער אַפילו נאָר איינהאַלטן אויף זייער לאַנג די עקזיסטענץ פון די צענדליקער שפּראַכן און קולטורן. האָמאָגעניטעט און קאָנפאָרמיזם זענען די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט — עס מאַכט אַפילו דעם איינדרוק, ווי די אַמאַלגאַמירטע אַמעריקאַנער געזעלשאַפט וואָלט אינסטינקטיוו מורא געהאַט פאַר נאַציאָנאַלע צעשפּאַלטנקייטן און קאָנפליקטן און איילט זיך וואָס גיכער צו פאַרווישן די מיטגעבראַכטע פון דער נאַציאָנאַל-צעריסענער און צעפּרעסענער אייראָפּע אַלע שפּורן און וואָס גיכער צוזאַמענשמעלצן און צוזאַמענגיסן דעם קאָנגלאָמעראַט פון שפּראַכן און קולטורן. אין אַזאַ געזעלשאַפט איז, פאַרשטייט זיך, אומגעהויער שווער זיך אויסטיילן און זיך וואַרפן אין די אויגן מיט אַנדערשקייט און באַזונדערקייט אויפן נאַציאָנאַלן געביט. און נישט צופעליק און נישט אָן אַ געזונטן אינסטינקט איילט די יידישע געזעלשאַפט וואָס גיכער צו פאַרווישן די שפּראַך- און קולטור-חילוקים און אונטערשיידן און בלייבן ביי יענעם איינציקן באַזונדערן סימן, וואָס אין כאַראַקטעריסטיש פאַר אַמעריקע — רעליגיע און סינאַגאָגע.

לאָמיר נאָך ברענגען אַ ביסל ציפער וועגן יידיש אין קלענערע יידישע ישובים: — מעקסיקע גיט אונדז אַזאַ מעגלעכקייט, נאָר, ליידער, זייער אַ טרויעריקע מעגלעכקייט. דאָס איז דאָך אַ ישוב, וואָס שמו הולך בכל הארץ, וואָס האָט אייגענע יידישע אינטעגראַלע שולעס און אין די שולעס לערנען זיך אַרום דריי פערטל פון אַלע קינדער אין שול-עלטער. וואָלט מען געוויס געקענט האָפן אויף בשורות טובות פון דאָרטן אין פרט פון יידיש. נאָר אָט וואָס עס שרייבט די מעקסיקאַנער יידישע צייטונג „די שטימע" (19טן דעצעמבער, 1953):

„די באַריכטן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דער לעצטער פאָלקסציילונג, מיט דריי יאָר צוריק, גיבן אָן, אַז די צאָל מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעגעבן זייער נאַציאָנאַליטעט אַלס „איזראַעליטע" איז געווען 17.500".

די צייטונג מאַכט חשבונות און קומט צום אויספיר, אַז אין מעקסיקע זענען שוין געווען דעמאָלט (1950) אַרום 25 טויזנט יידן, נאָר פיל יידן האָבן זיך רעגיסטרירט אַלס דייטשן, פּאָליאַקן, רומענער, לויט די לענדער פון וואַנען זיי זענען געקומען. יעדנפאַלס פון די העכער 17 טויזנט יידן זענען בלתי ספק געווען

פון מזרח־איראָפּע 12־13 טויזנט, אַלזאָ יידיש רײדנדיקע. וויפל זשע פון זיי האָבן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך?

אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע געפינען מיר אין דער צווייטער יידישער צייטונג פון מעקסיקע („דער וועג", 18טן יאַנואַר, 1954):

„צווישן די 182 טויזנט נאַטוראַליזירטע בירגער האָבן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך קוים — 1.841 נפשות! די ציפער בעט זיך ממש, מען זאָל זי אויסטייטשן: לויט אַלע אויסרעכענונגען איז ביי אונדז אָנגענומען, אַז אין מעקסיקע געפינען זיך ביי 13־14 טויזנט אַשכנזישע יידן, יידיש־רײדנדיקע, יידן, וועלכע שטאַמען פון ליטע, פּוילן, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און פון אַנדערע לענדער, ווו יידיש איז געווען זייער מוטער־שפּראַך. מיר האַלטן אויך, אַז בערך 75 פּראָצענט פון אונדזערע קינדער באַקומען אַ יידישע דערציִונג און זייער מוטער־שפּראַך איז יידיש. פרעגט זיך אַ שאלה, ווי אַזוי האָבן מיר עס פאַרלאָרן אַזאַ גרויסע צאָל יידיש־רײדנדיקע ביים צענזוס?"

דער שרייבער פון אַרטיקל קלאָגט און וויינט, צאַרנט און כעסט זיך און קומט צום שרעקלעך טרויעריקן אויספיר, אַז „יידן שעמען זיך אָנצוגעבן זייער מוטער־שפּראַך יידיש און האָבן בעסער אָנגעגעבן פּויליש, דייטש. דייטשלאַנד־און עסטרייך־געבוירענע ווערן אָנגעגעבן 4.576 און ווען עס קומט אָבער צום אָנגעבן די מוטער־שפּראַך וואַקסט אויס די דאָזיקע ציפער פון דייטש־רײדנדיקע ביז 9.383".

זענען נאָך נויטיק פירושים צו די דאָזיקע פאַטאַלע ציפער? עס קומט כמעט אויס, אַז יידן פון גאַליציע, פון אַמאָליקע עסטרייכישע פּראָווינצן האָבן אָנגעגעבן דייטש פאַר זייער מוטער־שפּראַך. די ציפער זענען פאַטאַלע גאַר צוליב אַ צווייטער סיבה: עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די יידישע יוגנט האָט אויך אָנגעגעבן שפּאַניש אַלס זייער מוטער־שפּראַך. און דאָס שטימט, ליידער, מיט דערווירקלעכקייט. נישט געקוקט אויף דעם זיצן אין די יידישע שולעס 10 און 11 און 12 יאָר, רעדט דער יונגער דור שפּאַניש און אויסשליסלעך שפּאַניש.

מיר האָבן געלאָזט צום סוף פון דאָזיקן קאַפּיטל די דאָטן וועגן אַ ישוב, וואָס שטאַמט פון גאָר אַ גרויסן יחוס — פון ליטע, ווו די יידישע שפּראַך איז מער ווי ווו עס איז נישט אַנדערש געכוואַוועט און געשאַצט געוואָרן. מיר האָבן אין אויג דרום־אַפריקע. דער דרום־אַפריקאַנער יידישער קיבוץ באַשטייט אויף מער פון 80 פּראָצענט פון שטאַמענדיקע פון ליטע. דערביי איז דער יושב נאָך אַ גאַנץ יונגער — די מערהייט יידן זענען געקומען אין די ערשטע דרייסיק יאָר פון לויפנדיקן יאָרהונדערט. מען קען אָננעמען, אַז ס'לעבט נאָך אַ גרויסער טייל פון די אימיגראַנטן זעלבסט און דער ניי־געבוירענער דור איז אויפגעוואָקסן אין היימען, ווו די יידישע שפּראַך האָט נאָך געמוזט זיין די רעד־שפּראַך. ליידער, מוזן מיר אויך דאָס מאָל אַנטוישן דעם לייענער. מיר פאַרמאָגן דאָ אָפיציעלע

ציפער פון אַ צענזוס און אַט זענען די רעזולטאַטן פון צוויי ציילונגען. עס האָבן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך:

1) 1936 — — — 17.687 — — — 19.5% פון אַלע יידן (90.645).
2) 1946 — — — 14.000 — — — 13.5% פון אַלע יידן (104.156).

מען ווערט איבערראַשט ווען עס קומט אויס פעסטצושטעלן אַזאַ ירידה פון יידיש ביי אַ יידישער באַפעלקערונג פון קאָוונע און אַנדערע שטעט פון ליטע און דערביי אין אַ לאַנד, ווו עס קומט פאָר אַ שאַרפער קאַמף צווישן צוויי שפּראכן — צווישן ענגליש און אַפריקאַניש.

# די ירידה פון דער יידישער פרעסע און פון יידישן טעאַטער

די יידישע פרעסע איז דער בעסטער מעסטער און דער וויכטיקסטער סימפּ־טאָם פון דעם מצב פון יידיש אין דער וועלט און פון די טענדענצן, וואָס דער יידיש־לשון לעבט איבער. דער אימיגראַנט, וואָס איז שפּראַכלעך געווען שטום און פיזיש און פּסיכיש מיד, הונגעריק און אָפּגעריסן, האָט געפונען אין דער יידישער צייטונג אין די איינוואַנדערונג־לענדער אַ וועג־ווייזער, אַ לערער אין ברייטסטן זינען פון וואָרט, אַ טרייסטער און צוזאָגער פון אַ בעסערער צוקונפט. דערמיט דערקלערט זיך די אינטימע צוגעבונדנקייט פונעם יידישן לייענער, ווען אַפילו ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט לייענען ענגליש אָדער שפּאַניש, צו דער צייטונג, וועלכע האָט אים אַזוי פריינטלעך און טריי געדינט אין די ערשטע שווערע יאָרן. דאָס איז אָבער געווען נאָר ביים ערשטן דור איינגעוואַנדערטע — די קינדער זענען שוין אויפגעוואַקסן אין גאַנץ נייע באַדינגונגען און לייענען זעלטן אַ יידישע צייטונג. דאָס קומט בולט צום אויסדרוק פון די ציפער, וואָס מיר פאַרמאָגן בנוגע די גרעסטע יידישע צייטונגען — די טאָג־צייטונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די ווייטער געבראַכטע ציפער זענען אָפיציעלע און רופן נישט אַרויס קיין ספקות.

ביזן יאָר פון דער קוואָטע, ביזן יאָר 1925, שטייגט תמיד דער טיראַזש פון די יידישע צייטונגען. דאָס שטייגן איז פאַרשיידן, אָבער תמיד געגנוג אינטענסיוו. אין די ערשטע פינף יאָר פונעם לויפנדיקן יאָרהונדערט איז דער טיראַזש געשטיגן כמעט דריי מאָל, ווייל אין די דאָזיקע זעקס יאָר — 1900־1905 — האָבן איינ־געוואַנדערט נישט מער און נישט ווייניקער ווי קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן יידן. אויך דער באַשטאַנד פון די איינוואַנדערער איז געווען אַ ביסל אַן אַנדערער — אַ מער קולטורעלער און פּאָליטיש אַ מער באַוווסטזיניקער. דערצו איז צוגעקו־מען די רוסישע רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען פון קישינעוו (1903) און פון די אָקטאָבער־טעג פון 1905 — דאָס אַלץ האָט געוועקט דעם אינטערעס פונעם איינגעוואַנדערטן יידן, צווישן וועלכע עס זענען געווען דריי פערטל פון רוס־

טאַבעלע 19

## די עליות און ירידות פון דער יידיש־פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן

| | יאָר | צאָל יידן אין לאַנד | צאָל עקזעמ־פּליאַרן | % אין פאַרגלייך מיטן פאַריקן יאָר | איין עקזעמ־פּליאַר אויף וויפיל יידן |
|---|---|---|---|---|---|
| (1 | 1900 | 1.000.000 | 66.252 | — | 15.1 |
| (2 | 1905 | 1.700.000 | 190.732 | 288.1 | 9.0 |
| (3 | 1910 | 2.400.000 | 269.332 | 141.2 | 8.9 |
| (4 | 1915 | 3.100.000 | 605.705 | 225.0 | 5.1 |
| (5 | 1920 | 3.300.000 | 523.254 | 85.9 | 6.3 |
| (6 | 1925 | 3.700.000 | 585.978 | 112.0 | 6.3 |
| (7 | 1930 | 4.000.000 | 562.382 | 96.0 | 7.1 |
| (8 | 1935 | 4.250.000 | 486.881 | 86.5 | 8.6 |
| (9 | 1940 | 4.500.000 | 403.235 | 82.8 | 11.0 |
| (10 | 1945 | 4.750.000 | 287.850 | 71.4 | 16.5 |
| (11 | 1953 | 5.100.000 | 213.093 | 70.0 | 25.8 |

לאַנד. די נייע אײנוואַנדערער פון אַנדערע לענדער, ווי פון רומעניע און אונ־גאַרן, פון סלאָוואַקיע און קאַרפּאַטאָרוסלאַנד, האָבן זיך אויך געוואָרפן צו דער יידישער צייטונג, ווייל צו דער ענגלישער איז נאָך געווען אַ ווייטער מהלך. און אין איינע זעקס יאָר האָט דער טיראַזש זיך פאַרגרעסערט פון אַריבער 66 טויזנט עקזעמפּליאַרן אויף העכער 190 טויזנט.

אין די נאָענטע פינף יאָר שטייגט ווידער דער טיראַזש כמעט אַנדערטהאַלבן מאָל — די אײנוואַנדערונג פון יידן פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער האָט געהאַלטן אין איין שטייגן און אין די פינף יאָר — פון 1906 ביז 1910 אין כלל — האָבן ווידער אײנגעוואַנדערט שוין העכער אַ האַלבן מיליאָן יידן און ווידער כמעט אויסשליסלעך פון די יידיש־לענדער, פון די מזרח־אייראָפּעיִשע מקומות. 1915 גיט נאָך אַ מער אינטענסיוון שפּרונג אַרויף — העכער צוויי מאָל אַ פאַר־גרעסערונג פון דער צאָל עקזעמפּליאַרן יידישע צייטונגען, פון אַ ביסל מער פון 269 טויזנט אויף העכער 605 טויזנט עקזעמפּליאַרן. דאָ האָבן געווירקט צוויי סיבות — ווידער די גאָר גרויסע אײנוואַנדערונג אין די ערב־מלחמה־יאָרן, פון 1911 ביז 1914 אײנגעשלאָסן מער פון אַ האַלבן מיליאָן נייע יידישע אײנוואַנדערער, און די מלחמה. צום סוף פון דער מלחמה פאַלט אַ ביסל דער טיראַזש — די אײנוואַנ־

1) נ. גולדברג, תפוצת העתונות היהודית בארצות הברית, ספר השנה, תש״ה, עמ׳ 566; יעקב לעשצינסקי למצב היהודים בארצות הברית של אמריקה, ספר שנה של הקרן הקימת לישראל, תל־אביב, תש״ח, עמוד 297; „דער וועקער", ניו־יאָרק, 15טן אָקטאָבער, 1953. Ayers Directory, 1940—1953.

דערונג איז געווען גאָר קליין און די מלחמה האָט זיך געענדיקט. באַלד נאָך דער מלחמה גיט ווידער דער טיראַזש אַ שפּרונג, נאָר שוין גאָר אַ קליינעם — פון 1920 ביז 1925 אַ צוקום נאָר אויף אַזעלכע 12 פּראָצענט. און שלוס! עס קומט די קוואָטע — דער צושטראָם פון נייע יידישע מאַסן ווערט באַגרענעצט און דער פּראָצענט שוין אין אַמעריקע געבוירענע יידן נעמט צו ביסלעך דער־יאָגן די פּריש־איינגעוואַנדערטע און שפּעטער איבעריאָגן. 1930 קומט די ער־שטע ירידה אויף פיר פּראָצענט אין פינף יאָר. די צווייטע פינף יאָר — פון 1930 ביז 1935 — גיבן שוין אַ ירידה פון העכער 13 פּראָצענט און די ווייטערע פינף יאָר — פון 1935 ביז 1940 — גיבן שוין אַ ירידה פון העכער 17 פּראָ־צענט. פון 1940 ביז 1945 איז שוין די ירידה נאָך גרעסער — גאַנצע העכער 28 פּראָצענט. און פון 1945 ביז 1953 ווידער אַ ירידה פון 30 פּראָצענט! פון 287.850 עקזעמפּליאַרן אין 1945 נאָר 213.093 אין יאָר 1953.

די נאָר וואָס אַנאַליזירטע טאַבעלע דערציילט אונדז אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע פון גורלדיקן באַטייט: זי דערציילט אונדז, ווי עס זענען געלאָפן מי־ליאָנען יידן פון דעם אייראָפּעישן גהינם און דאָ געשאַפן אַ פּרעסע מיט אַ טי־ראַזש, וואָס האָט געקענט אימפּאָנירן גאַנץ רייכע און תושבדיקע פעלקער. זי דערציילט אונדז אָבער אויך ווי אַזוי מען האָט פאַרשטאָפּט דעם רעטונג־קוואַל פונעם אייראָפּעישן יידנטום און דערמיט אויך אונטערגעהאַקט דעם פּרעסע־בוים, וואָס האָט זיך געהאַט אַזוי צעבליט און צעוואַקסן און האָט גענומען שפּילן אַזאַ קאַלאָסאַלע ראָלע אינעם וועלט־יידנטום.

דאָס בילד וועט ווערן קלאָרער און בולטער און אויך איבערזיכטלעכער, ווען מיר וועלן צונויפּצויען די דאַטעס פון דער טאַבעלע און וועלן נעמען נאָר דריי צענטראַלע צייכן־פּונקטן.

| | יאָרן | צאָל יידן | צאָל עקזעמ־פּליאַרן | אינדעקס צו יעדן יאָר | איין קעזעמ־פּליאַר אויף וויפיל יידן |
|---|---|---|---|---|---|
| (1 | 1900 | 1.000.000 | 66.252 | 100.0 | 15.1 |
| (2 | 1925 | 3.700.000 | 585.978 | 885.1 | 6.3 |
| (3 | 1953 | 5.100.000 | 213.093 | 290.0 | 25.5 |

אין די ערשטע 25 יאָר אַ וווּקס פון דער צאָל עקזעמפּליאַרן כמעט ניין מאָל — אין די לעצטע 28 יאָר אַ ירידה כמעט דריי מאָל. אָנהייב 20טן יאָרהונ־דערט איז אָנגעקומען איין יידישע צייטונג אויף 15 יידן. אין 1925 האָט שוין יעדער זעקסטער ייד געקויפט אַ יידישע צייטונג און אין 1953 קויפט שוין נאָר איינער פון 25 יידן אַ יידישע צייטונג!

דאָס בילד וועט ערשט ווערן פאַרשטענדלעך אין זיין גאַנצער מאָס און אין זיין פולער באַדייטונג ווען מיר וועלן צוגעבן דעם וווקס פון דער ענגלישער פרעסע פאַר די לעצטע 30 יאָר — דער טיראַזש פון די ענגלישע צייטונגען איז געווען אין יאָר 1920 — 27 מיליאָן מיט 790 טויזנט און אין יאָר 1951 — 54 מיליאָן מיט 18 טויזנט. דאָס מיינט, אַז דער אַמעריקאַנער עולם האָט גענומען אַ סך מער לייענען צייטונגען. ווייל די באַפעלקערונג פון די שטאַטן האָט זיך פאַרגרעסערט נישט צוויי מאָל, נאָר ווייניקער פון אַנדערטהאַלבן מאָל — פון 105 מיליאָן אין יאָר 1920 אויף 150 מיליאָן אין 1950. האָט די גאַנצע באַפעל־קערונג גענומען לייענען מער צייטונגען, איז ייִדן אַוודאי און אַוודאי, ווייל ייִדן זענען מער שטאָטיש און מער מעטראָפּאָליש. די ירידה פון דער צאָל ייִדישע צייטונג־עקזעמפּליאַרן איז לכן נאָך פיל באַדייטנדיקער.

מיר האָבן געבראַכט די דאַטן וועגן דעם טיראַזש פון די טעגלעכע ייִדישע צייטונגען אין גאַנצן לאַנד. עס איז אָבער וויכטיק פעסטצושטעלן, אַז אין יאָר 1923 זענען געווען טעגלעכע ייִדישע צייטונגען צען און איצט נאָר דריי. די קלענערע שטעט, ווי טשיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, לאָס אַנדזשעלעס, קליוולאַנד, סאַן פראַנציסקאָ און באָסטאָן האָבן געהאַט דעמאָלט זייערע טעגלעכע צייטונגען 1). דאָס מיינט, אַז דעמאָלט זענען געווען גענוג ייִדיש־לייענער אין די קלענערע ייִדישע קהילות מיט גענוג לאָקאַלע ייִדישע אינטערעסן אום אויסצוהאַלטן אַ טעגלעכע ייִדישע צייטונג.

אין 1923 זענען געווען העכער 20 וואָכנבלעטער און 8 חודש־אויסגאַבעס 2) און איצט פאַרמאָגן מיר נאָר צען וואָכן־ און צווייוואָכן־אויסגאַבעס און נאָר דריי חודש־אויסגאַבעס 3). מיר וועלן זיין זייער נאָענט צום אמת, אויב מיר וועלן צוגעבן, אַז אין 1923 האָבן די מערהייט־אויסגאַבעס זיך אויסגעהאַלטן מער אָדער ווייניקער, ווען איצט זענען אַלע נישט־טעגלעכע ייִדיש־אויסגאַבעס דעפיציט־אונטערנעמונגען און נאָר אַ דאַנק די פּאַרטייען און די קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גיבן גרויסע סובסידיעס, קענען זיי ווייטער עקסיסטירן.

מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין אַנאַליזירן דעם אינהאַלט פון די אויסגאַבעס צוריק מיט דריי צענדליק יאָר און איצט — גענוג נאָר צו זאָגן, אַז דעמאָלט איז געווען אַ חודש־אויסגאַבע פאַר מוזיק און טעאַטער און איצט איז קיין זכר פון דעם נישט בנימצא. און דאָס איז ביז גאָר וויכטיק, ווייל נאָך דער פרעסע האָט דער טעאַטער געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין זין פון ווייטער אַנטוויקלען די ייִדישע שפּראַך און זי אויפהאַלטן לעבעדיק און זאַפטיק אין מויל פון די מאַסן.

---

1) American Jewish Year Book, Vol. 26, 1924, p. 550—57.
2) Ibid.
3) Ibídem.

ווער איז דער לייענער פון דער יידישער פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן? אויב עס ווערן טעגלעך דאָך פאַרקויפט צוויי הונדערט טויזנט עקזעמפּ־ליאַרן, איז אָנצונעמען, אַז עס לייענען יידישע צייטונגען נישט ווייניקער פון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. איז דאָס נאָר דער גאָר אַלטער דור, וואָס פאַרשטייט שוואַך ענגליש און אָריענטירט זיך בעסער אין אַ יידישן בלאַט אָדער עס איז אַ באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַלער ייד, וואָס לייענט די יידישע צייטונג, ווייל ער געפינט אין איר ספּעציעל־יידישן מאַטעריאַל?

ליידער, קענען מיר נישט געבן קיין תשובה אויף די דאָזיקע אזוי וויכ־טיקע פראַגן, ווייל עס זענען די לעצטע יאָרן נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום פאַרשונגען בנוגע די דאָזיקע פראַגן. נאָר מיר פאַרמאָגן אַ גלענצנדיקן מאַטעריאַל פון צוריק מיט גאַנצע דרייסיק יאָר און כאָטש ער איז אין יאָרן שטאַרק פאַר־עלטערט, איז ער לויט זיינע רעזולטאַטן ביז גאָר וויכטיק און אינטערעסאַנט אויך פאַר אונדזער צייט.

מרדכי סאָלטעס, דער איצטיקער דירעקטאָר פון דער רבי יצחק אלחנן־ישיבה, האָט צוריק מיט דרייסיק יאָר דורכגעפירט אַ פאָרשונג וועגן דעם טיפּ לייענער פון דער יידישער פּרעסע און וועגן דעם אינהאַלט־כאַראַקטער פון דער דאָזיקער פּרעסע — אַ פאָרשונג וואָס וועט בלייבן קלאַסיש אין דער געשיכטע פון דעם יידישן צייטונג־וועזן. מיר וועלן נעמען פון דאָרטן אייניקע ציטאַטעס, וועלכע זענען ביז גאָר באַלערנדיק 1).

צוערשט אייניקע ענטפערס פון די לייענערס אויף די צעשיקטע פראַג־בויגנס: אַרום 20 פּראָצענט האָבן געענטפערט, אַז זיי לייענען די יידישע פּרעסע, „ווייל יידיש איז מיין מוטער־שפּראַך און איך וויל נישט, אַז זי זאָל שטאַרבן"; „אום נישט צו פאַרגעסן יידיש"; „ווייל איך האָב ליב דעם לשון און דעם יידישן סטיל" 2).

דאָס זענען אַלגעמיינע ווערטע פון ליבע און צוגעבונדנקייט צו דער יידיש־שפּראַך, נאָר אָט זענען מער דעטאַליזירטע און אינטערעסאַנטע תשובות 3):

1) „אַ שילדן־מאַלער שרייבט: איך לייען יידישע שייטונגען צוליב די נייעס, וואָס מען געפינט נישט געוויינלעך אין דער ענגלישער פּרעסע, ווי למשל, וועגן יידישע יוניאָנס און אויך צוליב יידישע דערציילונגען, יידישע געשעענישן.

2) „אַ פּרעסער, געבוירן אין אַמעריקע און אַלט 21 יאָר שרייבט: „די יידי־שע צייטונג איז די צייטונג פון מיין פאָלק (ער שרייבט „ראַסע" — י. ל.). איך געפין דאָרטן פיל גאָר וויכטיקע אינפאָרמאַציעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיר און מיין פאָלק".

---

1) American Jewish Year Book, Vol. 24, 1924, p. 165—373.
2) Ibid, p. 193.
3) Ibidem.

3) „אַן אַדוואָקאַט שרייבט: „איך לייען די ייִדישע צייטונג צו באַקומען נייעס פון ייִדישן אינטערעס, וואָס מען קען נישט געפינען אין די ענגלישע צייטונגען. און אויך צוליב די לייט־אַרטיקלען, וועלכע קאָמענטירן די וויכטיקסטע ייִדישע פּראָגן.

4) „אַ שטוב־פרוי שרייבט: „איך בין געוווינט צו דער ייִדישער צייטונג און איך האָב זי ליב".

אייניקע שרייבן, אַז די ייִדישע נייעס אין די ענגלישע צייטונגען שמעקן זיי פּישט — די זעלבע נייעס אין אַ ייִדישער צייטונג האָבן גאָר אַן אַנדער טעם. אַנדערע גייען אַזוי ווייט, אַז זיי לויבן די ייִדישע צייטונגען אויך פאַר די אַלגע־מיינע נייעס, וועלכע ווערן אין די ייִדישע צייטונגען בעסער אויסגעלייגט ווי אין די ענגלישע.

לאָמיר ברענגען אַ ביסל סטאַטיסטיק, וואָס וועט ערשט וואַרפן אַ העל ליכט אויף די געבראַכטע מיינונגען 1):

לויט די קענטעניש פון ענגליש האָבן זיך די לייענער פון ייִדישע צייטונ־גען אין יאָר 1923 געטיילט אַזוי:

| | |
|---|---|
| 1) קענען ענגליש און לייענען ענגלישע צייטונגען — — — — — — — — — — | 66.1% |
| 2) קענען ענגליש, נאָר נישט אויף אַזוי פיל כדי צו פאַרשטיין אַן ענגלישע צייטונג — | 20.0% |
| 3) לייענען נישט קיין ענגליש — — — — — — — — — — — — — — — — — | 13.9% |
| צוזאַמען | 100.0 |

דאָס זענען ביז גאָר וויכטיקע ציפער — אויב שוין צוריק מיט 30 יאָר זענען געווען צווישן די לייענער אַזאַ גרויסער פּראָצענט אַקטיווע ייִדן, וואָכע ייִדישע נשמות, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט שטעלן צופרידן מיט די ענגלי־שע צייטונגען און געמוזט לייענען אַ ייִדיש בלאַט, איז קלאָר, אַז צווישן די איצטיקע לייענער פון ייִדישע צייטונגען איז געוויס דער פּראָצענט ענגליש ליי־ענענדיקע נאָך פיל העכער. די ייִדישע צייטונג איז לכן שוין דעמאָלט געווען נישט קיין צייטונג פאַר באָבעס און זיידעס, נאָר פאַר די אַקטיווסטע ייִדישע נאַ־ציאָנאַלע עלעמענטן.

לויט דער צייט אין אַמעריקע האָבן זיך די לייענער פון ייִדישע צייטונגען אַזוי געטיילט:

| | |
|---|---|
| 1) ווייניקער פון 10 יאָר — — — — — — — — | 20.9% |
| 2) פון 10 ביז 20 יאָר — — — — — — — — — | 43.5% |
| 3) 20 יאָר און מער — — — — — — — — — | 26.9% |
| 4) אין אַמעריקע געבוירענע — — — — — — | 8.7% |
| צוזאַמען | 100.0 |

1) איביד, ז. 197.

די לעצטע קאַטעגאָריעס זענען דאָך געוויס שוין אַזעלכע, וועלכע האָבן גע־לייענט פריי ענגליש און גוט פאַרשטאַנען ענגליש. עס זענען געווען אויסנאַמען, נאָר אין אַלגעמיין האָט די מערהייט יידן, וועלכע האָבן געלעבט 20 יאָר און מער אין אַמעריקע שוין גאַנץ פריי געלייענט ענגליש.ביידע גרופּעס מאַכן שוין אויס העכער 35 פּראָצענט פון אַלע לייענערס פון יידישע בלעטער. אָבער עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז צווישן די, וועלכע זענען שוין געווען אין אַמעריקע צווישן 10 און 20 יאָר זענען דאָך געווען אַ סך יונגע קינדער, וועלכע זענען גלייך פון דער שיף געגאַנגען אין אַ שולע. אין אַלגעמיין באַשטעטיקן די לעצטע ציפער די העכער געבראַכטע ידיעות, אַז צוויי דריטל פון די לייענער פון יידישע ציישונגען האָבן געקענט און טאַקע אויך אָפט געלייענט ענגלישע צייטונגען.

עס וועט געוויס נאָך זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען די דאַטעס וועגן די געבוירן־לענדער פון די לייענער פון יידישע צייטונגען:

| | | |
|---|---|---|
| 1) | רוסלאַנד — — — — — — — — — — — | 48.7% |
| 2) | פּוילן, גאַליציע און אונגאַרן — — — — — — | 41.7 ″ |
| 3) | פאַראייניקטע שטאַטן — — — — — — — — | 8.7 ″ |
| 4) | רומעניע — — — — — — — — — — — — — | 0.9 ″ |
| | | 100.0 |

דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע אין די דאָזיקע ציפער איז די צאָל געבוי־רענע אין אַמעריקע — אַן אילוסטראַציע אָדער אפשר אַפילו אַ באַווייז, אַז די אַמעריקאַנער לופט איז נישט אַבסאָלוט קעגן אַ שפּראַך פון אַ מינדערהייט. און עס קען זיין, אַז עס איז אפשר באַגאַנגען געוואָרן אַ פעלער אָדער עפּעס פיל שווערערס מצד די יידישע צייטונגען זעלבסט, וועלכע האָבן נישט גענוג געכאָ־וועט דעם יידיש־פּאַטריאָטיזם, נישט געסטאַרעט זיך פאַרפלאַנצן אין די הערצער און נשמות פון די לייענער אַ טיפע ליבע און אויך אַ טיפן באַוווסטזיין, אַז די יידיש־פּרעסע איז אַ גרויס געווינס און אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר, וואָס מוז און זאָל טייער געהאַלטן ווערן און זאָל איבערגעגעבן ווערן בירושה צו די קומענ־דיקע דורות. דערמיט וויל איך נישט זאָגן, אַז מען וואָלט געקענט אינגאַנצן אָפּ־האַלטן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס איינער פון זיינע אַנטפּלעקונגען איז דער איבערגאַנג צו ענגליש — פאַרטאָרמאָזירן אָבער דעם אַסימילאַציע־פּראָ־צעס, אים לייגן שטיינער אויפן וועג, אים באַקעמפן מיט אַלע מיטלען און אַרויס־רייסן פון זיינע שאַרפע ציינער וויפל עס איז נאָר מעגלעך, דאָס איז געווען דער געבאָט פון דער יידיש־פּרעסע. ליידער האָט זי דאָס נישט געטון.

אָט ווי עס פירט אונטער אַ סך הכל דער נאָר וואָס ציטירטער ערנסטער און גרינטלעכער פאָרשער פון דעם כאַראַקטער פון דער יידיש־פּרעסע אין יאָר 1923 [1]:

1) דאָרטן, ז. 29—328.

„כאָטש די יידיש־פּרעסע לאָזט נישט דורך אין אַלגעמיין צו קאָמענטירן פּראָבלעמען, וואָס זענען לעבנס־וויכטיק פאַרן יידישן פאָלק — קען מען דאָך שליסן פון דער פאָרשונג, אַז די דאָזיקע פּרעסע האַלט פאַר איר הויפּט־ציל צו מפרש זיין אין די לייטאַרטיקלען אַמעריקאַנער פּראָגן, דער עיקר, אַמעריקאַנער געשעענישן, אַמעריקאַנער אידעאַלן, אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס.

„זי שטרעבט דער עיקר אַריינצוברענגען די לייענער וואָס טיפער אין אַמע־ריקאַנער לעבן. זי סטאַרעט זיך דערציִען אינעם לייענער רעספּעקט פאַר אַמע־ריקאַנער אינסטיטוציעס; זי סטאַרעט זיך דערקלערן די לייענער דעם זין און דעם באַטייט פון אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס און פון אַמעריקאַנער יום טובים; צו פאַרפלאַנצן אין די הערצער פון די לייענער די אַמעריקאַנער אידעאַלן, זיי באַוועגן צו ווערן וואָס גיכער אַמעריקאַנער בירגער און צו דערפילן אַלע התחיי־בותן פון אַ בירגער.

„פון דעם טראַפּ, וואָס זיי שטעלן אויף די התחייבותן און אויף די פּירונגען, וועלכע זענען פאַרפליכטנדיק פאַר אַן אַמעריקאַנער בירגער אין פאַרגלייך מיט דעם אָרט, וואָס זיי טיילן אָפּ פאַר ספּעציעלע יידישע פּראָבלעמען, קען מען שליסן, אַז די יידיש־פּרעסע איז פריִער פון אַלץ און מער פון אַלץ אַן אַמעריקאַניזאַציע־אַגענטור, אַן אַמעריקאַנער פּרעסע אין יידיש".

פאַר די פאַרגאַנגענע דרייסיק יאָר האָט זיך פיל אין יידישן לעבן געביטן און דער פּנים און דער תוך פון דער יידיש־פּרעסע אין אַמעריקע האָבן מיט־געמאַכט אַלע שנוים — די יידישע צייטונגען זענען איצט שוין נישט מער „אַמע־ריקאַניזאַציע־אַגענטורן", נאָר נאַציאָנאַלע אָרגאַנען פון יידישן פאָלק און די אַקטיווסטע און איבערגעגעבנסטע שומרים פון יידיש אַלס אַ פאָלקס־שפּראַך. די יידישע טעגלעכע צייטונגען זענען נישט ענלעך נישט צו די ענגלישע, ביי וועלכע די נייעס פאַרנעמען דעם עיקר פּלאַץ, און נישט צו די צייטונגען אין פילע פרעמ־דע שפּראַכן, וועלכע זענען געבליבן עד היום אַמעריקאַניזאַציע־אַגענטורן — זיי ווידמען זייער אַ סך פּלאַץ יידישע אינטערעסן אין דער גאָרער וועלט און אין דער ערשטער רייע אין מדינת ישראל; און בנוגע אַמעריקע אַפילו פאַרנעמען ספּעציעלע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע פּראָגן ביז גאָר אַ גרויסן פּלאַץ.

אין פאַרגלייך מיטן צוּוואוקס און צעבּרייט פונעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע איז די יידיש־פּרעסע שטאַרק צוריקגעגאַנגען — עס האָט זי געירשנט די אויפגעקומענע יידישע ענגלישע אויסגאַבע, שוין נישט קיין טעג־לעכע נאָר אַ וואָכנטלעכע און אַ חודשלעכע. די אַנטוויקלונג פון יידישע אויסגאַ־בעס אין ענגליש האָט פאַר די לעצטע יאָרן דורכגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלן וווּקס — הן אין כמות און הן אין איכות.

אין 1923 זענען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען: 42 יידיש־ענגלישע

וואַכנבלעטער — אין 1953 העכער 60. און בנוגע דעם ניווא פון די דאָזיקע אויסגאַבעס איז דער שנוי אַ קאָלאָסאַלער. מיר האַלטן זיך אָפּ פון אָנרופן נעמען בכוונה, נאָר דער געניטער לייענער ווייסט דאָס זייער גוט. דער טיראַזש פון די ענגליש־יידישע וואָכנבלעטער שטייגט אַריבער 200 טויזנט און האַלט אין איין שטייגן אין האַרמאָניע מיט דער אַנטוויקלונג פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע פּראָבלעמען. 1923 זענען געווען נישט מער ווי 16 חודשדיקע און פּערטליאָריקע יידישע אויסגאַבעס — איצט גרייכט זייער צאָל ביז אַריבער 70, און די דיפערענציאַציע לויטן אינהאַלט זאָגט עדות, ווי ווייט און ברייט דאָס יידישע לעבן האָט זיך צעוויקלט און אַנטוויקלט. סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, קהילה־פּראַגן, רעליגיע־אויפגאַבן, קולטור־ און גייסט־פאָרשונגען און פּראָבלעמען, חינוך־צילן און אויפגאַבן, הכלל, אַ גאַנצע גאַמע פון אַ קאָמפּליצירטן יידישן לעבן, נאָר אין ענגליש.

אַז די דאָזיקע ענגליש־יידישע אויסגאַבעס שטעלן פאָר מיט זיך אַ גרויסע קאָנקורענץ דער יידיש־ליטעראַטור און אין דעם כלל אויך דער יידיש־פּרעסע, איז גאָר קיין ספק נישט. מיר פאַרמאָגן איצט אַ אינטעליגענץ, וואָס באַהערשט פולקאָם ביידע שפּראַכן, נאָר די ענגלישע שפּראַך איז איר טעכניש נאָענטער. געפינט זי אין די ענגלישע אויסגאַבעס די נויטיקע אינפאָרמאַציעס און אָפּהאַנדלונגען, פאַרלאָזט זי די יידישע אויסגאַבעס.

דער גורל פון דער פּרעסע אין פרעמדע שפּראַכן שפּיגלט אָפּ אין דער בולטסטער און אויסגעשפּראָכנסטער פאָרעם די צוקונפט פון אַלע פעלקער און שטאַמען, וועלכע זענען אין משך פון יאָר־הונדערטער אַריינגעשטראָמט קיין אַמעריקע — פון אַלע פעלקער חוץ דעם יידישן! דאָ גייט נישט אין אַ באַזונדערן אתה בחרתנו — די גאַנצע יידישע געשיכטע שיידט זיך אַזוי טיף און אַזוי גרינטלעך אָפּ פון דער אַנטוויקלונג ביי אַלע אַנדערע פעלקער און שטאַמען, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין דעם אַמעריקאַנער פעלקער־ים, אַז עס איז קיין חידוש נישט וואָס אויך די יידישע צוקונפט אין דאָזיקן לאַנד זעט אויס צו זיין אַ ביסל אַנדערש. די יידישע גרופּע גייט מיט אין דער אַסימילאַציע־טענדענץ מיט אַלע איבעריקע גרופּעס, נאָר ביי אַ געוויסן פּונקט, וועלכער הייבט אָן צו דראָען מיט פאַרשווינדן, מיט נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, פאַרהאַקט זיך די יידישע גרופּע, ווי זאָגנדיק: עד כאן און נישט ווייטער און אוודאי נישט טיפער! שפּראַך־ און קולטור־אַסימילאַציע — מיטן גרעסטן כבוד! נאָר נישט ווייטער! און ווייל נישט ווייטער, מוז מען, פון איין זייט, קעמפן פאַר איינהאַלטן לענגער די אייגענע נאַציאָנאַלע גיטער און אין דעם כלל אויך די פאָלקס־שפּראַך; און, שנית, אויף וויפל די שפּראַך־אַסימילאַציע ווערט אַרויפגעדרונגען אויף די רעליגיעזסטע און נאַציאָנאַלסטע עלעמענטן, מוז מען פּרוּוון שאַפן אייגענע ווערטן און אייגענע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע גיטער אין דער פרעמדער שפּראַך, וועלכע וועט אפשר

מיט דער צייט ווערן אַן אייגענע; וועלכע וועט אפשר, ווי דאָס האָט שוין גע־טראָפן אין דער יידישער געשיכטע נישט איין מאָל, איינזאַפּן אין זיך אַזוי פיל יידישן גייסט און יידישן נוסח, אַז זי וועט פון אַן אַסימילירפאַקטאָר ווערן אַ נאַ־ציאָנאַל־קאָנסערווירנדיקער פאַקטאָר.

מיר ווען אין ווייטערן זיך קורץ אָפּשטעלן אויפן גורל פון דער פרעסע אין פרעמדע שפּראַכן, נעמענדיק אין אַכט, אַז די ליטעראַטור אין די דאָזיקע פרעמ־דע שפּראַכן טראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווי ביי יידן — זי שטעלט זיך נישט פאַר קיין ציל ממשיך זיין אויפן אַמעריקאַנער באָדן נאַציאָנאַלע שאַפונגען, אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור־ און גייסט־אַנטוויקלונגען. זיי כאָוועןנאָר זכרונות פון דער אַלטער היים, דערציִען אין די געבוירענע אין אַמעריקע קינדער און אייניקלעך כבוד און ליבע צו די געבליבענע אין די אַלטע היימען, ווו די נאַ־ציאָנאַלע צוקונפט ווערט געשמידט און ווו עס איז דער איין און איינציקער פּלאַץ און צענטער פון פאָלקס־לעבן און פאָלקס־שאַפן.

און ווייל די פולע אַסימילאַציע אין אַמעריקע איז פאַר זיי די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג ציטערן זיי נישט אַזוי, ווי מיר יידן, איבער דער אייגענער פרעסע, וועלכע איז געבליבן ביי זיי עד היום אַן אַמעריקאַניזאַציע־אַגענטור. די פרעסע אין פרעמדע שפּראַכן צאַנקט ממש, איינשליסנדיק אויך די יידישע, נאָר די לעצ־טע ראַנגלט זיך מיט מער ענערגיע און מיט מער עקשנות פאַר המשך.

אויסגאַבעס אין פרעמדע שפּראַכן זענען געווען אין אַמעריקע 1):

| | | |
|---|---|---|
| 1917 (1 | 1.350 | 100.0 |
| 1937 | 1.070 | 79.7 |
| 1953 | 857 | 63.5 |

דער מחבר בראַון, ביי ווענען מיר נעמען די ידיעות וועגן די ערשטע צוויי דאַטעס גיט צו, אַז כאָטש די פאַרקלענערונג פון דער צאָל אויסגאַבעס איז געוויס אַרויסגערופן געוואָרן אויך פון דער אַלגעמיינער טענדענץ צו גרעסערע אונטערנעמונגען, איז אָבער גאָר קיין ספק נישט, אַז דער עיקר סיבה איז דאָס פאַלן פון דער צאָל לייענער. אַנווייזנדיק, אַז די אימיגראַציע־קוואָטע האָט גע־וואַלדיק פאַרקלענערט דעם צושטראָם פון נייע איינוואַנדערער און דערמיט אַרויס־געריסן דעם באָדן פון אונטער דער פרעמדער פרעסע, גיט בראַון צו, אַז עס איז קלאָר, אַז ביי די געשעפענע באַדינגונגען איז די פרעסע אין פרעמדע שפּראַכן אַ פאַרמשפּטע" 2).

נעענטער צו דער טעמע וועלן מיר צוקומען ביים פעסטשטעלן די צאָל טעג־

1) a) Francis Brown and Joseph Roucek, p. 578.
b) Foreign Language Publication i nthe U. S. pp. 54.
c) Ayers Directory 1953.

2) Ibid, p. 576—77.

לעכע צייטונגען אין פרעמדע שפּראַכן 1): 1937 — 129; 1953 — 73, וויניקער מיט 56, כמעט געפאַלן אויף אַ גאַנצע העלפט.

די טעגלעכע און די האַלב־וואָכנטלעכע און וואָכנטלעכע אויסגאַבעס דינען דער עיקר די שרייענדיקסטע נויטן פון די איינוואַנדערער. די מערהייט פון די דאָזיקע אויסגאַבעס, אַרום צוויי דריטל, זענען אַרבעטער־ אָדער פריינטלעכע צו די אַרבעטער־אָרגאַנען. די חודש־אויסגאַבעס און די פערטליאַר־זשורנאַלן דינען שוין מער דער געשיכטע פון די אימיגראַנטן, זייער אַנטוויקלונג אינעם נייעם לאַנד און זייער אַריינגלידערונג אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. די ערשטע גרופּע אויסגאַבעס ברענגט אַ סך מער מאַטעריאַל וועגן די אַלטע היימען, ווייל זיי האָבן צוטון מיטן פרישן אימיגראַנט, וועלכער איז נאָך שטאַרק צוגעבונדן צו דער פאַרלאָזטער אַלטער היים, ווו ער האָט קרובים און פריינט און ווו ער האָט געהאַט אַ וואַרעמע נעסט. דאָס פאַלן לכן פון די טעגלעכע און וואָכנטלעכע אויסגאַבעס איז דער בולטסטער סימן פון דער שפּראַך־אַמעריקאַניזאַציע פון די איינגעוואַנדערטע, וועלכע באַפרידיקן שוין זייערע לויפנדיקע נויטן און אינטערעסן דורך דער ענגלישער פּרעסע. מיר האַלטן דעריבער פאַר ראַטזאַם צו ברענגען נאָך די צאָל וואָכנטלעכע און האַלב־וואָכנטלעכע אויסגאַבעס אין צוויי צייט־פּונקטן:

1937 — 645; 1953 — 322, אַלזאָ אַ ירידה אַקוראַט אויף אַ העלפט!

ווי געזאָגט, זענען די טעגלעכע און די וועכנטלעכע אויסגאַבעס די אַמוויכטיקסטן באַדינענדיקע דעם איינוואַנדערער אין די סטאַדיעס ווען ער איז נאָך נישט געגנוג זיכער און פעסט אין דער ענגלישער שפּראַך.

לאָמיר אויך דאָ מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן יידן און דייטשן — דאָ טרעט אַרויס בולט, פון איין זייט, די הויכע קראַפט פונעם אַסימילירפּאָטענציאַל פון דער אַמעריקאַנער סביבה און, פון דער צווייטער זייט, די יידישע העכערע נאַציאָנאַלע עקשנות און נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונג נישט אויפצוגעבן אַזאַ וויכטיקן פאַקטאָר ווי די פאָלקס־שפּראַך.

די אַמעריקאַנער דייטשן האָבן געהאַט טעגלעכע צייטונגען:

1) 1937 — — — — — 19
2) 1943 — — — — — 9
3) 1953 — — — — — 4

מיר האָבן העכער געזען, אַז די יידישע צייטונגען האָבן געהאַט אין יאָר 1953 העכער 200 טויזנט טיראַזש. די פיר דייטשע צייטונגען האָבן געהאַט אין

---

1) a) Francis Brown and Joseph Roucek, p. 578.
b) Sherman, p. 129.
c) Ayers Directory 1953.

זעלבן יאָר נאָר 41.697 (1), פינף מאָל ווייניקער, ווי די יידישע טעגלעכע פּרעסע בעת דייטש־אָפּשטאַמיקע זענען פאַראַן אין אַמעריקע 7־6 מאָל מער ווי יידן.

די דייטשע איינוואַנדערונג איז פיל עלטער פון דער יידישער מזרח־איראָ־פּעאישער. דערמיט דערקלערט זיך געוויס די פיל העכערע שטופע פון שפּראַך־אַסימילאַציע. נעמען מיר דעם טיראַזש פון די טעגלעכע פּוילישע צייטונגען, לכן פון איינוואַנדערער, וועלכע זענען געקומען בערך באַגלייך מיט יידן. זיי האָבן געהאַט אין יאָר 1953 אַכט טעגלעכע צייטונגען, וועלכע האָבן געהאַט אַ טיראַזש צוזאַמען — 210.143 (2), אַלזאָ בערך אַזוי פיל וויפל די יידישע טעגלעכע פּרע־סע, כאָטש פּאָליאַקן זענען פאַראַן אין אַמעריקע בערך אַכט מיליאָן קעגן נאָר פינף מיליאָן יידן.

די פינף טעגלעכע איטאַליענישע צייטונגען האָבן געהאַט אין 1953 אַ טי־ראַזש פון 142.095 עקזעמפּליאַרן, כאָטש איטאַליעניש־אָפּשטאַמיקע זענען פאַראַן אין אַמעריקע אַנדערטהאַלבן מאָל מער ווי יידן.

דער פיל מאָל ציטירטער בראַון, וועלכער האָט די פרעמדע פּרעסע־פּראַגע גרינטלעך באַאַרבעט, באַשרייבט כמעט ביי אַלע פעלקער, אַז זיי ווידמען זייערע חודש־ און פערטליאָר־אויסגאַבעס „זייערע היסטאָרישע וואָרצלען אין אַמעריקע, זייערע פּאָליטישע און סאָציאַלע אַקטיווקייטן אין דאָזיקן לאַנד" — נאָר און אויס־שליסלעך ביי יידן שרייבט ער פאָלגנדיקע זייער און זייער כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „די אַנטוויקלונג פון יידיש צו אַ ליטעראַרישער שפּראַך איז אין אַ גרויסער מאָס דער רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידיש־פּרעסע אין אַמעריקע" 3).

מיר האָבן אין ערשטן טייל פון בוך פעסטגעשטעלט, אַז הן די סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע סטרוקטור פון יידן און הן דער הויכער גראַד פון עלעמענטן מיט העכערער און מיטעלער בילדונג מוזן פירן צו אַן אינטענסיווערן טעמפּ פון אַסימילאַציע ביי יידן. דאָך האָבן מיר נאָר וואָס געזען, אַז די יידישע פּרעסע קעמפט פיל עקשנותדיקער און פיל אָנגעשטרענגטער פאַר איר קיום. דאָס דערקלערט זיך בלתי ספק מיט דעם, וואָס ביי יידן און נאָר ביי יידן איז אויפגעקומען אַ גאַנצע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע בויט די צוקונפט פון פאָלק אויפן יידיש־לשון. די גרויסע קאַטאַסטראָפע אין איראָפּע און דער גרויסער נס פון אויפקום פון מדינת ישראל האָבן פיל צוגעהאָלפן צום פאַרלענגערן פון קיום פון דער יידישער פּרע־סע. די באַדינגונגען ביי יידן זענען אַבסאָלוט אויסנאַמע. שוין צוריק מיט גאַנצע דרייסיק יאָר האָט מרדכי סאָלטעס פעסטגעשטעלט, אַז צווישן די לייענער פון דער יידישער פּרעסע איז געווען אַ גאַנץ הויכער פּראָצענט באַוווסטזיניקע נאַציאָ־

1) Ayers Directory.
2) Ibid.

3) בראַון ז׳ 588.

נאַליסטן, פאַר וועלכע דאָס ייִדיש־לשון איז געווען אַ נשמה־באַדערפעניש און אַ נאַציאָנאַלע מיצווה. נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פונעם אומקום פון דעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום זענען די דאָזיקע געפילן בלתי ספק אינטענסיווירט געוואָרן און דאָס האָט נישט ווייניק געווירקט און ווירקט נאָך עד היום אויף דעם קיום און אויף דער פאַרלענגערונג פון דעם קיום פון דער ייִדיש־פּרעסע.

בראַאון שרייבט אין די לעצטע זייטלעך פון דעם אַרטיקל איבער דער פּרעסע אין די פרעמדע שפּראַכן: „בליבן די איצטיקע אימיגראַציע־באַגרענעצונגען אין קראַפט, איז דאָס נאָר אַ פראַגע פון צייט איידער די אויסלענדישע פּרעסע וועט נעמען פאַלן". פעסטשטעלנדיק, אַז ביי פיל צייטונגען אין פרעמדע שפּראַכן ווערן צוגעגעבן ענגלישע זייטן און די צאָל צייטונגען מיט ענגלישע זייטן האַלט אין גיכן וואַקסן, גיט ער צו, אַז די ייִדישע פּרעסע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די ענגלישע זייטן ווייל „ביי ייִדן עקסיסטירט אַ רייכע ספּעציעלע ענגלישע ליטע־ראַטור געווידמעט ייִדישע קאָמיוניטי־פּראָגן און אַנדערע ייִדישע פּראָבלעמען". און דאָך איז די ייִדישע פּרעסע ווייניקער געפאַלן פון דער נישט־ייִדישער — דאָס איז בלתי ספק די השפּעה פון דער געהעכערטער נאַציאָנאַלער שטימונג ביי די ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע און אין דער גאַרער וועלט.

ב. שערמאַן שליסט זיינע פאָרשונגען וועגן דער פרעמדער פּרעסע מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„דער פונדאַמענט פון דער נישט־ענגלישער שפּראַך־געביידע האַלט ביים פאַרשווינדן און דער בנין גופא איז אויף דעם וועג פון פולשטענדיקן צוזאַמענ־ברוך" (זייט 178). אַלס דעם בעסטן באַווייז ברענגט ער, אַז „דער טיראַזש פון די רייטשע צייטונגען איז געפאַלן פון 753.116 עקזעמפּליאַרן אין יאָר 1909 אויף 192.669 אין יאָר 1937" (זייט 179). און ווי מיר האָבן העכער געזען אויף נישט מער פון 41 טויזנט אין יאָר 1953. דאָס גרעסטע פאָלק צווישן די פרעמדע לגבי די ענגלענדער, דאָס פאָלק, וואָס איז געווען אַמבעסטן באַוואָפנט מיט שפּראַך און קולטור, מיט רעליגיע און שאָוויניזם, מיט עקשנות און נאַציאָנאַלער אָנגע־שטרענגטקייט, האָט זיך געמוזט אונטערגעבן דעם אומגעהויערן אַסימיליר־דרוק פון דער אַמעריקאַנער סביבה, פון איר מעכטיקער טענדענץ צו האָמאָגעניקייט און האַרמאָניע, פון איר היסטאָרישן גרונט־מאָטיוו צו נאַציאָנאַלער איינהייטלעכקייט און צוזאַמענקייט; אַ מאָטיוו, וואָס האָט נישט געברויכט קיין צוואַנג־מיטלען און האָט געווירקט אויסשליסלעך מיט דער אַבסאָלוטער פרייהייט פאַר אַלע צענדלי־קער נאַציאָנאַלע גרופּעס זיך פריי אויסצולעבן אין זייערע מיטגעבראַכטע נאַציאָ־נאַלע קולטור־ירושות און מיטן פרייען ווילן און מיט פרייד און גליק זיך אַריינ־פלעכטן אין דער נייער נאַציאָנאַלער אַמאַלגאַמע.

דאָס ייִדישע גלות־פאָלק איז צעשפּרייט און צעוואָרפן איבער צענדליקער לענדער און לכן אונטערגעוואָרפן דער שפּראַך־השפּעה פון פילע פעלקער. די

היינטצייטיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען דיקטירן איינוואַנדערער זיך וואָס גיכער אַריינגלידערן אין דער מערהייט־סביבה, וואָס גיכער זיך דער־ווערבן די נויטיקסטע מיטלען אין קאַמף פאַר עקסיסטענץ. און די שפּראַך פון דער מערהייט איז דער ערשטער און דער עלעמענטאַרסטער פאַקטאָר פאַר אַריינ־פּאַסן זיך אין די נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, פאַר אַריינגלידערן זיך אין דעם מערהייט־אָרגאַניזם.

ביי די היינטיקע קאָמפּליצירטע און דיפערענצירטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען איז נישט גענוג, ווי דאָס איז געווען אין מיטלאַלטער און אין מזרח־אייראָפּע ביזן סאַמע סוף פון 19טן יאָרהונדערט, זיך איינאייגענען אַ פּאָר הונדערט ווערטער און אַ פּאָר צענדליק קאָמבינאַציעס פון דער הערשנדיקער שפּראַך און זיך צושפּאַרן צום מערהייט־אָרגאַניזם און אים באַדינען מיט געוויסע עקאָנאָמישע פונקציעס. די היינטצייטיקע געזעלשאַפט פאָדערט אַ העכערן קולטור־מצב און אַ גענויערע קענטשאַפט פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פונעם לאַנד, ווו מען וויל בויען אַ נעסט. לכן איז קיין חידוש נישט, וואָס דער ייִדישער אימיגראַנט אין די אַמעריקאַנער לענדער אָדער אין מערב־אייראָפּע איילט זיך באַגלייך מיט דער זאָרג פאַר אַ ייִדישן בית עולם און פאַר אַ פּלאַץ פאַר אַ מנין אויך וואָס גיכער זיך שפּראַכלעך אריינפּאַסן אין דער נייער סביבה און באַוואָרענען די קינדער מיט באַדינגונגען פאַר פולער איינגלידערונג שפּראַכלעך און קולטורעל אין דער נייער וועלט.

ייִדן האָבן אָפּגעלעבט אין פּוילן קרוב צו טויזנט יאָר און ייִדישע פּרעסע אין דער פּוילישער שפּראַך האָט זיך באַוויזן ערשט אָנהייב 20טן יאָרהונדערט און דערביי איז זי געווען גאָר אַ שוואַכער צוגאָב צו דער גרונט־פּרעסע, וועלכע איז געווען אין ייִדיש. ייִדן האָבן אָפּגעלעבט אין אוקראַינע, אין ווייסרוסלאַנד און ליטע פיל יאָרהונדערטער און ביז דער סאַמע לעצטער צייט איז נישט דערשי־נען קיין איין שורה אין די אַלע שפּראַכן. עס איז אָבער נישט אַוועק קיין פולע צענדליק יאָר פון ייִדישער איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע אָדער בראַזיל, קיין טשילע אָדער מעקסיקע, ווי עס האָבן זיך שוין באַוויזן ייִדישע אויסגאַבעס אין די שפּראַכן פון די הערשנדיקע פעלקער. און די טענדענץ גייט אין דער ריכטונג פון באַהערשונג פון דער פרעמדער שפּראַך, וועלכע ווערט אין משך פון איין דור מגולגל אין אַ אייגענער, און די אייגענע, די טויזנטיאָריקע, די טיף אין נשמה פאַרוואָרצלטע און אָנגעלאָדענע מיט קלאַסאַלע נאַציאָנאַלע ייִדישע ווערק און די אָנגעזאַפּטע מיט ייִדישע איבערלעבונגען פון פרייד און טרויער, פון שימחה און קינה, ווערט אַלץ פרעמדער און פרעמדער.

אַ באַלאַנס וועגן ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין דער גאָרער גלות־וועלט שטעלט דעריבער פאָר מיט זיך געוויס גאָר אַ גרויסן אינטערעס. יוסף פרענקל, אַ מיטאַרבעטער פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס,

האָט געמאַכט אַ פּראָבע אויפצוציילן אַלע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. דער־ביי האָבן מיר נאָך געהאַט אונטער דער האַנט די יאָר־אויסגאַבע פון ייִדישן וועלט קאָנגרעס (Survey of Events in Jewish Life, 1953) און מיר מיינען, אַז דאָס בילד באַקומט זיך גענוג פול און ווערטפול.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז גייסט־פּראָדוקציע קען מען נישט שאַצן לויט כמות, נאָר לויט איכות, אַז קולטור־מאַטעריאַל קען מען נישט ציילן נאָר מען מוז אים וועגן. דאָך דערלויבן מיר זיך צוברענגען די דאַטעס פון די יידישע אויסגאַבעס אין פאַרשיידענע שפּראַכן — זיי גיבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג נישט נאָר וועגן דער ריכטונג אויפן פעלד פון שפּראַך־אַסימילאַציע, נאָר אויך וועגן די טענדענצן אין פּרט פון שאַפן אַ קוואַזי־נאַציאָנאַלן באָדן פאַר יידישע שאַפונ־גען. פון די מאַטעריאַלן ווערט ראשית קלאָר, ווי די יידישע גייסט־פּראָדוקציע איז צעשפּאָלטן שפּראַכלעך און דערמיט אַליין ווערט אָפּגעשוואַכט איר השפּעה אין פּרט פון ווירקן אויף אַלע טיילן פון גלות־פאָלק. שנית, באַקומט מען דאָך אַ געוויסע פאָרשטעלונג וואָסער אַ שפּראַך האַלט אין ווערן די דאָמינירנדיקע אין גלות. די שפּראַכן־דיפערענציאַציע אין גלות איז פאַר זיך אַ טעמע, וואָס מוז ערנסט באַהאַנדלט ווערן, ווייל, לײדער, האָט נאָך מדינת ישראל נישט דער־גרייכט די מדרגה פון הערשנדיקער השפּעה אויף די גלות־קיבוצים. מדינת ישראל איז גייסטיק נאָך נישט אַזוי רייך און אַזוי נאַציאָנאַל־אָריגינעל, אַז זי זאָל קענען פּרעטענדירן אויף אַבסאָלוטע גייסטיקע הערשאַפט איבער דער קולטור־אַנטוויק־לונג פון די וואַקסנדיקע אין געגעבענעם מאָמענט דורות אין דער יידישער צע־שפּרייטונג. דער גלות איז שפּראַכלעך נישט באַוואָפנט כדי צו קענען געניסן

טאַבעלע 20

## די פאַרטיילונג פון די יידישע אויסגאַבעס אין די תפוצות לויט שפּראַכן 1)

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1) | ענגליש | 260 | 52.5% |
| 2) | יידיש | 106 | 21:4 ″ |
| 3) | דייטש | 30 | 6.1 ″ |
| 4) | שפּאַניש | 26 | 5.2 ″ |
| 5) | העברעיש | 25 | 5.1 ″ |
| 6) | פראַנצויזיש | 23 | 4.6 ″ |
| 7) | פאַרשיידענע | 25 | 5.1 ″ |
| | צוזאַמען | 495 | 100.0 |

1) Iosef Frankel, The Jewish Press of the World; London, 1953.

פון די קולטור־פּרוכטן פונעם העברעיִשן אוצר פון מדינת ישראל. און נישט ווילנדיק שאַפט זיך אַ געוויסע השפּעה אויף די קליינע גלות־קיבוצים מצד דעם גרויסן צענטער און דאָס מיינט דעם ענגליש־רעדנדיקן צענטער. אַפילו כּמות־אינפאָרמאַציעס זענען לכן גאַנץ וויכטיק.

ענגליש שטייט אויפן ערשטן אָרט. מיר האָבן איצטער ייִדן אין לענדער מיט ענגלישער שפּראַך אַרום זעקס מיליאָן, וואָס עס וועט אויסמאַכן אַרום 80 פּראָצענט פונעם פרייען גלות־ייִדנטום (זיבן מיט אַ האַלבן מיליאָן). עס איז לכן נישט קיין חידוש, וואָס די ענגלישע שפּראַך באַהערשט העכער אַ העלפט פון גלות־אויסגאַבעס.

אויפן צווייטן אָרט קומט ייִדיש מיט 106 אויסגאַבעס, מיט אַ ביסל העכער פון אַ פינפטל פון אַלע אויסגאַבעס. העברעיִש איז ביז גאָר שוואַך פאַרגעשטעלט — סך הכל מיט אַזעלכע 25 אויסגאַבעס, נישט מער פון אַזעלכע פינף פּראָצענט פון אַלע אויסגאַבעס.

די נאָר וואָס געבראַכטע דאַטעס שטעלן מיט זיך אַליין פאָר אַ קנאַפּן אינ־טערעס — ערשט אַ ווייטערדיקער, מער דעטאַליזירטער און טיפער אַריינדרינגנ־דיקער אַנאַליז אין תוך פון די ציפער וועט אויפדעקן זייער אמתן באַטייט. לאָמיר צוערשט זען ווי אָפט עס דערשיינען די אַלע 495 אויסגאַבעס.

די 495 אויסגאַבעס טיילן זיך לויט זייער כאַראַקטער אויף אַזאַ אופן:

| | | |
|---|---|---|
| 1) טעגלעכע צײַטונגען | 12 | 2.4% |
| 2) וועכנטלעכע | 150 | 30.3 ״ |
| 3) פּעריאָדישע | 333 | 67.3 ״ |
| צוזאַמען | 495 | 100.0 |

אַלע צוועלף טעגלעכע צײַטונגען זענען אין ייִדיש — זיי ווערן אַרויסגעגעבן אין פאָלגנדיקע לענדער: די פאַראייניקטע שטאַטן — 3; קאַנאַדע — 2; פראַנקרייך — 3; אַרגענטינע — 2; אורוגוואַי — 2. ווי מיר האָבן געזען העכער איז דער טיראַזש פון די דריי אַמעריקאַנער ייִדישע צײַטונגען העכער 213 טויזנט. אַלע איבעריקע 9 ייִדישע צײַטונגען האָבן בערך אַ טיראַזש פון אַרום 100 טויזנט עק־זעמפּליאַרן. אַלע אויסגערעכנטע לענדער זענען איינוואַנדערונג־לענדער, ווייל אויך פראַנקרייך, פּאַקטיש פּאַריז, האָט אַ רעלאַטיוו גרויסע איינגעוואַנדערטע ייִדי־שע מאַסע. און נישט סתם אַן איינגעוואַנדערטע, נאָר אַ מער אָדער ווייניקער פּריש־איינגעוואַנדערטע, בערך אין די לעצטע 40־30 יאָר. דאָס ענגלישע ייִדנטום איז אויך אין זיין מערהייט אַן איינגעוואַנדערטס, אָבער פון סוף 19טן און סאַמע אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע מאַסע אין ענגלאַנד,

וועלכע האָט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה און אַ שטיקל צייט נאָך איר געהאַט אַ רעלאַטיוו רייכע יידישע פּרעסע און אויך אַנדערע יידיש־אינסטיטוציעס, ווי אַ טעאַטער — דאָס דאָזיקע יידנטום האָט זיך שוין שטאַרק אויסגעגרינט און צוריק מיט אַ יאָר דריי איז דאָס לעצטע געננג דאָרע יידיש־בלעטל אויסגעגאַנגען אַ „נאַטירלעכן" טויט.

נאָר דאָרטן, ווו עס איז נאָך פאַראַן אַ געננג גערדיכטער מאַסיוו פון ערשטן דור איינגעוואַנדערטע, נאָר אין אַזאַ לאַנד האָט אַ יידיש־צייטונג אַ זיכערן קיום. דאָס הייסט נישט, אַז, למשל, פראַנקרייך מיט אירע 250־260 טויזנט יידן, פון וועלכע נאָר אַרום 150־160 טויזנט זענען פון ערשטן דור איינגעוואַנדערטע, בוי־טיקט זיך אין דריי טעגלעכע יידיש־צייטונגען. זיי ווערן אַלע דריי ברייט געשטיצט פון די אַנטשפּרעכנדיקע פּאַרטייען און נאָר אויף אַזאַ אופן ווערט מעגלעך זייער עקסיסטענץ. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן די צוויי צייטונגען אין אורוגוואַי — איינע פון די דאָזיקע צייטונגען איז אַ קאָמוניסטישע און ווערט, פאַרשטייט זיך, ברייט געשטיצט פון דער פּאַרטיי.

נאָך די אַלע פּעסימיסטישע פּירושים און, ליידער, טרויעריק באַרעכטיקטע פּירושים, מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז די 12 יידיש־צייטונגען אין דער גאָרער וועלט, חוץ ישראל, שטעלן פאַר מיט זיך דעם וויכטיקסטן נאַציאָנאַלן פאַקטאָר אין יידישן לעבן אין גלות. די דאָזיקע יידיש־צייטונגען שפּיגלען אָפּ די אָרגאַנישע פּראָצעסן אין יידישן לעבן און כּאַוועץ און אַנטוויקלען ווייטער די בעסטע און זאַפטיקסטע טראַדיציעס פון אַן אייגענעם יידישן פאָלקס־לעבן. דער בערך קנאַפּער מיליאָן לייענער פון די דאָזיקע צייטונגען, די שארית הפליטה פון יענעם היס־טאָרישן מזרח־אייראָפּעיִשן מאַסיוו, וואָס האָט אָרגאַניש דערהויבן דאָס יידישע געטאָ־לעבן צו יענער הויכער מאָדערנער קולטור־מדרגה, וועלכע וועט אַריין אין דער יידישער געשיכטע ווי די שעפערישסטע עפּאָכע אין דעם נע ונד־גורל פון יידישן פאָלק — אָט די דאָזיקע לייענער פון דער יידיש־פּרעסע זענען די שומרים און די טרעגער פון יענעם געזונטן נאַציאָנאַלן קאָנסערוואַטיזם, וואָס איז אַ „קאָנ־דיציאָ סינע קווא נאָן" פאַר אָרגאַנישן המשך, פאַר אַן אייגענעם־אייגנאַרטיקן אַנטוויקלונג־פּראָצעס.

די קליינע צאָל יידיש־צייטונגען ווערט געשטיצט און קולטורעל געהויבן דורך די 34 וואָכנבלעטער און 60 פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין יידיש. מיר ווייסן זייער גוט, אַז פיל פון די דאָזיקע אויסגאַבעס ראַנגלען זיך פאַר זייער קיום און אָטעמען קוים, קוים. מיר ווייסן אָבער אויך, אַז מיר פאַרמאָגן פיל מער געזונטע שעפערישע כּוחות פון דעם דאָזיקן יידיש־פּליגל, וואָס קענען נישט קומען צום אויסדרוק און קענען נישט דערזען די ליכטיקע וועלט, ווייל די דערמאָנטע וואָ־כנבלעטער און פּעריאָדיקלס זענען נישט משביע את הארי, קענען נישט אַריינ־נעמען די דאָזיקע שפּאַרנדיקע אָפּט זייער און זייער טאַלאַנטפולע שאַפונגען. די

תהום־סתירה צווישן אונדזער גייסטיק־קינסטלערישן יידיש־פֿאַרמעג און דער קאָנסומענטן־מאַסע, וואָס דאַרף געבן די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן דעם דאָזיקן פֿאַרמעג זיך צו אַנטפּלעקן און זיך פֿאַרווירקלעכן, ווערט פֿון טאָג צו טאָג טיפֿער און ברייטער. נאָר דערפֿון דאַרף מען ציִען איין וויכטיקן און ערנסטן שלוס — די יידישע געזעלשאַפֿט, וואָס איז פֿאַראינטערעסירט אין דער אַנטפּלעקונג פֿון אַלע אַקומולירטע אין מזרח־אייראָפּע שעפֿערישע כוחות, מוז זאָרגן פֿאַר זייער קומען אויף דער ליכטיקער וועלט. די געשיכטע וועט אונדזער דור נישט מוחל זיין די נאַכלעסיקייט אויף דעם דאָזיקן באָדן.

מיר קענען זיך דאָ נישט פֿאַרנעמען מיט אַ ברייטער און דעטאַלירטער שאַצונג פֿון די אויסגאַבעס אין פֿרעמדע שפּראַכן, וועלכע האַלטן אין איין וואַקסן און וועלכע וואַקסן נישט נאָר אין צאָל נאָר אויך אין איכות, אין אינהאַלט און אין ערנסטן צוגאַנג צו יידישע פּראָבלעמען. דער עיקר אָבער איז אָט וואָס — אין זיי פֿעלט איין קליייניקייט: נאַטירלעכס אייגנס און אייגנאַרטיקס יידיש לעבן. מען שרייבט און אָפֿט זייער ערנסט און טאַלאַנטפֿול און אויך מיט אַ סך וויסן, נישט נאָר אַלגעמיינעם נאָר אויך יידישן, נאָר דאָס אַלץ איז וועגן געוועזענעם אָדער געטרוימטן יידישן לעבן און נישט וועגן יידישן לעבן גופֿא. יידישע געשיכטע, יידישע געדאַנקען, יידישע פּראָבלעמען, יידישע ווונטשן און דעזידעראַטע, יידישער קאַמף אין און מיט דער אַרומיקער וועלט, יידישע טרוימען און שטרעמונגען — אַלץ זייער וויכטיקע און נויטיקע זאַכן. נאָר במה דברים אמורים, אַלס פּרפּראות לחכמה — צום קאָנקרעטן, לויפֿנדיקן, טאָג־טעגלעך זיך ענדערנדיקן, נאָר אין גרונט, אין יסוד זיך זעלבסט טריי־בלייבנדיקן פֿאָלקס־לעבן.

מיר האָבן שוין אַ זייער רייכע פֿרעמד־שפּראַכיקע ליטעראַטור און נישט נאָר אין ענגליש, נאָר אויך אין פֿראַנצויזיש און שפּאַניש, און זי ווערט פֿון טאָג צו טאָג רייכער. רייכער אין אינהאַלט און נאַציאָנאַלער לויט שטימונג און טרוים. נאָר דאָס אַלץ איז נאָך זייער שטאַרק פֿרעמד, קאַלט, אַפּעלירט צום קאַלטן קאָפּ און זייער שוואַך צום וואַרעמען יידישן האַרץ, באַרייכערט געוויס דעם יידישן מוח נאָר רירט זייער ווייניק די יידישע נשמה. דאָס אינטימסטע, דאָס טיף־באַהאַלטענע, דער נאַציאָנאַלער זאַפֿט פֿון דעם שעפֿערישן פּראָצעס — אָט דער דאָזיקער אוצר, וואָס זויגט פֿון הונדערטיאָריקע טראַדיציעס און בינדט אין געהיים דעם גייסטיקן גורל פֿון פֿאָלק מדור לדור — אָט דער דאָזיקער כישוף־עליקסיר פֿון אמת אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן פֿעלט דאָרטן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס קיין טעגלעכע צייטונגען אין די פֿרעמדע שפּראַכן דערשיינען נישט.

דער העכער דערמאָנטער מרדכי סאָלטעס האָט צוריק מיט דרייסיק יאָר נביאות געזאָגט, אַז עס וועלן אויפֿקומען יידישע צייטונגען אין ענגליש. פּרווון צוצוגעבן ענגלישע זייטן צו די יידיש־צייטונגען זענען געווען אַ סך און אַלע האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. ווייל אין ענגליש לעבט מען נישט יידיש און

מען דאַרף דעריבער נישט קיין ספּעציעלע יידישע צייטונג אין ענגליש, ווי דאָס איז געווען אין פּוילן, וווּ כאָטש עס זענען געווען כמעט צוויי צענדליק טעגלעכע יידיש־צייטונגען, זענען אויך געווען דריי טעגלעכע יידיש־פּוילישע צייטונגען, ווייל אַפילו די שפּראַכלעך־אַסימילירטע יידן פון פּוילן, חוץ גאָר אַ שמאָלן שיכט אינ־טעליגענץ, וואָס איז געווען געשמדט אָדער אַזוי נאָענט צום שמד, אַז דער שמד גופא איז שוין געווען איבעריק, זענען געווען אָרגאַניש פאַרוועבט אינעם יידישן קיבוץ און אַן אָרגאַנישער טייל פון אים. די פּויליש־יידישע צייטונגען זענען צו־ערשט אַרויסגעגאַנגען אין קראָקע און לעמבערג, וווּ יידיש, ווי מיר האָבן געזען פריער, האָט שוין געהאַט פאַרלאָרן אַ גרויסן פּראָצענט פון דער יידישער באַפעל־קערונג. די דאָזיקע שפּראַך־אַסימילאַציע איז געווען אַן אויבנאויפיקע — די אי־זאָלאַציע פון דער אַרומיקער פּוילישער געזעלשאַפט איז געבליבן און מען האָט זיך אויסגעלעבט אין די ראַמען פון אייגענעם פאָלק אין פּויליש. אַנדערש אין די ענגלישע לענדער און אפשר אויך אין די לענדער מיט שפּאַניש — דאָ גייט די אַסימילאַציע טיפער. און אויב עס בלייבט אַ יידישער פּונק איז ער מער וועגן יידישן לעבן ווי אין יידישן לעבן. מען טראַכט וועגן יידישקייט, מען בענקט נאָך יידישקייט, מען פאָרשט יידישקייט, אָבער מען לעבט נישט קיין יידיש־לעבן און מען דאַרף נישט קיין באַזונדערע טעגלעכע צייטונגען, וואָס איר פונקציע איז צו דינען די טאָג־טעגלעכע לויפנדיקע אינטערעסן. און דווקא אָט די טאָג־טעגלעכע קאָנקרעטע לעבעדיקע אינטערעסן, דווקא די וואָכעדיקע, די פּשוטע לעבנס־פּראָ־צעסן פון פאָלקס־מאַסן, דווקא די פּשוטע אייגענע לעבנס־פאָרמען פון די מאַסן בילדן דעם פאָלקס־זאַפט, וואָס ווערט סובלימירט אין נאַציאָנאַלע קינסטלערי־שע ווערק.

מעגן פילאָסאָפישע געדאַנקען און סיסטעמען זיין ווי הויך און ווי אָריגינעל, מעגן עטישע פּרינציפּן זיין ווי הויך און הומאַן — זיי זענען גוט און נאַציאָנאַל ווערטפול ווי אַ דאַך אויף אַ באַזע פון פאָלקס־לעבן. אָפּגעריסן פון דער פאָלקס־באַזע, ווי דאָס איז געווען ביי די דייטשע יידן אין 19טן יאָרהונדערט, בלייבן זיי שיינע צירונגען פאַר דער געשיכטע פון פאָלק, אָבער זיי באַפרוכפּערן נישט די לעבעדיקע קולטור פון פאָלק און פאַרמערן נישט זיינע פליסנדיקע גייסט־גיטער. זיי בלייבן הענגען אין די לופטן און גיבן טאָקע צו גרויס כבוד דעם אַבסטראַקטן פאָלק, דעם געשיכטלעכן פאָלק, אָבער זיי פאַרמאָגן נישט קיין זוימען אויף צו־מאַכן שפּראָצן לעבעדיקע פאָלקס־קולטור.

ליידער, ליידער קען מען דערווייל גאָרנישט זאָגן וועגן די העברעיִשע אויס־גאַבעס אין די גלות־לענדער. זייער צאָל איז ביז גאָר קליין. וואָלטן דאָס געווען אויסגאַבעס פון דעם יונגן דור, וואָלט מען געקענט האָפן אויף צעוואַקס און אויפ־שטייג. ליידער זענען די אויסגאַבעס אין העברעיִש מערסטנטייל פון עלטערע אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן און פון ציוניסטן פון דעם איינגעוואַנדערטן פון מזרח־

איירָאָפּע דור. מען קען פעסטשטעלן אַ געוויסן, זייער אַ לאַנגזאַמען צוּוואוּקס פון יונגע העברעיִש־לייענער. מען טרעפט אויך צווישן דער יוגנט העברעיִש־ריידנ־דיקע תלמידים פון הייסקולס און פון די ישיבות פון מזרחי. דאָס אַלץ זענען שוואַכע שפּראָצונגען, וואָס זייער צוקונפט איז פאַרהוילט און איז אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל און פון דער השפעה, וואָס ישראל וועט געווינען אין די תפוצות.

# די ייִדיש־טראַגעדיע

מיר האָבן געבראַכט סטאַטיסטיק צו באַלייכטן די ייִדיש־ירידה. ווייסן מיר זייער גוט, אַז ציפער קענען רעדן אַ קלאָר־בולטע שפּראַך און אויפדעקן די גאַנצע טיף פון טראַגישע געשעענישן. דאָך בלייבן ציפער תמיד אַבסטראַקטע סימנים, סימבאָלן פון קאָנקרעטע דערשיינונגען. באַזונדערס ריכטיק איז דאָס בנוגע קולטורעל־גייסטיקע דערשיינונגען, ווו הינטער די ציפער שטייען שוין נישט אַזוי פיל און אַזוי פיל יחידים, סתם איינסן, נאָר יחידי סגולה, שעפערישע פערזענלעכקייטן, באַוועגער פון היסטאָרישע פּראָצעסן, טרוימער און פאַרווירקלעכער פון אינטימע פאָלקס־חלומות.

אין פּרט פון אויפשטייג און ירידה פון ייִדיש האָבן מיר דאָך צוטון מיט איינעם און דעם זעלבן דור יחידי סגולה — די זעלבע שאַפער, וועלכע האָבן אין מזרח־אייראָפּע געאַקערט און פאַרזייט דעם ייִדיש־באָדן און דערלעבט צו זען און קלייבן נחת און ווערן פאַרשיכורט פון שניט־גליק און גערעטענישן — האָפענונגען, פון פּערספּעקטיוון אויף גייסט־ און קולטור־צעבלי, אָט די זעלבע רוח הקודש־מענטשן זענען פאַרמשפּט מיטצומאַכן דעם באַרג־אַראָפּ פון זייער נשמה־שפּראַך, די ירידה פון זייער האַרץ־געליבטע.

דאָס אָטאָכטאָנע ייִדיש־פאָלק איז אויסגעמאָרדעט, אויסגעשאָכטן — איז דאָס אַ פאַטאַלער זעץ אין גורל פון יענעם טייל פון ייִדישן פאָלק, וואָס האָט פאַרבונדן זיין נאַציאָנאַלע צוקונפט און זיינע גייסטיקע טרוימען מיט דער קאָנקרעטער פאָלקס־קולטור און מיט אירע אַזוי שטאַרק געהאָפטע רייכע פּאָטענצן. עס איז אָבער אויך אַ טראַגישער קלאַפּ פאַר יענעם טייל פון ייִדישן פאָלק, וואָס האָט פאַרבונדן די נאַציאָנאַלע צוקונפט פון פאָלק מיט ארץ ישראל און העברעיִש, וואָס האָט אָבער געזויגן זאַפט און חיונה, גייסט־זאַפט און קאַמף־חיונה, פון יענע אַקומולירטע רייכע נאַציאָנאַלע אוצרות פון גייסט און קולטור אין דער ייִדיש־כלי, אין דער געהייליקטער ייִדיש־כלי, וואָס האָט זיך אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג אַזוי אַריינגעפּאַסט אין די אינטימסטע ווינקעלעך פון דעם אַלטן אָריענטאַלישן פאָלק, אַז עס איז געוואָרן נישט קיין שפחה צו דער גבירה, נאָר אַן אינטימע חברטע, אַ געטרייע שוועסטער.

שיקט דאָך דער רבונו של עולם יידן תמיד די רפואה פאַר דער מכה — און הונדערט יאָר פאַר דער גרויסער מאַסן־שחיטה האָבן זיך שוין אָנגעהויבן זאַמלען יידן אויף אַ נייעם קאָנטינענט, ווי פאַרפילנדיק די קומענדיקע קאַטאַסטראָפע. און צוזאַמען מיט דער זאַמלונג פון יידישע מאַסן האָבן זיך געגומען אַנטפּלעקן די מיטגענומענע קולטור־ און גייסט־אוצרות און נישט נאָר אין זייער שוין דער־גרייכטער פאָרעם און פאַרנעם, נאָר אין פיל העכערע און ברייטערע מאַסשטאַבן און אין נייע צאַרטע און אינטימע פאָרמען און נוסחאות.

נישט נאָר די יידישע פרעסע, די יידישע פובליציסטיק און דער יידישער טעאַטער, די דאָזיקע קולטורעלע שפּיז־רערן פאַר ברייטע מאַסן, זענען זיך צעוואַקסן און צעברייטערט אין מאַסשטאַבן, וועגן וועלכע מען האָט אין אייראָפּע נישט געטרוימט, נאָר אויך די העכערע און איידעלערע שאַפונג־פאָרמען, ווי די יידישע דיכטונג און די יידישע בעלעטריסטיק האָבן אָנגעשלאָגן אַ טאָן פון אויפשטייג און וווּקס גרייט זיך צו פאַרמעסטן מיט די גרעסטע יידיש־שאַפער פון מזרח־אייראָפּע.

די אַזוי גערופענע „יונגע" אין אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך אין די ערשטע צען יאָר פון 20טן יאָרהונדערט גענומען זאַמלען אין היפשערע צאָלן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַרשיכורטע, פון איין זייט, פון אייגענער רייכקייט און זאַפטיקייט, און, פון דער צווייטער זייט, פון דער פרייהייט און אַנטוויקלונג־טעמפּ פון לעבן אין אַמעריקע, האָבן זיך פון סאַמע אָנהייב גאָר הויך און ברייט פאַרמאָסטן. זיי האָבן נישט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך זעלבסט שטעלן די פראַגע, אויף וויפל דווקא דער פרייער באָדן פון אַמעריקע וועט זיין פּרוכטבאַר פאַר די איבערגעפלאַנצטע צווייגן פונעם מזרח־אייראָפּעיִשן שאַפונג־בוים? אויף וויפל אַ מינדערהייט־קולטור קען בליִען און וואַקסן אין אַ רייכן און פרייען פרעמדן גאָרטן?

אָט ווי מנחם באָריישאָ האָט צוריק מיט בערך 40 יאָר כאַראַקטעריזירט די „יונגע" אין אַמעריקע:

„אַ דור יונגע שרייבער און דיכטער, מענטשן פון אַן אַלטער וועלט, אַריינגעוואָרפענע אין דעם קעסל פון דער שטיינערנער שטאָט, דערשלאָגענע און צאַפּלדיקע, לעבן זיי אויפן חשבון פון די אָפּגעריסענע זכרונות, וועלכע זיי האָבן מיט זיך געבראַכט און מיט די ציטערדיקע חלומות, וועלכע הייבן זיך אָן וועבן אין זייער נייער וועלט" 1).

און צום סוף פון דער כאַראַקטעריסטיק פון דאָזיקן דור דיכטער, וואָס האָט טאַקע אַריינגעטראָגן אין דער יידישער פּאָעזיע אַ סך פּערל פון וווּנדערבאַרער שיינקייט און דערהויבנקייט, שרייבט מנחם:

1) ציטירט לויט נחמן מייזל „וועגן די אַמעריקאַנער יידישע „יונגע", אין „יידישע קולטור", 1954, יולי, ז. 15.

„מיר שטייען אויפן שוועל פון דעם וואָס ווערט דאָ געבוירן. גיי אָפּ עטלעכע טריט ווייטער, שטעל זיך אַוועק אין דער זייט און קוק: עס געשעען וווּנדער!“

אַ צווייטער טאַלאַנטפולער יונגער יידישער שרייבער אַ. ראַבאָי גיט איבער יענע שטימונגען ביי דעם בינטל איבערגעוואַנדערטע טאַלאַנטפולע יונגע יידישע שרייבער, וועלכע זענען געוואָרן פאַרבלענדט פון דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט, פון דעם פאַרנעם פון די פּערספּעקטיוון, וועלכע עס זאָגט צו די גרויסע שטאָט, ווו עס האָבן זיך געזאַמלט מיט אַן אומגעהויערן טעמפּ הונדערטער טויזנטער יידן. און ניו־יאָרק, ווו אייגנטלעך עס האָבן זיך געזאַמלט פּאַראַלעל מיט די גרויסע מאַסן די בעסטע און רייפסטע יונגע טאַלאַנטן, האָט דעמאָלט (1910) געהאַט קרוב צו אַ מיליאָן יידן. ראַבאָי האָט געשריבן 1):

„מיר וואָלט אַלע באַדאַרפט אַרויס פון די ענגע ראַמען פון דער קאָפּע און זיך צעשפּרייטן איבער אַמעריקע און זיך אָנזאַפּן מיט דער אַמעריקאַנער אַט־מאָספער, וועלן מיר דעמאָלט אפשר קענען עפּעס וואַגיקס אָנשרייבן. מיר שרייבן אַלע פון דעם לעבן פון אַמאָליקן שטעטל. אַלע שרייבן פון שטעטל... ווו איז דאָס גרויסע אַמעריקאַנער יידישע לעבן?“

מען האָט ממש ווי מיט די הענט אָנגעטאַפּט אַ נייע תקופה אין דער אַנטוויק־לונג פון דער יידישער ליטעראַטור. די ברייטע און פרייע וועלט איז געשטאַנען אָפן פאַרן יידישן מענטשן און פאַרן יידישן שאַפער — איז פאַרוואָס זאָל מען נישט האָפן אויף אַ נייער רייכער תקופה? דערציילט דער זעלבער ראַבאָי אין זיין בוך „מיין לעבן“ 2):

„די גרופּע יונגע איז געווען צו יענער צייט זייער אַ שיינע און ליכטיקע דערשיינונג אויפן אַמעריקאַנעם יידישן האָריזאָנט. עס האָט געמוזט קומען אַזאַ גרויסער איבערבראָך אין דעם יידישן לעבן, ווי די יידישע עמיגראַציע און דאָס פּראָלעטאַריזירן זיך פון די יידישע מאַסן, כדי עס זאָל מיטאַמאָל אויסוואַקסן אַזאַ גרויסע גרופּע שריפטשטעלער ווי די יונגע גרופּע, פון וועמען עס הייבט זיך אָן אַזאַ שפע פון פּאָעטן און דערציילער און מיט אַזאַ פאַרנעם, וואָס איז ביז דעמאָלט נישט געהערט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור“.

קיינער פון די דאָזיקע „יונגע“ האָט זיך נישט פאַרטראַכט, אַז אפשר וועט דווקא אין די פרייע באַדינגונגען פון אַמעריקע וויאַנען און דאַרן דער אינסטרו־מענט פון דער שאַפונג? אפשר וועט די רייכע אַרומיקע שפע־קולטור דערשטיקן די צאַרטע געוויקסן, געבראַכטע פון דעם קליינעם שטעטל? פון יענער נעסט, וואָס איז געווען אַזאַ געבענטשטער זאַפטיקער באָדן פאַר דער גאַנצער רייכער מאָדערנער יידיש־קולטור? נאָר ווי האָט מען געקענט פאָדערן פון טרוימער און פאַרחלומטע דיכטער אַ ניכטערע באַטראַכטונג פון אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַרן

1) דאָרטן, ז. 17. 2) דאָרטן, זייט 18.

וווּקס פון צאַרטע צווייגלעך, אַריבערגעפלאַנצטע פון אָרעמען שטעטל אין רייכן ניו־יאָרק, ווען אויף אַזאַ ניכטערן אַנאַליז איז נישט געווען פעיִק אַפילו דער גרעסטער היסטאָריקער פון דער תקופה?

שמעון דובנאָוו, דער היסטאָריקער פון יידישן פאָלק, אַ ניכטערער און ראַ־ציאָנאַליסטישער דענקער, האָט אין זיינע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם ייִדנטום" (1897־1905) געמאָלן אַ גראַנדיעזן בילד, ווי אין אַמעריקע ביי די פרייע פּאָליטי־שע באַדינגונגען וועט זיך נעמען אַנטוויקלען אַ דעמאָקראַטישע יידישע קהילה, טאָג־שולעס מיט יידיש און העברעיִש אַלס לימודים־שפּראַכן, און אויף דער באַזע פון די דאָזיקע עלעמענטאַרע יסודות פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן וועלן זיך צע־בליִען און צעוואַקסן אויך די העכערע נאַציאָנאַלע קולטור־ און גייסט־גיטער.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז יידישע שולעס מיט יידיש אַלס לימוד־שפּראַך זענען איינצייטיק אויפגעקומען אין תחום המושב און אין די פאַראייניקטע שטאַטן — צווישן די יאָרן 1908 און 1910. און מען קען אין די שטאַטן געפינען אויך פּאַראַלעלן צו די באַרימטע חדרים מתוקנים מיט העברעיִש אַלס לימוד־שפּראַך, בילדונג־אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן גענומען אויפשפּראָצן אין רוסלאַנד אין סאַמע סוף פון 19טן יאָרהונדערט און זיך שטאַרק צעוואָקסן אין די ערשטע צען יאָר פון 20טן יאָרהונדערט.

די בויער און שאַפער פון די אַלע נאַציאָנאַלע בנינים, הן פון בילדונג־אינס־טיטוציעס און הן פון גאָר הויכע גייסט־ און קולטור־שלעסער, זענען געווען אַזוי אָנגעלאָדן און אָנגעזאַפּט מיט די מיטגענומענע פון מזרח־אייראָפּע פּאַרטיקע און פּאָטענציעלע שאַפונג־גיטער, אַז זיי האָבן כמעט ווי נישט באַמערקט אָדער זיך געמאַכט נישט באַמערקנדיק, אַז פּאַראַלעל מיט זייער אָרעם שמאָל ווינקעלע פון יידישער שאַפונג פאַרפלייצן אַסימילירער־כוואַליעס די סאַמע יסודות פון נאַציאָ־נאַלן לעבן, די קוואַלן פון יעדער נאַציאָנאַלער שאַפונג. דערביי מוז גענומען ווערן אין אַכט, אַז ביז בערך 1925 זענען אַריינגעקומען יאָר איין — יאָר אויס, חוץ אייניקע מלחמה־יאָרן, פיל הונדערטער טויזנטער יידן און מיט זיי פרישע נאַ־ציאָנאַלע קולטורעלע שעפערישע כוחות. די לעכער פון די אַסימילירער־כוואַליעס פלעגן פאַרשטאָפּט ווערן, פלעגן געדעקט ווערן, אָפּט אַפילו מיט אַ מותר.

אין מזרח־אייראָפּע האָט די יידישע קולטור נאָך דער מלחמה איבערגעלעבט אַ רענעסאַנס פון אַ נס־מאַסשטאַב, פון אַ זאַפּט און אַ הויך, וואָס האָט איבערראַשט ביי די שטאַרק פאַרערגערטע לעבנס־באַדינגונגען; איז דער צושטראָם קיין אַמע־ריקע פון גרייטע גייסט־גיטער און אויך פון קולטור־שאַפער געווען פון אַזאַ פאַרנעם און פון אַזאַ ניוואָ, אַז עס האָט געמאַכט בלינד לגבי דעם באָדן, אויף וועלכן מען האָט געפּרווּווט איבערפלאַנצן די שטעטלשע גיטער. אין די 20ער יאָרן פון לויפנ־דיקן יאָרהונדערט הייבן אָן די אַקציעס פון דעם נייעם יידישן אַמעריקאַנער קולטור־צענטער שטייגן אַזוי הויך, אַז עס הערן זיך שטימען, אַז נישט וואַרשע,

ווו יידן זיצן ווי אויף קוילן און טרוימען וועגן אויסוואַנדערונג, און נישט מאָסקווע, ווו די יידישע קולטור ווערט געפּירט אויף אַ שטריקעלע פון די שמאַלקעפּיקע יעווסעקן, נאָר ניו־יאָרק אין דער פון דער געשיכטע באַשערטער צענטער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור; ניו־יאָרק מיט זיינע צוויי מיליאָן יידן, מיט זיינע געדיכטע קאָמפּאַקטע מאַסן, מיט זיינע מאָדערנע פרייע יידישע געטאָס. מיט זיינע פון זיך זעלבסט באַשטימטע לעבנס־באַדינגונגען און נישט אַרויפגע־צוווּנגענע דורך באַגרענעצונגען און צוימען, דיסקרימינאַציעס און פיזישע עקס־צעסן. די עלעמענטאַרע לאָגיק האָט דיקטירט, אַז וואָס בעסער עקאָנאָמיש און וואָס פרייער פּאָליטיש, אַלץ העכער און זאַפטיקער וועט זיין די קולטור־שאַפונג און אין דעם כלל אויך די קולטור־פּרוכטבאַרקייט פון אַ מיעוט, וואָס ברענגט מיט זיך אוצרות פון הויך אַנטוויקלטע קולטור־שאַפונגען און אַ שפע פון גייסט־זאַפט, אויפגעוואָקסענע און אַקומולירט אין אַ היסטאָריש־וואָרצלדיקער אייגענער אָריגינעל־אָרגאַנישער סביבה. בפרט נאָך, אַז מען קומט נישט אין קיין לאַנד מיט אַ מאָנאָליטישער היסטאָריש־אויסגעגאָסענער, אויסגעפורעמטער און פאַרהאַר־טעווועטער נאַציאָנאַלער קולטור, נאָר אין אַ וועלט, וואָס ווערט פאַרפלייצט פון צענדליקער שפּראַכן און קולטורן און וואָס אירע פעסטע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן לאָזן נישט צו קיין שום צוואַנג צו אַסימילאַציע קיין שום צוואַנג צו בוקן זיך צו אַ וועלכער ס׳נישט איז מערהייט־שפּראַך און מערהייט־קולטור.

מען האָט נישט געזען אָדער נישט געוואָלט זען, אַז דווקא אָט די דאָזיקע אַבסאָלוטע פרייהייט פאַר אַלע שפּראַכן און קולטורן זיך צו אַנטוויקלען און זיך צו פאַרפעסטיקן איז דער ערגסטער סם פאַר די לעצטע; אַז די זעלבע פעלקער און שבטים, וועלכע זענען אין אייראָפּע געווען גרייט בלוט צו פאַרגיסן פאַר די רעכט פון זייערע שפּראַכן און קולטורן, לויפן דאָ, אין אַמעריקע, מיט שמחה און פרייד צום אַסימיליר־קעסל. און מען האָט נישט געוואָלט הערן קיין שום וואָ־רענונגען מצד יענער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וועלכע האָט אין הסכם מיט איר היסטאָרישן צוגאַנג צו דער יידישער פּראָבלעם און אין הסכם מיט איר אַנאַליז פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין מערב־אייראָפּע געוואָרנט, אַז דער גורל פון יידיש אין אַמעריקע וועט זיין נישט בעסער, ווי ער איז געווען אין מערב־אייראָפּע, ווו די עמאַנציפּאַציע האָט דערוואָרגן דעם פאָלקס־לשון און דער עקאָנאָמישער אויפשטייג האָט אים דערשטיקט.

מיט צער און ווייטיק, מיט נשמה־פיבער און האַרץ־ציטער האָבן ציוניסטן און ציוניסטיש געשטימטע דענקער געמאָלן די יידיש־צוקונפט אין שוואַרצע פאַרבן. אַזוי האָט ד״ר א. קאַראַלניק געשריבן אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק פאָלגנ־דיקע קינה־ווערטער 1):

---

1) ד״ר א. קאַראַלניק, געזאַמלטע שריפטן, וואַרשע, 1928, ז. 102.

„און עס וועט זיך פֿאַרבענקען די ייִדן — די ענגליש־ריידנדיקע, די פּויליש־ריידנדיקע, די העברעיִש־ריידנדיקע נאָך דעם אייגנאַרטיקן טאָן פֿון דער שפּראַך, וואָס דורות און דורות פֿון ייִדן האָבן גערעדט. עס וועט זיך זיי פֿאַרבענקען נאָך די קלאַנגען, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין מיטלאַלטער, פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן אין די סלאַווישע סטעפּן; קלאַנגען פֿון ייִדישער איינזאַמקייט, פֿון התעוררות און אינטימיטעט און טרויער און וויץ, קלאַנגען — אָנגעזאַפּטע מיט דעם האַרץ־בלוט פֿון פֿאָלק.

„און עס וועט זיי באַנג טון — די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז — פֿאַר די לידער, וואָס זענען נישט אויסגעזונגען געוואָרן, פֿאַר דעם זיפֿץ, וואָס איז נישט אויסגעוואָקסן אין אַ סימפֿאָניע, פֿאַר די אוצרות, וואָס זענען געבליבן נישט אויסגענוצט".

און אָט איז אונדז, די לעבן־געבליבענע פֿון דעם אויסגעשאָכטענעם ייִדיש־פֿאָלק, די גליקלעכע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אויף דעם נס־אינדזל, וואָס הייסט אַמעריקע — אונדז, די גליקלעכע אָן גענדזנפּיסלעך, איז באַשערט בייצו־לעבן, ווי ייִדישע דיכטער וואַרגן זיך מיט זייערע נשמה־לידער; ווי דערציילער שטיקן זיך מיט זייערע בילדער, וואָס פֿאַרפֿאַלגן זיי און בעטן זיך אויף דער ליכ־טיקער וועלט; ווי ייִדיש־לערער פּלאָגן זיך פֿאַר אַ קלאַס ייִדישע קינדער, וואָס דער ייִדיש־קלאַנג איז זיי שוין אַזוי פֿרעמד, ווי זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן אין 21טן יאָרהונדערט; ווי ייִדיש־פֿילאָלאָגן און פֿאָלקלאָריסטן איילן זיך וואָס גיכער צו פֿאַרשרייבן און צו פֿאַרצייכענען די נאָך וואַרעמע ייִדיש־ווערטער און ייִדיש־ווערטלעך אין די מיילער פֿון זקנים און זקנות; ווי ייִדיש־שוישפּילער יאָגן זיך אַרום איבער דער גרויסער גלות־וועלט אַפּצווזוכן אַ בינטל ייִדן־ליבהאָבער פֿון אַ טעאַטער־שטיק אין ייִדיש; ווי די פֿאָלקסטימלעכע ייִדיש־היסטאָריקער, ייִדיש־סאָציאָלאָגן, ייִדיש־עקאָנאָמיסטן און ליטעראַטור־פֿאַרשער איילן זיך צו פֿאַרפֿיק־סירן זייערע פֿאָרשונגען און זייערע אויספֿירן אין דער טיפֿער איבערצייגונג, אַז זייער נשמה־נאָענטקייט צו די ייִדישע מאַסן, זייער פֿאַרוואָרצלטקייט אינעם פֿאָלקס־לעבן האָט זיי אַנטפּלעקט זייטן און דערשיינונגען, צו וועלכע דער פֿרעמד־שפּראַכיקער וויסנשאַפֿטלער וועט געוויס נישט האָבן קיין צוטריט, נישט קיין האַרץ צו פֿילן און נישט קיין מוח צו פֿאַרשטיין אַזוי טיף און אַזוי פֿאָלק־אמתדיק.

האָלטן מיר, אַז דאָס בעסטע וועט זיין ווען מיר וועלן לאָזן די גרויסע מחנה ייִדיש־שאַפֿער און ייִדיש־טרוימער, ייִדיש־לערער און ייִדיש־שרייבער זיך אויס־רעדן און אויסלייגן זייערע פֿאַרביטערטע און פֿאַרצווייפֿלטע הערצער, אָבער אויך

זייער טיפע אמונה אין דער צוקונפטיקער ראָלע פון יידיש אין דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק 1).

לאָמיר צוערשט געבן דאָס וואָרט יענעם יידישן דיכטער, וואָס יידיש־לשון איז ביי אים קודש־קדשים און דער איין און איינציקער אינסטרומענט הן פון זיינע וואַך־שאַפונגען און הן פון זיינע אינטימסטע חלומות — לייוויק 1):

„אַ חבר־דיכטער האָט גערעדט צו מיר אַזוי צו זאָגן:
מיר זאָלן אַלע אָנשרייבן דאָס לעצטע ליד.
דאָס ליד אַריינטאָן אין אַן אָרון און עס טראָגן
דורך גאַסן ווו עס וווינט דער אַמעריקאַנער ייד.

„מיר וועלן דאָס ליד איינהילן אין בלויע טיכער
און אפשר גאָר עס איינוויקלען אין פּראָסטן וויס —
אין בלעטער וויס פון אַלע דיכטערס ביכער,
וואָס ליגן אין די קעלערן — אַ שפּייז פאַר מייז".

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס איז לייוויקס אַ צופעליק ליד, אַ מינוט־שימונג, וואָס איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן דיכטערס אמתע געפילן און אמתע שטימונגען. פון זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען מיט אַנטי־יידישיסטן קען מען אַזוי טראַכטן. פאָלגט מען אָבער נאָך לייוויקס שרייבונגען, ווען ער פאָלע־מיזירט נישט מיט קעגנער, נאָר באַריכטעט וועגן זיינע נסיעות איבער דער לענג און דער ברייט פון אַמעריקע, געפינט מען, אַז דער ציטירטער שיר איז דער אינטימסטער נשמה־סך הכל פון אַלע זיינע ליידן און שמערצן, פון זיינע טיפסטע פאַרצווייפלונגען פון פערזענלעכע באַאָבאַכטונגען.

און אָט ווי עס קלאָגט מיט בלוט און טרערן אַ צווייטער דיכטער אויפן גורל פון יידיש־לשון — דער נישט־לאַנג געשטאָרבענער י. סיגאַל 2):

„נישט קיין מצוהס, נאָר ס'לעצט ביסל יידיש
וואָס לעשט זיך אויף איטלעכנס ליפּ,
און ס'איז אַזאַ וווּנדער און חידוש
וואָס עמעצער האָט עס נאָך ליב.

1) מיר באַנוצן זיך דאָ אין גאַנצן לעצטן קאַפּיטל און אויך פריער נישט זעלטן מיטן וואָרט „יידיש", צו באַטאָנען, אַז מיר האָב אין אויג אַלע יענע שאַפער, פאַר וועלכע דאָס יידישע לשון איז געווען דער הויפּט־אינסטרומענט פון זייערע שאַפונגען, פון זייערע ווערק.

1) „דער טאָג", 28סטן דעצעמבער, 1952.

2) „אידישער קעמפער", 13טן יולי 1945.

יעקב לעשצינסקי

„אַזוי ליב ווי אַ קינד וואָס מוז שטאַרבן
נאָר עס לעבט נאָך אַ טאָג, אַ מינוט.
און יעדער פון אונדז ברענגט אַ קרבן —
דריי טראָפּנס געהייליקטע בלוט".

און אָט זענען נאָך עטלעכע סטראָפן פון די יידיש־קינות פון דעם זעלבן דיכטער:

„איך זינג אַ גאַנצן דור אַ וויג־ליד,
רו איין, מיין דור, ביזט מיד, ביזט אַלט
דיין גאָלדן ציגעלע איז אַנטרונען
אין ווילדן פעלד, אין וויסטן וואַלד.
און וואָס עס האָט דערמיט געטראָפן
קאָן איך ניט טרעפן, נאָר איך קלער
אַז דורך די חרובע וועגן וועט עס
זיך ניט אומקערן אַהער".

אויך דאָס דאַזיקע פאַרצווייפלונג־ליד איז נישט קיין בליץ־שטימונג און נישט קיין רעזולטאַט פון אַ צופעליקער מעלאַנכאָלישער שטימונג. דער דאָזיקער דיכטער האָט אמת געבלוטיקט מיט די יאוש־שטימונגען און האָט פון דער טיף פון זיין צעוויטיקט האַרץ אַרויסגעריסן די שרעקלעכע ווערטער פון „ביסל יידיש, וואָס לעשט זיך אויף יעדנס ליפּ".

אמתע נאַציאָנאַלע פּאָעזיע, מעג זי זיין ווי אינדיווידואַליסטיש, ווי שוועבנדיק אין די הימלען פון יחידישע דיכטערישע פאַנטאַזיעס, מוז ערגעץ ווו אין אירע אינטימסטע צאַרטסטע וועבונגען זיין פאַרבונדן מיט דעם פאָלקס־ליד, מיט דעם זאַפטיקן פאָלקס־וואָרט, מיט די אויסגעטראָגענע אין די פאָלקס־פרימיטיוון בילדער און מעשיות. נישט נאָר דער וואָרצל פונעם וואָרט נאָר אויך די זאַפט ווערט געבוירן און אָנגעזאַמלט אין די טיפענישן פון די פאָלקס־מאַסן און ווערט דורך דעם דיכטער דערהויבן צו זיינע הויכקייטן, צו זיינע איבערלעבונגען און בענקשאַפטן, מעגן זיי זיין ווי צאַרט און אינדיווידואַליסטיש און ווי הימל ווייט פון די פאָלקס־פרימיטיוון.

פעלט אָבער דאָס פאָלקס־ליד, די פאָלקס־מעשה, דער פאָלקס־וויץ, דאָס פאָלקס־בילד, איז נישטאָ קיין האָפענונג אויף דיכטערישע שאַפונגען. אָן וואָרצלען וואַקסט נישט קיין בוים, אַז מען פאַרזייט נישט, איז נישטאָ קיין שניט.

און אָט שרייבט אַ יונגער יידישער דיכטער, וועלכער האָט זיך ערנסט

און פּלייסיק איבערגעגעבן דער אויפגאַבע פעסטצושטעלן, צי איז פאַראַן ביים ייִדישן פינף־מיליאָניקן ישוב אין אַמעריקע אַ פאָלקס־ליד 1):

„נאָך יאָרן זאַמלען פאָלקלאָר, ספּעציעל ייִדישע פאָלק־לידער, פריִער אין אייראָפּע און די לעצטע 15 יאָר אין אַמעריקע, — איז מיר נאָך נישט געלונגען צו געפינען קיין איין און איינציק ייִדיש פאָלק־ליד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אַמעריקע" (אונטערגעשטראָכן פון יונין).

נאָכדעם ווי ער שטעלט פעסט, אַז „דאָ איז געשען נאָך אַ גרעסערע פאָלקס־טראַגעדיע — דער גאַנצער אוצר פון ייִדישן פאָלקלאָר איז דאָ כמעט ווי אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן אין אַמעריקע. פאַרוואָס?" און ער ענטפערט: „דער־פאַר וואָס אין צפון־אַמעריקע איז עד היום נישט אויפגעקומען קיין ייִדיש פאָלקס־לעבן, ווי אין די אייראָפּעיִשע לענדער, און דערפאַר איז קיין פאָלק־שאַפן נישט פאַראַן. אין צפון־אַמעריקע וווינען שוין אַ קימא לן 5 מיליאָן ייִדישע נפשות, אָבער זיי לעבן נאָך אַלץ ווי יחידים".

ער ברענגט ווייטער מאַטעריאַל פון אייניקע פאָלק־לידער ביי די ייִדן פון דרום־אַמעריקע נאָר כמעט אויסשליסלעך פון יענע פינסטערע עלעמענטן, וועלכע האָבן פאַרשוואַרצט דעם פּנים פון ייִדישן פאָלק מיט דעם טומאה־האַנדל. ער קומט צום אויספיר, אַז דאָ אין אַמעריקע איז „אַנשטאָט איבערצו־לעבן לעבט מען בלויז. עס איז גרינגער, באַקוועמער און ספּעציעל נאָך ווען טעאַטער, ראַדיאָ און אַנדערע ליווראַנטן ברענגען „די פאַרטיקע סחורה אַהיים".

ער פרעגט ווייטער: „אַסימילאַציע? געוויס! ווייל קוים הייבט אָן אָפּשטאַרבן דאָס פאָלק־לעבן נעמט עס מיט מיט זיך דעם גרונט".

מיר וועלן איצט געבן דאָס וואָרט אַ זייער קאָמפּעטענטן ייִדיש־לערער, וועל־כער שטייט שוין גוטע עטלעכע צענדליק יאָר אינעם לערער־קרייז, וויִיטיקט מיט אים אַלע ווייטיקן און קנייפּט זיך די באַקן מיט טרייסט, אַז דער ייִדישער חינוך אין אַמעריקע איז בכלל אויף אַזאַ ירידה־שטאַנד, אַז די ייִדיש־שולע האָט נישט ביי זיך וואָס אַראָפּצופאַלן. יודל מאַרק שרייבט אינעם „יובל־בוך פון שלום עליכם פאָלק־שולן" 1):

„די האַנט אויפן האַרצן — עס איז דערווייל נאָך נישט געווען אין ערגעץ אַזעלכע דריי הונדערט יאָר, ווו ייִדישע דערציִונג זאָל זיין אַזוי קורצזיכטיק, אַזוי איינגעשרומפּן, אַזוי מסתפק במועט, אַזוי אָנפאַליגלדיק, אַזוי כלאחר יד, ווי אין אַמעריקע, אין דעם איצט גרעסטן און מעכטיקסטן קיבוץ אויף דער גאַרער וועלט".

---

1) וואָלף יונין, „דאָס יידישע פאָלקס־ליד אין אַמעריקע", אין „יידישע קולטור", V/1946, ז. 68—64.

1) יודל מאַרק, אַ יידישע שול פאַר וועמען? אין „יובל־בוך לכבוד 40 יאָר שלום־עליכם פאָלקס־שולן", ניו־יאָרק, 1954. זייט 35—25.

צי דאָס איז אַ טרייסט, איז, פאַרשטייט זיך אַ פראַגע, אָבער מאַרק גייט נאָכדעם איבער צו די צרות און אַנגסטן פון דער ייִדיש־שולע:

„דאָס נאַטירלעכע ייִדיש איז געוואָרן אַלץ דאַרער און קוואַרער. עס איז געקומען די צייט פון אַ צעקאַליעטשעט ייִדיש ביי קינדער, וואָס קומען אָן אין דער שול. ענדלעך איז זייער צונג פולקאָם אַנטשטומט געוואָרן. איצט האָבן מיר קינדער אין די ערשטע קלאַסן וואָס נישט זיי פאַרשטייען אַ ייִדיש וואָרט, נישט זייערע עלטערן זענען בכוח זיך אויסצודריקן אויף ייִדיש".

ער מאָלט אַ צער־בילד פון מדרגות פון צופּאַסן זיך צו עלטערן און קינדער, וואָס רעדן און פאַרשטייען נאָר ענגליש און ער איז מודה, „אַז דאָס ווייטערע לעבן פון דער שול אויף ייִדיש גאַראַנטירט נישט קיין צוריקקער צו ייִדיש ווי די שפּראַך פון דער היים, אָבער פאַרזיכערט יאָ דעם קיום פון ייִדיש ווי אַ נאַציאָנאַל לשון, ווי אַ פאַרבינד־פאָדעם מיט דעם נאָענטן עבר, מיט זיידעס און עלטער־זיידעס, און מיט אייגענעם קולטורעלן הינטערגרונט, און אַוודאי מיט ייִדן פון אַנדערע לענדער".

מאַרק איז אָבער צו אַ ניכטערער מענטש און ער קען נישט פאַרגעסן אויף איין רגע, אַז די צייט פון די זיידעס און עלטער־זיידעס איז זייער קורץ און אַז די קינדער פון די ייִדן אין די אַנדערע לענדער רעדן שוין אויך נישט קיין ייִדיש, גיט ער גיך אַ שפּרונג און שרייבט וואָרט און וואָרט:

„פאַר וועמען איז די שול אויף ייִדיש? ראשית כל פאַר אונדז! טרעפט זיך, אַז מען דאַרף זיך אַליין היפּנאָטיזירן, כדי צו באַקרעפטיקן דעם אייגענעם איך, ווו וועט מיין איך, מיין דרך און מיין שיטה אַריינגעוועבט ווערן אין געוועב פון ייִדיש לעבן? אונדזער איך איז דאָך אויסגעאיבט, אויסגעהאַמערט געוואָרן מיט און דורך ייִדיש" (אונטערגעשטראָכן פון מאַרק). דאָ האָט מאַרק אַרויסגעשריגן און אַרויסגעזיפּצט דעם צער פון טויזנטער און טויזנטער שרייבער און לערער און קולטור־טוער און ייִדישע פאָלקס־מענטשן, וועלכע לעבן זיך אויס אין דער ייִדיש־שפּראַך! נישטאָ אין ייִדישן לעבן קיין געוועב, וווהין די אַלע אָקומולירטע זאַפטן און גייסט־פּאָטענצן זאָלן זיך אַריינוועבן.

אָט איז אַ קליין בילדל, וואָס וועט צוגעבן קאָנקרעטקייט צו דעם צער־אויס־געשריי וועגן דעם, אַז אַ גאַנצער דור איז געבליבן הענגען אין די לופטן, נשמות דאָזלין אַרטילאָין, בלאָנדזשענדיקע נשמות, וואָס האָבן זיך נישט צו וואָס צוצוקלעפּן און שטיקן זיך מיט זייערע גייסט־אוצרות און וואַרגן זיך מיט זייערע שאַפונג־פּאָטענצן און אין מוצא!

יעקב פּאַט, וועלכער איז נישט בוטה געדיכטער צו מאַכן די יאוש־לאַגע פון די ייִדיש־שאַפער, דערציילט וועגן זיין באַזוך אין פּאַריז 1):

---

1) „דער פריינד", ניו־יאָרק, מאַי־יוני 1954, ז. 3.

„איז געקומען מיך באַזוכן אַ דעלעגאַציע פון יידישן שרייבער־פאַריין אין פּאַריז — שלום עליכם, קאָלעגן! ברידער, וואָס זאָגט איר עפּעס גוטס?

„גוטס? ווייניק גוטס. אַ גרויסער טייל פון די יידישע שרייבער זענען אַוועק קיין אַרגענטינע. שרייבן זיי אַזעלכע בריוו, אַז עס ציט נישט אַהין. וואָס זשע קענען טון יידישע שרייבער אין פּאַריז? — שרייבט מען זכרונות, רעיונות, לידער, דערציילונגען. וואָס זאָל מען טון מיט די מאַנוסקריפּטן? איינער האָט פאַרענדיקט אַ בוך וועגן גאַליציע, אַ צווייטער וועגן ליטע, אַ דריטער וועגן זיינע וואַנדערונגען און פּלאָגענישן אין סאָוועטרוסלאַנד, אַ פערטער וועגן פּוילן. ווי קען מען בכלל שרייבן ביכער, ווען מען ווייס, אַז דער מאַנוסקריפּט וועט בלייבן ליגן אין אָנגעפּאַקטע שופלאַדן?״

ער דערציילט ווייטער, אַז דער יידיש־פּוילישער פּאָעט מיכאל באָרוויטשש בוך איבער דער יידישער געטאָ אין וואַרשע אין אויסגעצייכנט געוואָרן פון דער סאָרבאָנע און ווערט אַרויסגעגעבן פון דער סאָרבאָנע אין פראַנצויזיש, אָבער נישטאָ קיין פאַרלאַג פאַר אַ יידישער אויסגאַבע. און אויך אַ בילדער־בוך „טויזנט יאָר״ — טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פּוילן, איז שוין אויסגעזעצט, נאָר נישטאָ אויף פּאַפּיר און דרוק.

אין די „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער״, נומער 7־8 (מערץ־אַפּריל 1954) אין בוענאָס איירעס, געפינען מיר פאָלגנדיקן קינה־חשבון פון דער יידיש־שרייבער משפּחה פון פּוילן, פונעם פאַרמלחמהדיקן צענטער פון יידיש־שאַפונגען, פון דעם דאָזיקן היסטאָרישן וואָרצלדיקסטן גאָרטן פון אַלע צווייגן פון יידישן שאַפונג־בוים:

„נאָך אַן איבעררייס פון זיבן מלחמה־ און חורבן־יאָר האָבן זיך אויף די חורבות פון פּוילן ווידער צונויפגעטראָפן די ניצול־געוואָרענע רעשטלעך פון דער יידישער שרייבער־משפּחה.

„פון די קרוב דריי הונדערט יידישע פּען־מענטשן — ערב אונטערגאַנג פון פּוילישן יידנטום — האָבן זיך געראַטעוועט קוים אַ פּינפט־חלק. בלויז זעכציק יידישע שרייבער זענען אַרויס גאַנץ פונעם פייער און עס זענען צוגעקומען יונגע יידיש־שרייבער.

„פאַרשטויבטע פון וועג זענען מיר זיך צונויפגעקומען אויף די חורבות זאָגן קדיש, זאָגן קינות, זאָגן איכה — און נאָכן אָפּזאָגן קדיש איז מען זיך צעגאַנגען שטום ווי אבלים.

„דער שרייבער־טיש פון טלאָמאַצקע 13 (דער אַדרעס פון דעם קלוב פון די יידישע שרייבער פאַר דער מלחמה אין וואַרשע), איז צוריק געוואָרן פּוסט, געבליבן ליידיק.

„פון די ניינציק יידישע שרייבער נאָכן חורבן זענען אין פּוילן געבליבן

אַרום 10 אַלע איבעריקע יידיש־שרייבער זענען אַוועק פון פוילן, אַוועק נאָכן קול, וואָס האָט גערופן פאַרלאָזן די פוילישע ערד.

„אין לעצטן סך הכל געפינען זיך: אין ישראל דרייסיק, אין די פאַראייניקטע שטאַטן — 16 (חוץ איניקע געשטאָרבענע, ווי לעאָ פינקעלשטיין, נחום באָמזע און אַנדערע); אין אַרגענטינע — ניין (חוץ די געשטאָרבענע, ווי שמערקע קאַ־טשערגינסקי, טאַניאַ פוקס און אַנדערע); אין פראַנקרייך — צען; אין קאַנאַדע — פיר; אין איטאַליע — איינער ,און אין שוועדן — איינער".

אינעם אַרטיקל ווערן אויסגערעכנט די נעמען פון די אַלע צעזייטע און צע־שפּרייטע פויליש־יידישע שרייבער און עס ווערט פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע האַרץ־רייסנדיקע ווערטער:

„אַזוי זעט אויס דער סך הכל פונעם שרייבערישן איבערבלייב פון פוילן. מען איז אַוועק בלויז פון חורבן פוילן, פון די חורבות פון פוילן. פון חורבן געטאָ איז שווער אַוועקצוגיין. ער גייט אונדז נאָך אומעטום וווהין מיר גייען. דער חורבן מאָנט אַ תיקון".

דער גרעסטער יידישער קיבוץ, דער פינף־מיליאָניקער אַמעריקאַנער יידי־שער קיבוץ, וואָס האָט אַליין צוויי מאָל אַזוי פיל יידן, ווי אַלע אַנדערע אויסגע־רעכנטע לענדער האָט גענומען דעם קלענסטן חלק אין דער גייסט־ירושה פון חרובן פוילישן יידנטום! קוים 16 פון ניינציק פאַרוואָגלטע און פאַריתומטע יידישע שרייבער! קוים קנאַפּע 18 פּראָצענט!

האָבן מיר נישט קיין מעגלעכקייט זיך דאָ ווייטער אָפּצושטעלן אויפן גורל פון די דאָזיקע אַלע פאַריתומטע יידישע שרייבער אין זייערע נייע היימען — היימען? איין גאָט ווייס, אַז אַפילו נישט קיין וואַרעמע באַקוועמע אַכסניות, איינ־געשלאָסן ישראל. און דאָך קען מען מיט אַ ריינעם געוויסן באַהויפּטן, אַז אין זין פון גייסטיקער אַטמאָספער, פון שאַפונג־קלימאַט, פון קומען צו זיך שעפעריש־פסיכיש האָט זיך די ישראל־לופט אַרויסגעוויזן די בעסטע, די היילנדיקע, די באַרויִקנדיקע.

דער יידיש־דיכטער אריה שמרי האָט אַרויסגעגעבן אין ישראל צוויי ביכער פּאָעזיע אין יידיש. האָט ער אין ערשטן בוך געקלאָגט:

„אויף אַ שוועל ביי אַ הייזל פון שינדלען
קניט זכרון און פיבערט אין טרערן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך קני אויף אַ שוועל, אויף אַלע שוועלן
און עס דאַכט מיר באַלד פאַלן אַלע טירן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„און עס קוקט די לבנה געשאָכטן,
אויף באַרג־אַראָפּ פון האַרביקע געסלעך
און עס ווײנט און עס בעט סגי נהור:
קדיש כאַטש זאָג, נישט פאַרגעס מיך".

אָבער אין צווייטן בוך האָט ער שוין געזונגען גאָר אַן אַנדער ניגון:

„פון זון נעמט ליכט, פון פעלד בטחון
און הערצער היילט פון שפּאָט און שינאה,
נישט טײטלט אויפן בוים צעבראָכן,
נישט זאָגט: דער ברונעם אויסגערונען,
פון נייע טיפן שוימט דער פרילינג,
גלוסט צו עפּל און גרייט די עמער.
אַ נייער טאָג שוין ברענגט דער פרילינג
און ער איז נאָענט און איז שענער".

דאָ האָבן מיר צוערשט אַ קינה אויף דער פאַרלאָרענער אין פּוילן יידישער וועלט, אָבער פון „פעלד בטחון און פון זון נעמט ליכט!" אין ישראל. מיט ליכט האָב איך געזוכט עפּעס ענלעכעס ביי די צענדליקער דיכטער, וואָס וואָגלען אַרום אין די גלות־לענדער, און נישט געפונען. דערמיט זאָל נישט געזאָגט ווערן, אַז אין ישראל האָבן שוין די דרייסיק פּוילישע יידיש־שרייבער געפונען די אמתע נשמה־מנוחה און די גינציקע שאַפונג־אַטמאָספער. דאָך איז צו פאַרטראַכטן זיך אויפן פאַקט, וואָס די ישראל־עדה, העכער דריי מאָל קלענער פון דעם אַמעריקאַנער קיבוץ און אַן יידיש־צייטונגען מיט אַ טיראַזש פון העכער צוויי הונדערט טויזנט עקזעמפּליאַרן, האָט דאָך געגעבן נשמה־מנוחה און היים־אַטמאָספער כמעט צוויי מאָל אַזויפיל שרייבער־יתומים ,ווי דאָס אַמעריקאַנער יידנטום.

גחזור לענינו — לאָמיר ווייטער געבן אַ וואָרט אַ יידיש־לערער אין אַ קלאַס פון קינדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס גייט נישט אין אויסלערענען יידישע קינדער לייענען יידיש — די דאָזיקע טעכניק איז גרינג דערגרייכבאַר. מען טרוימט דאָך וועגן נעמען די יונגע נשמה פונעם יידישן קינד געפאַנגען אין די נעצן פון דער רייכער יידיש־קולטור, באַהעפטן דאָס יידישע קינד צו די אוצרות פון דער יידיש־קולטור און צעוועקן אין אים וויניקסטנס די בענקשאַפט נאָך די שאַפונגען פון די יידיש־שרייבער אין זייער אָריגינעלער פאָרעם.

דערציילט אַ יידישיסטישער לערער אין אַ יידישיסטישן זשורנאַל 1):

„די מערסטע קינדער, וואָס קומען אַריין אין אונדזער שול, פאַרשטייען נישט

1) ז. שטיין, שול־פּראָבלעמען, אין „קולטור און דערציאונג", יאַנואַר 1950.

קיין יידיש. און אַזוי ווי דער ערשטער צובונד פונעם קינד צו דער שולע באַשטייט אין דעם אינטערעס, וואָס מיר שאַפן ביי אים גלייך ביים אָנקומען, קומט שוין במילא אויס, אַז אויב דאָס קינד פאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אים, וואָס מען לייענט אים פאָר, וועט ער מיט דער צייט אַרויספאַלן פון דער שולע".

דאָך זענען דערפאָלגן פאַראַן — און אין משך פון איינע פיר חדשים האָט זיך דעם לערער איינגעגעבן אויסלערנען די קינדער לייענען און שרייבן יידיש. און נאָך מער — די קינדער האָבן גענומען לייענען און רעדן יידיש כמעט מיט אַ גוטן יידישן אַקצענט — אַ באַוויַיז, אַז ערגעץ אין די יונגע קעפּלעך זענען נאָך פאַראַן קלאַנגען פון יידיש פון זיידע און באָבע און ירושה ברענגט פרוכטן. דער לערער איז גליקלעך איבער גליקלעך — דער ווונדער האָט זיך איינגעגעבן.

ער שרייבט אָבער ווייטער: „נאָר ווען עס קומט צו פאַרשטיין, איז שווער. די קינדער פאַרשטייען נישט ס'רוב און מען מוז איבערגיין צו ענגליש. אַזוי איז אויך מיט יידישער געשיכטע. איך האָב אָנגעהויבן דערציילן אין יידיש, נאָר זעענדיק די מאָדנע פאַרוווּנדערטע פּנימער פון די קינדער און הערנדיק די גע־שרייען: „מיר פאַרשטייען נישט!" האָב איך געמוזט איבערגיין אויף ענגליש. דאָס זעלבע האָב איך אויסגעפונען ביים לייענען. וואָס ווייטער די קינדער לייענען אינעם טעקסט־בוך, אַלץ שווערער איז פאַר זיי צו פאַרשטיין וואָס זיי לייענען!"

מיר האָבן ביז אַהער גערעדט כמעט אויסשליסלעך וועגן יידיש אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן — זענען דאָ באמת די באַדינגונגען אויסנאַמיקע: — הן אין פּרט פונעם דרוק פונעם אַסימילירּ־פּאָטענציאַל און הן אין פּרט פון די אַסימי־לאַציע־נטיות מצד דער יידישער באַפעלקערונג. לאָמיר וואַרפן אַ קוק אויף יענע יידישע קיבוצים אין די אַמעריקאַנער לענדער, ווו די יידישע אײַנוואַנדערונג איז פיל יינגער, ווו קיינע אַסימילאַציע־ירושות האָבן אונדזערע מזרח־אייראָפּעישע ברידער נישט באַקומען, ווו דער אַסימילירּ־פּאָטענציאַל פון דער אַרומיקער מער־הייט־קולטור איז פיל שוואַכער און ווו די יידישע איינגעוואַנדערטע מאַסן האָבן מיט זיך געבראַכט אַ סך אַ פעטערע און זאַפטיקערע ירושה פון יידיש־קולטור און זענען געקומען פיל באַוואָפנטער מיט נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און מיט קאַמף־גרייטקייט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען און אייגענע קולטור־שאַפונגען.

מיר ווועלן אָנהייבן פון מעקסיקע, פון דאָזיקן ישוב, וואָס שמו הולך בכל הארץ, וואָס זיינע אינטעגראַלע יידיש־ און העברעיִשע שולעס זענען באַרימט אין דער גאַנצער יידישער וועלט און זיינע קולטור־אינסטיטוציעס זענען נישט ווייני־קער באַרימט.

שרייבט אַן אָרטיקער עוסק בצרכי ציבור און אַן אָנגעזעענער זשורנאַליסט א. ז. בערעביטש 1):

1) „דער וועג", מעקסיקע, 2טן פעברואַר 1954.

„שוין היינט ווען אונדזער ישוב איז קוים אַלט 30 יאָר לערך, איז אונדזער יוגנט שפּראַכלעך 99 פּראָצענט אַסימילירט. כ׳האָב מורא צו זוכן צען יידישע היימען פון די קינדער, וועלכע האָבן זיך דאָ אויפגעהאָדעוועט אָדער דאָ געבוירן, ווו מען רעדט יידיש. כ׳האָב מורא זיי צו זוכן, ווייל איך ווייס, אַז איך וועל זיי נישט געפינען. כ׳האָב מורא פאַר דער סטאַטיסטיק פון אָט די יונגע, נייע היימען, אין וועלכע ס׳קומט אַריין די יידישע פּרעסע און וויפל יידישע ביכער זיי האָבן איינגעקויפט פאַר דער צייט פון דער עקסיסטענץ פון זייערע היימען. און וויפל זיי ווייסן ווען עס פאַלט אויס אַ יידישער יום טוב און וויפל פון זיי האַלטן שבת?"

אַ צווייטער גוטער קענער פון יידישן לעבן אין מעקסיקע פּראָפ׳ סאַלאָמאָן קאַהאַן, אַ קולטור־טוער, וואָס שטייט אויפן פּאָסטן ממש טאַקע פון די ערשטע מאָמענטן פון דער יידישער איינוואַנדערונג שרייבט 1):

„דער לעצטער סך הכל פון אַלע אַרויסגעבראַכטע פאַקטן איז, אַז צוזאַמען מיטן סוף פון דעם אימיגראַנטישן פּעריאָד פון ישוב האָט זיך אויך פאַרענדיקט זיין קולטורעלע בלי־צייט. מיטן אָנהייב פון עקאָנאָמישן אויפבלי און פון זיין סאָציאַלער פּאַרוואָרצלטקייט הייבט זיך אָן אַ כסדרדיקער קולטורעלער באַרג־אַראָפּ מיט דער יידישער שפּראַך ווי דער ערשטער קרבן. דערנאָך קומען די ווייטערע שריט צו אַסימילאַציע".

מיר האַלטן פאַר איבעריק צו ברענגען ווייטערע באַווייזן, אַז אַבסאָלוט אין אַלע יידישע קיבוצים אין דער גאָרער גלות־וועלט גייט אָן אינטענסיווער פּראָצעס פון שפּראַך־אַסימילאַציע; און שפּראַך־אַסימילאַציע אין אונדזער צייט מיינט גאַנץ געדיכטע און טיף־גייענדיקע קולטור־אַסימילאַציע.

ווי קלאָגעדיק די לאַגע איז מיט יידיש, אַלס אַ היים־שפּראַך, ווערט באַזונ־דערס בולט און אויך שמערצלעך פון פאָלגנדיקע פאַקטן: אין די יידיש־צייטונגען פון דרום־אַפריקע, אויסטראַליע און בראַזיל ווערן אָפט געבראַכט פאָטאָגראַפישע בילדער פון יידישע קינדער, וועלכע רעדן גוט יידיש! קען נאָך זיין אַ גרעסערער אַך און ווי!? קען נאָך זיין אַ טראַגישערע ירידה פון אַ שפּראַך, וואָס איז אַזוי דורך און דורך דורכגעוויקט מיט יידישע טרערן און זיפצן?

פּאַראַלעל מיט דער יידיש־פּרעסע האָט דער יידיש־טעאַטער געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די ברייטע יידישע מאַסן אויך אין דעם צעבלי און צעוווקס פון דער יידישער שפּראַך. מיר ווייסן זייער גוט וועגן די טענות און מענות, וועלכע מען האָט אַרויסגעשטעלט קעגן ביידע די דאָזיקע קולטור־אינסטיטוציעס אין פּרט פון צו לייכטער אָדער לייכטזיניקער באַ־ציִונג צו דער שפּראַך; נאָר איצט, אחר המעשה, ביים אונטערפירן סך הכלען, מוז מען מודה זיין, אַז זיי האָבן ביידע גאָר אַ גרויסן חלק אין דעם קולטור־אויפשטייג

1) סאַלאָמאָן קאַהאַן, מעקסיקאַנישע רעפלעקסן, מעקסיקע, 1954, ז׳ 118.

פון די מאַסן אין אַמעריקע און אויך אין דער אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך. זייער פאָלקסטימלעכקייט און זייער צופּאַסונג צו די מאַסן האָט געהאַט פיל חסרונות, נאָר די פאָלגנדיקע איינע מעלה האָט אַריבערגעוועגן אַלע חסרונות — זיי האָבן געוווּנען די מאַסן, און זיי האָבן זיי אויך דערהויבן צו העכערע מדרגות פון גע־שמאַק און פאַרלאַנג. מען מוז דאָך מודה זיין, אַז הן די יידיש־פּרעסע און הן דער יידיש־טעאַטער האָט דורכגעמאַכט אַ גרויסע און באַדייטנדיקע מדרגה פון אַנטוויקלונג באַרג־אַרויף נישט נאָר אין כמות נאָר אויך אין איכות.

דער יידישער טעאַטער, ווי די יידישע פּרעסע ,איז געבוירן געוואָרן אין די יאָרן פון אינטענסיווער קולטורעלער דערוואַכונג פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען אין די 70ער און 80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. די אַקומולירטע קולטור־כּוחות האָבן געזוכט רערן זיך צו אַנטפּלעקן און זיך צו ווידמען די מאַסן — און די צעוועקטע און צערודערטע יידישע מאַסן האָבן איינ־צייטיק געזוכט שפּייז פאַר זייערע הונגעריקע נשמות און בענקענדיקע הערצער. און ווי די יידישע מאַסן מיט די געשטיגענע לעבנס־אַפּעטיטן און קולטור־השגות האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן אין צאַרישן רוסלאַנד צו באַפרידיקן זייערע אויסגעוואַקסענע באַדערפעניש און שטרעבונגען און געמוזט זיך לאָזן אין דער ווייטער פרייער וועלט אַריין, צוערשט קיין בערלין, פּאַריז און לאָנדאָן און שפּע־טער אַזש קיין אַמעריקע, אַזוי האָט אויך די יידישע אינטעליגענץ, באַזונדערס די פאָלקישע אינטעליגענץ, געצווימט און באַגרענעצט אין רוסלאַנד, געמוזט זוכן פּלאַץ פאַר אירע אַנטפּלעקונגען אין די ווייטע מקומות.

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז אי די יידיש־פּרעסע און אי דעם יידיש־טעאַטער האָבן געשאַפן רוסישע יידן, און נישט אין רוסלאַנד, נאָר אַבסאָ־לוט אין אַלע לענדער פון יידישער צעשפּרייטונג. און ווי די יידיש־פּרעסע, אַזוי האָט אויך דער יידיש־טעאַטער דערגרייכט זיינע העכסטע כמות־מדרגות אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

מיר קענען זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיט דער אַנטוויקלונג־געשיכטע פון יידישן טעאַטער און מוזן זיך באַגרענעצן מיט פעסטשטעלן אייניקע פאַקטן, וועלכע וועלן אונדז ווייזן דעם העכסטן פּונקט פון דערגרייכונגען און, לײדער, אויך דעם נידעריקסטן פּונקט פון ירידה. אַז דאָס יאָר 1925, דאָס פאַטאַלע יאָר פון דער אַמעריקאַנער אימיגראַציע־קוואָטע, איז געווען אויך פאַרן יידישן טעאַטער גורל־דיק און דער לעצטער פּונקט פון דער אומאויפהערלעכער עליה און דאָס מיינט דאָך ערשטער פּונקט פון דער ירידה, פאַרשפּאַרט מען כמעט צו זאָגן.

1925 האָבן אין ניו־יאָרק אַליין געשפּילט צווישן 10 און 12 טעאַטערן און געשפּילט לאַנגע סעזאָנען און געמאַכט גאָלדענע געשעפטן. און עס איז נישט געווען קיין איין גרויסע יידישע געמיינדע (פילאַדעלפיע, באָסטאָן, טשיקאַגאָ, קליווּ־לאַנד און נאָך אייניקע), וווּ עס איז נישט געווען קיין יידישער טעאַטער. מען

רעכנט, אַז אין דורכשניט פלעגן יעדן אָוונט באַזוכן יידישע טעאַטערס אין אַמע־ריקע אַרום 15 טויזנט יידן. וואָס דאָס מיינט פאַר דער יידישער קולטור און נאָך מער פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן לעבן בכלל, איז שווער אָפּצושאַצן. אינעם טעאַטער האָט דער ייִד געלעבט אינטענסיוו מיט זיין רייכער נאַציאָנאַלער ירושה פון מזרח־אייראָפּע און האָט זיך באַהעפט צו אַלע אַנדערע יידישע תפוצות. מען האָט געמעגט שפּילן די שוואַכסטע אָפּערעטע, אין איר איז געווען יידישער שטייגער, יידישער וויץ, יידישער הומאָר, הכלל, יענע געביטן פון נאַציאָנאַלן לעבן, וועל־כע טראָגן אין זיך אַ סך זאַפט פון פאָלק, פון פשוטן פאָלק, פונעם אַקטיווסטן און אינטענסיווסטן טרעגער פון נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען.

אין די 20ער יאָרן האָט דער יידישער טעאַטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן דערגרייכט אויך זיינע העכסטע איכות־מדרגות — מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַ־טער האָט דעמאָלט פאַרנומען דעם אויבן־אָן צווישן די פיל יידישע טעאַטערן און מיט זיין הויך האָט ער געצווונגען פיל אים נאָכצוטון, זיך רעכענען מיטן געהעכערטן געשמאַק פון די יידישע מאַסן און גאַנץ באַזונדער מיט דעם נייעם סאָרט באַזוכער פונעם יידישן טעאַטער, מיט דעם אויפגעקומענעם יידישן נאַציאָ־נאַלן אינטעליגענט, וועלכער האָט גאַנץ גוט געקענט דעם ענגלישן טעאַטער און האָט גאָר אָפט באַזוכט די ענגלישע טעאַטערס, נאָר ער האָט אויך געוואָלט באַ־פרידיקן זיינע נאַציאָנאַלע בענקשאַפטן מיט יידישן טעאַטער. אויף דער יידישער בינע האָבן זיך באַוויזן פיל טאַלאַנטפולע דראַמעס פון לייוויק, דוד פּינסקי, קאָברין, ליבין, בימקאָ, זינגער, חנא גאָטעספעלד, יונה ראָזענפעלד, הערי סעק־לער און פיל אַנדערע. אויך די דראַמעס פון די אָנגעזעענסטע אייראָפּעיִשע דראַ־מאַטורגן, ווי סטרינדבערג, איבסען, מעטערלינק און אַנדערע האָבן זיך באַ־וויזן אויף די יידישע בינעס פון אַמעריקע. עס איז אויסגעוואַקסן אַ יידישער אַר־טיסט פון אַ גאָר הויכער קוואַליטעט. און די דאָזיקע כמותדיקע און איכותדיקע אַנטוויקלונג פונעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָט געהאַט אַ גרויסע ברכה־השפּעה נישט נאָר אויפן יידישן טעאַטער פון אַרגענטינע, לאָנדאָן און פּאַריז, פּאָר אויך פון פּוילן, וווּ די יידישע קולטור האָט בכלל איבערגעלעבט אַ נס־רענעסאַנס. אַ נס־רענעסאַנס, ווייל די עקאָנאָמישע און אויך די פּאָליטישע לאַגע פון די יידישע מאַסן אין פּוילן איז געוואָרן פון יאָר צו יאָר ערגער און פאַר־צווייפלטער — און נישט געקוקט דערויף האָבן אַלע צווייגן פון דער יידישער קולטור, איןביידע שפּראַכן, יידיש און העברעיִש, איבערגעלעבט אַ צעוואַקס־תקופה. און אין דעם כלל אויך דער יידישער טעאַטער.

מיר מאַכן גלייך אַ שפּרונג צו די ירידה־מאָמענטן. 1940 האָט ד״ר א. מוקדוני געשריבן 1):

---

1) אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, „יידן״, באַנד ב׳, פּאַריז 1940, ז׳ 460.

„מיט אַ יאָר 20 צוריק איז נישט געווען קיין איין גרעסערע שטאָט אין אַמע־ריקע, וואָס זאָל נישט געווען האָבן קיין יידישן טעאַטער. פילאַדעלפיע, טשיקאַגאָ, דעטראָיט, באַלטימאָר, נוארק, קליוולאַנד האָבן געהאַט יידישע טעאַטערס, אַמאָל אַפילו צו צוויי. אויך אין קאַנאַדע זענען געווען צוויי־דריי יידישע טעאַטערס. איצט איז נישטאָ קיין איינציקער יידישער טעאַטער אין די דערמאָנטע שטעט. אין ניו־יאָרק זענען נאָך פאַראַן 8־7 יידישע טעאַטערס, אָבער זייער מאַטעריעלע לאַגע איז די לעצטע עטלעכע יאָר אַ פאַרצווייפלטע".

אַ געוויסע פאַרשטעלונג וועגן דער נאָר וואָס דערמאָנטער „פאַרצווייפלונג־לאַגע" וועט אונדז געבן אַ רעדע פונעם פאָרזיצער פון אַקטיאָרן־יוניאָן אין אַמעריקע ז. נוסקין צו דער זעלבער צייט 1):

„לעצטן יאָר זענען געווען עלף יידישע טעאַטערס און מיט דער אויסנאַם פון צוויי, וועלכע האָבן זיך צוגעמאַכט פאַר דער צייט, האָבן די מערסטע טעאַ־טערס פאַרענדיקט דעם סעזאָן בלויז אַ דאַנק דער יוניאָן, וועלכע האָט געטון אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך געווען אָנצוהאַלטן די טעאַטערס און זיי דערשלעפּן ביזן סוף סעזאָן. די אַקטיאָרן האָבן געמוזט מאַכן אָפּעראַציעס אויף זיך אַליין, ברענגען קרבנות, געגעבן דידעקשאָנס, בלומען און נאָר אַ דאַנק דעם איז געלונגען צו פאַרענדיקן דעם סעזאָן".

און אָט וואָס עס האָט געשריבן דער טעאַטער־קריטיקער פון „פאָרווערטס" יאַנואַר 1954 (2):

„ביי לייטן איז איצט אין סאַמע ברען פון טעאַטער־סעזאָן. ביי אונדז, אין יידישן טעאַטער, איז שוין נאָך נעילה, נאָך „עלינו" — דער סעזאָן פון טעאַטער איז געענדיקט. בלויז איין אויפפירונג קען אַ ייד וואָס וויל הערן אַ יידיש וואָרט איצט זען — „קאַמף פאַרן נגב" אין דער פאָלקס־בינע און אויך דאָס בלויז דריי מאָל אין דער וואָך — שבת און זונטיק".

די „פאָלקס־בינע" איז נישט קיין פריוואַטע אונטערנעמונג. זי געהערט דעם אַרבעטער־רינג און איז ווייניקער אָפּהענגיק פון דער קאַסע.

דער קריטיקער ענדיקט מיט טרויער: „דער היינטיקער סעזאָן איז שוין פאַרענדיקט אין יידישן טעאַטער, פאַרענדיקט כמעט גאָר ביים אָנהייב".

און אינגאַנצן האָבן זיך געעפנט דריי טעאַטערן! און דאָס איז בעת אַ יידישער טעאַטער אין ענגליש האָט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג! בעתן שרייבן פון די דאָזיקע שורות (נאָוועמבער 1954) ווערן געשפּילט אין ניו־יאָרק דריי יידישע פּיעסעס אין ענגליש און מיט גאָר אַ גרויסן דערפאָלג: „דער דיבוק" ווערט געשפּילט אין סאַמע צענטער פון אַמאָליקן יידישן געטאָ, אויף דער פערטער גאַס; „די זאַמדן

1) „פאָרווערטס", 6טן סעפּטעמבער, 1940.
2) „פאָרווערטס", 22סטן יאַנואַר, 1954.

פון נגב״ ווערן געשפּילט אין סאַמע צענטער פון ניו־יאָרק, אויף בראָדוויי און אויך מיט אַ גרויסן דערפאָלג; „דער פינפטער סעזאָן״ ווערט אויך געשפּילט אויף בראָדוויי. און חוץ די דאָזיקע דריי טעאַטערן וועט אינגיכן אָנהייבן ווידער שפּילן די טרופּע, וואָס האָט פּאַראַיאָרן געשפּילט „שלום עליכמס וועלט״ מיט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג ביי אויספאַרקויפטע קאַסעס אויף 6־5 וואָכן צו־פריִער.

ס׳שטעלט זיך די פראַגע, פאַרוואָס איז דער גורל פון יידישן טעאַטער אַזוי פיל טרויעריקער פון דעם גורל פון דער יידישער פרעסע? די דערקלערונג איז ביז גאָר פּשוט — די פּרעסע האָט געוווּנען גאָר אַ סך פון דער גרויסער יידישער קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּע און פון דעם גאולה־נס. עס איז פאַראַן נאָך אַ מיינונג, אַז די פּרעסע האָט זיך אַ סך מער צוגעפּאַסט צום נייעם העכערן טיפּ יידיש־לייענער און האָט שטאַרק געענדערט איר פיזיאָנאָמיע בעת דער טעאַטער האָט נישט באַוויזן צו פאַרפעסטיקן די יונגע שפּראָצונגען פון אַ העכערן טיפּ יידישן טעאַטער, וואָס זאָל אימפּאָנירן דעם יידישן אינטעליגענטערן מענטשן.

ווי ס׳נישט איז, די אַסימילאַציע האָט דערשטיקט דעם יידישן טעאַטער אויף כמעט גאַנצע הונדערט פּראָצענט און די יידישע פּרעסע אויף צוויי דריטל.

און ווידער איז כדאַי צוצוגעבן, אַז די זעלבע אַסימילאַציע האָט ביי נישט־יידן שוין אַ סך פריִער דערשטיקט זייערע נאַציאָנאַלע טעאַטערס. שערמאַן שרייבט (זייט 178): „מיט דער אויסנאַם פונעם יידישן, איז גאָר נישט פאַרבליבן פון אַ שטענדיקן פּראָפעסיאָנאַלן נישט־ענגלישן טעאַטער״.

פון די איינוואַנדערונג־לענדער, וועלכע אינטערעסירן אונדז דאָס מאָל דער עיקר, קומט אין באַטראַכט אייגנטלעך נאָר איין אַרגענטינע, ווייל אַלע אַנדערע ישובים פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט זענען צו קליין אויף צו האָבן אַ שטענדיקן טעאַטער. איז אָט וואָס דער פריִער ציטירטער מוקדוני האָט געשריבן אין דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע״ אין יאָר 1940: „דער אַרגענטינער יידישער ישוב איז איינער פון די גינציקסטע פאַרן יידישן טעאַטער. דאָרט איז דאָ אַן איבערגעגעבענער יידישער טעאַטער־עולם. יעדע טרופּע, וואָס קומט קיין אַרגענטינע, פאַרט אַוועק באַפרידיקט סיי מאָראַליש , סיי מאַטעריעל״.

ליידער, האָט זיך פאַר די פאַרגאַנגענע 14 יאָר די לאַגע אויך דאָרטן שטאַרק געענדערט און מיר הערן פון דאָרטן שוין נאָר קינות און קלאָגן אויף דער טרויעריקער לאַגע פונעם יידישן טעאַטער.

דער באַקאַנטער יידישער שוישפּילער הערמאַן יאַבלאָקאָוו שרייבט אין „פאָרווערטס״ (15טן אָקטאָבער, 1953):

„איך ווייס נישט, צי די יידישע יוגנט אין בוענאָס־איירעס לייענט נאָך אַ יידישע צייטונג, אַ יידישן בוך, אָבער אַז די יוגנט מיידט אויס דאָס יידישע טעאַטער, דעם פאַקט, זעט איר, קען איך, ליידער, יאָ באַשטעטיקן.

„ערשט מיט איניקע יאָר צוריק האָט מען געקענט ציילן צווישן עולם אין

יידישן טעאַטער פון בוענאָס איירעס אַ היפּשן פּראָצענט יוגנטלעכע. איצט ווערט שוין זייער צאָל קלענער און קלענער.

„פריער איז דאָס טעאַטער געווען געפּאַקט צו די מאַטינע־פאָרשטעלונגען מיט קליינע משהלעך און שלומהלעך, שרהלעך און רבקהלעך. דאָס יידישע טעאַטער איז געווען ביי די קינדער די גרעסטע אַטראַקציע פון דער וואָך.

די יוגנטלעכע בחורים און מיידלעך, וואָס מען זעט איצט זעלטן אויף אַ יידישער פאָרשטעלונג, זעט מען זייער אָפט אין שפּאַנישן טעאַטער".

מאָלנדיק אַזוי דאָס בילד שוואַרץ, קומט ער צום אויספיר, אַז „אַלע אָנערקענען דעם פאַקט, אַז דאָס יידישע טעאַטער איז אַ מסוכנער חולה".

אין זשורנאַל „דער אַרגענטינער מאַגאַזין" (יולי־אויגוסט 1954) געפינען מיר אַן אַרטיקל, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

„עס איז פאַר קיינעם מער קיין סוד נישט, אַז אונדזער יידישער טעאַטער לעבט די לעצטע צוויי־דריי יאָר ממש מיט ניסים".

און ווי אין ניו־יאָרק, ווו די געזעלשאַפטלעכע „פאָלקס־בינע" איז דער איינציקער טעאַטער, וועלכער אָטעמט לענגער ווי אַלע פּריוואַטע טעאַטראַלע אונטערנעמונגען, אַזוי איז אויך אין אַרגענטינע געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע בינע מיטן נאָמען „קונסט־בינע", אַ רמז אויף דעם, אַז די פּריוואַטע טעאַטערן שטייען נישט אויף קיין פאַסיקער הויך. עס איז אָבער מער ווי אַ רמז אויף דעם, אַז דער טעאַטער לעבט איבער אַ שווערן קריזיס און הערט אויף צו זיין אַ לוינבאַרע פּריוואַטע אונטערנעמונג. די געזעלשאַפט מוז לכן איבערנעמען די ריזיקעס פון יידישן טעאַטער, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און די „קונסט־בינע" האָט געשפּילט העכסט גוטע דראַמעס, נאָר אָט לייענען מיר אין „די אידישע צייטונג" פון בוענאָס איירעס (8טן אָקטאָבער 1954): „פון איין טאָג אויפן אַנדערן איז אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון אונדזער צייטונג דער אַנאָנס פון דער „קונסט־בינע", וואָס האָט טאָג־טעגלעך, אין משך פון חדשים, אינפאָרמירט וועגן די פאָרשטעלונגען. אָן אַ דערקלערונג, אָן אַ פאַרענטפערונג.

„אַ טעאַטער האָט צוגעמאַכט די טירן און נישט געזאָגט, אַז ער מאַכט צו און נישט אָנגעגעבן קיין מאָטיוו אָדער אַ תירוץ, פאַרוואָס ער מאַכט צו. און דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכער טעאַטער!"

דער העכער ציטירטער „אַרגענטינער מאַגאַזין" באַשרייבט אינעם זעלבן נומער, וויפל קרבנות די שוישפּילער האָבן געבראַכט כדי צו געבן דער געשאַפענער געזעלשאַפט „קונסט־בינע" אַ מעגלעכקייט אָנצוהייבן פונקציאָנירן און ראַטעווען דעם טעאַטער אין אַ שטאָט, וואָס האָט געשמט מיט איר טעאַטער־פּובליקום. נאָר, ליידער, ליידער, האָט די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג אויך נישט געבראַכט קיין גרויס מזל. מעגלעך זייער, אַז די געשלאָסענע טירן פון דער „קונסט־בינע" וועלן זיך נאָך עפענען — אין אַרגענטינע איז פאַראַן אַ

קרייז ייִדיש־חסידים און ייִדיש־קעמפער, וועלכע גיבן זיך נישט גרינג אונטער. אמונה רייסט אויף בערג און שפּרינגט איבער ימים — און נישט איין פאַרחלשטע קולטורעלע ייִדיש־אינסטיטוציע איז דאָרטן אַרויסגעריסן געוואָרן ממש פון צווישן די ציין פון די אַסימיליר־מחבלים. עס איז אָבער, ליידער ,אַ גרויסער ספק, צי אַזאַ רעטונג זאָגט צו אַריכת ימים.

מיר האָבן די גאַנצע צייט פון אונדזער אַרבעט זיך גאָר נישט אָפּגעשטעלט אויף דער לאַגע אין די קאָמוניסטישע לענדער און וועלן דאָ אויך זיך נישט פאַרנעמען מיט דער טעאַטער־לאַגע אין די דאָזיקע לענדער. די דאָרטיקע ייִדן זענען אויך אַזוי פיל איזאָלירט און פאַרפאַנצערט פון באַרירונג מיטן ייִדישן פאָלק, אַז אויף קיין ייִדישע צוקונפט קען מען דאָרטן נישט האָפן. בפרט נאָך, אַן איז סאָוועטרוסלאַנד, ווו דער ייִדישער טעאַטער האָט דערגרייכט גאָר הויכע איכות־מדרגות און ווו עס האָבן איין צייט געשפּילט 12־10 ייִדישע טעאַטערס, זענען אַבסאָלוט אַלע סימנים און אַפילו רמזים אויף ייִדישע קולטור אָפּגעמעקט און אָפּגעווישט.

# געמישטע חתונות

## א) אַריינפיר

געמישטע חתונות זענען בלתי ספק אַ סימפּטאָם, און אַ שרייענדיקער סימפּ־טאָם, פון אַ שטאַרקער אָפּשוואַכונג נישט נאָר פון די ייִדישע רעליגיעזע געפילן, נאָר אויך פון די נאַציאָנאַלע, פון די פאָלקישע. פון דער צווייטער זייט, זענען געמישטע חתונות אַ בולטער סימן פון אַ הויכער מדרגה נישט נאָר פון אַ קולטור־גייסטיקער, נאָר אויך פון אַ שטייגעריש־פּסיכישער געמיינשאַפטלעכקייט מיט דער אַרומיקער נישט ייִדישער מערהייט. פאַרבינדן דעם לעבנס־גורל מיט אַ פּאַרטנער פון אַ צווייטער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער גרופּע מיינט דאָך אין תוך אין דער גרעסטער מערהייט פאַלן זיך אָפּזאָגן פון אייגענעם פאָלק־המשך און זייער אָפט אויך אַן אָפּזאָג פון פּערזענלעכער פאַרבינדונג מיט דעם אָפּשטאַם־ציבור.

זייער ריכטיק האָט געשריבן דער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג רעי באַבער 1):

„ייִדישקייט איז נישט נאָר אַ רעליגיע, נאָר אויך אַ באַזונדערע קולטור. זי נעמט אַרום נישט נאָר פאַרשיידענע פון קריסטלעכקייט טעאָלאָגישע באַגריפן און אמונות נאָר אויך וויכטיקע באַזונדערקייטן אין די מאכלים, אין דעם רו־טאָג, אין די ימים טובים און אין פילע אַנדערע טאָג־טעגלעכע לעבנס־פירונגען‟

ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז אין דעם, וואָס ביי די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן איז ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה נישט געווען כמעט קיין געמישטע חתונות, חוץ סאָוועטרוסלאַנד, האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע נישט נאָר דער רע־ליגיעזער מאָמענט, נאָר אויך די טיפע תהום־מחיצה צווישן ייִד און נישט־ייִד אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין דער גאַנצער פּסיכיק, אין דער גאַנצער קאָמפּלי־צירטער נעץ פון פירונגען און לעבנס־באַנעמונגען. מען איז געווען אַזוי פרעמד צווישן זיך, אַזוי פאַרשיידן אויף שריט און טריט, ביי די וויכטיקסטע לעבנס־פּראָצעסן, ווי אויך ביי די איינפאַכסטע טאָג־טעגלעכע לעבנס־פאַרלויפונגען, אין

---

1) Ray Baber, A Study of 325 Mixed Marriages, Sociological Review, 1937. p. 709.

דער באַציִונג צו פרוי און קינד, אין די התחייבותן פון דער פרוי צום מאַן און צו דער קינדער־היים, אַז וועגן אַ צוזאַמענלעבן האַרמאָניש איז פּשוט געווען אוממעגלעך צוטראַכטן. צוויי באַזונדערע וועלטן — הימל און ערד! די טראַדי־ציאָנעלע לעבנס־פאָרמען און לעבנס־באַנעמונגען זענען געווען אייזן שטאַרק בייביידע גרופּעס און דער קעגנזייטיקער אָפּשטויס האָט זיך אויף אַזאַ אופן צוזאַ־מענגעטראָפן.

געמישטע חתונות אַלס אַ מאַסן־דערשיינונג און נישט ווי אַ זעלטענער צו־פאַל, אַן אויסנאַם, האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן ביי די מערב־אייראָפּעיִשע יידן נאָך דער עמאַנציפּאַציע, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַסימילאַציע, מיטן אָנהייב פון צופּאַסן דאָס יידישע לעבן צו די לעבנס־פאָרמען און לעבנס־באַגריפן פון דער אַרומיקער מערהייט; מיטן אָפּזאָגן זיך פון די יידישע טראַדיציעס, נישט נאָר רעליגיעזע, נאָר אויך פאָלקישע, טאָג־טעגלעך־שטייגערישע.

אין די לענדער און שטעט מיט אַ הויכן פּראָצענט געמישטע חתונות ביי יידן פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווי אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, בו־דאַפּעשט האָט דעם רעלאַטיוו העכסטן פּראָצענט געמישטע חתונות געגעבן די אינטעלעקטועלע גרופּע, יענע גרופּע, וועלכע האָט זיך גייסטיק און פּסיכיש אַמטיפסטן אַריינגעלעבט און אַריינגעפּאַסט אין דער אַרומיקער סביבה נישט נאָר אין שפּראַך און קולטור, נאָר טאַקע אויך אין איר טאָג־טעגלעכער לעבנס־פירונג, אין אירע שטייגער־באַגריפן און אין אירע לעבנס־באַנעמונגען, מיט איין וואָרט אין איר לעבנס־געשמאַק. וואָס מער מען איז אָפּגעריסן פון יידן און פון יידישע לעבנס־באַגריפן און לעבנס־באַנעמונגען, אַלץ גרינגער איז זיך אַריינצולעבן אין פרעמדע געשמאַקן און באַגריפן, אין פרעמדע השגות און געוווינהייטן.

אויפן צווייטן אָרט לויט דעם פּראָצענט געמישטע חתונות איז געגאַנגען די יידישע גרויס־בורזשואַזיע, וועלכע איז אויך פאַר זיך געווען גענוג טיף אַסימי־לירט און אָנגעזאַפּט מיט השגות און באַגריפן, לעבנס־פירונגען און לעבנס־גע־שמאַקן פון דער פרעמדער מערהייט.

אַזוי איז געווען אין אייראָפּע, וווּ דער יידישער מיעוט האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מערהייטלעכע האָמאָגענע מאַסע מיט טויזנט־יאָריקע אויסגעשמידטע לעבנס־פאָרמען און לעבנס־געשמאַקן, מיט כמעט אייזערנע טראַדיציאָנעלע באַ־ציִונגען צו יידן, אַלס צו אַ מינדערווערטיקער, פון גאָט פאַרשאָלטענער גרופּע. זיך אַריינרייסן אין אַזאַ פרעמדער טראַדיציאָנעלער סביבה האָט געקענט נאָר יענער ייד, וואָס איז שוין געווען מאַקסימאַל אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט און זיין ייד־זיין איז שוין געווען אַזוי בלאָס און אָפּגעריבן, אַז דאָס האָט זיך מינימאַל געפילט און מינימאַל געוואָרפן אין די אויגן. די האָמאָגענע אַרומיקע סביבה, נישט־יידישע פאַרפאַנצערטע מיט טראַדיציעס און מינהגים טויזנט־יאָריקע, האָט געהאַט אַ נאַטירלעכן אָפּשטויס צו יענע יידישע עלעמענטן,

וועלכע האָבן נאָך געהאַט אין זייער אויסזען און באַוועגונגען, אין זייער רעדן און באַנעמען זיך טיפישע ייִדישע קנייטשן און תנועות. דאָס זענען געווען די גרענעצן פאַר די ייִדישע טענדענצן זיך אַריינצובאַקומען אין דער מערהייט, כדי צו פאַרשווינדן אין דעם מערהייט־ים. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אַפילו אין דייטשלאַנד אָדער נידער־עסטרייך, ווו די געמישטע חתונות אין די שטעט זענען געווען זייער הויך, האָבן זיי אין די דערפער, ווו דער אָפשטויס פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג איז געווען שטאַרקער און די אַסימילאַציע־נטיה ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג איז געווען שוואַכער, זייער זעלטן געטראָפן. די מחיצה צווישן ייִד און נישט־ייִד איז אין דאָרף געווען פיל העכער און פיל געדיכטער, ווי אין די שטעט, כאָטש די צאָל ייִדן לגבי דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג אין געווען פיל קלענער.

אַ גאַנץ אַנדערע לאַגע האָט זיך געשאַפן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און טיילווייז אויך אין אַלע איבעריקע אַמעריקאַנער לענדער. ביידע צדדים שטעלן פאַר מיט זיך איינגעוואַנדערטע מאַסן, ביי וועלכע שוין דער צווייטער דור און נאָך מער דער דריטער דור ווערט אין אַ גרויסער מאָס באַפרייט פון דעם ביסל טראַדיציעס, וואָס מען האָט באַוויזן אַריבערצוברענגען איבערן ים. מען הייבט אָן בויען אַ נייע וועלט — מיט נייע באַגריפן, מיט נייע לעבנס־השגות און אויך מיט נייע צווישן־פעלקערלעכע באַציִונגען. אייגנטלעך וואַרפט נאָך דער ערשטער דור איבערוואַנדערער אַריין אין ים אַ גרויסן טייל פון נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. אויך רעליגיעז איז דער איבערוואַנדערער טאָלעראַנטער און פרייער. בנוגע פאָליטישן נאַציאָנאַליזם פאַרגעסט ער שוין אין וועג די אייראָפעיִשע תורה. און דאָס איז ביז גאָר וויכטיק און העכסט באַדייטנדיק. ווייל כאָטש די רעליגיע אייניקט, האָבן מיר דאָך געזען, אַז די געמיינזאַמקייט פון דער רעליגיע האָט נישט אָפגעהאַלטן קיין איינציק מאָל פון פירן מלחמות צווישן זיך. דער פאַקט, וואָס די זעלבע מאַסן, וועלכע האָבן פאַרגאָסן בלוט אין אייראָפע פאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט, זאָגן זיך אָפ אינעם נייעם לאַנד אַזוי גרינג און אַזוי גערן פון אַלע נאַציאָנאַלע גיטער, בלייבט דערווייל נאָך אַ רעטעניש, און די סאָציאָלאָגיע האָט אים נאָך נישט גענוג אויפגעקלערט. נאָר דער פאַקט שפילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט און דער גורל פון ייִדן איז ענג־אינטים געבונדן און געקניפט מיט דער דאָזיקער גאַנץ נייער אַנטוויקלונג־פאָרעם פונעם אַרומיקן לעבן.

אין די פראָצעסן פון אויפבויען נייע לעבנס־פאָרמען און אויספורעמען נייע לעבנס־מינהגים און נייע קעגנזייטיקע באַציִונגען באַטייליקן זיך ייִדן באַגלייך מיט דער גאַנצער אַמאַלגאַמע פון צענדליקער פעלקער. נישטאָ דער טויזנט־יאָריקער טראַדיציאָנעלער טיפער תהום צווישן ייִד און נישט־ייִד; נישטאָ די אַקומולירטע קעגנזייטיקע אָפשטויס־פיינטשאַפט און די טיפע ירושהדיקע קעגנ־

זייטיקע אַנטיפּאַטיע — דער ים האָט יעדנפאַלס צוגענומען אַ גאַנץ גרויסן טייל פון די אַלע געפילן און געדאַנקען. אויב מען קען נישט זאָגן, אַז זיי זענען אינ־גאַנצן פאַרשווונדן, האָבן זיי אָבער בלתי ספק אַ סך פאַרלאָרן פון זייער אַקטיווקייט און אוממילטבאַרקייט, פון זייער אַנגעצויגנקייט און קאַמף־חשק. נישטאָ ביי די נישט־יידן דער געפיל פון באַלעבאָס־יחוס און עס איז אויך נישטאָ ביים יידן דער געפיל פון אַ נישט־געבעטענעם שכן. דער דאָזיקער מאָמענט שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דער באַציִונג פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג צו דער יידישער און נאָך מער אין פרט פון זעלבסטגעפיל און זעלבסטזיכערקייט ביים יידן. אויב אַפילו מען זאָל מסכים זיין, אַז אַזעלכע סאָרטן געפילן זענען דאָך פאַראַן ביי ביידע גרופּעס, איז ווידער געוויס נישט פון אַזאַ פּאָטענץ און נישט פון אַזאַ השפּעה אויף דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, אויף די טאָג־טעגלעכע באַציִונגען, ווי אין אייראָפּע.

געוויס, אַמעריקע איז אַ קריסטלעך לאַנד און די קריסטלעכע רעליגיע האָט אַ גרויסע השפּעה נישט נאָר אויף דער קולטור פון לאַנד, נאָר אויך אויפן טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָך קען מען נישט פאַרגלייכן די לאַגע אין דעם פרט מיט אייראָפּע. די קריסטלעכע יום טובים האָבן אַ סך פאַרלאָרן פון זייער שטרענג־פאַנאַטישער רעליגיעזער שאַרפקייט און אויסגעשפּראָכנקייט — זיי זענען געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס פאָלקס־יום טובים און פאָלקס־מינהגים. אין די רייד פון די אַסימילירטע און האַלב־אַסימילירטע יידן, אַז קריסטמעס איז אַ פאָלקס־יום טוב איז פאַראַן אַ שטיק אמת. עס איז נישט צולייקענען, אַז די הייליקסטע קריסטלעכע יום טובים ווערן אין אַמעריקע נישט אַזוי שטרענג געהיט ווי אין אייראָפּע. אויך דער זונטיק ווערט דאָ נישט אַזוי הייליק געהיט ווי אין אייראָפּע. נישטאָ אין אַמעריקע יענע געדיכטע פאַנאַטישע און פּרימיטיווע רעליגיעזע פינצטערניש, וואָס איז נאָך עד היום אַ געוויינלעכע דערשיינונג ביי גאַנץ גרויסע מאַסן אין אייראָפּע. און עס פעלט דאָ אויך דער אָפענסיווער כאַראַקטער פון איין רעליגיע קעגן דער צווייטער, אויך קעגן דער יידישער, דער „אַנטיקריסטלעכער".

אַמעריקאַניזירן זיך איז דעריבער נישט דאָס זעלבע, וואָס עס האָט געהייסן אַסימילירן זיך אין דייטשלאַנד אָדער ענגלאַנד, אין פראַנקרייך אָדער האָלאַנד, ווייל דאָס מיינט נישט איבערנעמען אויסגעוואָקסענע פאַרטיק־פאַרענדיקטע לעבנס־פאָרמען און לעבנס־השגות פון אַ באַשטימטער טראַדיציאָנעלער פרעמדער נאַציאָ־נאַלער גרופּע — דאָס מיינט מער צושטיין און זיך באַהעפטן צו אַ מענטשן־אַמאַל־גאַמע, וועלכע האַלט ערשט אין פאָרמירן איר פיזיאָנאָמיע און שמידן אירע לעבנס־השגות; אַן אַמאַלגאַמע, וועלכע געפינט זיך אין סאַמע געדיכטן פּראָצעס פון שאַפן אייגענע לעבנס־פאָרמען און אייגענע לעבנס־נוסחאות. דער צושטייענדיקער גליד נעמט נישט איבער קיין גרייטע פרעמדע לעבנס־מינהגים און לעבנס־באַגריפן,

נאָר ער נעמט מער אַן אָנטייל אין דעם שאַפונג־פּראָצעס פון שמידן געמיינשאַפט־לעכע נייע טראַדיציעס און נייע לעבנס־נוסחאות. געווים, דער צושטייענדיקער ייִד פּאַלט דאָך אַריין אין אַ קריסטלעכע מערהייט און מוז זיך צופּאַסן צו אירע געשמאַקן און צו אירע באַגריפן פון לעבן און דענקען, און אין אַ גרויסער מאָס אויך פון קריסטלעכע טראַדיציעס, וועלכע שטעלן פאַרט פאַר מיט זיך די גרונט־יסודות פון די נייע אַמעריקאַנער לעבנס־פאָרמען און לעבנס־נוסחאות, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן אין נייעם לאַנד פאַרלאָרן און פריווויליק אויפגעגעבן פיל פון זייער פאַנאַטיזם און פון זייער אויסגעשלאָסנקייט.

אין רעזולטאַט באַקומט זיך דעריבער אויך אין אַמעריקע אַ געוויסע מדרגה פון אַ צד השווה צווישן אַלע איינגעוואָנדערטע קריסטלעכע גרופּעס און אויך אַ געמיינזאַמע קריסטלעכע אָפּשטויס־מדרגה לגבי דער נישט־קריסטלעכער ייִדישער גרופּע; ווי עס איז אויך פאַראַן ביי דער ייִדישער גרופּע אַ געוויסע טענדענץ־מדרגה פון זיך האַלטן אָפּגעטיילט און אָפּגעשיידט פון דער קריסטלעכער מער־הייט. די דאָזיקע צעטייל־ און צעפּרעמד־מחיצה איז אָבער פאַרט נישט פון אַזאַ געדיכטקייט און נישט פון אַזאַ שינאה־אָנגעזאָפּטקייט, ווי דאָס איז געווען אין אייראָפּע, ווו דער צעטייל־ און צעפרעמד־תהום איז געווען אָנגעפילט מיט טויזנט־יאָריקער שינאה־פּאָלוּער און ווו דער קעגנזייטיקער אָפּשטויס איז געווען פון צוויי טיף טראַדיציאָנעלע האָמאָגענע נאַציאָנאַלע גרופּעס.

די געמישטע חתונות צווישן ייִדן און נישט־ייִדן זענען אין אַמעריקע פיל קלענער און זעלטענער, ווי ביי קריסטלעכע גרופּעס צווישן זיך. ביי די לעצטע שפּילן אויך די רעליגיעזע און אויך די נאַציאָנאַלע מאָמענטן אַ געוויסע ראָלע, אָבער זייער ווייט פון דער זעלבער ראָלע ביי אַ חתונה צווישן אַ ייִד און נישט־ייִד. ביי די געמישטע חתונות צווישן פאַרשיידענע קריסטלעכע גרופּעס שפּילט די הויפּט־ראָלע דער סאָציאַלער מאָמענט בעת ביי די ייִדישע געמישטע חתונות בלייבט די רעליגיע דער הויפּט־פאַקטאָר. סאָציאַלער מאָמענט דאַרף דאָ זייער ברייט פאַרשטאַנען ווערן — די קולטור־מדרגה און דער לעבנס־סטאַנדאַרט נישט ווייניקער ווי די מאַטעריעלע לאַגע.

מיר וועלן ווייטער זיך אָפּשטעלן אויף דער פיל־פאַרביקער דערשיינונג פון געמישטע חתונות אין אַמעריקע, ווו די אַמאַלגאַמע איז אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע. פאַר אונדזער ציל איז געווען דאָס וויכטיקסטע פעסטצושטעלן, אַז אין אַמעריקע זענען ביידע צדדים, דער ייִדישער און דער נישט־ייִדישער, אַ סך ווייניקער ווי אין אייראָפּע באַלאַסטעט מיט אָפּשטויס־ירושה און מיט אָפּשטויס־קעגנוואָרט און לכן נעמען אָן די געמישטע חתונות אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, אַ פיל ווייניקער דראַמאַטישן אָדער גאָר טראַגישן, ווי דאָס איז געווען אַ לאַנגע צייט אין אייראָפּע, אַפילו אין די לענדער מיט אַ הויכער מדרגה פון ייִדישער אַסימילאַציע.

פֿאָלגט מען נאָך דער אַנטוויקלונג פון ייִדישן לעבן אין פּרט פון געמישטע חתונות, וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, ראשית, אַז אין אַמעריקע ווערט דאָס אַ שטייגער־דערשיינונג, אַ וואָכעדיקע זאַך, וואָס די גאַנצע ייִדישע געזעלשאַפט, איינגעשלאָסן די עלטערן און אָפט אַפילו זיידע און באָבע, נעמען דאָס אויף נישט זייער טראַגיש, אָפט גאָר נישט טראַגיש אַפילו. דאָס זעלבע קומט פאָר אין דער נישט־ייִדישער געזעלשאַפט — דער ייִד איז פאַר זיי נישט אַזוי טריף, נישט אַזוי פּסול ווי דאָס איז געווען אין אייראָפּע. שנית, איז דאָ די געמישטע חתונה נישט קיין „פּריווילעגיע" פון די העכערע קלאַסן, ווי דאָס איז געווען אין אייראָפּע. פּונקט פאַרקערט: עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז דווקא ביי די מיטעלע ייִדישע קלאַסן קומען גיכער פאָר געמישטע חתונות, ווי ביי די גאָר הויכע ייִדישע סאָציאַלע שיכטן. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס צו די העכערע אַמעריקאַנער שיכטן, צו די מיוחסדיקע אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון די שאַפערס און בויער פון די עקאָנאָמישע יסודות און סאָציאַלע אינסטיטוציעס פון לאַנד, פון זיינע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און קולטורעלע פונדאַמענטן איז דער צוטריט זייער אַ שווערער. זיי פירן אַ זייער איזאָלירטן, אָפּגעשלאָסענעם כמעט סעקטאַנטישן אָרט לעבן. און אויך די העכערע ייִדישע געזעלשאַפט, די אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון די פונדאַמענטן־לייגער פון די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, אין דערווירקלעכקייט די ייִדישע גרויס־בורזשואַזיע האָט איבערגענומען דעם דאָזיקן לעבנס־שטריך פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט — זי פירט אויך ביז אַ געוויסער מאָס אַן אָפּגעשלאָסענעם אָרט לעבן און שידוכים ווערן געשלאָסן אין די ראַמען פון דעם דאָזיקן יחוס־קרייז.

דער פּלאַץ פון דער מערהייט געמישטע חתונות, פּאַקטישע אָדער פּאָטענציעלע, איז דער העכערער לערן־אַנשטאַלט, וואָס טראָגט אין אַמעריקע, באַזונדערס אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר, אַ מאַסן־כאַראַקטער און ווו דער סאָציאַל־קולטורעלער באַשטאַנד פון די סטודענטן איז בערך דער זעלבער ביי ייִדן און נישט־ייִדן. די צאָל סטודענטן אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען: אין 1950 — 2 מיליאָן מיט 659 טויזנט. איצט איז די צאָל נאָך גרעסער. רעכנט מען נאָך צו די העכערע קלאַסן פון די מיטל־שולן, וועלן מיר באַקומען אַ מאַסע מינימום פון 5 מיליאָן יונגע מענטשן, צווישן וועלכע עס זענען פאַראַן מינימום אַ האַלבער מיליאָן ייִדישע יונגע מענטשן. די דאָזיקע יונגע מענטשן פאַרברענגען אָפט צוזאַמען אין איינער און דער זעלבער בילדונג־אינסטיטוציע 15־10 יאָר און מער.

אין דעם רוב אייראָפּעישע אוניווערסיטעטן איז צווישן די ייִדישע און נישט־ייִדישע סטודענטן געשטאַנען נישט בלויז אַ רעליגיעזע מחיצה, נאָר אויך אַ זייער הויכע סאָציאַלע קלאַסן־וואַנט: דער רוב נישט־ייִדישע סטודענטן האָט געשטאַמט

פון די העכערע סאָציאַלע גרופּעס, ווי גרויסע לאַנד־באַזיצער, העכערע באַאַמטע, העכערע מיליטער־גרופּעס און ביז גאָר ווייניק פון די מיטל־קלאַסן, בעת די יידישע סטודענטן זענען פּאַרקערט באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון די לעצטע סאָציאַלע גרופּעס.

## ב) אין איירָאָפּע פאַר דער לעצטער מלחמה

מיר האַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק זיך אָפּצושטעלן כאָטש קורץ אויף דער פאַרשפּרייטונג און דער עיקר אויף דעם וווקס פון די געמישטע חתונות אין איירָאָפּע — מכלל איירָאָפּע אתה שומע אַמעריקע: דער וווקס פון געמישטע חתונות אין די איירָאָפּעיִשע לענדער מיט גרעסערע יידישע קיבוצים איז אַן התראה די גרעסערע יידישע ישובים אין די אַמעריקאַנער לענדער; דער וווקס פון געמישטע חתונות אין די איירָאָפּעיִשע ישובים מיט קליינע צאָלן יידן איז אַ וואָרענונג די קליינע יידישע געמיינדעס אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. מיר ווייסן זייער גוט, אַז עס זענען פאַראַן באַדייטנדיקע חילוקים צווישן די קיבוצים און ישובים פון מערב־איירָאָפּע, ווו די געמישטע חתונות זענען געווען פאַרשפּרייט און ווו דאָס יידנטום איז געווען אַסימילירט שוין בערך העכער אַ מאה יאָרן, און די יידישע ישובים און קיבוצים אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, ווו די יידישע באַפעלקערונג באַשטייט כמעט אויסשליסלעך פון מזרח־איירָאָפּעיִשע יידן, וועלכע האָבן איינגע־

טאַבעלע 21

### געמישטע חתונות ביי די יידן אין דייטשלאַנד — 1901־1936 (אין %) 1)

| יאָרן | יידישע מענער מיט ניט־יידישע פרויען | יידישע פרויען מיט ניט־יידישע מענער |
|---|---|---|
| 1) 1901—1905 | 8.8 | 7.6 |
| 2) 1911—1915 | 18.9 | 13.6 |
| 3) 1921—1925 | 20.6 | 13.0 |
| 4) 1926—1930 | 25.7 | 16.6 |
| 5) 1931—1933 | 30.0 | 17.8 |
| 6) 1934—1936 | 10.8 | 5.0 |

1) י. לעשצינסקי, נישואי תערובת בקרב האוכלסיה היהודית, אין „כלל ישראל", ירושלים, 1954, ז. 127.

וואַנדערט אין די דאָזיקע לענדער ערשט אין די לעצטע פופציק יאָר און אין אַ גרויסער מאָס אַפילו נאָר אין די לעצטע 30־25 יאָר. דער דאָזיקער שכר איז אָבער יוצא בהפסד, ווייל די אַסימילאַציע־באַדינגונגען זענען גינציקער. די אַסי־מילאַציע־פּראָצעסן זענען אין די אַמעריקאַנער לענדער פיל אינטענסיווער און די שטערונגען אויפן וועג פון געמישטע חתונות פיל שוואַכער, ווי אין מערב־אייראָפּע.

זייער באַלערנדיק איז די רעגולערע שטייגונג פון די געמישטע חתונות ביזן היטלער־יאָר 1933. און זיי פאַרשווינדן נישט אינגאַנצן מיטן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט. אין איינע דריי צענדליק יאָר האָט זיך דער פּראָצענט געמישטע חתונות ביי די מענער מער ווי פאַרדרייפאַכט. און מען דאַרף גאָר נישט קיין גרויסע פאַנטאַזיע כדי זיך פאָרצושטעלן די ווייטערע אָרגאַנישע (יאָ, טאַקע אָר־גאַנישע!) אַנטוויקלונג ווען נישט היטלערס „קומען צו הילף”. ביי די פרויען איז די שטייגונג געגאַנגען לאַנגזאַמער, נאָר אויך גענוג אינטענסיוו.

ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען דעטאַליזירטער די דאַטן פאַר די גאָר לעצטע דריי היטלער־יאָרן. דער פּראָצענט געמישטע חתונות איז געווען:

| | יאָרן | ביי די מענער | ביי די פרויען |
|---|---|---|---|
| 1) | 1934 | 18.1 | 8.5 |
| 2) | 1935 | 11.4 | 5.2 |
| 3) | 1936 | 2.1 | 1.2 |

1934 זענען שוין נישט נאָר די היטלער־רדיפות געווען אין פולן ברען, נאָר אויך היטלער־מאָרדן. די לאַגע איז שוין געווען גאַנץ קלאָר און דאָך האָט נאָך דאָס יאָר געגעבן העכער 18 פּראָצענט געמישטע חתונות ביי די מענער און העכער 8 פּראָצענט ביי די פרויען. וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט, אַז די נאָענטקייט פון יידישן פּאַרטנער צום קריסטלעכן איז שוין געווען אַזוי נאָענט, אַז עס איז געווען שווער זיך אָפּצוזאָגן פונעם זיווג. ערשט 1936 פאַלט דער פּראָצענט געמישטע חתונות צו גאָר קליינע ציפערן — צו העכער 2 ביי מענער און העכער 1 פּראָ־צענט ביי יידישע פרויען. 1935 איז שוין אַרויס דער געזעץ קעגן געמישטע חתונות.

מאי קא משמע לן? וואָס לאָזן אונדז לערנען די אַלע ציפערן? פריער פון אַלץ, אַז נאָך בערך גאַנצע הונדערט יאָר פון אַסימילאַציע האָבן די געמישטע חתונות קוים דערגרייכט קנאַפּע ניין פּראָצענט ביי מענער און קנאַפּע אַכט פּראָ־צענט ביי פרויען, אָבער אין דער ווייטערער אַנטוויקלונג איז דער וווּקס שוין געגאַנגען פיל אינטענסיווער.

1933 זענען קוים געווען אין גאַנץ דייטשלאַנד אַ האַלבער מיליאָן יידן, אָבער גאַנצע הונדערט טויזנט זענען געווען מזרח־אייראָפּעישע, פון וועלכע די מערהייט

איז אַריינגעקומען נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אָנהייב די 80ער יאָרן און א גרויסער טייל ערשט נאָך די פּאָגראָמען פון 1905 און 1919־1918. אַזוי ווי עס איז אָנצונעמען, אַז ביי די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, פרומע און נאַציאָנאַל געשטימטע און זייער פרעמדע אין לאַנד, זענען די געמישטע חתונות געווען גאָר אַ זעלטענע דערשיינונג, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז די העכער געבראַכטע דאַטן וועגן געמישטע חתונות זענען שייך נאָר און אויסשליסלעך צו די ריין־דייטשע ייִדן. נאָך גענויער — די צאָל ריינע חתונות זענען דאָך געווען ביי די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן פיל גרעסער, ווי ביי די דייטשע ייִדן. וואָלטן מיר לכן געווען אימשטאַנד אויסצוטיילן די חתונות ביי די הונדערט טויזנט מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן און אויסרעכענען דעם פּראָצענט געמישטע חתונות נאָר לגבי די חתונות ביי אַלט־איינגעזעסענע דייטשע ייִדן, וואָלטן מיר געוויס באַקומען אַ פיל העכערן פּראָצענט געמישטע חתונות, וואַרשיינלעך גאַנץ נאָענט צו אַ גאַנצער העלפט.

אָט אַזוי זעט אויס דער פּנים פון אַ קיבוץ, וואָס טרעט אַריין אין דער סטאַדיע פון דעם אינטענסיווירטן אַסימילאַציע־פּראָצעס, אין דער סטאַדיע פון אייגענעם נאַציאָנאַלן צעפאַל און אין דעם שנעלן אונטערטוקן זיך אין דעם מערהייט־ים.

די נאָר וואָס פעסטגעשטעלטע סטאַדיע פון אַנטוויקלונג איז נישט קיין דערשיינונג ספּעציעל ביי די דייטשע ייִדן — מיר טרעפן זי אַבסאָלוט ביי אַלע געמיינדעס פון דעם מערב־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, פון דעם עמאַנציפּירטן און לכן אַסימילירטן ייִדנטום.

פאָלגנדיקע טאַבעלע וועט אונדז אילוסטרירן, ווי אינטענסיוו דער צעפאַל גייט אין דער סטאַדיע פון העכסטן אַסימילאַציע־פּראָצעס, אויב קיין פּאָליטישע רדיפות רייסן נישט איבער מיט געוואַלד די אַנטוויקלונג.

טאַבעלע 22

## דער פּראָצענט פאַרהייראַטע מיט קריסטלעכע פּאַרטנער ביי ייִדן אין פאַרשיידענע שטעט

| יידישע געמיינדעס | יאָר | אָנהייב 20סטן יאָר | | מיטן די 30ער יאָרן | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | מענער | פרויען | יאָר | מענער | פרויען |
| 1) בערלין | 1904 | 9.6 | 6.2 | 1933 | 36.6 | 20.3 |
| 2) בודאַפּעשט | 1900—1896 | 6.7 | 7.2 | 1936 | 20.7 | 15.5 |
| 3) אַמסטערדאַם | 1908—1900 | 4.0 | 3.0 | 1937 | 19.1 | 16.7 |
| 4) פּראַג | 1901 | 2.4 | 2.2 | 1933 | 19.1 | 13.9 |

## דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום

אָט דאָס דאָזיקע בילד מוז שטיין פאַר די אויגן פון די יידן פון אַלע אַמע־ריקאַנער לענדער — „כאשר החלות לנפל נפול תפול". די דאָזיקע קללה פון אייראָפּע דראָט גאַנץ שטאַרק אַלע יידישע געמיינדעס פונעם אַמעריקאַנער קאָנ־טינענט. און אפשר נאָך מיט אַ פיל אינטענסיווערן טעמפּ, ווי אַלע סאָציאַלע דער־שיינונגען אויף דעם דאָזיקן ערד־טייל.

געוויס אין איצטיקן מאָמענט, ביי דער ערשטער סטאַדיע פון אַסימילאַציע, איז די לאַגע אין פּרט פון געמישטע חתונות ביי די אַמעריקאַנער יידן פיל בעסער, ווי דאָס איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן אין אייראָפּע, אָבער פיל, פיל ערגער, ווי אָנהייב 20טן יאָרהונדערט.

אין פּראָג האָט זיך דער פּראָצענט געהייראַטע מיט קריסטן ביי די מענער כמעט פאַרטיינפאַכט און ביי די פרויען פאַרזעקסטפאַכט. אין בודאַפּעשט — ביי די מענער אַ פאַרגרעסערונג העכער דריי מאָל און ביי די פרויען העכער צוויי מאָל. אין אַמסטערדאַם — ביי די מענער העכער פיר מאָל און ביי די פרויען העכער פינף מאָל אַ פאַרגרעסערונג.

אַ שפּרונג־אַרויף האָט געמאַכט דאָס בערלינער יידנטום — ביי די מענער אַ פאַרגרעסערונג פיר מאָל און ביי די פרויען העכער דריי מאָל.

בנוגע בערלין דאַרף אויך גענומען ווערן אין אַכט, אַז לויט דער ציילונג פון 1933 זענען געווען אין דער דאָזיקער שטאָט אַרום 40 טויזנט מזרח־אייראָ־פּעישע יידן, וועלכע מוזן אויסגעשלאָסן ווערן פון די געמישטע חתונות. וואָלטן מיר ווידער ווי ביי די געמישטע חתונות אין גאַנץ דייטשלאַנד, געהאַט אַ מעג־לעכקייט אויסצוטיילן די חתונות פון די ריין־דייטשע יידן וואָלט דער פּראָצענט געמישטע חתונות בלתי ספק אַריבערגעשפּרונגען די העלפט גאַנץ ווייט. און לאָ־מיר נישט פאַרגעסן, אַז 1933 האָט שוין היטלער גענוג ווילד געבושעוועט אין גאַנץ דייטשלאַנד און נאָך מער אין בערלין. נאָר דאָס האָט לחלוטין נישט גע־ווירקט. ערשט דאָס געזעץ קעגן „ראַסן־שאַנדע" האָט געמאַכט אַ סוף צו די געמישטע חתונות, כאָטש אויך נישט צו אַלע. סעפּטעמבער 1935 איז דערשינען דער געזעץ און 1936 האָבן זיך אָנגעהויבן פּראָצעסן קעגן יידן און אויך נישט־יידן פאַר „ראַסן־שאַנדע". פאַר אונדז איז דאָ נאָר וויכטיק ווי ווייט עס האָט דער־גרייכט דאָס צוזאַמענלעבן פון די יידן מיט די דייטשן.

קאָפּענהאַגען האָט דעם העכסטן פּראָצענט געמישטע חתונות הן אָנהייב פון לויפנדיקן יאָרהונדערט און הן איצט — קרוב צו 60 פּראָצענט. אויך דאָס איז אַ פּונקט מיט אַ רעלאַטיוו הויכן פּראָצענט צוגעוואַנדערטע יידן. נאָר אָט זענען אייניקע דאַטן וועגן אַ יידישער קהילה אין אַ שטאָט, וואָס ליגט ווייט פון דעם שליאַך פון יידישע וואַנדערונגען — מיר האָבן אין אויג טריעסט. פון 1869 ביז 1922 זענען געווען אין טריעסט — ריין־יידישע חתונות 1.568 און געמישטע — 721, בערך אַ דריטל. פון 1923 ביז 1927 אין כלל זענען שוין געווען ריין־יידישע

חתונות 73 און געמישטע — 79, אַלזאָ מער ווי ריין־יידישע. דערביי מוז גענומען ווערן אין אַכט, אַז וואָס קלענער די יידישע עדה, אַלץ קלענער דער פּראָצענט קינדער פון געמישטע חתונות, וועלכע בלייבן ביים יידישן צד. נאָר אין געדיכטע יידישע ישובים, ווו דער יידישער פּאַרטנער געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון אַ יידישער קהילה, זענען קריסטלעכע פּאַרטנערס, באַזונדערס פרויען, אָפט גרייט זיך מגיר צו זיין און דערציִען די קינדער אין דער יידישער רעליגיע.

מען מוז אָבער געדענקען, אַז די איצטיקע קליינע קיבוצים האָבן כמעט קיין שום האָפענונגען נישט אויף צושטראָמען פון פרישערע און באַוווסטזיניקערע יידן פון אייראָפּע. און נישט נאָר ווייל די איינוואַנדערונג אין דעם גרעסטן רוב אַמעריקאַנער לענדער איז גלייך ווי אָפּגעשטעלט, נאָר ווייל די צענטערן, וועלכע האָבן באַזאָרגט אַלע צעוואָרפענע און צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט גרעסערע און קלענערע יידישע קיבוצים און עדות מיט פרומע און נאַציאָנאַלע יידן, זענען פאַרניכטעט און עס איז נישטאָ וואָס אַרויסצוקוקן אויף צושטראָמען פון דערפרישנדיקע עלעמענטן. אַלע יידישע גלות־קיבוצים און גלות־עדות זענען איצט פאַראורטיילט צו לעבן נאַציאָנאַל מיט זייערע אייגענע זאַפטן. דאָס מוז גענומען ווערן אין חשבון ביים שטודירן די אַסימילאַציע־פּראָצעסן אין אונדזערע טעג. דער וווּנדערבאַרער קוואַל פון פּויליש־ליטווישע יידן, וועלכער האָט באַזאָרגט מיט מים חיים אַבסאָלוט אַלע נייע און אַלטע קיבוצים פון דער גאָרער גלות־וועלט, איז פאַרשאָטן מיט יידישע מתים און אין תקוה אויף תחית המתים חוץ ארץ ישראל. נאָר פון דאָרטן מוזן מיר און זאָלן מיר דער־וואַרטן נישט חלילה קיין לעבעדיקע יידן, נאָר גייסט־זאַפט און קולטור־ווערטן. דעריבער איז די פראַגע פון השפּעה פונעם ישראל־צענטער פיל קאָמפּליצירטער און שווערער, פיל פּראָבלעמאַטישער און אויסגעשטעלטער אויף ירידות און קאָנ־קאָנפליקטן.

נאָר לאָמיר איבערגיין צו דער קעגנוואַרט און אין דער ערשטער רייע צו די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו מיר האָבן די גרעסטע צאָל יידן און ווו דער כמות־צענטער טענדירט אין געוויסע מאָסן צו ווערן אויך אַ איכות־צענטער, פּאַראַלעל מיטן ישראל־צענטער און, אַנדערע טרוימען און וואָלטן שטאַרק געוואָלט, אַפילו דער קולטור־צענטער.

## ג) אין די פאַראייניקטע שטאַטן

איידער מיר גייען איבער צו ציפער, ווילט זיך מיר אָפּשטעלן אויף דער, לויט מיין מיינונג, פיל וויכטיקערער פראַגע: ווי רעאַגירט מען אויף געמישטע חתונות אין דער יידישער משפחה? איז דאָס אַ טיפע טראַגעדיע און פירט צו שאַרפע קאָנפליקטן צווישן עלטערן און קינדער?

אָט ווי אַ מאַמע, וואָס איר זון קלייבט זיך אײַנגיכן חתונה צו האָבן מיט אַ קריסטלעך מיידל, רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. די מוטער גיט צוערשט אַ כאַראַקטעריסטיק פון איר עלטערן־היים, לכן פון איר דערציִונג. זי איז אויסגעוואַקסן אין אַן אָרטאָדאָקסישער שטוב, נאָר זי זעלבסט איז שוין נישט געווען אין קיין סינאַגאָגע ווי זינט איר מוטער איז געשטאָרבן. דערפון איז צו שליסן, אַז ביז די מוטער האָט געלעבט פלעגט זי מיט איר גיין אין שול דאַווענען. זי צאָלט אין פאַרשיידענע יידישע חברות, זי אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט מדינת ישראל, זי איז פיל אַקטיוו. אירע צוויי זין האָבן באַקומען די געוויינלעכע אין אַמעריקע דערציִונג — ביז דער בר־מיצווה! און זיי האָבן געהאַט, ווי זי שרייבט, אַ „טראַדיציאָנעלע בר־מיצווה". מיר האָבן פאַר זיך אַ טיפּישע נישט־שטאַרק אַסימילירטע יידישע היים; קלאָרער, אַן אַסימילירטע שפּראַכלעך, נאָר נישט גייסטיק, נישט זעעליש. נישט נאָר מען ווייסט, אַז מען איז יידן, אַז מען געהערט צו דער יידישער גרופּע, נאָר מען פילט זיך גאַנץ גענוג יידיש. און אָט וואָס די דאָזיקע מאַמע שרייבט 1):

„אין מיין אוממיטלבאַרער פאַמיליע זענען פאַראַן אַרום צען געמישטע חתונות. צווישן מיינע פריינט און באַקאַנטע פיל מער. צווישן די יידישע בחורים, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטלעכע מיידלעך, זענען פאַראַן פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, וויסקאַלנער־אָנגעשטעלטע, פיזישע אַרבעטערס, אַלע טיפּן און אַלע גראַדן פון מענטאַליטעט".

דורכוואָרפנדיק אין זכרון אַלע באַקאַנטע געמישטע פּאָרלעך שטעלט זי פעסט, אַז חוץ צוויי פאַלן פון יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטלעכע בחורים, זענען אַלע איבעריקע יידישע בחורים מיט קריסטלעכע פרויען.

זי איז מודה, אַז זי וואָלט געוועז פיל גליקלעכער ווען איר זון וואָלט בעסער חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל. זי מיינט, אַז דאָס צוזאַמענלעבן פון דער פּאָר וואָלט געווען פיל גליקלעכער, נאָר גלייך כאַפּט זי זיך, אַז דאָס איז נאָר אַן איינרעדעניש, ווייל „צווישן די צען געמישטע פּאָר, וועלכע איך קען גוט, איז נישטאָ קיין איין פאַל פון אַ צעשטערטער פאַמיליע".

דער מאַמעס האַרץ קען זיך דאָך נישט באַרויִקן. זי טראָגט פאַרט אין זיך ירושה־רעשטן פון איר מאַמעס הויז און וואָלט געוואָלט, אַז אירע אייניקלעך זאָלן, לכל הפּחות, איין מאָל אין יאָר זען דעם פּסח־סדר, וואָס וואָלט זיי „וויפל נישט איז צוגעבונדן" צו זייער פאָלק, אַלזאָ צום יידישן פאָלק. דאָס דאָזיקע נאָגנדיקע געפיל אין דער מאַמעס האַרץ גיט אַ שטאַרקערן ציטער ביים געדאַנק, טאָמער וועט די קאַטוילישע מוטער, וועלכע וועט דאָך געוויס זיין צוגעבונדענער אין

1) „דזשואיש פראַנטיר", ניו־יאָרק, מערץ 1953.

ווירקנדיקער אויף די קינדער ווי דער פֿאָטער, וואָס וועט זיין פּאַרנומען מיט פּרנסה־שוועריקייטן, טאָמער וועט די מוטער זיי דערציִען אין קאַטוילישן גייסט און סוף כל סוף — „וועלן זיי זיין קריסטן און וועלן פיינט האָבן און פאַראַכטן ייִדן".

די שרייענדיקע ווירקלעכקייט דיקטירט אָבער אָפּטימיזם — און די מוטער נעמט זיך טרייסטן און זיך באַרויִקן. די שוואַכע זכרונות פון דער יוגנט־צייט און די נאָך שוואַכערע ייִדישע איבערלעבונגען די לעצטע פּאָר צענדליק יאָרן ווערן ווי דערשטיקט און די מוטער רעדט זיך איין: „ס'איז געוויס נאַריש פון מיין זייט זיך אַריינצולאָזן אין אַזעלכע געדאַנקען. נאַריש צו קוקן אַזוי וויט. נאַריש צו זען נאָר שוואַרצע פאַרבן. אַוועק מיט די דאָזיקע געדאַנקען און זכרונות! זיי זענען פון נעכטן! מיינע קינדער, זייערע האָפענונגען און זייערע טרוימען זענען פון מאָרגן" 1).

די דאָזיקע ווידוי פון אַ מוטער, געדרוקט אין אַ ציוניסטישן אָרגאַן, מאָלט פאַר אונדז אַן אַבסאָלוט טיפּיש בילד פון לעבן, גענומען פון אייגענער דערפאַר־רונג. די מאַמע פון חתן, די קומענדיקע באָבע ציטערט נאָך, טראַכט נאָך איבער און האָט מורא פאַר דעם צוקונפטיקן דור. זי איז אומרויִק און זוכט טרייסט, זוכט זיך זעלבסט צו באַרויִקן מיט אָפּטימיזם. דער ייִדישער בחור און אויך דאָס קריסטלעך מיידל טראַכטן שוין גאָר נישט איבער. רעליגיע, פאָלק און נאָך אַזעל־כע „נאַרישקייטן" קריכן זיי איצט גאָר נישט אין קאָפּ. מיר זאָגן „איצט", ווייל שפּעטער, וויבאַלד נאָר עס וועט געבוירן ווערן דאָס ערשטע קינד, וועט די פּראָב־לעם ווערן קאָמפּליצירטער און באַאומרויִקנדיקער. אָבער איצט טראַכט מען נישט, ווייל די צעטייל־מחיצה איז זייער שוואַך פון ביידע צדדים, באַזונדערס פון ייִדישן צד. און צו טיף און געדיכט איז די אַמעריקאַנער געמיינשאַפטלעכקייט. זיי, די הויפּט־מחותנים, זענען רויִק און גליקלעך. און די רויִקייט און גליקלעכקייט פון די קינדער ווירקט אויף די מאַמעס און קומענדיקע באָבעס, אַז זיי זאָלן זוכן תירוצים אויף זיך צו באַרויִקן. וועגן שטערן קען גאָר קיין רייד נישט זיין! דאָס טרעפט איצט אין אַמעריקע אין זייער זעלטענע פאַלן. די בלאַסע רעשטלעך פון רעליגיעזע זכרונות זענען צו שוואַך ביי דער קומענדיקער ייִדישער באָבע, אַז זיי זאָלן אַרויסרופן מער ווי ציטווייליקע אומרויִקייט.

אַ ענגלישער זשורנאַל „וואָומענס האָאום קאָמפּאַניאָן" (מערץ 1953) האָט דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן ייִדישע און קריסטלעכע פרויען וועגן געמישטע חתונות. די רעזולטאַטן זענען אַ גלענצנדיקע אילוסטראַציע צו דעם, וואָס מיר האָבן העכער באַהויפּטעט, אַז די מחיצה צווישן ייִד און נישט־ייִד איז אין אַמעריקע

1) איביד.

זייער אַ שיטערע פוןביידע צדדים און דאָס מאַכט די געמישטע חתונה פאַר אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין לעבן.

די פראַגן זענען געווען פאָלגנדיקע:

1) מיינט איר, אַז דערוואַקסענע אינטעליגענטע מענטשן, נאָר פון גרונט פאַר־שיידענע אמונות, קענען לעבן אַ גליקלעך הייראַט־לעבן?

2) אויב אייער זון אָדער טאָכטער וואָלט זיך געקליבן חתונה צו האָבן מיט אַ פּאַרטנער פון אַ צווייטער אמונה — צי וואָלט איר געגעבן אייער הסכמה אָדער איר וואָלט געשטערט?

אויף דערע ערשטער פראַגע האָבן געענטפערט 87% יידישע פרויען, 83% קאַטוילישע פרויען און 78 פּראָצענט פּראָטעסטאַנטישע פרויען מיט „יאָ".

אויף דער צווייטער פראַגע זענען די תשובות געווען איינגעהאַלטענער און פאָרזיכטיקער — מיט „יאָ" האָבן געענטפערט 67 פּראָצענט קאַטוילישע פרויען, 58 פּראָצענט פּראָטעסטאַנטישע און נאָר 42% יידישע פרויען.

לאָמיר צוערשט זיך אָפּשטעלן אויף די קאַטוילישע פרויען, ווייל זייערע תשובות רופן אַרויס גרויסע ספקות — מיר זענען דאָך געוווינט, אַז די קאַטאָליקן זענען פרומער און ווייניקער טאָלעראַנט, ווי די פּראָטעסטאַנטן, און דאָ שטעלט זיך גאָר אַרויס, אַז זיי זענען גענייגטער צו געמישטע חתונות. דאָ האָבן מיר אַ ראיה צו דעם, וואָס מיר האָבן העכער געשריבן, אַז דער סאָציאַלער מאָמענט שפּילט אין אַמעריקע אַ גרעסערע ראָלע, ווי דער רעליגיעזער. די פּראָטעסטאַנטן געהערן אין אַמעריקע מיינסטנס צו די „נאָרדיקס", אַלזאָ צו די רייכערע און קולטורעלערע שיכטן. די קאַטאָליקן, פאַרקערט, געהערן צו די אָרעמערע פעל־קער, ווי איטאַליענער, פּאָליאַקן, ליטווינער, שפּאַניער וכדומה. די ערשטע גרופּע לעבט אַ מער איזאָלירט לעבן און פילט זיך העכער און מיוחסדיקער און חתונה האָבן מיט אַ קאַטוילישער פרוי אָדער מיט אַ קאַטוילישן מאַן איז פון סאָציאַל־קולטורעלן שטאַנדפּונקט פאַר די פּראָטעסטאַנטן אַ ירידה. און דאָס זעלבע בנוגע אַ יידישן פּאַרטנער.

דאָך זעען מיר, אַז ביי אַלע דריי רעליגיעזע מאַמעס איז אַ געמישטע חתונה נישט אַזאַ שרייענדיקע עבירה, אַז מען דאַרף איינרייסן וועלטן. און טעאָרעטיש אָדער אידעאָלאָגיש גייען די יידישע פרויען מיט 87 פּראָצענט אויפן ערשטן פּלאַץ. די קאַטוילישע אויפן צווייטן פּלאַץ און די פּראָטעסטאַנטישע אויפן דריטן פּלאַץ אָבער אויך מיט 78 פּראָצענט הסכמה.

קומט אָבער צו דער פּראַקטיק ענדערט זיך אַ ביסל די שטימונג — די יידי־שע פרויען טרעטן ווייט צוריק. פון 87 פּראָצענט אידעאָלאָגישער הסכמה פאַלן זיי אַראָפּ נאָר אויף 42. אָבער אין תוך איז דאָס פאַר זיך גאָר נישט קיין קליינער פּראָצענט. די קאַטוילישע גייען ווידער אויפן ערשטן אָרט און נאָך זיי די פּראָ־טעסטאַנטישע — און ביידע גרופּעס גיבן אַ גענוג הויכן פּראָצענט פּראַקטישער

און פּאַקטישער גרייטקייט אָנצונעמען אַ געמישטע חתונה, איינגעשלאָסן מיט אַ יידישן פּאַרטנער.

דאָ האָבן מיר געהאַט די אמתע אָפּשפּיגלונג פון די שטימונגען אין אמעריקע, וווּ די רעליגיע צעטיילט נישט אזוי שאַרף און נישט אַזוי אָפּשטויסנדיק ווי אין אייראָפּע.

בנוגע דער צוקונפט פון די געבוירענע קינדער פון געמישטע חתונות, ווייסן מיר, אַז אין דייטשלאַנד זענען בערך פון 20 ביז 25 פּראָצענט קינדער פון די געמישטע חתונות דערצויגן געוואָרן אין דער יידישער רעליגיע. אין אונגאַרן איז דער פּראָצענט געווען נאָך העכער. ס׳האָט געהערשט אַ סברה, אַז די דאָזיקע גע־יידישטע קינדער פון געמישטע חתונות זענען געווען די גענייגטעסטע קאַנדידאַטן פאַר שפּעטערע געמישטע חתונות אָדער גאָר שמד. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז שווער געווען פעסטצושטעלן. אין אַמעריקע גייען אַרום קלאַנגען, אַז פילע קריסט־לעכע פרויען דערציען זייערע קינדער פון יידישע טאַטעס בעסער אין יידישן גייסט, ווי אַ סך יידישע מוטערס. אַזעלכע פאַקטן זענען באַקאַנט אויך דעם שריי־בער פון די דאָזיקע שורות. דאָך וואָלט דאָס געווען צו צוגעאײלט צו מאַכן ברייטע אויספירן פון אַזעלכע קלאַנגען. קיין ברייטערע פאָרשונגען זענען לײדער נישט בנמצא וועגן דער דאָזיקער ביז גאָר וויכטיקער פראַגע. מיר פאַרמאָגן איין גוטע אַרבעט וועגן דער דערציִונג פון די קינדער פון געמישטע חתונות אין דער פּראָ־ווינץ און מיר האַלטן פאַר ראַטזאַם צו ברענגען דעם תמצית פון דאָזיקן אַרטיקל.

דער ראַביי און שריפטשטעלער לי לעווינגער דערציילט אין „קאָמענטערי״ (אויגוסט 1952) זיינע איינדרוקן פון אַ באַזוך ביי זיינע קרובים אין אַ פּאַרוואָרפן שטעטל, ווּהין עס זענען זיך צונויפגעפאָרן קרובים פון עטלעכע נאָענטע פונקטן:

„אין דער גאַנצער משפחה איז, אַ חוץ מיין פרוי, די איינציקע יידישע די פרוי פון עמיל, וועלכער האָט אַ דעליקאַטעסן קראָם אין סט. לואיס. די קינדער פון געמישטע חתונות זענען לוטעראַנער, מעטאָדיסטן, קריסטשען סייענטיסטס, לויט דער קירך פון זייערע מוטערס. פראַנק פון טעקסאַס האָט זיך באַרימט, אַז זיין זון, דערצויגן פון זיין פרומער קאַטוילישער מוטער איז זייער ענלעך צום יידישן פאָטער, און מען רייצט זיך מיט אים „קליין יידעלע״. פראַנק האָט אויך דערציילט, אַז ער שרייבט אויס מיט אַ כיוון אַן אַנטי־קאַטוילישע צייטונג, כדי זי צו לייענען דעמאָנסטראַטיוו בעת דער קאַטוילישער גלח קומט מיט אַ באַזוך״.

עס איז זייער וואַרשיינלעך, אַז דאָס דאָזיקע בילד איז טיפּיש, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ, וווּ די צאָל יידן אין אַ פּונקט איז זייער קליין און דער יידישער פאָטער האָט פּשוט נישט אין וואָס זיך אָנצושפּאַרן. גיט מען אָפּ די קינדער דער קריסטלעכער קירכע!

אַלס אַ פּירוש צו דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן ביז איצט געבראַכט וועגן גע־מישטע חתונות, קענען דינען פאָלגנדיקע עטלעכע גאַנץ געדיכטע ציפער. „דהי

דזשואיש פאָסט״, איינע פון די בעסטע און פאַרשפּרייטסטע ענגליש־ייִדישע וואָכנבלעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט פאַרעפנטלעכט די רעזולטאַטן פון אַן אַנקעטע, דורכגעפירט צווישן די מיטגלידער פונעם רעפאָרם־טעמפּל „עדת ישראל״ אין לוויאַוויל: 60 פּראָצענט מיטגלידער האָבן געענטפערט, אַז זיי פייערן קריסטמעס; 50% האָבן אָנגעגעבן, אַז אַ חוץ קריסטמעס פייערן זיי אויך די קריסטלעכע פּאַסכאַ; 70% האָבן אָנגעגעבן, אַז ייִדישע קינדער דאַרפן אין די שולן מיטזינגען מיט די קריסטלעכע קינדער די קריסטמעס־לידער״ (ציטירט לויט „דער טאָג״, ניו־יאָרק, 28טן אויגוסט, 1952).

אָט די דאָזיקע דערציִונג פון די קינדער גרייט צו דעם באָדן פאַר די געמישטע חתונות. און כאָטש מיר האַלטן פאַר נויטיק ווייטער אויך צו ברענגען אייניקע סטאַטיסטישע דאַטעס וועגן דעם וווּקס פון געמישטע חתונות ביי די ייִדן אין אַמעריקע, האַלטן מיר, אַז דער העכער געבראַכטער באַשרייבערישער מאַטעריאַל איז פיל וויכטיקער און סימפּטאָמאַטישער. ער גיט אונדז די אַטמאָספער, אין וועלכער עס וואַקסט דער דור, וואָס וועט ערשט געבן די גרויסע צאָל געמישטע חתונות שפּעטער. מען דאַרף גוט געדענקען, אַז דער אַמעריקאַנער קיבוץ איז סוף כל סוף נאָך אַ מזרח־אייראָפּעיִשער און גאָר יונגער. און כאָטש העכער דריי פערטל ייִדן זענען שוין געבוירן אין אַמעריקע, איז דאָס דאָך אין דער גרויסער מערהייט אַ דור פון דער איסט־סאַיד, אויסגעוואָקסן אין אַ גאַנץ געדיכטער ייִדישער אַטמאָספער. ערשט דער דריטער דור איז דור ראשון לאַסימילאַציע אין אמתן זין פון וואָרט און ערשט דער פערטער און פינפטער דור וועט געבן, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין אייראָפּע, די נעגאַטיווע רעזולטאַטן. הלוואַי מיר זאָלן נישט טרעפן! די העכער געבראַכטע ציפער אָבער פון דייטשלאַנד און פון אייראָפּעיִשע שטעט לערנען אונדז צו פאַרשטיין, אַז די אַסימילאַציע הייבט זיך נישט אָן גלייך מיט געמישטע חתונות. די לעצטע זענען אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער אַנטוויקלונג פון דער אַסימילאַציע. קרוב הונדערט יאָר האָט געדויערט ביז די דייטשע ייִדן האָבן גענעבן קוים אַכט פּראָצענט געמישטע חתונות. און שפּעטער איז אין דריי צענדליק יאָר דער דאָזיקער פּראָצענט פאַרפירפאַכט געוואָרן.

נאָר לאָמיר איבערגיין צו ציפער, וועלכע זענען דאָך זייער באַלערנדיק. קיין אָפיציעלע ציפער וועגן געמישטע חתונות אין אַמעריקע זענען נישט פאַראַן. די ווייטער געבראַכטע ציפער זענען אַלע פון פּריוואַטע פאָרשונגען און זענען בלתי ספק ווייט פון דערווירקלעכקייט. עס גיט זיך תמיד איין צו ציילן נאָר יענע געמישטע חתונות, ביי וועלכע דער ייִדישער פּאַרטנער בלייבט אין דער ייִדישער געזעלשאַפט. נוצט ער אָבער אויס די געלעגנהייט און ווערט אַנטרינען אין דעם מערהייט־ים, ווערט ער גאָר אָפט פּשוט נישט באַמערקט פון דער פּריוואַטער פאָרשונג. אמת, די גרויסע מערהייט ייִדישע פּאַרטנערס פון געמישטע חתונות בלייבן אינערהאַלב דער ייִדישער געזעלשאַפט אַפילו ווען די

קינדער ווערן דערצויגן אין קריסטלעכן גייסט — און אויך דאָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קלימאַט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום בנוגע געמישטע חתונות!

לאָמיר ענדלעך איבערגיין צו יענע ווייניקע ציפערן וועגן געמישטע חתונות אין אַמעריקע, וועלכע מיר פאַרמאָגן.

אין „אַמעריקען היברו" 19טן מאַי 1905 ווערן געגעבן פאָלגנדיקע ציפער: פון 1895 ביז 1904 אין כלל, זענען געווען אין ניו־יאָרק 8.627 ייִדישע זיווגים ריינע און נאָר 85 געמישטע חתונות, אַלזאָ בערך נאָר 1 פראָצענט! אין דער ענגליש־ייִדישער ענציקלאָפּעדיע ווערן געבראַכט פאַר דער זעלבער צייט נאָך קלענערע ציפער: 75 געמישטע חתונות אויף 9.668 ריינע ייִדישע חתונות. דאָס איז בערך דער פּראָצענט געמישטע חתונות, וואָס מיר טרעפן ביי די ייִדן פון מזרח־אייראָפּע. אין פּוילן זענען די געמישטע חתונות געווען אין די 20ער און 30ער יאָרן פון לויפנדיקן יאָרהונדערט בערך 1 פּראָצענט און אין לעטלאַנד קרוב צו 2 פּראָצענט.

פאַר אַ שפּעטערע דאַטע פאַר די יאָרן 1908־1912 האָבן מיר פּיל גענויערע און מער דעטאַליזירטע דאַטעס וועגן געמישטע חתונות ביי ייִדן אין ניו־יאָרק. דער פּראָצענט געמישטע חתונות אין די דערמאָנטע יאָרן האָט באַטראָפן 1):

טאַבעלע 23

| | ייִדישע געמיינדעס | % געמישטע חתונות |
|---|---|---|
| 1) | פראַנצויזישע | 6.54 |
| 2) | דייטשע | 5.16 |
| 3) | האָלענדישע | 4.00 |
| 4) | ענגלישע | 3.47 |
| 5) | אונגאַרישע | 2.24 |
| 6) | עסטרייכישע | 0.99 |
| 7) | טערקישע | 0.80 |
| 8) | רוסישע | 0.62 |
| 9) | רומענישע | 0.45 |

דאָ האָבן מיר אַ בילד, ווי יעדע איינגעוואַנדערטע מאַסע ברענגט מיט זיך אין ערשטן דור איר היים, אירע טראַדיציעס און אירע אמונות. די לעצטע פיר גרופּעס שליסן אַלע איין מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן (עסטרייכישע מיינט אין דער ווירקלעכקייט אַ גאַליציאַנישע מערהייט) און זיי גיבן אַלע ווייניקער פון איין פּראָצענט געמישטע חתונות. בנוגע טערקישע ייִדן קען מען אויך אָננעמען, אַז די

1) Yulins Drachsler, Democracy and Assimilation, New York, 1920, p. 121.

מערהייט זענען געווען פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן נאָך די פּאָגראָמען פון 1905 זיך געראַטעוועט קיין טערקיי, דאָרטן זיך פאַרשאַפט טערקישע בירגערשאַפט צו־ליב פאַרשיידענע סיבות און געקומען קיין אַמעריקע אַלס טערקישע יידן. נאָר אויב אַפילו דאָס זענען געווען טאַקע אמת טערקישע יידן קענען זיי דאָך אויך לויט דער מדרגה פון זייער טראַדיציאָנעלער פרומקייט צוגערעכנט ווערן צום טיפּ מזרח־אייראָפּעיִשן יידן.

אַלע מערב־אייראָפּעיִשע גרופּעס יידן גיבן העכער דריי פּראָצענט געמישטע חתונות און דער פּראָצענט דערגייט ביז העכער 6 ביי די פראַנצויזישע יידן.

פון די געבראַכטע ציפער האָבן מיר יעדנפאַלס אַ געוויסע פאָרשטעלונג, ווי די לאַגע איז געווען אין די ערשטע צען יאָר פון 20טן יאָרהונדערט אין פּרט פון געמישטע חתונות. אמת, דאָס זענען דאַטן פאַר ניו־יאָרק — אין דער פּראָ־ווינץ איז אפשר שוין דעמאָלט דער פּראָצענט געמישטע חתונות געווען עטוואָס העכער. אָבער קיין מאַסן־דערשיינונג איז דאָס געוויס נישט געווען.

לאָמיר איבערגיין צו דער קעגנוואָרט.

מיר פאַרמאָגן דאַטן וועגן איין שטאָט פאַר אַ לאַנגן פעריאָד צייט און די דאָזיקע ציפער זענען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש. אין דער שטאָט ניו־הייוון, ווו מען רעכנט איצטער אַרום 20 טויזנט יידן און וועלכע מאַכן אויס אַרום 12 פּראָ־צענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, זענען געווען געמישטע חתונות ביי יידן 1):

| | |
|---|---|
| 1870 | 0.0 |
| 1900 | 1.1 |
| 1930 | 5.0 |
| 1940 | 6.3 |
| 1950 | 8.0 |

איך וואָלט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער טעמפּ פון וווּקס פון געמישטע חתונות איז טיפּיש פאַרן גאַנצן לאַנד — ערשט 1930 באַווייזן זיך די ערשטע סימפּטאָמען פון אַסימילירטע עלעמענטן, אַסימילירטע אין אַזאַ גראַד און אַזוי ווייט, אַז זיי זענען רייף פאַר געמישטע חתונות. די צאָל פון די דאָזיקע גענוג אַסימילירטע עלעמענטן האָלט אין וואַקסן און שטייגן, אָבער אַלץ נאָך זייער לאַנגזאַם, ווייל אַפילו פון 1930 האַלטן נאָך אַלץ אין צוקומען נייע יידן, מעג זיין אַפילו אַסימילירטע דייטשע יידן, אָבער דאָך נישט אַמעריקאַניש אַסימילירטע, פרעמדע, נאָך נישט אַריינגעפּאַסטע און נישט גענוג אַריינגעוואָקסענע אין דער אַרומיקער אַמעריקאַנער סביבה אום צו געפינען פּאַרטנערס אין איר. דער טעמפּ פונעם וווּקס פון די

---

1) נתן גאָלדבערג, צו דער דעמאָגראַפיע פון יידן אין אַמעריקע, „ייוואָ־בלעטער, ב. 25, 1945, ז. 283.

Hershel Shanks, Jewish-Gentile intermarriage. Commentary, 1953, IX, p. 370.

C. J. 1953

געמישטע חתונות איז כמעט דער זעלבער פון 1940 ביז 1950 ווי פון 1930 ביז 1940. וויכטיק איז דאָס וואָס דער וווקס איז אַ שטענדיקער, אַן אומאויפהערלעכער, וואָס דאָס אַליין איז דאָך אַ סימפּטאָם, אַז מיט דעם וווקס פון אַסימילירטע עלע־מענטן, מיט דער פאַרטיפונג פון דער אַסימילאַציע און מיט דעם אָפּשניט פון צושטראָם פון פרישע יידישע אייגוואַנדערער, מוז דער טעמפּ פון די געמישטע חתונות ווערן אינטענסיווירט.

ווידער מוז מען נעמען אין אַכט די אַנטוויקלונג, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין אייראָפּע, און אויב די לאַגע אין אַמעריקע איז אַנדערש ווי אין אייראָפּע איז דאָך נאָר אין דער ריכטונג פון ערגער און נישט בעסער — ערגער פון נאַציאָ־נאַלן שטאַנדפּונקט, ווייל בעסער פאַרן יידישן יחיד. אַ געדיכטע אַנטיסעמיטישע אַטמאָספער האָט אין דייטשלאַנד נישט געפעלט אַפילו אין די בעסטע יאָרן פאַרן לעבן פון די דייטשע יידן — אין אַמעריקע האָבן מיר עס נישט און לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן דאָס נישט האָבן לאַנגע, לאַנגע צייטן. און דאָס מיינט, אַז מען דאַרף זיך ריכטן אויף אַן אינטענסיווירטע און פאַרטיפטע אַסימילאַציע.

דער נאָר וואָס ציטירטע מחבר פון אַרטיקל אין „קאָמענטערי“ ברענגט פאָלגנדיקע דאַטעס וועגן געמישטע חתונות אין עטלעכע פונקטן 1):

| יידישע געמיינדעס | יאָר | % געמישטע חתונות ביי יידן |
|---|---|---|
| 1) דע מואָן | 1949 | 8.0 |
| 2) אינדיאַנאַפּאָליס | 1941 | 12.0 |
| 3) ניו־לאָנדאָן | 1938 | 5.0 |
| 4) סטעמפאָרד | 1938 | 7.0 |
| 5) טרענטאָן | 1937 | 1.0 |

די דאָזיקע ציפער זענען אינטערעסאַנט נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס זיי ווייזן, אַז וואָס שפּעטער מיט אַ יאָר אַלץ העכער דער פּראָצענט געמישטע חתונות. אַז די דאָזיקע ציפער שעפּן נישט אויס די אמתע צאָל געמישטע חתונות איז גאָר קיין ספק נישט.

מיר האָבן בנוגע אַמעריקע נאָר דאַטעס וועגן יידן אין קליינע אָדער העכסטנס מיטעלע שטעט, אויב מען זאָל רעכענען אַ שטאָט מיט העכער 100 טויזנט איינ־וווינער אַלס אַ מיטעלע. די פראַגע, צי אין די גרויסע שטעט מיט די גרויסע און געדיכטע יידישע מאַסן איז די צאָל געמישטע חתונות גרעסער אָדער קלענער, ווי אין די קלענערע יידישע געמיינדעס, בלייבט אַ קשיה. פון איין זייט, שיקן פּראָווינציעלע יידן זייערע דערוואַקסענע קינדער אין די גרויסע שטעט, ווייל אין

1) Hershel Shanks, p. 370.

די קליינע איז דער שידוך־אויסוואַל זייער קנאַפּ און די סכנה פון אַ געמישטער הייראַט איז גרויס. פון דער צווייטער זייט איז פאַראַן אַ מיינונג און אַ געגנונג פאַרשפּרייטע, אַז די צאָל געמישטע חתונות אין די גרויסע יידישע געמיינדעס איז פיל גרעסער, ווייל דער יידישער פּאַרטנער האָט דאָ אַ ברייטערע מעגלעכקייט זיך צו שיצן פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. אויך די אַנגסטן פון די עלטערן איז אין דער גרויסער שטאָט מעגלעכער צו לינדערן, ווייל דאָס אויג פון די שכנים אין הויז און אין די חברות, איינגעשלאָסן די סינאַגאָגע, איז נישט אַזוי שאַרף צוגעשפּיצט צום פאַמיליע־לעבן פונעם צווייטן.

פאָלגנדיקע ציפער וועלן אפשר צוגעבן אַ ביסל קלאָרקייט צו דער נאָר וואָס געשטעלטער פראַגע. העשל שיינקס, וועמען מיר האָבן נאָר וואָס ציטירט, האָט דורכגעפירט אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט פאָלגנדיקע פאָרשונג. מען האָט צע־שיקט 12 הונדערט פרעג־בויגנס צו יידישע סטודענטן פון גרויסע שטעט דער עיקר פון ניו־יאָרק און פון קלענערע שטעט, מיט ווייניקער פון 500 טויזנט איינוווינער. מען האָט די סטודענטן געשטעלט צוויי פראַגן:

1) צי זענען זיי די לעצטע 6 חדשים אַרויסגעגאַנגען מיט אַ יידיש מיידל אָדער מיט אַ קריסטלעך מיידל („אינטערדעיטינג")?

2) צי זענען זיי די לעצטע 6 חדשים געווען גאָר נאָענט באַפריינדעט („גוי־אינג סטעדי") מיט אַ קריסטלעך אָדער יידיש מיידל?

די ערשטע פאָרעם פון באַקאַנטשאַפט טראָגט אַ כאַראַקטער פון פריינטשאַפט, אָבער מיינט נאָך נישט אינטימע באַציונגען און חתונה־האָפענונגען. דער צווייטער מין איז שוין אַן אינטימערער און האָט זייער אָפט אין אויג אַ חתונה.

די רעזולטאַטן זענען געווען פאָלגנדיקע: פון די גרויס־שטאָטישע, אַלזאָ מערסטנס פון ניו־יאָרקער יידישע סטודענטן, זענען געווען באַפריינדעט אין זין פון דער ערשטער פראַגע 32 פּראָצענט, יידישע סטודענטן בעת פון די פּראָווינ־ציעלע יידישע סטודענטן זענען געווען גאַנצע 62 פּראָצענט באַפריינדעט מיט קריסטלעכע מיידלעך, כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל. דאָס איז גרינג צו פאַרשטיין, ווייל די ניו יאָרקער יידישע סטודענטן זענען דאָך אויפן אָרט און האָבן שוין געהאַט יידישע באַקאַנטע מיידלעך פון דער האַי־סקול אָדער אויף אַן אַנדערן אופן. די פרעמדע יידישע סטודענטן האָבן דאָך מערסטנטייל נישט געהאַט קיינעם ביים אַנקומען אין אוניווערסיטעט און זיי גיבן כמעט צוויי מאָל אַ העכערן פּראָ־צענט באַקאַנטשאַפט מיט קריסטלעכע מיידלעך. אָבער אין תוך זענען ביידע ציפער גאַנץ הויכע. די גוטע באַקאַנטשאַפט באַטייט עפּעס און אָפט פירט זי צו דער וויטערער סטאַדיע פון פריינטשאַפט.

וויכטיקער זענען געוויס די תשובות אויף דער צווייטער פראַגע: פון די גרויס־שטאָטישע האָבן נאָר 4 פּראָצענט אָנגעגעבן, אַז זיי גייען „סטעדי" מיט קריסטלעכע מיידלעך בעת פון די פּראָווינציעלע גאַנצע 21. מען קען נישט שליסן,

אַז אַלע „גויאינג סטעדי" באַדייטן אין דער ווירקלעכקייט שוין אינטימע באַ־ציִונגען און אין דער מערהייט פאַלן הייראַט. אָבער אַז עס איז אָפט אַזוי איז גאָר קיין ספק נישט.

דאָ האָבן מיר געהאַט אַ באַוויַז, אַז די העברעער לערן־אַנשטאַלט איז אַ מקום מוכן לפורעניות אין זין פון געמישטע חתונות. דער צווייטער פלאַץ פאַר די דאָזיקע פורעניות זענען די אַרבעט־פלעצער אין די גרעסערע געשעפטן און אין די גרעסערע פאַבריקן, ווו ווידער ייִדן טרעפן זיך מיט נישט־ייִדן זייער אָפט פון די גאַנץ יונגע יאָרן — 17־18 יאָר — און מען אַרבעט צוזאַמען אויף איינעם און דעם זעלבן פאָסטן לאַנגע יאָרן.

דער מחבר פון דער ערנסטער סטודיע וועגן די געמישטע חתונות מאַכט פאַלגנדיקע זייער טרעפלעכע און אין ציל שלאָגנדיקע באַמערקונגען. ער נעמט אָן, אַז ביי די קינדער זענען נישט פאַראַן קיין צוימען און קיין אָפּהאַלטן בנוגע געמישטע חתונות. דער איינציקער שטער איז די באַציִונג פון די עלטערן און ער שרייבט 1):

„ס'באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי פירן צום ברונעם און נישט לאָזן זיך אָנטרינקען. מיר האָבן דערמוטיקט קולטורעלן און סאָציאַלן קאָנטאַקט, וואָס מוז נאַטירלעך פירן צו געמישטע חתונות, און מיר פאַראורטיילן די געמישטע חתונות. אַלע יענע חברות און אינסטיטוציעס, וועלכע סטאַרען זיך אַזוי צו באַווייזן, אַז ס'איז נישטאָ קיין חילוק צווישן ייִד און קריסט — אָט זיי דערמוטיקן דאָך פאַרבינדונגען און צוזאַמענקונפטן, וועלכע פירן צו געמישטע חתונות. די קאַמפּן קעגן רעליגיעזע באַגרענעצונגען אין קלובן און חברות, אַפּשאַפן קוואָטעס אין די קאָלעדזשעס אויפן אָרט פון גרינדן אייגענע ייִדישע קאָלעדזשעס, די צווישן־רעליגיעזע קולטורעלע און ספּעציעלע אַקטיוויטעטן — דאָס אַלץ מוז דאָך פירן צו געמישטע חתונות".

דער מחבר גיט צו, אַז ער לייגט נישט פאָר אָפּצושאַפן די אַלע אינסטיטו־ציעס און קאַמפּן — ער וויל נאָר אָנווייזן אויף דער סתירה, וואָס שאַפט זיך פאַר אַ פאָלק, וואָס וויל געניסן פון אַלע גוטע זאַכן און דערביי בלייבן איזאָלירט און אויסגעטיילט.

ווי ווייט עס גייט דער „אומגליק" פון נאָענטקייט און פריינטשאַפט צווישן ייִדישע און נישט־ייִדישע יונגע מענטשן, וואָס עס פירט צו געמישטע חתונות, ווערט באַזונדערס קלאָר פון פאָלגנדיקער געשיכטע דערציילט אין „פאָרווערטס" פון 26טן יאַנואַר 1954 פון איר מיטאַרבעטער ה. לאַנג:

„קינדער פון ייִדישע פאַמיליעס פאַרווילן ווי יונגע פאָרלעך מיט קינדער

1) Ibid.

פון קריסטלעכע פאַמיליעס און ווי ווייט איז „אינטערדעיטינג" פון „אינטערמע־רידזש"?

„איז דאָס געוואָרן אַ פּראָבלעם אין פּיועבלאָ. און דער ראַביי נתניאל פּאָלאַק האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן ווי אָפּצושטעלן די „אינטערדעיטינג". דער עיקר איז דאָך יוגנטלעכע געזעלשאַפט פאַר יידישע קינדער. דאַרף מען צונויפברענגען די קינדער פון פּיועבלאָ מיט קינדער פון יידישע פאַמיליעס פון די אַרומיקע שטעט.

„פאַרהאַנדלונגען האָבן געבראַכט רעזולטאַטן. פּיועבלאָ האָט פאַרהאַנדלט מיט דענווער און מיט קאָלאָראַדאָ־ספּרינגס און ביידע האָבן צוגעשטימט, אַז עס זאָל ווערן אַ דריי־שטאָטישער קרייז מיט באַגעגענישן פון יונגע פּאָרלעך דורך רייזעס פון איין שטאָט אין דער צווייטער. מען אַראַנזשירט ספּעציעלע אָוונטן אין יידישן צענטער פון יעדער שטאָט אויפצונעמען די געסט פון דער פרעמד. דער ראַביי האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע טראַנספּאָרטאַציע. מוטערס פירן אויף אויטאָמאָ־בילן אייגענע און פרעמדע קינדער און ברענגען זיי צוריק.

„איר קענט דאָס אָנרופן חתן־כלה טראַנספּאָרטאַציע אָדער אַ סיסטעם פון יידישע שידוכים־סטאַנציעס".

מען קען מיינען, אַז דאָס דאָזיקע בילד פון מאַמעס, וועלכע פאַראייניקן זיך פון דריי שטעטלעך, כדי צו ראַטעווען זייערע קינדער פון געמישטע חתונות, איז אַ סתירה צו מיין העכער אויסגעשטעלטער באַהויפּטונג, אַז אַ געמישטע חתונה ווערט אַ שטייגער־זאַך ביי יידן אין אַמעריקע. אין דערווירקלעכקייט איז דאָ קיין שום סתירה נישט פאַראַן. געוויס ווילן די עלטערן, אַז די קינדער זאָלן נישט חתונה האָבן מיט קריסטלעכע פּאַרטנערס, אָבער האָט זיך די זאַך שוין געטראָפן מאַכט מען דערפון נישט קיין משפחה־טראַגעדיע.

אַ גענויערע פאָרשטעלונג וועגן דער אַטמאָספער אין אַ יידישער געמיינדע גיט אונדז שמואל קעניג אין זיין אַרבעט וועגן סטעמפאָרד 1). ער ברענגט, אַז אויף 823 יידישע פּאָר־פּאָלקן אין 1938 אין סטעמפאָרד זענען געווען 59 גע־מישטע פּאָרלעך, אַלזאָ 7.2%. ער האַלט אָבער פאַר נויטיק באַלד צוצוגעבן, אַז די אמתע צאָל געמישטע פּאָרלעך מוז זיין גרעסער, ווייל עס איז געווען אוממעג־לעך פעסטצושטעלן יענע געמישטע פּאָרלעך, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיט דער יידישער געזעלשאַפט. ער מיינט, אַז דאָס איז באַזונדערס ריכטיק בנוגע יידישע פרויען, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטן. אַזעלכע פרויען רייסן געוויינלעך איבער מיט דער יידישער געזעלשאַפט.

פון די 59 פּאָרלעך זענען געווען 40 יידישע מענער מיט קריסטלעכע פרויען און 19 יידישע פרויען מיט קריסטלעכע מענער.

1) S. Koenig, The Social-Economic Structure of an American Jewish Community, in "Jews in a Gentile world", New York, 1942, p. 190—192.

די גרעסטע צאָל געמישטע חתונות זענען פאָרגעקומען מיט איטאַליענער, אויפן צווייטן אָרט גייען די אײַרישע, אויפן דריטן יענקיס און ערשט אויפן פערטן פוילישע און דײַטשן.

כמעט אַלע, וועלכע האָבן חתונה מיט קריסטלעכע פּאַרטנערס, זענען גע־בוירענע אין אַמעריקע, און נישט קיין אײַנגעוואַנדערטע.

און אָט זענען די סאַמע אינטערעסאַנטע ידיעות: פון 30 פאַלן פון געמישטע חתונות, וועגן וועלכע עס זענען פאַראַן ידיעות, האָבן די עלטערן פון 25 געהערט צו דער אָרטאָדאָקסישער סינאַגאָגע און 5 צו דער קאָנסערוואַטיווער סינאַגאָגע.

די מערהייט פון די, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטלעכע פרויען, זענען געבליבן מיטגלידער פון פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס און עטלעכע זענען געבליבן אַפילו מיטגלידער פון די סינאַגאָגעס.

אַ פאָרשונג אין יאָר 1951 אין 168 קליינע שטעטלעך מיט אַ צאָל יידן פון 100 ביז 1.000 יידישע נפשות, האָט געגעבן פאָלגנדיקע רעזולטאַטן: פון 633 חתונות זענען געווען 66 געמישטע, אַלזאָ מער פון 10 פּראָצענט 1). און אויך דאָ מוז צוגעגעבן ווערן, אַז די ווירקלעכע צאָל געמישטע חתונות איז בלתי ספק גרעסער.

אַ אינטערעסאַנטע פאָרשונג איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ נייעם פאָר־שטאָט־ראַיאָן ביי טשיקאַגאָ — פון 141 יידישע פאַמיליעס זענען 15 געווען גע־מישטע, „וועלכע האָבן אַלע זיך אָפּגעזאָגט פון ווערן אידענטיפיצירט — אַלס יידישע".

מיר וועלן פאָרענדיקן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל מיט אַ באַשרייבונג פון דער לאַגע אין די דרום־שטאַטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון דעם רעדאַקטאָר פון דער וואָכן־צייטונג „קאַראָלינאַ איזראַעליטע" מר. ה. גאָלדין, אַ גרינטלעכן קענער פון דער לאַגע אין דאָזיקן ראַיאָן. ער באַשרייבט, ווי די ערשטע ספרדישע אי־מיגראַנטן זענען מיט דער צייט פאַרשוואונדן דורך שמד און נאָך מער דורך גע־מישטע חתונות — „אין מערסטע פאַלן איז די יידישע פאַמיליע אַריבער צום קריסטנטום דורך „עלימינאַציע". דער ייד האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. די קינדער זענען שוין אויפגעוואַקסן ווי קריסטן. און זיי האָבן שוין חתונה גע־האַט ווידער מיט קריסטן. דער ראש פון דער משפחה האָט נאָך אָנגעהאַלטן פאַר־בינדונגען מיט יידן — מיט זיין טויט איז שוין דער איבעררייס געוואָרן אַ פאַר־ענדיקטער.

„די דאָזיקע „לאַנגזאַמע" שמד־מגפה האָט איר פאָלקלאָר. יעדע געמיינדע אין דרום האָט מינימום איין פירנדיקע פּראָטעסטאַנטישע פּערזענלעכקייט, וועגן

1) Small-Town Jewry Tell Their Story, Washington, 1953, p. 45.

וועלכער מען שושקעט זיך: „ער איז אַמאָל געווען אַ ייד!״ מען קען געפינען אין דרום קריסטן מיט נעמען, ווי הערשבערגער, מרדכי, סאַלאָמאָן, גוטמאַן, היימאַן הערצינגער, ראָזענבלאַט. און עס טרעפן זיך קאָמישע סיטואַציעס — אין איין דרום־שטאַט איז דער נאָמען פונעם פּרעזידענט פון דער סינאַגאָגע סמיט (זון אימיגראַנט פון פּוילן) און דער נאָמען פונעם אָרטיקן לוטערישן גלח איז כהן״ 1).

ווייטער שרייבט דער זעלבער וועגן דער קעגנוואַרט: „בערך איינער פון יעדע דריי יידישע בחורים האָט חתונה מיט אַ קריסטין. דער פּראָצענט איז אַ ביסל קלענער אין די גרעסערע פונקטן. די דאָזיקע געמישטע חתונות זענען געוואָרן אַזאַ אַלגעמיינע דערשיינונג, אַז זיי רופן שוין גאָר נישט אַרויס קיין אויפרעגונג אין דער קהילה״.

מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן גייסטיק־קולטורעלער אַסימילאַציע ביי פאַרשיידענע פעלקער — פיל וויכטיקער און באַדייטנדיקער איז די ביאָלאָגישע אַסימילאַציע, די פיזישע צוזאַמענשמעלצונג. דאָס איז דאָך די העכסטע און די לעצטע סטאַדיע פון אונטערגאַנג פון די מיעוטים, פון פאַרשווינדן אינעם ים פון דער מערהייט. און דאָ שטעלט זיך אַרויס ביז גאָר בולט, אַז, פון איין זייט, גיבן יידן אַ סך אַ קלענערן פּראָצענט פון ביאָלאָגישער אַסימילאַציע, ווי וועלכעס ס׳נישט איז אַנדער פאָלק; פון דער צווייטער זייט אָבער ווערט נישט ווייניקער באַוויזן, אַז אויך די יידישע ביאָלאָגישע אַסימילאַציע האַלט אין וואַקסן, לאַנגזאַם, אָבער דאָך אין וואַקסן.

שטודיעס וועגן דער דאָזיקער פאַר אַמעריקע ביז גאָר וויכטיקער פּראָבלעם זענען פאַראַן אַ סך. מיר קענען,ליידער, שענקען נאָר אַ גאַנץ באַגרענעצטע אויפמערקזאַמקייט דער דאָזיקער פראַגע. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די פאָרשונג פון דער דאָזיקער פראַגע אין ניו־הייווען פון קענעדי 2) איז איינע פון די בעסטע, אויב נישט די סאַמע בעסטע. זי האָט פיל מעלות — ערשטנס, נעמט זי אַרום אַ לאַנגע תקופה פון גאַנצע 70 יאָר; צווייטנס, גיט זי אונדז פיר צייט־פונקטן, וואָס עס מאַכט מעגלעך פעסטצושטעלן די מדרגה פונעם טעמפּ פון דער אַנטוויקלונג פון די געמישטע חתונות; דריטנס, נעמט זי אַרום אַ גרויסע צאָל פעלקער און אַלע דריי רעליגיעס.

לויט דער מדרגה פון ביאָלאָגישער אַסימילאַציע פאַרנעמען יידן דעם לעצטן פּלאַץ — און דייטשן דעם ערשטן פּלאַץ! כמעט גאַנץ דריי פערטל דייטשע חתונות זענען אין 1940, געמישטע. 1870 זענען ביי די בריטיש־אַמעריקאַנער געווען קנאַפּע 8 פּראָצענט געמישטע חתונות און ביי די דייטשן העכער 13 פּראָצענט.

1) Congress Weekly, 1951, 31, XII.
2) Ruby Jo Reeves Kennedy, Singl or Triple Melting Pot? Intermarriage frends in New Haven, 1870—1940, in The American Journal of Sociology, 1944, pp. 331—339.

טאַבעלע 24

## דער פּראָצענט ריינע נאַציאָנאַלע חתונות ביי פאַרשיידענע פעלקער אין ניו־הייוון

| נאַציאָנאַלער גרופּעס | 1870 | 1900 | 1930 | 1940 |
|---|---|---|---|---|
| 1) יידן | 100.00 | 98.92 | 95.00 | 93.70 |
| 2) בריטיש־אַמעריקאַנער | 92.31 | 72.00 | 58.82 | 54.56 |
| 3) דייטשן | 86.67 | 55.26 | 39.84 | 27.19 |
| 4) איירישע | 93.05 | 74.75 | 64.25 | 45.06 |
| 5) פּאָליאַקן | — | 100.00 | 68.04 | 52.78 |
| 6) איטאַליענער | — | 97.71 | 86.71 | 81.89 |

געמישטע חתונות. 1940 האָבן די ענגליש־אַמעריקאַנער געהאַט נאָר 45 פּראָצענט געמישטע חתונות און די דייטשן — 73. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין די געמישטע חתונות שפּילט אַ גרויסע ראָלע דער סאָציאַלער מאָמענט און די בריטיש־אַמעריקאַנער האָבן אַ העכערן פּראָצענט הויכע־ און מיטל־קלאַסן, וועלכע האַלטן זיך איזאָלירט און אָפּגעזונדערט פון אַנדערע גרופּעס.

די ביאָלאָגישע אַסימילאַציע איז געגנוג הויך אַבסאָלוט ביי אַלע פעלקער, וועלכע קענעדי ברענגט אין דער טאַבעלע — נעמט מען דעם פּראָצענט געמישטע חתונות פאַר דער גאַנצער תקופה פון 70 יאָר גייט די רייע אַזוי לויט דער העכסטער מדרגה פון געמישטע חתונות 1):

| | | |
|---|---|---|
| 1) | דייטשן | 52.56 |
| 2) | פּאָליאַקן | 42.39 |
| 3) | איירישע | 35.47 |
| 4) | בריטיש־אַמעריקאַנער | 32.50 |
| 5) | איטאַליענער | 14.88 |
| 6) | יידן | 5.28 |

ביי באַזונדערע פעלקער האָבן געווירקט פאַרשיידענע פאַקטאָרן — ערשטנס דער דויער פון איינוואַנדערונג און אויך דער דויער פון זיך באַזעצן אין ניו־הייווען. שנית, די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געגעבענער באַפעל־קערונג און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט די הויך פון בילדונג און קולטור. מיר קענען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די אַלע פּרטים. פאַר אונדז איז געווען וויכ־טיק צו ווייזן, ווי אינטענסיוו עס גייט די נישט־יידישע ביאָלאָגישע אַסימילאַציע

1) Kennedy, p. 333.

אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און ווי ווייט יידן שטייען אין דעם פּרט אָפּ אַבסאָ־לוט פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס. יידן שטייען באַדייטנדיק אָפּ פון אַנ־דערע פעלקער אָבער פאַר זיך גענומען ווערן זיי אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון ביאָלאָגישער אַסימילאַציע, וועלכע האַלט אין שטייגן מיט דעם דויער פון איינגעזעסנקייט און פון קולטור־אַסימילאַציע.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז ביי אַלע פעלקער, חוץ די בריטיש־אַמערי־קאַנער, איז די ביאָלאָגישע אַסימילאַציע אין לעצטן צענדליק יאָר — 1930־1940 — געווען אינטענסיווער, ווי אין די פריערדיקע צענדליקער יאָרן.

לויט די דאַטעס פון קענעדי פאַר ניו־הייווען קומט אויס, אַז יידן האָבן חתונה אַ ביסל מער מיט פּראָטעסטאַנטן, ווי מיט קאַטאָליקן — 1900 האָבן חתונה געהאַט 1.18% מיט פּראָטעסטאַנטן און נול מיט קאַטאָליקן. 1940 האָבן יידן חתונה געהאַט מיט פּראָטעסטאַנטן 3.62% און מיט קאַטאָליקן — 2.06.

דער העכער ציטירטער רעי באָבער 2) ברענגט דאַטעס וועגן 130 געמישטע חתונות — פון זיי זענען געווען יידן מיט קאַטוילישע פּאַרטנערס — 83 און יידן מיט פּראָטעסטאַנטישע פּאַרטנערס — 47. פון די 83 חתונות מיט קאַטאָליקן זע־נען געווען 54 יידישע מענער מיט קאַטוילישע פרויען און 29 יידישע פרויען מיט קאַטוילישע מענער. פון 47 חתונות מיט פּראָטעסטאַנטישע פּאַרטנערס זענען געווען — 31 יידישע מענער מיט פּראָטעסטאַנטישע פרויען און 16 יידישע פרויען מיט פּראָטעסטאַנטישע מענער.

באָבער שטעלט זיך אָפּ אויספירלעך אויף די דאָזיקע פראַגן און ס'איז כדאַי צו ברענגען אַ גרעסערע ציטאַטע פון זיין אַרבעט 1):

„רעליגיע איז נאָך אַלץ אַ געוואַלדיקע וואַנט, וואָס לאָזט נישט צו צו חתונות פון מענטשן, וואָס וואָלטן מער אָדער ווייניקער געפּאַסט צווישן זיך. היינ־טיקע יונגע מענטשן, וועלכע גלויבן, אַז רעליגיע האַלט בכלל ביים פאַרשווינדן, ווילן נישט, אַז זייערע סימפּאַטיע־געפילן זאָלן זיין געצוימט פון רעליגיעזע מאָ־מענטן. זיי גלויבן בכלל, און דאָס איז אַ טיפער טעות, אַז מענטשן פון פאַרשיי־דענע רעליגיעס אונטערשיידן זיך נאָר אין דעם איינעם פּרט. אין דער אמתן ווירקן דערביי פילע אַנדערע מאָמענטן".

ער באַאַרבעט דעריבער דעם מאַטעריאַל אין פּרט פון גליק פון די געמישטע פּאָרלעך — ביי די יידישע מענער, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט קאַטוילישע פרויען, זענען געווען גליקלעכע פּאָלגן 75 פּראָצענט; ביי די יידישע פרויען, וועל־כע האָבן חתונה געהאַט מיט קאַטוילישע מענער, זענען געווען נאָר 60 פּראָצענט גליקלעכע. ביי די יידישע מענער, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט פּראָטעסטאַנ־טישע פרויען זענען געווען 80% געלונגענע חתונות און ביי די יידישע פרויען,

1) Baber, p. 710.

וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט פּראָטעסטאַנטישע מענער, נאָר 76. אין אַלגע־מיינעם איז דעם יידן פון ביידע מינים זיך גרינגער צוזאַמענצולעבן מיט פּראָ־טעסטאַנטישע פּאַרטנערס. דאָס דערקלערט זיך מיט דער העכערער רעליגיעזיטעט פון די קאַטאָליקן. ער שרייבט ווייטער, אַז ביי די יידישע געמישטע חתונות זענען רעליגיעזע סיבות און מאָטיוון פון קאָנפליקטן געווען צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אַנדערע מאָמענטן. און אין דער מערהייט פאַלן האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן דער פראַגע ווי צו דערציִען די קינדער.

דער פראָצענט גליקלעכע געמישטע פּאָרלעך ווייזט, לויט אונדזער מיינונג, אַז די הויכע טראַדיציאָנעלע מחיצה, וועלכע האָט טויזנטער יאָרן צעטיילט יידן און נישט־יידן, וועלכע האָט געגרייכט ביזן הימל אַריין — אָט די דאָזיקע הויכע וואַנט איז געוואָרן פיל נידעריקער און העכער דריי פערטל יידישע מענטשן לעבן זיך גאַנץ גוט אויס מיט נישט־יידישע פּאַרטנערס.

לאָמיר זיך אומקערן צו דער פראַגע וועגן ביאָלאָגישער אַסימילאַציע ביי נישט־יידישע פעלקער

בעסי בלום וועסעל 1) ברענגט פאָלגנדיקע דאַטן וועגן געמישטע חתונות אין וואונסאָקעט, ראָד איילאַנד.

אין דעם דאָזיקן שטעטל האָט זי 1926 אָנגעציילט פון 2.876 חתונות, וועלכע האָבן אַרומגענומען 5.752 נפשות, 17.8% געמישטע. לויט דורות האָבן זיך די געמישטע חתונות אַזוי געטיילט: ביים ערשטן דור איינגעוואַנדערטע — 9.6%; ביים צווייטן דור — 20.9%; און ביים דריטן דור — 40.4%. אָט דאָס איז דער אמתער טעמפּ פון ביאָלאָגישער אַסימילאַציע! און אַזוי ווי פיל איינוווינער פון די שטאָטן האָלטן שוין איצט ביים פערטן און ביים פינפטן דור, איז קלאָר, אַז די ביאָלאָגישע אַסימילאַציע איז שוין איצט אַ סך ווייטער, ווי אין יאָר 1926. און וואָס האַמאָגענער די אַרומיקע געזעלשאַפט ווערט, וואָס האַרמאָנישער אין נאַציאָנאַלן זין אַמעריקע ווערט, אַלץ שווערער ווערט פאַר יידן בלייבן אָפּגעזונ־דערט אַלס אַ נאַציאָנאַלע גרופּע.

די זעלבע פרוי בלום ברענגט ווייטער, אַז ווען מען זאָל פאַר מענטשן פון געמישטן בלוט רעכענען אַזעלכע, ביי וועלכע צוויי זיידעס און צוויי באָבעס זענען נישט פון דעם זעלבן שטאַם, וועט זיך באַקומען, אַז אין וואונסעקאָט זענען פון געמישטן בלוט: 12.6% פון די פראַנצויזיש־קאַנאַדער קינדער! 36.9% פון די ענגלישע; 40.9% פון די אירלענדישע; 8.2% פון די סלאַווישע; 3.5% פון די איטאַליענישע; און 2.6% פון די יידישע.

יידן פאַרנעמען דאָס לעצטע אָרט און ס׳איז אָנצונעמען, אַז נישט נאָר

1) a) Weisel, Bessie Bloom, An Ethnic Survey of Woonstocket, Rhode Island, Chicago, 1931, p. 109—112.
b) Sherman, p. 119.

צווישן דער פרישקייט פון דער איינוואַנדערונג, ווי ביי די לעצטע צוויי נישט־יידישע גרופּעס (סלאַווישע און איטאַליענישע), נאָר צוליב דעם תהום, וואָס טיילט נאָך אַלץ אָפּ דעם ייִד פון דעם נישט־ייִד. דער תהום ווערט פאַרשאָטן, געוויס, נאָר זייער לאַנגזאַם. דער „לאַנגזאַם" ווערט שוואַכער און שוואַכער וואָס טיפער עס גייט די גייסטיק־קולטורעלע אַסימילאַציע, וואָס העכער עס שטייגט דער עקאָנאָמישער מצב, וואָס מער יידן פילן זיך פריי און באַגלייך מיט אַלע בירגער; הכלל, וואָס בעסער, אַלץ ערגער; וואָס בעסער דער גלות, אַלץ צווייפל־דיקער דער נאַציאָנאַלער עתיד פונעם גלות־יידנטום. דאָ גייט נישט אין „וישמן ישורון ויבעט" — ס'ליגט אין דער נאַטור פון דער אַנטוויקלונג. און יידן זענען בשר ודמס און זענען אונטערגעוואָרפן אַלגעמיינע געזעצן פון אַנטוויקלונג און צופאַסונג. די יידישע געשיכטע האָט אַרויפגעצווונגען אייגנאַרטיקייטן און באַזונ־דערקייטן אין דער יידישער לאַגע און אין דער יידישער באַנעמונג — זי האָט אָבער נישט אָפּגעשאַפט לגבי יידן די לעבנס־געזעצן.

## ד) אין קאַנאַדע

טרעט מען אַריין אין די גרענעצן פון קאַנאַדע אָטעמט מען אָפּ פרישער — דאָ האָבן מיר עקזאַקטע אָפיציעלע ציפער פאַר אַ גענוג לאַנגן פעריאָד און מיר טאַפּן נישט אין דער פינצטער, נאָר מיר זעען דעם טעמפּ פון דער אַנטוויקלונג פון די געמישטע חתונות קלאָר און דייטלעך.

צוערשט עטלעכע ווערטער וועגן דער פיזיאָנאָמיע פון קאַנאַדער ישוב. אין יאָר 1901 זענען געווען אין קאַנאַדע אַ ביסל מער פון 16 טויזנט (16.401) יידן — אין יאָר 1951 קרוב צו 205 טויזנט (204.836). דער גאַנצער ישוב איז לכן זייער אַ יונגער — ער באַשטייט אין זיין מערהייט פון צוויי קאַטעגאָריעס יידן: פון געבוירענע אין קאַנאַדע פונעם ערשטן דור איינוואַנדערער און פון די איינ־געוואַנדערטע גופא. די גרויסע מערהייט פון די קאַנאַדער יידישע איינוואַנדערער באַשטייט פון געקומענע פון די מזרח־אייראָפּעישע לענדער. די איינוואַנדערער פון די גאָר לעצטע 10־15 יאָר זענען באַשטאַנען פון אַ גאָר גרויסן פּראָצענט שטרענג אָרטאָדאָקסישע יידן. און אין די לעצטע צען יאָר האָבן איינגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע מער פון 30 טויזנט יידן, וואָס עס האָט געהאַט אַ גאַנץ מערקבאַרע השפעה אויף דעם חינוך אין דאָזיקן לאַנד.

דער קאַנאַדער ישוב האָט אַ שם אין דער וועלט, און בלתי ספק פאַרדינטן שם, אַלס אַ נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקער און אַקטיווער. גאָר אַ גרויסער פּראָצענט קינדער לערנט זיך אין יידישע אינטעגראַלע שולעס, ווו זיי באַקומען אַ גרינטלע־כע נאַציאָנאַלע דערציִונג.

אַט זענען אָפיציעלע ציפער וועגן פּראָצענט געהייראַטע מיט אַ נישט־ייִדישן פּאַרטנער, ביי דעם דאָיִקן יונגן און נאַציאָנאַל אויסגעצייכנטן ייִדישן קיבוץ (דורכשניט־ציפער) 1):

| | | |
|---|---|---|
| 1) | 1925 — 1921 | 5.8 |
| 2) | 1946 — 1944 | 10.5 |
| 3) | 1949 — 1947 | 9.8 |
| 4) | 1951 — 1950 | 10.4 |

די גאָר קליינע צאָל אַלט־איינגעזעסענע ייִדן (1901 — 16 טויזנט) האָבן אין די 20ער יאָרן שוין געגעבן קרוב צו 6 פּראָצענט געמישטע חתונות. פּאָר צוויי צענד־ליק יאָר האָט זיך דער פּראָצענט געמישטע חתונות כמעט פּאַרטאָפּלט. אמת, אין די גאָר לעצטע אַכט יאָר — יאָרן פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, פון איין זייט, און פון אויפקום פון מדינת ישראל, פון דער צווייטער זייט, איז דער פּראָצענט בערך סטאַביל. די קליינע וואַקלונגען האָבן נישט קיין גרויסע באַדייטונג. אין אַלגעמיין קען מען רעכענען, אַז מיר האָבן איצט בערך צען פּראָצענט געמישטע חתונות ביים קאַנאַדער ייִדנטום, אַ העכערן פּראָצענט, ווי ביי די דייטשע ייִדן אין 1900, בערך נאָך הונדערט יאָר פון אַ שטאַרקן אַסימילאַציע־שטראָם, פון אַ אַסימילאַציע, וואָס איז געפּרעדיקט געוואָרן ווי אַ אידעאַל.

אַט דער דאָזיקער פאַקט, וואָס ביי אַ גאַנץ יונגן ייִדישן ישוב פון מזרח־אייראָפּעיִשן אָפּשטאַם און אין אַן עפּאָכע פון אַן אינטענסיווער נאַציאָנאַלער באַ־וועגונג איז דער פּראָצענט געמישטע חתונות העכער ווי ביי אַ קיבוץ, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ אַסימילאַציע־אַנטוויקלונג פון בערך הונדערט יאָר — אַט דער דאָזיקער פאַקט איז זייער און זייער סימפּטאָמאַטיש. ער באַטאָנט דעם חילוק אין דער אינטענסיווקייט און אפשר אויך אין כאַראַקטער פון אַסימילאַציע ביי אַן אייראָפּעיִשן ייִדישן ישוב, וואָס איז פּאָרט אָנגעלאָדן מיט טויזנט־יאָריקער טראַ־דיציעס און דערביי אָטעמט ער ביי די בעסטע פּאָליטישע באַדינגונגען פּאַרסמטע לופט פון ירושהדיקן טיף איינגעוואָרצלטן אַנטיסעמיטיזם, און אַ ישוב אין אַ צפון־אַמעריקאַנער לאַנד, ווו דער ייִדישער ישוב איז פּאָרט אַן איינגעוואַנדערטער און דאָס מיינט אויסגעוואָרצלטער און מיט אונטערגעהאַקטע נאַציאָנאַלע פליגל און די אַרומיקע לופט איז כמעט ריין פון שינאת ישראל.

## ה) אין ענגלאַנד

מיר מאַכן אַ שפּרונג פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט אויפן אייראָפּעיִשן, ווייל אַלע ענגליש־שפּרעכנדיקע לענדער האָבן עטלעכע צד חשוהס: ערשטנס, איז

1) די ציפער הן וועגן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע און הן וועגן די גע־מישטע חתונות זענען גענומען פון די אַרבעטן פון לואי ראָזענבערג, דירעקטאָר פון סטאַ־טיסטישן אָמט ביים קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס.

דער אַסימיליר־פּאָטענציאַל אין די דאָזיקע לענדער אַ הויכער צוליב דער הויכער מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור; שנית, איז דער אַנטיסעמיטיזם אין די דאָזיקע אַלע לענדער דער שוואַכסטער צווישן אַלע גלות־לענדער. ביידע מאָמענטן ווירקן אין דער ריכטונג פון אינטענסיפיקאַציע פון די געמישטע חתונות.

דאָך פאַרמאָגט דער ענגלישער יידישער קיבוץ אַ פּאָר שטריכן, וועלכע טיילן אים אָפּ פון די העכער באַהאַנדלטע ענגליש־רעדנדיקע לענדער. ראשית, איז דער יידישער ישוב אין ענגלאַנד עלטער — די איינוואַנדערונג פון דייטשע יידן איז געווען פאַרענדיקט אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט און פון די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. די נייע איינוואַנדערונג אין די היטלער־ און מלחמה־יאָרן איז באַשטאַנען דער עיקר פון אַסימילירטע דייטש־עסטרייכישע און בעמען־מערישע יידן.

וועגן יידישער איינוואַנדערונג קיין ענגלאַנד פון סוף 17טן און 18טן יאָרהונדערט שרייבט איגנאַץ צאָלשאַן 1):

„די אַלט־איינגעזעסענע יידן אין ענגלאַנד, וועלכע ווינען דאָרטן שוין עטלעכע דורות, האָבן זיך אין משך פון 19טן יאָרהונדערט פאַרשמאָלצן מיט די העכסטע ענגלישע געזעלשאַפטס־קרייזן“.

ווי ווייט עס איז געגאַנגען אין ענגלאַנד די יידישע אַסימילאַציע ווערט קלאָר פון דער צאָל משומדים אין משך פון 19טן יאָרהונדערט — 28.830! (2). נעמט מען אין אַכט, אַז אָנהייב 19טן יאָרהונדערט זענען געווען אין גאַנץ ענגלאַנד נישט מער פון 10 טויזנט יידן; מיטן 19טן יאָרהונדערט נישט מער פון 40 טויזנט יידן; אין די 80ער יאָרן נישט מער פון 75 טויזנט און סוף 19טן יאָרהונדערט קנאַפּע צוויי הונדערט טויזנט יידן, ווערט ערשט קלאָר דער באַטייט פון דער געבראַכטער ציפער משומדים.

מאַכן מיר גלייך אַ שפּרונג צו אונדזערע צייטן. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז עפּעס אַן אומרו האָט באַהערשט די יידישע געזעלשאַפט אין פיל שטעט פון ענגלאַנד אין פרט פון געמישטע חתונות. די פאַרשפּרייטסטע וואָכנצייטונג פונעם ענגלישן יידנטום „דזשואיש כראָניקל“ ווערט ממש פאַרפלייצט מיט אַרטיקלען און בריוו וועגן דער דאָזיקער מגפה. קיין ציפער זענען נישט בנימצא, נאָר פון דעם פחד, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף פאַרשיידענע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט, ווערט קלאָר, אַז די געמישטע חתונות זענען געוואָרן אַזאַ אָפטע און פאַרשפּרייטע דערשיינונג, אַז מען מוז זוכן מיטלען צו באַקעמפן די דאָזיקע מכה. ווייל מיר האָבן נישט קיין ציפער, וועלן מיר זיך דערלויבן ברענגען אויסצוגן פון עטלעכע נומערן פונעם „דזשואיש כראָניקל“ נאָר פון יאָר — 1953. זעלבסט־

1) Dr. Ignaz Zolschan, Das Rassenpoblem. Wien und Leipzig, 1930, p. 479.

2) אידישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש) ב. 11, זייט 888.

פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן אָפּגעקליבן די אינטערעסאַנטערע און אינהאַלטלעכערע שטעט.

אין „דזשואיש כראָניקל" פון 24טן אַפּריל 1953, געפינען מיר אַן אַרטיקל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די געמישטע חתונות זענען אַ פראַגע פון די ייִדישע געמיינדעס". דער מחבר שרייבט: „כאָטש פאַלן פון געמישטע חתונות טרעפן זיך ביי אַלע קלאַסן פון ענגלישן ייִדנטום, איז דאָס דאָך אַן אויסנאַם-דערשיינונג אין אַ שטרענג-אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע; אַן אָפטערע זאַך אין ווייניקער פרומע משפּחות; און שוין אַ גאַר אָפטע דערשיינונג ביי די אַלט-אייגעזעסענע ענגליש-ייִדישע פאַמיליעס. עס זענען פאַראַן סימנים, אַז סטודענטן, בכלל פּראָפעסיאָנאַלן (באַזונדערס מעדיצינער) גיבן אַ גרעסערן פּראָצענט געמישטע חתונות, ווי אַנדערע גרופּע. און צווישן די קינסטלער איז דאָס אַ געוויינלעכער אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן אָנגענומענע כללים. אויף דעם אַנדערן עק פון סאָציאַלער לאַגע און פון הכנסה, ביי די אַרבעטער, איז די געמישטע חתונה נישט קיין זעלטענע דערשיינונג ביי די ייִדישע אָנגעשטעלטע אין „נישט-ייִדישע" פלעצער (באַאַמטענטום וכדומה)".

דער מחבר ברענגט ווייטער באַווייזן, אַז די געמישטע חתונות גיבן אַ גרעסערע פּראָפּאָרץ פון גטן און באַטאָנט די באַזונדערע שווערע לאַגע פון די קינדער פון געמישטע חתונות ביי געגטע פאַלן. ער קומט צום אויספיר, אַז די קינדער פון דער מערהייט פון געגטע פאַרלעך פון געמישטע חתונות גייען פאַרלאָרן פאַרן ייִדנטום, ווייל „זיי זענען מער געניגט צו ווערן איינגעשלונגען פון דער מערהייט-קולטור, ווי בלייבן אין דער מינדערהייט-גרופּע".

אָט די לעצטע מיינונג מוז מען נעמען אין אַכט אויך אין אַמעריקע און זיך נישט איינרעדן, אַז מיר באַקומען אַ גרויסן צוקום דורך די פאַלן, ווען דער קריסטלעכער פאַרטנער נעמט אָן די ייִדישע רעליגיע. זייער אָפּט קומט אַ גט אַפילו נאָך דעם, ווי דער קריסטלעכער פאַרטנער האָט זיך געהאַט מגיר געווען. דער לעצטער קערט זיך אום צו זיין ערשטער רעליגיע און די קינדער ווערן מיטגעצויגן.

אין דער זעלבער צייטונג פון 8טן מאַי 1953, געפינען מיר אַ באַריכט פון אַ ראַביים-קאָנפערענץ. דער קאָפּ פון באַריכט איז שוין כאַראַקטעריסטיש: „די ייִדישע פאַמיליע אין געפאַר". און ווייטער: „ביי דער צענטער קאָנפערענץ פון די ראַביים איז געמאַכט געוואָרן שווערע וואָרענונגען בנוגע דער ירידה אין דער ייִדישער פאַמיליע. אַ באַזונדער ערנסטע וואָרענונג איז געמאַכט געוואָרן בנוגע דעם באַדייטנדיקן וווקס פון די געמישטע חתונות".

אינעם באַריכט פונעם דיין גרינפעלד אויף דער זעלבער קאָנפערענץ טרעפן מיר פאָלגנדיקע ווערטער:

„פאַרגלייכנדיק די ציפער, קומט מען צום שלוס, אַז מינימום צען פּראָצענט,

גיכער העכער 12 פּראָצענט פון יידישע חתונות זענען געמישטע, דאָס איז אַ קאָנסערוואַטיווע שאַצונג".

אין דער זעלבער צייטונג פון 22טן מאַי 1953, געפינען מיר אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן פּאָרטראַג פון ד"ר זאַלמאַן אין דער ענגליש־יידישער היסטאָרי־שער געזעלשאַפט. ער שטעלט פעסט, אַז „די געמישטע חתונות זענען דער צע־לייגנדיקסטער פאַקטאָר אין יידישן לעבן". ער גיט צו פאָלגנדיקע ביז גאָר כאַ־ראַקטעריסטישע און פאָר אונדז ביז גאָר ווichטיקע ווערטער:

„נאָר עס זענען פאַראַן אַ סך, ביי יידן און נישט־יידן, פרויען און מענער פון העכערער קולטור, וועלכע פילן, אַז עס איז געקומען די צייט פון אומוואָרפן אַלע צוימען און מחיצות צווישן גלייכע".

מיר האָבן העכער אָנגעוויזן, אַז וואָס מער יידן מיט העכערער בילדונג, אַלץ העכער דער פּראָצענט געמישטע חתונות — און די טענדענץ גייט אין דער דאָזי־קער ריכטונג, ווי מען קען גרינג באַווייזן, אַבסאָלוט אין אַלע לענדער.

דער רעפערענט איז געקומען אין זיין פּאָרטראַג, וואָס האָט אַרויסגערופן נישט נאָר אַ גרויסן אינטערעס אין דער יידישער געזעלשאַפט נאָר אויך שאַרפע וויכוחים, צו פאָלגנדיקע אויספירן:

„א) דאָס ענגלישע יידנטום וועט זיך פאַרקלענערן אין רעזולטאַט פון גע־מישטע חתונות;

ב) די אַנטוויקלונג גייט לינקס, דאָס מיינט פון אָרטאָדאָקסיע צו רעפאָרם;

ג) די צאָל יידן, וואָס פאַרשווינדן דורך אונטערטוקן זיך אין דער קריסט־לעכער געזעלשאַפט, וועט גיך וואַקסן".

אין נומער פון 16טן אָקטאָבער 1953, פון דער זעלבער צייטונג געפינען מיר אַן אַרטיקל פון אַ ראַביי, וואָס האָט אין דער לעצטער מלחמה געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי און האָט באַזוכט „פיל טיילן פון ענגלאַנד, צפון־אירלאַנד סקאָטלאַנד און די אינדזלען אָרקניי".

ער שרייבט:

„דער דריקנדיקסטער איינדרוק פון דער צעשפּרייטונג פון יידן איז די גע־מישטע חתונות. עס איז זעלטן צו געפינען אַ פאַמיליע, וווּ עס איז נישטאָ קיין געמישטע חתונות". ער ציטירט די ווערטער פונעם דיין אויף דער העכער דער־מאָנטער קאָנפערענץ און ציטירט זיינע ווערטער: „די פראַגע וועגן די געמישטע חתונות איז די לעבנס־פראַגע פונעם ענגלישן יידנטום".

מיר וועלן דורכלאָזן זיינע פּראַקטישע פאָרשלאַגן וועגן שדכנים און ווי דאָס צו אָרגאַניזירן, ווייל זיי דערמאָנען זייער שטאַרק די העכער געבראַכטע פאַקטן וועגן יידן אין די קליינע שטעטלעך פון אַמעריקע.

אין „דזשואיש כראָניקל" פון 6טן נאָוועמבער 1953, געפינען מיר אַ בריוו אין רעדאַקציע פון איינעם פון ניוקעסטעל. ער שרייבט: „דיין גרינפעלד שאַצט,

אַז מינימום 12 מיט אַ האַלבן פּראָצענט חתונות זענען געמישטע. איך מיין, אַז די דאָזיקע צאָלן זענען צו קליין; אין דער צפון־מזרחדיקער געגענט גרייכט דער פּראָצענט געמישטע חתונות ביז 25־20, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס יידישע סאָציאַלע לעבן איז גאַנץ אַקטיוו".

דער מחבר לייגט ווייטער פאָר אַ מיטל וועגן שדכנות, וועלכע מיר לאָזן דורך. אין דעם זעלבן נומער פון דער צייטונג זענען פאַראַן נאָך צוויי בריוו אין רעדאַקציע וועגן דער זעלבער פראַגע, נאָר זיי זענען נישט מוסיף גאָר נישט וויכטיקס צו דער פּראָבלעם.

מיר וועלן פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע יאוש־קאַפּיטל מיט אַ קליינער ציטאַטע פון אַ קאָרעספּאָנדענץ פון לאָנדאָן אין „דזשואיש ספּעקטעיטאָר" (יוני 1954), „נישט געקוקט אויף דער דערוואַכונג פונעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, קומען ווייטער פאָר געמישטע חתונות. אַ יידישער שרייבער, וועלכער קען גאָר גוט זיין איסטענד, האָט מיך פאַרזיכערט, אַז עס איז שווער צו געפינען איין פאַמיליע אין דאָזיקן יידישן צענטער פון לאָנדאָן, ווו עס זאָל נישט זיין קיין געמישטע חתונה".

ווייס איך זייער גוט, אַז אויף איינדרוקן און מיינונגען איז שווער צו בויען עקזאַקטע אויספירן. עס עגבערט אָבער אין מוח: פאַרוואָס אַזאַ פּאַניק? פאַרוואָס אַזאַ יאוש? מענטשן זענען דאָך נישט משוגע אָן סיבות? וואָס האָט מען זיך אָנגעכאַפּט גראָדע אין דאָזיקן ווייטיק, ווען אין יידישן לעבן זענען פאַראַן אַזוי פיל מכות און צרות? מוז דאָך עפּעס שטעקן אין דעם! און אָט דאָס דאָזיקע „עפּעס" איז אפשר נישט ווייניקער ווי ציפער. אַ יאוש און אַ פחד פון אַזעלכע מאַסשטאַבן זאָגן עדות וועגן אַ דעפעקט, וואָס רירט אָן דעם גורל פונעם גאַנצן קיבוץ.

און פון שאַצונגען און מיינונגען און פחד־אויסגעשרייען וועלן מיר איבערגיין צו אַ לאַנד, ווו מיר פאַרמאָגן די עקזאַקטסטע אָפיציעלע ציפער. אמת, דער ישוב איז דאָרטן אַ קליינער, אָבער ער איז בלתי ספק כאַראַקטעריסטיש פאַר מינימום אַ צענדליק אַנדערע קליינע יידישע קיבוצים. מיר האָבן אין אויג די שווייץ.

## ו) אין דער שווייץ

עטלעכע אַריינפיר־ווערטער. לויט דער ציילונג פון 1941 זענען געווען אין דער שווייץ 19.429 יידן. לויט אָפיציעלע שאַצונגען זענען געווען אין 1950 אַרום 18 טויזנט יידן. צו דער ביאָלאָגישער פיזיאָנאָמיע פון דעם דאָזיקן ישוב וועלן אונדז דינען פאָלגנדיקע עטלעכע ציפער וועגן דעם פּראָצענט קינדער און זקנים. דער פּראָצענט קינדער ביז 14 יאָר אין כלל איז געווען: אין יאָר 1930 — 16.0 און אין יאָר 1941 — 12.2. די לעצטע ציפער איז כמעט דריי מאָל קלענער פונעם פּראָצענט קינדער ביי די פּוילישע יידן אין יאָר 1931 און איז כמעט פיר מאָל קלענער, ווי דער פּראָצענט קינדער ביי די מאַראָקאָנער יידן אין יאָר 1946.

עלטער פון 65 יאָר זענען געווען: אין יאָר 1930 — 7.5 און אין יאָר 1941 —13.4. די לעצטע ציפער איז מער ווי צוויי מאָל העכער, ווי ביי די פּוילישע יידן אין יאָר 1931 און ווי ביי די יידן פון ישראל אין יאָר 1950.

און איצט וועגן געמישטע חתונות. פון 1940 ביז 1950 האָבן חתונה געהאַט יידישע מענער 2.120, פון זיי האָבן חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכער פרוי 852, אַלזאָ 40.2%. פון 1.597 יידישע פרויען, וועלכע האָבן אין די זעלבע יאָרן חתונה געהאַט, האָבן גענומען אַ קריסטלעכן מאַן 329, אַלזאָ 20.6%. צוזאַמען באַקומט זיך, אַז פון 3.717 יידישע פּאָרלעך האָבן חתונה געהאַט מיט נישט־יידן 1,181 אָדער 31.8%.

ווי איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון די געמישטע חתונות ביי די יידן פון דער שווייץ? אַט זענען ביז גאָר וויכטיקע און פיל רעדנדיקע ציפער. דער פּראָצענט חתונה געהאַטע מיט אַ נישט־יידישן פּאַרטנער איז געווען 1:

| | מענער | פרויען |
|---|---|---|
| 1880 (1 | 2.8 | 1.9 |
| 1941 (2 | 12.5 | 6.9 |
| 1951 (3 | 40.2 | 20.6 |

דאָס שווייצאַרישע יידנטום באַשטייט פון צוויי פליגל — פון אַלט־איינגעזעסענע דייטשע יידן און פון פריש־איינגעוואַנדערטע מזרח־אייראָפּעישע יידן. די פריש־איינגעוואַנדערטע זענען שוין אָבער אויך גאַנץ אַלט, ווייל בערך פון 1905 האָט מען קיין נייע איינוואַנדערונג כמעט ווי נישט צוגעלאָזט. פאַר די פאַרגאַנגענע קרוב 50 יאָר זענען שוין די מזרח־אייראָפּעישע יידן אין זייער מערהייט געוואָרן מערב־אייראָפּעישע, אויך גענוג אַסימילירט. איבעראַשנדיק אין די נאָר וואָס געבראַכטע ציפער איז דער קאָלאָסאַלער שפּרונג פון 1941 ביז 1951. פון 1880 ביז 1941 איז דער טעמפּ פונעם וווקס פון די געמישטע חתונות געווען זייער אַ לאַנגזאַמער און גראָדע אין דער לעצטע צען יאָר, יאָרן פון דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין דער יידישער געשיכטע און פון גרעסטן גאולה־נס ביים יידנטום, איז דער שפּרונג אַ קאָלאָסאַלער. בייביידע מינים איז דער פּראָצענט געמישטע חתונות העכער ווי פאַרדרייפאַכט. ווייזט אויס, אַז די אַסימילאַציע האָט שוין דערגרייכט יענע הויכע מדרגה און יענע טיפע אַריינוואַקסונג אָדער צוזאַמענוואַקסונג מיט דער אַרומיקער סביבה, אַז קיינע גראַנדיעזע נאַציאָנאַלע דערשיינונגען קענען זי נישט האַמעווען.

1) אַלע נאָר וואָס געבראַכטע ציפערן וועגן דער שווייץ זענען גענומען פון זאַמלבוך פון געמיינדע־בונד פון שווייצאַרישע יידן, אַרויסגעגעבן לכבוד דעם 50־יאָריקן יובל. "Festschrift zum 50-Jahrigen Bestehen", 1954, p. 86—97.

אין דער שווייץ איז די געמישטע חתונה דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז די רבנים האָבן זיך אָפּגעזאָגט ווייטער מגייר צו זיין קריסטן, מערסטנטיילס קריסט־לעכע פרויען, וועלכע זענען פיל אָפטער נוטה אָנצונעמען די יידישע רעליגיע, ווי די קריסטלעכע מענער. די עלטסטע פון די געמיינדעס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם באַשלוס פון ועד הרבנים, מאָטיווירנדיק, אַז דאָס וועט נאָר פירן צום שמד פון די יידישע בחורים.

מיר קענען נישט באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דעם, צי מיר פאַרלירן פון די געמישטע חתונות צי מיר געווינען, ווייל פיל קריסטלעכע פרויען נעמען אָן די יידישע רעליגיע און די קינדער ווערן אויף אַזאַ אופן דערצויגן אין יידישן גייסט. מיר קענען נישט, ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין מאַטעריאַל. אַ פּאָר ציפער וועגן יידישע קינדער אין באַזעל אין יאָר 1952 וועט אומדירעקט אפשר ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע. אין יאָר 1952 זענען ביי די יידן אין באַזעל געבוירן גע־וואָרן 26 קינדער פון זיי 7 פון געמישטע חתונות. פון די זיבן קינדער פון יידישן אָפּשטאַם פון איין צד איז נאָר איין קינד פאַררעגיסטרירט געוואָרן אַלס ייד 1).

## ז) אין פאַרשיידענע לענדער

מיר ווילן אויסנוצן אין דער ערשטער ריי די לאַגע אין לענדער, ווו מיר פאַרמאָגן וועלכע ס'נישט איז ציפער. אַזעלכע ציפער פאַרמאָגן מיר בנוגע ראָ־דעזיע, פּאַקטיש אַ קאָלאָניע פון דרום־אַפריקע. דאָס דאָרטיקע יידנטום באַשטייט אין דער גאָר גרויסער מערהייט פון איבערגעוואַנדערטע פון דרום־אַפריקע, לכן פון ליטווישע יידן, וועלכע האָבן געשאַפן די פיזיאָנאָמיע פונעם דאָרטיקן ישוב.

דער באָארד אָוו דעפּיוטיס פון ראָדעזיער יידן האָט צוגעגרייט פאָלגנדיקן באַריכט: פון 263 פּאָרלעך אין 10 יידישע פּראָווינציעלע געמיינדעס זענען געווען געמישטע 35, אַלזאָ העכער 13 פּראָצענט 2). דער באַריכט שטעלט פעסט, אַז „אין די פּראָווינץ־געמיינדעס איז דער פּראָצענט געמישטע חתונות גרעסער, ווי אין די גרויסע געמיינדעס". און ווייטער פאָלגנדיקע ביז גאָר אינטערעסאַנטע פעסט־שטעלונג: „אַ באַדייטנדיקע צאָל געמישטע חתונות ברענגען די יידישע סטודענטן, וועלכע לערענען אין די ענגלישע אוניווערסיטעטן. יידישע יוגנטלעכע מיט אַ גוטער יידישער דערציִונג, שטודירנדיק אין ענגלישע אוניווערסיטעטן, האָבן נישט קיין קאָנטאַקט מיט יידישע פאַמיליעס". עס ווערט ווייטער דערקלערט מיט דער שטרענגער אָפּגעשלאָסנקייט פון דער יידישער פאַמיליע אין ענגלאַנד.

דער באָארד אָוו דעפּיוטיס באַהאַנדלט גאַנץ ברייט די לאַגע אין די פּראָ־ווינץ־געמיינדעס און קומט צו די אויספירן, אַז מען קען נישט אויסשליסן פון דער געמיינדע די געמישטע פּאָרלעך; מען מוז צו זיי אָנקומען, ווייל די צאָל יידן

1) Israelitisches Wochenblatt, Zurich, 21, VIII, 1953.

2) „דזשואיש כראָניקל", 2טן יוני 1954.

אין אַ געמיינדע איז אָפט אַזוי קליין, אַז אויסשליסן דריי־פיר פּאָרלעך הייסט כמעט ליקווידירן אָדער ווייניקסטנס רויִנירן די גאַנצע געמיינדע.

אָט די באַשריבענע לאַגע אין ראָדעזיע איז אַבסאָלוט ענלעך צום מצב אין גאַנץ אַפריקע. די „אַפריקאַנער אידישע צייטונג" (29טן מאַי 1952) שרייבט:

„עס איז כמעט נישטאָ מער קיין איין פּראָווינץ־שטעטל אין דרום־אַפריקע אָן געמישטע חתונות. עס זענען אויך דאָ רעקאָרד שטעטלעך: צוואַנציק פּראָצענט פון דער קאָמיוניטי געמישטע חתונות" (אונטערגעשטראָכן אין דער צייטונג — י. ל.). נישט אַלע מאָל איז „ער" אַ ייִד. עס זענען פֿאַראַן אויך גענוג פאַרקערטע פאַלן".

מיר זענען געצוווּנגען אויסצונוצן צייטונגס־מאַטעריאַלן, וועלכע גיבן איבער נאָר מיינונגען, רמזים און שטימונגען. בדליכאָ שאני! וואָלטן מיר געקענט האָבן אויף בעסערע און זיכערערע מאַטעריאַלן וועגן די געמישטע חתונות אין פיל לענדער, וואָלטן מיר געוויס געלאָזט צורו אָפגעריסענע ידיעות פון צייטונגס־קאָרעספּאָנדענציעס. אָבער, ליידער, איז אַזאַ האָפענונג נישט פאַראַן. און וויסן ווילט זיך און מיר מוזן וויסן ווי דאָס ייִדישע לעבן זעט אויס אין דער גאָרער וועלט. לכן נעמען מיר דאָס וואָס עס איז בעסער פון גאָר נישט.

— וועגן דעם אַלטן ישוב פון פראַנקרייך האָבן מיר נישט קיין ידיעות — מיר מיינען, אַז די העכער געבראַכטע ציטאַטע פון ד"ר צאָלשאַן וועגן די ענגלי־שע ייִדן פון עלטערע דורות איז אַבסאָלוט אָנגעמאָסטן אויך פאַר די אַלט־אייגע־זעסענע פראַנצויזישע ייִדן.

אמת, בנוגע שמד זענען פאַר פראַנקרייך די צאָלן פיל קלענער, ווי ביי די ענגלישע ייִדן. סך הכל 2.400 פאַרן 19טן יאָרהונדערט 1). דאָס דערקלערט זיך מיט דעם וואָס אין פראַנקרייך זענען געווען אַ סך ווייניקער ייִדן און וואָס פראַנק־רייך איז אַ קאַטוילישע לאַנד. דער עול, וואָס די קאַטוילישע רעליגיע לייגט אַרויף אויף אירע אָנהענגער איז פיל שווערער, ווי ביי דער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע.

אַ באַשטעטיקונג, אַז ביים אַלטן פראַנצויזישן ייִדנטום איז אַ הויכער פּראָ־צענט געמישטע חתונות געפינען מיר אין די ווערטער פון דעם גראַן־ראַבען שמעון שוואַרצפּוקס, אין זיין באַריכט פאַרן יאָר 1953. ער האָט דערקלערט, אַז „אין מער פון אַכט פון יעדע צען חתונות זענען ביידע פּאַרטנערס פון איינער און דער זעלבער עטנישער גרופּע. די פּראָפּאָרציע פון רעליגיעזע חתונות ביי די אין פראַנקרייך געבוירענע ייִדן איז אַזוי קליין, אַז דאָס באַשטעטיקט די ברייט פאַר־שפּרייטע מיינונג, אַז דער אָפּפאַל פון ייִדנטום ביי די אין פראַנקרייך געבוירענע ייִדן איז גרויס און האַלט אין אינטענסיוון וואַקסן" („דזשואיש כראָניקל", 12טן פעברואַר, 1952).

1) אידישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש), .2 .II, ז. 888.

דער קאָרעספּאָנדענט פון „די ציוניסטישע שטימע" (פּאַריז, 8טן יולי 1952) שרייבט:

„ווען איך האָב אין קלערמאָן גערעדט אויפן הערצל־ביאַליק אָוונט און איך האָב באַרירט די דערציִונגס־פּראַגע האָב איך באַמערקט אַ באַזונדערע אויפרודע־רונג צווישן די פּאַרזאַמלטע. איך האָב דאָס לכתחילה נישט פאַרשטאַנען. ערשט ביים אַרויסגיין האָט מיר אַ חשובע צוהערערין קלאָר געמאַכט די טרויעריקע לאַגע פון יידישן קלערמאָן. אָט יענער, זאָגט זי, האָט אַ קריסטלעכן איידעם, אָט אַ דער האָט אַ קריסטלעכע שנור, און אָט דער — דער גאַנצער מאַכער אין שטעטל האָט אַ קריסטלעכע פרוי. און דאָס זענען דאָך אַלץ יידישע יידן".

דאָ איז אַ בילד פון אַ יידישן לעבן אין אַ קהילה מיט 300 יידן. אין אַ קאָ־רעספּאָנדענץ פון טולוז (אין „אונדזער וואָרט", 1טן נאָוועמבער, 1952) ווערט גע־זאָגט, אַז „עס הערשט פּשוט אַ מגפה פון געמישטע חתונות".

דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון „פּאָרווערטס" (27טן מערץ, 1951) דער־ציילט, אַז אַ פּאַריזער יידיש מיידל האָט זיך געשמדט, ווייל „זי האָט אויסגעקליבן די קריסטלעכע רעליגיע און האָט נישט געוווּסט, אַז יידן האָבן אויך אַ רעלי־גיע", אַז די דאָזיקע ידיעה האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער פּרעסע, „האָט אַ ייד פון ריימס, פראַנצויזישע פּראָווינץ, צוגעשיקט אַן עפנטלעכן בריוו, אין וועלכן ער דערציילט, אַז אין ריימס האָבן אין משך פון די לעצטע יאָרן חתונה געהאַט מיט קריסטן פון 60 ביז 70 יידן. פיל פון די דאָזיקע מענטשן שטאַמען פון פיינע יידישע עלטערן, וועלכע זענען געקומען קיין פראַנקרייך פון פּוילן, ווען זייערע קינדער זענען נאָך געווען קליין. די דאָזיקע קינדער פון די געוועזענע אי־מיגראַנטן פון פּוילן זענען שוין איצט קאַטאָליקן און טראָגן צלמים אויף די הערצער".

דער זעלבער קאָרעספּאָנדענט דערציילט, אַז „אין יאָר 1945 איז די צאָל געמישטע חתונות אין דענעמאַרק געווען אַריבער 60 פּראָצענט". ער גיט איבער פאָלגנדיקע ביז גאָר אינטערעסאַנטע און אויך ביז גאָר באַדייטנדיקע געשיכטע, וואָס האָט געטראָפן מיטן באַקאַנטן יידישן שריפטשטעלער אין דענעמאַרק פּנחס וועלנער:

„מיט אַ צייט צוריק איז דער שרייבער פּנחס וועלנער איינגעלאַדן געוואָרן פון דער דענישער ראַדיאָ אויף אַ אינטערוויו וועגן יידישע פּראָבלעמען. דער אינ־טערוויוער, אַ באַאַקאַנטער דענישער שרייבער, איינער פון די בעסטע יידן־פריינט, איז פּלוצים אַרויפגעקומען אויף דער טעמע וועגן געמישטע חתונות. ער האָט געוואָלט וויסן די שטעלונג פון דעם יידישן שרייבער צו דער דאָזיקער פּראַגע. וועלנער האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דער דאָזיקער טעמע, ער איז אָבער

צוגעדריקט געוואָרן צו דער וואַנט. ער האָט געמוזט געבן אַן ענטפער. האָט ער געענטפערט קורץ און שאַרף, אַז די געמישטע חתונות שוואַכן שטאַרק אָפּ דאָס ייִדישע פאָלק".

דער ראַדיאָ האָט באַקומען אַ סך פּראָטעסטן פון ייִדן קעגן דעם וואָס מען האָט אויפגעהויבן די דאָזיקע פראַגע. דער מאָטיוו איז געווען פאָלגנדיקער: „דאָס קלינגט אין די קריסטלעכע אויערן זייער מאָדנע, ממש ווי... היטלעריזם אָדער נאַציזם..."

אינעם „מאָרגן זשורנאַל" פון 10טן יוני, 1952, איז געווען אַזאַ טעלעגראַמע פון בריסל, בעלגיע: „דער היגער ראַבינאַט איז דערשיטערט געוואָרן פון דער באַקאַנטמאַכונג, אַז די מערהייט ייִדישע בחורים און מיידלעך האָבן אין משך פון די לעצטע 12 חדשים חתונה געהאַט מיט קריסטלעכע פּאַרטנערס".

אין „דזשואיש כראָניקל" פון יוני 1952, געפינען מיר פאָלגנדיקע קאָרעס־פּאָנדענץ:

„די גרעסטע זאָרג פון דער בריסעלער ייִדישער געמיינדע איז די צוקונפט. די אַסימילאַציע איז זייער גרעסטע זאָרג. פון נאָך דער מלחמה אָן האָט דער אָפּ־פאַל פון ייִדנטום אָנגענומען מאַסשטאַבן, ווי קיינמאָל נישט. אין די לעצטע עט־לעכע יאָר איז די צאָל חתונות מיט קריסטן גרעסער פון דער צאָל מיט ייִדישע. עס איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס די גרעסטע צאָל קלובן, וועלכע האָבן זיך געגרינדעט נאָך דער מלחמה, האָבן געמוזט געשלאָסן ווערן איבער דער אַפּאַ־טיע פון דער ייִדישער יוגנט".

וועגן אויסטראַליע האָבן מיר אַ גרוס פון ענגלישן גרענד־ראַביי, וועלכער האָט דאָרטן אַרומגערייזט.

דער גרענד ראַביי פון ענגלאַנד בראָדי האָט געגעבן אַ באַריכט פון זיין רייזע איבער די געמיינדעס פון אויסטראַליע און האָט דערציילט, אַז „דער אַלגעמיינער חילול שבת, עסן טרפות און אָפטע געמישטע חתונות — דאָס זענען די צעלייגנ־דיקע קרעפטן פון דער ייִדישער געמיינדע". („דזשואיש כראָניקל" 8טן מאַי, 1953).

מיר פאַרמאָגן אָבער גאַנץ גוטע און עקזאַקטע ציפער וועגן אַ געמיינדע, וואָס איז טיפּיש פאַר אַלע איבעריקע געמיינדעס פון אויסטראַליע און צייכנט זיך מיט גאָרנישט אויס.

די געמיינדע פון דער שטאָט פּערט אין וועסט־אויסטראַליע, וואָס ציילט 2.500 נפשות האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף צו פאָרשן די פיזיאָ־נאָמיע און אַנטוויקלונג פון דער קהילה. און אָט זענען עטלעכע אויספירן („אויס־טראַלישע אידישע נייעס" 9טן יאַנואַר, 1953):

„אונדזער באַפעלקערונג ווערט אַלט און די יאָרלעכע צאָל געשטאָרבענע האַלט אין איין שטייגן. די צאָל קינדער איז שטוינענדיק קליין, און אויב עס וועט נישט אַריינקומען קיין שנוי אין דעם מצב, איז וואָס מיר זאָלן נישט טון פאַרן

קיום פון אונדזער קאָמיוניטי, בלייבט איר אַנטגילטיקע ירידה אַ נישט צווייפל־האַפטע. אַסימילאַציע און געמישטע חתונות זענען בלויז מיטווירקנדיקע פּאַק־טאָרן צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון יידישער דעזאינטעגראַציע. נישט ווייני־קער פון 300 פּערזאָן פון ביידע מינים האָבן חתונה געהאַט מיט נישט־ייִדן. דאָס מאַכט אויס 12 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל חתונה געהאַטע".

דאָס בילד איז מער ווי קלאָר. דאָך ווילט זיך צוגעבן אַ פּאָר ווערטער, וועלכע עס האָט געשריבן הרב יקותיאל קליין („קאַנאַדער אָדלער", 2טן יוני, 1953), וועל־כער האָט אַרומגערייזט איבער די אויסטראַלישע שטעט. ער שרייבט: „דער אַלט־איינגעזעסענער אויסטראַלישער ייִד איז אַ טאָטאַל אַסימילירטער, וועלכער איז פאַרמישט מיט גוים, און אויף אים קען מען זאָגן, אַז „אין בית אשר אין שם מת. אין כמעט יעדער משפחה, זענען פאַרמישט גויישע חתונות".

מיר האָבן געלאָזט דרום־אַמעריקע צום סוף פון דאָזיקן דעזאינטעגראַציע־קאַפּיטל — צוליב פיל סיבות זענען אייניקע גרעסערע קיבוצים פון דרום־אַמעריקע, באַזונדערס אַרגענטינע און באַזונדערס די הויפּט־שטאָט בוענאָס איי־רעס באַקומען אַ נאָמען און געוויס אַ פאַרדינטן נאָמען פון געטרייע יורשים און ממשיכים פון דעם זאַפטיקן נאַציאָנאַלן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. ווילן מיר נישט מיט די קנאַפּע ידיעות וועגן געמישטע חתונות אין די דאָזיקע לענדער צו־נעמען ביי די דאָזיקע קיבוצים זייער שם טוב. פאַרשווייגן אָבער אַזאַ וויכטיקע לעבנס־דערשיינונג, ווי געמישטע חתונות, טאָרן מיר געוויס נישט. מיר ווען דעריבער ברענגען די אינפאָרמאַציעס, צוגעבנדיק, אַז ביי שרעק זענען די אויגן גרויס און די שאַצונגען פון מענטשן, וועלכע האָבן אפשר אַליין שטאַרק גע־ליטן פון דעם אומגליק ,זענען געוויס אַ ביסל איבערגעטריבן. נאָר דער פּחד איז דאָך סימפּטאָמאַטיש און פאַרדינט פאַרנאָטירט ווערן.

אויף דער קאָנפערענץ פון קהילות אין אַרגענטינע סוף זומער 1952 האָבן פיל פּראָווינץ־דעלעגאַטן אָנגעגעבן, אַז דער פּראָצענט געמישטע חתונות אין די פּראָווינץ־קהילות איז העכער 60. לאָמיר נישט מאַכן קיין סטאַטיסטישע חשבונות און לאָזן רעדן דאָס רויע לעבן, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פּרעסע.

דער גוט באַקאַנטער זשורנאַליסט מ. שענדעריי שרייבט זיינע איינדרוקן פון די קליינע שטעטלעך 1):

„אַ ישוב ביז אַרום 30 פאַמיליעס. מיט אַ פאַריין פאָר ווילטעטיקייטן, וואָס איז שוין אַלט 27 יאָר. פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ געביידע וואָס שטייט מערסטנטייל געשלאָסן. בלויז אויף ימים נוראים קומט מען זיך צונויף צו דאַווענען בציבור. געוועזן אַמאָל אַ ביבליאָטעק, איז זי בטל געוואָרן. געמישטע חתונות זענען נישט קיין זעלטענע דערשיינונג. אַ פרומער ייִדישער זיידע האָט אַפילו דורכגעמאַכט די

1) „די אידישע צייטונג", 20סטן יאַנואַר, 1953.

טראַגעדיע צו זען אַן אייניקל פון אַ נישט־יידישער שנור קומען צו קבורה אויפן צווינטער, כאָטש דאָס קינד איז געווען געיידישט זיינערצייט״.

אַ צוויטער אַנגעזעענער זשורנאַליסט י. האָרן דערציילט אין דער זעלבער ציַיטונג פון 3טן מערץ, 1953: „אַ ייד, וואָס וווינט אין אַ וויַיטער געגנט, ווו עס לעבן אַ צוויי הונדערט יידישע פאַמיליעס, איז געקומען צו גאַסט קיין בוענאָס איירעס, איינקויפן יידישע ביכער, ספרים. רעדט זיך דער ייד אַראָפּ פון האַרצן: שלאַנגען בייסן אונדזער לעבן — דאָס זענען די געמישטע חתונות. פאַראַן אין בוענאָס איירעס יידישע סוחרים, וואָס קענען אונדזער שטאָט און די אַנדערע שטעטלעך, ווו עס איז נישט בעסער מיט געמישטע חתונות. דער יידישער טאַטע איז פאַרנומען אין קראָם און די נישט־יידישע פרוי דערציט דאָס קינד. און אַלע טענות, וואָס די פרוי האָט צום מאַן רעדט זי אַריין אין די קינדער, וואָס ווערן אין די מערסטע פאַלן אויפגעהאָדעוועט אין שינאה אַפילו צום אייגענעם טאַטן.

„פאַראַן פרויען, וואָס אין אָנהייב האָבן זיי מורא צו פירן די קינדער אין קלויסטער, אָבער ווען די קינדער ווערן עלטער, טוען זיי דאָס. אין אונדזער געגנט טראָגט זיך אין אַלע ווינקלען — דערציילט דער ייד — אַ געוויין פון געמישטע חתונות. לעצטנס האָט פּאַסירט, אַז אַ זיידע האָט געריסן קריעה ווען אַן אייניקל האָט אים געזאָגט אַז ער האָט דערהאַרגעט זייער גאָט.

„אין יענע טעג האָט מען זיך פאַרזאַמלט און גענומען טראַכטן און ציילן די געמישטע חתונות, איז געוואָרן פינצטער אין די אויגן. עס איז אָנגענומען גע־וואָרן, אַז מען זאָל אויף אַ דעליקאַטן אופן רעדן מיט די טאַטעס און זיי קלאָר מאַכן אין וואָס פאַר אַ סיטואַציע זיי געפינען זיך.

„טאַטעס קענען נאָך ווירקן — פיל ערגער איז מיט די יידישע מיידלעך, וואָס האָבן חתונה מיט קריסטלעכע מענער. זיי האָבן אַפילו נישט קיין מוט צו רעדן אַ וואָרט און זיך איינשטעלן, הגם פיל פון זיי ליידן.

„איך ווייס נישט — האָט דער ייד געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן, ווי עס זעט אויס מיט געמישטע חתונות אין בוענאָס איירעס, ביי אונדז איז אַ חורבן. די באַצייכענונג געמישטע חתונה זאָגט גאָרנישט. עס איז שמד און אַ ירושה פון קינדער, וואָס זענען אין קלויסטער און האָסן דעם יידישן טאַטן״.

מיר וואָלטן געקענט ברענגען נאָך פיל ענלעכע באַשרייבונגען פון קינות און קלאָגן פון פּראָווינץ־יידן איבער דעם גורל פון זייערע קינדער — מיר וועלן זיך באַגרענעצן מיט פאָלגנדיקער ציטאַט, וועלכע סומירט גלענצדיק דעם פּסי־כישן צושטאַנד פון די עלטערן אין דער פּראָווינץ פון אַרגענטינע און אבסאָלוט אין אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. איינער פון די דעלעגאַטן צו דער לאַנד־קאָנפערענץ, וועלכע מיר האָבן העכער דערמאָנט, האָט זיך אַזוי אַראָפּגערעדט פון האַרצן:

„ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט וועגן מיינע קינדער, נעמט מיך אַרום אַ שרעק. ווער ווייס וואָס עס וועט פון זיי ווערן... צוליב די קינדער בין איך אַוועק פון איין אָרט און איך האָב מורא, אַז איך וועל ווידער מוזן אַוועק... כ'האָב מורא פאַר די קינדער.. זיי ווערן פאַרפרעמדט און ווער ווייס צי ס'איז שוין נישט צו שפּעט..." („די אידישע צייטונג", 8טן סעפּטעמבער, 1952).

אַ קליינע דערקלערונג צו דער מורא, וואָס באַהערשט אַזוי דעם טאַטן, געפינען מיר אין אַ צייטונג פון אַ סך אַ קלענערן ישוב, ווי דער אַרגענטינער. די וויטערדיקע ציטאַטע איז בלתי ספק אַן אָפּשפּיגלונג פון דער לאַגע אין אַלע צוויי צענדליק ייִדישע קיבוצים אין דרום־אַמעריקע.

אין „האַוואַנער לעבן", פון 7טן פעברואַר, 1951, לייענען מיר דאָס פאָלגנדיקע:

„אויב עס וועט געלינגען איבעראַנדערשן די זאַך, וועט עס זיין ממש אַ נס... זיי וואָלטן זייער גערן מסכים געווען אויף אַ געריכטלעכע חתונה, פּונקט ווי אַנדערע האָבן דאָס געטון, אַ זאַך וואָס איז שוין באַלד ביי אונדז נישט קיין נייעס אין ישוב. אָבער דורך אַ קלויסטער?"

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אינעם רוב דרום־אַמעריקאַנער לענדער טרעפן זייער זעלטן גיור פון קריסטלעכע פּאַרטנערס ביי געמישטע חתונות — אַ סך אָפטער קומען פאַר שמד פון ייִדישן צד. און די הויפּט־סיבה איז דאָס, וואָס אין ערטער, ווו די צאָל ייִדישע משפּחות איז גאָר קליין, האָבן נישט די ייִדישע קינדער פּשוט מיט וועמען זיך צו חברן און ווו צו פאַרברענגען. חברט מען זיך מיט קאַטוילישע קינדער פון פרומע קאַטוילישע היימען און אין דער דערמאָנטער צייטונג „האַוואַנער לעבן" פון 7טן פעברואַר, 1951, לייענען מיר אַ בריוו אין רעדאַקציע פון אַ יונגער פרוי, וועלכע האָט געלעבט אין דער פּראָווינץ, און איז געגאַנגען אָפט מיט חברטעס אין קלויסטער, ווייל „זי האָט נישט געוואָלט זיין אַנדערש פון אירע שול־חברטעס". געענדיקט האָט זיך דאָס מאָל גוט, ווייל ווי נאָר די עלטערן האָבן באַמערקט, אַז זי חברט זיך מיט אַ קריסטלעכן בחור, האָבן זיי ליקווידירט אַלע געשעפטן און אַוועק קיין האַוואַנע, אין דער הויפּט־שטאָט, ווו עס איז פאַראַן אַ גרעסערע ייִדישע געמיינדע".

נישט ווילנדיק דערמאָנט מען זיך, אַז אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע האָבן הונדערטער טויזנטער ייִדן געלעבט אין די דערפער, אָפט צו צוויי און דריי משפּחות, גאָר זעלטן מער פון אַ פּאָר צענדליק משפּחות. און ווי זעלטן, ממש טאַקע אחד בכפר און צענדליקער יאָרן, פלעגט טרעפן אַן אומגליק, אַז אַ ייִדישער בחור אָדער אַ ייִדיש מיידל האָט זיך פאַרליבט אין אַ קריסטלעכן פּאַרטנער און האָט פאַרלאָזט דאָס ייִדישע פאָלק. ליבע צום קריסטלעכן פּאַרטנער האָט טאַקע אין הונדערט פּראָצענט פאַלן זיך געענדיקט מיט שמד. אָבער ביידע זאַכן זענען געווען אויסנאַמען, שרייענדיקע אויסנאַמען, וואָס פלעגן אויפרודערן נישט נאָר

די קהילה פון דעם פונקט, ווו די טראַגישע געשעעניש האָט פּאַסירט, נאָר ממש טאַקע די גאַנצע גובערניע אָדער וואָיעוואָדשאַפט, אויב אין פּוילן.

פאַרשטייט זיך, אַז אַסימילאַציע פלעג אויך אין מזרח־איראָפּע פירן צו געמישטע חתונות. און מיר האַלטן פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער דאָזיקער פראַגע טאַקע בנוגע די אַמאָליקע מזרח־איראָפּעיִשע לענדער. פון די ווייניקע דאַטן, וועלכע מיר פאַרמאָגן ווערט גענוג קלאָר, אַז אַסימילאַציע פירט אומעטום און מוז פירן צו געמישטע חתונות און אויך צו שמד. אין די קאָמוניסטישע לענדער זענען געשאַפן געוואָרן די מאַקסימאַל־גינציקסטע באַדינגונגען פאַר אינטענסיווער אַסימילאַציע און אין רעזולטאַט די פּאַסיקסטע תנאים פאַר געמישטע חתונות. דערביי געמישטע חתונות, קעגן וועלכע קיינער וואָגט נישט צו קעמפן — נישט די עלטערן און שוין אוודאי נישט די יידישע געזעלשאַפט, וועלכע עקסיסטירט גאָרנישט אַלס אַזעלכע, אַלס אַ יידישער אָרגאַניזם, וואָס זאָל קעמפן קעגן דעזאינטעגראַציע.

אַ גאָר בולט בילד וועגן דעם טיפן תהום־חילוק צווישן אַסימילירטע און נישט־אַסימילירטע יידן גיבן אונדז די ציפער וועגן געמישטע חתונות אין צוויי ראַיאָנען פון דער פריערדיקער טשעכאָסלאָוואַקיע. אַזוי האָבן געגומען אַ נישט־יידישן פּאַרטנער אין יאָר 1933 פון הונדערט געהייראַטע:

| לענדער | יידישע מענער | יידישע פרויען |
| --- | --- | --- |
| 1) בעמען | 30.73 | 25.25 |
| 2) קאַרפּאַטאָרוס | 0.72 | 1.25 |

מען מוז נאָך בעמען אין אַכט, אַז אין 1933 זענען געווען אין קאַרפּאַטאָרוס יידישע באַאַמטע פון בעמען און מערן און עס איז זייער וואַרשיינלעך, אַז די דאָזיקע קליינע צאָל געמישטע חתונות זענען אויך געווען נישט פון אָרטיקע קאַרפּאַטאָרוסישע יידן. ווי באַקאַנט, האָבן די קאַרפּאַטאָרוסישע יידן געהאַט אין די גלות־לענדער דעם העכסטן פּראָצענט באַשעפטיקטע אין לאַנדווירטשאַפט (העכער 27 פּראָצענט פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע), אַלזאָ גאָר אַ הויכן פּראָצענט דאָרף־איינוווינער.

אייניקע ידיעות וועגן די יידן אין פּוילן באַשטעטיקן די נאָר וואָס געבראַכטע דאַטן וועגן די קאַרפּאַטאָרוסישע יידן. אין 1927 זענען געווען אין גאַנץ פּוילן מיט אַ באַפעלקערונג פון בערך דריי מיליאָן יידישע נפשות 25 געמישטע חתונות: 16 מענער האָבן גענומען פּוילישע פרויען און 9 יידישע פרויען האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטלעכע מענער. אין יאָר 1928 זענען געווען אין וואַרשע מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון העכער 300 טויזנט יידן נאָר צוויי פאַלן פון געמישטע חתונות. אויך אין קראָקע, ווו עס זענען געווען 53 טויזנט יידן, זענען אין זעלבן יאָר געווען נאָר צוויי פאַלן פון געמישטע חתונות. אין פּויזן, ווו אין

זעלבן יאָר זענען געווען נישט מער פון אַנדערטהאַלבן טויזנט יידן, וואָס איז אָבער געווען מער פון הונדערט יאָר אַ דייטשע שטאָט, זענען געווען 7 געמישטע חתונות.

אין פוילן איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער שיכט אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ, דאָך איז דער פּראָצענט געמישטע חתונות געווען אַ נישטיקער, ווייל אויך דער דאָזיקער אַסימילירטער שיכט האָט געלעבט אין אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג און דער אויסוואַל פון אַ יידישן פּאַרטנער איז געווען אַ ברייטער. עס איז נישט געווען קיין נויט אָנצוקומען צו דער מערהייט, מיט וועל־כער מען איז געווען שפּראַכלעך און קולטורעל טיף פאַרוואַקסן. אַנדערש איז געווען די לאַגע פון דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ אין די גרויס־רוסישע מעטראָפּאָליעס, ווי אין לענינגראַד און מאָסקווע. צום גליק פאַרמאָגן מיר גענויע ציפער פאַר דער לאַגע אין אַמאָליקן פּעטראָגראַד און אין דעם שפּע־טערדיקן לענינגראַד. מיר וועלן אויף אַזאַ אופן באַקומען נישט נאָר אַ פאָר־שטעלונג וועגן דער פּראָפּאָרץ געמישטע חתונות אין דער הויפּט־שטאָט פון רוס־לאַנד ביים צאַרישן רעזשים, נאָר אויך וועגן דער השפעה פון דער באָלשעוויס־טישער רעוואָלוציע אויף דער דעזאינטעגראַציע פונעם יידנטום.

פון הונדערט פאַרהייראַטע יידן האָבן גענומען אַ נישט־יידישן פּאַרטנער אין פּעטראָגראַד־לענינגראַד:

| יאָרן | יידישע מענער | יידישע פרויען |
|---|---|---|
| 1) 1906—1910 | 8.1 | 8.9 |
| 2) 1922—1924 | 21.3 | 10.5 |
| 3) 1925—1927 | 25.5 | 18.1 |

די ערשטע שורה ווייזט אונדז, ווי ווייט עס האָט שוין דערגרייכט די אַסי־מילאַציע אָנהייב 20טן יאָרהונדערט ביי אַ יידנטום, וואָס האָט געשפּילט די פירנ־דיקע ראָלע אין אַלע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פונעם יידישן פאָלק. גלייך נאָך דער רעוואָלוציע גיט דער פּראָצענט אַ שטאַרקן שפּרונג, נישט געקוקט דערויף, וואָס די צוגעשטראָמטע מאַסן אין די יאָרן פון 1917 און זענען דאָך געקומען פון די תחום־גובערניעס, לכן באַוואָפנט מיט נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון הויכער מדרגה. די דאָזיקע דאַטעס, ווי די העכער געבראַכטע פילע מאָל, באַשטעטיקן דעם כלל, אַז אין 20טן יאָרהונדערט גייט די אַסימילאַציע אינטענסיווער און טיפער, ווי דאָס איז געווען אין 19טן יאָרהונדערט. דאָס דערקלערט זיך טיילוויז מיט דעם וואָס דער טעמפּ פון לעבן איז בכלל געוואָרן אינטענסיווער און מעכ־טיקער. אָבער דאָ קומט צו נאָך אַ ספּעציעל יידישער פאַקטאָר — בעת 95 אָדער

אפשר 98 פּראָצענט פון יידישן פאָלק האָבן געלעבט אָרטאָדאָקסיש און הונדערט פּראָצענט אָפּגעשיידט אין אַלע פּרטים פון דער נישט־יידישער וועלט. האָבן די ערשטע אינדזועלעך פון אַסימילאַציע זיך אַנטוויקלט לאַנגזאַם און נאָך לאַנגזאַמער האָט דאָס געפירט צו געמישטע חתונות, וואָס איז דאָך אַ רעזולטאַט פון אַ הויכער שטופע פון געמיינזאַמקייט און נאָענטקייט אין די לעבנס־פאָרמען און לעבנס־השגות מיט דער מערהייט. גאָר אַנדערש אין 20טן יאָרהונדערט ווען אַפילו די טיף נאַציאָנאַלע און טיילוויז אויך אַפילו אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן פונעם יידישן פאָלק זענען שוין נישט אַזוי הערמעטיש אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט. האָט געמעגט דער יידישער בחור קומען אַפילו פון מירער ישיבה קיין לענינגראַד — זיין אַריינלעבן זיך אין דער רוסישער סביבה און זיין נאָענט ווערן צו אַ קאָמוניסטיש מיידל האָט נישט לאַנג געדויערט און אין רעזולטאַט אין געקומען אַ חתונה.

נאָר אַפילו אין דער באָלשעוויסטישער הפקר־וועלט, ווו עס איז דערקלערט געוואָרן, באַזונדערס פון די יידישע קאָמוניסטן, אַז הכול מותר און אַז די סאָציאַלע און אידעאָלאָגישע געמיינזאַמקייט איז פיל וויכטיקער און באַשטימנדיקער פון דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט, איז דאָך געווען אַ גרויסער חילוק צווישן דער לאַגע אין פּרט פון געמישטע חתונות אין די תחום־גובערניעס, ווו דער טראַדיציאָנעלער יידישער לעבנס־נוסח האָט נאָך געקעמפט מיט דעם חורבן־שטורעם פון די באָלשעוויקעס, און אין דער הויפּט־שטאָט, ווו עס זענען נישט געווען קיינע היסטאָריש־אַנטוויקלטע דאַמבעס און ווו די חורבן־פּאַרפּליי־צונג האָט געטון איר אַרבעט אָן ווידערשטאַנד מצד דעם יידישן טייל. מען מוז אויך נעמען אין אַכט, אַז דער נישט־יידישער צד איז אין לענינגראַד געווען פיל צוגעלאָזטער און געניגטער צו אַ חתונה מיט אַ יידישן פּאַרטנער, ווי דאָס איז געווען אין דער אוקראַינישער אָדער ווייסרוסישער פּראָווינץ.

פאָלגנדיקע דאַטעס אילוסטרירן דאָס נאָר וואָס געזאָגטע. פון הונדערט יידישע געהייראַטע אין די יאָרן פון 1924 ביז 1926 אין כלל האָבן גענומען אַ פּאַרטנער פון דעם נישט־יידישן אַרום 1):

| לענדער | יידישע מענער | יידישע פרויען |
|---|---|---|
| 1) צענטראַל־רוסלאַנד | 20.7 | 12.5 |
| 2) אוקראַינע | 4.2 | 4.9 |
| 3) ווייסרוסלאַנד | 1.9 | 3.7 |

ביי די מענער איז דער פּראָצענט געמישטע חתונות אין די צענטראַלע גובערניעס פינף מאָל גרעסער, ווי אין אוקראַינע און מער ווי צען מאָל גרעסער, ווי

1) אידן אין ססס״ר (רוסיש) מאָסקווע, 1927, ז. 74.

אין ווייסרוסלאַנד. ביי די פּרויען איז די דיפערענץ נישט אַזוי גרויס, נאָר אויך גאַנץ באַדייטנדיק — אין צענטראַל־רוסלאַנד זענען די פּראָצענטער ביי נעמען אַ נישט־ייִדישן מאַן צוויי און אַ האַלב מאָל גרעסער, ווי אין אוקראַינע און העכער דריי מאָל ווי אין ווייסרוסלאַנד.

דער חילוק אין פּראָצענט געמישטע חתונות צווישן אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין אוקראַינע זענען דאָך פאַראַן אַזעל־כע צוויי גרויסע שטעט, ווי קיִעוו און אַדעס. אין די דאָזיקע צוויי שטעט איז, ערשטנס, געווען אַ גרויסער פּראָצענט גרויסרוסן, מיט וועלכע ייִדן האָבן זיך אָפטער מתחתן געווען, און, שנית, איז די ייִדישע באַפעלקערונג פון די דאָזיקע צוויי גרויסע שטעט געווען שוין פאַר דער רעוואָלוציע, פיל אַסימילירטער, ווי אין מינסק, אין דער גרעסטער שטאָט פון ווייסרוסלאַנד.

די נאָר וואָס געבראַכטע ציפער וועגן סאָוועטרוסלאַנד זענען געוויס שטאַרק פאַרעלטערט און האָבן שוין נאָר אַ היסטאָרישן ווערט. אָבער פון זיי קען מען דאָך ציִען זיכערע שלוסן — ערגער איז דאָך געוויס געוואָרן. אין די יאָרן 1926־1924 זענען דאָך די ייִדן אין אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד געווען נאָך געגוג באַ־איינפלוסט פון הונדערט־יאָריקע טראַדיציעס. דאָס אַלץ איז אַוועק צוערשט מיטן רויך פון דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק אין משך פון צוויי צענדליק יאָר און איז ביז צום גרונט אויסגעראָטן געוואָרן פון די היטלער־באַנדעס. די נייע ייִדן־זאַמלונג אָן וועלכע ס'נישט איז ייִדישע בילדונג־אינסטיטוציעס און אָן יעדן סימן פון נאַציאָנאַלער אָדער כאָטש רעליגיעזער אָרגאַניזירטקייט, זענען געוויס פיל מער אויסגעשטעלט צו דעזאינטעגראַציע און אין דעם כלל אויך צו געמישטע חתונות. העכער צוויי דריטל פונעם סאָוועטישן ייִדנטום לעבן איצט גאַנץ ווייט פון די אַמאָליקע טראַדיציאָנעלע תחום־גובערניעס, אַריינגעשפּרענקלט אין קליינע צאָלן אין אַ פרעמדע מאַסע אין די שטעט פון אַזיע און מער קאָנצענטרירט אָבער אויך בטל בששימדיק אין די צוויי הויפּט־שטעט פון סאָוועטרוסלאַנד, אין מאָס־קווע און לעני̇נגראַד.

מיר האָבן דאָך שוין אַ דור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער קאָמוניסטישער וועלט, לכן אָן וועלכע ס'נישט איז ייִדישע טראַדיציעס, אָן וועלכער ס'נישט איז ייִדישער בילדונג, אָפּגעריסן און הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פונעם וועלט־ייִדנטום. פון וואַנען זאָלן זיך נעמען פאַקטאָרן פאַר אַן אָפּהאַלט פון אַ געמישטער חתונה? נישט נאָר איז פאַרשאָטן דער אַמאָליקער טיפער תהום צווישן ייִד און נישט־ייִד, נאָר עס זענען געשאַפן געוואָרן נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע באַדינגונגען און פאַק־טאָרן, וועלכע מאַכן דעם ייִדישן יוגנטלעכן פיזיש און פסיכיש, גייסטיק און קולטורעל נישט נאָר אַריינגעוואַקסן אין דער אַרומיקער מערהייט־סביבה, נאָר אָרגאַניש און מיט אַלע רמ״ח איברים און שסה גידים צוזאַמענגעוואַקסן מיט איר.

קען זייער זיין, אַז עס זענען פאַראַן אין סאָוועטרוסלאַנד אַנוסים, וועלכע

לערנען מיט די קינדער אין די קעלערס אָדער אויף בוידעמער דאַוונען און אַפילו חומש מיט רש״י און אפשר אויך אַ בלאַט גמרא. מעגלעך אויך, אַז עס זענען פאַראַן טרייע ציוניסטן, וועלכע לערנען מיט די קינדער העברעיִש און יידישע געשיכטע און פלאַנצן אין זיי נאַציאָנאַלע צו להכעיס־געפילן. מיר נעמען דאָס אָן אויפן סמך פון דעם, וואָס עס דערציילן פּוילישע יידן, וועלכע זענען געווען אין די מלחמה־יאָרן אין סאָוועטרוסלאַנד. און אויך אויפן סמך פון דער יידישער געשיכטע, וועלכע האָט תמיד געגעבן עקשנים און גרייטע אויף קרבנות על קידוש השם. איך האָב אָבער מורא, אַז דאָס זענען געציילטע יידן, אפשר מנינים אָדער אַ פּאָר מאות — וועגן מאַסן קען קיין רייד נישט זיין. מיר לעבן ביי גאַנץ נייע באַדינגונגען און די היסטאָרישעביישפּילן קענען נישט הורטאָם אָנגענומען ווערן בנוגע די באָלשעוויסטישע אַסימיליר־תנאים. אַפילו ביים לעבן פון די יעווסעקן זענען די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן פון אַסימילאַציע געווען פיל וויכטיקער און משפּיענדיקער, ווי די רדיפות איוף העברעיִש, ציוניזם און רעליגיע. מיטן אונטערגאַנג פון דער יעווסעקציע איז די איבערוואָג פון די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן פון אַסימיליר־פּאָטענציאַל שטאַרק געשטיגן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אויך די טראַדיציאָנעלע יידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע עקשנות איז אין סאָוועט־רוסלאַנד שטאַרק געפאַלן. לייגן אויף איר גרויסע האָפענונגען, וואָלט געווען זיך אַליין נאַרן.

בנוגע די איבעריקע קאָמוניסטישע לענדער, ווו עס לעבן נאָך העכער 350 טויזנט יידן (אין רומעניע — 200 טויזנט; אין אונגאַרן — 100 טויזנט; אין פּוילן — 45 טויזנט; און אין טשעכאָסלאָוואַקיע — 17 טויזנט) זענען קיין שום ידיעות נישט פאַראַן וועגן דער פראַגע פון געמישטע חתונות. בנוגע פּוילן האָבן אַרויסגעקו־מענע אין די לעצטע צוויי יאָר געציילטע יידן דערציילט, אַז די צאָל יידישע פּרויען וועגט שטאַרק אַריבער ביי יידן די צאָל מענער און דאָס טרייבט די ער־שטע צו חתונה האָבן מיט קריסטן. מען קען מיט אַן אומרויקן געוויסן באַהויפּטן, אַז אין די דאָזיקע אַלע לענדער קומען פאָר געמישטע חתונות אויף שריט און טריט און עס איז נישט פאַראַן קיין שום פאַקטאָר, וואָס זאָל אָפּהאַלטן אָדער גאָר שטערן.

***

מיר שליסן דערמיט דעם צווייטן טייל פון בוך — די אַסימילאַציע־פּראָצעסן. מיר גייען איבער צום דריטן טייל, וואָס דאַרף אונדז ווייזן, אַז ישראל סבאָ גיט זיך נישט אַזוי גרינג אונטער; אַז פּאַראַלעל מיט די אַסימילאַציע־פּראָצעסן קומען פאָר אויך נאַציאָנאַליזאַציע־קאַמפן. דער גלות וויל זיך נישט אונטערגעבן און

טיילט אויס פון זיינע רייען קעמפער, קעגן שטראָם־קעמפער פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און פון פאַרשיידענער ענערגיע, מיט פאַרשיידענע פערספעקטיוון, נאָר מיט אַן אַלגעמיינעם ציל — צוימען און האַמעווען די אַסימילירטענדענצן, שטאַרקן און מוטיקן די רייכע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע ירושות; אינטענסיווירן זייער השפעה אויף דעם לעבן אין די גלות־לענדער.

דריטער טייל

# די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע דערשיינונגען

# אַרייַנפיר

מיט אמתער חרדת הלב, מיט טיפן האַרץ־פחד און נשמה־ציטערניש טרעט איך צו צום דריטן טייל פון מיין אַרבעט. טרעטן מיר דאָך איצט אַריין אין דעם געביט, וואָס איז דער פאַראַנטוואָרטלעכסטער, דער קאָמפּליצירטסטער, נאָר, לייַדער, דער סאַמע אומבאַשטימטער, דער סאַמע רמזימדיקער, דער סאַמע רעטעַנישן־פולער; אַ געביט, וואָס זיינע וואָרצלען איז ביז גאָר שווער אָנצוטאַפּן, ווייל זיי זענען דאָך מערסטנטייל איבערגעפלאַנצטע פון אַ גאַנץ אַנדערן באָדן און איבערגעטראָגן פון אונטער אַ גאַנץ אַנדערן הימל. עס איז נאָך ווייט נישט קלאָר, צי דער נייער באָדן האָט זיי — די איבערגעפלאַנצטע וואָרצלען, אָרגאַניש איינגעזאַפּט און אָרגאַניש איבערגעקאָכט און לכן געמאַכט ווייטער וואַקסן און בליִען, המשכדיק און באַפּרוכפּערנדיק — אָדער חלילה מאַרקערט: דער נייער באָדן האָט זיי צעפּרעסן און צעלייגט, געמאַכט סטעריל און פּרוכטלאָז, און צעפּאַל און פאַרדאַר וועט מוזן זיין דער לעצטער רעזולטאַט. מיר גייען דאָ ממש ווי אויף גלאָז — די סכנה פון טעותן און דורכפאַלן איז ביז גאָר גרויס; און דער צער און איבערטראַכט טאָמער חלילה בלאָנדזשען מיר אין דעם איצטיקן תוהו ובוהו פון יידישן לעבן אין די גלות־לענדער און מאָלן בילדער, וואָס האָבן נישט קיין אָנהאַלט אין דער צוקונפט און שאַפן אילוזיעס, וואָס פאַרפירן און מוזן אַנטוישן, פייניקן דעם געוויסן.

מוזן מיר פון סאַמע אָנהייב מוסר מודעה זיין, אַז מיר טראָגן נישט אַרויס קיין פסק־דינים וועגן דער צוקונפט פון דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן יידישן לעבן אין די גלות־לענדער, נישט לחסד און נישט לשבט, נישט לטוב און נישט לרע. מיר פילן נאָר אויס די ראָלע פון אַ זאַמלער פון מאַטעריאַלן וועגן שפּראָצונגען און שטרעבונגען, קאַמפן און ראַנגלענישן, נישט משפּטנדיק וועגן דער טיפקייט פון זייער פאַרוואָרצלטקייט אינעם נייעם באָדן און נישט נביאות זאָגנדיק וועגן זייער המשכדיקייט און פרוכטבאַרקייט לעתיד לבוא; הכלל נישט פּסקנדיק נישט לחיים און נישט למות. מיר ווילן נאָר צונויפטראָגן און פאָרפירן פאַרן לייענער אַלע התחלות און איניציאַטיווען אויפן פעלד פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזע טאַטן, אַלע אָנשטרענגונגען און אַלע קאַמפן אויף דעם דאָזיקן פעלד, אויף וויפל זיי

זענען מער אָדער ווייניקער לעבעדיקע און ווערטפולע עדות פון וואָכע רעליגיע־זע און נאַציאָנאַלע געפילן און שרעבונגען; עדות פון אָרגאַנישע היסטאָרישע קניפּן פון די דאָזיקע שטרעבונגען מיט די היסטאָרישע רינגען פון דער ייִדישער גאָלדענער קייט.

מיר רעדן אין דריטן טייל נישט וועגן פּראָצעסן, ווי אין די ערשטע צוויי טיילן פון בוך, נאָר וועגן דערשיינונגען. ווייל פריִער האָבן מיר געהאַט צוטון מיט אָביעקטיווע פאַקטן, וואָס אויב נישט תמיד אַבסאָלוט פּאַרענדיקטע, איז יעדנפאַלס תמיד אין הויכע אַנטוויקלונג־סטאַדיעס, קלאָרע און בולטע, ממש אויגן אויפרייסנדיקע; אַלזאָ פּראָצעסן, וועלכע זענען קלאָר אויסגעשפּראָכענע רעזולטאַטן פון פעסטגעשטעלטע אָביעקטיווע אַנטוויקלונגען אין דער אָרומיקער משפּיענדיקער מערהייט און פּאַראַלעל אין דער סביבה פון דער ייִדישער באַאיינפלוסטער מינדערהייט. אין דריטן זשע טייל וועלן מיר האָבן צו טון מיט סוביעקטיווע אָנשטרענגונגען ממשיך צו זיין מיטגעבראַכטע פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען, מיט אָפט שוואַכע התחלות און פּרוּוון פאַרפלאַנצן טיפער די מיטגעבראַכטע פון מזרח־אייראָפּע קולטור־גיטער, וואָס זייער ווייטערע אַנטוויקלונג הענגט לעת עתה אין די לופטן. אַלע בביאותן, הן די פּאָזיטיווע און הן די נעגאַטיווע, זענען מער סוביעקטיווע רצונות, ווי אָביעקטיווע אַנטוויקלונגען. מיר האָבן דאָ לכן צו טון מער מיט דערשיינונגען, ווי מיט פּראָצעסן, מער מיט סוביעקטיווע מעשים און שטרעבונגען, ווי מיט אָביעקטיווע אַנטוויקלונגען.

און ווייל מיר האָבן דאָ צו טון נישט מיט אָביעקטיווע פּראָצעסן נאָר מיט סוביעקטיווע אָנשטרענגונגען און קאַמפן וועלן מיר האַלטן פאַר ראַטזאַם אַ סך אָפטער לאָזן רעדן פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע צדדים במקום אַליין אויסצוטייטשן פרעמדע מיינונגען און באַהויפּטונגען. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס עס וועט אונדז נישט זעלטן אויסקומען אין דריטן טייל ברענגען מיינונגען, וואָס זענען אין תוך איבערחזרונגען פון שוין העכער געבראַכטע מיינונגען און סברות.

די איבערחזרונגען ווערן אַרויסגערופן נאָך פון אַנדערע סיבות. זיי זענען פּשוט אומפאַרמיידלעך. מיר באַמיִען זיך אין דריטן טייל אויפצוזוכן און אויסצוזוכן אַלע מעגלעכע פּאָזיטיווע דערשיינונגען אין ייִדישן נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן לעבן אין די גלות־לענדער. עס איז אָבער אוממעגלעך צו ברענגען די פּאָזיטיווע זייטן פון אַ דערשיינונג און נישט באַטאָנען דערביי אויך די נעגאַטיווע שאַטנס, וועלכע באַגלייטן די ערשטע. אין ביישפּיל וועט קלאָר מאַכן די זאַך. נעמען מיר איינע פון די וויכטיקסטע, אויב נישט טאָקע די וויכטיקסטע דערשיינונג אין ייִדישן לעבן — חינוך. מיר וועלן ברענגען די צאָל ייִדישע קינדער, וואָס באַזוכן ספּעציעלע ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן. קען מען דערביי פאַרשווייגן די צאָל

קינדער, וואָלכע באַזוכן נישט קיין ייִדישע שולעס? אָדער קען מען פאַרשווייגן דעם פאַקט, אַז אין די ערשטע קלאַסן איז די צאָל קינדער פיל גרעסער, ווי אין די העכערע קלאַסן?

נאָר אַפילו ביים באַהאַנדלען די פראַגע וועגן די באַלדיקע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע רעזולטאַטן פון אַ געוויסער חינוך־פאָרעם און נאָך מער וועגן די ווייטערע און טיפערע נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע שפּורן און רעזולטאַטן פון אַ געוויסער חינוך־סיסטעם קען מען נישט פאַרמיידן קיין איבערחזרונגען מיט די טיילן פון בוך, ווו מיר האָבן באַטראַכט די אַלגעמיינע לאַגע אין ייִדישן לעבן אין די תפוצות. דאָרטן האָבן מיר געהאַט צו טון מיט די אַלגעמיינע פּנימער פון ייִדישע קיבוצים אָדער קהילות — און די בילדער האָבן געוויס אָפּגעשפּיגלט די פאַקטישע לאַגע. דאָ אָבער וועלן מיר מוזן קאָנקרעטער באַהאַנדלען די דערשיינונגען און זייערע השפּעות — זענען נישט נאָר אומפאַרמיידלעך איבערחזרונגען, נאָר אויך דאָ און דאָרטן געוויסע סתירות. סתירות, וואָס זענען דער אמתער שפּיגל פון אונדזער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער לאַגע. ווייל די וואַקלונגען און די אומבאַשטימטקייטן זענען אַ סך בולטער און שרייענדיקער פון די קלאָרע טענדענצן און דערשיינונגען.

און ווייל מיר האָבן צו טון מערסטנטייל מיט סוביעקטיווע אָנשטרענגונגען און קאַמפן זענען נאַטירלעך איבערטרייבונגען מצד די טרעגער פון די דאָזיקע אָנשטרענגונגען. און נישט ווייניקער נאַטירלעך זענען פּעסימיסטישע אויסברוכן און יאוש־אויסגעשרייען פון די זעלבע טרעגער פון די אָנשטרענגונגען און קאַמפן. מען קען דאָך נישט פאַרלאַנגען רויִקייט און אויסגעהאַלטנקייט ביי אַ דור, וואָס שטייט אַפילו נישט על פּרשת דרכים, נאָר על פּי פּחת פון אַסימילאַציע; ביי קעמפער קעגן אַ מעכטיקן אַסימיליר־שטראָם, ווי עס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דער ייִדישער געשיכטע; ביי אַ דור, וואָס האָט אָט־אָט נאָר וואָס איבערגעלעבט דווקא אין גלות אַ נאַציאָנאַלן צעבלי און צעוואַקס, ווי זעלטן אין אונדזער געשיכטע — אָט ביי אַזעלכע פירער און טוער איז אוממעגלעך צו פאָדערן הונדערט־פּראָצענטיקע האַרמאָניע און הונדערט־פּראָצענטיקע רויִקייט און זאַכלעכקייט.

וואָס קאָנקרעטער מען קומט צו צו יענע דערשיינונגען, וועלכע מיר האָבן שוין אין אַלגעמיינער פאָרעם פריִער באַהאַנדלט, וואָס נענטער צו דער קאָנקרעטער אָנגעשטרענגטער און קרבנות־פולער טעטיקייט, אַלץ דרינגענדיקער די באַדערפעניש צו באַרעכטיקן די אַרבעט דורך באַהויפּטונגען פון אָפּטימיסטישע רעזולטאַטן, פון פּאָזיטיווע דערגרייכונגען. און אַלץ אָפטער צווינגט די טרויעריקעווירקלעכקייט צו ווערן פאַרצווייפלט פון די קנאַפּע פּירות פון מאַקסימאַלע אָנשטרענגונגען.

# קאָנסאָלידאַציע־טענדענצן

מיר הייבן אָן פון דער קאָנסאָלידאַציע־פּראָבלעם, ווייל מיר האַלטן, אַז פון דער מדרגה פון אָרגאַניזירטקייט פון גלות־ייִדנטום הענגט אָפּ אין דער גרעסטער מאָס די נאַציאָנאַלע צוקונפט פון דאָזיקן צווייג פון ייִדישן פאָלק. קאָנסאָלידאַציע נעמען מיר דאָ אין ברייטסטן זינען פון וואָרט — לאָקאַלע קהילות מיט ברייטע געזעלשאַפטלעכע פּראָגראַמען; לאַנד־אָרגאַניזאַציעס מיט פונקציעס, וואָס שטייגן אַריבער די מעשים און צילן פון די לאָקאַלע קהילות און זאָרגן פאַר יענע שפּליטער אין יעדן לאַנד, וואָס זענען אַליין נישט ביכולת צו שאַפן ביי זיך נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אינסטיטוציעס; ענדלעך אין וועלט־מאַסשטאַב, אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע, וואָס האַלט אַן אויג אויף די פּאָליטישע נויטן און זאָרגן פון ייִדן אין דער גאָרער וועסט; באַגנוגנט זיך אָבער נישט מיט דער דאָזיקער קאָלאָסאַל־וויכטיקער און שווערער אויפגאַבע, נאָר שטרעבט אינטימער און נאַציאָנאַל־טיפער צו פאַראייניקן און פאַראייניהייטלעכן די צעוואָרפענע און צעשאָטענע גלידער פון ייִדישן פאָלק נישט נאָר דורך געמיינזאַמע פּאָליטישע צילן, נאָר אויך דורך געמיינזאַמע קולטורעלע שטרעבונגען און טאַטן.

מיר לעבן אין אַ צייט ווען די אַלע אויסגערעכנטע אויפגאַבעס און פונקציעס פון די דריי עטאַזשן־אָרגאַניזאַציעס זענען די גרונט־פונדאַמענטן פון זאָרג פאַר דעם נאַציאָנאַלן קיום און נאַציאָנאַלן המשך אין גלות.

מיט דער עמאַנציפּאַציע אין מערב־אייראָפּע זענען געעפנט געוואָרן ברייטע טויערן פאַר אַסימיליר־השפּעות מצד די מערהייטן פון די לענדער, ווו ייִדן האָבן געלעבט. פּאַראַלעל איז געוואָרן שוואַך דער נאַציאָנאַלער עול פון ייִדישן יחיד. די כלל־אינסטיטוציעס, דער עיקר די קהילות, די טראַדיציאָנעלסטע נאַציאָנאַלע אייניקונג־אינסטיטוציעס האָבן אָנגעהויבן איבערנעמען פונקציעס, וועלכע זענען תמיד געווען די זאָרג פונעם ייִדישן יחיד. אַזוי, למשל, זענען תלמוד־תורות געגרינדעט געוואָרן אומעטום אויסשליסלעך פאַר קינדער פון אָרעמע עלטערן. פאַרן ייִדישן חינוך פון די קינדער פון מיטל־ און הויכע קלאַסן האָבן געזאָרגט די עלטערן. לערענען אַ קינד אַ מלאכה איז געווען די זאָרג פון עלטערן — אין

19טן יאָרהונדערט איז דאָס אַלץ געוואָרן די שרייענדיקסטע זאָרג פון די קהילות אין מערב־אייראָפּע.

אַזוי למשל, האָט די קעלנער קהילה באַזאָרגט מיט יידישער נאַציאָנאַלער דערציִונג העכער אַ העלפט פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער; אויך אין בערלין האָט די קהילה באַזאָרגט אַ גאָר הויכן פּראָצענט יידישע קינדער מיט יידישער בילדונג. נישט ערגער איז געווען די לאַגע אין האַמבורג און עס האָט זיך דערביי געהאַנדלט וועגן קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן. אין פּוילן, ווו די יידישע באַפעלקערונג איז געווען סאָציאַל־עקאָנאָמיש און פּאָליטיש־קולטו־רעל שטאַרק דיפערענצירט און פּאַרטייאיש שטאַרק צעריסן, האָבן די פּאַרטייען געזאָרגט פאַר דער גרעסטער צאָל יידישע קינדער בנוגע שול־בילדונג. פּאַקטיש איז דאָס געווען דעם יחידס זאָרג, ווייל דער פּאָטער האָט געזוכט די שולע פון יענער ריכטונג, וועלכע איז אים געווען סימפּאַטיש. די פּאַרטייען האָבן אַגיטירט פאַר אַ געוויסער יידישער בילדונג־ריכטונג, אָבער נישט פאַר יידישער בילדונג בכלל. דאָס איז געווען אַקסיאָמאַטיש און מען האָט נישט באַדאַרפט אַגיטירן על־טערן, אַז זיי זאָלן געבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציִונג.

אין די נייע איינוואַנדערונג־לענדער איז די לאַגע אין דעם פּרט ערגער אַפילו ווי אין דייטשלאַנד, ווו די יידישע באַפעלקערונג איז שוין געווען שטאַרק אַסי־מילירט. דאָרטן איז דאָך געווען אַ גרייטע טראַדיציאָנעלע יידישע קהילה, היס־טאָריש פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן. דער איבערגאַנג פונעם עול התורה פאַרן יונגן דור פון די עלטערן, פון יחידים, צו דער קהילה, פון דעם פּרט צום אָרגאַ־ניזירטן כלל, איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און האָט נישט אָנגע־שטויסן זיך אויף קיין שוועריקייטן. גאַנץ אַנדערש אין די איינוואַנדערונג־לענדער, ווו עס איז נישטאָ קיין גרייטע טראַדיציאָנעלע יידישע קהילה און ווו די אַסימילאַציע שטויסט זיך נישט אָן אויף אַן אָרגאַניזירטן כלל, וועלכער זאָל תיכף נעמען שטעלן צוימען פאַר דער סכנה, וואָס דראָט דעם יידישן קיבוץ.

עס גייט אָבער אין די נייע לענדער נישט נאָר אין דער חינוך־פראַגע, נישט נאָר אין דער רעטונג פונעם יונגן דור — די פראַגע איז פיל ברייטער. האָט מען חען ס׳נישט איז און ווו ס׳נישט איז באַדאַרפט זאָרגן פאַר אַ זכר לשבת ביי יידן? סאַר אַ סימן פון יום טוב אין אַ יידישער שטוב? פאַר אַ ספר אין אַ יידישער שטוב? פאַר כשר עסן אין אַ יידישן שפּיטאָל? פאַר אַ מנין אין אַ בית התפילה שבת פריי?

מיר ווייסן זייער גוט, אַז די מערהייט פון די צענטראַל־ און מערב־אייראָ־פּעיִשע יידן האָבן געאַרבעט אום שבת און יום טוב און געגעסן טרפות און אַזוי ווייטער. עס איז אָבער אין יעדער שטאָט געווען אַזאַ אָנגעזעענע יידישע מינ־דערהייט, וועלכע האָט אָפּגעהיט אַלע אויסגערעכנטע זאַכן אין אַזאַ מאָס, אַז דער קהילה איז גאָר נישט געקומען אויפן געדאַנק איינצופירן אַ קהלשן עונג־

שבת אָדער אַ דריטן סדר אָדער אַ חנוכה־יום־טוב פּאַר די קינדער פון אַ שול צוזאַמען מיט די עלטערן. די איזאָלירטקייט פון די ייִדן פון דער ארומיקער קריסט־לעכער וועלט, איזאָלירטקייט נישט נאָר לויט דער אָפּיציעלער רעליגיע, נאָר לויט דעם לעבנס־סטיל און לויט דער גאַנצער באַנעמונג איז נאָך געווען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז די אַסימילאַציע, די שפּראַכלעכע און די קולטורעלע, האָט נישט געקענט פאַרווישן די מחיצה־גרענעצן צווישן גוי און ייִד. מעג דער הויכער פּראָצענט געמישטע חתונות ביי די דייטשע און עסטרייכישע ייִדן און אויך ביי די אַלט־איינגעזעסענע פראַנצויזישע און ענגלישע ייִדן געווען זיין ווי הויך, פיל העכער ווי ביי די ייִדן פון אַמעריקע, דאָך איז גרינג פעסטצושטעלן, אַז ייִדישע טראַדיציעס און געשיכטלעכע מינהגים זענען דאָרטן פיל מער און דעמאָנסטראַ־טיווער געפּייערט געוואָרן ווי אין די נייע לענדער ביי פיל ווייניקער אַסימילירטע פאַמיליעס.

ס׳איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער ים, דורך וועלכן מען איז איבערגעפאָרן פון אייראָפּע קיין אַמעריקע, האָט איינגעשלונגען פיל אין אייראָפּע טיף־פאַר־וואָרצלטע ייִדישע לעבנס־נוסחאות און האָט געשאַפן יענעם לייכטזין און יענע רעליגיעזע הפקרות, וועלכע זענען זיך איצט אַזוי נוקם אין ייִדישן לעבן. אַ געוויסע ראָלע האָבן אין דער דאָזיקער רעליגיעזער הפקרות געשפּילט די ראַדי־קאַלע באַוועגונגען, וועלכע האָבן מתיר געמאַכט אַבסאָלוטע ריסן מיט ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און פאַרשריגן אַלס רעאַקציע די נאַציאָנאַלסטע מינהגים און יום טובים. מען שלאָגט זיך איצטער על חטא. אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען אויפ־געקומען אַלס קעמפערישע קעגן די דאָזיקע מינהגים און יום טובים, פּרוּוון איצט זיי צוריק איינפירן און זיי באַליבט מאַכן ביי די קינדער און דורך זיי ביי די עלטערן. מיר וועלן ווייטער זיך נאָך צוריקקערן צו די דאָזיקע וויכטיקע ווייטיק־פראַגן — דאָ ווילט זיך מיר נאָר צוגעבן, אַז אַפילו אין קרייזן, טיף נאַציאָנאַלע, ווי די לינקע ציוניסטישע פאַרטייען, האָט מען נישט ווייניק געזינדיקט מיט ראַדיקאַליזם, וואָס האָט אונדז זייער טייער געקאָסט. מען האָט אין די ראַדיקאַלע קרייזן פאַרגעסן, אַז די ייִדישע רעליגיע איז מער ווי וועלכע ס׳נישט איז אַנ־דערע אַ נאַציאָנאַלע, דורך און דורך דורכגעוועבט מיט היסטאָרישן נאַציאָנאַלן אינ־האַלט; אַז די מערהייט ייִדיש רעליגיעזע טראַדיציעס זענען אַזוי געדיכט איבער־פולט מיט נאַציאָנאַלן אינהאַלט, אַז מען קען נישט אָפּטיילן איינס פון צווייטן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער טעמע — די אויפגאַבע פון די קהילות און נישט ווייניקער פון די העכערע צוויי קאָנסאָלידאַציע־עטאַזשן זענען לכן גאָר פון אַן אַנדערן כאַראַקטער, ווי דאָס איז געווען אין אייראָפּע. דאָ קען מען נישט זאָגן, אַז אין בכלל אלא מה שבפרט. דער ייִדישער יחיד, די ייִדישע שטוב — זיי זענען שרעקלעך אויסגעהוילט פון ייִדישקייט. דער פּראָצענט אָרטאָדאָקסישע הייזער, וווּ מען פירט אַ ייִדיש לעבן, ווו ייִדישע מינהגים און טראַדיציעס ייִדישע

שבת און יום טוב, ווערן אָפּגעהיט איז שרעקלעך מיזער: אמת, מיר לעבן איבער אַ תשובה־עפּאָכע, אָבער אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן — די עלטערן זענען זייער צופרידן, אַז זייערע קינדער זאָלן אין שולע צינדן חנוכה־ליכטלעך; זיי זאָלן וויסן דעם באַטייט פון תשעה באב; זיי זאָלן פּראַווען פּסח אַ סדר אין דער שולע; זיי זאָלן וויסן די נעמען פון די נביאים; זיי זאָלן אַפילו בענטשן ליכט פּריוואַט אינאָווענט און הנאה האָבן פון עונג־שבת מיט די חברים און חברטעס און מיט די לערער און לערערינס. די עלטערן זענען אַמאָל גרייט צוצושטיין צו אַזאַ עונג־שבת אָדער צו אַ דריטן סדר, אָבער די היים בלייבט ליידיק און הויל. עס איז אַ פראַגע, זייער אַן ערנסטע און ממש אַ גרונט־פראַגע, צי וועט די שולע האָבן אַזאַ אַנטשיידנדיקע השפּעה אויפן אונטערוואַקסנדיקן דור, אַז עס זאָל קו־מען אין דער קומענדיקער היים המשך פון דער שולע.

אַ צווייטע תשובה־דרך באַשטייט אין אַרויפלייגן דעם יידישקייט־עול אויפן ראַביי, אויף דער סינאַגאָגע. דער ראַביי מאַכט קידוש פּריוואַט אָוונט, פּראַוועט אויך אַמאָל עונג־שבת, פּראַוועט אויך פּסח אַ סדר פאַר די סינאַגאָגע־מיטגלידער, דערקלערט די באַדייטונג פון די יידישע יום טובים; מיט איין וואָרט, ער איז מוציא די גאַנצע געמיינדע.

איינס איז קלאָר — די ראָלע פון דער קהילה אין פּרט פון ממשיך זיין דאָס נאַציאָנאַלע לעבן איז אַ גאַנץ אַנדערע, ווי דאָס איז געווען אין אייראָפּע. דאָרטן איז דער יחיד געווען אין צענטער פון יידישן לעבן און יידישן לערנען, פון יידישע מיצוות און יידישע פירונגען — דאָ ווערט אויף דער קהילה־אינסטיטוציע אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע אַחריות פאַר דער יידישער צוקונפט פון די קהילה־מיטגלידער. דאָרטן האָט די קהילה באַדאַרפט זאָרגן פאַר די שוואַכסטע און אָרעמסטע, דאָ, פאַר די אָפּגעשטאַנענסטע און אומגעבילדסטע, פאַרקערט, קומט אויס די גרעסטע אָנשרענגונגען צו מאַכן דווקא ביי די רייכסטע און געבילדעט־סטע, וועלכע זענען פיל מער אויסגעוואָרצלט פון יידישן לעבן און פיל ווייניקער אַריינגעוועבט אין דער גאָלדענער קייט פון דער יידישער געשיכטע.

אַלס אָרגאַנישער המשך פון די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דער לאָקאַ־לער קהילה וואַקסן אויס די אויפגאַבעס פון די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און אַפילו פון דער אַלוועלטלעכער צענטראַלע, ווייל פון די שמאָלע טעטיקייטן פון איינצל־נע קהילות וואַקסן אָרגאַניש ארויס פּראָבלעמען פון ברייטערן און פאַרנעמלעכערן כאַראַקטער. און אַזוי ווייטער און העכער — עס קומט אויף נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויפגאַבעס און פּראָבלעמען, וועלכע שטייגן אַריבער די ראַמען אויך פון לאַנד־אָרגאַניזאַציעס.

דער אויספיר איז קלאָר — די קאָנסאָלידאַציע אין אַלע אירע דריי דימענ־סיעס, אין אַלע אירע דריי עטאַזשן, איז איינע פון די צענטראַלסטע פראַגן פון אונדזער דור. פון דער מדרגה פון דער דריי־עטאַזשנדיקער קאָנסאָלידאַציע, פון

דער פּראָדוקטיוויקייט פון דער טעטיקייט פון די דאָזיקע ראַמען, אין וועלכע עס זאָלן ווערן אַריינגעוואַקסן די ייִדן פון אַלע קיבוצים, איז אָפּהענגיק אין דער גרעסטער מאָס דער נאַציאָנאַלער עתיד פון דעם גלות־ייִדנטום.

קאָנסאָלידאַציע איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט קיין זעלבסטצוועק, נאָר אַ מיטל און וועג פאַר העכערע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן און צילן. דאָך איז קאָנסאָ־לידאַציע ביים צעשאָטענעם און צעריסענעם ייִדישן גלות־פאָלק מער ווי נאָר אַ מיטל, פיל מער אַנגעלאָדן מיט מעגלעכע פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען. די קאָנסאָלידאַציע ווערט דאָך פון זיך זעלבסט אַ סטימולירנדיקער פאַקטאָר פאַר ווייטערע און העכערע אַנטוויקלונגען, פאַר ברייטערע און העכערע נאַציאָנאַלע השגות און שטרעבונגען.

יעדע צוזאַמענעמונג פון ייִדן אין די גלות־לענדער, יעדע העכערע שטופע פון צוזאַמענהעפטונג און צוזאַמענשליסונג מאַכט נישט נאָר גרינגער און מעג־לעכער די באַפרידיקונג פון שוין געגנוג רייף געוואָרענע און קלאָר שרייענדיקע נויטן און באַדערפענישן, נאָר מאַכט וואַקסן די נאַציאָנאַלע השגות און אַפּעטיטן, מאַכט ברייטער די האָריזאָנטן און די שטרעבונגען צו ייִדישע שאַפונגען אין גלות. נישט נאָר קינאת סופרים תרבה חכמה, קינאת קהילות און קינאת פאַר־באַנדן פון קהילות איז מרבה ענערגיע און אַפּעטיט, איז מרבה נאַציאָנאַלע הע־כערע השגות און מעגלעכקייטן.

# דער צוזאַמענשמעלץ־פּראָצעס

אַ פאָלק, וואָס איז אַ מינדערהייט און וואָס זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן ליגן אויסער די אויטאָמאַטיש־אָרגאַניזירנדיקע צוואַנג־ראַמען און צוואַנג־גרענעצן פון אַ מלוכה און פון לאָקאַלע שטאַטישע מאַכט־אָרגאַנען, מוז פריִער פון אַלץ זאָרגן פאַרן צונויפנעמען די גלידער פון דער צעשאָטענער און דעזאָרגאַניזירטער גרופּע. על אחת כמה וכמה אַ פאָלק־מיעוט, וואָס איז צעבראָכן און צעריסן אויף צענד־ליקער גרופּקעלעך און שבטימלעך, געקומענע פון צענדליקער לענדער און טיף צעטיילטע און דיפערענצירטע לויט שפּראַכן, קולטורן און לעבנס־ נוסחאות.

אַזאַ איז די לאַגע פון דער גרויסער מערהייט פון איצטיקן גלות־ייִדנטום, וואָס באַשטייט אין דער גרויסער אַמעריקע פון צענדליקער ייִדישע שבטים פון אַלע עקן וועלט און אין די קלענערע ייִדישע קיבוצים, ווי אין קאַנאַדע און אַר־גענטינע, מעקסיקע און קובאַ, און אַנדערע, פון מינימום אַ צענדליק וואַריאַנטן פון ייִדישער אייַנוואַנדערער. די עלעמענטאַרע אויפגאַבע איז לכן צונויפצושמעלצן די צווייגן פון אונדזער פאָלק, אַז זיי זאָלן זיך ווייניקסטנס קענען קעגנזייטיק פאַרשטיין, נישט נאָר שפּראַכלעך נאָר אויך פּסיכיש.

ס׳קומט אויס, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אַרויסצוקוקן אויף אַ וואָס גיכערער שפּראַך־אַסימילאַציע אינעם ניי־איינגעוואַנדערטן לאַנד. נאָך פּאַראַדאָקסאַלער וועט דאָס קלינגען ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די אַקטיווסטע נאַציאָנאַלע עלעמענטן, פאַר וועלכע איך רעכן די ציוניסטן פון אַלע פאַרבן, זענען די פאַראינטערעסירטסטע אין דער וואָס גיכערער שפּראַך־אַסימילאַציע. זיי, די ציוניסטן, זענען דאָך די פאַראינטערעסירטסטע אין פּרט פון אייניקייט און איינהייטלעכקייט, אי צוליב דעם צוזאַמענהאַנג מיט ישראל און אי צוליב דער נאַציאָנאַלער טעטיקייט אין די גלות־לענדער. די נאַציאָנאַלע טעטיקייט פון ישראל אין די רייען פונעם גלות־יידנטום האָט איר צענטראַלן ציל איינצושטעלן אַ וואָס אינטימערן נאַציאָנאַלן צוזאַמענהאַנג און צוזאַמענקניפּ מיט יעדן גלות־קיבוץ; און וואָס איינהייטלעכער און צוזאַמענגעשמאָלצענער אַ קיבוץ איז, אַלץ גרינגער איז די דאָזיקע אינטימע פאַרבינדונג, אַלץ גיכער איז צו האָפן אויף אַ זעלישן קאָנטאַקט.

מיר רעדן דאָ נישט אַזוי וועגן איבערוואַרפן אַ פאַרשטענדעניש־בריק צווישן די טיף צעטיילטע און צעריסענע דריי גרונט־טיפּן פון יידישן גלות־פאָלק, אַשכנזים, ספרדים און אַראַביש־אָריענטאַלישע, נאָר וועגן לכל הפחות איבערבריקן די תהומען צווישן די אַשכנזים גופא, וועלכע זענען אין משך פון 19טן און באַזונדערס אין משך פון 20טן יאָרהונדערט געוואָרן שפּראַכלעך און קולטורעל און לכן אויך פּסיכיש שטאַרק דיפערענצירט. אַפילו דאָס אַמאָל נאָך נישט לאַנג אַזוי איינהייטלעכע מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום איז דאָך די לעצטע יאָרן און 19טן און די ערשטע צענדליקער יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט געוואָרן שטאַרק שפּראַכלעך צעריסן און צעטיילט.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דער עטאַפּ פון צוזאַמענשמעלצונג, די איינהייטלעכקייט פונעם אייראָפּעיִש־אַשכנזישן יידנטום, כמעט ווי פאַרענדיקט. ווי שווער דאָס איז געווען איז גרינג זיך פאָרצושטעלן. אין דאָזיקן לאַנד האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן נישט נאָר גרויסע צאָלן יידן פון יעדן באַזונדערן לאַנד, וואָס עס האָט געמאַכט מעגלעך פאַר יעדן יידישן צווייגעלע זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ באַזונדערן שבט און זיך האַלטן פעסט פאַר די מיטגעבראַכטע רעשטלעך פון שפּראַך און קולטור פון אויסוואַנדערונג־לאַנד. דאָ האָבן זיך אויך צוזאַמענגעשטויסן די צענטערן פון אַלע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע און פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע ריכטונגען און פאַרביטערטע קאַמפן פון די אַלטע היימען. און, ווי באַקאַנט, קענען יידן האַלטן עקזאַמען אויף עקשנות און, לײַדער, נישט נאָר לחסד נאָר אויך לשבט, נישט נאָר בנוגע פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע אידייען און אידעאַלן, נאָר אויך בנוגע אַסימילאַציע־טעאָריעס און אַסימילאַציע גאולות.

כדי צו האָבן אַ פאַרשטעלונג וועגן דער צעברעקלטקייט לויט לענדער און שטעט און שטעטלעך פונעם אַמעריקאַנער יידנטום איז גענוג צו ברענגען פאָלגנ־

דיקע עטלעכע ציפער: לויט די דאַטן פון דעם ניו־יאָרקער ייִדישן קאָמונאַלן רעגיסטער פון 1918 זענען געווען אין דער איינער שטאָט ניו־יאָרק 3.637 אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען 1) מיט אַ ביודזשעט פון העכער 17 מיליאָן דאָלער יאָרלעך. לויט אַ פאָרשונג פון 1938 זענען געווען אין ניו־יאָרק העכער 3 טויזנט 2) לאַנדסמאַנשאַפטן מיט קרוב אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער און אין גאַנץ אַמעריקע העכער 4 טויזנט לאַנדסמאַנשאַפטן. מיט דריי פערטל מיליאָן מיטגלידער.

בנוגע רעליגיעזע פראַגן זענען, פון איין זייט, געווען די רעפאָרמער, וועלכע האָבן געשטעלט אין שפּיץ פון אַלע ייִדישע פראַגן די וואָס טיפערע אינטעגרירונג אין דעם פרעמדן אַרום. פאַר די דאָזיקע צילן האָבן זיי גערעכנט פאַר וויכטיק נישט נאָר איינפירן וואָס גיכער אין דער פאַמיליע די ענגלישע שפראַך נאָר אויך אין די בתי תפילה, אַלזאָ דאַווענען אין ענגליש און דערביי אויסמעקן פון סידור דאָס וואָרט ציון און די אמונה אין משיחן. פון דער צווייטער זייט, די אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מען מוז זיך וואָס ווייניקער און וואָס שוואַכער לאָזן אַריינוואַקסן און אַריינגלידערן אין דער אַרומיקער פרעמדער סביבה און וואָס טיפער און וואָס איבערגעגעבענער בלייבן טריי דעם גאַנצן שולחן ערוך מיט אַלע זיינע סיגים און גדרים און נאָך מיט דער הוספה פון אַלע יענע שוין טראַדיציאָנעל־הייליק געוואָרענע מינהגים און לעבנס־נוסחאות, וועלכע זענען אַרויסגעוואָקסן פונעם היסטאָרישן וואָרצל פאַר די לעצטע פאַר הונדערט יאָר אין מזרח־אייראָפּע, אינעם וויגעלע פון די גאונים און צדיקים אַחרונים.

נישט ווייניקער טיף צעטיילט און צעריסן איז געווען דער אַמעריקאַנער ייִדישער ישוב אין זיינע ערשטע אַנטוויקלונג־סטאַדיעס בנוגע ייִדן אַלס אַ פאָלק מיט אַן אייגענעם זעלבשטענדיקן עבר, נאָר מיט אַ זייער צווייפלהאַפטן עתיד; צווייפלהאַפט פאַר עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פונעם היסטאָרישן נאָפּל פון ייִדישן פאָלק. דאָ האָבן זיך באַגעגנט צוויי סאָציאַלע סתירות־עקסטרעמען און אויך צעטיילטע לויט מיטגעבראַכטע שפּראַך־ און קולטור־ירושות אין איין לאַגער בנוגע איין פונקט — בנוגע פולער נעגאַציע פון אַ נאַציאָנאַלער צוקונפט פאַר ייִדן — הן אין גלות און הן אין היסטאָריש־ייִדישן לאַנד. אַ קליינע גרופּע ייִדישע אינטעליגענץ, אַ קליינע אין צאָל, נאָר אַ ווירקנדיקע און איינפלוסרייכע אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון מאַסן־אימיגראַציע, אַ סאָציאַל ראַדיקאַלע האָט אויסגעשטרעקט איר נעגאַציע־האַנט דער בירגערלעכער רעפאָרם־גרופּע. די רוסיש־ייִדישע האַלב־אַסימילירטע אינטעליגענץ, אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן און סתם אַפּיקורסים, האָבן בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע געמאַכט יד

---

1) Stewart G. Cole and Mildred Wiese Cole, *Minorities and the American Promise*. New York, 1954, p. 282.

1) יעקב לעשצינסקי; היהודים בארצות הברית, „ניב הקבוצה”, תל־אביב, 1954, דף 262.

אחת מיט די רייכע רעפאָרמער, מיט די לויט מיטגעבראַכטער שפּראַך און קולטור אַבסאָלוט פרעמדע.

דער דאָזיקער יד אחת אויפן באַדן פון נעגאַציע פון ייִדישע נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן און פון פולער אַסימילאַציע אינעם נייעם פרייען לאַנד איז דורכגעקרייצט געוואָרן דורך די סאָציאַלע קעגנזאַצן, ווייל די ראַדיקאַלע ניהיליסטן האָבן פאַר־שפּרייט זייערע סאָציאַליסטישע אידייען און שטרעבונגען צווישן די ייִדישע אַר־בעטער, וועלכע זענען די ערשטע צענדליקער יאָרן פון דער מאַסן־אײַנוואַנדערונג געווען באַשעפטיקט מערסטנטיילס אין די קליידער־ און האָלץ־אונטערנעמונגען פון די דייטש־ייִדישע באַלעבאַטים. אויף אַזאַ אופן האָבן די סאָציאַלע סתירות געשטערט פולער האַרמאָניע צווישן די נאַציאָנאַלע ניהיליסטן פוןביידע לאַגערן.

אינעם נאַציאָנאַלן לאַגער איז ווידער נישט געווען און נישט געקענט זיין קיין פולער שלום — ווי טיף רעליגיעז און לכן נישט ווייניקער טיף נאַציאָנאַל ס׳איז נישט געווען די אָרטאָדאָקסיע, איז זי דאָך געווען אַקטיוו פיינטלעך צו די ציוניסטן, וועלכע זענען געקומען מערסטנטייל פון די משכילישע קרייזן, פון פרייזיניקע און אַפילו אַפּיקורסיש געשטימטע, יעדנפאַלס פון וועלטלעכער ייִדי־שער אינטעליגענץ.

יעדע פון די נאָר וואָס אויסגערעכנטע אידעאָלאָגישע ריכטונגען האָט געהאַט אַ צוזאַמענשמעלץ־השפעה. אינעם לאַגער פון די פירנדיקע דייטש־ייִדישע רעפאָר־מער זענען בטל בששים געוואָרן די שפּליטער פון אײַנוואַנדערער ענגליש־ייִדישע און פראַנצויזיש־ייִדישע און אויך אַסימילירטע עלעמענטן פון מזרח־אייראָפּע. אי־נעם לאַגער פון די רוסיש־ייִדישע לינקע ניהיליסטן זענען אײַנגעשלונגען געוואָרן סימפּאַטיזירנדיקע פון אַלע אַנדערע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. אויף וויפל עס זענען אויפגעקומען אינסטיטוציעס איז דער פּראָצעס פון צוזאַמענשמעלצונג פאַר־גיכערט געוואָרן און האָט זיך פאַרברייטערט. אַזוי זענען די בני־ברית, געגרינדעט פון דייטשע ייִדן, גאָר גיך געוואָרן פאַרפלייצט פון אַלע יענע עלעמענטן פון אַנדערע ייִדישע אײַנגעוואַנדערטע גרופּעס, וועלכע זענען סאָציאַל און קולטורעל געוואָרן נאָענט צו די גרינדער־שיכטן. דאָס זעלבע האָט געטראָפן ביי די אָרגאַ־ניזאַציעס פון לינק — דער אַרבעטער־רינג און דער אַרבעטער־פאַרבאַנד, גע־גרינדעט פון רוסישע ייִדן, האָבן אײַנגעזויגן רומענישע, אונגאַרישע און ייִדישע אַרבעטער פון אַלע אַנדערע לענדער.

די דאָזיקע צוזאַמענשמעלצונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ צווייפאַכיקער השפעה — וואָס מער וועלכע ס׳נישט איז ריכטונג איז פאַרפלייצט געוואָרן פון עלעמענטן פון אַנדערע לענדער, אַלץ שוואַכער זענען געוואָרן יענע אידעאָלאָגישע שפּיצן, וועלכע זענען געווען מער ירושה פון דעם אויסוואַנדערונג־לאַנד, ווי פון לעבן אויף די נייע ערטער. אַזוי איז די רעפאָרם־באַוועגונג, געבראַכט פון דייטש־לאַנד און פון דער עפּאָכע פון דער ראַדיקאַלסטער אַנטי־נאַציאָנאַלער ריכטונג,

געוואָרן אַלץ ווייכער און רעליגיעז־נאַציאָנאַל נאָכגיביקער מיטן צושטראָם פון עלעמענטן פון מזרח־אייראָפּע. די לינקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, גע־גרינדעט און אידעאָלאָגיש באַוואָפנט פון די ראַדיקאַלע רוסישע פירנדיקע עלע־מענטן, זענען געוואָרן אַלץ מעסיקער און מעסיקער מיטן צושטראָם פון אייניקע ראַדיקאַלע מיטגלידער פון רומעניע, אונגאַרן און אַנדערע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער.

מיר האַלטן נישט פאַר נויטיק דאָ זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געפירט צו דער צוזאַמענשמעלצונג פון דער מדרגה, וועלכע מיר לעבן איצט איבער. זיצן דאָך איצטער ביי איין טיש נישט נאָר ראַבייס פון פאַר־שיידענע רעליגיעזע ריכטונגען, נאָר אויך געזעלשאַפטלעכע טוער פון די פאַר־שיידנסטע אידעאָלאָגיעס. דער אַמאָליקער תהום איז כמעט ווי פאַרשוווּנדן. דער ווירקנדיקסטער פאַקטאָר און דער השפּעה־רייכסטער איז געוויס געווען די אַמע־ריקאַנער אַסימילאַציע, וועלכע האָט שוין דעם צווייטן דור געבוירענע אין אַמע־ריקע אַזוי צוזאַמענגעבונדן, אַזוי אויסגעגלייכט און ניוועלירט שפּראַכלעך־קולטו־רעל, און אין אַ גרויסער מאָס אויך סאָציאַל, אַז אַלע מיטגעבראַכטע ירושות זענען אָפּגעריבן געוואָרן און פאַרלאָרן זייער גלאַנץ.

מעגן אַפילו אַלס רודערס פון די פאַרשיידנסטע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטו־ציעס נאָך שטיין פיל פאַרטרעטער פונעם עלטערן איינגעוואַנדערטן דור — דער הי־געבוירענער דור איז שוין אין אַזאַ מערהייט, אַז ער דיקטירט זיין רצון נאָך איידער ער האָט איבערגענומען די גאַנצע פירונג. און וואָס עס איז נאָך וויכטיקער: דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער תהום, וואָס האָט אַזוי צעטיילט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום צוריק נאָך מיט איינע 40־30 יאָר — דייטשע יידן אויף די העכסטע סאָציאַלע שטופעס און דער רוב מזרח־אייראָפּעיִשע אויף די נידעריקסטע טרעפּ — אָט דער דאָזיקער סאָציאַלער תהום, וואָס האָט דיקטירט אויך אַ טיפע קולטו־רעלע צעטיילונג, איז כמעט ווי אינגאַנצן אויסגערונען געוואָרן. די מזרח־אייראָ־פּעיִשע יידן האָבן דעריאָגט דעם דייטש־יידישן שבט נישט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך און אפשר אַפילו איבערגעיאָגט אין פרט פון קולטור, אין פרט פון קונסט און וויסנשאַפט.

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז אַ גרויסע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פונעם אַמעריקאַנער יידנטום און אין דער ערשטער רייע אויף דער צוזאַמענשמעל־צונג אין פרט פון נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע האָבן געהאַט די גרויסע געשעענישן ביים וועלט־יידנטום און אין דער ערשטער רייע — די אייראָפּעיִשע קאַטאַסטראָפע און דער אויפקום פון מדינת ישראל. די דאָזיקע השפּעה פונעם וועלט־יידנטום איז מעגלעך געוואָרן און האָט זיך אַרויסגעוויזן פרוכטבאַר און געבענטשט נאָר ווייל דער באָדן פון צוזאַמענשמעלצונג איז געווען שוין גוט צעאַקערט אויף די

ערטער; ווייל די צוזאַמענשמעלצונג אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם אָרגאַנישן וווּקס פון דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום, איז שוין געווען אויף אַ הויכער מדרגה.

נישט געקוקט אויף דער הויכער שטופע פון צוזאַמענשמעלצונג איז דאָך דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום נאָך ווייט פון יענער מדרגה פון קאָנסאָלידאַציע, וועלכע ווערט אַזוי שטאַרק דיקטירט פון דער ייִדישערווירקלעכקייט.

לאָמיר נאָך גאַנץ קורץ זיך אָפּשטעלן אויף דעם קיבוץ גלויות אין אייניקע לענדער מיט אַ סך קלענערע צאָלן ייִדן.

אין קאַנאַדע פילט מען נישט די צעשפּאַלטונג לויט אויסוואַנדערונג־לענדער, אַלזאָ לויט באַזונדערע שפּראַכן און קולטורן. דער מזרח־אייראָפּעיִשער פליגל איז פון אָנהייב אָן געווען אין אַזאַ איבערוויגנדיקער מערהייט, אַז ער האָט געגעבן דעם טאָן און די פאַרב דעם גאַנצן ישוב. דערביי איז דער רוסיש־פּוילישער נוסח געווען אין אַזאַ באַדייטנדיקער מערהייט און די צאָלן ייִדן פון אַנדערע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער אין אַזעלכע קליינע קוואַנטומס, אַז דער צוזאַמענשמעלץ איז דורכגעגאַנגען אָן שוועריקייטן און מיט וווּנדערבאַרער פּרוכטבאַרקייט. מיר וועלן שפּעטער זען, ווי ווייט ביי דעם דאָזיקן ישוב די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזירטקייט האָט דערגרייכט און ווי גרויס עס איז געווען די ברכה פון דער גיכער און טיפער קאָנסאָלידאַציע.

אַ ביסל שווערער איז די לאַגע אין אַרגענטינע, ווו די צאָל ייִדן איז מער ווי צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אין קאַנאַדע, און ווו דער באַשטאַנד פון ייִדישן קיבוץ איז פיל בונטער לויט די אויסוואַנדערונג־לענדער און לכן טיפער דיפערענצירט לויט שפּראַכן און קולטורן. ראשית האָט דאָס אַרגענטינער ייִדנטום אַ באַדייטנדיקע צאָל ספרדיש־אָריענטאַלישע ייִדן, בערך פון 25 ביז 30 טויזנט נפשות. שנית, האָט דער שטראָם פון דייטש־ייִדישע אייננוואַנדערער אין קורצע עטלעכע יאָר — 1933־1945 — געבראַכט קרוב צו 50 טויזנט ייִדן און זיי האָבן זיך כמעט אַלע קאָנצענטרירט אין דער הויפּט־שטאָט, אין בוענאָס איירעס.

דערביי זענען אַלע דריי שטראָמען יונגע. דער עלטסטער איז דער מזרח־אייראָפּעיִשער און אין דער גרעסטער מאָס אַ רוסיש־פּוילישער, וואָס דאָס מיינט דער נאַציאָנאַל־אַנטוויקלטסטער און דער באַוווּסטזיניקסטער. איז געוויס נישט קיין חידוש, וואָס די צוזאַמענשמעלצונג געפינט זיך דאָרטן אין די ערשטע סטאַדיעס און עס עקסיסטירן אין בוענאָס איירעס דריי באַזונדערע קהילות. די ערשטע טריט פון צוזאַמענשמעלצונג זענען געמאַכט געוואָרן ביי די געלט־זאַמלונגען פאַר ישראל און פאַר הילף אין די גלות־לענדער; אויך ביי די לאַנד־צוזאַמענפאָרן, ווו עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן געמיינזאַמע אינטערעסן, ווי קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, חינוך וכדומה. מיר וועלן ווייטער זען, אַז דער בעסט־אָרגאַניזירטער צווייג איז דער מזרח־אייראָפּעיִשער, וואָס אין זיין שפּיץ שטייט דער רוסיש־פּוילישער פליגל. און מען קען רויִק באַהויפּטן, אַז דער צוזאַמענשמעלץ פון די באַזונדערע

טײלן פֿונעם מזרח־אײראָפּעיִשן ייִדנטום איז ווי פֿאַרענדיקט. יעדנפֿאַלס די קאָנ־סאָלידאַציע פֿון דאָזיקן טײל פֿון דעם אַרגענטינער ישוב איז אויף אַ העכער מדרגה, וואָס עס מאַכט פּראָדוקטיווער און פֿרוכטבאַרער זײַן פֿירנדיקע ראָלע אינעם ישוב.

מיר װעלן זיך נישט אָפּשטעלן באריכות אויף אַלע לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער — אין אַלגעמײן קען מען זאָגן, אַז דער פּראָצעס פֿון צוזאַמענשמעלצונג פֿון די פֿאַרשײדענע טײלן פֿונעם מזרח־אײראָפּעיִשן ייִדנטום איז אומעטום װײַט פֿאַרגעשריטן. דער צוזאַמענגוס מיט די דײַטש־ייִדישע שפּליטער איז אין פּראָצעס און מען קען רעכענען, אַז אין די נאָענטסטע יאָרן וועט ער זײַן פֿאַרענדיקט, װײַל שױן דער צװײטער דור איז פֿרײַ פֿון דער מיטגעבראַכטער ירושה; דאָס מײנט פֿרײַ אױך פֿון דער שפּראַך־דיפֿערענציאַציע און פֿון דער קולטור־צעשפּאַלטונג. די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע שפּילט דאָ גאָר אַ קלײנע ראָלע, װײַל די דײַטש־ייִדישע אײנװאַנדערער זענען געקומען װי מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר און װי מיט אײן צענדליק יאָר שפּעטער פֿון די מזרח־אײראָפּעיִשע ייִדישע אײנװאַנדערער און דעריבער האָבן זײ די לעצטע שױן געטראָפֿן אין פּראָצעס פֿון סאָציאַל־עקאָ־נאָמישן אױפֿשטײַג.

ס׳בלײַבט אָבער דער ספֿרדיש־אָריענטאַלישער פֿליגל, כאָטש סאָציאַל־עקאָ־נאָמיש שײדט ער זיך כמעט נישט אָפּ פֿון די אַשכּנזישע ייִדן, בלײַבט ער דאָך שפּראַכלעך און נאָך מער קולטורעל אָפּגעזונדערט און אָפּגעטײלט פֿון די אַשכּנזים אַפֿילו בײַם צװײטן דור. באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע איז געװען אַ מאָמענט װען עס האָט אױסגעזען, אַז דער צוזאַמענשמעלץ װעט אַרײַנציִען דעם ספֿרדיש־אָריענטאַלישן פֿליגל און װעט אים אײַנגלידערן אין דער אַשכּנזישער מערהײט. עס מאַכט אָבער די לעצטע יאָרן דעם אײַנדרוק, אַז דער פּראָצעס פֿון צוזאַמענ־שמעלצונג איז װי פֿאַרגליװערט געװאָרן און װערט נישט פֿאַרגעזעצט.

װאַרפֿט מען אַ בליק אױף די צװײ גרעסערע קיבוצים אין אײראָפּע, צײגט מען זיך איבער װאָס פֿאַר אַ גרױסע ראָלע אינעם צוזאַמענשמעלץ פֿון די באַזונ־דערע ייִדישע טיפּן עס שפּילט די סאָציאַלע לאַגע. אין ענגלאַנד, װוּ די אײַנװאַנ־דערונג פֿון די מזרח־אײראָפּעיִשע ייִדן איז אָפּגעשטעלט געװאָרן אַרום דעם יאָר 1905 און דער געבליבענער אין לאַנד מזרח־אײראָפּעיִשער רעשט האָט באַװיזן פֿאַר די לעצטע יאָרן סאָציאַל־עקאָנאָמיש אױפֿצושטײַגן און זיך שטאַרק דערנענ־טערן צו דעם אַלט־אײַנגעזעסענעם ייִדישן ישוב — דאָרטן איז כמעט פֿאַרשװוּנדן דאָס מזרח־אײראָפּעיִשע געטאָ און דער ישוב איז געװאָרן כמעט מאָנאָליטיש. און אַזױ װי די נײַע אימיגראַציע פֿון 30ער און 40ער יאָרן פֿון לױפֿנדיקן יאָרהונדערט איז באַשטאַנען פֿון סאָציאַלע און קולטורעלע קלאַסן פֿון דעם אײגענעם טיפּ, װי דאָס אָטאַכטאָנע ענגלישע ייִדנטום, איז נישט באַשאַפֿן געװאָרן קײן נײַער פֿליגל ייִדן, נאָר ער האָט זיך גלײַך אַרײַנגעגאָסן אין דעם אָרגאַניזירטן גרונט־ישוב. אױף

וויפל ער טראָגט אַ יידישן פנים און אַנטפּלעקט יידישע אינטערעסן שאַפט ער העכסטנס נייע סינאַגאָגעס, אָבער ער איז נישט נוטה צו שאַפן אַ נייע יידישע געטאָ. גיכער האָט ער געשאַפן אַ דייטש־שפּראַכלעכן פליגל, וועלכער וועט געוויס גאָר גיך אָפּגעווישט ווערן, ווייל נישט נאָר דער יונגער דור, נאָר אויך דער עלטערער עלעמענט פּאַסט זיך גאָר גרינג צו צו דער ענגלישער שפּראַך. און כאָטש ער איז, נישט געקוקט אויף דער היטלער־שחיטה, געבליבן דייטש־פּאַטריאָטיש, באַזונדערס אין פּרט פון שפּראַך און קולטור, דאָך אַסימילירט ער זיך זייער גיך און אינטענסיוו, גאָר נישט צופאַרגלייכן מיט דער מזרח־אייראָפּעיִשער איינוואַנדערונג, וועלכע ברענגט געוויינלעך מיט זיך נאַציאָנאַלע פאָרמען און נאַציאָנאַלע ווערטן.

דאָס ווערט זייער קלאָר באַשטעטיקט דורך דעם יידישן ישוב אין פראַנקרייך. צו דער זעלבער צייט ווען עס איז געגאַנגען אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן אַן איינוואַנדערונג פון דייטש־עסטרייכישע יידן קיין ענגלאַנד איז געגאַנגען אַ מזרח־אייראָפּעיִשע יידישע אימיגראַציע קיין פראַנקרייך. אמת, די דאָזיקע איינוואַנדערונג איז געווען פיל גרעסער פון דער דייטש־עסטרייכישער אימיגראַציע קיין ענגלאַנד. נאָר עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די הויפּט־ראָלע האָט דאָ געשפּילט נישט די צאָל נאָר דער איכות פון דער איינגעוואַנדערטער מאַסע. די איינגעוואַנדערטע מזרח־אייראָפּעיִשע יידישע מאַסע האָט מיט זיך געבראַכט אַ זאַפטיק יידישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ. און נישט נאָר האָט זי נישט איינגעשלונגען דער אַלטער ישוב מיט זיין קאָנסיסטאָריע, נאָר זי האָט אין די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אויפן געביט פון יידישער קולטור. זי האָט אויך געשאַפן די לעצטע צייט אַ באַזונדערע קהילה מיט אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער פון דער שטאַרק געעלטערטער קאָנסיסטאָריע פון דעם אַלטן אָטאָכטאָנעם יידישן ישוב.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם תהום, וואָס צעטיילט די פראַנצויזישע יידן אויף אַלט־איינגעזעסענע און אויף ניי־געקומענע מזרח־אייראָפּעיִשע, איז טאַקע דער אויפקום פון נייע קהילות, בעת דער אַלטער ישוב האָט אַרויסגעוויזן אַ קלאָרן רצון צוצובאַקומען פריש יידישע בלוט פון דער איינגעוואַנדערטער מזרח־אייראָפּעיִשער יידישער מאַסע פאַר דער פאַרגליווערטער און שטאַרק געעלטערטער קאָנסיסטאָריע.

דער נייער ישוב אין פראַנקרייך האָט די לעצטע יאָרן, מיטן אָפּשטראָם פון אַ גרויסער גרופּע אינטעלעקטואַלן, פיל פאַרלאָרן פון זיין נאַציאָנאַלן אימפּעט און פון זיין נאַציאָנאַלער שאַפונג־קראַפט — דאָך פאַרמעסט ער זיך אויף נייע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען נישט נאָר אין פּרט פון אָרגאַניזאַציע און קאָנסאָלידאַציע, נאָר אויך אויף דעם פיל שווערערן און קאָמפּליצירטערן געביט, ווי חינוך. און בפירוש אויפן געביט פון יידיש־העברעיִשן חינוך.

אין קעגנזאַץ צום מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן ישוב פון ענגלאַנד, וועלכער האָט די לעצטע 30־20 יאָר דורכגעמאַכט אַ דערשטוינלעכן שפּרונג באַרג־אַרויף אויף דעם עקאָנאָמישן לייטער און זיך אויף אַזאַ אופן סאָציאַל־עקאָנאָמיש אַריינ־געגלידערט אין דער אָטאָכטאָנער ייִדישער באַפעלקערונג, איז אין פראַנקרייך אַפילו דער צווייטער דור פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן פליגל, און אַזאַ איז שוין געוויס פאַראַן, געבליבן עקאָנאָמיש שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון דעם אָטאָכטאָנעם ייִדישן ישוב און האָט זיך כמעט נישט דערנענטערט סאָציאַל־עקאָנאָמיש צו די דאָזיקע קלאַסן. אַז דאָס ווירקט שטאַרק אויף דער מדרגה פון צוזאַמענשמעלצונג, איז קלאָר און נויטיקט זיך נישט אין פּירושים.

מיר קענען נישט שליסן דאָס קאַפּיטל וועגן דער איצטיקער צוזאַמענשמעל־צונג אין די אייננוואַנדערונג־לענדער, ווו עס איז איצט קאָנצענטרירט כמעט דאָס גאַנצע פרייע גלות־ייִדנטום, און נישט אָפּשטעלן זיך כאָטש קורץ אויף דער נייער צעשפּרייטונג־סכנה, וועלכע דראָט דעם גלות־ייִדנטום; צעשפּאַלטונג און אינטענסיווירטע אַסימילאַציע.

די ייִדישע ישובים אין די אייננוואַנדערונג־לענדער זענען פון איצט אָן און ווייטער פאַרמשפּט אויף בלייבן אָן אַ צושטראָם פון פרישע ייִדן, פון פרישן ייִדישן זאַפט, ווי דאָס איז געווען אין משך פון צענדליקער יאָרן בעת די מזרח־אייראָ־פּעיִשע ייִדישע מאַסן האָבן מיט זיך צעפירט איבער דער גאָרער גלות־וועלט ייִדישע שאַפונג־כוחות און ייִדישע לעבנס־פאָרמען.

מיטן בלייבן אָן אַ צושטראָם פון פרישע ייִדן וועט יעדער ישוב דורכמאַכן אַ סך גיכער און אַ סך אינטענסיווער דעם צוזאַמענשמעלץ־פּראָצעס. נאָר דעמאָלט וואַקסט אויס אַ געדיכטע דיקע וואַנט צווישן די ישובים. די אימיגראַנטן האָבן מיט זיך געבראַכט אין די נייע לענדער נישט נאָר די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע קולטור און ייִדישע לעבנס־פאָרמען, נאָר אויך קרובישע פאַרבינדונגען און בלוט־פאַרוואַנדטשאַפט. די קליינע ייִדישע ישובים האָבן נישט נאָר גע־צויגן נאַציאָנאַלע חיונה פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער ישוב מיט זיין רייכער פּרעסע און ליטעראַטור, נאָר זיי האָבן אויך געהאַט דאָ קרובים און גאָר נאָענטע פריינט. פיל לאַנדסמאַנשאַפטן פון פאַרשיידענע לענדער האָבן אָרגאַניזירט בשותפותדיקע אונטערנעמונגען — פריִער פאַר הילף די אַלטע היימען און איצט אויף צו בויען קוואַרטאַלן אין ישראל אויפן נאָמען פון אַן אַלטער היים אין פּוילן אָדער אויף אַרויסצוגעבן צוזאַמען אַ יזכור־בוך.

די דאָזיקע אַלע נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן מוזן גאָר גיך פאַרשווינדן. די ישובים וועלן ווערן צעפרעמדט. יעדער ישוב וועט מוזן זוכן ביי זיך אַליין בלוט און זאַפט אויף צו ציִען ווייטער זיין נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ, וויפל ס׳נישט איז ממשיך זיין זיין נאַציאָנאַלן קיום. ווילן מיר נישט זיך אַריינלאָזן דאָ אין חקירות, ווי דאָס צעריסענע און צעפרעמדטע גלות־ייִדנטום, דאָס הפלגה־ייִדנטום פון

צענדליקער לענדער מיט צענדליקער אַרומיקע פאַרשיידענע שפּראַכן און דיאַ־לעקטן און מיט צענדליקער פרעמדע לעבנס־פאָרמען וועט אויסזען. איינס מוז מען אָבער שוין באַטאָנען און שטאַרק באַטאָנען — די ראָלע פון די פאַקטאָרן, וועלכע זענען באַרופן צוהאַלטן אַן אויג אויף די גלות־ישובים אין דער גאָרער וועלט — אָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס האַלטן ערשט אין אַנטוויקלען זיך — זיי מוזן באַצייטנס זיך פאַרטראַכטן אויף דעם פּנים פון דער נאָענטער צוקונפט, אויף דער הפלגה־סכנה, וועלכע שטייט שוין ממש ביי דער טיר פונעם גלות־יידנטום און דראָט מיט אַן אַסימילאַציע־כוואַליע, ווי מיר האָבן זי קיינמאָל נישט געהאַט אין אונדזער געשיכטע. אַזאַ שפּראַך־ און קולטור־הפלגה, ווי די וואָס דראָט די גלות־יידנשאַפטן אין דער גאָר נאָענטער צייט, איז נישט געווען קיינמאָל אַפילו ביים טיפּישסטן גלות־פאָלק, ווי די יידן.

איך ווייס זייער גוט, אַז מיר פאַרמאָגן איצט אַ נייעם איינציקנדיקן און איינ־הייטלעכנדיקן פאַקטאָר ווי מדינת ישראל. איך וויל בשום אופן נישט פאַרקלענערן די וואָג און די וואַרשיינלעכע און די געהאָפטע השפּעה פון דאָזיקן וואַקסנדיקן פאַקטאָר — מיר ווילט זיך דאָך באַטאָנען די סכנה.

גייען מיר איבער צו דעם קאָנקרעטן תוכן פון אונדזער דריטן טייל פון בוך מוזן מיר אַ ביסל ענדערן די סיסטעם פון דער אַרבעט. מיר האָבן אין די ערשטע צוויי טיילן זיך געהאַלטן ביים מעטאָד פון באַהאַנדלען די פראַגן און פּראָבלעמען לויט באַזונדערע טעמעס, און אין די ראַמען פון יעדער טעמע זיך אָפּשטעלן אויף באַזונדערע גלות־לענדער. גייען מיר אָבער איבער צו דעם לויפנ־דיקן טאָג־טעגלעכן לעבן ביי די יידן אין די גלות־לענדער און שטרעבן מיר אַרויסצובאַקומען אַ קלאָר בילד וועגן די נאַציאָנאַלע דערשיינונגען אין געגעבענעם מאָמענט און דער עיקר טאַקע אין געגעבענעם לויפנדיקן היסטאָרישן מאָמענט, קען מען נישט צערייסן די טעמעס, ווייל זיי זענען געקניפּט און געבונדן און אַזוי דורכגעפלאָכטן און צוזאַמענגעפלאָכטן, אַז דאָס צעטיילן זיי, וועט ברענגען גרויסן שאָדן דעם תוך פון דער זאַך.

למשל, מען קען נישט באַהאַנדלען די רעליגיעזע שטימונגען ביי די יידן פון אַ לאַנד און נישט אָפּשטעלן זיך באַלד אויף דעם אויסערגעוויינלעכן וווקס פון ישיבות; ווי מען קען נישט באַהאַנדלען די ישיבות־דערשיינונג און נישט ממשיך זיין תיכף צו באַטראַכטן דעם חינוך־מצב בכלל אין געגעבענעם לאַנד. און מען קען נישט באַהאַנדלען די חינוך־פּראָבלעם אין פּרט פון יידישער דערציִונג פאַר שול־קינדער און נישט באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דער יידישער בילדונג פאַר דער דערוואַקסענער יוגנט און פאַר עלטערע טיילן פון דער יידישער באַ־פעלקערונג. און ווייטער — מען קען נישט רעדן וועגן דער יידישער בילדונג פאַר דערוואַקסענע און זיך נישט אָפּשטעלן אויף דער פאַרשפּרייטונג פון יידישן בוך אין די פאַרשיידענע שפּראַכן.

קלאָר, אַז מיר מוזן אין דער ווייטערער אויסלייגונג זיך האַלטן ביים לאַנד־מעטאָד. נאָר דאָס מיינט נישט, אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין צד השוה צווישן די ייִדנשאַפטן פון פאַרשיידענע לענדער, אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין געמיינזאַמע שטריכן און סימנים ביי די נאַציאָנאַלע דערשיינונגען. זיי זענען בלתי ספק פאַראַן, ווייל לעת עתה געפינען זיך אַלע ייִדישע גלות־קיבוצים, באַזונדערס אין די אַמעריקאַנער לענדער אונטער דער השפעה פון די זעלבע פאַקטאָרן און טענדענצן.

# די פֿאַראייניקטע שטאַטן

## א) אַ ר יי נ פ י ר

וואַרפֿט מען אַ בליק אויף דעם ייִדישן לעבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין די לעצטע יאָרן איז גרינג צו מערקן צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכן, צוויי מאָמענטן, וועלכע צייכענען די איבערלעבונגען פֿון אַ דור: א) אַ שטאַרקער און טיפֿער אומרו האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ ברייטע קרייזן פֿון דער געזעלשאַפֿט. און נישט נאָר יענע באַוווסטזיניקע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע קרייזן, וועלכע וואָרענען שוין צענדליקער יאָרן וועגן דעם תהום פֿון אַסימילאַציע, וואָס שלינגט איין ייִדישע לעבנס־פֿאָרמען און ייִדישע טראַדיציעס און דערפֿירט די אינטעגרירונג אין דער אַרומיקער מערהייט צו מדרגות, וועלכע גרענעצן מיט פֿולער צוזאַמענשמעלצונג. פֿיל ברייטערע קרייזן, און טאַקע פֿון די זעלבע שיכטן, וועלכע האָבן אַליין דורכגעמאַכט אָט דעם פּראָצעס פֿון אינטעגרירונג ביז גאָר נאָענט צום גראַד פֿון צוזאַמענשמעלצונג, מעלדן זיך מיט טענות צום פֿאַרגאַנגענעם דור פֿאַר זיין נאַציאָנאַלע פּאַסיווקייט, פֿאַר זיין רעליגיעזע אָפּגעלאָזנקייט, פֿאַר זיין צוטרענצלען אַזוי לייכטזיניק די היסטאָרישע ווערטן, געבראַכטע פֿון מזרח־אייראָפּע. טענות געוויס גערעכטע און צוזאָגנדיקע, נאָר, ליידער, נאָך דערווייל אָן קלאָרע אידעאָלאָגישע טענדענצן און וואָס נאָך וויכטיקער און באַדייטנדיקער אָן גרייטקייט זיך אַריינצוּוואַרפֿן אין יענע נאַציאָנאַלע שטראָמען, וועלכע האָבן פֿאַר זיך היסטאָרישע נאַציאָנאַלע פֿאַרדינסטן, קלאָרע און אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַלע וועגן און צילן. דאָך איז נישט צו לייקענען, אַז דער אומרו איז אַ שעפּערישער און דאָ קומען מיר צום צווייטן כאַראַקטעריסטישן מאָמענט.

ב) אַלס רעזולטאַט פֿונעם אויפֿגעוואַכטן נאַציאָנאַלן אומרו מערקט זיך כמעט אַ פֿיבערדיק זוכן פֿון וועגן און מיטלען ווי ענגער און אינטימער צו אָרגאַניזירן, זיך צוזאַמענעמען, זיך אָרגאַניזירן און קאָנסאָלידירן; ווי אינהאַלטלעכער און נאַציאָנאַל־אינטימער אָנצופֿילן מיט ייִדישן אינהאַלט, מיט ייִדישן גייסט, מיט היסטאָרישע ווערטן און מיט טראַדיציאָנעלן זאַפֿט, די געשאַפֿענע און גרייט

שטייענדיקע פֿאַרבאַנדן און אינסטיטוציעס. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז עס איז אַ געוואַלדיקע דיסקרעפּאַנץ צווישן דער מדרגה פֿון נאַציאָנאַלער בענקשאַפֿט און רעליגיעזער זוכונג און די מעשׂים, וועלכע ווערן פֿאָרגענומען כּדי אָנצופֿילן מיט אינהאַלט די דאָזיקע זעלטענע און טייערע געפֿילן און געדאַנקען.

ס'איז שווער און ס'גייט נישט אַרײַן אין אונדזער אויפֿגאַבע זיך אַרײַנצולאָזן אין חקירות, צי שטויסן זיך אָן די דערמאָנטע בענקשאַפֿטן און זוכונגען אויף אַזעלכע קעגנגעזעצטע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע לאָזן נישט צו צו גאָר ברייטע טאָטן און צו גאָר טיפֿע פֿאַרקערונגען פֿונעם דרך המלך פֿון צופּאַסונג צו דער מערהייט־סביבֿה; אָדער אפֿשר טראָגן די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פֿירער פֿונעם אַמעריקאַנער ייִדנטום די גרויסע שולד פֿאַר נישט אויסנוצן ברייטער דעם אָנגעפֿילטן מיט בענקשאַפֿט און זוכונג היסטאָרישן מאָמענט און פֿאַר פֿירן די מאַסן אויף די גרינגסטע און דעריבער ווייניק־צוזאָגנדיקסטע וועגן פֿון גובֿר זײַן דעם קריזיס.

מיר שטעלן זיך אין געגעבענעם פֿאַל אַ פּיל באַשיידענערע אויפֿגאַבע: ווײַזן בײדע זײַטן פֿון דער מטבע; ווײַזן די זוכונגען און בענקשאַפֿטן פֿון די מאַסן, זייער אומצופֿרידנהייטן און גרייטקייטן אויף קרבנות, יעדנפֿאַלס אויף געוויסע קרבנות און אויף געוויסע ענדערונגען אין זייערע לעבנס־פֿאָרמען און באַזונדערס אין זייערע דערציִונג־מעטאָדן פֿון זייערע קינדער — און פֿון דער צווייטער זײַט ווײַזן די שוואַכע אָנשטרענגונגען פֿון די פֿירנדיקע כּוחות אויף אָנפֿילן מיט אינהאַלט און תּוך די דאָזיקע צעוועקטע און אויפֿגעמערישע נאַציאָנאַלע געפֿילן און געדאַנקען.

אין דער ערשטער ריי וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די אינטענסיווירטע טענדענצן און שטרעבונגען צו קאָנסאָלידאַציע, צו אָרגאַניזירן דאָס ייִדישע לעבן מיט זײַנע פֿילע פֿאַרשיידענע צווײַגן פֿון טעטיקייטן, ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס אויף אַזאַ אופֿן, אַז עס זאָלן נישט גיין פֿאַרלאָרן קיין געזעלשאַפֿטלעכע ענערגיע און געזעלשאַפֿטלעכע מיטלען. און אפֿשר האָט נאָך מער געווירקט די באַדערפֿעניש אין פֿילן זיך מער אַלס גליד פֿון פֿאָלק, ווי פֿון אַן איינצל אינסטיטוציע; מער אַ מיטגליד פֿון אַ פֿאָלקס־איינהייט, ווי פֿון אַ ריכטונג־פֿאַראייניקונג. מיט איין וואָרט — אונטערבאַוווסטע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען צו פֿאַראייניקן זיך כּדי מיט געמיינזאַמע כּוחות אָפּשלאָגן יענע פֿײַנטלעכע אַסימיליר־שטראָמען, וועלכע פֿאַרפּלייצן דאָס ייִדישע לעבן; יענע מערהייט־השפּעות, וואָס שווענקען אַראָפּ די ווירקונגען פֿון שוואַכע און הילפֿלאָזע קליינע און פֿאַראײנצלטע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. אפֿשר וועט די אַסימיליר־כוואַליע זיך מוזן פֿאַרהאַלטן פֿאַר דעם גוט־אָרגאַניזירטן און דיסציפּלינירטן קיבוץ, וואָס וועט פֿאַרמאָגן מער קראַפֿט און זאַפֿט און מער אויטאָריטעט און אַכטונג פֿונעם יונגן דור, כּדי אָפֿן און קלאָר צו פּראָקלאַמירן די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט פֿונעם ייִדישן קיבוץ און

זיין ווילן און זיין מוט צו בלייבן אַ יידישער נאַציאָנאַלער מיעוט אין דעם פּיל־פּערקערלעכן שמעלץ־טאָפּ פון אַמעריקע.

דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ לעבט איבער אַ סך אַ טיפערן קריזיס ווי שטיין על פּרשת דרכים. דאָס ערשטע מאָל אין דער יידישער געשיכטע לעבן מיר אין אַזעלכע פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, קולטורעל און גייסטיק גינציקע באַדינגונגען פאַר אַ פאַרשווינדן, פאַר אַסימילירן זיך, פאַר אויפגיין אין די געדערים פון אַ קאָנגלאָמעראַט פון העכער אַ האַלבער מאה שפּראַכן און קולטורן. פון דער צווייטער זייט, לעבן מיר אין אַן אויסערגעוויינלעכער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפּע־עפּאָכע און אין אַ גאולה־תקופה.ביידע לעצטע מאָמענטן שטאָלן דעם נאַציאָנאַלן רצון, מאַכן אים טראָציק קעגן די גינציקסטע מיתה־באַדינגונגען, קעגן דער פיינסטער און זיסטער מיתה בנשיקה.

לאָמיר איבערגיין צום מאַטעריאַל, וואָס וועט אונדז ווייזן די קאָנקרעטע אַנטפּלעקונגען און אויסערונגען פון דעם סתירות־פולן קנויל, וואָס מיר רופן יידיש לעבן אין אַמעריקע.

## ב) די קאָנסאָלידאַציע־טענדענצן אין יידישן לעבן פון אַמעריקע

מיר האָבן העכער אין דעם קאַפּיטל וועגן צוזאַמענשמעלץ־פּראָצעס אָנגעוויזן אויף די סאָציאַלע סתירות און קעגנזאַצן, וועלכע האָבן אינטענסיווירט די דיפערענציאַציע לויט שפּראַכן און קולטורן פון די אויסוואַנדערונג־לענדער; באַזונדערס אין נאָרד־אַמעריקע, ווו די צאָל פאַרשיידענע שפּראַכן און קולטורן איז געווען אין צענדליקער. מיט דער צייט זענען די סאָציאַלע און קולטורעלע קעגנזאַצן און סתירות אָפּגעריבן געוואָרן און דער וועג צו געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, צו געמיינזאַמע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן איז געוואָרן פיל פרייער. אָט ווי איינער פון די בעסטע קענער פון דער אַנטוויקלונג פון די יידישע געמיינדעס באַשרייבט דעם דאָזיקן פּראָצעס פון פאַראייניטלעכונג און פאַרענלעכונג פון דער יידישער באַפעלקערונג:

„ס'איז שוין איצט נישט קיין זעלטענע דערשיינונג, אַז קינדער פון רוסיש־יידישע פאַמיליעס זאָלן חתונה האָבן מיט קינדער פון דייטש־יידישן יחוס. בני ברית, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַמאָל באַשטאַנען אויסשליסלעך פון מיטגלידער פון דייטש־יידישער אָפּשטאַמונג, האָט איצטער אַ מערהייט מיטגלידערשאַפט פון רוסיש־ און פויליש־יידישן יחוס. גרויסע און אויסגעשפּראָכן רעפאָרמאַטאָרישע קאָנגרעגאַציעס, וועלכע האָבן אַמאָל גאָרנישט אַריינגעלאָזט קיין רוסיש־פּוילישע יידן אָדער זיי אַריינגעלאָזט נאָר מיט אַ תנאי, אַז זיי האָבן רעכט צו צאָלן מיטגליד־ראַטעס נאָר זיי דאַרפן נישט פאַרלאַנגען קיין שטים־רעכט ביי וואַלן — אָט

אַזעלכע קאָנגרעגאַציעס באַפרייען זיך גאָר גיך פון אַזעלכע פּראַקטיקעס. די רעפאָרם־סינאַגאָגעס זענען איצט מערסטנטייל „רוסישע“ לויט זייער מיטגלידער־באַשטאַנד און אויך לויט דעם באַשטאַנד פון די פירער־אָרגאַנען. דאָס זעלבע שטימט בנוגע פאַרשיידענע יידישע קלובן. וואָס מער דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום שטייגט סאָציאַל־עקאָנאָמיש און געווינט אָנערקענונג פאַר זיינע גייסטיקע דערגרייכונגען, אַלץ מער פאַרשווינדן די צעטייל־ליניעס, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס טרעפן נאָך אויך איצט אינצידענטן פון אַ קעגנגעזעצטן כאַראַקטער.

„די ווירקונג פון דער דאָזיקער אומשיכטונג פילט מען אויך אין דער קהילה־אַנטוויקלונג. עס באַווייזן זיך אין די געמיינדעס נייע פירער און עס ווערט געשטעלט דער טראָפּ אויף נייע טעטיקייטן אין דעם קאָמונאַלן לעבן“1).

מיט גאָר שווערע חבלי לידה ווערט אין אַמעריקע באַגלייט דער פּראָצעס פון אויפקום אַפילו פון לאָקאַלע קהילות און גאַנץ באַזונדערס פון אַ לאַנד־צענט־ראַלע. שרייבט דער סאָציאָלאָג אליהו גינזבורג, דער מחבר פון אַ גרינטלעכן בוך וועגן דער טעטיקייט פון די געמיינדעס:

„ס'איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון יידישן לעבן אין אַמעריקע איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער תוהו ובוהו“ 2).

טראַכט מען זיך אַריין אין די סיבות פון דעם דאָזיקן תוהו ובוהו מוז מען קומען צום אויספיר, אַז עס זענען געווען זייער פיל פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געפירט צום אויפקום פון פיל ענלעכע אינסטיטוציעס אין איינעם און דעם זעלבן פונקט און צום אויפקום פון פיל אינסטיטוציעס נאָר צוליב דער צע־שפּאַלטונג און קולטור און נאָר צוליב דער צעפרעמדקייט צווישן די געקומענע פון צענדליקער לענדער און פאָלגלעך נישט נאָר פון צענדליקער שפּראַכן און קולטורן נאָר אויך פון צענדליקער פאַרשיידענע לעבנס־ נוסחאות, מיט פאַרשיי־דענע באַגריפן און השגות וועגן געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. גיט מען נאָך צו, אַז אַ לאַנגן פּעריאָד איז די איינוואַנדערונג געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט יעדע פּאָר יאָר געענדערט טיף די פיזיאָנאָמיע פון יעדער יידישער געמיינדע, ווערט קלאָר, פאַרוואָס עס האָט לאַנגע יאָרן געהערשט אַ כאַאָס אינעם געמיינדע־לעבן פונעם אַמעריקאַנער יידנטום; אַ כאַאָס, וועלכער איז נאָך עד היום נישט אויסגע־לעבט אינגאַנצן.

ס'איז גענוג צו ברענגען אייניקע ציפער וועגן דער צאָל פון אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין אייניקע צייט־פונקטן, אום גרינג צו פאַרשטיין, ווי שווער

1) Samuel C. Kohs, *The Jewish Community*, in "The Jews, Their History, Culture and Religion", New York, 1949, p. 1280—81.

2) אלי גינזבורג, מבוך ארגונ. ביהדות אמריקה, אין „בטרם“ ירושלים, 1טן מערץ 1954.

עס איז געווען און ווי שווער עס איז נאָך איצט צו ברענגען צו אַ פֿולקאָמענער קהילות־אָרגאַניזירטקייט אין אַזאַ לאַנד.

ד״ר באָריס באָגען האָט געוויזן, אַז שוין אין יאָר 1909 זענען געווען 1.191 אָרגאַניזאַציעס [חוץ קעגנזייטיקע הילף־געזעלשאַפֿטן, חוץ קבֿורות־חבֿרות, חוץ די יוניאָנס, חוץ די ציוניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און חוץ אַנדערע חבֿרות, וועלכע פֿאַרנעמען זיך מיט הילף פֿון אויסלענדישן כאַראַקטער]. און ער גיט אָן, אַז פֿון 1.191 חבֿרות און אָרגאַניזאַציעס זענען געווען: 809 הילף־חבֿרות, 148 אינסטיטוציעס, ווי שפּיטאָל, בתּי יתומים קאָנוואַלעסצענט־היימען און אַנדערע הייל־אַנשטאַלטן; 227 חינוך־ און קולטור־אַנשטאַלטן און 7 לאַנד־אָרגאַניזאַציעס 1).

אין יאָר 1935 האָט מען אָנגעציילט 4.035 ייִדישע חבֿרות, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. און חינוך־ און קולטור־אינסטיטוציעס זענען שוין געווען דעמאָלט 2.200 (2). און דאָס זענען געווען ווייט נישט אויסשעפּנדיקע ידיעות.

נעמט מען אין אַכט, אַז די דאָזיקע קאָלאָסאַלע מאַסע אינסטיטוציעס און חבֿרות איז געווען ביי אַ באַפֿעלקערונג, וועלכע איז קאָנצענטרירט אין אַ קלייִנער גרופּע שטעט (פֿון 75 ביז 80 פּראָצענט פֿונעם אַמעריקאַנער ייִדנטום לעבן אין 14 שטעט), ווערט ערשט פֿאַרשטענדלעך וואָס פֿאַר אַ קאָלאָסאַלע שווערע אויפֿגאַבע עס איז צו שאַפֿן אַפֿילו נאָר לאָקאַלע קהילות, וואָס זאָלן קאָנטראָלירן און רעגולירן די טעטיקייט פֿון די הונדערטער און אין ניו־יאָרק טויזנטער חבֿרות און אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און קרייזלעך. פֿיל קאָמפּליצירטער און טויזנט מאָל שווערער איז, פֿאַרשטענדלעך, צו שאַפֿן אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל ווי אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע נישט נאָר רעגולירן און גייסטיק באַווירקן די טעטיקייטן פֿון די לאָקאַלע קהילות נאָר זאָל נאָך אויך אין אַ געוויסן זין פֿאַרשטעלן לגבי חוץ דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער ייִדנטום און עס פֿאַרטרעטן אין וויכטיקע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען און אַקציעס.

דאָך האָט די אָרגאַנישע אַנטוויקלונג און די דרויסנדיקע באַדינגונגען געטריבן צו שאַפֿן סוראָגאַטן פֿון אַ געוויסער פֿאָרעם פֿון פֿאַראייניקונג. די אַנטוויקלונג פֿירט אָרגאַניש צו פֿאַרבעסערונג און פֿאַר פֿולקומענהייטן און אין געגעבענעם מאָמענט קען מען פֿאַרצייכענען געוויסע דערפֿאָלגן הן אין פֿיל לאָקאַלע קהילות, ווו עס זענען געשאַפֿן געוואָרן אַזעלכע צענטראַלע שטאָטישע אָרגאַנען — קאָנסולס — וועלכע נעמען אַרום אַלע פֿאָרמען און מינים פֿון ייִדישער טעטיקייט, פֿון די עלעמענטאַרסטע פֿילאַנטראָפּישע געביטן ביז די העכסטע פֿאָרמען

1) Samuel C. Kohs, l. c.
2) Ibid, p. 1286.

פון חינוך און דערציִונג, ווי, למשל, אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין דעטראָיט, אין קליוולאַנד און אין אַ געוויסן זין אויך אין טשיקאַגאָ.

די נעמען פון די לאָקאַלע שטאָטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען אין תוך אָרטיקע קהילות, זענען עד היום זייער פאַרשיידן — וועלפער־פאָנדן, פעדעראַציעס און אויך קאָנסולן, כאָטש די לעצטע באַצייכענונג איז די גאָר לעצטע יאָרן געוואָרן באַנוצט מער פאַר אַ העכערן טיפּ פון פאַראייניקונג. אויב די ערשטע צוויי טיפּן פון פאַראייניקונגען זענען געווען דער עיקר באַרופן צו רעגולירן די פינאַנציעלע זאַמלונגען און ווירקן אויף דער טעכנישער זייט פון די טעטיקייטן, איז דער קאָנסול שוין באַרופן אויך זיך אַריינצומישן אין די פאָרמען פון דער טעטיקייט פון איינצלנע חברות און אינסטיטוציעס. מען קען נישט אין געגעבענעם מאָמענט באַהויפּטן, אַז די געגעבענע נאָר וואָס דעפיניציעס זענען אַלגעמיין אָנגענומען — דער פּראָצעס פון דער אויספאָרעמונג פון לאָקאַלע קהילות מיט ענלעכע טעטיקייט־פּראָגראַמען און מיט ענלעכע געזעלשאַפטלעכע צילן איז ערשט אין זיינע וויקעלעך. עס איז אָנצונעמען, אַז די אויפגעקומענע צענטראַלע — דער צענטראַלער ראַט פון קהילות — וועט מיט דער צייט נישט נאָר דערוואַקסן צו אַ השפעה אויפן כאַראַקטער פון די טעטיקייטן, נאָר וועט אויך אַריינטראָגן אַ געוויסע איינהייטלעכקייט אין די נעמען פון די פאַרשיידענע מדרגות פון פאַראייניקונג.

פאַר אונדזער איצטיקן ציל איז וויכטיק נאָר דער מאָמענט פון אָרגאַניזירטקייט פונעם אַמעריקאַנער יידנטום, ווייל מיר האַלטן, אַז די קאָנסאָלידאַציע פון אַ יידישן ישוב איז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פאַר נאַציאָנאַלן המשך און אָט ווי עס איז געגאַנגען דער וווּקס פון די אָרטיקע פאַראייניקונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם צענטראַלן ראַט פון קהילות. די צאָל לאָקאַלע קהילות (פעדעראַציעס, וועלפער־פאָנדן און קאָנסולס), וועלכע זענען אָרגאַניזירט אינעם צענטראַלן ראַט 1):

| | |
|---|---|
| 1) 1930 | 95 |
| 2) 1936 | 143 |
| 3) 1943 | 305 |
| 4) 1952 | 600 |
| 5) 1954 | 800 |

די דאָזיקע ציפער רעדן זייער קלאָרע דיבורים און ווייזן, ווי שטאַרק עס שטייגט די טענדענץ צו לאַנד־קאָנסאָלידאַציע, צו אָרגאַניזירטקייט. מען קען רויק באַהויפּטן, אַז אַזאַ פאַראייניקונג איז אין תוך און פאַקטיש אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַני־

1) a) American Jew. Year Book, Vol. 38, 1936, p. 514.
ב) מאָריס טיילאָר, יידישע קהלשע אָרגאַניזאַציעס, אין ייוואָ־בלעטער, 1954, ז' 162.
ג) „פאָרווערטס", 21טן נאָוועמבער, 1954.

זאַציע, מעגן אַפילו די מערהייט קהילות באַהויפּטן, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע. דער בעסטער סימן איז דאָס וואָס אין די גערעדעריס פון דעם צענטראַלן ראַט פון קהילות איז געבוירן געוואָרן די חינוך־קאָנפערענץ. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט גאָר גיך, אַז אין די ראַמען פון אַ קאָנפערענץ ווי עס ווערן באַהאַנדלט דער עיקר פינאַנץ־פראַגן און זאַמלונג־פּראָבלעמען און אויך פילע טעכניש־פילאַנטראָפּישע פראַגן, קען נישט געשטעלט ווערן אַזאַ קאַרדינאַלע און קאָמפּליצירט־וויכטיקע פּראָבלעם, ווי די חינוך־פראַגע. און עס איז אין יאָר 1939, ניין יאָר נאָך דער גרינדונג פון דעם ראַט פון די קהילות, געשאַפן געוואָרן דער חינוך־ראַט, וואָס האָט שוין געהאַט צוויי אייגענע לאַנד־קאָנפערענצן און אַנטוויקלט אַ גאַנץ אינטענסיווע זעלבשטענדיקע טעטיקייט. מיר וועלן באַריכות רעדן וועגן דאָזיקן פּונקט אין קאַפּיטל וועגן דערציִונג.

ס'זענען אויך גערופן געוואָרן ספּעציעלע קאָנפערענצן פאַר די „צענטערס״, כאָטש זיי זענען אָרגאַניזאַציאָנעל געבונדן מיטן צענטראַלן ראַט פון קהילות — ווידער אַמאָל איז אַ געביט אָרגאַניזירט געוואָרן און מען האָט געמוזט זיך טיפער אַריינטראַכטן אין זיינע צילן און פּראָגראַמען, זוכן אַ טיפערן זין פאַר זיין עקזיסטענץ. נישט נאָר אויף די קאָנפערענצן פונעם צענטראַלן ראַט איז דעמאָנסטרירט געוואָרן די פאַקטישע איינהייטלעכקייט פונעם אַמעריקאַנער יידנטום, נאָר אויך אויף די קאָנפערענצן פון די חינוך־אָרגאַניזאַציעס איז דאָס שוין געווען גענוג בולט. עס זענען אויפגעטראָטן ריכטונגען און עס זענען געווען אידעאָלאָגישע חילוקי דעות, אָבער נישט פון אַזאַ מדרגה, אַז מען זאָל נישט קענען אַרבעטן צוזאַמען אין איין קערפּערשאַפט. די שפּראַך־צעשפּאַלטנקייט איז שוין נישט געווען קיין מניעה אַפילו אויף די חינוך־קאָנפערענצן. און אידעאָלאָגיש איז מען געווען אַזוי טאָלעראַנט קעגנזייטיק, אַז מען האָט גאַנץ רויִק דעבאַטירט און נישט היציק פּאָלעמיזירט. דאָס איז אפשר צו באַדויערן, נאָר נישט די זייט פון דער פראַגע אינטערעסירט מיך אין געגעבענעם פאַל.

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף די ספּעציעלע קאָנפערענצן פון חינוך און „צענטערס״, ווייל פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט זענען דאָס די וויכטיקסטע געביטן. מען האָט געמוזט אויסטיילן נאָך אַנדערע ספּעציפישע געביטן, ווי די אַרבעט־ביוראָען, למשל.

אויף אַזאַ מין אופן שאַפט זיך אַ צענטראַלע פון קהילות מיט אַ גאַנצער רייע פליגלען, וועלכע זענען טעטיק אויף באַזונדערע געביטן. די אָרגאַניזירטקייט ווערט צעברייטערט און צעוויטערט. און עס ליגט אין דער נאַטור פון יעדן אָרגאַניזם צו שטרעבן צו וואַקסן — צו וואַקסן און באַגרינדן דעם רעזאָן פון דער עקזיסטענץ און פון דער אַרבעט. און דאָס מיינט פאַקטיש באַטאָנען די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען, אין וועלכע די יידישע מינדערהייט לעבט און וועלכע טיילן

זי אָפּ און שיידן זי אויס פון דער גרויסער סימפּאַניע פון נאַציאָנאַלע מיעוטים, וועלכע בילדן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק.

דערמיט זאָל נישט געזאָגט ווערן, אַז דער יידישער מיעוט שפּרינגט אַרויס און זונדערט זיך אָפּ — ניין! ער בלייבט געגנוג אַריינגעוואָקסן אינעם אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, אָבער אויף אַ געוויסער מדרגה פון אינטעגרירונג בלייבט ער שטיין און גייט נישט ווייטער, ווערט נישט צוזאַמענגעשמאָלצן, ווי אַלע אַנדערע מיעוטים. אַט דאָס בלייבן שטיין אינעם פּראָצעס פון צוזאַמענוואַקסונג פון אַלע אַנדערע מיעוטים, בלייבן אָפּגעטיילט נישט נאָר רעליגיעז נאָר בפירוש נאַציאָנאַל — אַט דער דאָזיקער מאָמענט שאַפט פאַר אים פיל מער און פיל אַנדערע פּראָבלעמען, ווי ביי אַנדערע מיעוטים, וועלכע דערפירן דעם אינטעגרירונג-פּראָצעס ביז פולער צוזאַמענשמעלצונג.

די יידישע אינטעגרירונג בלייבט תמיד הענגען אין די לופטן און נעמט נישט אָן קיין אינטים-משפּחהדיקן כאַראַקטער. נישט נאָר אין פּרט פון פאַמיליען-פּאַרקער, נאָר אַפילו אין קלובן און יוגנט-אָרגאַניזאַציעס. נישט וויכטיק, צי דער אָפּשטויס פון יידן פון געוויסע אָרגאַניזאַציעס איז אַן אָפענער אָדער אַ שטיל-שווייגנדיקער. דער ייד דערפילט זיך אומגעוווּנטשן און טרעט צו צו אָרגאַניזירן זיך זעלבשטענדיק — און אָט די דאָזיקע געצווונגענע סעפּאַראַציע ווערט מיט דער צייט און מיט דער אַנטוויקלונג פון אייגענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלער ברכה.

## ג) אינטעגרירונג און סעפּאַרירונג

ביידע די דאָזיקע פּראָצעסן אַנטפּלעקן זיך אין לעבן אין צוויי פאָרמען — אין אַן אַקטיווער און אין אַ פּאַסיווער. די טאָפּלטקייט חזרט זיך איבער ביי ביידע צדדים — ביי דעם משפּיענדיקן צד און אויך ביי דעם באַווירקטן צד, ביי דער מערהייט און ביי דעם מיעוט.

לאָמיר צו ערשט נעמען דעם משפּיענדיקן צד — די אַמעריקאַנער מערהייט געברויכט דעם מינימום פון אַסימיליר-צוואַנג לגבי די מינדערהייטן, אָבער גאָר אַן דעם באַגייט זיך דאָס נישט. באַזונדערס לגבי דעם יידישן מיעוט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלע מינדערהייט. אַזוי, למשל, מוזן יידישע געשעפטן זיין געשלאָסן זונטיק, כאָטש דער יידישער רו-טאָג איז שבת. בעלגים אויף האַלטן אָפן די קראָמען זונטיק אַנשטאָט שבת זענען פאַראַן, נאָר זיי האָבן זיך עד היום נישט געקענט דערשלאָגן אַ היתר דערויף. דאָס זעלבע קען מען זאָגן לגבי אַלע ריין-קריסטלעכע און נישט נאַציאָנאַלע יום טובים. דאָס איז אַ ביישפּיל פון אָביעקטיווער צוואַנג-אַסימילאַציע, לכן פון צוואַנג-אינטעגרירונג.

אַ סך ברייטער און פּילזייטיקער איז די פּאַסיווע נאַציאָנאַלע אינטעגרירונג פון די מינדערהייטן דורך דער מערהייט — דאָ קומט אַריין די שולע, די געצ־רעדטע שפּראַכן, די ליטעראַטור, הכלל, דער גאַנצער גייסטיקער קלימאַט. פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט קען מען אויך די שולע צורעכענען צו אַ צווינגענדיקן אַסימיליר־פאַקטאָר — אויף וויפל די מלוכה גיט נישט קיין אַסיגנירונגען אויף סעפּאַראַטע נאַציאָנאַלע שולעס, אויף אַזוי פיל צווינגט זי פּאַקטיש די מינדער־הייטן צו שיקן זייערע קינדער אין דער מערהייט־שולע.

פיל וויכטיקער פאַר אונדז איז די פראַגע פון דער סעפּאַרירונג פון דער מינדערהייט מצד דעם רוב — דאָ גייט שוין נישט אין מלוכה־אָרגאַנען, נאָר אין דער געזעלשאַפט. אין אַמעריקע זענען נישט נאָר נישט פאַראַן קיין אויסנאַם־געזעצן פאַר מינדערהייטן, נאָר אין פיל שטאַטן ווערט מען באַשטראָפט פאַר דיסקרימינאַציע. געזעץ בלייבט אָבער אָפט אויף פּאַפּיר און דאָס לעבן האָט זיך זיינע נישט געשריבענע רעגעלן, וועלכע ווירקן נישט ווייניקער ווי אויסנאַם־געצ־זעצן. דער געזעץ קעמפט אין פיל שטאַטן קעגן די דיסקרימינאַציעס אין האָטעלן און אין רו־פּלעצער קעגן מינדערהייטן, דער עיקר קעגן יידן און נעגער. נאָר אין לעבן האָט זיך גאָר ווייניק געענדערט די לאַגע נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון שטראָפן פאַר אַזוינע דיסקרימינאַציעס. אָט וואָס עס ווערט דערציילט אין אַן אַרטיקל אין „קאָמענטערי" 1): „די שאַנסן פאַר אַ מענטשן מיט אַ יידישן פאַמיליע־נאָמען צו באַקומען אַ פּלאַץ אין אַ קור־אָרט, אויסגעקליבן פון די אַנאָנסן אין „העראַלד טריביון" זענען 27 פּראָצענט, פון די אַנאָנסן אין „טיימס" 48 פּראָצענט בעת די שאַנסן פון אַ קליענט מיט אַ קריסטלעכן נאָמען זענען געווען אין ביידע פאַלן אַרום 90 פּראָצענט.

דער זעלבער מחבר ברענגט פיל ביישפּילן פון אַנאָנסן ווי „באַגרענעצטע קליענטעלע", „אַ געקליבענע קליענטעלע", וואָס עס מיינט אין דער ווירקלעכקייט, אַז מען וויל דאָרטן נישט קיין יידן.

פאַר אונדזער טעמע איז אָבער וויכטיקער אַ צווייטע דערשיינונג. כאָטש די באַציִונגען צווישן יידן און נישט־יידן זענען אין די שטאַטן פל פריינטלעכער און אין פרט פון שותפותדיקן האַנדל אַ פיל אָפטערע דערשיינונג, ווי דאָס איז געווען אין דער אַלטער וועלט, דאָך זענען פאַמיליען־באַציִונגען אויך דאָ אַ זעל־טענע דערשיינונג. מען טרעפט זיך אין גאַס, אין קראָמען ביים איינקויפן, אין פּאַרק ביים אַכטונג געבן אויף קינדער, אָבער פון אָונט ווערן די באַציִונגען ווי איבערגעריסן, ווען מען וווינט אַפילו אין איין הויז און אויף איין שטאָק.

אַפילו ביי געמישטע חתונות שאַפן זיך זעלטן נאָענטערע באַציִונגען צווישן

1) Charles Abrams, *Only the very best Christian Clientele*, in "Commentary", 1955, I, p. 14.

די משפּחות. איינס איז קלאָר — אויך אין אַמעריקע, ווו די רעליגיעזע געפילן און גלויבונגען זענען פיל שוואַכער, ווי אין אייראָפּע, איז נאָך פאַראַן ביים קריסטלעכן צד אַ גאַנץ גרויסע אָפּשטויס־קראַפט לגבי צו נאָענטע באַציִונגען מיטן ייִדן. אָט דער דאָזיקער אָפּשטויס, אָפענער צי מאַסקירטער, מצד דער קריסטלעכער זייט איז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אינעם אויפקום פון פילע באַזונדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס.

די נאָר וואָס אויסגערעכנטע פאַקטאָרן, וועלכע דינען דער סעפּאַרירונג פונעם ייִדן, אַ ברכה־ברענגענדיקער פון ייִדישן נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, ווערן מיט דער צייט שוואַכער און שוואַכער. וואָס מער דער ייִד ווערט אינטעגרירט אין דער מערהייט־סביבה; וואָס מער ער פאַרברענגט אין דער דאָזיקער סביבה און נעמט איבער אירע מינהגים, אירע לעבנס־סטילן, אירע נישט נאָר פּסיכישע רעאַקציעס אויף לעבנס־דערשיינונגען נאָר אויך פיזישע; וואָס מער ער פּאַסט זיך צו אין פּרט פון יום טובים צו דער קריסטלעכער מערהייט, אַלץ מער וואַקסט די סכנה פונעם בהדרגהדיקן פאַלן פון דער וואַנט, וואָס בילדעט אַ מחיצה צווישן דער ייִדישער מינדערהייט און דער קריסטלעכער מערהייט. לעת עתה איז די מחיצה נאָך גאַנץ הויך.

לאָמיר איצט איבערגיין צום באַאיינפלוסטן צד — אַלזאָ צום ייִדישן צד. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער ייִדישער פּאַרטנער פון דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס איז נוטה צו דער מאַקסימאַלער אינטעגרירונג. דער בעסטער באַווייז איז דאָס, וואָס ביים פינפמיליאָניקן ייִדישן קיבוץ איז דאָ ביז גאָר ווייניק וועלטלעכע טאָג־שולן, ווען אַפילו אין דרום־אַפריקע מיט 110 טויזנט ייִדן זענען שוין פאַראַן צוויי טאָג־שולעס און אין אויסטראַליע מיט 60 טויזנט ייִדן זענען אויך פאַראַן צוויי וועלטלעכע טאָג־שולעס. דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום, חוץ דער אָרטאָדאָקסיע, אַפילו זיין ציוניסטישער און זיין אַ־ציוניסטישער נאַציאָנאַלער פליגל קענען זיך נישט אַנטשליסן אויף סעפּאַרירן זייערע קינדער פון דער אַלגעמיינער קינדער־משפּחה. און זיי גרינדן נישט קיין טאָג־שולעס.

דער יצר הרע צו דער מאַקסימאַלער אַריינוואַקסונג אין דער אַרומיקער נישט־ייִדישער סביבה ווערט באַזונדערס דעמאָנסטרירט מיט דעם הויכן פּראָצענט על־טערן, וועלכע זענען מסכים, אַז זייערע קינדער זאָלן ערב די קריסטלעכע יום טובים נישט נאָר בייזיין ביים זינגען אין די שולעס רעליגיעז־קריסטלעכע לידער און תפילות, נאָר זיי זאָלן אויך נעמען אַן אָנטייל אין די קריסטלעכע רעליגיעזע ספּעקטאַקלען.

נאָר נישט געקוקט דערויף איז דאָך דאָ אַ פּונקט, ביי וועלכן אויך דער אַסימילירטער טייל פונעם ייִדישן צד שטעלט זיך אָפּ. שמד „לאו!" געמישטע חתונה נישט אַזאַ שרייענדיקן „לא", אָבער נאָך אויך אַ „לא". אחר המעשה מאַכט

מען פון דעם נישט קיין גרויסע טראַגעדיע, אָבער לכתחילה בעט מען גאָט און מען זוכט אַלערליי מיטלען אויסצומיידן די געמישטע חתונה.

מיר קומען צום זייער וויכטיקן אויספיר, אַז די אַבסאָלוטע צוזאַמענשמעלצונג מיט דער אַרומיקער מערהייט־סביבה שטויסט זיך אָן אויף האַרמאָנישע פוןביידע זייטן נעגאַטיווע באַציונגען. אָט דער קעגנזייטיקער אָפּשטויס איז געוויס איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס פירן צו דער סעפּאַראַטירטער לאַגע פונעם יידישן מיעוט. עס איז אָנגענומען, אַז דאָ ווירקט גאָר די רעליגיע, די מחיצה, וועלכע פעלט ביי אַלע אַנדערע מינדערהייטן און מאַכט אַזוי גרינג זייער אַבסאָלוטע צוזאַמענשמעלצונג. קען מען געוויס דאָס נישט לייקענען, נאָר מיר ווייזט אויס, אַז די מחיצה איז אַ פּיל ברייטערע און דער עיקר אַ פּיל טיפערע, ווי נאָר די רעליגיעזע פאַרשיידנקייט; אַ צו געדיכטער שיכט פון טראַגישע נאַציאָנאַלע איבערלעבונגען האָט זיך אָנגעהויפט אין דער ידישער נשמה, אַז זי זאָל גאָר פאַרלירן איר ווירקונג אַפילו אין אַזאַ ליבעראַלער און פרייער געזעלשאַפט, ווי די אַמעריקאַנער.

יעדנפאַלס מיר שטייען פאַר אַ פאַקט, אַז הן דער אָפּשטויס פון דער מערהייט צו אַ צו טיפער אינטעגרירונג פון יידן און הי די מורא פונעם יידן פאַרן אַבסאָלוטן צוזאַמענשמעלץ פירן צו אַ גאַנץ גרויסער מדרגה פון סעפּאַרירונג פון דעם יידישן מיעוט. דער ייד איז אַקטיוו ביים אינטעגרירן זיך אין דער אַרומיקער סביבה — ער שטויסט זיך אָבער אָן אויף צוריקשטויסנדיקע פאַקטאָרן, וועלכע פאַלן צוזאַמען מיט זיין אייגענער מורא פאַרן לעצטן אַקט פון אונטערגאַנג. די דאָזיקע מורא פאַרן לעצטן אַקט פון צוזאַמענשמעלצונג פירט צו פיל דערשיינונגען, וועלכע מוזן ברענגען דעם יידישן צד צו זעלבסט־סעפּאַרירונג פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, טוליען זיך איינער צום צווייטן, צו צוזאַמענעמען זיך אין באַשטימטע ראַיאָנען פון יעדער שטאָט, זיך קאָנצענטרירן און שאַפן קאָמפּאַקטע יידישע שטאָטישע ראַיאָנען.

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז די פרייוויליקע געטאָס אין די שטעט פון אַזאַ פריי לאַנד ווי אַמעריקע זענען אַ רעזולטאַט נאָר פון דער סטיכישער איינוואַנדערונג פון פרעמדע לענדער און פון דער שטרעבונג, פון איין זייט, פון אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן צו שאַפן רעליגיעזע אינסטיטוציעס און, פון דער צווייטער זייט, פון דער באַדערפעניש זיך צו געפינען צווישן נאַציאָנאַל־היימישע, ווו עס איז גרינגער צו געפינען אַרבעט און ווו עס איז אויך גרינגער צו באַקומען הילף אין פאַל פון אַ נויט. שטעלט זיך אַרויס, אַז די גרויסע באַוועגונג פון די גרויסע שטעט אין די פאָרשטעט און אין די פרייע נאָענטע פלעצער קאָפירן כמעט די צוזאַמענעמונג און צוזאַמענזאַמלונג פון די יידישע אימיגראַנטן אין די ערשטע יאָרן פון אימיגראַציע. יידן באַזעצן זיך אין באַזונדערע קוואַרטאַלן. געוויס נישט אַזוי רייך יידיש, ווי דאָס איז געווען אין די „געטאָס“, נאָר דאָך

אויך געווען קאָמפּאַקט. די דאָזיקע פֿאַרשטעט־ייִדן זענען כמעט אויסשליסלעך געבוירענע אַמעריקאַנער, ווייט פֿון רעליגיעזיטעט, אויך פֿון אַקטיוון נאַציאָנאַ־ליזם, נאָר דאָך געטריי דער היסטאָרישער טראַדיציע זיך צו טוליען איינער צום צווייטן, לעבן צווישן ייִדן.

די אַלע דאָ באַהאַנדלטע פֿראַגן פֿירן צום אויספֿיר, אַז די אינטעגרירונג הן אין איר אַקטיווער פֿאָרעם מצד דער מערהייט און הן אין איר פּאַסיווער פֿאָ־רעם מצד די ייִדן פֿירט נישט צו פֿולער פֿאַרשווינדונג פֿון ייִדישן שבט און טרייבט, פֿאַרקערט, צום אויפֿקום פֿון אייגענע ייִדישע אינסטיטוציעס. און, ווי מיר האָבן שוין העכער געזאָגט, געשאַפֿענע אינסטיטוציעס פֿון נויט, פֿון נישט האָבן קיין מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין דער קריסטלעכער פּאַסיקער אינסטי־טוציע, ווערן מיט דער צייט שעפֿערישע קעמערלעך פֿון ייִדישן לעבן. עס ליגט אין דער נאַטור פֿון אַן אָפּגעזונדערטער אינסטיטוציע צו זוכן אַ באַרעכטיקונג פֿאַר איר עקזיסטענץ. די באַרעכטיקונג אין אַ סעפּאַרירטער אינסטיטוציע קען באַשטיין נאָר אין אַנערקענונג פֿון באַזונדערע אייגנאַרטיקע אויפֿגאַבן, אַרויסגע־רופֿענע פֿון אייגענע־אייגנאַרטיקע לעבנס־פֿאָרמען אָדער לכל הפּחות פֿון אייגע־נע־אייגנאַרטיקע ירושות און ווערטן, וועלכע מען האַלט טייער און מען וויל זייער ווייטערע עקזיסטענץ, זייער ווייטערע אַנטוויקלונג. אויף אַזאַ מין אופֿן ווערט פֿון אינסטיטוציעס, וועלכע זענען צום לעבן אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿון נעגאַטיווע אויסערלעכע סיבות, מאונס, באַזעס פֿאַר ווייטערדיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע ווייטערע פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג און צעוויקלונג פֿון טעטיקייטן, וועלכע זאָלן אַלץ מער אַנטפּלעקן טענדענצן צו באַרייכערן דעם געווירשנטן באַגאַזש מיט אינהאַלט און פֿאָרמען, מיט אייגענע נאַציאָנאַלע ווערטן איז אָפּהענגיק פֿון דער צייט, אין וועלכע דער גורל פֿון די דאָזיקע מאונס־אינסטיטוציעס קומען אויף.

מען קען מיט אַ רויִקן געוויסן, נישט פּרעטענדירנדיק אויף טרייהייט דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, באַהויפּטן, אַז אין דעם פּרט האָבן די אויפֿגעקומענע מאונס־אינסטיטוציעס גרויס מזל — דער אויפֿקום פֿון מדינת ישראל גיט אַ גע־לעגנהייט און אַ קאָנקרעטע מעגלעכקייט אָנצופֿילן די דאָזיקע נויט־אינסטיטוציעס מיט פֿאַרכאַפּנדיקן און צוציִענדיקן אינהאַלט, מיט אַקטועלע טיף־אימפּאָנירנדיקע אַ מאָדערנעם יונגן אַמעריקאַנער, טעטיקייט. די שפּראַך, לשון קודש, די ביבל־שפּראַך; אַן אייגענע מדינה; ייִדישע פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט; אַ זיג אין אַ מלחמה מיט אַ שונא פֿערציק מאָל גרעסער אין צאָל; אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער איבערבוי פֿון ייִדישן פֿאָלק אין סתירה נישט נאָר צו דער גאַנצער ייִדישער לאַנגער גלות־געשיכטע, נאָר אויך אין קעגנזאַץ צו דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער טענדענץ אין דער וועלט־ווירטשאַפֿט; אַן עקספּערימענט פֿון אַ נאַציאָנאַלן מיזוג פֿון צענדליקער פֿאָלקס־שפּליטער מיט די פֿאַרשיידנסטע שפּראַכן און קולטורן און מיט די פֿאַרשיידנסטע מיטגעבראַכטע לעבנס־נוסחאות און גייסט־אוצרות; אַ

אַמאַלגאַמע פון עלעמענטן פון די נידעריקסטע קולטור־ און אַנטוויקלונג־שטאַפּל ביז די העכסטע און מאָדערנסטע געווינסן פון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע — דאָס אַלץ מוז רייצן דעם נאַציאָנאַלן יצר טוב און אים יעדנפאַלס אינטערעסירן, אויב נישט אַפילו צורעדן צו באַטייליקן זיך אין דאָזיקן העכסט רעוואָלוציאָנערן, נאָך קיינמאָל נישט געוועזענעם עקספּערימענט.

זיך וויניקסטנס פון דער ווייטנס אינטימער פאַרבינדן מיט דעם דאָזיקן אויפלעבנדיקן פאָלק, מיט זיין נייער קולטור, מיט זיינע דערגרייכונגען אויף די געביטן פון ליטעראַטור, קונסט, מוזיק, טעאַטער און אויך סאָציאַלן רעוואָלוציאָנערן איבערבוי איז בלתי ספק אַ זייער וואַרשיינלעכע זאַך ביי אַ יוגנט, וואָס פרעגט שוין די לעצטע יאָרן נישט „צו וואָס זיין אַ ייִד?״ נאָר „ווי צו זיין אַ ייִד?״ אויב נאָר די פירנדיקע אינטעלעקטועלע כוחות און מוחות וועלן פאַרשטיין ווי און ווו אָנצוקניפּן, ווי צוצוגיין צו אַ דור, וואָס איז נאַציאָנאַל אַזוי אויסגעליידיקט און אַזוי אויסגעוואָרצלט. די אַרבעט איז אַ גראַנדיעזע און זי איז אָפּהענגיק נישט נאָר פון די כוחות אין גלות־לאַנד נאָר אויך פון די קרעפטן פון ישראל, הן פון זיינע ווייטערע דערפאָלגן אויף די אַלע געביטן, וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט, און אויך אין אַ גאַר גרויסער מאָס פון דעם, ווי זיי וועלן צוגיין צו דער דאָזיקער זייער אײדעלער און זייער קאָמפּליצירטער אויפגאַבע.

נאָר די דאָזיקע פראַגע גייט נישט אַריין אין דער טעמע פון אונדזער ווערק — מיר האַלטן פאַר זיכטיקער אָנצווייזן אויף דעם, אַז ביי נאַציאָנאַלע וועגן ווערן געזוכט, אַז אַ געוויסע אויפוואַכונג פון נאַציאָנאַלע געפילן איז פאַראַן. מיר קערן זיך לכן אום צו די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן דערפילט אַ גייסטיקן הונגער אין פרט פון ייִדישקייט; אַ הונגער, וואָס זאָגט עדות, אַז די הויכע אָרגאַניזירטקייט פון דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום קען ביי גינציקע באַדינגונגען ווערן אַ ברכה, כאָטש די דאָזיקע אָרגאַניזירטקייט איז אפשר אַרויסגערופן געוואָרן מער פון נישט ווערן צוגעלאָזט צו קריסטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי פון נאַציאָנאַלן אָדער רעליגיעזן באַוווסטזיין, אַז מען געהערט צום ייִדישן פאָלק און מען האָט לכן פילע אייגענע ייִדישע אויפגאַבן און פליכטן.

מיר הייבן אָן פון די אַזוי גערופענע „צענטערס״, ווייל זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ זייער אויסגעשפּראָכענעם טיפּישן ביישפּיל פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויסגעוואַקסן דער עיקר אַ דאַנק דעם אָפּשטויס פון דער אַרומיקער נישט־ייִדישער יוגנט און וואָס איז אין איר וווקס און אין איר מדרגה פון אָרגאַניזירט־קייט אָרגאַניש דערוואַקסן צום מאָמענט, ווען זי האָט געמוזט זיך אַליין שטעלן די פראַגע: צוליב וואָס? און פאַרוואָס? און קען מען דען לעבן נאָר מיט אַ פּראָגראַם, וואָס שרייט אַזוי אָפן. אַז מען לעבט און מען וואַקסט אָפּגעזונדערט נאָר ווייל מען האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אַריינצוּוועבן אין די זעלבע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון דעם מערהייט־אַרום?

כאַראַקטעריסטיש פאַר די צענטערס, וועלכע האָבן צוריק מיט אַ יאָר געפייערט זייער הונדערט־יאָריקן יובילײ, איז דאָס, וואָס זיי האָבן תמיד באַטאָנט די „נאָן סעקטעריען" פון זייערע אָרגאַניזאַציעס, נאָר פאַקטיש זענען זיי תמיד געבליבן הונדערט פּראָצענט ייִדיש. און דאָס האָט געטריבן צו רעוויזיע פון דער פּראָגראַם און צו אַן אויספיר, אַז מען מוז די אַרבעט קאָנצענטרירן מער אויף ייִדישן אינהאַלט.

## ד) די יידישע צענטערס

לאָמיר צו ערשט ברענגען אַ ביסל ציפער, וועלכע וועלן אונדז ווייזן דעם אינטענסיוון וווקס פון די צענטערס — כמות איז געוויס ווייניק, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון האַלטן ייִדן צוזאַמען, באַזונדערס דעם יונגן דור, אַז ער זאָל זיך נישט אינגאַנצן אַרויסגליטשן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט איז די כמות־אָרגאַניזירטקייט זייער וויכטיק.

אייניקע ציפער וועגן די צענטערס:

| יאָר | צאָל צענטערס | צאָל מיטגלידער | הוצאות |
|---|---|---|---|
| 1926 | 227 | 250.000 | 2.500.000 |
| 1945 | 288 | 427.000 | 7.100.000 |
| 1949 | 325 | 483.000 | 11.535.000 |
| 1953 | 348 | 530.000 | 13.975.000 |

די געביידעס פון די צענטערס האָבן באַטראָפן אַרום 40 מיליאָן דאָלער אין יאָר 1940 און פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן האָט מען אויסגעגעבן 39 מיליאָן דאָלער אויף נייע בנינים. די צאָל באַזוכער האָט דערגרייכט ביז 12 מיליאָן יאָרלעך. אָפּט נאָך מער.

די צענטערס האָבן זומער־קעמפּס: טאָג־קעמפּס 201 און אויסער שטאָט־קעמפּס — 36. אינטערעסאַנט איז דער עלטער פון די מיטגלידער פון די צענטערס: ביז 14 יאָר 35 פּראָצענט; פון 14 ביז 15 — 25 פּראָצענט; עלטער פון 25 יאָר 40 פּראָצענט. מיר באַקומען, אַז 60 פּראָצענט פון די מיטגלידער פון די דאָזיקע פאָלק־אָרגאַניזאַציעס זענען ייִנגער פון 25 יאָר, לכן אַ גענוג גרויסער טייל פון דעם יונגן ייִדישן דור, אַ ביסל מער פון העלפט פון ייִדישע קינדער אין דעם עלטער צווישן 10 און 25 יאָר.

פון די געבראַכטע ציפער איז פריִער פון אַלץ, איינס צו שליסן — פאַר די לעצטע 27 יאָר האָט זיך די צאָל מיטגלידער פון די צענטערס מער ווי פאַרטאָפּלט און די אויסגאַבן אויף אָנפירן מיט דער אַרבעט פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָט זיך מער ווי פאַרפינפפאַכט.

לאָמיר איצטער איבערגיין צום תוך פון ענין. אַ בילד פון דעם ווי די אַרבעט איז געגאַנגען ביז נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה גיבן אונדז די רעזולטאַטן פון דער יאַנאָווסקי־קאָמיסיע. שוין דער אויפקום פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, ווע־מענס אויפגאַבע עס איז געווען נישט נאָר פעסטצושטעלן די פיזיאָנאָמיע פון די צענטערס נאָר אויך פאָרלייגן אַ פּראָגראַם פון טעטיקייט — שוין דער דאָזיקער פאַקט באַווייזט, וו ווייניק די פירער פון די דאָזיקע פאָלק־אינסטיטוציעס לויט זייער גרויסן באַזוך, האָבן געזאָרגט פאַר אַ יידישן אינהאַלט. פאַר שווים־באַסיינס, טענץ און לעקציעס וועגן „בעסט־סעלערס" און וועגן די פאַרשיידנסטע אַלגעמיינע טעמעס, מיט וועלכע עס איז פול די פּרעסע און די אילוסטרירטע צייטונגען — וועגן דעם דאַרף מען נישט קיין ספּעציעלע צוזאַמענפאָרן און נישט קיין געמיינ־זאַמע באַראַטונגען און שוין אַוודאַי נישט קיין ערנסטע שטודיען, ווי דאָס דורכ־צופירן. דער גרייטער מאַטעריאַל איז די והותר.

אָט איז אַ באַשרייבונג פון דער טעטיקייט ביז דעם יאָר 1945, ביז נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה, ביז נאָך דער לעצטער קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע צעוועק־השפּעה אויף דעם אַמעריקאַנער יידנטום בכלל און אין דעם כלל אויך אויף דער יוגנט:

„עס איז ממש נישטאָ קיין גרענעץ צו די אַקטיוויטעטן, וואָס האָבן זיך געפירט אונטער דעם דאַך פון די קאָמיוניטי־צענטערס אין די לעצטע פאָר צענד־ליק יאָר. דער יסוד ביי זיי אַלע זענען געווען די פאַרשיידענע אַטלעטישע טעטי־קייטן און די כלערליי קלובן. זיי האָבן אויך כמעט אַלע געפייערט אויף דעם אָדער אַנדערן אופן יידישע יום טובים, אָבער פון אָט דעם פונקט אָן, צווייגן זיך די טוואונגען פאַנאַנדער און דרינגען אַריין, אין געוויסע שטעט אין אַלע ווינקעלעך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי ציִען פון טאַנץ־לעקציעס פאַר קינדער ביז קאָנ־סולטאַציעס וועגן געשלעכטס־ענינים פאַר יונגע ביז עצות וועגן משפחה־פּראָב־לעמען פאַר די חתונה געהאַטע. זיי שליסן איין פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציעס און סאָציאַלע אַקציעס, יידישע דערציִונג און קורסן פאַר דראַמע און מוזיק, קאָרטן־שפּיל און וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן, קינדער־גערטנער און קעמפּס" 1).

די יידישע פונקטן זענען בטל געוואָרן נישט בששים נאָר במאה פון אַנדערע טעמעס, און דער זעלבער מחבר דערציילט:

„עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן אַ פילאָסאָפיע, וואָס האָט געזאָגט, אַז די יידישע צענטערס דאַרפן בכלל גאָרנישט זיין קיין אויסשליסלעך־יידישע אינס־טיטוציעס, נאָר געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון

1) בצלאל שערמאַן, הונדערט יאָר קאָמיוניטי צענטערן, אין „יידישער קעמפער", 16טן אָקטאָבער 1953.

אַלע טיילן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג און פון דעם לאַנד בכלל. וואָרום מען טאָר נישט יִדן איזאָלירן פון דעם אַרום״ 1).

1945 האָט דער צענטראַלער ראַט פון די וועלפער פאָנדס באַשטימט אַ קאָמיסיע אויף שטודירן די צענטערס און צושטעלן אַ באַריכט און אַ פּלאַן. די קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז „אַ סך עסקנים — פּראָפעסיאָנעלע און פריי־ווילִיקע — קוקן אויף די קאָמיוניטי־צענטערס ווי אויף אינסטיטוציעס, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון יִדישן ישוב לטובת דער גאַנצער באַפעלקערונג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די פּראָגראַמען דאַרפן טראָגן אַן אַלגעמיין אַמעריקאַנישן כאַראַקטער און נישט קיין ספּעציפיש יִדישן. די קאָמיסיע האָט געפונען צענטערס, וואָס זענען אין זייער טואונג געווען יִדיש ריין. פון די 301 קאָמיוניטי־צענטערס, וואָס האָבן דער יאַנאָווסקי־קאָמיסיע געגעבן אינפאָרמאַציע וועגן זייערע פּראָגראַמען, האָבן 59 — צוואַנציק פּראָצענט! — נישט געהאַט גאָר נישט צו באַריכטן, כאָטש פון איין אַקטיוויטעט פון אַ קאָנקרעטן יִדישן אינטערעס אָדער יִדישער אָריענטאַציע, וואָס זיי זאָלן געווען האָבן דורכגעפירט אין משך פון די יאָרן 1945 און 1946״ 2).

דאַרפן מיר נאָך צוגעבן, וואָס פאַרא יאָרן עס זענען געווען 1945 און 1946? מען האָט דאָך ערשט גענומען ציילן די קרבנות און זיך באַקענען מיט דעם אופן פון די שחיטות — און אָט אין אַזעלכע טראַגישע יאָרן האָבן 20 פּראָצענט צענטערס נישט געהאַט קיין יִדישע טעמעס און קיינע ספּעציעלע יִדישע אינטערעסן פאַר זייערע באַזוכער!

נאָר לאָמיר גיין ווייטער. דער זעלבער שערמאַן שרייבט:

„אַרום אַ דריטל פון אַלע צענטער־עסקנים האָבן געהאַלטן, אַז די קאָמיוניטי־צענטערס דאַרפן באַפרידיקן די הצטרכותן פון גאָר דער באַפעלקערונג אין די געגנטן, ווו זיי פונקציאָנירן — גויים ווי יִדן. 51 פּראָצענט פון די פרייוויליקע טוערס און 68 פון פּראָפעסיאָנעלן שטאַב האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען פאַר דעם, אַז די צענטערס זאָלן אויך אַריינגעמען נישט־יִדישע מיטגלידער״ 3).

די דאָזיקע לאַגע ווערט ערשט פאַרשטענדלעך ווען מען באַקענט זיך מיט דער יִדישער בילדונג פון דעם פּערסאָנאַל פון די צענטערס: „19 פּראָצענט פון די אָנגעשטעלטע אין די צענטערס האָבן נישט געהאַט קיין שום פאָרמעלע יִדישע בילדונג; 9 פּראָצענט האָבן געהאַט נאָר אַ זונטיק־שול־בילדונג; 30 פּראָצענט אַ עלעמענטאַר־שול־בילדונג און נאָר 7 פּראָצענט האָבן באַזוכט אַ יִדישע מיטל־שול און אַרום 25 פּראָצענט האָבן געהאַט אַ העכערע יִדישע בילדונג״ 4).

1) איביד.
2) איביד.
3) איביד.
4) איבידעם.

די יאַנאָווסקי־קאָמיסיע איז געווען געגוג פּאַרזיכטיק און געהיט אין דער פאָרמולירונג פון די אויפגאַבן פון די צענטערס. אָט איז די וויכטיקסטע טעזע:

„דער יידישער קאָמיוניטי־צענטער איז באַזירט אויף דער הנחה, אַז דער אינדיווידועלער אַמעריקאַנער ייִד איז פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט יעדן אַספּעקט פון אַמעריקאַנער לעבן. פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל און אינטעלעקטועל איז ער אַ טייל פון אַמעריקע. מחוץ די אינטערעסן וואָס ער האָט בשותפות מיט זיינע מיטבירגערס, אָנערקענט ער געוויסע אייגנציקאַרטיקע לעבנס־אַספּעקטן, וואָס זענען נוגע זיך באַזונדערער גרופּע. דער יידישער צענטער איז איינע פון יענע אינסטיטוציעס, וואָס מיט זיי אידענטיפיצירט זיך דער ייִד פרייוויליק כדי צו באַפרידיקן זיינע ספּעציעלע יידישע נויטן“ 1).

דאָס איז, לויט אונדזער מיינונג, די געלונגנסטע פאָרמולירונג פון דער פיזיאָנאָמיע פונעם איצטיקן דור יידן אין אַמעריקע — מאַקסימאַלע אַמעריקאַנישקייט און מינימאַלע יידישקייט; אין תוך אַ הונדערט פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער, אַריינגעוועבט טיף, פּסיכיש און קולטורעל, שוין אָפּגערעדט פון פּאָליטיש און עקאָנאָמיש אין אַמעריקאַנער לעבן און אַלס אַפּענדיקס קומט צו יידנטום. אַלס אַפּענדיקס, וועלכן מען וויל נישט אויסשניידן, ווי פריִער, ווייל אַזאַ אָפּעראַציע זאָגט נישט צו קיין באַרויִקונג פונעם חולה, נאָר אים איינאָרדענען אַזוי, אַז ער זאָל נישט שטערן, ער זאָל נישט קומען אין קיין שום פּונקט אין סתירה צום אַמעריקאַנער גוף און צו דער אַמעריקאַנער נשמה; ער זאָל זיך באַפרידיקן מיטן מינימום ספּעציעלער יידישער שפּייז.

און דאָך האָט שוין די דאָזיקע זייער באַשיידענע קאָמיסיע־אַרבעט עפּעס אויפגעטון — זי האָט געהירט דעם צענטער פון זיין פאַרגליווערטן פּלאַץ פון אַ כמעט ריין־אַמעריקאַנער אינסטיטוציע און האָט אים אַ שטויס געטון אין דער ריכטונג פון טיפער זיך פאַרטראַכטן איבער זיינע אויפגאַבן, איבער זיינע אמתע צילן.

שרייבט דער נאָר וואָס ציטירטער שערמאַן: „אונטער דער ווירקונג פון דעם יאַנאָווסקי־באַריכט האָט זיך דער יידישער אינהאַלט פון די קאָמיוניטי־צענטערס געוואַלדיק אויפגעהויבן: זיי זענען אַלע געוואָרן יידישער אין גייסט און אין אַקטיוויטעט“ 2).

אונדזער ציל איז געווען נישט אַזוי צו ווייזן די קאָנקרעטע לאַגע פון די צענטערס אין פּרט פון יידישקייט, נאָר זייער וואָג אַלס אַ גרויסע יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, ווו עס זענען פאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר השפּעה אין אַ באַשטימטער ריכטונג. מיר האָבן געוואָלט ווייזן, אַז מיר פאַרמאָגן אין די צענטערס נישט נאָר ברייטן אָרגאַניזאַציע־באָדן פון העכער אַ האַלבן מיליאָן יידישע

1) איביד. 2) איבידעם.

מענטשן און אין דער מערהייט יונגע יידן, נאָר אויך, אַז דער פּסיכישער אויפנאַם־באַדן איז שוין אַ ביסל צעאַקערט און וואַרט נאָר אויף טיפערע צעאַקערער און אויף גוטע זייערער. און זאָל אונדז טאַקע זיין דערלויבט צו ברענגען אַ פּאָר באַווייזן, אַז דער פּסיכישער באַדן איז אַ ביסל צעאַקערט.

אַט ליגט פאַר מיר אַ באַריכט פון אַ טאָג־אַרבעט פון אַ דירעקטאָר ביים צענטער אין באָפאַלאָ. דאָ גייט די רייד וועגן דער באַשעפטיקייט פונעם דירעקטאָר און נישט פון דער פּאַקטישער טעטיקייט פונעם גאַנצן פּערסאָנאַל, וועלכער באַשטייט פון 39 פאַרשיידענע מינים לערער, באַאַמטע און שומרים. דער ביודזשעט פון צענטער באַטרעפט 150 טויזנט דאָלער אַ יאָר און דער בנין האָט די ווערט פון אַ מיליאָן דאָלער.

לייענט מען דעם דאָזיקן באַריכט 1) פון אַ טאָג־אַרבעט פונעם דירעקטאָר פילט מען די גאַנצע צייט, אַז מען געפינט זיך אין אַ יידישער אַטמאָספער — ווייל די מערהייט אינטערעסן זענען יידישע. און דער עיקר מען פילט זייער קלאָר, אַז די קינדער געפינען זיך אין אַ יידישער סביבה, צווישן זיך, פיזיש סעפּאַרירט פון דער נישט־יידישער מערהייט און לכן זעעליש פרייער, נישט אונטער קאָנטראָל פון פרעמדע קריטישע אויגן. ווייל מעגן יידישע קינדער לע־רענען אין אַלגעמיינע שולעס מיט קריסטלעכע צוזאַמען ווי לאַנג, זיי פילן דאָס קריטישע אויג פונעם פרעמדן.

האָט זיך דער אַרבעט־טאָג ביים דירעקטאָר פון צענטער אין באָפאַלאָ אָנ־געהויבן מיט אַ בריוו פון אַ פאָטער, וואָס איז זייער טיפּיש פאַר אונדזער צייט. מיר ברענגען דעריבער דעם בריוו ווי ער שטייט און גייט 2):

„אייער חנוכה־משפחה־פּאַרטי איז געווען אונדזער ערשטע פּאַקטישע יידישע פייערונג. אויפגעוואַקסן אין אַ דור, וואָס האָט זיך געסטאַרעט מערסטנטיילס נישט וויסן פון קיין יידישע פאַרבינדונגען, האָב איך איבערגעלעבט זייער טיף אייער יום טוב... איר האָט ווידער געעפנט מיינע אויגן אויף אונדזער רייכע יידישע ירושה"...

דאָס איז בשום אופן נישט קיין אינדיווידועלער בריוו — דאָס איז די שטי־מונג פונעם איצטיקן דור יידן און דאָס האָבן מיר העכער כאַראַקטעריזירט אַלס צעאַקערטן באַדן.

וואַרפט מען אַן אויבנאויפיקן בליק אויף די אַרבעטן פונעם דירעקטאָר אין איין טאָג, וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז דער יידישער מאָמענט איז דאָ נישט קיין יתום — אַט שמועסט מען וועגן עונג שבת און אַט וועגן אַ יידישן כאָר און אַט וועגן „הדסה" און אַט וועגן אַ קאָמיסיע פון ציוניסטישער יוגנט און אַט וועגן

1) Herman A. Eigen, *A Day in the Life of a JCC Director*, in "The National Jewish Monthly", 1954, III, pp. 10—13.
2) Ibídem.

אַ יידיש־פילם און אָט איז אַ זיצונג פון פיר חזנים וועגן אַ יידישן מוזיק־קאָנסול.
הכלל יידישע טעמעס און יידישע ענינים פעלן נישט. די אַטמאָספערע איז אַ
יידישע — די פּאָרעם איז אַ ענגלישע, חוץ דעם יידיש־פילם.

באָפאַלאָ — דאָס איז איינע פון די עלטסטע יידישע קהילות. און עס איז כמעט אַן אַלגעמיינע דערשיינונג, אַז די ניי־אויפקומענדיקע יידישע קהילות אין די פאָרשטעט פון די גרויסע שטעט זענען זאַפטיקער אין פּרט פון יידישקייט. אין דער גרויסער שטאָט ווערט דער איינצלנער ייד בטל אין דער מאַסע און פילט נישט אַזאַ נויט און אַזאַ דראַנג זיך אָפּצושליסן אין אַ געמיינדע, גיכער אין אַ רעליגיעזע געמיינדע. רעליגיעז דאַרף מען דאָ פאַרשטיין נישט אין זין פון פרומקייט און פון אמתע רעליגיעזע איבערלעבונגען. גיכער איז דאָס באַדער־פעניש צו געהערן צו אַ קיבוץ, צו אַ גרופּע, צו אַ רעליגיעזער גרופּע, ווייל די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג געהערט צו דער אָדער יענער רעליגיעזער געמיינדע. און כאָטש, ווי שוין העכער באַמערקט, עס שאַפן זיך אויך אין די נייע פאָרשטעט־ישובים יידישע ראַיאָנען כמו „געטאָס”, איז מען דאָך אין אַ געוויסן זין אונטער דעם קאָנטראָל פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז אין איר מערהייט אָרגאַניזירט לויט קלויסטערס.

עס וואָלט אָבער געווען נישט אינגאַנצן ריכטיק ווען מיר זאָלן צושרייבן דעם וווּקס פון סינאַגאָגעס און צענטערס אין די פאָרשטעט נאָר און אויסשליס־לעך דער אויסערלעכער השפּעה פון דער אַרומיקער נישט־יידישער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער אויסערלעכער פאַקטאָר ווערט באַגלייט מיט אַ אינערלעכן דראַנג צו געבן די קינדער אַ בעסערע יידישע דערציִונג, ווי מען האָט אַליין באַקומען. עס איז געוואָרן כמעט אַן אַלגעמיינע דערשיינונג דאָס קלאָגן זיך אויף דעם פאַר־גאַנגענעם דור, וואָס האָט נישט געזאָרגט פאַר יידישע דערציִונג. זוכט מען וועגן און מיטלען, ווי צו פאַרבעסערן די לאַגע. מען קען נישט רעדן וועגן אַזאַ שטאַר־קער און אינטענסיווער באַוועגונג ווען מענטשן שטרענגען אָן גרויסע כוחות אויף דורכצופירן זייערע רצונות, זייערע ווונטשן; עס איז אָבער בלתי ספק פאַראַן אַ געוויסע נאַציאָנאַל־אַקטיווע שטימונג, וועלכע טיכטיקע און איבערגעגעבענע יידישע פירער וואָלטן געקענט מיט גרויס דערפאָלג אויסנוצן. און דער עיקר מען זשאַלעוועט נישט קיין מיטלען. די באַשרייבונג פון אַ יונגן ישוב נישט ווייט פון ניו־יאָרק וועט אונדז געבן אַ גוטן ביישפּיל, ווי ווייט דער יידישער באָדן איז צעאַקערט און וואָס אַ טיכטיקער ראַביי קען אויפטון ביי דער הילף פון די באַלע־באַטים.

דער פאָרעסט־היל צענטער, נישט ווייט פון ניו־יאָרק, איז גאָר אַ יונגער. דער גאַנצער ישוב האָט זיך אָנגעהויבן אויפבויען ערשט אין יאָר 1939, צוריק נישט מער ווי 15 יאָר. אויפגעבויט זיך אַלס אַ געוויסער גערעכטער יידישער ישוב האָט ער זיך ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער באַשטייט אויף פולע

הונדערט פּראָצענט, אָבער נישט ווייניקער ווי אויף 95 פּראָצענט פון הי־געבוי־רענע. אַרום 13 הונדערט יידישע פאַמיליעס צאָלן צו 50 דאָלער אַ יאָר און געהערן צום צענטער, וואָס פאַקטיש איז דאָס אַ יידישע קהילה. די גרעסטע צאָל יידישע איינוווינער האָבן אייגענע הייזער, וואָס קאָסטן צווישן 10 און 100 טויזנט דאָלער. די מערהייט באַשטייט פון העכערן מיטל־קלאַס 1): „די גרעסטע גרופּע פון דער קאָנגרעגעישן געהערט צו סוחרים־פאַבריקאַנטן, און הורט־הענדלער, כאָטש עס איז אויך פאַראַן אַ גרויסע צאָל אַדוואָקאַטן און מעדיצינער (העכער הונדערט), בוכ־האַלטערס און שולעס־אַדמיניסטראַטאָרן".

דער מחבר פון אַרטיקל רופט אָן הויכע רעגירונג־באַאַמטע „און עס איז אויך פאַראַן אַ גוטע גרופּע מיליאָנערן, איינשליסנדיק עטלעכע וואָל־סטריט־באַנקירן" 2).

דער מחבר באַשרייבט ווי דער צענטער איז געוואַקסן און זאָגט, אַז דער הויפּט־בנין, וואָס מען האָט פאַרענדיקט בויען — 1950 — קאָסט דריי פערטל מיליאָן דאָלער, וועלכע מען האָט עקסטראַ געזאַמלט צווישן די מיטגלידער פון צענטער.

דער זאַל פון דעם בית־תפילה האָט אַרום 250 פּלעצער נאָר „די טאָג־טעג־לעכע מאָרגן־תפילות ציִען צו זעלטן מער פון 30 מתפללים; אַפילו די זונטיק־מאָרגנדיקע תפילות, וואָס ווערן באַגלייט מיט פרישטיק פון בייגל און לאַקס, ציִען צו נישט מער פון 100 מענטשן. חוץ די גרויסע יום טובים פון פרילינג און האַרבסט, קומען זעלטן מער מתפללים. תשעה באב פון לעצטן זומער זענען געווען אַרום 160 מענטשן (אין פאַרגלייך מיטן באַזוך תשעה באב איז גאַנץ אַמעריקע איז אַזאַ באַזוך העכער פון דורכשניט). פרייטיק אָוונט און שבת פרי קומען צו די תפילות עטלעכע הונדערט מענטשן. ביי די דאָזיקע תפילות ווערן שוין אויך דורכגעפירט די בת מיצוות (פרייטיק אָוונט) און די בר מיצוות (שבת פריי) 3). ימים־נוראים קומען צום דאַווענען אַרום 17 הונדערט מענטשן.

דער ראַביי באַשרייבט דעם גרויסן זאַל, ווו עס קומען פאָר חתונות, אַנדערע פאַרזאַמלונגען — דעם גרויסן זאַל נוצט מען אויך פאַר עונג שבת פרייטיק אָוונט; ביי די לעצטע ימים נוראים האָט מען געמאַכט דעם ערשטן פּרווו צו אָרגאַ־ניזירן אַ באַזונדער תפילה־זאַל פאַר די קינדער צווישן 10 און 20 יאָר. עס האָבן אויסגעקויפט פּלעצער אַרום דריי הונדערט יוגנטלעכע.

עס זענען פאַראַן צימערן פאַר אַ מענער־קלוב, פאַר „הדסה" און פאַר אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס. נאָר לאָמיר איבערגיין צום עיקר — צום חינוך, צום יונגן דור.

---

1) Morris Friedman, New Jewish Community, in "Commentary", 1955, I, pp. 36—45.
2) Ibíd. 3) Ibídem.

מיר וועלן לאָזן דעם דירעקטאָר פון דעם חינוך־טייל דערציילן — דאָס בילד וועט אַרויס בולטער און עקזאַקטער:

„מיר האָבן פאַרשיידנסטע קורסן — צולעצט האָבן מיר נאָך געעפנט אַ קינדער־גאָרטן. מיר האַלטן זיך ביי אַ שטרענגן געזעץ, אַז אַ יינגל ווערט צוגעלאָזט צו בר מיצווה נאָר נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט מינימום אַ פיר־יאָריקן קורס. דער גאַנצער קורס איז זעקס יאָר. דאָס איז פאַרפליכטעט אויף פאַר מיידלעך. מיר לערענען די קינדער לייענען העברעיִש, אייניקע לערענען זיך אויס אַפילו צו פאַרשטיין אַ ביסל. מיר אַנטוויקלען אין די קינדער זעלבסטאַכטונג, באַקענענדיק זיי מיט די ייִדישע גבורים פון אונדזער עבר. מיר ווילן, אַז זיי זאָלן זיך פילן פעסט און זיכער מיט זייער ייִדישקייט. ייִדיש לערנט מען נישט. דער געשיכטע־לימוד איז קאָנצענטרירט אויף דער אַלטער תקופה, כאָטש מיר באַטאָנען די געשיכטע פונעם ציוניזם.

„מיר לערנען ייִדישע מינהגים און טראַדיציעס און מיר דערמוטיקן זיי, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן ביי די דאָזיקע מינהגים.

„אַרום 800 תלמידים און תלמידות באַזוכן אונדזערע קלאַסן — פון צוויי מאָל ביז 4 מאָל אַ וואָך. דער צענטער באַטראַכט איצטער אַ פּלאַן צו גרינדן אַ גרונט־שולע מיט אַ עלעמענטאַרן קורס, וואָס דאָס זאָל זיין דער ערשטער שריט צו גרינדן אַ טאָג־שולע.

„עטלעכע תלמידים באַזוכן העברעיִשע קורסן נאָכמיטיק. גמרא ווערט נישט געלערנט. די זונטיק־שולע ווערט באַזוכט נאָר פון די גאָר יונגע קינדער, וועלכע קענען נישט באַזוכן די רעגולערע נאָכמיטיק־קורסן.

„מיר האָבן אַ ספּעציעלן דירעקטאָר פאַר אָנפירן מיט די יוגנט־פאַרווייילונגען. 10 גרופּעס־פירער. עס איז פאַראַן אַ באָי־סקאַוט־גרופּע, עלף יונג־יהודה־גרופּעס, צוויי גרופּעס פון בני ברית־יוגנט, אַ יונג־הדסה־גרופּע, און פילע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס".

דאָס בילד באַקומט זיך אַ זייער אימפּאָנירנדיקס — וואָלטן מיר נאָך אויסגערעכנט די צאָל לערער, גרופּעס־פירער, פאַרוואַלטערס פון פאַרשיידענע סעקציעס און פּשוטע שומרים און אַרבעטער, וואָלט דאָס בילד געווען נאָך אימפּאָזאַנטער.

לייענט מען די דאָזיקע באַשרייבונג מוז מען זיך שטעלן די פראַגע: און ווי רעאַגירן די עלטערן אויף דער קינדער־דערציִונג, וועלכע שטייט אין אַזאַ שרייענדיקער סתירה צו דעם סדר אין זייער היים?

דער ראַביי מאָושאָוויטש, אַ ליטוואַק, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס אַ יונג בחורל, האָט געלערנט אין ישיבת רבי יצחק אלחנן, שטודירט פּסיכאָלאָגיע אין אַ אוניווערסיטעט און געמאַכט זיין דאָקטאָראַט אין פּסיכאָלאָגיע, געלייענט לעקציעס אין אַ אוניווערסיטעט. אַן אָרטאָדאָקסישער ייִד, אַ ציוניסט דערצו, וואָס

איז געווען אַ דעלעגאַט אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים — אַט דער דאָזיקער ראַביי, וואָס האָט אַריינגעלייגט אַ סך ענערגיע און אַ סך טאַלאַנט אינעם גייסטיקן אויפבוי פון דעם באַשריבענעם צענטער, האָפט, אַז די קינדער וועלן ווירקן אויף די עלטערן אין פּרט פון איינפירן יידישע מינהגים און יידישע טראַדיציעס אין זייערע היימען. ער ווייסט, אַז דאָס איז אַ לאַנגזאַמער און שווערער פּראָצעס, אָבער ער גלויבט, אַז עס איז מעגלעך.

אויף דער פראַגע, צי איז דער דאָזיקער צענטער טיפּיש קומט דער ענטפער, אַז בנוגע דער מערהייט צענטערס געוויס נישט, אָבער בנוגע די נייע פאָרשטעט־ישובים איז דער באַשריבענער צענטער נישט קיין יוצא מין הכלל, יעדנפאַלס אין איין פּרט געוויס נישט — אין פּרט פון דער גרייטקייט פון די יידישע איינ־וווינער צו ברענגען גרויסע מאַטעריעלע קרבנות כדי אויפצובויען אַזאַ אינסטי־טוציע; און אין איין פּרט —אין דער גרייטקייט צו שיקן די קינדער אין אַ שולע פון באַשריבענעם טיפּ.

מיר האַלט זיך אָפּ פון צו מאַכן באַשטימטע אויספירן. מען קען זאָגן, אַז אָט דאָס גאַנצע וווּנדערבאַרע בילד פון דערציִונג און פון יידישער אַטמאָספער איז נישט מער ווי אויף יוצא זיין. דאָס אַלץ איז נישט אַזוי זאַפטיק און נישט אַזוי טיף וואָרצלדיק, אַז עס זאָל זיך צעוויקלען שפּעטער אינעם לעבן פון קומענ־דיקן דור און שאַפן אויף אַזוי פיל אייגענעם יידישן נוסח־זאַפט, אַז מיר זאָלן שפּעטער ווערן געבענטשט מיט יידישער אָריגינעלער נאַציאָנאַלער שעפעריש־קייט. פאַר אונדזער ציל איז לעת עתה וויכטיק אין אויספיר — עס איז פאַראַן אַ באַדן פאַר ראַטעווען עפּעס; פאַר האַמעווען דעם לויף פון דעם אַסימילירשטורעם; פאַר צוימען דעם חורבן־לויף, וועלכער דראָט דעם סאַמע קיום פון די גלות־יידן אַלס פאָלק. עס איז פאַראַן הן אַ גייסטיקער באַדן און הן אַן אָרגאַני־זאַציע־באַדן, אויף וועלכע מען קען פירן דעם קאַמף.

די צענטערס זענען נישט דער איינציקער באָדן, פון וועלכן מען קען אָר־גאַניזירן דעם קאַמף קעגן די אַסימילאַציע־כוואַליעס. מיר וועלן אָנרופן נאָר אַ פּאָר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען אויך אין פּראָצעס פון זעלבסט־אַנטוויקלונג און אונטער דער שטורמישער השפּעה פון נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע פאַקטאָרן האָבן זיי זיך אַזוי געענדערט אין פּרט פון יידישקייט, אַז ווען זייערע גרינדער וואָלטן אויפגעשטאַנען תחית־המתים וואָלטן זיי זיי נישט דערקענט און וואָלטן געוויס געריסן קריעה.

דער אָרדן „בני ברית" איז לאַנגע צענדליקער יאָרן געווען די פעסטונג פון דער טאָפּלטער דייטש־ענגלישער אַסימילאַציע — איצט איז דאָס אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אַ ברייטע יידישע קולטור־אַרבעט און סימפּאַטיזירט גאַנץ אַקטיוו מיט מדינת ישראל, העלפנדיק נישט נאָר ביי פינאַנסיעלע קאַמפּאַ־

ניעס, נאָר אויך אַריינפירנדיק אין די פאַרשיידענע קולטור־קורסן העברעיִש און מדינת ישראל.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן אָרדן איז דער אויפקום פון דער הילל־פאַנדעישן. אַ שטויס פון דרויסן האָט גורם געווען, אַז „בני ברית" זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיטן יידישן באַגאַזש פון די יידישע סטודענטן. אויף אַ לעקציע אין אַ אוניווערסיטעט וועגן ביבל האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די קריסטלעכע סטודענטן זענען אַ סך מער בקי אין די כתבי קודש, ווי די יידישע סטודענטן. דער קריסטלעכער פּראָפעסאָר האָט זיך געווענדעט צו די 'בני ברית" און האָט זיי רעקאָמענדירט צו זאָרגן פאַר דער יידישער דערציִונג פון די יידישע סטודענטן. אויף אַזאַ אופן איז אויפגעקומען די דאָזיקע אינסטיטוציע, וועלכע שפּילט אַ גאַר באַדייטנדיקע ראָלע אין דער נאַציאָנאַלער דערציִונג פון אונדזער סטודענטישער יוגנט.

די הילל־פאַנדעישן האָט איצט 50 אייגענע בנינים ביי די גרעסערע אוניווערסיטעטן, ווו עס קומען פאָר פאַרשיידענע קורסן פון יידישער געשיכטע, יידישע טראַדיציעס, העברעיִשע און לויט אַ פאָרשלאָג פון אַ גרופּע אויך יידיש, אַלס שפּראַך און ליטעראַטור, עונג שבת, תפילות שבת און יום טוב און אויך פאַרוויילונגען, וואָס עס האַלט אָפּ די יידישע סטודענטן פון זוכן פאַרבינדונגען צווישן נישט־יידישע סטודענטן. ביבליאָטעקן זענען פאַראַן מיט אַ רייכער אויסוואַל פון ביכער.

די פאַנדעישן האָט 208 סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. ווו זיי האָבן נישט קיין אייגענעם בנין, דאָרטן באַקומען זיי אַ לאָקאַל פון דער אוניווערסיטעט אָדער קאָלעדזש. די הילל־אינסטיטוציעס זענען נישט פּאַרטייאיש — די סטודענטן באַשטימען אַליין וואָסערע לעקציעס זיי ווילן און וואָסערע קורסן זענען זיי געוווּנטשן. אין דער שפּיץ פון די אינסטיטוציעס שטייען דירעקטאָרן, מערסטנטיילס מיט באַדייטנדיקער יידישער בילדונג. דער בודזשעט, וואָס איז באַשטימט אויפן יאָר 1955 באַטרעפט 1 מיליאָן מיט 300 טויזנט דאָלער 1).

יעדן זומער קומט פאָר אַ מין סאָרט וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענץ פון די קומינדיקע דירעקטאָרן און לייטערס פון די הילל־פאַנדעישנס. דעם זומער האָט די קאָנפערענץ צוגעצויגן העכער 200 דירעקטאָרן־ און אינסטרוקטאָרן־קאַנדידאַטן און די טעמע איז געווען די אַרבעט אין די אינסטיטוציעס פון דער פאַנדעישן.

דאָס לעצטע יאָר איז צוגעקומען אַ נייע אינסטיטוציע ביי דער אָרגאַניזאַציע „בני ברית" — אַ אינסטיטוציע, וועלכע שלאָגט אין סאַמע פּינטל פון דער שרעקלעכער עם הארצות ביים אַמעריקאַנער יידנטום. די 'בני ברית" פּלאַנט צו אָר־

1) The National Jewish Monthly, 1954, X, p. 920.

גאַניזירן אין די זומער־חדשים קורסן פאַר דערוואַקסענע, ווו מען זאָל באַהאַנדלען געוויסע ייִדישע טעמעס. אין משך פון לעצטן זומער — דאָס איז געווען דער ערשטער זומער מיט אַזעלכע קורסן — האָבן די קורסן מאַזוכט אַרום 1.500 דערוואַקסענע מענטשן אין 27 זומער־פּלעצער. די לעקטאָרן און דעבאַטאַנטן זענען געווען פון דער העכסטער ייִדישער אינטעליגענץ פון אַמעריקע 1), ווי למשל, פּראָפעסאָר מרדכי קאַפּלאַן, וועלכער איז געווען זייער פּעסימיסטיש און האָט געטענהט, אַז די סינאַגאָגעס פּוסטעווען, אַז העברעיִש פאַרשטייט זעלטן ווער אין אַמעריקע און בכלל אַז דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום איז מיילן ווייט פון אמתער ייִדישקייט; פאַרקערט, מאָריס סעמועל האָט פאַרטראָטן דעם סאַמע העכסטן אָפּטימיסטישן שטאַנדפּונקט, באַהויפּטנדיק, אַז דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום וועט אינגיכן איבערלעבן אין פּרט פון נאַציאָנאַלער ייִדישער קולטור „אַ גאָלדענע עפּאָכע״, אָנווייזנדיק אויף דעם פיבערדיקן בוי פון נייע סינאַגאָגעס, אויף דעם וווּקס פון תלמידות און תלמידים אין די ייִדישע שולעס.

עס זענען צוגעצויגן געוואָרן 45 ייִדישע געלערנטע פאַר די דאָזיקע זומער־קורסן פאַר דערוואַקסענע. די טעמעס זענען געווען פאַרשיידענע, ווי, למשל, ייִדיש אין אַמעריקאַנער ייִדישקייט, די השפּעה פון מדינת ישראל אויף דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום, ייִדישקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן וכדומה.

מיר קענען זיך נישט אָפּשטעלן אויף די קעמפּס פאַר יוגנטלעכע און אַנדערע קולטור־טעטיקייטן, וועלכע די „בני ברית״ אַנטוויקלט פון יאָר צו יאָר אַלץ אינטענסיווער — מיר האַלטן נאָר פאַר נויטיק צוצוגעבן, אַז אין אַלגעמיין געפינען זיך אַרום אַ האַלבן מיליאָן ייִדישע מענטשן, מענער, פרויען און יוגנטלעכע, אונטער דער השפּעה פון די „בני ברית״־אינסטיטוציעס. אַרום 125 טויזנט פרויען זענען אָרגאַניזירט אין 650 גרופּעס. ביי דער אַקטיווקייט פון דער פרוי אין אַמעריקע בכלל איז אַזאַ גרויסע צאָל אָרגאַניזירטע ייִדישע פרויען אַ ביז גאָר גרויסער געווינס, באַזונדערס אין פּרט פון דער ייִדישער היים און אין פּרט פון קינדער־דערציִונג.

איינס איז קלאָר — אויך אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע פאַרמאָגט דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזע פון אַ ברייטן מאַסשטאַב, אַ באַזע אַ גוט צעאַקערטע און שוין אַ דורכגעאַרבעטע. דער אויסגעוואַקסענער פאַרנעם פון איר קולטורעלער טעטיקייט איז די בעסטע ראיה, אַז אינעם אַמעריקאַנער ייִדנטום איז די לעצטע פאַר צענדליק יאָר פאָרגעקומען אַ טיפע גייסטיקע רעוואָלוציע — אַ רעוואָלוציע, וועלכע האָט אין די גאָר לעצטע יאָרן נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל, באַקומען פליישׁ און ביין און קאָנקרעטערע צילן.

מיר האָבן אין אַמעריקע נאָך איין מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אין אירע

1) Ibídem.

ערשטע סטאַדיעס געווען אויב נישט אַנטי־יידיש אין זין פון יידישער קולטור און גייסט, איז יעדנפאַלס זייער גלייכגילטיק צו די דאָזיקע ווערטן. דערפאַר אָבער איז זי געווען אויסגעשפּראָכן אַנטי־רעליגיע, אַנטי־העברעיִש, אַנטי־ארץ ישראל, הכלל אַנטי אַלע יענע היסטאָרישע גיטער און ווערטן, וועלכע זענען געווען די וויכטיקסטע געשיכטלעכע רעטער פון אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק. איצט לערנט מען אין אירע שולן מיט די קינדער העברעיִש און העברעיִשע לידער פון מדינת ישראל, מען פייערט אַלע יידישע יום טובים, וועלכע זענען נישט נאָר נאַציאָנאַל, נאָר אין גאָר אַ גרויסער מאָס אויך רעליגיעז; מען זאַמלט געלט פאַר ציוניסטישע אינסטיטוציעס און מען אָרגאַניזירט פאַר די מיטגלידער עקסקורסיעס אין מדינת ישראל. מיר האָבן אין אויג דעם אַרבעטער־רינג, וואָס ציילט 70 טויזנט מיטגלידער.

ס'איז כדאי צו ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פון די אויסגאַבעס פון יענע קרייזן, וועלכע האָבן אין יאָר 1892 געגרינדעט דאָס ערשטע קרייזל, פון וועלכן עס איז אַרויסגעוואָקסן אַ ביסל שפּעטער דער אַרבעטער־רינג.

דעם 4טן אָקטאָבער 1890 האָט זיך אין ניו־יאָרק געעפנט דער ערשטער יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס. 87 דעלעגאַטן האָבן פאָרגעשטעלט 14.247 יידישע אַרבעטער. איינער פון די פּלאַקאַטן אויף די ווענט פונעם זאַל האָט פּראָקלאַמירט: „די וועלט איז אונדזער פאָטערלאַנד, סאָציאַליזם איז אונדזער רעליגיע" 1). אין אַן אויפרוף אַרויסגעלאָזט צום קאָנגרעס איז געווען געשריבן: „מיר האָבן קיין יידן־פראַגע אין אַמעריקע. די איינצלנע יידן־פראַגע, וועלכע מיר האָבן, איז די פראַגע ווי צו פאַרהיטן, אַז דאָ זאָל נישט קומען צו יידן־פראַגעס" 2).

און ווייטער אין אויפרוף: „בלויז ווייל נאָר מיר, יידיש־שפּרעכנדיקע ברי־דער, קענען ווירקן צווישן די יידישע אימיגראַנטן, בלויז ווייל מיר רעדן זייער שפּראַך און זענען באַקאַנט מיט זייער לעבן — בלויז דעריבער מאַכן מיר די דאָזיקע ספּעציעל יידישע קערפּערשאַפט. די יידישע שפּראַך איז אונדזער געצייג. אָפּצומעקן אַלע גרענעצן צווישן ייד און נישט־ייד אין דער אַרבעטער־וועלט איז איינער פון אונדזערע צילן" 3).

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז דער סוף פון אַן אַרטיקל אין דער סאָציאַ־ליסטישער „צוקונפט" פון 1894 לכבוד דעם 1טן מאַי: „אַדיע, רעליגיעזע פייער־טעג! און אַדיע נאַציאָנאַלע שמחות... לאָמיר הייבן דעם כוס פאַר פרייהייט, גלייכ־הייט און גליק פון אַ נאַציאָן, וואָס איר פאָטערלאַנד איז די וועלט, וואָס איר רע־ליגיע איז דער סאָציאַליזם און וואָס איר תורה איז די ווייסנשאַפט" 4).

נאָך אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1915 האָט דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן

1) געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, באַנד 1, זייט 85, ניו־יאָרק, 1955.

2) דאָרטן. 3) איביד. 4) איבידעם.

מאיר לאָנדאָן, דער ליבלינג פון די ייִדישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע און דער פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס איר קערן איז באַשטאַנען פון די זעלבע מיטגלידער און פון די זעלבע פירער, ווי פון „אַרבעטער־רינג״, אויסגע־רופן אויף אַ גרויסן מאַסן־מיטינג פון דעם הילף־קאָמיטעט לטובת די געליטענע אין רוסלאַנד פון דער מלחמה אין אַ פּאָלעמיק מיט די פּועלי ציון, וועלכע האָבן געוואָלט צוגעבן דער הילף אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער: „הערט אויף צו בלאָפן וועגן דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און זיך נאַריש מאַכן וועגן דער ייִדישער צו־קונפט״ 1).

כמעט אַ גאַנץ צענדליק יאָר זענען געגאַנגען אין „אַרבעטער־רינג״ דעבאַטן וועגן גרינדן ייִדישע שולעס. האָט מען צוערשט מסכים געווען אויף זונטיק־שולעס מיט ענגליש אַלס לימוד־שפּראַך און מיט סאָציאַליזם אַלס לימוד־קעגנשטאַנד. קיין זכר פון ייִדיש און ייִדישער קולטור: „אין אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט ייִדיש האָבן זיי געוואָלט זען אַ פּאַרנייגונג פון דער רעוואָלוציע און סאָציאַליזם. צו לערנען די ייִדישע שפּראַך האָט ביי זיי געהייסן שאָוויניזם, באַקאַנט ווערן מיט דער ייִדישער געשיכטע האָט געמיינט טראָגן אַ טלית־קטן אָדער אָנקלאַפּן אַ מזוזה אויף דער טיר״ 2).

מען האָט אָבער זיך אַלץ מער איבערצייגט, אַז די מאַסן פונעם אַרבעטער־רינג זענען נאַציאָנאַל געשטימט און זוכן וועגן ווי אַרום צו געבן די קינדער אַ ייִדישע דערציִונג. אין רעזולטאַט שיקן זיי די קינדער צו מלמדים און אין תלמוד תורות און אין די וועלטלעכע שולעס פון די פאַרשיידענע ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישע ריכטונגען, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ גאַנץ ברייטע טעטיקייט אויפן געביט פון חינוך און גייסט פון סאָציאַליזם, גאָר נישט ווייניקער אין גייסט פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם. ערשט אין יאָר 1916 האָט די קאָנפערענץ פון אַרבעטער־רינג ענד־לעך אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע רעזאָלוציע פאַר ייִדישע שולעס, אַקצענטירנדיק דער־ביי, אַז „מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן באַקומען נישט קיין רעליגיעזע און נישט קיין ציוניסטישע דערציִונג, נאָר אַ פרייע ייִדישע דערציִונג״ 3).

און שוין נאָך דער דאָזיקער רעזאָלוציע האָט דער אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג „דער פריינד״ געשריבן אַז „דער וועג אויף וועלכן מיר גייען דאָ איז נישט דער וועג פון ייִדישן לעבן און ייִדישער דערציִונג, נאָר פונקט פאַרקערט — דער וועג פון גראַדע און שנעלער אַסימילאַציע״ 4).

מיר האָבן שוין העכער דערמאָנט די איצטיקע פיזיאָנאָמיע פונעם אַרבעטער־

1) איביד, זייט 40.
2) ש. ניגער, אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציונג, ניו־יאָרק, 1940, זייט 52.
3) איביד, ז. 65.
4) איבידעם, ז. 69.

רינג — מיר װעלן װײטער זיך אָפּשטעלן אויף דער דערציִונג־טעטיקייט פונעם אַרבעטער־רינג. נאָר חוץ דער דאָזיקער ספּעציפישער טעטיקייט, װו דער נאַציאָנאַלער קרעדאָ פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, קומט צום פולן אויסדרוק, װאַרפט זיך אין די אויגן, אַז דער אַרבעטער־רינג איז באַטייליקט אַקטיװ אין אַלע אַלגעמיין־יידישע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן, און טאַקע אויך אין יענע, װעלכע האָבן דעם איינציקן ציל צו שטיצן מדינת ישראל. דער אַרבעטער־רינג איז נישט ציוניסטיש, ריכטיקער נישט אַנטי־מדינת ישראל, װאָס עס װערט אַזוי שאַרף געטאַדלט פון דער גרופּע פּוילישע בונדיסטן, װעלכע קענען זיך אין שום אופן נישט באַפרייען פון זייער אַמאָליקן אַנטי־ציוניזם און אַנטי־ארץ ישראלדיקן קרעדאָ.

מיר האַלטן פאַר איבעריק דאָ זיך אָפּצושטעלן אויף אַזעלכע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, װי דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, דער אַרבעטער־פאַרבאַנד, „הדסה“ אָדער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס — זיי זענען דאָך בכוונה געשאַפן געװאָרן אַלס נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט ברייטע פּראָגראַמען הן פאַר ריין ציוניסטישער טעטיקייט און הן פאַר קאָנסטרוקטיװער שעפערישער טעטיקייט אין די גלות־לענדער. דאָס איז דאָך דער תוך פון זייערע פּראָגראַמען און די אַנטװיקלונג פון די לעצטע יאָרן האָט געװירקט אויפן טעמפּ און אויפן פאַרנעם פון זייערע טעטיקייטן נאָר נישט אויפן פּראָגראַמאַטישן כאַראַקטער.

צװאַמען גענומען זעט מען, אַז הן די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזע פאַר נאַציאָנאַלע טעטיקייטן און הן דער גייסטיקער באָדן פאַר אַזאַ אַרבעט זענען מער אָדער װייניקער אויף אַזאַ מדרגה־אַנטװיקלונג, װאָס זאָגט צו געװיסע פּירות. מען קען געװיס צװייפלען אין דער לעצטער שורה פונעם קאַמף צװישן די אַסימילירקװאַליעס און די נאַציאָנאַליזיר־אונטערנעמונגען, װעלכע מיר האָבן אויסגערעכנט און װעלכע מיר װעלן נאָך װייטער אויסלייגן. ריכטיקער מען קען צװייפלען אין דער פּרוכטבאַרקייט פון נאַציאָנאַלער אַרבעט, װעלכע הייבט זיך אָן אויסער דער פאַמיליע־היים און בלייבט מערסטנטיילס אָן באַדייטנדיקער השפּעה אויף באַזעס פאַר די דאָזיקע קאַמפן. בפרט נאָך, אַז מיט די ביז איצט אויסגעלייגטע טעטיקייטן שעפּט זיך װייט נישט אויס די ראַנגלעניש פונעם אַמעריקאַנער יידנטום פאַר המשך.

מיר װעלן פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל מיט עטלעכע קורצע װערטער װעגן די געלט־קאַמפּיינען. די גרויסע סומעס געלט, װעלכע װערן געזאַמלט, זענען ביז אַ געװיסן גראַד סימפּטאָמען פון געװיסע עליות און ירידות אין די נאַציאָנאַלע שטימונגען. זיי אילוסטרירן, װי געװיסע אַלגעמיין־יידישע דערשיינונגען, קאַטאַסטראָפאַלע אָדער אויסלייזערישע , װירקן אויף די שטימונגען פונעם אַמעריקאַנער יידנטום. די דאָזיקע אַקציעס זענען אויך געװאָרן אַ גוטע נאַציאָנאַלע דערציִונג־שולע פאַר ברייטע קרייזן טוער. מען קען איצטער זען צװישן די רעדנער און אַגיטאַטאָרן פון די קאַמפּיינען צענדליקער הייסע חסידים פון מדינת ישראל, װעלכע האָבן קיינמאָל נישט געהערט צום ציוניזם. די געשאַפענע טריבונע פאַר די קאַמ־

פיינען איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציאָנעלע. מען מערקט קלאָר, ווי יונגע ייִדישע מענטשן, מערסטנטיילס אָן נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט און זייער אָפּט אָן ייִדישע קענטעניש, זענען דורך דעם אַקטיוון אָנטייל אין די קאַמפּיינען ווי פון ס׳ניי געבוירן געוואָרן און דאָס פּינטעלע ייִד איז ביי זיי וואַך געוואָרן. זיי זענען געוואָרן מיטן גאַנצן האַרצן פריינט פון יענע צילן, פאַר וועלכע די געלטער ווערן געזאַמלט.

פאָלגנדיקע טאַבעלע וועט אונדז ווייזן דאָס שטייגן פון די געזאַמלטע סומעס באַלד נאָך דער מלחמה, באַלד ווי די קאַטאַסטראָפע איז געוואָרן באַקאַנט אין איר גאַנצער שוידערקייט; און אויך ווי דער אויפקום פון מדינת ישראל האָט אַרויס־גערופן אַ באַרג־אַרויף פון די זאַמלונגען 1):

| | יאָר | געזאַמלטע סומע | אינדעקס |
|---|---|---|---|
| 1) | 1945 | 71.162.000 | 100.0 |
| 2) | 1946 | 131.421.000 | 184.7 |
| 3) | 1947 | 156.589.000 | 220.0 |
| 4) | 1948 | 200.721.000 | 282.1 |

1946 איז דאָס ערשטע יאָר פון ברייטער הילף פאַר די שחיטה־קרבנות און די זאַמלונגען זענען פון 1945 אויף 1946 גלייך אַ שפּרונג געטון כמעט אויף טאָפּלט. דאָס שטייגן פון די זאַמלונגען איז ווייטער געגאַנגען באַרג־אַרויף אין צוזאַמענהאַנג מיט די נויטן פאַר הילף די קרבנות, נאָר שוין אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט די באַדערפעניש פון ארץ ישראל, ווו דער קאַמף מיט דער מאַנדאַט־מאַכט דורך אומלעגאַלער איינוואַנדערונג איז געוואָרן אַקטיווער און שאַרפער. 1948, דער אויפ־קום פון מדינת ישראל ברענגט אַזאַ שפּרונג אין די זאַמלונגען, אַז עס קען גאָר קיין ספק נישט זיין, אַז דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום האָט איבערגעלעבט אַ הויכע נאַציאָנאַלע שטימונג. אין דעם יאָר זענען די זאַמלונגען געווען כמעט דריי מאָל אַזוי גרויס ווי אין יאָר 1945, כמעט אויף 30 פּראָצענט גרעסער, ווי אין יאָר 1947.

נאָר שוין אין קומענדיקן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה און זי האָט נישט אויפגעהערט עד היום — אַ טרויעריקער באַווייז, אַז דער שפּרונג פון 1948 איז אַרויסגערופן געוואָרן פון מאָמענטאַלע שטימונגען און נישט פון טיף פאַרוואָרצלטע נאַציאָנאַלע אחריות־געפילן. וואָרום ווי נויטיק עס זענען נישט געווען קיין גרויסע סומעס געלט אויף צו פירן די מלחמה מיט די אַראַבער, נישט שוואַכער זענען די באַדערפענישן צו ברענגען דאָס לאַנד צו עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט און עקאָנאָמיש און מיליטעריש באַוואָפנט צו אַ מעגלעכן קאַמף מיט זעלבע שונאים, נאָר שוין פיל בעסער באַוואָפנטע און צוגעגרייט צו מלחמה.

לאָמיר זען דעם פאַרנעם פון דער אומאויפהערלעכער ירידה פון די געלט־זאַמלונגען 2):

1) American Jew. Year Book, p. 269.
2) Ibídem.

| | יאָר | גענזאַמלטע סומע | אינדעקס |
|---|---|---|---|
| (1 | 1948 | 200.721.000 | 100.0 |
| (2 | 1949 | 170.330.000 | 85.0 |
| (3 | 1950 | 142.192.000 | 70.0 |
| (4 | 1951 | 136.035.000 | 67.8 |
| (5 | 1952 | 121.173.000 | 60.4 |
| (6 | 1953 | 114.816.000 | 57.2 |
| (7 | 1954 | 105.000.000 | 52.3 |

די ירידה איז אַן אומאויפהערלעכע, כאָטש די עקאָנאָמישע נויטן פון מדינת ישראל, וועלכע האָט באַקומען די לעצטע יאָרן אַרום 70 פּראָצענט פון די געזאַמלטע געלטער, האָבן געהאַלטן אין שטייגן — נויטן נישט אין זין פון ברויט און זאַלץ פאַר די איינוווינער נאָר אין זין פון אַ שטופּ טון די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד פאָרויס און עס באַפרייען פון דער נויטווענדיקייט אַנצוקומען צו נדבות.

די העכער געבראַכטע סומע פון געלט־זאַמלונגען, וואָס דאָס איז נאָר פונעם „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל", שעפּט ווייט נישט אויס די אויסגאַבן פונעם אַמעריקאַנער יידנטום אויף צדקה אין ברייטן זינען פון וואָרט. מען שאַצט די אויסגאַבן פון אַמעריקאַנער יידן נאָר אויף פאַרשיידענע יידישע הצטרכותן אַרום 250 מיליאָן דאָלער. אַז יידן גיבן גרויסע סומעס געלט נישט־יידישע אינסטיטוציעס, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך.

לאָמיר איבערגיין צו יענע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן הינטער זיך טויזנט יאָריקע טראַדיציעס און מער פון טראַדיציעס — צו יענע פאַקטאָרן, וועלכע זענען געווען דער רוקן־ביין פון יידישער באַזונדערער עקסיסטענץ צווישן פרעמדע פעלקער; וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף סיגים און נדרים, וואָס האָבן געהאַלטן דעם יידישן קיבוץ מיילן־ווייט פון דער אַרומיקער גייסטיקער וועלט, האָבן זיי געמעגט פיזיש זיין ווי נאָענט צו דער דאָזיקער פרעמדער וועלט. מיר גייען איבער צו די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, צו די מאַקסימאַלע יידישע אַנטפּלעקונגען.

## ה) רעליגיעזע דערוואַכונגען

„ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך" — עס איז געוויס אַן אמת, ווייל מיר ווערן דאָך באַאיינפלוסט און שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער עמאַנציפּאַציע אַן פון דער אַרומיקער גייסטיקער וועלט. מיר האַלטן פאַר איבעריק זיך דאָ אָפּצושטעלן אויף דעם טיפן פּסיכאָלאָגישן און אידעאָלאָגישן קער, וואָס מערקט זיך אין דער גאַנצער גייסטיקער וועלט; אַ קער פון טעכניש־מעכאַנישער און נאַטוראַליסטיש־

קאַאָזאַלישער דערקלערונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע צו מיסטיש־רעליגיע־זע און וואָלונטאַריש־פריע באַוועגונגען און ריכטונגען.

אונדזער אויפגאַבע אין געגעבענעם פאַל איז נישט קיין פילאָסאָפיש־רעלי־גיעזע, נאָר אַ סאָציאָלאָגיש־נאַציאָנאַלע — ווי אויסערט זיך דער דערמאָנטער קער אין ייִדישן לעבן פון אַמעריקע? וואָסערע רעזולטאַטן אין זין פון סעפּאַרירונג פון ייִדישן קיבוץ פון דער אַרומיקער פרעמדער וועלט קען מען דערוואַרטן פון דעם דאָזיקן נייעם שטראָם אין ייִדישן לעבן?

אינעם ייִדישן לעבן ווירקן אָבער אַ סך אַזעלכע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן נישט קיין שפּור אין דער נישט־ייִדישער וועלט — און די דאָזיקע פאַקטאָרן מוזן ערנסט גענומען ווערן אין אַכט. מיר וועלן זיך טאַקע פריִער פון אַלץ אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע אייגנאַרטיקע ייִדישע השפּעה־פאַקטאָרן. ווייל עס איז דאָך זייער מעגלעך, אַז די ספּעציפישע ייִדישע פאַקטאָרן זענען גאָר די הויפּט־גורמים פון די רעליגיעזע שטרעמונגען, וועלכע מערקן זיך אין אונדזער ייִדישער וועלט.

פאַר די לעצטע 30־20 יאָר איז די צוזאַמענשמעלצונג פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט אַוועק מיט גיגאַנטישע שריט. מען האָט גערעדט וועגן קולטורעלן פּלור־ראַליזם און אין דער ווירקלעכקייט איז געגאַנגען אַן אינטענסיווע צוזאַמענשמעל־צונג פון די פרעמדע שפּראַכן און קולטורן. די מאָנאָליטישקייט פון דער אַמערי־קאַנער געזעלשאַפט איז געוואָרן בולטער און בולטער און האָט זיך געגעבן אַלץ שאַרפער און קלאָרער צופילן אַלע מיעוטים. האָט טאַקע די אינטעגרירונג אין דער אַלגעמיינער קולטור־ און שפּראַך־איינהייטלעכער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט אָנגענומען זייער אינטענסיווע מאַסשטאַבן און טענדענצן.

די ייִדישע גרופּע וואָלט אויך מיטגעמאַכט דעם דאָזיקן אינטעגרירונג־פּראָ־צעס אין דעם זעלבן טעמפּ אָדער נאָך אפשר אין אַ פיל אינטענסיווערן גראַד כדרך היהודים. די ייִדישע אינטעגרירונג איז אָבער פאַרטשעפּעט געוואָרן פון ביי־פאַקטאָרן, וועלכע האָבן טאָרמאָזירט דעם דאָזיקן פּראָצעס — די היטלער־שחיטה, פון איין זייט, און דער אויפקום פון מדינת ישראל, פון דער צווייטער זייט, האָבן צערודערט דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן געוויסן, אים געשטעלט פאַר אַ נסיון, וועלכן עס איז נישט גרינג בייצושטיין. בפרט נאָך, אַז אויף דער נאַציאָ־נאַלער נשמה דריקט נאָך אַ לאַנגע היסטאָרישע ירושה, וועלכע מען קען נישט פאַרגעסן — יעדע שחיטה האָט געפירט צו נאַציאָנאַלער אחדות, צו נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאַסונג, צו נאַציאָנאַלער פאַרשטאַרקונג.

דער אויסוועג איז געפונען געוואָרן אין דער אינטענסיווירונג פון דער רע־ליגיע. נישט אָפּרייסן און נישט אויסטיילן די ייִדישע גרופּע פון דעם געמיינזאַמען פּראָצעס פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, פון דער אינטעגרירונג אין דער אַלץ מאָנאָליסטישער ווערנדיקער אין שפּראַך און קולטור אַמעריקאַנער געזעל־שאַפט — און פון דער צווייטער זייט, זאָל די דאָזיקע ספּעציעלע ייִדישע אָרגאַני־

זאַציע־פאָרעם געבן ברייטע מעגלעכקייטן צו אינטענסיווירן די נאַציאָנאַלע טענדענצן, וועלכע ווערן דיקטירט פון דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע פון גאַנצן יידישן פאָלק; ווערן דיקטירט מער געוויס פון אויסערלעכע פאַקטאָרן, ווי פון אָרגאַניש אַמעריקאַנער אינעווייניקסטע, נאָר דאָך געניג טיף־פאַרפלאַנצטע און אַריינגעוועבטע אין די נשמות פון גרויסע טיילן פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום.

דער אויסוועג איז געפונען געוואָרן אין דער אינטענסיווירונג פון דער רעליגיעזער סעפּאַרירונג, אין דער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע־פאָרעם; אין אָנלאָדן די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע מיט נאַציאָנאַלע אַטריבוטן פון אַ כאַראַקטער, וועלכער רייסט נישט אויף די אויגן פון דער אַרומיקער וועלט; וועלכע באַגרענעצט די סעפּאַרירונג צו אַ מינימום, וואָס איז לכל הדעות כשר און וואָס שטערט נישט אַבסאָלוט דער קולטורעלער אינטעגרירונג אין דער אַרומיקער מערהייט — די גאַנצע אַמעריקאַנער געזעלשאַפט איז דאָך רעליגיעז דיפערענצירט. און מיר וועלן זיין ככל הגויים. דער נאַציאָנאַלער צוגאָב צו דער באַזונדערער יידישער רעליגיעזער פאָרעם דאַרף זיין פון אַזאַ אינהאַלט און פון אַזאַ מינימום, אַז דאָס זאָל אויף אַ האָר נישט מינערן דעם קולטורעלן אינטעגרירונג־פּראָצעס, וועלכער וועט געוויס בלייבן שטיין ביים לעצטן צוזאַמענשמעלץ־אַקט, ביים שמד. מיר וועלן ווייטער זיך אָפּשטעלן אויף דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע, ווייל דער תהום, וואָס האָט תמיד צעטיילט די רעליגיעס און וואָס האָט אויפגעשטעלט אַזאַ געדיכטע און אַזאַ הויכע מחיצה צווישן ייד און נישט־ייד, האַלט אין פאַרשאָטן ווערן דורך די זעלבע ראַביים, וועלכע ווילן ריזיקירן מיטן יידישן קיום, געבויט נאָר אויף רעליגיע־סעפּאַרירונג.

איינער פון די געוואַגטסטע פאַרטיידיקער פון פולער און גאַנצער קולטורעלער אינטעגרירונג און בויען די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ נאָר אויף רעליגיע איז דער באַרימטער געלערנטער ראַביי יעקב אַגוס. ער שרייבט 1): „וואָס זענען מיר — יידישע אַמעריקאַנער אָדער יידן אין אַמעריקע?" און ער ענטפערט: „מיר זענען יידישע אַמעריקאַנער און נישט אַמעריקאַנער יידן". דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויף „אַמעריקאַנער" און נישט אויף „ייד". ער שרייבט: „דאָ קען דער יידישער אימיגראַנט זיך דערלויבן צו ווערן נישט נאָר אַ גליד פון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט אַמעריקע, נאָר ווערן אַ גליד פון דעם פאָלקישן באַפרוכפּערנדיקן באָדן פון סענטימענטן, אידייען, זכרונות, טרוימען, טראַדיציעס און אַפילו פאַראורטיילן, וועלכע בילדן צוזאַמען אַמעריקע. אויב זיין אין דער היים מיינט נישט נאָר האָבן געוויסע „רעכט", נאָר זיין אַ טייל פונעם פאָלק, וועמענס אינטערעסן די פּאָליטישע מאַשין דינט, דעמאָלט קען דאָ דער ייד אוודאי און

---

1) Jacob B. Agus, *Assimilation, Integration, Segregation, The World to the Future,* "Judaism", New York, 1954, Fall., vol. p. 509.

אודאי זיין ווי אין דער היים, זיך פילנדיק ווי אַן אַמעריקאַנער פון ייִדישער אמונה, נישט וויניקער „נאָרמאַל" אין בירגערלעכן זין ווי יעדער אַנדערער בירגער פון גרויסן לאַנד".

ראַבײַ אַגוס אַנטוויקלט זייער אַן אינטערעסאַנטע, נאָר אויך זייער אַ געפערלעכע טעאָריע, אַז דער ייִדישער יחיד מעג זיין אַלע הונדערט פּראָצענט שפּראַכלעך און קולטורעל אַסימילירט — דער ייִדישער כלל וועט היטן די עקסיסטענץ פונעם ייִדנטום. דאָס איז, לײַדער, די טענדענץ, אין וועלכער דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום גייט. דאָס איז אַ דרך, נישט פון „יהודי באהלך ואדם בצאתך", ווי יל׳ גאָרדאָן האָט אַמאָל רעקאָמענדירט די רוסישע ייִדן, נאָר פון אדם בביתך ובצאתך און יהודי אין בית התפילה.

לאָמיר ברענגען אַ גרעסערע ציטאַטע פון ווילי הערבערג, וועלכער דריקט געוויס אויס די רעליגיעזע בענקשאַפט פון אַ געוויסן שיכט פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. מעגלעך, אַז פון זייער אַ שמאָלן שיכט, נאָר דאָך איז דאָס זייער סימפּטאָמאַטיש און פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט. ער שרייבט 1):

„איך מיין, אַז עס קומט אויף אַ נייער טיפּ ייִד אין אַמעריקע: אַ ייִד, ביי וועלכן ייִדישע גלייבונגען און ייִדישע טראַדיציעס זענען נישט בלויז ירושה־רוטינעס, נאָר עפּעס גאַנץ נייס, פערזענלעכס, אויפרעגנדיקס. פאַרן דאָזיקן טיפּ ייִד — און ער איז זייער ברייט פאַרגעשטעלט אינעם זיך צוריקקערנדיקן דור — זענען אַלטע פּראַזעס, טריישאַפט צו אינסטיטוציעס, לאָזונגען און פּלאַפּלערייען נישט פיל ווערט. ער זוכט עטוואָס טיפערס און גרינטלעכערס. און איך בין איבערצייגט, אַז דאָס וואָס ער זוכט קען מען געפינען אין די גרונט־טראַדיציעס פון דער ייִדישער אמונה.

„ס׳איז פאַראַן נאָר איין פראַגע — צי איז די איצטיקע אַמעריקאַנער סינאַגאָגע פעיִק אים צו געבן ייִדישע טראַדיציעס אין אַ פאָרעם, אַז ער זאָל זיי קענען פאַרשטיין און ווילן אָננעמען? קען די איצטיקע אַמעריקאַנער סינאַגאָגע ווערן זיין גייסטיקע היים, ווי דאָס איז נויטיק צי כאָטש ווי ער האָפט? אויף די אַלע פראַגן קען מען נישט איצט שוין געבן אַ קלאָרע תשובה, נאָר פון דער דאָזיקער תשובה וועט זיין אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס די צוקונפט פון ייִדישקייט אין אַמעריקע".

דאָס זענען ווערטער פון אַ געוועזענעם ראַדיקאַלן אינטעליגענט פון דער אַסימילירטער ייִדישער אינטעליגענץ. אויך ביי דער אַנטוישטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער אינטעליגענץ איז פאַראַן אַ בענקשאַפט צום בית המדרש, צו ייִדישע טראַדיציעס. אפשר נישט אַזוי פיל צו אלוהי ישראל, ווי צו עם ישראל; צום בית

1) Will Herberg, *Religions Frends in American Jewry*, in "Judaism", Spring., 1954, p. 240.

המדרש, ווי צו „מהבא רוח איתן, מקלט עם עולמים", ווי ביאַליק האָט דאָס אַזוי קלאָר כאַראַקטעריזירט. אין „על סף בית המדרש".

מיר רעדן דאָ וועגן יענעם פליגל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט געבויט די ייִדישע נאַציאָנאַלע צוקונפט אויף ייִדיש — ייִדיש אַלס פאָלקס־שפּראַך און אַלס אַ גאַנצע פאָלקישע לעבנס־קולטור. עס איז דאָך געווען אַ מאָ־מענט ווען די דאָזיקע קולטור האָט זיך אין אַמעריקע אַזוי צעבליט און צעוואָקסן, אַזוי ברייט און טיף זיך צעצווייגט, אַז מען האָט געגלויבט, אַז אָט דאָ ווערט דער נאַציאָנאַלער צענטער פון ייִדישן פאָלק. די אַנטוישטע אינטעליגענץ און מיט איר אַ גרויסער פליגל פון דער מער אַנטוויקלטער מאַסע זוכן פיבערדיק אַ איינ־האַלט און אַ אַנהאַלט אין ייִדישן לעבן. איינגעביסן מיט אַלע ציין אינעם קאַמף פאַר ייִדיש און פאַר ייִדישע קולטור וויסן זיי, ליידער, זייער גוט, אַז דאָס איז אַ משעגת בקנה רצוץ און מען זוכט אַ זיכערערע באַזע און היסטאָריש אַ טיפער פאַרוואָרצלטע אמונה. די בענקשאַפט נאָך ייִדישע לעבנס־־פאָרמען שטויסן און מוז שטויסן צו ייִדישער רעליגיע — עם ישראל און אלוהי ישראל זענען דאָך גאָר נאָענטע מחותנים.

אָט איז, אַ ווידוי פון איינעם פון דער דאָזיקער ראַדיקאַל־ייִדישיסטישער ייִדישער אינטעליגענץ 1):

„מען באַשולדיקט אונדז, און מיר אַליין באַשולדיקן זיך, אַז אונדזערע קינדער זענען אַוועק פון אונדז. עס איז נישט אמת — זיי זענען קיינמאָל נישט געווען מיט אונדז! מיר האָבן דאָך קיינמאָל נישט אויפגעבויט פאַר זיי וועלכע ס'נישט אי'ז גייסטיקע היים. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלטן בית המדרש און נישט אויפגעבויט קיין נייעם. מיר האָבן פאַרוואָרפן דעם אַלטן צערעמאָניאַל און נישט געשאַפן קיין נייעם. מיר אַליין האָבן געלעבט אויף שיריים. פאַר אונדז זענען שיריים געווען גענוג. מיר האָבן דאָך אַריינגעזאַפּט די אַלטע ייִדישקייט, האָבן מיר געהאַט צו וואָס צו בענקען. אָבער דער יונגער דור האָט געקראָגן אַן אָפּגע־צערט גייסטיק לעבן; אַ ייִדישקייט, וואָס קען נישט באַגייסטערן, וואָס האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו ווערן אַ וועלט־דערלייזעריןן.

„מיר האָבן זיי געגעבן אַ ייִדישקייט, ווו טביה דער מילכיקער פאַרנעמט דעם אָרט פונעם רבונו של עולם; ווו אַ ליד וועגן סוכות פאַרנעמט דעם אָרט פון אַ סוכה; ווו אַ דערציילונג וועגן שבת פאַרנעמט דעם אָרט פון שבת. אונדזערע קינדער האָבן קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט איבערצולעבן דעם עקסטאַז פון כל נדרי, דעם פּחד פון נעילה, די פייערלעכקייט פון אַ סדר, די שטילע רו און גליק פון אַ שבת, דעם טרויער פון שבת־פאַרנאַכט און די פרייד פון פּורים און שמחת תורה, ווי מיר האָבן עס איבערגעלעבט".

---

1) שלמה סיימאָן, תוך יידישקייט, בוענאָס איירעס, 1954, זייט 185.

דער דאָזיקער עקסטרעמער בעל־תשובה לייגט פאַר נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אומקערן זיך צו הונדערט־פּראָצענטיקער הלכה־ייִדישקייט. אין קורצן קלינגט זיין אויספיר אַזוי 1): „אונדזער עובדא אין איצטיקן מאָמענט איז אָנצוהייבן איבערבויען אונדזער ייִדישן לעבן. דער איבערבוי דאַרף זיך סומך זיין אויף די אַלטע פיר ייִדישע יסודות: פּריוואַטליקער יאָך, פּערזענלעכע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, בית מדרש און תורה לערנען".

איז דאָס אַ מיינונג אָדער אַ איבערצייגונג פון איינעם, וואָס ווערט געהאַלטן פאַרן עקסטרעמסטן אינעם ייִדישיסטישן לאַגער. מער כאַראַקטעריסטיש און סימפּ־טאָמאַטיש איז אַ זיצונג פון אַ קאָמיטעט פון שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט; אַ שול־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַ שול־פּראַקטיק פון צענדליקער יאָרן און האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר ציִען צו ייִדישן שבת און יום טוב פריִער פון אַלע אַנדע־רע שול־אָרגאַניזאַציעס פון בערך דעם זעלבן לאַגער. די זיצונג איז פאָרגעקומען דעם 31טן יאַנואַר 1954. אין דעם באַריכט פון פעברואַר 1954 ווערט דערציילט, אַז „די פאַרזאַמלונג דיסקוטירט אַ איינהייטלעכן צערעמאָניאַל". ש. ניגער, דער פאָרזיצער, דערקלערט: „מיר האָבן געמאַכט פּרוּוון צו געפינען דעם וועג, וואָס פאַרבינדט אונדז מיט דער גרויסער מחנה. מיר דאַרפן געפינען אַ קיצור שולחן ערוך פאַר אונדזער קרייז".

אין די דעבאַטן באַטייליקן זיך אַ סך אָנגעזעענע פּעדאַגאָגן און עלטערע און פאַרדינסטפולע שול־טוער. לייבוש לערער דערקלערט, אַז „מיר ווילן היינט זיך דורכרעדן וועגן אַ איינהייטלעכן עונג שבת. עס איז באַלד ביים אָנהייב געווען אַ ריס צווישן די רייד פון די פּירער און דער אַרבעט פון די שולן. די היימען זענען געבליבן אָן יום טוב בעת די שולן האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז מען מוז פייערן ייִדישע יום טובים. די שלום עליכם־שולן האָבן פאַרשטאַנען די געוואַלדיקע סתירה צווישן דער געזעלשאַפט און דער דערציִונג וואָס מען גיט אין די שולן. עס הייבט זיך דאָן אָן אין אונדזערע קרייזן די דיסקוסיע וועגן צינדן ליכט, דאַוונען ראש השנה און יום כיפּור. אָבער היינט זענען די אַלע זאַכן שוין באַלד דערליידיקט און מען דאַרף זיך שטעלן די פראַגע וועגן דער אויטאָריטעט".

אין די דעבאַטן ווערן אַרויסגעזאָגט פאַרשיידענע מיינונגען, ווי, למשל, אַז „די רעליגיע האָט אַלע מאָל פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף שאַפן אַ שטייגער־לעבן. די קינד־ייִדישקייט איז זייער וויכטיק. אונדזער ייִדישקייט דאַרף זיין געבויט אויפן פונדאַמענט פון ייִדישן קיום".

דער פאָרזיצער ש. ניגער פאָרמולירט צום סוף, אַז „מיר דאַרפן דערוויילן אַ גרופּע מענטשן, וואָס זאָלן אָנצייכענען אַ מינימום: מזוזות, יאַרמעלקעס, בר־מיצווה און רעווידירן די טעקסט־ביכער".

---

1) איביד, זייט 237.

ס׳פֿילט זיך געוויס אַ הילפֿלאָזיקייט ביי די דאָזיקע געוועזענע ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע יידישע אינטעליגענטן — די דאָזיקע הילפֿלאָזיקייט איז אָבער נישט נאָר אַ סימן פֿון אַנטוישונג אין אַלטע אידעאַלן נאָר אויך אַ צייכן פֿון אַ פּאָזיטיוון אומרו, פֿון אַ נשמה־אומרו, וואָס צווינגט צו רעוויזיע און צו וועלכע ס׳נישט איז פּאָזיטיווע אויספֿירן.

לאָמיר וואַרפֿן אַן אויג אויף אַ דערשיינונג, וועלכע ווייזט מער ווי בולט, אַז אינעם אַמעריקאַנער יידנטום איז פֿאָרגעקומען די לעצטע צוויי צענדליק יאָר אַ ווענדונג צו מער יידישקייט, צו מער טראַדיציאָנעלער און געשיכטלעך געהייליקטער יידישקייט. די בעסטע אילוסטראַציע צו דער דאָזיקער גרינטלעכער איבערקערעניש איז די אָנטוויקלונג פֿון די רעפֿאָרם־ראַביים. מיר האָבן העכער אָנגעוויזן, אַז דער מענטשן־באַשטאַנד פֿון די רעפֿאָרם־ראַביים האָט זיך ראַדיקאַל געביטן און די מזרח־אייראָפּעיִשע קינדער האָבן פֿאַרביטן די דייטש־יידישע פֿירער. די נייע פֿירער, אַמעריקאַנער מלדה, האָבן נישט איבערגענומען די אַנטי־נאַציאָנאַלע ריכטונג פֿון די רעפֿאָרמער, וועלכע האָבן אויסגעמעקט פֿון דאַוונען אַלע סימנים פֿון שיבת ציון, פֿון ארץ ישראל, אַלס גאולה־לאַנד און גאולה־טרוים; וועלכע האָבן איינגעפֿירט תּפֿילות אין ענגליש און גענומען איינפֿירן די תּפֿילות אָנשטאָט שבת זונטיק.

אָט וואָס עס האָט געוויזן אָ פֿאָרשונג, דורכגעפֿירט אין יאָר 1950 1):

א) ווענן געמישטע חתונות — פֿון 275 קאָנגרעגאַציעס, וועלכע האָבן געענטפֿערט אויפֿן פֿרעג־בויגן, האָבן נאָר 25% געענטפֿערט. אַז זיי געבן חופּה וקידושין אָן וועלכע ס׳נישט איז תּנאים. אַ גאַנץ דריטל פֿון די תּשובות איז געווען, אַז זיי גיבן חופּה וקידושין געמישטע חתונות נאָר מיט אַ תּנאי, אויב דער קריסטלעכער צד זאָגט צו, אַז די קינדער וועלן דערצויגן ווערן אַלס יידן. ווי־ווייט דאָס איז פֿון די 70ער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט ווען עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ ראַביי האָט געפּרעדיקט אין באָסטאָן פֿונעם באַלעמער געמישטע חתונות 2).

ב) זונטיק־תּפֿילות זענען כמעט אינגאַנצן אַרויס פֿון דער מאָדע — פֿון 500 קאָנגרעגעישנס, וועלכע געהערן איצט צו דער רעפֿאָרם־ריכטונג, האַלטן אָפּ תּפֿילות זונטיק נאָר נאָך 7. דערביי האַלטן אָפּ 6 פֿון די 7 תּפֿילות אויך שבת.

ג) העברעיִש־לימוד איז איינגעפֿירט אין אַלע שולן פֿון די רעפֿאָרם־קאָנגרעגעישנס און אין די תּפֿילות זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַלע ציון־האָפֿענונגען און די רעפֿאָרמער נעמען איצט זייער אַן אַקטיוון אָנטייל אין העלפֿן מדינת ישראל נישט נאָר פֿינאַנסיעל נאָר אויך פּאָליטיש.

1) Congress Weekly; II-XII, 1950.
2) Nathan Glazer, *Four Nobblisin Search of American Judaism*, in "Commentary", 1954, VI, p. 152.

מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן אויף דער אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַלע יסודות און נאַציאָנאַלע פאָרמען אין לעבן פון אַלע קאָנגרעגעישנס — לאָמיר ברענגען נאָר עטלעכע ציפער וועגן דעם וווקס פון די רעפאָרם־קאָנגרעגעישנס און זייער קולטור־פאַרמעסט פאַר די נאָענט־סטע יאָרן.

1943 האָט די רעפאָרם־אָרגאַניזאַציע געהאַט 300 קאָנגרעגעישנס מיט אַרום 50 טויזנט פאַמיליעס־מיטגלידער; אין יאָר 1954 — 499 מיט אַרום 150 טויזנט פאַמיליע־מיטגלידער 1). די דאָזיקע 499 קאָנגרעגעישנס נעמען אַרום 1 מיליאָן מענער, פרויען און קינדער, וואָס געפינען זיך אונטער דער השפּעה פון די סי־נאַגאָגעס און זייערע גייסטיקע פירער. דער ביודזשעט פון דער רעפאָרם־אָרגאַני־זאַציע איז געווען אין יאָר 1943 — 150 טויזנט דאָלער און אין יאָר 1954 — 1 מיליאָן מיט 870 טויזנט דאָלער, אַלזאָ צוועלף מאָל מער 2). דער סינסינעטער סעמינאַר, וואָס איז די הויך־שול פון די רעפאָרמער, האָט איצט פאָרגענומען אַ קאַמפּיין פון 60 מיליאָן דאָלער אין משך פון צען יאָר. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע געלט־זאַמלונגען וועט גיין אויף נייע געביידעס פאַר ניי־אויפגעקומענ־דיקע געמיינדעס, נאָר גאָר אַ גרויסער טייל אויף שולעס, אויף צוצוגרייטן לערער, אויף פאַרברייטערן די בילדונג פאַר דערוואַקסענע, הכלל, פאַר קולטור־אַרבעט.

מיר קענען, לײדער, זיך נישט אָפּשטעלן נאָך אויף דעם וווקס פון די קאָנ־סערוואַטיווע און אָרטאָדאָקסישע געמיינדעס און אויף דער פאַרברייטערונג פון דער קולטור־אַרבעט פון די דאָזיקע ריכטונגען אין ייִדישן לעבן פון אַמעריקע. עס איז אַלענפאַלס גאָר קיין ספק נישט, אַז די נאָר וואָס דערמאָנטע צוויי רעלי־גיעזע אָרגאַניזאַציעס, נאַציאָנאַלע פון זייער געבוירן אָן, האָבן די לעצטע יאָרן שטאַרק אינטענסיווירט און פאַרברייטערט זייער קולטור־טעטיקייט, באַזונדערס אויפן באַדן פון העברעיִשער בילדונג אין די קעמפּס און פאַר דערוואַקסענע.

מיט איין וואָרט, די סינאַגאָגע ווערט דער צענטראַלער פּונקט פון ייִדישן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן לעבן. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט די לעצטע צייט זיך אַ ציי געטון צו מיטגלידערשאַפט אין אַ סינאַגאָגע — מען שאַצט, אַז פון די העכער פינף מיליאָן ייִדן אין אַמעריקע זענען פאַרבונדן מיט אַ סינאַגאָגע אַרום דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן, העכער צוויי דריטל.

פאַרבונדן מיינט נאָך נישט, פאַרשטייט זיך, מאַכן די סינאַגאָגע פאַר אַן אמתן צענטער פון גייסטיקן לעבן. נאָר מען מוז מודה זיין, אַז די העכער געבראַכטע מיינונג פון ראַביי אַגוס, אַז די כלל־אינסטיטוציע וועט בלייבן די איינציקע מאַ־ניפעסטאַציע פון ייִדישן לעבן ווערט אין אַ גרויסער מאָס באַשטעטיקט. בעסער

1) American Jewish Year Book, 1955, p. 230.
2) New York Times, 13 II and 15 II, 1955.

ווי גאָרנישט איז דאָס געוויס. אייניקע ציפער וועגן תשובות אויף אַן אַנקעטע צווישן די מיטגלידער פון די רעפאָרם־סינאַגאָגעס וועלן ווייזן ווי אומסטאַביל עס איז דאָס יידישע לעבן אין פּרט פון יידישע לעבנס־פאָרמען, אין זין פון יידישער קולטור און ווי פאַרשיידן עס איז די לאַגע אין געגעבענעם מאָמענט און דער רצון פאַר די קינדער.

74 פּראָצענט פון די געפרעגטע מיטגלידער פון די רעפאָרם־ס״נאַגאָגעס האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן לערענען העברעיש — נאָר 25 פּראָצענט האָבן געענטפערט, אַז זיי האָבן ביבליאָטעקן פון מער פון 25 ביכער מיט יידישן אינהאַלט. 62 פּראָצענט האָבן געענטפערט, אַז זיי האָבן זייער ווייניק ביכער מיט יידישן אינהאַלט. 74 פּראָצענט פּראַווען פּסח אַ סדר — 90 פּראָצענט אַרבעטן שבת 1).

דער ראַביי, פון וועמענס אַרטיקל אין יאָרבוך מיר האָבן נאָר וואָס געבראַכט ציפער און דאַטעס, גיט צו אייניקע זיינע דערפאַרונגען, וועלכע זענען זייער וויכטיק אויף צו פאַרשטיין קאָנקרעטער דעם ווערט פון די העכער געבראַכטע ציפער וועגן מיטגלידערשאַפט אין קאָנגרעגעישנס. ער שרייבט, אַז זיין פּראַקטיק מיט יידישע סאָלדאַטן אין דער אַרמיי האָט אים איבערצייגט, אַז „פון 85 ביז 90 פּראָצענט יידן האָבן מער אָדער ווייניקער קאָנטאַקט מיט דער אָרגאַניזירטער יידישער רעליגיע, כאָטש פאַר אַ סך באַשטייט דאָס נאָר אין צערעמאָניעס ביי געבורט, טויט, חתונה אָדער בר־מיצווה״ 2).

ס'איז שווער צו ציען דעפיניטיווע שלוסן און באַשטימטע אויספירן פון דעם גאַנצן מאַטעריאַל — איינס איז בלתי ספק: דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז נישט רויק, איז נישט צופרידן מיט זיך, זוכט וועגן און עצות, ווי צוצופּאַסן די רעשט־לעך פון יידישקייט אָדער די נייע יידישקייט־מיצוות, ווי מדינת ישראל, די נייע העברעישע שפּראַך, צום נוסח אַמעריקע, וועלכער באַהערשט שוין כמעט הונדערט פּראָצענט דאָס קאָנקרעטע יידישע לעבן. וואָלט מען געקענט זיין צופרידן, וואָס עס האָט זיך געפונען אַזאַ אויטאָריטעט אָרגאַניזאַציע ווי די קאָנגרעגעישן, וואָס נעמט אויף זיך דעם עול און די מיסיע צו זוכן און פּרווון פאַרענטפערן די סתירות, האַרמאָניזירן גלות מיט יידישן קיום, ווייניקסטנס כאָטש וויפל ס'נישט איז האַמע־ווען דעם שטורמישן אַסימיליר־שטראָם, וואָס דראָט דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן קיום פונעם אַמעריקאַנער יידנטום.

אין צענטער פון דער קאָנגרעגעישן שטייט דאָך פאָרט די יידישע רעליגיע, כאָטש די ראַביים זענען פאַקטיש מער גייסטיקע, ווי רעליגיעזע פירער. די יידישע רעליגיע — דער דאָזיקער „מקלט עם עולמים״, ווי ביאַליק האָט געזונגען! און

1) Morris N. Kertzer, *Religion*, in American Jew. Year Book, 1955, p. 233.
2) Ibídem, p. 233.

דאָך — דווקא דאָס רופט ביי מיר אַרויס גרויסע ספקות. דווקא אין דעם פּרט איז פאַרגעקומען אַזאַ רעוואָלוציע ביים אַמעריקאַנער ייִדנטום, חוץ דער אָרטאָ־דאָקסיע, וואָס קערט איבער אַלע אונדזערע פאַרשטעלונגען וועגן דער נאַציאָנאַלער רעליגיע — דער דאָזיקער „מקלט עם עולמים", ווי ביאַליק האָט געזונגען! און געדינט דעם ייִדישן פאָלק אין משך פון צוויי טויזנט יאָר.

אין פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צו דער מערהייט און געווינען איר פריינט־שאַפט, באַזונדערס פון דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ און פון דער גייסטלעכער וועלט האָט מען געטון אין קלייניקייט — מען האָט גענומען דערוויזן, אַז אַלע רעליגיעס זענען מאָראַליש און גוט און דער חילוק איז גאָר אַ קליינער.

די ייִדישע רעליגיע האָט געקענט זיין אַ גוטער שומר, ווען דער ייִד האָט געגלויבט נישט סתם אין ייִדישן גאָט, נאָר נאָך אין דעם, אַז אונדזער גאָט איז דער עטישסטער, דער שטאַרקסטער, דער איינציק אמתער און דער איינציק עקסיסטירנדיקער, אחד ואין כמו הוא. דערביי האָט דער ייִד מבטל געמאַכט אין האַרצן אַלע אַנדערע רעליגיעס. דער ייִד איז געווען שטאָלץ אויף זיין גאָט און אויף זיינע אמתן און אַטריבוטן און האָט אים געדינט מיראה און מאהבה און געגלויבט אין עולם הבא, אַלס שכר פאַר דער אמונה־געטריישאַפט. אַפילו די עמאַנציפּירטע ייִדנשאַפטן אין איראָפּע זענען קיינמאָל נישט געווען אַזוי אידעאָ־לאָגיש נאָענט צו די קריסטלעכע אמונות און פּאַקטיש אַזוי געבריִדערט זיך מיט די פאָרטרעטער פון די קריסטלעכע רעליגיעס, ווי מיר זעען דאָס אין אַמעריקע.

קען דען זיין אַ רייד וועגן דעם, ווי גוט און נוצלעך עס איז פאַר ייִדן פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישן שטאַנד־פּונקט צו זיין אין נאָענטע פריידלעכע באַציִונגען און אויך אין אינטימער פריינטשאַפט ווו עס לאָזט זיך נאָר מיט די פאָרטרעטער פון דער מערהייט־רעליגיע? די דאָזיקע געווינסן זענען אָבער זייער געפערלעך פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. די פריינטשאַפט האָט דאָ אָנגענומען אַזאַ ברייטן און אינטימען כאַראַקטער, אַז עס ווערן אַבסאָלוט פאַרווישט די עטישע גרענעצן צווישן די רעליגיעס. אַלע רעליגיעס זענען שיין און פיין און קיין רעלי־גיעזע גרופּע דאַרף זיך נישט גרויסן און נישט באַטראַכטן זיין אמונה עטיש העכער אָדער קולטורעל בעסער — אַלע זענען אייגנטלעך מתפלל צו איינעם און דעם זעלבן גאָט. דער חילוק איז נאָר אין גאָר נישט וויכטיקע פּרטים. וועגן אַ תהום קען גאָר קיין רייד נישט זיין — אַפילו די מחיצה ווערט דערפירט צו אַזעל־כע פּרטים און קלייניקייטן, אַז דער יונגער ייִד, וואָס ווערט געשטעלט פאַרן נסיון צו מוזן אָדער וועלן חתונה האָבן מיט זיין קריסטלעכער געליבטער וועט זיך נישט זייער שטאַרק וואַקלען אָנצונעמען די רעליגיע פון דער גרויסער מער־הייט אײדער צווינגען די באַשערטע צוצושטיין צו דער ייִדישער מינדערהייט. דער קליינער פּראָצענט געמישטע חתונות אין אַמעריקע איז ביז איצט געווען מער פאַראורזאַכט פון לעבנס־שטייגער ווי פון רעליגיעזע סיבות. מיר האָבן אין

קאַפּיטל פון געמישטע חתונות אַנגעוויזן דערויף, אַז דער נידעריקער פּראָצענט גע־מישטע חתונות ביי יידן איז מער אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס דער צווייטער דור איז דאָך נאָך געוואָקסן אין היימען פון איינגעוואַנדערטע יידן, וואָס האָט נאָך אין זיך איינגעזויגן יענע אָפּשטויס־געפילן און יענע מורא־געפילן, וועלכע האָבן געהערשט אין דער עלטערן־היים בנוגע צו נישט־יידישע פּאַרטנערס. ביים דריטן און פערטן און פינפטן דור וועט שוין פון די דאָזיקע געפילן נישט זיין קיין זכר. די רעליגיע וועט בלייבן דער איינציקער צעשייד־פאַקטאָר צווישן ייד און נישט־ייד. אָבער קען מען זיך פאַרלאָזן אויף יענער יידישער רעליגיע, וועלכע ווערט געפּרעדיקט אין די רעפאָרם־ און קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס? בפרט נאָך אויב גאָט וועט העלפן און דער אַנטיסעמיטיזם וועט זיין אַזוי שוואַך און אַנעמיש ווי די לעצטע פּאָר יאָר און די עקאָנאָמישע סיטואַציע וועט ווייטער שאַפן אַ רויקע שטימונג און אַ זאַטע צייט?

זייער ריכטיק האָט פאָרמולירט די פּראַגע ראַביי סאַמועל זענדמעל אויף אַ קאָנפערענץ פון רעפאָרם־ראַביס 1): „די סכנה פאַר יידן קומט פון פיינט, די גע־פאַר פאַר יידישקייט קומט פון פריינטשאַפט פון דער אַרומיקער סביבה. די רבנים, וועלכע זענען געווען אין נאַפּאָלעאָנס צייטן קעגן די בירגער־רעכט פאַר יידן, האָבן קלאָר פאָרויסגעזען, אַז דער צעפאַל פון די טראַדיציאָנעלע מחיצות וועט אויטאָמאַטיש שטעלן אין געפאַר יידישע צוגעהעריקייט".

די טראַדיציאָנעלע שטייגער־מחיצות האַלטן אין גיכן פאַלן צווישן יידישע און נישט־יידישע קינדער — מען לערנט אינאיינעם 15 אָדער 20 יאָר און מען ווערט פּאַקטיש דערצויגן נישט נאָר אין איינער און דער זעלבער קולטור, נאָר בפירוש אין איינער און דער זעלבער רעליגיעזער קולטור. ווייל עס איז שוין לאַנג דערוויזן געוואָרן, אַז פּאַקטיש איז די אַמעריקאַנער ליטעראַטור, פּאָעזיע און פּראָזע, דורכגעדרונגען מיט קריסטלעכע ימים טובים, מיט קריסטלעכע מינהגים און טראַדיציעס, מיט קריסטלעכע שטאַנדפּונקטן און היסטאָרישע משלים. און אויב דער ראַביי קומט נאָך אין דער סינאַגאָגע און האַלט אַ דרשה, וואָס מאַכט כמעט קיין שום חילוק נישט צווישן דער יידישער און קריסטלעכער רעליגיע, פרעגט זיך: וואָס זאָל דעם יונגן יידן אָפּהאַלטן פון בייטן די רעליגיע? בייטן אַ רעליגיע פון אַ מיעוט אויף אַ רעליגיע פון דער מערהייט, וועלכע וועט דעם קומענדיקן דור באַפרייען פון דעם ירושה־הארב, וואָס איז פּאַרט אין פילע פאַלן אַ שטער אין דעם לעבנס־גאַנג? צו וואָס אָנהענגען דעם קומענדיקן דור אַ ירושה־משא, וואָס איז נישט בעסער און נישט העכער פון דער רעליגיע פון דער מערהייט?

1) Central Conference of American Rabbis; New York, 1953, p. 206.

איניקעביישפּילן פון רעליגיעזן לעבן פון ייִדן אין אַמעריקע אין רעפאָרם־קרייזן וועט אונדז וויזן, ווי נידעריק עס איז געפאַלן די מחיצה צווישן דער ייִדישער און קריסטלעכער רעליגיע.

אין דעם אָרגאַן פון די בני ברית („טהע נעשיאָנאַל דזשואיש מאָנטהלי״) פון דעצעמבער 1954 געפינען מיר אויף זייט 8 אַ בילד, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצע האַלבע זייט פון דער צייטונג. און אָט וואָס עס שטייט געשריבן אונטער דעם בילד: „אַ צווישן־רעליגיעזע תפילה אינעם קלויסטער־טעמפּל פון ווילעטש. דער חזן ביים עמוד און דער קלויסטער־אָרגאַניסט מיט זיין כאָר, לינקס פון עמוד, פירן צוזאַמען אַ הימן פאַר ביידע קאָנגרעגעישנס״.

אינעם פאָלגנדיקן אַרטיקל ווערט דערציילט, אַז שוין 6 יאָר ווערן דורכגע־פירט קריסטלעכע תפילות פון דער גרופּע פּרעסביטעריאַנער און ייִדישע תפילות פון דער ייִדישער געמיינדע אין איינעם און דעם זעלבן בנין. בעת די קריסטלעכע תפילות ווערן צוגענומען אַלע ייִדישע סימבאָלן — בעת די ייִדישע תפילות ווערן צוגענומען אַלע קריסטלעכע סימבאָלן. איין מאָל אין וואָך ווערן דורכגעפירט גע־מיינזאַמע תפילות און דער ראַביי און דער גלח פון ביידע געמיינדעס פירן אָן צוזאַמען מיט די תפילות.

אויפן בילד זעט מען די מתפללים, נאָר מען קען נישט וויסן וויפל ייִדן און וויפל קריסטן עס זענען געווען בעת דער תפילה, ווייל אַלע זענען אָן היטלען. די דאָזיקע רעליגיעזע אידיליע קען געוויס פרייען יעדן מענטשן פון שטאַנד־פּונקט פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישע באַציונגען צווישן פאַרשיידענע גרופּעס — דאָס איז אָבער אַ גוטע אילוסטראַציע צו דער העכער געבראַכטער ציטאַטע פון דעם ראַביי, אַז וואָס פריינטלעכער די אַרומיקע וועלט, אַלץ געפערלעכער פאַר דער ייִדישקייט.

וואָלט דאָס געווען אַ יוצא מין הכלל, וואָלט איך זיך דערויף נישט אָפּגע־שטעלט. ווי גרינג דער אַמעריקאַנער קלימאַט ווירקט אויף אָפּזאָגן זיך פונעם „אתה בחרתנו״ און דאָס מיינט דאָך אויך פון דעם ה׳ אחד ואין כמו הוא, ווייזט אונדז פאָלגנדיקער על חטא פון באַקאַנטן העברעיִשן שריפטשטעלער מרדכי זאב רייזין 1): „דאָ ווילט זיך מיר דערציילן אַן עפּיזאָד, וואָס ווייזט אויף מיינע בלאָנ־דזשענישן אין יענע טעג און ווי לייכט מיר, רעפאָרם־ראַביים, זענען געווען גרייט אויף פּשרות לגבי די קריסטן״.

און ער דערציילט, אַז ער איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ ראַביי אין אַ קהילה און אַזוי ווי קיין בית הכנסת איז נישט געווען האָט ער זיך צונויפגערעדט מיטן גלח, אַז ער זאָל דורכפירן די ייִדישע תפילות אין קלויסטער. דער גלח האָט מסכים געווען איבערצודעקן יעזוס געשטאַלט בעת די ייִדישע תפילות, ווייל, אַזוי האָט

1) „גליון״, תל־אביב, תשי״ד, אָב־אלול, ז. 118.

מאָטיווירט דער ראַביי, ביי ייִדן שטייט געשריבן „לא תעשה לך פסל". און מען האָט געגנוג לאַנג געדאַוונט אין קלויסטער! דאָס איז געווען אָנהייב 20טן יאָר־הונדערט און פון אַ ראַביי, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, האָט אין אַמעריקע שטודירט אינעם „היברו קאָלעדזש" פון סינסינעטי און איז גאָר גיך געוואָרן אַ העברעיִשער שרייבער!

לאָמיר ברענגען נאָך אַ פּאָר ביישפּילן, וועלכע וועלן אונדז וויזן און באַווייזן, אַז די געבראַכטע פאַלן זענען נישט קיין צופעליקע.

די פראַגע חנוכה־קריסטמעס איז געוואָרן אין אַמעריקע אַ שטאַרק אָנגעווייטיקטע. די שטרעבונג פון גאַנץ ברייטע ייִדישע קרייזן ווי ס׳נישט איז אַריינפלעכטן חנוכה אין די קריסטמעס יום טובים איז געגנוג באַקאַנט. נאָר אָט האָט אַ ראַביי אין ניו יאָרקער טעמפּל „עמנואל" געהאַלטן אַ דרשה פאַר זיין עולם דעם שבת פאַר קריסטמעס דאָס יאָר 1954 און האָט דערקלערט:

„די קריסטלעכע חגא און דער ייִדישער יום טוב האָבן איך זיך זייער פיל געמיינשאַפטלעכעס.ביידע זענען פייערלעכקייטן פון ליכט, פרייד, גליק און מתנות־געבן און אין ביידע שפּילן קינדער אַ גרויסע ראָלע" און ... ער האָט אויסגעפירט: „מיר אַלע דריקן אויס די האָפענונג, אַז אָט די ווונדערלעכע וועלט פון גערעכטיקייט און פרידן וועט ווערן אַווירקלעכקייט, וואָס דאָס איז מעגלעך נאָר אויב אַלע מענטשן וועלן דינען גאָט אויף איין און דעם זעלבן וועג און אויב אַלע צערעמאָניאַלע אונטערשיידן וועלן פאַרשווינדן" 1).

ייִדן זענען בכלל אַ סך ווייניקער רעליגיעז, ווי קריסטן. און אויב אַ ראַביי רעדט וועגן „פאַרשווינדן פון אַלע אונטערשיידן", פאַרוואָס זאָל דער ייִדישער יונגער מענטש נישט צוליב טון זיין געליבט מיידל און אָננעמען די צערעמאָניאַלן פון דער מערהייט?

אָט זענען אַ פּאָר ציפער וועגן רעליגיעזקייט ביי פאַרשיידענע רעליגיעזע שיכטן, רעזולטאַטן פון אַ געגנוג גרינטלעכער אַנקעטע־פאָרשונג: אויף דער פראַגע וועגן באַזוכן אַ קירכע אָדער אַ סינאַגאָגע האָבן געענטפערט מיט ניין: א) ביי קאַטאָליקן 18 פּראָצענט; ביי פּראָטעסטאַנטן — 32 פּראָצענט; און ג) ביי ייִדן — 56, העכער דריי מאָל מער, ווי ביי קאַטאָליקן און כמעט צוויי מאָל מער ווי ביי פּראָטעסטאַנטן. אויף דער פראַגע וועגן באַזוכן אַ קירכע אָדער אַ סינאַגאָגע יעדן זונטיק אָדער יעדן שבת האָבן געענטפערט מיט „יאָ": א) 12 פּראָצענט ביי ייִדן; ב) 25 פּראָצענט ביי פּראָטעסטאַנטן; און ג) 62 פּראָצענט ביי קאַטאָליקן 2).

גיט מען אַ טראַכט וועגן דער צוקונפט, מוז מען נעמען אין באַטראַכט, אַז מיר גייען מיט גיגאַנטישע שריט צו אַ לאַגע ווען דער ייִדישער יונגער מענטש

1) „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 31טן דעצעמבער, 1954.
2) „אידישער קעמפער", 11טן דעצעמבער, 1954.

וועט שוין נישט האָבן פאַר זיך איטאַליענער, פּאָליאַקן, מאַדיאַרן, פּראַצויזן, ענג־לענדער וכדומה — ער וועט האָבן פאַר זיך אַמעריקאַנער פון קריסטלעכן גלויבן מיט אַ אונטערשייד צווישן קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן פון פאַרשיידענע שיטות. די נאַציאָנאַלע פאַרב פון די פאַרשיידענע גרופּעס ווערט אָפּגעריבן. די אַמערי־קאַניזאַציע גייט מיט גיגאַנטישע שריט, און וואָס מער אַמעריקאַניזאַציע, אַלץ נ־דעריקער די מחיצה־ווענט ביי ביידע צדדים, ביי ביידע פּאַרטנערס. און דער שוואַכערער צד וועט איבערלויפן צום שטאַרקערן, צום קריסטלעכן אַמעריקאַנער.

מיר ווילט זיך נישט שליסן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל מיט נעגאַטיווע אויספירן — מיט רעליגיעזע תפילות און דרשות שעפּט זיך נישט אויס די ווירקונג פון די ראַבייס אויף די געמיינדעס. דער אומרו פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז מער אַ נאַציאָנאַלער, ווי אַ רעליגיעזער. מיר וועלן זען אינעם קאַפּיטל וועגן חינוך און וועגן ליטעראַטור פאַר ייִדישע קינדער, אַז די העכער געבראַכטע סימנים פון זוכונגען און פון בענקשאַפטן זענען אין תוך מער פון אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, ווי פון אַ רעליגיעזן. פון דער צווייטער זייט וועלן מיר זען, אַז די העכער דאָקו־מענטירטע לייכטע באַציִונג צום חילוק צווישן ייִדישער און נישט־ייִדישער אמונה איז נישט טיפּיש פאַר דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג פון אַמעריקע. עס איז פאַראַן נאָך אַ קוואַל פון ייִדישער אמונה, און צו דעם דאָזיקן קוואַל גייען מיר איבער.

ער באַשטייט פון צוויי שטראָמען — פון אַן אָרגאַניש־אַמעריקאַנישן, אויפ־געקומען און אויפגעוואַקסן און זיך פּאַרפּעסטיקט אין אַ ווינקל פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע; און אַ צווייטן, איבערגעפלאַנצטן פון מזרח־אייראָפּע; איבערגע־פלאַנצטן אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן, דער עיקר אין די לעצטע 15 יאָר. דאָס לעצטע מוז מען גוט האָבן אין אויג — די אַטמאָספער אינעם אַמעריקאַנער ייִדנטום איז איצט ראַדיקאַל אַן אַנדערע, ווי זי איז געווען ביז די דרייסיקער יאָרן פון לויפנדיקן יאָרהונדערט. די אַטמאָספער איז איצט אַ באַגריסנדיקע, אַ סימפּאַטיזירנדיקע, אַ גרייטע צו העלפן און נישט נאָר מיט מאַטעריעלע מיטלען. דעריבער קען זייער זיין, אַז די איבערגעפלאַנצטע רעליגיעזע ירושה וועט דאָס מאָל געבן רייכערע און טיפער פאַרוואָרצלטע פּירות, ווי דאָס איז געווען ביז די דרייסיקער יאָרן, ווען רעליגיעזע ייִדישקייט האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ אַקטיוו פיינטלעכע שטימונג.

## ו) יאַנג־איזראַעל

געווען אַ צייט ווען די ייִדישע אינטעליגענץ פון דער אַזוי גערופענער איסט־סאַיד, פון ייִדישן פּריוויליקן געטאָ, איז געווען ווי פאַרשיכורט פון אַפּיקורסות. ביי אייניקע איז דאָס אַרויסגערופן געוואָרן פון פּראָטעסט קעגן די צוימען און

איבערצוימען פונעם שולחן ערוך. דווקא ביי די דאָזיקע עלעמענטן איז די אַפּיקורסות דערגאַנגען צו דיווילדסטע פאָרמען — ביי אַנדערע איז דאָס געווען מער אַ גלויבן אין אַסימילאַציע, וואָס האָט געמוזט העלפן זיך דורכשלאָגן אַ וועג צו די ברייטע מאַסן דורך הפקרות אין פּרט פון רעליגיעזע געבאָטן.

מען מוז מודה זיין, אַז היפּער־הפּיקורסישע אינטעליגענץ האָט געפונען אַ סימפּאַטישן אָפּקלאַנג אין די נשמות און גאַנץ ברייטע מאַסן. געוויס האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אויך ביי דער מאַסע דער פּראָטעסט קעגן דער שטרענגער רעליגיעזער צוים, וועלכע האָט געדריקט אין די שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע. עס איז אָבער געווען נאָך אַ צווייטער פאַקטאָר, וועלכער האָט געצויגן די יידישע מאַסן צו דער אַפּיקורסישער אינטעליגענץ. די לעצטע האָט צוגעזאָגט אַ גן עדן אויף דער ערד אַנשטאָט דעם גן עדן פון די פרומע אויפן הימל. קאָנקרעט האָבן זיי זיי געוויזן, ווי צו קעמפן פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, פאַר מער אַכטונג צום אַרבעטער מצד די באַלעבאַטים, פאַר העכערע זעלבסטאַכטונג.

ס'וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז מיט דער אַפּיקורסישער הפקרקייט האָט זיך אויסגעשעפּט דאָס גייסטיקע לעבן פון די יידישע מאַסן אין די געטאָס פון די גרויסע שטעט פון אַמעריקע. אין די דאָזיקע געטאָס זענען געווען חדרים און תלמוד תורות, אין וועלכע עס האָבן זיך געלערנט גאָר אויפן אַלטן שטייגער צענדליקער טויזנטער יידישע קינדער. עס האָבן פונקציאָנירט הונדערטער בתי מדרשים, וווּ מען האָט געדאַוונט נישט נאָר יעדן שבת און יום טוב, נאָר אויך אין די וואָכעדיקע טעג. און געדאַוונט לויטן נוסח און מיט אַ ברען ווי אין די אַמאָליקע בתי מדרשים פון פּוילן. און עס זענען שוין צוריק מיט אַ האַלבן יאָר־הונדערט אויפגעקומען ישיבות, וווּ מען האָט אַ לאַנגע צייט געלערנט, ווי אין די ישיבות פון מיר און וואָלאָזשין און זיך זייער און זייער לאַנגזאַם צוגעפּאַסט צו די נייע אַמעריקאַנער באַדינגונגען.

געוויס, די אַריבערגעבראַכטע ירושהדיקע לעבנס־פאָרמען און לערן־מעטאָדן האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם דיקטאַט פון אַמעריקע און נישט נאָר זיך צוגעפּאַסט מיט קאָמפּראָמיסן און פשרות, נאָר גאָר אינגאַנצן זיך אונטערגעגעבן.

נאָר עס זענען געווען אינדזעלעך אין די געטאָס, וועלכע האָבן זיך אַרויס־געראַטעוועט פונעם אַסימיליר־פייער; ביי וועלכע די צופּאַסונג צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען איז נישט געגאַנגען ווייטער ווי פון שפּראַך־אַסימילאַציע, פון אָננע־מען די „קליפּה", און לאָזן דעם יידישן תוך. אַלס אַזאַ אינדזל קען מען באַטראַכטן די אָרגאַניזאַציע „יאָנג איזראַעל".

דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער שטרענג אָרטאָדאָקסישער אָרגאַניזאַציע „יאָנג איזראַעל" באַשטייט אין דעם וואָס אירע מיטגלידער, אין דעם גרעסטן רוב געבוירענע אין אַמעריקע און ענגליש־רעדנדיקע, נעמען אָן

באהבה און מיט שמחה דעם גאַנצן שווערן טראַדיציאָנעלן עול התורה, עול פון ייִדישקייט. און ווייל זיי געדענקען אַזוי גוט דעם פסוק „וישמן ישורון ויבעט ויטוש אלוה עשהו" שפּאַנען זיי זיך איין באַוווסטזיניק אין דעם שווערן עול פון זייַן גאַנצע און פולע ייִדן. קיין שום רעפאָרמעס און קיין שום צופּאַסונגען — אַלע טראַדיציעס און הלכות זענען הייליק. אינעם פּאַמפלעט צום 40־יאָריקן יובל פון דער אָרגאַניזאַציע (1952) שטייט געשריבן: „מיר האַלטן פון דער תורה שבכתב, ווי אויך פון דער תורה שבעל פה, ווייל בײדע זענען געגעבן געוואָרן משה רבינו אויפן באַרג סיני. מיר האַלטן זיך געבונדן מיט אַלע געזעצן פונעם שולחן ערוך, ווי אויך פון אַלע הוספות, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן פון שפּעטערדיקע גאונים".

תורה איז דער צענטער פון דער טעטיקייט פון די יאַנג־איזראַעל אָרגאַני־זאַציעס, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער פיל שטעט פון אַמעריקע — אינעם יובל־יאָר 1952 זענען געווען 39 אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק און 21 אין דער פּראָווינץ. אויך צוויי אָרגאַניזאַציעס אין ישראל און צו איינע אָפּטיילן אין מאָנט־רעאָל און אין ראָטערדאַם. די צאָל מיטגלידער אין אַמעריקע האָט געגרייכט ביז אַרום 40 טויזנט — דאָס איז נישט קיין גרויסע צאָל, נאָר די אָרגאַניזאַציע לייגט געוויכט דער עיקר אויף איכות. אויף דעם אינסטיטוט פאַר ייִדישער שטו־דיעס אין ניו־יאָרק ווערן געלערנט תנ"ך, גמרא, קבלה, ייִדישע געשיכטע און פילאָסאָפיע, העברעיִש און די מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור, ייִדיש און ייִדי־שע ליטעראַטור ביי אַ געוויסער צאָל תלמידים, וועלכע פאַרלאַנגען דאָס.

דערמיט איז מען נאָך נישט יוצא — מען לערנט תנ"ך, גמרא, מישנה און מדרש אין די בתי מדרשים פון דער אָרגאַניזאַציע, מיינסטנס אין די שבתים און יום טובים, אָבער אָפט אויך אין די וואָכעדיקע טעג נאָך מערב־דאַוונען. טהרת המשפחה, כשרות און שמירת שבת זענען די גרונט־תנאים פאַר אַריינגע־נומען ווערן אין דער אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך אַרבעט־ביוראָען כדי צו זוכן אַרבעט ביי באַלעבאַטים, וועלכע זענען מסכים אויף שבת־רו. לויט די לעצטע ידיעות דערגרייכט די צאָל מיטגלידער ביז אַרום 50 טויזנט 1) און די צאָל קאָנגרעגעישנס ביז אַריבער 70. דאָס איז ביי אַ פאָלק פון העכער פינף מיליאָן נפשות באַשיידענע דערגרייכונגען — נעמט מען אָבער אין אַכט די באַדינגונגען פון אַמעריקע און מען שטעלט דערביי פּעסט דעם נישט־איבער־געריסענעם וווקס פון די מיטגלידער, מוז מען קומען צום שלוס, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַן אָרגאַנישער דערשיינונג, וואָס מוז געשאַצט ווערן מער לויט איר איכות, ווי לויט איר כמות. אין איין פּרט האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע

1) Rufus Learsi, *The Jews in America,* New York, 1954, p. 210.

געמאַכט די גרעסטע פּשרה — אין פּרט פון שפּראַך. ענגליש איז די הערשנדיקע שפּראַך ביי דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

דער נייער גייסט, וואָס באַהערשט די לעצטע יאָרן דאָס אַמעריקאַנער ייִדנ־טום, האָט זיך שטאַרק געפילט אויף דער לעצטער קאָנפערענץ אין די בערג אָנהייב יולי 1954 — מיט זיכערקייט אין דערפאָלג האָט מען פּראָקלאַמירט די שאַפונג פון אַ פאָנד 441 טויזנט דאָלער (דער בגימטריא פון אמת) — אַ פאָנד, וואָס זאָל זיין געווידמעט אַ מער קעמפערישער סטאַדיע אין דער פאַרשפּרייטונג פון טראַדיציאָנעלער ייִדישער קולטור הן אין דער פאָרעם פון שולן פאַר קינדער, ווי אויך קורסן פאַר דערוואַקסענע. תורה־ייִדישקייט איז געווען דער שלאָג־לאָזונג, וואָס האָט באַגייסטערט די פאַרזאַמלטע אויף דער קאָנפערענץ.

## ז) איבערגעפלאַנצטע פרומקייט

דער באָדן פון אַמעריקע איז תמיד געווען אַ שטיינערנער בנוגע פאַרפלאַנצן אַהערצו הונדערטפּראָצענטיקע ייִדישע פרומקייט — ייִדישע פאַרהאַרטעוועטע עקשנות האָט זיך אָבער נישט געשראָקן און געפּרוווט קעמפן. שוין פון די גאַנץ ערשטע התחלות פון ייִדישער איינוואַנדערונג פון מזרח־איראָפּע זענען בכל דור ודור געווען מוטיקע קעמפער פאַר אָרטאָדאָקסיע דווקא אויף דעם באָדן פון אַמעריקע. די אַסימילאַציע האָט שוין געהאַט גאַנץ ברייטע געוויכסן און זיך געפילט אַלס הערשערין אין ייִדישן לעבן, וואָס האָט דאָ אַזוי פרי געאָטעמט — דאָך האָט אָפילו פעטער עולם הזה נישט אָפּגעשראָקן פרומע ייִדן און זיי האָבן זיך מוטיק פאַרמאָסטן אויף קעגן דער דאָזיקער סיטרא אחרא.

דער ציטירטער העכער היסטאָריקער רופוס לירסי דערציילט (זייט 123), אַז שוין 1852 איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק די ערשטע אָרטאָדאָקסישע קאָנגרעגאַציע. אין דער שפּיץ איז געשטאַנען דער באַרימטער רב אַברהם יוסף אַש, וועלכער האָט נישט געוואָלט מאַכן די רבנות קרדום לחפור בה און האָט געצויגן חיונה פון מיסחר. זיין השפּעה איז געווען ברייט און טיף. און טאַקע אונטער זיין אָנפירונג איז דערפירט געוואָרן צו דער גרינדונג פון „בית המדרש הגדול" אין ניו־יאָרק אין 1885 — אַ בית המדרש, וואָס איז געוואָרן אַ, ריכטיקער דער צענטער נישט נאָר פון פאַסיווער פרומקייט, נאָר אויך אַ קעמפערישער מקום תורה און אויך אַ מקום צדקה.

די אַסימילאַציע האָט געריסן שטיקער פונעם אָרטאָדאָקסישן פליגל. דער צושטראָם פון די מזרח־איראָפּעיִשע לענדער פלעגט דעקן דעם חסר און צוגעבן פרישן מוט די קעמפער, וועלכע זענען געבליבן אויף זייערע פּאָסטנס. זייער צאָל איז געווען נישט קליין — 1902 איז שוין געגרינדעט געוואָרן די אגודת הרבנים,

וועלכע האָט 1952 געפייערט איר יובל און האָט געהאַט זיך צו באַרימען מיט באַדייטנדיקע דערפאָלגן אויפן באָדן פון אַרויסרייסן ממש פון צווישן די ציין פון דער אַסימילאַציע כוחות, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר די מוטיקסטע קעמפער פאַר יידיש־לעבן — יידיש אין ברייטן זין פון וואָרט, שוין נישט נאָר אין פרט פון עבודת המקום, דינען גאָט, נאָר אויך אין פרט פון עבודת העם. יידיש אַלס אַ פאָלקס־שפּראַך און אָנגעזאַפּט מיט תורה־גייסט פון טויזנט יאָר לערנען איז אי אַ רעליגיעזער געווינס און אי אַ נאַציאָנאַלער ניצחון. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן שבת און יום טוב. און וועגן פיל אַנדערע יידישע גיטער.

ס׳גייט נישט אַריין אין אונדזער אויפגאַבע זיך אָפּצושטעלן אויספירלעך אויף די ניצחונות פון דער אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע — איינס איז קלאָר: דער אינטענסיווער צושטראָם פון מיליטאַנטישע אָרטאָדאָקסישע פירער און געפירטע, עלעמענטן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען, פון איין זייט, דעם שמד־גהינום פון די יעווסעקן אין סאָוועטרוסלאַנד און, פון דער צווייטער זייט, די שחיטה־סכנות פון די היטלער־מערדער, אָט דער דאָזיקער צוקום פון רעליגיעזע קעמפערישע כוחות האָט דאָ געקענט צעוויקלען אַזאַ אַקטיווע און ענערגישע טעטיקייט הן אויפן געביט פון רעליגיע אין שמאָלן זין פון וואָרט און הן אויפן געביט פון חינוך, ווייל זיי האָבן דאָ געטראָפן אָרטאָדאָקסישע אינדזעלעך, צו וועלכע זיי האָבן געקענט צושטיין און וועלכע זיי האָבן געקענט איינשפּאַנען אין דער מער אָקטיווער און מער אינטענסיווער קאַמף־אָנשטרענגונג פאַר נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אינסטיטוציעס. די דאָזיקע אויסגעקעמפטע אין דער גערדיכטער אַמעריקאַנער אַסימילאַציע־אַטמאָספער אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, ווי די ישיבות גדולות, אָרטאָדאָקסישע בתי מדרשים, שבת־רו, כשרות, רבנישע אָרגאַניזאַציעס — דאָס אַלץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אָ באָדן, אַ מער אָדער ווייניקער דורכגעאַקערטן באָדן,, פון וועלכע עס איז געווען גרינגער און צוזאָגנדיקער דער קאַמף פאַר צעברייטערן און צעוויקלען די טעטיקייט.

וויכטיק איז וואָס די נייע אַטאַקע פון די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן האָט געטראָפן ביי דער יידישער באַפעלקערונג פון אַמעריקע אַ גאַנץ נייעם גייסטיק־געזעלשאַפטלעכן קלימאַט, אַ גאַנץ נייע גייסטיקע אַטמאָספער. דאָס וועט ווערן באַזונדערס בולט אינעם קאַפּיטל, ווו מיר וועלן באַהאַנדלען דעם אויפקום פון די ישיבות און זייער וווקס די לעצטע צען יאָר. דאָ ווילט זיך מיר געבן נאָר אַ בילד וועגן די פרומע אינדזעלעך, וועלכע האָבן אַזוי אויפגעלעבט די לעצטע יאָרן און וועלכע פילן זיך נישט ווי געסט אויף אַ ווייל נאָר ווי טיף אין יידישן לעבן פאַרוואָרצלטע און ווי די אָנזאָגער פון אַ נייער צוקונפט.

פאַר מיר ליגן פיר גרויסע און ברייטע זייטן פון דער צייטונג „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“ פון 24טן סעפּטעמבער, אַלזאָ פון לעצטן פרייטיק פון ערב ראש השנה

1954. דאָס זענען פיר זייטן, וועלכע זענען כמעט אַלע פאַרנומען מיט אַנאָנסן וועגן זאַכן, וועלכע זענען שייך צו די קומענדיקע יום טובים.

אָט זענען גרויסע אַנאָנסן פון ישיבות, וועלכע שיקן ברכות פאַרשיידענע אינסטיטוציעס אָדער פּערזאָנען און בעטן אגב אורחא שטיצע. אָט זענען גרויסע אַנאָנסן וועגן אתרוגים „בלי שום חשש״, כשרע למהדרין מין המהדרין. און אָט זענען מודעות וועגן חזנים, וועלכע וועלן דאַווענען אין פאַרשיידענע בתי מדרשים. אינטערעסאַנט ביז גאָר זענען די עטלעכע גרעסערע אַנאָנסן וועגן פאַרטיקע סוכות „פאַר שולן, פּריוואַטע הייזער און „פייער־זיכער״. און גאָר אַ פיין אָרט פאַרנעמען די מודעות וועגן ספרים — „האש דת״ פון הרב ר׳ משה יחיאל עפּשטיין „על אהבת ה׳, על אהבת התורה ואהבת ישראל״ און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די דאָזיקע אַלע אַנאָנסן קאָסטן אַ סך געלט. די געבער פון די אַנאָנסן זענען געוויס גוטע בעלי חשבון — און וואָלטן זיי נישט געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אָפּנעמער פון די גיטער, וועלכע זיי לייגן פאָר, וואָלטן זיי נישט אַנאָנסירט.

מיר וועלן זיך דערלויבן ווייטער צו ברענגען גרעסערע באַשרייבונגען פון רעליגיעזן לעבן אין די אינדזלעלעך, וועלכע מיר האָבן כאַראַקטעריזירט ווי פעס־טונגען, פון וואַנען די אָרטאָדאָקסיע באָמבאַרדירט די אַסימילאַציע־פעסטונגען.

דער באַרימטער העברעישער פעליעטאָניסט דניאל פּערסקי באַשרייבט די תשליך אין „הדואר״ 1). ער הייבט אָן: „דער ייִדישקייט־סעזאָן ווערט בולטער און שטאַרקער פון יאָר צו יאָר און זיין השפעה אויף די איבעריקע טעג פון יאָר ווערט אַלץ אָנגעזעענער און אָנגעזעענער לאַנגזאַם, טראָפּנווייז, ווי יעדער מאָ־ראַלישע ווירקונג״.

ווייטער גייט פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע באַשרייבונג: „פאַר אַ ביישפּיל וועל איך ברענגען די תשליך־סצענעס, וועלכע וואָרצלען זיך אַלץ מער איין אויך אין ניו־יאָרק און אין ברוקלין. איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט זיין אומע־טום, אויף די ברעגן פון טייך און פון ים. האָב איך געמוזט זיך פאַרלאָזן אויף שמועות און דערציילונגען פון אַנדערע — נאָר אָט איז וואָס איך האָב געזען מיט די אייגענע אויגן אויפן ברעג פון טייך אין ברוקלין דעם צווייטן טאָג ראש השנה — און איך האָב פולע זשמעניעס מיט נחת געשעפּט. מען זאָגט, אַז נאָך מיטיק האָבן זיך דאָרטן צונויפגעזאַמלט אַרום 30 טויזנט יידן, מענער, פרויען און קינדער, אַלטע און יונגע. אַ סך האָבן געדאַוונט פון מחזורים און האָבן סימבאָליש ווי געוואָרפן אין טייך זייערע חטאים (איך האָב נישט געזען, אַז מען זאָל אויסטרייס־לען די קעשענעס, ווי דאָס איז געווען דער מינהג אין מינסק).

„באַזונדערס אָנגענעם איז געווען צו זען די יום טובדיקע פּנימער און דעם רבין מיט באָרד און פאות און מיט אַ שטריימל, מיט אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע,

1) „הדואר״, 1טן אָקטאָבער, 1953.

מיט אַ ברייטן זיידענעם גאַרטל, מיט ווייסע זאָקן און גרינגע שוואַרצע שיך. און אַרום דעם צדיק מיט טיפער יראת הכבוד אַ גרופּע חסידים. און אַלע האָבן מתפלל געווען מיט כוונה און קדושה".

ער באַשרייבט ווייטער די אַלטע פרומע ווייבער, וועלכע האָבן געוויינט און געלייענט פון זייערע קרבן מינחהס. ער גיט צו, אַז „עס זענען געווען אויך יונגע ווייבלעך אמתע אַמעריקאַנקעס". און ווייטער גייט אַ באַשרייבונג פון „די שפּאַ־צירנדיקע יונגע ישיבה־בחורים, יונגע רבנים, העברעיִשע לערער פון די ישיבות".

דאָס איז געווען אין יאָר 1953 — פּערסקי איז דאָס לעצטע יאָר ווידער גע־גאַנגען כאַפּן אַ קוק אויף דעם טראַדיציאָנעלן בילד פון אייראָפּע אין דער גרעס־טער שטאָט פון אַמעריקע. און ער שרייבט ווידער 1): „איך האָב קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט בייצווויין ראש השנה ביי תשליך, וואָס איז שוין געוואָרן אין אַמעריקע אַ טראַדיציאָנעלע טיפּישע דערשיינונג. איך האָב, פאַר־שטייט זיך, נישט געציילט די קאָלאָסאַלע צאָל מענטשן, וואָס זענען געקומען אַריינוואַרפן זייערע חטאים אין טייך אַריין אין ברוקלין. נאָר עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז עס זענען געווען אַרום 50 טויזנט ייִדן — און היינט קענט איר אייך פאַרשטעלן וויפל עס זענען געווען ביים טייך אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט אין דער חסידישער, פרומער וויליאַמסבורג".

פּערסקי באַשרייבט דאָס בילד אויספירלעך און מיר קענען אים, ליידער, נישט נאָכגיין.

אָט דערציילט אַ פּשוטער ייִד אין אַ בריוו אין רעדאַקציע וואָס ער האָט געזען אין ווילאַמסבורג, אַ טייל פון ברוקלין, צו די הקפות שמחת תורה 2): „דאָ, אין וויליאַמסבורג, זענען די גאַסן, די שטיבער, די לופט אָנגעפילט מיט יום טובדי־קייט. גלייך ווי עס איז געווען אין דעם אַלטן היימישן שטעטל. איר זעט דאָ פאַר זיך טיפּן ייִדן — בחורים און קליינע ייִנגלעך — מיט זייער אויסזען און קליידונג און פּירונג ווי איר האָט עס געזען מיט 50 און 60 יאָר צוריק.

„מיט גרויס מי און שטופּעניש בין איך אַריין אין אַ גרויסער שול. ייִדן זינגען מיט גרויס התלהבות. איך דערזע פאַר זיך ייִדן, וואָס איך האָב שוין היפּשע עטלעכע צענדליק יאָר נישט געזען. אַלע גייען מיט הקפות — מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט טראָגט מען די ספרי תורות און מיט גרויס התדבקות זאָגן אַלע די הקפות. נאָך די פּסוקים פון יעדער הקפה טאַנצט מען און מען זינגט. דער גאַנ־צער עולם טאַנצט אַרום דעם באַלעמער מיט אַזאַ התלהבות, אַז מען קען ממש זען ווי די ייִדן זענען אין זייערע געדאַנקען ערגעץ ווייט, ווייט אין אַן אַנדער וועלט".

די באַשרייבונגען וועגן די טעג סוכות און באַזונדערס שמחת תורה ביים

1) „הדואר", 29טן אָקטאָבער, 1954.
2) „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 22טן אָקטאָבער, 1954.

ליובאַוויטשער רבין אין ברוקלין זענען קאָלאָסאַל אינטערעסאַנט — מיר זענען אָבער געצוווּנגען צו ברענגען נאָר אַ קליינע ציטאַטע 1): „אַט זיצט ביים טיש אַ ייד, וועמענס נאָמען איז אַ לעגענדע צווישן דעם עולם חסידים, וואָס איז אַרויס־געקומען פון גלות־רוסלאַנד. ער איז איצט געקומען צום רבין אויפן גאַנצן חודש תשרי פון פּאַריז, ווו ער איז דער משפּיע, דער גייסטיקער אויפזעער אין דער דאָרטיקער ליובאַוויטשער ישיבה. זיין נאָמען איז הרב ר' ניסן נעמינאָוו. ווען אַט דער ר' ניסן וואָלט וועלן דערציילן פון יידן אין סאָוועטרוסלאַנד, פון זייער קאַמף צו בלייבן יידן, צו דערציִען קינדער אַלס יידן, פון די קרבנות, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן פאַרטאָגס און פון די וואָס זענען אויסגעגאַנגען אין סיביר און הינטער די הרי חושך, וואָלטן די נעכט געווען צו קליין און די טעג צו קורץ.

„לעבן ר' ניסן זיצט אַ צווייטער פון די עולי רוסלאַנד, ר' בן ציון שם טוב, וועלכער איז געקומען צו פאָרן אויף יום טוב פון לאָנדאָן, ווו ער פירט אָן מיט אַ חינוך־נעץ פון חדרים און ישיבות. ר' בן ציון האָט אין רוסלאַנד געהערט צום אַזוי גערופענעם ליובאַוויטשער „סמערט־באַטאַליאָן". ווו אַ געפערלעכע מיסיע — אויפצושטעלן אַ מקווה, אַ חדר, אַ שולע, איז רבי בן ציון געווען דער ערשטער צו גיין און ווו אַ טורמע אין רוסלאַנד האָט שוין ר' בן ציון דאָרטן קונה שביתה געווען.

„צווישן די וואָס אַרום טיש געפינען זיך צענדליקער, וועלכע האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין די געהיימע ישיבות און חדרים, וואָס די ר' ניסנס און ר' בן ציונס האָבן אין רוסלאַנד אָנגעפירט. קינדער פון מאָסקווע, לענינגראַד, נעוול און סאַמאַרקאַנד שטופּן זיך צו אַ חסידישן פאַרברענגען צוזאַמען מיט קינדער פון ברוקלין, פּיטסבורג, טשיקאַגאָ און לאָס אַנדזשעלעס".

מיר האָבן געבראַכט די ציטאַטע, ווייל מיר גלויבן, אַז אָט די קעמפער פאַר פרומער יידישקייט זענען גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן, ווי די פרומע דורות פון די פריִערדיקע יאָרן. דער סאָוועטישער גהינום האָט פון זיי אויסגעשמידט גאָר אַנדערע קעמפער, גאָר אַנדערע מוסר נפשדיקע מענטשן, יידן.

מיר האָבן נאָך אַ צווייטע באַשרייבונג פון דער שמחה, פון דעם כישוף־גילגול, וואָס יידן לעבן איבער ביים טיש פון ליובאַוויטשער רבין, און מיר ווילן ברענגען פון דאָרטן אַ פּאָר ציטאַטעס 2): „וועלכע צייט פון סוכות אָדער שמחת תורה מען איז אַריינגעקומען אין דער גרויסער סוכה — צי בייטאָג צי ביינאַכט, צי יום טוב צי חול המועד — האָט מען געקענט זען פאַר די אויגן בילדער, וועלכע האָבן דערמאָנט אין די אַלטע ליובאַוויטשער פון גאָר אַמאָל. די דאָזיקע ביל־דער האָבן אויסגעשטראַלט אַ יום טובדיקע שטימונג. גרופּנווייז זענען געזעסן

1) „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 10טן נאָוועמבער, 1954.
2) „קאָנאַדער אָדלער", 10טן נאָוועמבער, 1954.

חסידים, אַלטע און יונגע, רוסישע און אַמעריקאַנער געבוירענע, און מקיים געווען די מיצווה פון שמחת יום טוב אויף דעם עכט ליובאַוויטשער שטייגער. עלטערע חסידים האָבן דערציילט סיפורים, נאָכגעזאָגט שיחות און מאמרים פון אַלטע צייטן און די יינגערע האָבן זיך איינגעהערט און געשעפּט דערפון כוח און דער־מוטיקונג".

די ליובאַוויטשער ווייסן נישט פון קיין שעמען זיך און ווייסן נישט פון קיין גרענעץ ווי באַלד עס האַנדלט זיך וועגן אַ מיצווה און נאָך מער ווען עס האַנדלט זיך מזכּה זיין אַ ייִדן מיט אַ מיצווה. אָט וואָס עס דערציילט דער זעלבער שרייבער:

„די ערשטע טעג יום טוב און אויך חול המועד זענען חסידים פון דער ישיבה אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג מיט לולבים און אתרוגים, מזכּה זיין ייִדן מיט אַ מיצווה".

און נאָך איין ציטאַטע: „די הויפּט־שמחת בית השואבה, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט דער ליובאַוויטשער רבי שליט"א, איז פאָרגעקומען דאָנערשטיק, חול המועד סוכות. אַ ריזיקער עולם האָט אָנגעפילט די סוכה און האָט זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו די שיחות פון רבין".

דער רעליגיעזער מיטאַרבעטער פון „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" דוד איי־דעלסבערג באַשרייבט זייער ערנסט און פאַרבן־רייך די חסידישע שטיבלעך, אָן איבערגעפלאַנצטע פּרי, זיך צוגעפּאַסט צו די אַרומיקע באַדינגונגען אין קלייני־קייטן און געבליבן טריי דעם תוך 1):

„אַמעריקאַנער חסידישע שטיבלעך זענען — מיט זעלטענע אויסנאַמען — אַן אייגנאַרטיקער מין „קיבוץ גלויות", אַ געמיש פון אַלערליי חסידים פון פאַר־שיידענע רבּיים. עס הויזן צוזאַמען חסידים גערער, ליובאַוויטשער, אַלעקסאַנדע־רער, באָבאָווער, קאָזמירער, ביישטעטער — און נאָך און נאָך און זיי לעבן שטענ־דיק בשלום ושלווה צווישן זיך".

און ווייטער: „טראָץ דער פאַרשיידנקייט פון זייערע חסידישע שיטות, איז דאָ אין די שטיבלעך אַ געוויסע איינהייטלעכקייט: זעלטן איז צו געפינען אין אַ שול צונויפגעזאַמלט אויף איין אָרט אַזוי פיל לומדים, בקיאים, אַמווייניקסטן בני תורה, ווי עס איז צוגעפינען אין אַ שטיבל".

אָט די דאָזיקע לעצטע ציטאַטע איז פאַר אונדז זייער און זייער וויכטיק — זי וועט אונדז זייער גוט צונוץ קומען ביים באַהאַנדלען די פראַגע וועגן קוואַלן פאַר העברעיִש אין דער עם הארצישער ייִדישער אַמעריקע — דאָ האָבן מיר פאַר זיך גאָר נייע קוואַלן, וועלכע זענען רייך מיט העברעיִשן זאַפט, ווי די ערשטע דורות משכּילים אין רוסלאַנד־פּוילן.

דער שרייבער איידעלסבערג כאַראַקטעריזירט אַזוי די שטיבלעך: „די שטיב־

---

1) „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 24טן סעפּטעמבער, 1954.

לעך זענען דער „זייטיקער" ווינקל אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן, ווו עס שטייט נאָך פעסט און מאַיעסטעטיש די אַלטע שוץ־מויער פון ייִדישקייט, ווו קיין בייזע ווינטן קענען נישט אַריינדרינגען און קיין פרעמד פייער קען נישט דורכברענען".

אשרי המאמין — די געשיכטע וועט ווייזן ווער וועמען וועט גובר זיין, צי דער מעכטיקער אַסימיליר־פּאָטענציאַל פון דער רייכער און אַלמעכטיקער אַמע־ריקאַנער עולם הזה־קולטור צי די איבערגעפּלאַנצטע ירושה פון אַן אַנדער קלימאַט און פון אַ גאַנץ אַנדער וועלט. איינס איז אָבער בלתי ספק:

דער קאָנסערוואַטיווער פליגל ביים אַמעריקאַנער יידנטום — און ער איז פאַראַן און איז אויף קיין איין טאָג נישט אויסגעלאָשן געוואָרן — האָט צובאַקומען אַ הילף, אַ קאַמף־שטיצע פון אַ גרויסער השפּעה־קראַפט, פון אַן אויסגעפּרוווטער אין פיל קאַמפן, קאָמוניסטישע און נאַציסטישע.

דער נאָר וואָס ציטירטער שרייבער גיט נאָך צו, אַז ער פלעגט ספקן אין דער צוקונפט פון די דאָזיקע חסידישע שטיבלעך, ווייל זיי זענען באַשטאַנען פון זקנים, אָבער די לעצטע יאָרן זענען צוגעקומען אַ סך יונגע מענטשן און מיט דער זעלבער פאַרהאַרטעוועטער עקשנות און טריישאַפט.

וויליאַמסבורג איז אַ שם דבר נישט נאָר אין ניו־יאָרק נאָר אינעם גאַנצן אַמעריקאַנער לאַנד — דער ראַיאָן פון דער געדיכטסטער פרומקייט און פון דער עקשנותדיקסטער. צום גליק האָט זיך געפונען אַ יונגער מענטש טאַקע פון דער דאָזיקן פערטל שטאָט, אַן אויסגעוואָקסענער דאָרטן און געבליבענער עד היום דאָרטן. קען ער גוט און גרינטלעך דעם דאָזיקן קליינעם גאָר געדיכטן ייִדישן ווינקל. האָט דער דאָזיקער יונגער מענטש ד"ר קראַנצלער, אַ געוועזענער פון אַ פרעמיע ביי ייִוו"אָ און אַ מחבר פון אַ דיסערטאַציע אין קאָלאָמביע־אוניווערסי־טעט, פאַר וועלכער ער האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר. די דיסערטאַציע איז פון און וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין וויליאַמסבורג. צען יאָר האָט ער געאַר־בעט איבער דער פאָרשונג און מיר האָבן איצט די ערשטע גרינטלעכע און געוויסנהאַפטסטע אַרבעט וועגן אַ פרום ייִדיש ווינקל אין אַן עק פון דער גרעסטער שטאָט פון דער וועלט און מיט כמעט אַ פערטל פון גאַנצן ייִדישן פאָלק.

דער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" (ד. ליבערזאָן), וועלכער קען גוט די געגנט און האָט באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די רעזולטאַטן פון דער אינטערעסאַנטער פאָרשונג, הייבט אַזוי אָן זיין אַרבעט 1):

„אַ סך איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן דער אויסערגעוויינלעכער ייִדישער געמיינדע, וואָס האָט זיך די לעצטע פאַר צענדליק יאָר אַנטוויקלט אין דער ברוקלינער געגענט פון וויליאַמסבורג — די רבייִם מיט די חסידים, די קינדער מיט די יאַרמעלקעס, די פרויען מיט די שייטלען און שוואַרצע זאָקן, די שמחת

1) „פאָרווערטס", 17טן און 22טן פעברואַר, 1955.

תורה נעכט, ווען טויזנטער טאַנצן שטונדנלאַנג אויף בערפאַרד עוועניו, אַ טייל מיט ספר תורות אין די הענט".

ווייטער גייט אַ באַשרייבונג פונעם מחבר פון דער דיסערטאַציע און ער גייט איבער צום אינהאַלט. דער פרומער טייל פון וויליאַמסבורג איז קאָנצענט־רירט אין אַ טייל פון דעם דאָזיקן ראַיאָן, וואָס ציילט איינגאַנצן אַרום 200 טויזנט איינוווינער. אין דעם יידישן טייל וווינען אַרום 20 טויזנט מענטשן און פון זיי 16 טויזנט יידן, אַלזאָ 80 פּראָצענט, קאָנצענטרירט און געדיכט צוזאַמענגענומען.

אומגעפער אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען געקומען קיין אַמעריקע ערשט די לעצטע 16 יאָר. פון די 16 טויזנט יידן זענען אַרום 10 טויזנט פון אונגאַרן. דער יידישער ראַיאָן איז געוואָקסן אין דריי סטאַדיעס: צוערשט זע־נען געקומען רוסיש־פּוילישע יידן, דאָס איז געווען ביז 1936; אין דער צווייטער רייע — ביז 1948 — זענען געקומען גאַליצישע, דייטשע און עסטרייכישע יידן און צולעצט די עקסטרעם פרומע אונגאַרישע, וועלכע זענען געקומען מיט זייערע רביים: יעדער רבי מיט זיין ישיבה, מיט זיין גאַנצן הויף.

ד"ר קראַנצלער באַהויפּטעט, אַז אַ סך יידן מיט מיטלען, וועלכע האָבן געהאַט מעגלעכקייטן זיך צו באַזעצן אין רייכערע און שענערע געגנטן, האָבן אויסגע־קליבן דעם דאָזיקן ווינקל פון וויליאַמסבורג מיט כוונה, ווייל זיי האָבן געוואָלט לעבן אין אַ ראַיאָן, וווּ זיי זאָלן קענען בלייבן טריי זייערע יידישע איבערצייגונגען.

אָט זענען אייניקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דאָזיקן ראַיאָן — די חתונות זענען דאָ אָפטער, די גטן זעלטענער, ווי אין אַנדערע יידישע ראַיאָנען. די דורכשניטלעכע פאַמיליע האָט צווישן 4 און 5 קינדער, וואָס דאָס איז געוויס העכער, ווי ביי יידן פון אַנדערע ראַיאָנען פון ניו־יאָרק.

אין דאָזיקן ראַיאָן איז דער פּראָצענט יידישע אַרבעטער העכער ווי אין אַנדערע טיילן שטאָט. פון 76 יונגע מענטשן פון פּוילן און אונגאַרן, פון 20 ביז 35 יאָר, וועלכע זענען געווען אויסגעפרעגט געוואָרן, זענען איבער 40 געווען קוואַליפיצירטע אַרבעטער. נאָר צוויי זענען געווען אין אַ קאָלעדזש בעת ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין ניו־יאָרק בכלל דערגרייכט דער פּראָצענט יונגע יידן מיט קאָלעדזש בילדונג ביז 50.

וויליאַמסבורג האָט 60 בתי מדרשים און נאָר צוויי קירכן. די נעמען פון די יידישע קינדער זענען טראַדיציאָנעל יידיש — שלמה, יאָסל, אַברהם, לייבוש, רבקה, שרה־גיטל, שיינדל און ענלעכע. פון די פינף קינאָס פון ראַיאָן האָבן זיך פיר געשלאָסן. אַלע 42 שפּייז־קראָמען געפינען זיך אונטער אַ שטרענגער השגחה.

די מערסטע פרויען טראָגן שייטלען און אייניקע האָבן זיך אַפילו איינגאַנצן אָפּגעשאָרן די האָר. די גרויסע מערהייט פון די קינדער גייען נישט אין די מלוכה־שולן נאָר אין ישיבות, ווו זיי מאַכן אויך דעם אַלגעמיינעם קורס. אין דורכשניט האָט יעדער יונגער ייד 12 יאָר בילדונג. אין ראַיאָן זענען פאַראַן ביי

15 ישיבות און 4 טאָג־שולעס פאַר מיידלעך. אין די ישיבות און טאָג־שולעס לערענען זיך אַרום 2.500 יינגלעך און אַרום 2 טויזנט מיידלעך.

איז מאי קא משמע לן? וואָס לאָזט אונדז הערן אָט די דאָזיקע טשעקאָווע באַשרייבונג פון אַ פרום יידיש ווינקל? וויל איך נישט טרעפן, ווי לאַנג עס וועט בלייבן בצלמו ובדמותו פון די לעצטע 3־4 יאָר פון דער פאָרשונג. נאָר עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די דאָזיקע געדיכטע פרומקייט טראָגט אין זיך איצט אַ סך מער פּאָטענצן פאַר לענגערער עקסיסטענץ, ווי דאָס איז געווען צוריק מיט 30 אָדער 40 יאָר. און זי פאַרמאָגט אויך אַ סך מער השפעה־פּאָטענץ אויף עלעמענטן פון אויסער דעם ראַיאָן, ווי צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט. און שוין אָט די צוויי מאָמענטן האַלט איך פאַר אַ ווערטפולן געווינס, ווייל די נייע לאַגע פון יידישן פאָלק, דער צוקום פון מדינת ישראל, וועט האָפנטלעך פאַר־שטיין אויסצונוצן די מעלות טובות פון אַזאַ געדיכט פרום יידיש ווינקל.

מיר וועלן דערמיט פאַרענדיקן דעם פּרק וועגן דער איבערגעפלאַנצטער פרומקייט — מיר גלויבן, אַז מיר האָבן באַוויזן, אַז דער דאָזיקער פאַקטאָר קען נישט און טאָר נישט איגנאָרירט ווערן. עס איז אַ יידישקייט־פאַרמעגן, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אַ גרויסן ווערט — אין קאַמף מיט דער אַסימילאַציע זענען די דאָזיקע עלעמענטן דאָך די צוזאָגנדיקסטע. אויך אין פּרט פון אויסנוצן אַלע פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום כדי זיי צו מאָביליזירן פאַר דער נייער כוחות־קאָמבינאַציע, וואָס זאָל געבן אין גלות דעם מאַקסימום נאַציאָנאַלע פּירות, אויך פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז אַזאַ פרום ווינקל ווי וויליאַמסבורג אַן אוצר, נישט איבערצושאַצן.

און כאָטש וויליאַמסבורג איז געוויס אַ יוצא מין הכלל — איז גאָר קיין ספק נישט, אַז אַ ביסל וויניקער פרומע ווינקעלעך, נאָר גענוג אויסגעהאַלטענע און גענוג ווערטפולע, זענען פאַראַן צעוואָרפן איבערן לאַנד אַ סך מער.

מיר גייען איבער צו די חינוך־פראַגן און ראשית דבר וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיט די ישיבות, וועלכע זענען דאָך אָרגאַניש געבונדן מיט דער פרו־מער יידישקייט.

## ח) ישיבות

מיר הייבן אָן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון ציפער, כאָטש מיר ווייסן זייער גוט, אַז בנוגע חינוך בכלל און גאַנץ באַזונדערס בנוגע ישיבות איז דער עיקר נישט די כמות נאָר די איכות. די ציפער אָבער בנוגע דעם וווקס פון די ישיבה־אַנ־שטאַלטן און בנוגע דעם וווקס פון די תלמידים און תלמידות זענען אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר דעם היסטאָרישן מאָמענט, וואָס דאָס אַמעריקאַנער יידנטום לעבט

איבער אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר, אַז מיר האַלטן פאַר ראַטזאַם זיך פּרוּוער פון אַלץ אָפּצושטעלן אויף די דאָזיקע פיל זאָגנדיקע און פיל צוזאָגנדיקע ציפער.

טאַבעלע 25

## דער וווּקס פון די ישיבות און תלמידים און תלמידות (1935—1955) (1

| | | די צאָל ישיבות | | די צאָל תלמידים און תלמידות | |
|---|---|---|---|---|---|
| | יאָרן | אַבס. | אינדעקס צו יעדן צייט־פּונקט | אַבס. | אינדעקס צו יעדן צייט־פּונקט |
| (1 | 1935 | 17 | 100.0 | 3.000 | 100.0 |
| (2 | 1944 | 45 | 264.7 | 9.000 | 300.0 |
| (3 | 1948 | 111 | 246.7 | 20.000 | 220.0 |
| (4 | 1953 | 156 | 140.5 | 30.000 | 150.0 |
| (5 | 1955 | 170 | 109.0 | 35.000 | 115.5 |

1935 זענען שוין געווען אין אַמעריקע מער פון פיר מיליאָן ייִדן — עס זענען שוין געווען גענוג ברייטע שיכטן, וועלכע האָבן געהאַט פעסטע פּאָזיציעס און נישט געווען אַזוי פאַרזונקען אין דאגות פרנסה ווי דער ערשטער דור אייג־וואַנדערער. נאָר דאגת־החינוך איז נאָך דעמאָלט געווען זייער שוואַך און דער חינוך מיט די מאַקסימאַלע צוזאָגן אין זין פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלן המשך, מיט די בעסטע און פּרוכטבאַרסטע טראַדיציעס, דער ישיבה־חינוך האָט כמעט ווי נישט עקסיסטירט — קוים 1 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע קינדער אין וועלכע ס׳נישט איז מינים ייִדישע שולעס האָבן באַקומען די דאָזיקע הויכע און המשך־גאַראַנ־טירנדיקע בילדונג 2):

און עפּעס ווי אַ הייליק פייער האָט זיך אַריינגעריסן און אָפּגעבריט דעם נאַ־ציאָנאַלן געוויסן און די צאָל ישיבות האָט גענומען וואַקסן און די צאָל תלמידים און תלמידות האָט גענומען שטייגן. אין די ערשטע צען יאָר כמעט אַ פאַרדרייפאַ־כונג פון דער צאָל ישיבות און טאָקע אַ פאַרדרייפאַכונג פון דער צאָל תלמידים און תלמידות. און אַזוי גייט עס כסדר — און נעמט מען די גאַנצע צייט — פון 1935 ביז 1955 — צוואַנציק טראַגישע און דערהויבענע יאָרן אין דער ייִדישער געשיכטע, באַקומען מיר אַ פאַרצענפאַכונג פון דער צאָל ישיבות און כמעט אַ פאַרצוועלפפאַכונג פון דער צאָל תלמידים און תלמידות.

מען קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז דאָס איז געווען די דירעקטע נאַציאָנאַלע תשובה פונעם אַמעריקאַנער ייִדנטום די היטלער־מערדער. דער קער צו דער

1) *Day Schools in the United States and Canada* (5714 - 1954), 1954, p. 3.
2) Ibídem.

ישיבה האָט זיך אָנגעהויבן בערך ביי די ערשטע מערדערישע שריט פון דער היטלער־באַנדע. די בילדונג פון מדינת ישראל האָט געשטאַרקט די האָפענונג, האָט געשוואַכט די פאַרצווייפלונג און האָט פאַרגעזעצט צו שטאָלן דעם רצון פון המשך, נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן.

מיר וועלן גענויער באַהאַנדלען דעם אָנטייל פון די ישיבות אין דעם גאַנצן חינוך־סיסטעם אין פאָלגנדיקן קאַפּיטל. מיר ווילן נאָר וויזן נאָך אַ פּאָר מאָמענטן איידער מיר גייען איבער צו דער איכות־שאַצונג פון דעם דאָזיקן ישיבה־ווינקעלע אין יידישן לעבן.

לויט די אויסרעכענונגען פון דעם ציטירטן באַריכט פון תורה ומסורה 1) איז אויסגעגעבן געוואָרן 1953, 10 מיליאָן מיט 750 טויזנט דאָלער אויף די 8 פּראָצענט ישיבה־קינדער און נאָר 4 מיליאָן דאָלער אויף די 52 פּראָצענט קינדער, וועלכע לערנען זיך אין די זונטיק־שולעס. און עס איז דאָך באַקאַנט, אַז די זונטיק־שולעס זענען כמעט אויסשליסלעך ביי די רעפאָרמער און קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס, דאָס מיינט ביי די רייכערע עלעמענטן. אין די ישיבות זשע איז פאַראַן אַ גרויסער פּראָצענט אָרעמע קינדער, וועלכע צאָלן גאָרנישט אָדער גאַנץ קליינע סומעס — און דאָך וואַקסן די ישיבות!

ווער זענען די קינדער פון די ישיבות — אפשר פון די נישט־לאַנג איינגעוואַנדערטע? אפשר פון די יידן, וועלכע האָבן נישט־לאַנג איבערגעלעבט די יסורי גהינום אין די מאָרד־לאַגערן פון די היטלער־פייניקער? ליידער, האָבן די דאָזיקע איינוואַנדערער נישט מיטגעבראַכט קיין סך קינדער. זיי זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן פאַר די אויגן פון די עלטערן.

אָט וואָס עס שרייבט איינער פון די בעסטע קענער פון די ישיבות 2):

„עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די גרויסע רעגיסטראַציע אין די ישיבות איז בלויז אַ רעזולטאַט פון דער נאָכמלחמהדיקער אימיגראַציע פון אַ באַדייטנדיקער צאָל רעליגיעזע יידן. דער אמת איז, אַז די גרעסטע צאָל נייע ישיבה־תלמידים קומען פון אַמעריקאַנער געבוירענע און דערצויגענע טאַטע־מאַמע. אַפילו אין די ניי־געגרינדעטע ישיבות פון די נישט־לאַנג אָריבערגעקומענע רבי׳ים און ראשי ישיבות איז אויך דער אַמעריקאַנער קינדער־עלעמענט מער אָנזעעוודיק ווי דער איראָפּעיִשער“.

דער דיכטער ר. אייזלאַנד שרייבט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון מיאַמי ביטש 3): „דער דערפאָלג פון דער ישיבה אין מיאַמי ביטש איז אַזוי גרויס, אַז היי־

1) Ibidem.

2) ניסן גאָרדאָן, „רעליגיעזע אידישע וועלט“ אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“, 9טן סעפּטעמבער, 1954.

3) „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“, 28טן פעברואַר, 1955.

יאָר האָט זיך שוין געעפנט אַ צווייטע ישיבה. דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז אָבער, וואָס גאָר אַ גרויסער טייל פון די עלטערן, וועלכע שיקן זייערע קינדער אין דער ישיבה, זענען אַליין נישט קיין אָרטאָדאָקסן. אַ סך פון זיי זענען מחלל שבת בפרהסיה און ביי זיי פירט זיך נישט קיין כשר הויז״.

מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן די ישיבות, ווי וועגן לימוד־אינסטיטוציעס. און דאָס איז בלתי ספק וויכטיק. מיר מיינען אָבער, אַז די ישיבות זענען נאָך פיל וויכטיקער פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט — פון שטאַנדפּונקט פון דער־ציִען אַן אַנדער טיפּ ייִד, אַ טיפּ ייִד, וואָס ווערט פון דניאל פּערסקי זייער גוט כאַראַקטעריזירט 1):

„די ישיבה איז אַן אינסטיטוציע, וואָס קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט נישט קיין גלייכן צו איר. דאָס איז אַ העכערע אינסטיטוציע אויף צו לערנען תורה און תלמוד, מפרשים און פּוסקים. נאָר עס איז פיל מער — די ישיבה־תלמידים האָבן נישט געשטרעבט צו קיין שום „תכלית״. דאָס לערנען איז געווען אַ ציל פאַר זיך, תורה לשמה. די ישיבות זענען די אינסטיטוציעס ווו עס ווערט אויסגעשמידט די ייִדישע נשמה״.

אָט די פראַגע מוז געשטעלט ווערן — צי זענען פאַראַן צווישן די אויפ־געקומענע ישיבות אַזעלכע, ווו די ייִדישע נשמה ווערט געשמידט, ווו עס וואַקסן יענע נאַציאָנאַלע עקשנים, וועלכע זענען גרייט נישט איין מאָל זיך מקריב צו זיין פאַרן פאָלק, נאָר דאָס גאַנצע לעבן ווידמען דעם קאַמף פאַר ייִדישקייט, דעם געראַנגל מיטן שטן פון דער אַסימילאַציע, דער עבודת הקודש פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלן המשך?

איידער מיר גייען איבער צו די ניי־אויפגעקומענע ישיבות אין די גאָר לעצטע יאָרן, איז נויטיק צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, אויף וועלכן זיי זענען אויפגעקומען. איז ער געווען אינגאַנצן אַ פאַרוואָרלאָזטער און פאַרדאַרטער? האָבן נישט געטליִעט דאָ און דאָרטן צעוואָרפענע פונקען, מיט־געבראַכטע פון מזרח־אייראָפּע און הייס אָדער לכל הפּחות וואַרעם געבליבענע אין דער גייסטיק אַזוי קאַלטער טעמפּעראַטור? לאָמיר פּרווון זוכן די דאָזיקע פונקען און מיר וועלן זיך איבערצייגן, אַז דער לעצטער ישיבה־אויפשפּראָץ, וואָס ווירקט ווי אַ קוואַל, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון טיפע אונטערערדישע באַהעל־טענישן, האָט אין דעם עם הארצישער אַמעריקע דאָך געפונען קרובהשע זוימען, פאַרזייטע שוין פון לאַנג, געוואַקסענע לאַנגזאַם און מיט גרויסע מאַטערנישן, נאָר דאָך געוואַקסן און אַרויסגעקומען אויף אַ צושטראָם פון פרישע כוחות, כדי זיך צוצעוויקלען.

---

2) „הדואר״, 31טן דעצעמבער, 1954.

געוויס די ישיבות, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן פאַר דעם לעצטן גרויסן צושטראָם פון דער חרוב־געוואָרענער איראָפּע, האָבן דורכגעמאַכט אַ פּראָ־צעס פון צופּאַסונג צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען — זיי האָבן אָבער זיך צו־געפּאַסט אין אַ מינימאַלער מאָס און איינגעהאַלטן דעם מזרח־איראָפּעיִשן ישיבה־נוסח און ישיבה־שיטה אין דער גרעסטער מאָס.

ישיבת רבי יצחק אלחנן איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1897 און אַט ווי אַזוי דעם איצטיקער ישיבה־פּרעזידענט ש. בעלקין כאַראַקטעריזירט אַליין דעם מצב פון דער דאָזיקער וועלט־באַקאַנטער תורה־אינסטיטוציע: „אין יאָר 1897 האָט זיך אויף דער איסט־סאַיד געעפנט די ישיבה מיט דריי תלמידים. דאָס קערנדל איז געוואַקסן און האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט. אין 1915 איז געגרינדעט געוואָרן די תלמודישע אַקאַדעמיע, די ערשטע יידישע האַי־סקול אין אַמעריקע. אין 1921 איז געגרינדעט געוואָרן דער בית המדרש למורים. אין 1928 איז עטאַבלירט גע־וואָרן דער ישיבה־קאָלעדזש. 1945 האָט דער קאָלעדזש באַקומען אַ טשאַרטער אַלס ישיבה־אוניווערסיטעט. די ישיבה־אוניווערסיטעט פאַרמאָגט איצט 2.300 סטודענטן אין 11 פאַרשיידענע פאַקולטעטן. עס לערנען העכער 300 פּראָפעסאָרן. די אוניווערסיטעט גיט אַרויס 15 דיגריס, פון „בעטשלאָר אָוו אַרטס" (קאָלעדזש־אַטעסטאַט) ביז „דאָקטאָר פילאָסאָפיע". אין ישיבה־קאָלעדזש לערנט מען גמרא אין יידיש. אַ סטודענט מוז קענען יידיש און אויב ער קען נישט קיין יידיש מוז ער זיך אויסלערנען. מען לערנט אין אוניווערסיטעט צוועלף שפּראַכן: ליטע־ראַטור, נאַטור־וויסנשאַפט, סאָציאַלע וויסנשאַפט, און העכערע יידישע לימודים. באַלד וועט צוקומען דער קאָלעדזש פאַר פרויען און דער איינשטיין־מעדיקל קאָלעדזש, וועלכע וועט זיין אַ טייל פון אַ גראַנדיעזן מעדיצינישן צענטער, וואָס וועט קאָסטן 25 מיליאָן דאָלער. די ישיבה־אוניווערסיטעט האָט אויך דריי מיטל־שולעס. אונדזערע סטודענטן קומען פון אַלע שטאַטן פון אַמעריקע און פון עט־לעכע און צוואַנציק אַנדערע לענדער. דער ביודזשעט פון הייַנטיקס יאָר (1954) איז 1 מיליאָן מיט 750 טויזנט דאָלער" 1).

דער „הדואר" (15טן מאַי 1953) כאַראַקטעריזירט אַזוי די יידישע לימודים אין ישיבת רבי יצחק אלחנן: „מען לערנט ש״ס מיט כוונה, מיט טיפקייט, ווי מען האָט געלערנט אין די ישיבות פון ליטע, פונוואַנען עס שטאַמט דער רוב ראשי הישיבה און אַלע אירע פּירער".

די גרעסטע פּשרה איז געוויס געמאַכט בנוגע דער שפּראַך — עס הערשט אין דער ישיבה די ענגלישע שפּראַך — אין פּרט אָבער פון עמקות און טרייהייט צו אמתער יידישקייט זענען קיין שום פּשרות נישט געמאַכט געוואָרן. און אויב די דאָזיקע ישיבה האָט שוין אַרויסגעלאָזט הונדערטער תלמידים, פון וועלכע אַ סך

1) אַ געשפּרעך מיט הרב ד״ר שמואל בעלקין, אין „פאָרווערטס", 25טן יולי, 1954.

זענען געוואָרן ראַביים אָדער רבנים, זענען פאַראַן אין דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפט אַ קאַטעגאָריע יידן, וועלכע מען האָט גרינג געקענט אויסנוצן ביים אַפּעלירן צו דער יידישער געזעלשאַפט נאָך דער גרויסער היטלער־שחיטה.

ישיבת רבי יצחק אלחנן איז נישט געווען קיין בן יחיד אין אַמעריקע. אָט איז אין קורצן די אַנטוויקלונג פון „ישיבת רבי יעקוב יוסף", וועלכע איז גע־גרינדעט געוואָרן אין יאָר 1900. לאָמיר אויך דאָ געבן דאָס וואָרט אַ ציטונג, וואָס האָט די בעסטע אינפאָרמאַציע:

„אָנהייבנדיק אין אַ קליין צימער מיט דריי תלמידים, איז די ישיבה געוואָרן איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע מוסדות אין אַמעריקע. היינט צו טאָג לערנען אין דער ישיבה בערך 1.200 תלמידים, כן ירבו. די טויזנטער גראַדו־אירטע פון דער ישיבה האָבן שוין פיל בייגעשטייערט צו דער פאַרשטאַרקונג פון יידישקייט אין אַמעריקע. אַ סך פון די גראַדואירטע זענען באַוווסט און אַפילו באַרימט אין זייערע פאַרשיידענע פּראָפעסיעס. פאַראַן צווישן זיי באַרימטע דאָק־טוירים, ריכטער, אַדוואָקאַטן, פּראָפעסאָרן און אויך הויכע באַאַמטע" 1).

אויך די דאָזיקע ישיבה איז שוין אין אַ געוויסער מאָס צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען — מען לערנט אויך וועלטלעכע לימודים. זיי זענען אָבער נישט מער ווי אַ צוגאָב צום עיקר — צו גמרא און פּוסקים און נאָך העכערע לימודים.

„ישיבת רבי חיים בערלין" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1907 און אָט איז די געשיכטע פון דער דאָזיקער ישיבה 2): „די ערשטע וואָך האָבן זיך רע־גיסטרירט 6 תלמידים. די צווייטע וואָך זענען שוין געווען 8 תלמידים. האָט מען זיך פאַרזאַמלט אין אַ ליידיק שטייענדיקער קראָם און מען האָט געלערנט חומש מיט רש"י. מיט אַ פּאָר עלטערע אויך אַ בלאַט גמרא ממש ווי אין אַ חדר אין ליטע".

אין די דרייסיקער יאָרן האָט שוין געגרייכט די צאָל תלמידים ביז 300־400. אין יאָר 1939 איז ביי דער ישיבה געגרינדעט געוואָרן די מתיבתא. אין יאָר 1949 איז די צאָל תלמידים אין דער מתיבתא געווען 340 און די צאָל איז שנעל געוואַקסן. דער מחבר פון ציטירטן אַרטיקל שרייבט וועגן דעם בנין: „ווער עס האָט נישט געזען דעם פּראַכט־בנין פון דער ישיבה, ראַט איך זייער און זייער דאָס צו טון".

די לעצטע יאָרן איז געגרינדעט געוואָרן ביי דער ישיבה נאָך אַ בית המדרש, נישט אַזוי פאַר תפילות, ווי פאַר „יהודים יודעי תורה ולומדי תורה, לומדים לשמה ולא לעשות קרדום לחפור בה". און דער מחבר דערציילט ווייטער, אַז

---

1) „דער איד", ניו־יאָרק, 10טן דעצעמבער, 1954.

2) מאיר קימל, תולדות ישיבת ר' חיים ברלין, אין „שבילי החינוך", יאַנואַר, 1949, ז. 51.

אין בית המדרש „זענען פאַראַן 50־60 בחורים — לערנער און בקיאים אין גמרא. דער אופן פון לערנען איז ממש ווי אין די ישיבות פון סלאָבאָדקע און טעלז. און אויך מוסר ווערט געלערנט אַ פערטל שעה אין טאָג צווישן מינחה און מעריב. די בחורים קוקן אַריין אין „חובת הלבבות", אין „מסילת ישרים" און אין אַנדע־רע מוסר־ספרים 1).

לאָמיר זיך אָפּשטעלן כאָטש קורץ נאָך אויף איין ישיבה, וואָס האָט געוויס געגעבן פיל תלמידים, וועלכע שפּילן איצט נישט קיין קליינע ראָלע אין דער ישיבה־באַוועגונג. מיר האָבן אין אויג די ישיבה „תורה ודעת", וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן אין יאָר 1918 מיט צען תלמידים און האָט איצט מער פון 15 הונדערט תלמידים. אָט ווי עס באַשרייבט אבא רייכמאַן דעם וווּקס פון דער ישיבה 2):

„תורה ודעת אַנטוויקלט זיך און שטייגט פון יאָר צו יאָר — אין יאָר 1940 האָט דער דאָזיקער תורה־צענטער געהאַט 900 תלמידים און מען האָט געמוזט קויפן נאָך אַ געביידע. ביים היינטיקן טאָג (1949) — לערנען אין „תורה ודעת" ביי טויזנט און פינף הונדערט תלמידים. צווישן זיי נאָענט צו הונדערט יונגע לייט פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. כדי צו פאַרזאָרגן די תלמידים פון אויסער די שטאָטן און פון אויסער ניו־יאָרק, האָט „תורה ודעת" אויפגעבויט לעבן דער מתיבתא אַ ספּעציעלן בנין מיט הונדערט לופטיקע צימערן".

ער באַשרייבט ווייטער די באַזונדערע אָפּטיילן, ווי „דער בית מדרש עליון", וווּ עס לערנען ביי דרייסיק תלמידים, גרויסע בעלי כשרונות, וואָס „תורתם אומנתם". עס איז אויך פאַראַן אַ „כולל" פאַר פאַרהייראַטע יונגע לייט, גרויסע מופלגי תורה, „וועלכע באַקומען אַ וועכנטלעכן געהאַלט צו קענען זיך פאַר־פולקאָמען אין תורה".

מיר האָבן נישט אויסגעשעפּט אַפילו די צאָל ישיבות נאָר אין ניו־יאָרק אַליין פאַרן גרויסן צושטראָם פון ישיבות פון אייראָפּע. עס זענען אָבער געווען שוין אָנהייב לויפנדיקן יאָרהונדערט ישיבות אין פּראָווינץ־שטעט, ווי אין באָס־טאָן, פילאַדעלפיע, פּיטסבורג, טשיקאַגאָ און אין נאָך אַ פּאָר פונקטן.

עס איז נישט צו לייקענען, אַז אויף דער אויבערפלאַך פון יידישן לעבן, וווּ עס האָט געהערשט אָדער געווילדעוועט דער אַסימילר־שד, האָבן זיך די אַלע ישיבות נ׳שט אָנגעזען. זייער השפעה האָט זיך נישט נאָר נישט געוואָרפן אין די אויגן, נאָר מען האָט זי נישט געפילט. פאַרזייטע זוימען אָבער און נאָך זוימען פון צוויי טויזנטיאָריקער זאַפטיקייט גייען נישט פאַרלאָרן — און די ניי־געקומענע ישיבה־טרעגער, אַרויסגעראַטעוועטע פונעם אייראָפּעישן גהינום־פייער, האָבן

1) איביד, זייט 56.
2) אבא רייכמאַן, 30 יאָר „תורה ודעת", „דער טאָג", 11טן יאַנואַר, 1949.

אינסטינקטיוו אויפגעזוכט און טאַקע אויך געפונען אַט די פּאַרזייטע זוימען און מיט זייער אַנטשלאָסנקייט און הונדערטפּראָצענטיקער עקשנות האָבן זיי אַריינגע־בלאָזן אין אַלע עלטערע ישיבות אַ נייעם רוח חיים, אַ נייעם ענערגיע־שטראָם, אַ נייעם אַנטוויקלונג־אויפשטייג.

די ניי־געקומענע הונדערטער און אפשר אַפילו טויזנטער ראשי ישיבות און סתם למדנים און רבנים זענען גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן. זיי זענען דורכ־געגאַנגען אַ קאַלך־אויוון, וואָס האָט זיי אויסגעשטאַלט פאַר באַרופענע היסטאָרישע קעמפער. און זיי זענען געוואָרן די נייע פלאַנצער פון הונדערט־פּראָצענטיקער ייִדישקייט — תורה און מוסר, דאָס זענען די צוויי עמודי האש, וועלכע באַלייכטן דעם וועג פון די נייע בויער. זיי זענען געקומען פון לכתחילה מיטן געדאַנק און מיטן פעסטן באַשלוס ממשיך צו זיין די ישיבות־טראַדיציעס פון מזרח־אייראָפּע, אויפשטעלן יענעם גייסט אין די ישיבות, וואָס פורעמט די ייִדישע נשמה, פלאַנצן אויפן האַרטן אַמעריקאַנער באָדן זאַפטיקע היסטאָרישע וואָרצלען, פלאַנצן מיט יענער מסירת נפש, וועלכע האָט געגעבן כוח און מוט זיך אַרויסצוראַטעווען פונעם אייראָפּעישן גהינום־פייער און דערטראָגן ביז אַמעריקע נישט נאָר ספרים און ספרי תורות, נאָר אויך לעבעדיקע ישיבות־תלמידים.

אויף די דאָזיקע איבערגעפלאַנצטע אָט נאָר וואָס פון אייראָפּע ישיבות ווענדן מיר אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, ווייל די דאָזיקע ישיבות גייען נישט אויף קיין שום פשרות אין פרט פון די ייִדישע לימודים, אויב נישט רעכענען פאַר קיין פשרה דאָס לערנען פון די אַלגעמיינע לימודים לויט דעם געזעץ־באַ־פעל. אויב זשע זיי האָבן דאָך צובאַקומען הונדערטער און טויזנטער תלמידים, וועלכע האָבן זיך צוגעפּאַסט צו נוסח אַמעריקע, מיינט דאָס, אַז דאָ, אין אַמע־ריקע, האָבן געטליִעט פונקען, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אויסלייזונג.

מירער ישיבה — דאָס איז אַ געשיכטע פון 140 יאָר תורה ומסורה־פאַר־שפּרייטונג! דער שם פון דער מירער ישיבה איז געווען אַזוי ווייט פאַרשפּרייט אין דער ייִדישער וועלט, אַז זי פלעגט האָבן אַרום 50 פּראָצענט תלמידים פון דער גאָרער וועלט — פון אַמעריקע, דייטשלאַנד, שוועדן, דרום־אַפריקע, שווייצאַריע און אויסטראַליע 1). 1929 האָט די מירער ישיבה געהאַט 250 תלמידים 2). 1938 — 478 תלמידים 3). מיר לאָזן דורך די ליידן, וועלכע די דאָזיקע ישיבה האָט איבערגעלעבט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, לויפנדיק פון מיר קיין פּאָלטאַווע. מיר נעמען נאָר דעם לעצטן גהינום־וועג, וואָס די ישיבה, און דאָס

---

1) „דער איד״, ניו יאָרק, 25טן דעצעמבער, 1953.

2) ד״ר מארק ווישניצער, חומר לתולדות הישיבות באירופה המזרחית, „תלפיות״, ניו־יאָרק ת,שי״ג, דף 360.

3) שם, דף 364.

מיינט די ראשי ישיבה מיט 285 תלמידים, האָבן דורכגעמאַכט ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן קיין ניו־יאָרק 1):

„די פּרשה פון די וואָגלעניש פון דער מירער ישיבה פון מיר ביז ברוקלין, איז אַ שרעקלעכע געשיכטע פון אַ רייזע פון 16 טויזנט מייל פון ליטע ביז שאַנ־כאַי. די ישיבה איז צוערשט געלאָפן פון מיר קיין ווילנע. פון דאָרטן קיין קאָוונע. נאָכדעם דורך גאַנץ רוסלאַנד און סיביר ביז וולאַדיוואָסטאָק און פון דאָרטן קיין קובאַ אין יאַפּאַן. דאָרטן האָט מען געלערנט מיט דער זעלבער התלהבות ווי אין מיר. די יאַפּאַנער האָבן לכתחילה חושד געווען די תלמידים אין שפּיאָנאַזש, אָבער גאָר גיך האָבן זיי דערקענט די דביקות און די התלהבות פון די תלמידים, האָבן זיי זייגערופן „אידייען־טרעגער" און האָבן פאַר זיי באַשטימט טעגלעכע פּאָרציעס ברויט און מילך. נאָך „פּערל האַרבאָר" האָט די ישיבה ווידער געמוזט לויפן — קיין שאַנכאַי. פינף יאָר האָט די ישיבה זיך געפיניקט אין דער געטאָ פון שאַנכאַי ביז זי איז געקומען קיין ניו־יאָרק".

וואָס זשע שטעלט מיט זיך פאָר די מירער ישיבה מיט איר גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט אין דער נייער וועלט, וואָס איז אַזוי הימל־ווייט פון אַ קליין שטעטל ערגעץ אין פוילן?

אין העכער ציטירטן „הדואר" ווערט געשריבן: „אַ באַזונדער גרויסע אָנ־שטרענגונג איז געמאַכט געוואָרן אויף אויפשטעלן דעם בנין. דער פּראַכטפולער בנין איז איצט אַ מקום תורה פאַר העכער 200 תלמידים, וועלכע פאַרפולקומען זיך אין תלמוד און אין מוסר לויט דער שיטה און די טראַדיציעס פון מיר".

אשר פען שרייבט אין „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" (15טן יוני 1953): „80 פּראָצענט פון די ישיבה־בחורים זענען אַמעריקאַנער געבוירענע — 20 פּראָצענט זענען קאָלעדזש־סטודענטן, וועלכע לערנען אַכט שעה אַ טאָג און גייען אין קאָלעדזש אין די אָוונטן. די מירער ישיבה נעמט אַריין ישיבה־בחורים, וועלכע קענען שוין לערנען אַ בלאַט גמרא פון פריער אין דער מירער ישיבה הייבט מען אָן פון גמרא מיט תוספות. אַ היפּשע צאָל מירער ישיבה־בחורים האָבן שוין געקראָגן סמיכות אויף רבנות. זינט די ישיבה איז געקומען קיין אַמעריקע זענען שוין אַרום 150 בחורים צעשיקט געוואָרן קיין אַרגענטינע, מעקסיקע, בראַזיל, פראַנקרייך און קיין צפון־אַפריקע, ווו זיי האָבן געשאַפן ישיבות".

און אָט איז אַ באַשרייבונג פון דער געביידע פון זעלבן מחבר: „ווי איבער־ראַשט בין איך געוואָרן ווען איך האָב געטראָפן אַ נייע פּרעכטיקע געביידע, וואָס איז געבויט מיט אַזאַ רחבות און אַזאַ שיינקייט, וואָס פיל רייכע דערציִונג־אַנ־שטאַלטן וואָלטן זיך קיין בעסערע גאָר נישט געקענט ווינטשן".

ניסן גאָרדין שרייבט („דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 17טן דעצעמבער 1953):

1) „הדואר", 8טן יאַנואַר, 1954.

„די פריער אריבערגעבראַכטע ישיבה־לייט זענען שוין היינט ראשי ישיבה און מחנכים. דער גרעסטער טייל תלמידים זענען שוין היינט אַמעריקאַנער בחורימלעך, וועלכע טרוימען פון שטייגן אין לערנען און ווערן גדולי תורה".

מיר גייען איבער צו טעלז. מיר האַלטן פאַר נוצלעך צו ברענגען אייניקע ידיעות וועגן דעם עבר אויך פון דער דאָזיקער ישיבה, ווייל עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז טראַדיציע שפּילט אַ גרויסע ראָלע אויך אין אינסטיטוציעס און ביי ייִדן אַפילו ווען זיי זענען נע־ונד.

ד"ר ווישניצער דערציילט 1), אַז טעלזער ישיבה „עץ חיים" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1880. טעלז האָט געהאַט אַן אייגענע שיטה אין לערנען, „טעלז־דרך" — „יחד עם ההלכה היה מקום חשוב נתון לאגדה, לתורת המוסר, איתיקה ופילוסופיה" (צוזאַמען מיט הלכה האָט מען אָפּגעגעבן אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ אגדה, מוסר, עטיק און פילאָסאָפיע). פיל תלמידים זענען געקומען פון אייראָפּע און אַמעריקע". ווישניצער דערציילט, אַז ביי זיין באַזוך אין דער ישיבה אין טעלז 1931, האָט ער געפרעגט אַן אַמעריקאַנער ישיבה־בחור צוליב וואָס ער איז געקומען קיין טעלז? זיין תשובה איז געווען קורץ און קלאָר: „באתי להתעמק ביהדות" — איך בין געקומען זיך פאַרטיפן אין ייִדישקייט.

1938 האָבן געלערנט אין טעלזער ישיבה — 505 תלמידים. אַז די נאַציס האָבן פאַרנומען ליטע זענען די ראשי ישיבה אַנטלאָפן מיט 90 תלמידים קיין סיביר, שאַנכאַי און נאָכדעם קיין אַמעריקע. די טעלזער פליכטלינגען האָבן זיך קאָנצענטרירט אין קליוולאַנד. און אָט ווי די געוועזענע טעלזער ישיבה האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַמעריקע, צופּאַסנדיק זיך צו די נייע באַדינגונגען, אָבער נאָך מער צופּאַסנדיק די אַרומיקע באַדינגונגען צו אירע טראַדיציעס" 2): טעלזער ישיבה אין קליוולאַנד איז גיך געוואָרן אַ מאַגנעטישער פּונקט אין דער היגער ישיבה־וועלט, וווהין עס ציען זיך תלמידים פון דער גאַרער וועלט. אויסער ניו־יאָרק, וואָס האָט צוגעשטעלט כמעט אַ העלפט תלמידים, לערנען דאָרטן אויך תלמידים פון פאַרשיידענע לענדער. פון זעכצן לענדער זענען פאַראַן תלמידים: פון ארץ ישראל, מאַראָקע, פראַנקרייך, שווייץ, קאַנאַדע, בראַזיל, טשילע, מעקסיקע, קאָלאָמביע, ענגלאַנד, אויסטראַליע, דענעמאַרק, האָלאַנד, פּערו, ווענעסועלע און דרום־אַפריקע.

„פיר פאַרשיידענע צווייגן פאַרמאָגט שוין טעלזער ישיבה: א) אַ ישיבה קטנה, וואָס רופט זיך „היברו אַקאַדעמיע אָוו קליוולאַנד". ב) אַ מכינה צו דער גרויסער ישיבה. ג) די גרויסע ישיבה און ד) אַ „כולל" פאַר יונגע לייט.

---

1) מ. ווישניצער, חומר לתולדות הישיבות באירופה המזרחית, אין „תלפיות", תשי"ב, דף 607־606.

2) הרב א. ב. שורין, די מאַרטירער־געשיכטע פון טעלזער ראש הישיבה, „פאָרווערטס", 1טן פעברואַר, 1955.

„די ישיבה האָט אָפּגעקויפט אַן עסטעיט פון 57 אַקער לאַנד מיט אַ סך בנינים און דער בוי־פּראָיעקט וועט באַטרעפן אַנדערטהאַלבן מיליאָן דאָלער. דער נייער פּלאַץ וועט זיין דער שענסטער ישיבה־קעמפּס אין אַמעריקע".

דער בנין איז אויסגערעכנט אויף 500 תלמידים. דווקא די ראשי ישיבות האָבן פון ערשטן מאָמענט אָן געכאַפּט דעם שניט פון אַמעריקע אין פּרט פון לוקסוס־בנינים און פון רחבות אין צוגאַנג צו אינסטיטוציעס. אַלע ישיבות האָבן פון זייערע ערשטע טריט געשטעלט דעם טראָפּ אויפן דאָזיקן פּונקט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין דער רייכער אַמעריקע וועט נישט אַנגיין דער פּסוק „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו" — האָבן זיי געלייגט גרויס געוויכט אויפן „קנקן". נאָר דאָס מיינט נישט, אַז זיי האָבן געמאַכט פּשרות בנוגע דעם „מה שיש בו". ניין! אין זין פון תוך, פון שורש פון דעם ישיבה־נוסח, אין דעם פּרט זענען זיי געבליבן די פעסטע און הונדערטפּראָצענט אויסגעהאַלטענע עקשנים.

נישט נאָר דער גרויסער אייראָפּעיִשער חורבן האָט געבראַכט אַהערצו קעמפּער און אַקערער פאַר פלאַנצן מזרח־אייראָפּעיִשע תורה־ווערטן. אָט ווייסן מיר, אַז נוסח „סלאָבאָדקע" איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין אַמעריקע נאָך פאַרן חורבן. ס'באַקומט זיך עפּעס ווי אַן איינדרוק, אַז אין סלאָבאָדקע האָט מען ווי פאַרגעפילט די אומפאַרמיידלעכקייט פון דעם דראָענדיקן חורבן און מען האָט זיך געאיילט שוין אין יאָר 1934 אַרויסצושיקן אַ שליח פון נוסח „סלאָבאָדקע" צו פאַרלייגן דאָ פונדאַמענטן פאַר צוקונפטיקע בנינים.

מיר האָבן אין אויג די ישיבה „נר ישראל" אין באַלטימאָר. דער ראש הישיבה און דער גרינדער פון דער ישיבה הרב ר' יעקב יצחק רודערמאַן, אַ תלמיד פון סלאָבאָדקע און אַ טרייער ממשיך פון נוסח „סלאָבאָדקע", ווו עס איז געשטעלט געוואָרן אַ פיל גרעסערער טראָפּ אויף מוסר און פרומקייט און ווו דער ישיבה־תלמיד האָט געמוזט זיין הונדערט פּראָצענט אונטער דער השגחה פון די ראשי הישיבה, איז שוין אין יאָר 1934 צוגעטראָטן צו פאַרפלאַנצן דאָ, אין אַמעריקע, אַ צווייג פון „סלאָבאָדקע". אָט איז אַ באַשרייבונג פון אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן אין דער ישיבה „נר ישראל" אין באַלטימאָר:

„אַרום צוויי הונדערט בחורים — לויטן קלסתר פּנים אַלע אַמעריקאַנער געבוירענע אָדער דאָ דערצויגענע — זענען געשטאַנען מיט סידורים אין די הענט און געדאַווענט. זיי האָבן קיינעם נישט געזען און גאָר נישט געמערקט, אַ חוץ די סידורים פאַר זייערע אויגן. אַזאַ ערנסטע פאַרטיפונג, אַזאַ „התפשטות הגשמיות" פון פאַרהעלטענישמעסיק יונגע קינדער ביים דאַווענען האָב איך נאָר געקענט געדענקען פון געוויסע הייליקע ערטער, וואָס איך האָב באַזוכט אין ירושלים" 1).

---

1) דוד איידעלסבערג, „סלאָבאָדקע" אין אַמעריקע, אין „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 12טן נאָוועמבער, 1954.

באַשרייבנדיק, ווי דער סלאָבאָדקער תלמיד האָט פאַרפלאָנצט דעם גייסט פון „סלאָבאָדקע" קיין באַלטימאָר דערציילט ער: „סיי אין די פיר יאָר, וואָס דער תלמיד פאַרברענגט אין דער ישיבה גופא און סיי די עקסטרע פיר יאָר אין „כולל", באַשטייט הרב רודערמאַן, אַז דער בחור זאָל זיך געפינען אַלע 24 שעה אין מעת לעת — איינגעשלאָסן שבת — בין „כתלי בית המדרש". דער תלמיד מוז האָבן זיין באַשטענדיקע דירה אין דער „דאָרמיטאָרי". ער מוז זיך שטענדיק געפינען אונטער דער השפעה און סביבה פון „סלאָבאָדקע".

אַלזאָ, „סלאָבאָדקע" מיט אַלע אירע סיגים און גדרים, מיט אַלע מחיצות פון דער פאַרשייטער דרויסנדיקער וועלט אין מיטן פון דער גרויסער און רייכער, פריילעכער און טאַנצנדיקער אַמעריקע. און עס געפינען זיך טאַטעס און מאַמעס, וועלכע לאָזן זייערע קינדער ווערן כמעט נזרים! און עס געפינען זיך יונגע אַמעריקאַנער בחורים, וועלכע נעמען אויף זיך דעם מאַקסימאַלן עול התורה!

מיר ברענגען די דאָזיקע ידיעות נישט ווייל מיר זענען זיכער, אַז די דאָזיקע איבערגעפלאַנצטע ייִדישקייט וועט קענען לאַנג לעבן און וועט אויך קענען וואַקסן אין דער אַמעריקאַנער לופט. מיר באַהויפּטן דאָס נישט און ווילן נישט זיין קיין נביאים לרע — אַפילו לעבן קאָוונע איז „סלאָבאָדקע" נישט געווען הונדערט פּראָצענט זיכער מיט אַבסאָלוטן המשך און מיט פולער ירושה פאַר די קומענדיקע דורות. פאַר אונדז איז וויכטיק אויפצווייזן, אַז מיר פאַרמאָגן זייער אַ גוטן און זאַפטיקן מאַטעריאַל פאַר די איבערגאַנג־סטאַדיעס פון יענער אויסגעהוילקייט, וואָס האָט זיך אַזוי ברייט צעלייגט אין דעם אַמעריקאַנער ייִדנ־טום, צו נייע ייִדישע לעבנס־פאָרמען, צו נייע נאַציאָנאַלע ווערטן און שאַפונגען. אויב דער איצטיקער דור וועט פאַרשטיין זיין מיסיע, זיין באַרוף ווי צו אָרגאַני־זירן דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע, אַז עס זאָל קומען נאָכוווקס, אַז עס זאָל אויפוואַקסן אָרגאַנישער המשך, וועלכער וועט געוויס נישט זיין ענלעך נישט צו „סלאָבאָדקע" און נישט צו „מיר" און „טעלז", אָבער די זאַפטן פון די נאָר וואָס דערמאָנטע דריי תורה־קוואַלן, דריי רייכע פאָזיציעס, קענען פיל העלפן ביים אויפקום אָדער ביים אויפדערציִען אַ נייעם טיפּ אַמעריקאַנער ייִד.

מיר האָבן ביז איצט געוויזן די נייע שטראַלן, וואָס דער ליטווישער ישיבה־נוסח האָט געבראַכט קיין אַמעריקע — די לעצטע יאָרן האָט זיך אַריינגעריסן אַ מער שרייענדיקער, אַ פיל פאַנאַטישערער און אַ פיל מער עקשנותדיקער ישיבה־נוסח; אַ נוסח, וואָס איז שוין אַ פיל געפּרוּווטער אין קאַמף נישט נאָר מיט אַסי־מי־לאַציע נאָר אויך מיטן שמד און געמישטע חתונות — מיר האָבן אין אויג דעם אונגאַרישן נוסח. ער פאַרדינט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, ווייל ער ווייזט אַרויס פון זיין זייט, אַ שטאַרקע טענדענץ צו קאָנצענטראַציע און קאָמפּאַק־טקייט, ווי אין וויליאַמסבורג, וואָס עס גאַראַנטירט ניט נאָר אַ העכערן גראַד

פון בלייבן טריי דעם פרומען נוסח פון לעבן, נאָר אויך אַ לענגערע דויערהאַפט־קייט. פון דעם העכער באַשריבענעם לעבנס־נוסח אין וויליאַמסבורג איז דאָס זייער קלאָר און מיר האַלטן פאַר איבעריק צו ברענגען ווייטערע באַווייזן, ווי די אונגאַרישע ישיבות וואַקסן אויס נישט אין פרעמדע ראַיאָנען, נאָר צווישן אַ באַפעלקערונג, וועלכע איז די טרעגערין פון די ישיבות. דאָס איז געוויס אַ גרויסע מעלה. אָבער אין טוב בלי רע — בעת די פריער באַשריבענע ישיבות דרינגען אַריין אין דער אַלט־איינגעזעסענער באַפעלקערונג און פירן דורך ממש אַ רעוואָלוציע אין פיל יידישע הייזער, ווו עס איז שוין קיין סימן פון קיין יידישן מינהג נישט געווען, ווירקן לעת עתה די ישיבות נוסח אונגאַרן אין אַ סביבה, וואָס איז נאָך אַליין זייער יונג אין אַמעריקע. גאָר אָן השפעה בלייבט נישט אויך דער דאָזיקער נוסח — דאָס איז גאָר קיין ספק נישט. זייער דעמאָנסטראַטיווע הונדערט־פּראָצענטיקע יידישקייט, אין תוך און אין פאָרעם, ווירקט געוויס אויף די שכנות־דיקע ראַיאָנען. מעגלעך, אַז נישט כסדר אין פּאָזיטיוון זין — מעגלעך, אַז די עקסטרעמע פאָרעם פון זייער יידישקייט, זייער איבערגעטריבענע טריישאַפט צו אויסערלעכע סימנים פון יידישער פרומקייט, שרעקט אָפּ אַמעריקאַנער יידן, וועלכע שלאָגן זיך על חטא פאַר די באַגאַנגענע אַסימילאַציע־זינד און זענען גרייט תשובה צו טון, נאָר געוויס אין זייער באַגרענעצטע מאָסן און ווייניקער פון אַלץ אין פּרט פון זיך אויסטיילן און זיך אויסשיידן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג מיט אויסערלעכע סימנים.

לאָמיר ברענגען אַ פּאָר באַשרייבונגען פון די נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע ישיבות. אבא רייכמאַן באַשרייבט אַזוי די ישיבה „תורה ויראה", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1949 1): „עס איז איצט געוואָרן דריי יאָר ווי דער סאַטמאַרער רבי האָט אין וויליאַמסבורג געשאַפן די ישיבה אונטערן נאָמען „תורה ויראה" און שוין קען מען זען די טייערע פרוכט פון אָט דער ערשטער סאַטמאַרער אונטערנעמונג. פון יענער ערשטער ישיבה אין וויליאַמסבורג זענען אויסגעוואַקסן אַ צענדליק תורה־אַנשטאַלטן, וועלכע געפינען זיך אין פאַרשיידענע געגנטן פון דער שטאָט ניו־יאָרק, ווי אין וויליאַמסבורג, אין ברוקלין און אויף איסט סאַיד פון מאַנהעטן. אין אַלע תורה־אינסטיטוציעס לערענען איצט (1952) אַרום 500 תלמידים און תלמידות. אין דער מתיבתא „תורה ויראה" לערנען אַרום 50 בחורים, צווישן זיי מערערע באַגאַבטע עלוים".

פון אַ סך אַ גרעסערן פאַרנעם איז די ישיבה „שארית הפליטה", וואָס ציילט אַרום 600 תלמידים — אויך אין וויליאַמסבורג. די דאָזיקע ישיבה האָט נישט־לאַנג אָפּגעקויפט דעם בנין פון דעם בית משה־שפּיטאָל פאַר 300 טויזנט דאָלער און ער ווערט איבערגעבויט אויף אַ גאַנצער רייע שול־מדרגות. אָט ווי עס ווערט

1) „מאָרגן־זשורנאַל", 19טן דעצעמבער, 1952.

באַשריבן די אונטערנעמערישקייט פון דעם ראש הישיבה, דער קלויזענבערגער רבי יהודה האַלבערשטאַם 1): „דעררבי האָט גיגאַנטישע פּלענער פאַר דעם האַלבן סקוועער־בלאָק, וואָס ער האָט געקויפט. ער וויל דאָרטן שאַפן אַ גאַנצע תורה־רעפּובליק".

און אָט איז אַ ציטאַטע פון אַ שפּעטערדיקן טערמין 2): „איצט זענען פאַראַן 600 תלמידים אין דער ישיבה „שארית הפליטה" אין וויליאַמסבורג. אַ חוץ דעם לערנען אין דער ישיבה אין בראָנקס 100 קינדער, אין דער ישיבה אין באָראָ פּאַרק — 50 תלמידים".

דאָס זענען זייער כאַראַקטעריסטישע דאַטעס — די אונגאַרישע פרומע עלע־מענטן האָבן זיך טאַקע קאָנצענטרירט אין וויליאַמסבורג, נאָר דאָס הייסט נישט, אַז טיילן פון די דאָזיקע איינגעוואַנדערטע אונגאַרישע ייִדן אין די לעצטע צען יאָר זענען נישט צעשפּרייט געוואָרן איבער אַנדערע טיילן שטאָט. איינער פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון די דאָזיקע פרומע ייִדן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האַלטן זיך צוזאַמען אַפילו פון דער ווייטנס — דער בינד־גליד איז דער רבי. דאָס הייסט נישט, אַז אין די ישיבות פון די אונגאַרישע חסידים לערנען נישט קיין אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער — זיי מאַכן נאָר אויס נישט קיין גרויסן פּראָצענט.

דער רוב ישיבות פון די אונגאַרישע ייִדן איז ישיבות קטנות, נאָר אויך מיט העכערע קלאַסן. זיי זענען דאָך נאָך גאָר פרישע איינגעוואַנדערטע. עס איז אָבער גאָר קיין ספק נישט, אַז זיי וועלן נישט בלייבן שטיין ביי די נידעריקע קלאַסן — זיי וועלן פאַרזעצן און מיר וועלן אין די נאָענטסטע יאָרן האָבן אמתע ישיבות גדולות. שוין איצט זענען אין פיל ישיבות פון וויליאַמסבורג פאַראַן קלאַסן, אין וועלכע מען לערנט גמרא גאַנץ געשמאַק.

די ליובאַוויטשער זענען ביי מיר געבליבן צום סוף, ווייל, ערשטנס, געבן זיי נישט אָן קיין צאָלן וועגן די תלמידים און תלמידות אין זייערע ישיבות. און חוץ דעם איז שווער אָפּצוטיילן די צאָל תלמידים און תלמידות פון די ערשטע קלאַסן פון די זעלבע אין די העכערע קלאַסן. אונדז אינטערעסירט דאָך אין געגעבענעם קאַפּיטל נאָר די ישיבה גדולה. פאַר מיר ליגט אַ גרויסע זייט פון אַ ייִדישער צייטונג מיט בילדער פון 13 ליובאַוויטשער ישיבות, פון וועלכע צען זענען אין אַמעריקע 3). פון זיי נאָך צוויי אין ניו־יאָרק און אַלע איבעריקע צע־שפּרייט איבער פיל שטעט, ווי באָפאַלאָ, פּיטסבורג, באָסטאָן און אַנדערע. די צענטראַלע ישיבה מיט אַ מתיבתא, אַלזאָ מיט אַ העכערן קורס, געפינט זיך אין

1) „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 23טן יולי, 1954.
2) „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 23טן פעברואַר, 1955.
3) „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 7טן יאַנואַר, 1955.

ברוקלין, „ווו עס לערנען תלמידים פון דער גאַנצער וועלט. פון זיי הונדערטער תלמידים פּליטים פאַר וועמען די ישיבה איז אויך אַ היים".

מיר שטעלן זיך נישט אָפּ אויף פילע ישיבות גדולות, וועלכע זענען צע־וואָרפן איבער פיל שטעט, ווייל עס פעלן מיר דאַטעס וועגן דער צאָל תלמידים. מען קען רעכענען מינימום אַרום 15 ישיבות גדולות אין דער פּראָווינץ שוין מיט די ליובאַוויטשער.

מיר קענען נישט אונטערפירן דעם סך הכל פון דאָזיקן וויכטיקן פּרק, נישט ברענגענדיק כאָטש אַן אויסצוג פון אַ באַשרייבונג פון אַ ווינקעלע תורה־טריישאַפט ביי ניו־יאָרק 1):

„אין מאָנסי, לעבן ספּרינג וואלי, ניו־יאָרק, אַ שטעטעלע אַרומגערינגלט מיט געדיכט־באַזעצטע סאָסנע־ביימער, געפינט זיך די היים פון „בית מדרש עליון", וווהין די מתיבתא תורה ודעת פון ברוקלין שיקט אַרויס יעדעס יאָר אייניקע פון אירע אויסגעצייכנטסטע תלמידים אויף צו משלים זיין זיך אין לערנען אָן ווערן געשטערט פון דעם ניו־יאָרקער טומל מיט אַלע זיינע יצר הרעס.

„צווישן די 90 תלמידים וואָס לערנען אין בית מדרש עליון געפינען זיך דרייסיק פאַרהייראַטע יונגע לייט, וועלכע געפינען זיך מיט זייערע פאַמיליעס, פרויען און קינדער, אין דערבייאיקע דירות. יעדער פון די פאַרהייראַטע יונגע־לייט קריגט אַ וועכנטלעכע סומע פון צוויי און פערציק דאָלער. די מענער זיצן גאַנצע טעג אין „כולל" און לערנען און זייערע יונגע פרויען, אַלע אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע טעכטער, פירן די הויז־באַלעבאַטישקייט".

אין אַ וויטערן שמועס וועגן גליק האָט געזאָגט דער ראש הישיבה: „עס איז אויף זיי, אויף די תלמידים,קיין רחמנות נישט — קומט אַריין בעתן לערנען אין גרויסן בית מדרש און איר וועט פאַר זיך זען דעם העכסטן גראַד פון גליק... זיי זענען נישט קיין אָרעמע ישיבה־בחורים נעבעך, זיי האָבן געפונען אין תורה דעם העכסטן גליק פון לעבן".

לויט דעם ווייטער אויסגעלייגטער פּראָגראַם באַקומט זיך, אַז מען לערנט פון פרי האַלב נאָך זיבן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין מיט הפסקות אויף דאַווענען בציבור און אויף עסן.

און „די מערסטע פון די לערנער זענען אַמעריקאַנער געבוירענע".

איך מאַך נישט קיין פירושים און צי נישט קיין שלוסן — איך וויל נאָר ווייזן אַלע ווינקעלעך ווו עס טליעט אַ הייליקער פונק, ווו המשך איז דער ציל פון לעבן, ווו מען איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר יידישקייט. מיר גייט נישט אַזוי אין דער פאָרעם, ווי אינעם תוך — אינעם אש קודש, וואָס אינו אוכל. ווי דער דאָזיקער פונק וועט זיך ווייטער אויסלעבן און אַנטוויקלען אין דער פּראַס־

---

1) „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 12טן מערץ, 1953.

טיקער לופט פון אַמעריקע, וועט די געשיכטע צייגן. איינס איז קלאָר — דער מענטשן־מאַטעריאַל פון אַמעריקע איז נישט אינגאַנצן אויסגעליידיקט, איז נישט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער געשיכטלעכער גאָלדענער קייט, האָט זיך נישט אינגאַנצן אַרויסגעריסן פון דעם המשך־שנור. געוויס, דאָס זענען אַלץ אינדזעלעך, קליינע נישט זייער אָנגעזעענע ווינקעלעך אין ייִדישן לעבן — זיי ווערן ווייט איבערגעדעקט פון די אַסימיליר־כוואַליעס, זיי ווערן כמעט פאַרפלייצט פון די דאָזיקע כוואַליעס — און דאָס מוז מען די גאַנצע צייט האָבן אין גדאַנק און זיך דערמיט ערנסט און מער ווי ערנסט רעכענען. אין נאַציאָנאַלן לאַגער מוז מען אָבער גוט וויסן דעם פאַרמעגן, דעם גייסטיקן קאַפּיטאַל, מיט וועלכן מען קען פאַרזעצן דעם קאַמף. דער מענטשן־מאַטעריאַל, וועלכן מיר האָבן אין דעם ישיבות־קאַפּיטל באַשריבן, איז פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אַן ערשטקלאַסיקער — ער טראָגט אין זיך יענע פאַרהאַרטעוועטע און אויסגעפּרוווטע אין אַלע פייערן פון אַלע גהינומס עקשנות, וואָס האָט געראַטעוועט דאָס ייִדישע גלות־פאָלק פון אונטערגאַנג, פון פאַרשווינדן ווערן.

דער ישיבות־מאַטעריאַל איז אין דעם קאַפּיטל נישט אַזוי באַטראַכט געוואָרן פון שטאַנדפּונקט פון חינוך און לימוד, ווי פון אילוסטרירן די רעטונג־אינדזעלעך אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן. מיר האָבן דאָ געהאַט צו טון דער עיקר מיט די ישיבות גדולות— לויט אונדזער חשבון לערנען אין די דאָזיקע ישיבות צווישן 8־10 טויזנט בחורים און עלטערע פון בחורים. צוזאַמען מיט בקיאות אין תלמוד און פּוסקים און אין מוסר און חסידות דערציט מען אין די דאָזיקע טויזנטער שוין דערוואַקסענע און רייפע מענטשן דעם באַוווסטזיין, אַז זיי זענען פון דער ייִדישער געשיכטע באַרופן און באַשטימט צו שטיין אויף אַן אויסדערוויילטן פּאָסטן — אויפן פּאָסטן פון קאַמף קעגן און פון קאַמף פאַר: קעגן דער אַסימילאַציע און פאַר קיום און המשך. דאָ ווערן דערצויגן סאָלדאַטן און אָפיצירן פון דער אַרמיי, וואָס איז ווי פון גורל אַליין געבראַכט געוואָרן צום גרעסטן ייִדישן קיבוץ, כדי אים אָפּצוראַטעווען פון מיתה בנשיקה, די סאַמע געפערלעכע מיתה.

דער סופר ומונה פון אונדזערע רעל־גיעז־נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס אין דער זיך אַזוי וואַקלענדיקער ייִדישער גלות־וועלט וועט געוויס זיך ערנסט פאַרהאַלטן ביי דעם ישיבה־אינדזעלע, וואָס איז אַזוי אָנגעלאָדן מיט זאַפטיקע נאַציאָנאַלע פּאָטענצן און מיט מלחמת ה׳־גרייטקייט. נסתרים מעשי ה׳ און פיל פראַגע־צייכנס קען מען שטעלן ביים באַטראַכטן דעם נאַציאָנאַלן גורל פונעם גלות־ייִדנטום ביי די מער ווי גינציקע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע און גייסטיק־קולטורעלע פרעמדע באַדינגונגען — דער געבאָט איז אָבער: אל תתיאשו! נישט פאַרצוויי־פלען! און דאָס ישיבה־אינדזעלע, ווי קליין עס איז נישט אין כמות — זיין איכות איז אַן אמתער אוצר.

אין די אַלע ישיבות גדולות ווערן אויך געלערנט לימודי חול, וועלטלעכע

וויסנשאַפטן — דאָס זענען אָבער נישט יענע לימודים חיצוניים פון דער השכלה־עפּאָכע, וועלכע האָבן געהאַט איינעם פון זייערע הויפּט־צילן אַרויסרייסן די ייִדי־שע יוגנט פון דער פרומקייט און פון חסידות. אין אונדזערע צייטן לעבן די דאָזי־קע צוויי מינים תורות־לימודי חול און לימודי קודש — גאַנץ פריינטלעך צווישן זיך און אין פולער האַרמאָניע. נישט נאָר איז ביי אונדז אין ייִדישן לעבן פאָרגע־קומען אַ רעוואָלוציע אין באַצוג צו אמונה און אַפילו צו עקסטרעמער פרומקייט, נאָר די עפּאָכע איז אַ גאַנץ אַנדערע — די מענטשהייט לעבט איבער אַ טיפן איבערברוך אין באַצוג צו אמונה און נישט נאָר אין אירע ראַציאָנעלע, נאָר אויך אין אירע איראַציאָנעלע פאָרמען.

דער ישיבה־דור לכן, וואָס וואַקסט איצטער אין אַמעריקע, איז אַ גאַנץ נייער טיפּ ייִד, אַ מער האַרמאָנישער, מיט אַ גלייכגעוויכט צווישן אמונה און בילדונג און דאָס מיינט אויך צווישן ייִדישקייט און בילדונג. ער קעמפט נישט פאַר בילדונג און וועט לכן נישט קעמפן קעגן אמונה, פּאַקטיש קעגן ייִדישקייט. די אַרומיקע נישט־ייִדישע אַטמאָספער איז זייער גינציק פאַר אַזאַ נייעם טיפּ ייִד, ווייל ער איז אין פולן קאָנטאַקט מיט די אַנטוויקלונג־טענדענצן, וואָס די פעלקער לעבן איבער.

# חינוך

## 1) אַריינפיר

מיר האָבן אין לעצטן קאַפּיטל זיך אָפּגעשטעלט אויף די ישיבות גדולות, ווייל מיר גיבן זיי צו אַ באַזונדער גרויסן ווערט. נאָר זייער השפעה באַגרענעצט זיך און וועט זיך ווייטער געוויס אויך באַגרענעצן אויף קליינע צאָלן תלמידים. אמת, זייער השפעה איז שוין איצט, און וועט מיט דער צייט געוויס ווערן נאָך גרעסער, ווי זייער כמות אין פּרט פון תלמידים. דאָך מוז מען נעמען אין אַכט, אַז דער ברייטער שליאַך פון חינוך פון קומענדיקן דור ליגט נישט אין דער ריכ־טונג פון ישיבות, קטנות און גדולות, נאָר אין יענע פאַרשיידענע טיפן שולעס, וועלכע האָבן זיך שוין איינגעבירגערט אין דער גרעסטער צאָל קיבוצים און וועלכע טראָגן אַלע אַ פיזיאָנאָמיע פון צוגאָב־אינסטיטוציעס. מיר וועלן ווייטער זיך גענויער אָפּשטעלן אויף די באַזונדערע טיפּן שולעס. דאָ וואָלטן מיר געוואָלט פריִער פון אַלץ זיך פאַרהאַלטן אויף אַ פּאָר פּראָבלעמען, וועלכע זענען געמיינזאַם אַלע גלות־לענדער.

עס וועט קיין האָר נישט זיין איבערגעטריבן אויב מיר וועלן זאָגן, אַז די חינוך־פראַגע, די נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע פונעם קומענדיקן דור, איז די ברע־נענדיקסטע און אַקטועלסטע פּראָבלעם, וועלכע באַשעפטיקט דאָס גלות־ייִדנטום אין אַלע זיינע שיכטן. דאָס איז אַן אמת אַבסאָלוט בנוגע אַלע ייִדישע ישובים: אין צפון־אַמעריקע ווי אין לאַטיין־אַמעריקע; אין דער ווייטער דרום־אַפריקע ווי אין צווייטן עק וועלט פון אויסטראַליע; אין אַלע לענדער פון אייראָפּע, חוץ די קאָמו־ניסטישע, ווו ייִדן זענען שטום און טויב. זיי טאָרן נישט רעדן וועגן אייגענע ייִדישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און טאָרן אַפילו נישט הערן וואָס עס טוט זיך ביי זייערע ברידער אין די פרייע לענדער.

די גרונט־פּראָבלעמען, וועלכע זענען רייף אין אַלע ייִדישע תפוצות, זענען פאָלגנדיקע:

1) איבערטראָגן דעם חינוך־עול פון די פאַרשיידענע פּאַרטיי־קרייזלעך, רע־ליגיעזע און קולטור־נאַציאָנאַלע ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס, אויף די קהילות,

אין וועלכער ס׳נישט איז פאַרעם זיי זאָלן נישט פונקציאָנירן און ווי לויז זייער צוזאַמענבונד זאָל נישט זיין. דער שטאַנדפּונקט איז אַ געזונטער — ווי שוואַך די קהילות זאָלן נישט זיין, זייער עקסיסטענץ און זייערע פונקציעס זענען גאַראַנ־טירטער, ווי וועלכע ס׳נישט איז סעפּאַראַטע אָרגאַניזאַציעס און חברות.

די האָפענונגען אויף אַ איינהייטלעכן טיפּ יידישער שולע אָדער לכל הפחות אויף אַ געוויסער צאָל אָבליגאַטאָרישע לימודים פאַר אַלע קאַטעגאָריעס שולעס זענען לעת עתה זייער שוואַך. די פראַגע אָבער וועגן דער צענטראַליזאַציע פון די פינאַנציעלע און אַדמיניסטראַטיוו־אינספּעקטאָרישע זאָרגן פאַר אַלע חינוך־אינסטיטוציעס אין די הענט פון די קהילות אָדער כמו־קהילות איז נישט נאָר שוין רייף אין פילע לענדער, נאָר ווערט שוין טיילוויז דורכגעפירט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן אין פיל קליינע און מיטעלע געמיינדעס און אין פיל קיבוצים ווי אין אַרגענטינע און בראַזיל, אין אורוגוואַי און אין דרום־אַפריקע. אין דער מערהייט פאַלן ווערט דערוויל געדעקט פון די קהילות נאָר אַ טייל פון די ביו־דזשעטן. די טענדענץ אָבער גייט אין דער ריכטונג, אַז די קהילות אָדער כמו־קהילות זאָלן סוף כל סוף איבערנעמען אַלע מאַטעריעלע זאָרגן פון די חינוך־אינסטיטוציעס, נישט אָפּהענגיק פון ריכטונג פון די לעצטע. חוץ, פאַרשטייט זיך, פון די קאָמוניסטישע שולעס, וועלכע זענען אומעטום איזאָלירט און קומען נישט אין באַטראַכט אַלס אָרגאַנישע טיילן פון יידישע דערציִונג־אינסטיטוציעס.

2) די זאָרג פאַר לערער־פּערסאָנאַל. אַ דוחק אין לערער פילט זיך אַבסאָלוט אין אַלע גלות־לענדער און ביי אַלע שול־ריכטונגען. באַזונדערס ביי יענע טיפּן שולעס, וועלכע זענען געווען און זענען נאָך עד היום מער אַ איבערפלאַנץ פון מזרח־אייראָפּע, ווי אַן אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסענע פּרי פון די לאָקאַלע באַדינ־גונגען. דער דאָזיקער טיפּ שולעס, רעליגיעזע און קולטורעל־נאַציאָנאַלע, יידישיס־טישע און העברעיִסטישע, האָט זיך געשפּייזט כמעט אויסשליסלעך מיט לערער פון מזרח־אייראָפּע. דאָס איז געווען גאָר אַן אייגנאַרטיקער טיפּ לערער, אָפט אָן פּעדאַגאָגישער בילדונג, האָט זיי אידעאַליזם און זיינע גרינטלעכע יידיש־ און העברעיִש־קענטענישן מער ווי געדעקט זיינע פּעדאַגאָגישע חסרונות. אויב מיר פאַרמאָגן נאָך איצט אַ גאַנצע נעץ הויך־קוואַליפיצירטע תלמוד־תורות, יידיש־שולעס און ישיבות אין צפון־אַמעריקע, און אין פילע אַנדערע גלות־לענדער איז דאָס דער גרויסער היסטאָרישער פאַרדינסט פון די דערמאָנטע אידעאַליסטן. עס זענען פאַראַן צווישן די לעצטע פיל העכסט באַרופענע און געבילדעטע פּעדאַגאָגן, וועלכע האָבן זייער לעבן געווידמעט דער שולע פון די דערמאָנטע טיפּן. די מערהייט אָבער האָט געגומען מער מיט אידעאַליזם, ווי מיט פּעדאַגאָגיק.

דער דאָזיקער געבענטשער לערער־קוואַל האָט זיך שוין כמעט ווי אויסגעע־שעפּט — קיין צושטראָם פון מזרח־אייראָפּע איז מער נישט פאַראַן. ישראל קען

דערוויל, ליידער, נישט פּאַרבייטן מזרח־איראָפּע נישט אין כמות און צוליב געוויסע סיבות אויך נישט אין איכות.

3) עס גייט אָבער נישט נאָר אין דעם דוחק אין לערער — אויך בנוגע דער פּראָגראַם לעבן מיר איבער אַן איבערגאַנג־צייט.

מיטן אונטערגאַנג פון דעם מזרח־איראָפּעישן צענטער האָט אויך זיין קול־טור, די רעליגיעזע, אָבער נאָך מער די וועלטלעכע, פאַרלאָרן פיל פון איר השפּעה און פון איר צוזאָגן להבא. פון דער צוויטער זייט באַשטייט שוין די גרויסע מערהייט קינדער אין די שולעס פון געבוירענע ביי אַמעריקאַנער עלטערן. די זעלבע לאַגע איז אין איראָפּע און אין דרום־אַמעריקע און אויסטראַליע. דער חילוק איז נאָר אין די פּראָצענטער — אין די שטאַטן קען מען רעכענען מינימום 80 פּראָצענט פון די קינדער אין די יידישע שולעס אַלס געבוירענע ביי אַמערי־קאַנער מלידה. דער גאַנצער סכום ווערטן, וועלכער האָט אַזוי טיף באַהערשט און באַגייסטערט דעם ערשטן דור איינוואַנדערער, האָט נישט נאָר פיל פאַרלאָרן פון זיין גלאַנץ און השפּעה, נאָר איז גאָר נישט פאַרשטענדלעך פאַרן אייניקל פונעם אימיגראַנט. חוץ דעם, איז דאָך דאָס אייניקל פונעם אימיגראַנט שוין אַ וואָרצל־קינד פונעם לאַנד, ווו ער איז געבוירן. מוז מען אים געבן גייסט־שפּייז פון זיין לעבן, פון זיין סביבה, פון זיינע קולטור־וועלטן און צוגעפּאַסט צו זיינע קולטור־השגות. דאָס איז גאָר אַ נייע פּראָבלעם, צו וועלכער גראַדע די שולעס מיט אַ מאַקסימום נאַציאָנאַלער השפּעה זענען אַמווייניקסטן צוגעגרייט.

די לאַגע ווערט נאָך קאָמפּליצירטער און פאַרוויקלטער אַ דאַנק דעם אויפקום פון מדינת ישראל. עס איז גאָר נישט איבערצושאַצן דעם קאָלאָסאַלן ווערט, וואָס מדינת ישראל האָט שוין באַקומען אין דער דערציִונג פונעם קומענדיקן דור. דאָס איז אַלץ אָבער זייער אויבנאויפיק און באַגרענעצט זיך מער מיט דעמאָנסטראַ־טיווע דערציִונג־מיטלען, ווי לידער זינגען, טענץ וכדומה. ישראל מוז אָבער אַריינגעפּלאָכטן ווערן אָרגאַניש אין דער חינוך־פּראָגראַם פון די קינדער אין די תפוצות. דער נאַציאָנאַלער זאַפט פונעם גלות איז אַזוי אָרעם פאַר די צאַרטע נשמות פון די קינדער; דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט פון יידישן לעבן אין די גלות־לענדער איז אַזוי קאָלירלאָז און אַזוי מאָגער אין באַזונדערטקייטן און אייגנאַרטיקייטן, אַז עס פעלט פּשוט אויס מאַטעריאַל אויף צו ווירקן נאַציאָנאַל אויף דער פאַנטאַזיע און אויפן מוח פונעם יידישן תלמיד. לערן־ביכער — אָבער מיט אינהאַלט פון לעבן אין ישראל זענען זייער קנאַפּ. די פראַגע איז אפשר פיל קאָמפּליצירטער ווי נאָר מאַטעריאַל פאַר לערן־ביכער. מען דאַרף דאָך פּרִיער באַשטימען אין וואָסער אַ פאָרעם דער ישראל־מאַטעריאַל זאָל געגעבן ווערן דעם גלות־קינד: אַלס אַ צוגאָב צום יידישן לעבן אין גלות? אַלס אַ פולע נעגאַציע פון דעם דאַזיקן נאַציאָנאַל־קאָלירלאָזן גלות־לעבן? אַלס איינער פון די וויכטיק־סטע פאַקטאָרן פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן? אָדער אַלס דער צענטראַלער און

וויכטיקסטער, דער גורל־באַשטימענדיקער גורם פון דער צוקונפט פון גאַנצן פאָלק?

פון די דאָזיקע עטלעכע אַלגעמיינע פּראָבלעמען און שוועריקייטן פון דער חינוך־לאַגע אין די גלות־לענדער גייען מיר איבער צו דער קאָנקרעטער לאַגע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

## 2) רעליגיעזע און עטנישע שולעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן

אידער מיר גייען איבער צום קאָנקרעטן יידישן חינוך אין אַמעריקע איז ראַטזאַם כאָטש קורץ זיך אָפּצושטעלן אויף דער אַטמאָספער אין וועלכער עס קומט אויס יידן צו זאָרגן פאַרן יידישן חינוך. מיר זאָגן נישט צופעליק „צו זאָרגן", ווייל קעמפן קומט דאָ נישט אויס — דער געזעץ שטערט נישט קיין שום רעליגיעזע און קיין שום נאַציאָנאַלע גרופּעס צו האָבן זייערע אייגענע שולעס, מ'מוז נאָר דורכ־מאַכן דעם אָבליגאַטאָרישן קורס פון דער עלעמענטאַרער מלוכה־שול. חוץ דער דאָזיקער צוואַנג־פּראָגראַם בלייבט פריי פאַר די מינדערהייטן צו לערנען מיט די קינדער וויפל זיי ווילן און וואָס זיי ווילן.

מיר האַלטן פאַר נויטיק זיך צו פאַרהאַלטן אויף דער דאָזיקער זייט פון דער פראַגע, מחמת אין אַמעריקע איז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אָפט פיל וויכטיקער ווי דער אָפיציעלער געזעץ. ווי האַלט דאָס מיט דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער מיינונג?

די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָבן כמעט אַלע דאָ געבויט רעליגיעז־נאַציאָ־נאַלע שולעס, דער עיקר די קאַטוילישע מינדערהייטן און צווישן די לעצטע באַ־זונדערס די מינדערהייטן, וועמענס פעלקער זענען געווען אין אייראָפּע נאַציאָנאַל אונטערדריקט. די איניציאַטיוו אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט גענומען אויף זיך די קאַטוילישע קירכע, וועלכע האָט בכלל געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די איינוווינער פון די קאַטוילישע לענדער. אָט זענען אַ פּאָר ציפער וועגן די קירכ־לעכע שולעס אין יאָר 1916 1): פון 1 מיליאָן מיט 425 טויזנט פּוילישע תלמידים אין קירכלעכע שולעס האָבן געלערנט אין שולעס, וווּ עס האָט געהערשט די פּוילישע שפּראַך — 1 מיליאָן מיט 165 טויזנט אָדער 81.7 פּראָצענט. פון 150 טויזנט מיט 277 ליטווישע תלמידים אין ליטווישע קירכלעכע שולעס האָבן 140 טויזנט מיט 140 געלערנט אין שולעס מיט דער ליטווישער שפּראַך, אַלזאָ העכער 93 פּראָצענט.

דאָס איז אָבער געווען נאָר ביי די ערשטע סטאַדיעס פון דער איינוואַנדערונג. וואָס מער די איינגעוואַנדערטע באַפעלקערונג האָט זיך אַריינגעגלידערט אין דער

1) ב. שערמאַן, זייט 165.

אַמעריקאַנער סביבה, אַלץ מער האָבן זיי געריסן מיט דער פרעמדשפּראַכיקער שולע און געגאַנגען אין די אַלגעמיינע ענגלישע שולעס. ריכטיקער, אַלץ מער זענען די קירכלעכע שולעס געוואָרן אויס עטנישע און זענען איבערגעגאַנגען אויף ענגליש. אַזוי האָבן מיר דאַטעס פאַר די פּאָליאַקן פאַר אַ שפּעטערדיקן צייט־פּונקט (1947) און וועגן זיי שרייבט דער ציטירטער שערמאַן: „היינט צו־טאָג געפינען זיך אין לאַנד 560 פּויליש־קאַטוילישע פּאַראַכיאַלע שולעס מיט 5.000 לערערס און אַן ערך 300 טויזנט קינדער". דאָס איז כמעט פיר מאָל ווייניקער, ווי אין יאָר 1916. מיר פאַרשפּאָרן צוצוגעבן, אַז די פּוילישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַר די פאַרגאַנגענע 32 יאָר שטאַרק פאַרגרעסערט.

מיר האָבן גענומען די דאַטן וועגן די פּאָליאַקן, ווייל דאָס איז די נאַציאָנאַל־סטע גרופּע און דאָך גיט זי זיך אויך לינגוויסטיש אונטער.

דער ציטירטער ב. שערמאַן קומט צו פאָלגנדיקע אויספירן: „די קאַטוילישע פּאַראַכיאַלע שולעס הערן אויף צו זיין עטנישע שולעס".

דאָס איז געוויס ריכטיק — אינטערעסאַנט איז אָבער פאַר אונדזער טעמע דער וווקס פון די קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע שולעס, דער עיקר פון די ערשטע. און דאָס איז גראָדע אַ דערשיינונג פון די גאָר לעצטע יאָרן, ווי זינט מען האָט אָנגעהויבן שטאַרק באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דער נויטווענדיקייט פון רעליגיע אין די פּאַבליק־סקולס. אַזוי האָבן מיר וועגן די קאַטוילישע שולעס פאָלגנדיקע זייער אינטערעסאַנטע דאַטעס 1): אין יאָר 1930 האָבן די קאַטאָליקן געהאַט 10.430 שול־אינסטיטוציעס מיט 2 מיליאָן 598 טויזנט שילער. אין 1942 האָבן זיי געהאַט — 10.553 שול־אינסטיטוציעס מיט 2 מיליאָן מיט 587 טויזנט תלמידים, אַלזאָ אַ פאַרקלענערונג, באַזונדערס ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם צוּוווקס פון דער באַפעלקערונג, וועלכע איז ביי קאַטאָליקן העכער פונעם דורכ־שניט פאַרן גאַנצן לאַנד. אין יאָר 1952 זענען שוין געווען 2) — 11 טויזנט מיט 519 שולעס און מיט קרוב 4 מיליאָן שילער! דער צוּוווקס פון קרוב אַנדערטהאַלבן מיליאָן תלמידים אין איינע צען יאָר איז איבערראַשנדיק אַפילו אויב מען נעמט אין באַטראַכט דעם אינטענסיוון וווקס פון דער באַפעלקערונג אין די לעצטע צען יאָר.

ס'איז ביז גאָר אינטערעסאַנט די פאַרטיילונג פון די שילער אין די קאַטוי־לישע שולעס לויט די קאַטעגאָריעס 3): אַריבער דריי מיליאָן שילער לערנען אין די עלעמענטאַרע קאַטוילישע שולעס; העכער 600 טויזנט אין די האַי־סקולס; און העכער 350 טויזנט אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן.

1) ב. שערמאַן, זייט 206.
2) „ניו־יאָרק־טאַימס", 30טן מערץ, 1952.
3) „ניו־יאָרק־טאַימס", 30טן מערץ, 1952.

לויט די סאַמע לעצטע ידיעות 1) גרייכט שוין די צאָל שילער אין די עלע־מענטאַרע און האַי־סקולס ביז 3 מיליאָן מיט 750 טויזנט און מיט די קרוב 400 טויזנט אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן וועט שוין גרייכן די צאָל שילער אין אַלע טיפּן קאַטויילישע שולעס, וויט אַריבער 4 מיליאָן.

אינטערעסאַנט איז דער וווקס פון די שילער אין די פּראָטעסטאַנטישע שו־לעס 2): אין 3.000 פּראָטעסטאַנטישע שולעס לערנען אַרום 186 טויזנט שילער. און די צאָל שילער אין די רעליגיעזע שולעס האַלט אין וואַקסן, כאָטש עס איז אָנגענומען, אַז פּאַקטיש איז די אַמעריקאַנער מלוכה־שולע אַ פּראָטעסטאַנטישע. עס איז גענוג וואָס זי איז אַ קריסטלעכע און דאָס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז זי זאָל פּאַקטיש זיין אַ פּראָטעסטאַנטישע. אין דער דעבאַטע וועגן דער נויטווענ־דיקייט און ראַטזאַמקייט איינצופירן רעליגיע אין די שולעס האָט נישט איין גע־לערנטער אָנגעוויזן, און מיט רעכט, אַז די שטאַטלעכע שולע איז פּאַקטיש אַ קריסטלעכע. און נישט נאָר ווייל מען פּייערט אַלע קריסטלעכע יום טובים, נאָר ווייל די גאַנצע ליטעראַטור און אויך די געשיכטע פון אַמעריקע איז דורכגע־דרונגען מיט קריסטנטום.

בערך 60 פּראָצענט 3) פון אַלע קאַטוילישע קינדער אין שול־עלטער אין אַמעריקע באַזוכן די רעליגיעזע שולע. כדי צו האָבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן די קאָלאָסאַלע סומעס וואָס אַזאַ נעץ שולעס קאָסט אויסצוהאַלטן איז גענוג צו ברענגען פאָלגנדיקע דאַטעס 4): אויף נייע געביידעס געבויט אין די יאָרן 1951 און 1952 איז געווען באַשטימט קרוב 131 מיליאָן דאָלער און אויפן קומענדיקן יאָר איז געווען באַשטימט העכער 109 מיליאָן דאָלער אויף נייע געביידעס.

מיר האָבן געבראַכט די דאָזיקע ידיעות נישט צופעליק — מיר מיינען, אַז מען קען פון זיי פיל אָפּלערנען. געווען אַ צייט ווען די יידישע באַפעלקערונג האָט אַפילו הערן נישט געוואָלט וועגן באַזונדערע יידישע שולעס — טריף! די מורא פאַר סעפּאַראַציע איז געווען אַן אַלגעמיינע. פון אינטעגראַלע יידישע שולעס האָט מען אַפילו צווישן ציוניסטן און צווישן פּועלי ציון, חוץ גאָר זעלטענע אויס־נאַמען, נישט געהאַלטן. און אַפילו צווישן די אָרטאָדאָקסן זענען די אָנהענגער פון גאַנצע יידישע שולעס געווען אויסנאַמען. די אָרטאָדאָקסישע צייטונג „דער מאָרגן־זשורנאַל" האָט אין אַ לייט־אַרטיקל געהאַט געשריבן צוריק מיט אַ יאָר צען, אַז ווען מיר זאָלן האַלטן ביי יידישע סעפּאַראַטע שולעס מיט קרוב צען פּראָצענט קינדער פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער, וואָלטן מיר זיך

1) „ניו־יאָרק־טאַימס", 17טן אַפּריל, 1955.
2) „ניו־יאָרק־טאַימס", 2טן מאַי, 1952.
3) „טאַימס", 30טן מערץ, 1952.
4) איביד.

ערנסט פֿאַרטראַכט צי מען זאָל פֿאַרזעצן זייער גרינדונג. נאָר דערצו איז אזוי ווייט, אַז עס איז לעת עתה נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך די לאַגע אַ ביסל געענדערט — די אָרטאָדאָקסיע גייט געוואַגט אין דער דאָזיקער אַרבעט. די פּועלי ציון זייער פֿאַרזיכטיק און מיט אַרומקוקן זיך. נאָר איינס מוז מען פֿעסטשטעלן — דער פּחד פֿאַר סעפּאַראַציע, פֿאַר אָפּרייסן די ייִדישע קינדער פֿונעם שטראָם פֿון דעם גאַנצן אַמעריקאַנער יונגן דור איז געוואָרן פֿיל שוואַכער. דאָס דערקלערט זיך געוויס אין אַ גרויסער מאָס מיט דער השפּעה פֿון די קאַטאָליקן, וועלכע פֿירן שוין אַפֿילו אַ קאָלאָסאַלע אַגיטאַציע פֿאַר שטיצע מצד די שטאַטן פֿאַר זייערע שולעס — און זיי געפֿינען מליצי יושר. אָט די דאָזיקע קאַטוילישע געוואַגטקייט גיט צו מוט די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ייִדישע עלעמענטן און אין די ישיבות קטנות זענען שוין פֿאַראַן אַרום 7־8 פּראָצענט פֿון אַלע קינדער אין ייִדישע שולעס. מיט די וויניקע אינטעגראַלע שולעס פֿון פּועלי ציון־כּנרת! — און פֿון בירגערלעכע ציוניסטן וועט שוין זיין אַרום 10 פּראָצענט תּלמידים אין ייִדישע לערן־אינסטיטוציעס. דאָס איז אָבער נישט מער אַרום 3־4 פּראָצענט פֿון אַלע ייִדישע קינדער אין שול־עלטער! לכן אַרום 15־20 מאָל וויניקער ווי ביי די קאַטאָליקן!

ס'איז זייער וואַרשיינלעך, אַז דער אינטענסיווער וווּקס פֿון די מיטגלידער פֿון די קאָנגרעגעישנס וועט פֿאַרשנעלערן דעם וווּקס פֿון גאַנצע שולעס — אַ שולע ביי דער סינאַגאָגע, מעג זי זיין אַפֿילו נישט נאָר אַ רעליגיעזע, נאָר טיילווייז אויך אַ נאַציאָנאַלע, וועט וויניקער אויפֿרייסן די אויגן פֿון דער אַרומיקער נישט־ייִדישער וועלט און וועט אויך וויניקער שרעקן די ייִדישע באַפֿעלקערונג, ביי וועלכער די טענדענץ צו אינטעגרירונג, וואָס טיפֿער אַריינוואַקסן אין די אַרומיקע מערהייט, איז נאָך אַלץ דער גרעסטער אידעאַל. לאָמיר וואַרפֿן אַ קורצן בליק אויף דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן חינוך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

## 3) די אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן חינוך אין די שטאַטן (1910־1935).

מיר קענען נישט דאָ זיך אַריינלאָזן גאָר טיף אין דער צייט, כּדי צו געבן אַ פֿול בילד פֿון דער ייִדישער דערציִונג־סיסטעם, ריכטיקער, פֿון די ייִדישע חינוך־סיסטעמען, וועלכע האָבן געהערשט ביים אַמעריקאַנער ייִדנטום ביז סוף 19טן יאָרהונדערט. קורץ קען מען זאָגן, אַז דאָס דייטשע ייִדנטום און דער אַרויפֿגעשטיגענער טייל פֿונעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָט צום ערשטן צענדליק יאָר פֿון לויפֿנדיקן יאָרהונדערט געפֿילט זיך צופֿרידן מיט די זונטיק־שולעס, וועלכע ישראל טשיפּקין, דער וויצפּרעזידענט פֿון דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט פֿאַר

יידישן חינוך, האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט 1): „מען האָט געלערנט אַ ביסל ביב־לישע געשיכטעס, עטישע פּרינציפּן, די צוגעהעריקייט צו דער געמיינדע און ענגליש דאַווענען אויפן אָרט פונעם העברעיִשן סידור".

די גרויסע מזרח־אייראָפּעיִשע איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסע איז געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט דאגות־פּרנסה, מיט די עלעמענטאַרע נויטן און באַדער־פעניִשן און מיט דעם ברענענדיקן רצון וואָס גיכער זיך אַריינצופּאַסן אין דער נייער געזעלשאַפט עקאָנאָמיש און שפּראַכלעך־קולטורעל און פאַרזאָרגן די קינדער מיט אַ בעסערער צוקונפט ווי זיי אַליין איז געווען באַשערט, אַז זי זאָל געווען קע־נען ערנסט זיך פאַרטראַכטן, אַז ביי דער אינטעגרירונג אין דער אַרומיקער נייער געזעלשאַפט, זאָל נישט פאַרשלונגען ווערן איינגאַנצן דאָס פּינטעלע ייִד, זאָל נישט צערונען ווערן די גאַנצע גייסטיק־קולטורעלע ירושה, וועלכע מען האָט געבראַכט פון דער אַלטער היים.

די אינטעליגענץ, וועלכע איז ביז אָנהייב 20טן יאָרהונדערט געקומען מיט די גרויסע יידישע מאַסן, איז געווען אַקטיוו אַסימילאַטאָריש און געלייקנט אין וועלכע ס'נישט איז נאַציאָנאַלע אינטערעסן — האָט מען פיל אויפגעטון פאַר די קלאַסן־אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער, וואָס זייער צאָל איז געווען גאַנץ באַדייטנדיק שוין סוף 19טן יאָרהונדערט און האָט געהאַלטן אין איין אינטענסיוון וואַקסן מיט דעם שטייגן פון די אויסוואַנדערונ־כוואַליעס פון רוסלאַנד און פּוילן. וועגן נאַציאָנאַלע אינטערעסן צי גאָר צילן האָט מען פּשוט אין די דאָזיקע קרייזן נישט געטאָרט רעדן.

ערשט דער שטראָם איינוואַנדערער פון נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם און דער עיקר נאָכן דורכפאַל פון דער רוסלענדישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס איז פאַרפּלייצט געוואָרן מיט הונדערטער יידן־פּאָגראָמען, איז געקומען קיין אַמעריקע אַ נייע יידישע אינטעליגענץ פון אַלע יענע פּאָליטישע ריכטונגען און צילן, וועלכע האָבן זיך אַזוי צעוואַקסן און צעבליט אין רוסלאַנד־פּוילן. די דאָזיקע רעוואָלו־ציאָנערע אינטעליגענץ, רעוואָלוציאָנערע נישט נאָר אין סאָציאַל־פּאָליטישן זין נאָר בפירוש אויך אין נאַציאָנאַלן זין, האָט די ערשטע געשטעלט די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלער דערציִונג, וועגן דעם, אַז צו דער אינטעגרירונג אין דער אַרומיקער געזעלשאַפט מוז נאָך צוקומען די זאָרג פאַרן יידישן עתיד, פאַר קיום אַלס יידן און פאַר המשך פון יידישקייט. קען מען רעכענען, אַז פון 1910 הייבט זיך אָן אין אַ געוויסן זין אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער דערציִונג אין אַמעריקע — צי די דערמאָנטע יידישע נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ האָט געמאַכט גרויסע דערפאָלגן אין אַמעריקע, וועלן מיר זען ווייטער. יעדנפאַלס איז דאָס ער־

1) Israel Chipkin, *Twenty Five Years of Jew. Education*, in American Jewish Year Book, 1936, p. 33.

שטע מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן חינוך אין אַמעריקע געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט אין דער דערציִונג. דאָס ערשטע מאָל איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פאָרשונג מיט אַ ציל וויניקסטנס פעסטצושטעלן דעם מצב אין דער יידישער דערציִונג.

לאָמיר זיך באַקענען מיט די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער ערשטער חינוך־פאָרשונג, דורכגעפירט פון ד״ר בענדערלי 1): די צאָל יידישע קינדער אין שול־עלטער איז גערעכנט געוואָרן אין יאָר 1910 אַרום 300 טויזנט (פון 6 ביז 14 יאָר). פון זיי האָבן באַקומען וועלכע ס׳נישט איז יידישע דערציִונג אַרום 100 טויזנט, אַלזאָ בערך 33 פּראָצענט. לויט די חינוך־סיסטעמען האָבן זיך די 100 טויזנט יידישע שול־קינדער אַזוי געטיילט: חדרים און מלמדים אין די היימען פון די קינדער אַרום 40 טויזנט, אָדער 40 פּראָצענט; אַרום 26 טויזנט, אַלזאָ 26 פּראָצענט האָבן געלערנט אין די זונטיק־שולעס אין טאָג אין דער וואָך; ווייטערע 26 טויזנט קינדער — 26% — האָבן געלערנט אין די תלמוד־תורות, יעדן וואָכנטאָג נאָכמיטיק; די איבעריקע, אַרום 8 טויזנט, האָבן געלערנט 3־2 מאָל אין דער וואָך אין קאָנגרעגעישנס־שולעס.

די ציפער זענען געוויס וויכטיק, נאָר נישט וויניקער וויכטיק איז צו וויסן וואָס און ווי מען האָט געלערנט מיט די קינדער. אָט ווי דער ציטירטער ישראל טשיפּקין כאַראַקטעריזירט די חינוך־סיסטעמען: מעכאַניש דאַווענען אין סידור, קידוש און קדיש זאָגן — אָט דאָס זענען געווען די פאָדערונגען, וואָס די עלטערן האָבן געשטעלט די מלמדים פון די חדרים און די היים־מלמדים. די חדרים זענען געווען אין שרעקלעכע היגיענישע באַדינגונגען. נישט פיל בעסער זענען געשטאַנען די לימודים אין די תלמוד־תורות. די זונטיק־שולעס האָבן מיר שוין העכער כאַראַקטעריזירט — און די קאָנגרעגעישנס־שולעס זענען נישט געווען בעסער ווי די זונטיק־שולעס.

די אַסימילירטע טיילן פונעם אַמעריקאַנער יידנטום זענען געווען רויִק און גאָר וויניק געטראַכט און געזאָרגט פאַר יידישן המשך — די גרויסע איינגעוואַנ־דערטע מאַסן האָבן זיך געלאָזט פירן פון דער אַסימילירטער אינטעליגענץ, וועלכע האָט נישט נאָר צוגעזאָגט פאַר דער צוקונפט אַ ליכטיקערע און בעסערע וועלט, נאָר אויך אַ באַלדיקע פאַרבעסערונג פון דער לאַגע, וועלכע איז געווען אַ פאַר־צווייפלטע.

1910 קומט אַן איבערברוך. די געגרינדעטע אין ניו־יאָרק קהילה האָט געשאַפן אַ ספּעציעלן חינוך־קאָמיטעט און האָט דורכגעפירט דורך דעם דער־מאָנטן ד״ר בענדערלי די דערמאָנטע פאָרשונג אין וועלכער עס זענען פאַראַן פיל אַנדערע סימנים פון אַ נייער תקופה. אַזוי זענען אין יאָר 1911 פעסט־

1) איביד, זייט 34.

געשטעלט געוואָרן צוויי יידישע רעליגיעזע טאָג־שולעס 1). ענלעך צו די העכער דערמאָנטע קאַטוילישע. 1910 ווערט געגרינדעט, פון דעם אַרבעטער פאַרבאַנד 2) די ערשטע ראַדיקאַלע שולע מיט יידיש אַלס לימוד־שפּראַך און מיט אַ גרויסן קורס העברעיִש. דאָס איז געווען אַ צוגאָב־שולע, אָבער מיט אַ קורס 5־4 מאָל אין דער וואָך. 1913 ווערט געגרינדעט די ערשטע נאָכמיטיק־שולע פון שלום עליכם־פאָלקס־איסטיטוט. 1918 ווערט געגרינדעט די ערשטע נאָכמיטיק־שולע פון אַר־בעטער־רינג. די תלמוד־תורות האָבן גענומען ענדערן זייער פיזיאָנאָמיע און זענען געוואָרן פאָלקס־שולעס מיט אַ ברייטער פּראָגראַם פאַר העברעיִש און רע־ליגיע 3). אַזוי שרייבט ד״ר שמואל בלומענפעלד, אַן אויטאָריטעט אין אַמעריקאַ־נער חינוך־פראַגן: „ס׳איז נישטאָ גאָר קיין צווייפל, אַז די תלמוד־תורות האָבן אַ שטיק צייט געדינט אַלס אַ וויכטיקע חינוך־אינסטיטוציע. פיל שעהן פלעגן זיין געווידמעט רעליגיעזע לימודים און דער העברעיִשער שפּראַך״.

באַקענט מען זיך נענטער מיט די אַלע נאָר וואָס פעסטגעשטעלטע רמזים און סימנים פון אַ נייער תקופה אין דער דערציִונג־לאַגע אין אַמעריקע מוז מען, ליידער, פעסטשטעלן, אַז די דאָזיקע אַלע התחלות און איניציאַטיוועס זענען דורכ־געפירט געוואָרן דורך נישט־לאַנג־געקומענע קיין אַמעריקע יידישע אינטעליגענטן —מען האָט געפּרוווט מיט גרויסע אָנשטרענגונגען אַריבערפלאַנצן אַהערצו חינוך־סיסטעמען און דערציִונגס־אינסטיטוציעס, וועלכע זענען אין מזרח־אייראָפּע געווען אָרגאַנישע געוויקסן פון די ספּעציפישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן. איז בענ־דערלי געווען אַ חובב שפת עבר און געווירקט מיט דער הילף פון פיל געקו־מענע פון מזרח־אייראָפּע העברעיִשע לערער און סתם ציוניסטן צו רעפאָרמירן די תלמוד־תורות און זיי פאַרוואַנדלען אין העברעיִשע פעסטונגען, האָבן די ראַדי־קאַלע אינטעליגענטן, ווי פּועלי ציון, בונדיסטן און סתם לינקע יידישע אינטעלי־גענטן געפּרוווט פאַרפלאַנצן יידיש און פאַרזיכערן די צוקונפט פון דער דאָזיקער שפּראַך אין אַמעריקע, ווהין עס האָבן געשטראָמט געדיכטע יידישע מאַסן פון לענדער, וווּ מען איז געשטאַנען אין שווערן קאַמף פאַר קולטור־אויטאָנאָמיע. מען האָט געהאָפט און געגלויבט, אַז די שולע קען ווערן דער בעסטער פאַקטאָר פאַר אַזאַ איבערפלאַנצונג.

דער געדאַנק, אַז די מאַסן קומען נישט מיט קיין ליידיקע נשמות און אויך נישט מיט קיין פּוסטע מוחות איז געוויס אַ געזונטער. עס איז אַן אמת נישט נאָר בנוגע גייסטיק־קולטורעלע גע‍ביטן נאָר אויך בנוגע סאָציאַל־עקאָנאָמישע

1) All Tag Schools in the United States, 1948-49, March, 1949, p. 4.

2) ח. בעז, פון קאָסמאָפּאָליטיזם ביזן אויפקום פון נאַציאָנאַלע אידייען, אין „צו־קונפט״, נאָוועמבער־דעצעמבער, 1954.

3) ד״ר שמואל בלומנפילד, החינוך היהודי בארצות הברית, „בצרון״, אָקטאָ־בער, 1954.

און פּאָליטישע. די נייע באַדינגונגען מוזן אָבער זיין מער אָדער ווייניקער האַרמאָניש צוגעפּאַסט פאַרן המשך פון די מיטגעבראַכטע גיטער — טרעט אַריין אַ סתירה צווישן די מיטגעבראַכטע גיטער און די נייע באַדינגונגען מוזן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיך אונטערגעבן די אימפּאָרטירטע נכסים. עס קענען אויך קומען קאָמפּראָמיסן אָדער צייטווייליקע ניצחונות — דער דורותדיקער גורל ווערט באַשטימט פון די נייע לעבנס־באַדינגונגען.

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף די רעזולטאַטן פון דער חינוך־אַנטוויקלונג אין די ערשטע 25 יאָר פון דער מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניקער חינוך־טעטיקייט. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די יאָרן פון 1910 ביז 1935 זענען געווען, חוץ קליינע אויסנאַמען פון די יאָרן פון 1929 ביז 1936 אין אַמעריקע, צייטן פון עקאָנאָמישער פּראָספּעריטי און פון גרויסער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג ביים אייראָפּעיִשן יידנטום.

די באַלפור־דעקלאַראַציע פון איין זייט, די רוסישע רעוואָלוציע פון דער צווייטער זייט — ביידע דערשיינונגען האָבן שטאַרק געהויבן די נאַציאָנאַלע שטימונגען אין אַלע כנפות פון יידישער צעשפּרייטקייט און אינטענסיווירט די יידישע נאַציאָנאַלע טעטיקייט אין אַלע גלות־לענדער. דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין איז געוואָרן אויך ביים אַמעריקאַנער יידנטום רייפער און ווירקזאַמער. אימפּאָרטירטע אידייען און שטרעבונגען האָבן באַקומען מער וואָג און געפונען מער חן אין די אויגן פון ברייטערע קרייזן — אומדירעקט האָבן זיי אויך געווירקט אויף יענע עלעמענטן, וועלכע האָבן אָן קאַמף אָנגענומען דעם דיקטאַט פון דער נייער סביבה און כמעט אַלע הונדערט פּראָצענט זיך צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון די נייע באַדינגונגען. מיר זאָגן „כמעט", ווייל דער זונטיק־לימוד פון דאַווענען אין אַן ענגלישן סידור און דער „קדיש"־זאָגן פונעם חדר מיטן מלמד, זענען געווען פאַקטיש אַ הונדערטפּראָצענטיקע צופּאַסונג צו דער פרעמדער סביבה.

די אימפּאָרטירטע דריי נאַציאָנאַלע געוויסנס זענען געווען פון פאַרשיידענער נאַציאָנאַלער השפּעה: דער אָרטאָדאָקסישער שטראָם האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן אלוהי ישראל, עם ישראל און התורה הקדושה (קוב״ה, ישראל ואורייתאָ חד הוא), אויף טויזנט־יאָריקע טראַדיציעס, וועלכע קענען ביי געוויסע באַדינגונגען זיך אַריינרייסן אַפילו אין דער נשמה פונעם אַסימילירטעסטן יידן. די העברעיִסטן־ציוניסטן האָבן זיך אָנגעליינט אויף עם ישראל, ארץ ישראל און לשון־קודש — דאָ זענען געווען אַלטע טראַדיציעס געפּאָרט מיט די מאָדערנסטע נאַציאָנאַלע טענדענצן אין אייראָפּע; העכסטע אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן געבונדן מיט לייזן די ברענענדיקסטע קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון ברייטע מאַסן. דער יידישיזם, דער ייִנגסטער און דער אַמשוואַכסטן אָנגעלאָדענער מיט טראַדיציעס און מיט קדושה, איז געקומען מיט די מאָדערנסטע אידייען פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פרייהייט און זעלבסטבאַשטימונג.

מיר קענען ליידער זיך נישט אָפּשטעלן באריכות אויף דעם חינוך־מצב אין אַמעריקע אין יאָר 1935. מיר וועלן אויסנוצן די קורצע אויספירן פון ישראל טשיפּקין, וועלכן מיר האָבן העכער ציטירט. ער גיט נישט צו קיין גרויסן ווערט די שאַצונגען וועגן דעם פּראָצענט שול־ קינדער לגבי דער צאָל קינדער אין שול־עלטער. די שאַצונגען זענען נישט גענוג באַגרינדעט. פיל מער ווערט און וואָג האָבן די שאַצונגען וועגן דער פּאַרטיילונג פון די שול־קינדער לויט די מינים שולעס און דאָס מיינט אויך לויט די מעגלעכע דערפאָלגן פון דעם שול־באַזוך.

דער פּראָצענט קינדער אין תלמוד־תורות, פּאַקטיש אין רעליגיעז־נאַציאָנאַ־לע שולעס מיט אַ פיינעם קורס העברעיִש איז געשטיגן פון 35 פּראָצענט אין 1910 אויף 55 פּראָצענט אין 1935. און זאָל גלייך צוגעגעבן ווערן, אַז אין די תלמוד־תורות האָבן די העברעיִסטן און די אָרטאָדאָקסן קאָנצענטרירט זייער גאַנ־צע ענערגיע און מען האָט געלערנט 5־4 מאָל אין דער וואָך, מינימום 3 מאָל אין דער וואָך און אָפט יעדעס מאָל 3־2 שעה, דאָס מיינט פון 8 ביז 10 שעה אין דער וואָך. די זונטיק־שולעס האָבן געהאַט אין 1910 אַרום 26 פּראָצענט פון אַלע שול־קינדער און אין 1935 37.5. די חדרים, אַלטמאָדישע, וועלכע האָבן געהאַט אין 1910 אַרום 40 פּראָצענט פון אַלע שול־קינדער, זענען אַראָפּגעפאַלן אויף אַזעלכע 6 פּראָצענט, אַלזאָ האָבן געהאַלטן ביים גוססן.

ס'איז פון די דאָזיקע דאַטן, ליידער, נישט קלאָר, צו וואָסער אַ קאַטעגאָריע מען האָט צוגערעכנט די ישיבה־שילער, וועלכע האָבן באַטראָפן אַרום 3 טויזנט. און די יידישיסטישע ריכטונג, וועלכע האָט געהאַט נאָר אין ניו־יאָרק 124 שולעס מיט אַרום 7.000 שילער 1). פאַרן גאַנצן לאַנד קען מען רעכענען אין יאָר 1935 נישט ווייניקער פון 10 טויזנט שילער, אַלזאָ העכער דריי מאָל מער פון די אָרטאָ־דאָקסישע שולעס.

די תלמוד־תורות אָדער ווי זיי האָבן געהייסן „היברו סקולס" זענען געווען נישט פון איין שניט און נישט פון איין קולטור־מדרגה. דער רוב עלטערן, וואָס האָבן געשיקט זייערע קינדער אין די דאָזיקע שולעס, זענען געווען גרייט צוצאָלן שכר־לימוד צוויי און דריי מאָל מער, ווי אין די זונטיק־שולעס, ווייל זיי האָבן געזען אין דער לימודים־פּראָגראַם פון דער „היברו סקול" אַ געוויסן סינטעז צווישן דער נייער אַמעריקאַנער קולטור, וואָס די קינדער זויגן איין אין דער „פּאַבליק סקול", און דער פּראָגראַם פון דער „היברו סקול", וווּ מען האָט, ערשטנס, אָפּגעהיט אַלע יום טובים און דערקלערט די קינדער דעם זין פון די יום טובים, וווּ מען האָט געלערנט חומש און אין פיל שולעס אויך נביאים, אויך העברעיִש אַלס שפּראַך, יידישע געשיכטע און יידיש לעבן אין ארץ ישראל און אין אַנדערע גלות־לענדער.

---

1) ישראל טשיפּקין, זייט 59.

ביי דער דאָזיקער פּראָגראַם פילט זיך דער גייסט פונעם יידישן באַלעבאָס, פון געוועזענעם רוסיש־פּוילישן יידישן מיטלבירגער, וואָס האָט אין אַמעריקע נאָך עטלעכע שווערע יאָרן זיך וויפל ס'נישט איז אַרויפגעאַרבעט און געגומען זאָרגן פאַר דעם קומענדיקן דור. די תלמוד־תורות אָדער די „היברו סקולס״ זענען געווען אַן אָרגאַנישער רעזולטאַט פון דער קאָמפּאַקטקייט פון די יידן אין באַזונדערע „געטאָס״, ווו עס איז מעגלעך געווען צו האָבן גרויסע שולעס מיט הונדערטער קינדער. און ביז עס האָט זיך נישט אָנגעהויבן דער אינטענסיווער צעשפּרייט פון די יידן פון די גרויסע שטעט איבער פאַרשיידענע ראַיאָנען און נאָך מער איבער פיל פאַרשטעט, האָט די דאָזיקע דערציִונג־אינסטיטוציע געשפּילט די הויפּט־ראָל נישט נאָר אין דעם זין, וואָס זי האָט אַרומגענומען די גרעסטע צאָל תלמידים, נאָר אויך אין דעם זין, וואָס דער ערשטער דור אַמעריקאַנער קינדער פון דעם ערשטן דור איינגעוואַנדערטע יידן האָט נאָך באַקומען מער אָדער ווייניקער אַ יידישע דערציִונג. דעריבער טרעפט מען זייער אָפט צווישן דעם ערשטן דור אַמעריקאַנער קינדער ייִאָיש־רעדנדיקע און יידיש־לייענענדיקע און נישט זעלטן אויך אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען אַ העברעיִש וואָרט.

פירט מען אונטער אַ סך הכל פאַר די 25 יאָר — 1910־1935 — מוז מען קומען צום אויספיר, אַז אַ געוויסער פּראָגרעס הן אין דער חינוך־אָרגאַניזאַציע און הן אין דער לימודים־פּראָגראַם איז געמאַכט געוואָרן. מען קען אָבער נישט זאָגן, אַז עס איז דערגרייכט געוואָרן אַ מצב, וואָס האָט צוגעזאָגט ווייטערע נאָר־מאַלע אָרגאַנישע אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון מאַקסימום האַרמאָניע צווישן דעם גייסט פון דעם נייעם אַרום און דער אייגענער מיטגעבראַכטער יידישער ירושה. נישט די מאַסן און נישט די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פירער און ריכ־טונג־געבער האָבן זיך שוין געהאַט געמאַכט קלאָר, ווי מען קען האַרמאָניש לעבן אין צווי קולטורן, ווי קען יידישע קולטור זיך אַריינפּאַסן אין דעם רייכן אַמערי־קאַנער קולטור־גאָרטן, זיך אַריינפּאַסן און נישט בטל ווערן בששים אָדער במאה אין כמות און אין איכות?

## 4) יידישער חינוך אין די לעצטע יאָרן (1935־1955)

גייט מען איבער צו דער אַנטוויקלונג פון יידישן חינוך אין די לעצטע 20 יאָר — פון 1935 ביז 1955 — מוז מען פריִער פון אַלץ זיך אָפּשטעלן אויף יענע גילגולים, וואָס דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט דורכגעמאַכט פאַר די דאָזיקע יאָרן — דורכגעמאַכט תרתי משמע: ראשית, מוז מען נעמען אין אַכט די אייגענע אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פונעם אַמעריקאַנער יידנטום אַלס אַזאַ; שנית, מוז מען נעמען אין אַכט די יידישע וועלט־געשעענישן, וועלכע האָבן שטאַרק געווירקט

אויף דער פּסיכאָלאָגיע און אויך אויף דער אידעאָלאָגיע פונעם דאָזיקן יידנטום.

אין דער ערשטער ריי קומט דאָ דער פאַקט, וואָס די מערהייט פונעם אַמע־ריקאַנער יידנטום באַשטייט שוין פון געבוירענע אין אַמעריקע — בערך 75־80 פּראָצענט. די נאָך פאַראַנענע 20־25 פּראָצענט געבוירענע אין די אויסוואַנדערונג־לענדער געהערן כמעט אַלע צום זיידע־באָבע־דור און האָבן שוין נישט קיין קינ־דער פאַר שול־באַזוך. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האַלט לכן ביי ווערן אײנאַרטיק נישט נאָר אין פּרט פון צוזאַמענשמעלץ פון די יידן פון עטלעכע צענדליק לענדער נאָר אויך אין פּרט פון לשון און קולטור. די ענגלישע שפּראַך און די ענגלישע קולטור זענען שוין יענע הויפּט־פאַקטאָרן, וועלכע פאָרמירן און שמידן אויס דעם אַמעריקאַנער יידן אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

סאָציאַל־עקאָנאָמיש ווערט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אַלץ בירגערלעכער און אינטעלעקטועלער. די אַנטוויקלונג אין דער דאָזיקער אויפשטייג־ריכטונג ווערט אַלץ אינטענסיווער און אינטענסיווער. דער פּראָצענט באַשעפטיקטע ביי יידן אין אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, באַשעפטיקונגען מיטן העכסטן אַסימיליר־פּאָטענ־ציאַל, האַלט אין גיכן שטייגן און איז אין די לעצטע 15־20 יאָר כמעט פאַרטאָפּלט געוואָרן. דאָס שטייגן צום העכערן מיטלבירגערטום און צו דער גרויס־בורזשו־אַזיע האַלט אויך אין גיכן וואַקסן. אויך די דאָזיקע פּרנסות צייכענען זיך אויס מיט אַ העכערער שטופּע אַריינוואַקסונג אין דער אַרומיקער וועלט און מיט אַ נאָענטערן און אָפט אינטימערן קאָנטאַקט מיט דער נישט־יידישער געזעלשאַפט, וועלכע איז די לעצטע צענדליקער יאָרן געוואָרן פיל אַמעריקאַניש־מאָנאָליטישער און לכן מיט אַ העכערן אַסימיליר־פּאָטענציאַל.

עד כאן אַסימיליר־פאַקטאָרן. פון דער צווייטער זייט איז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אָרגאַניש צוגעגאַנגען צו אַן אַנטוויקלונג־סטאַדיע, ווען עס האָט געמוזט זיך שטעלן די פראַגע: „לאָן?" וווהין פירט די דאָזיקע אַסימיליר־אַנטוויקלונג? דאָס יידנטום שיילט זיך דערמיט אויס פון אַלע אַנדערע מינדערהייטן, וואָס נישט געקוקט אויף דער אינטענסיווערער אַסימילאַציע־אַנטוויקלונג, האַלט זיך דאָס דאָך אָפּ פון פולן צוזאַמענשמעלץ, פון פאַרשווינדן אינגאַנצן אין דער נישט־יידי־שער מערהייט. די געמישטע חתונות מאַכן לעת עתה אויס נישט מער פון 10 פּראָצענט פון אַלע יידישע חתונות. דער נאַטירלעכער צוווּקס איז איצט אַרום 50־60 טויזנט יערלעך. די געדיכטקייט פון אַ פינפמיליאָניקער מאַסע, וואָס האַלט אין פיזישן וואַקסן און וואָס בלייבט רעליגיעז אָפּגעטיילט און אויסגעשיילט פון דער אַרומיקער קריסטלעכער וועלט, מוז פירן אָרגאַניש צו אַ מאָמענט, ווען עס שטעלט זיך די פראַגע. ווי לאַנג און צוליב וואָס בלייבן אָפּגעזונדערט? אָרגאַניש פירט דאָס צום זוכן אַ זין און אַ ציל אין דעם אָפּגעזונדערטן לעבן, אין דעם אויסטיילן זיך פון דער מערהייט.

ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום לעבט איצט איבער

אַט דאָס דאָזיקן אָרגאַנישן שעפּערישן קריזיס. מיר זאָגן „שעפּערישן", ווייל זוכן אַ נאַציאָנאַלן זין איז שוין פאַר זיך אַ געזונטער פּראָצעס. צי דאָס זוכן וועט און קענען פירן צו אַ נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין מאַסשטאַבן, וואָס זאָלן פירן צו נייע נאַציאָנאַלע שאַפונגען, צו נייע נאַציאָנאַלע אַנטפּלעקונגען, אַלזאָ צו נאַציאָנאַלע באַנייאונגען, איז אַ גרויסער צווייפל. עס קען אַמאָל טרעפן, אַז נאָך אַזאַ פאַרצווייפלטן זוכן און נישט געפינען קיין זאַפט פאַר אייגענע, אייגנאַרטיקע שאַפונגען און פאַר נייע נאַציאָנאַלע קולטור־אַנטפּלעקונגען זאָלן קומען אַנטוישונגען פון אַזאַ מאָס, וואָס פירן צו צעפאַל און חורבן.

דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום איז אָבער צוגעקומען צו אַ וואַנט אין אַן עפּאָכע, וואָס מאַכט די נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע זייער קאָמפּליצירטע און געפאַר־פולע לאַגע אָנגעלאָדן מיט ווירקונגען און השפּעות, וואָס זענען אימשטאַנד צו שאַפן פיל קאָמפּראָמיסן און פּשרות, פיל האַלבע תירוצים און פּערטל אויסוועגן און יעדנפאַלס נישט דערלאָזן צו יענער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, וואָס וואָלט זיך געקענט ענדיקן מיט אַן אַסימילאַציע־כוואַליע פון פולקאָמענעם צעפאַל און חורבן.

דער אונטערגאַנג פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָט שטאַרק אויפגע־טרייסלט דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום און האָט צעוועקט די נאַציאָנאַלע געפילן ביי די אָפּגעריסנסטע און אָפּגעפרעמדסטע עלעמענטן. עס וואָלט געווען פאַלש צו מעסטן דעם דערוואַכטן נאַציאָנאַלן געוויסן נאָר מיט די געשטיגענע געלט־זאַמ־לונגען. די דאָזיקע דערוואַכונג האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפּעה אויפן חינוך — הן אין כמות און הן אין איכות, הן אין אינטענסיוון וווּקס פון דער צאָל קינדער אין די ייִדישע שולעס און הן אין פּרט פון דער אָנלאָדונג אויפן יונגן דור מער ייִדישע לימודים און ייִדישע געפילן.

די שחיטה אַליין וואָלט אָבער נישט געקענט האָבן יענע פּאָזיטיווע השפּעה אין פראַט פון דערוואַכונג פונעם נאַציאָנאַלן געוויסן, אויב עס זאָל חלילה נישט געווען אונטערגעקומען יענער רעוואָלוציאָנערער נס, וואָס הייסט תקומת ישראל, וואָס בייט ראַדיקאַל די לאַגע פון פאָלק אין דער וועלט און ענדערט ביזן גרונט דעם זעלבסטגעפיל פונעם ייִדן, זיין נאַציאָנאַלן איך כלפּי חוץ און נאָך טיפער כלפּי פנים, כלפּי זיך זעלבסט. מיר זענען נאָך גאָר נישט אימשטאַנד אָפּצוּוועגן און אָפּצושאַצן די השפּעה פון דעם מדינת ישראל־נס — די השפּעות זענען דאָך נאָך אין די וויקעלעך און וועלן זיך נעמען אַנטפּלעקן אין זייער גאַנצן היסטאָרישן פאַרנעם און אין זייער גאַנצער נאַציאָנאַלער טיפקייט ערשט מיט דער צייט, מיטן קולטורעל־גייסטיקן צעבלי פונעם אויסגעלייזטן פאָלק און מיט די נאַטירלעכע אייגענע־אייגנטימלעכע שאַפונגען אויפן אייגענעם באָדן און אונטער דעם אייגע־נעם הימל.

שוין איצט קומט פאָר אַ רעוואָלוציע אינעם חינוך אין די גלות־לענדער — אַ רעוואָלוציע, וואָס גייט מיט שווערע טריט און קומט אָן מיט שווערע חבלי

לידה, נאָר דאָך ווירקט זי און טראָגט אַריין באַדייטנדיקע שנוים אינעם יסוד פון אַ נאַציאָנאַלן לעבן — אינעם חינוך. מיר מיידן אויס פון זאָגן נביאות וועגן די אַנטגילטיקע רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע — די אַסימילירּסטי־ כיע איז צו שטאַרק און איז שוין צו טיף אַריינגעוואַקסן אין דער נשמה פונעם אַמעריקאַנער יידנטום. לאָמיר זיך בעסער אָפּשטעלן אויף יענע דערגרייכונגען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אין די לעצטע 10־15 יאָר. דער רוב פונעם אַמע־ ריקאַנער יידנטום, דער מער פּאַרוואָרצלטער אינעם אָרומיקן מערהייט־נוסח, באַ־ גניגנט זיך דער עיקר מיט כמותדיקע רעפאָרמעס און אַנטשליסט זיך אויף ראַ־ דיקאַלע איכות־ענדערונגען אין זייערע חינוך־סיסטעמען. די ציוניסטן, איינשליסנ־ דיק די פּועלי ציון, וואָגן אויך נישט אַרויסצוגיין מיט אַ ראַדיקאַלער חינוך־ פּראָגראַם, צוגעפּאַסט און האַרמאָניזירט מיט דעם חינוך־גייסט אין ישראל. די אָרטאָדאָקסישע קרייזן טרעטן אַרויס מיט דער ראַדיקאַלסטער רעוואָלוציע און מיט די געוואַגטסטע און ווייט־גייענדיקסטע פאָדערונגען און פּראָגראַמען.

לאָמיר צוערשט אַנוואַרפן אַ בילד פון יענע אַלגעמיינע שנוים און רעפאָרמען, וועלכע זענען אַמאַרגאַנישסטן אַרויסגעוואַקסן פון די נייע שטימונגען ביים אַמע־ ריקאַנער יידנטום.

כדי די וויטער געבראַכטע ציפער זאָלן האָבן מער טעם און טיפערן זין וועלן מיר צוערשט ברענגען די צאָל שעהן, וואָס די קינדער פאַרברענגען אין משך פון יאָר לערנען אין פאַרשיידענע טיפּן שולעס 1): אין די זונטיק־שולעס ווערט געלערנט אין משך פון יאָר — פון 60 ביז 70 שעה; אין די תלמוד־תורות („היברו סקולס") ווערט געלערנט אין דורכשניט 285 שעה אין משך פון יאָר. אין די טאָג־ שולעס (מערסטנטייל ישיבות קטנות) ווערן געלערנט אין משך פון יאָר 12 הונ־ דערט שעה! כמעט 20 מאָל מער, ווי אין די זונטיק־שולעס און העכער פיר מאָל מער ווי אין די תלמוד־תורות (אין די היברו סקולס). פאַרשטייט זיך, אַז די רייד גייט דאָ נאָר וועגן די יידישע לימודים. אין די ישיבות קטנות לערנט מען דעם אַלגעמיינעם קורס ווי אין די מלוכה־שולעס.

אין יאָר 1910 זענען געווען תלמידים אין אַלע טיפּן יידישע שולעס אַרום 100 טויזנט. אין יאָר 1935 — אַרום 200 טויזנט. און אין יאָר 1954 אַרום 400 טויזנט; פיר מאָל מער ווי 1910 בעת די יידישע באַפעלקערונג איז געוואַקסן קנאַפּע 3 מאָל; און צוויי מאָל מער, ווי אין יאָר 1935, כאָטש די יידישע באַפעלקערונג איז פון דעמאָלט אָן געוואַקסן נאָר אויף בערך 30־35 פּראָצענט. קלאָר, אַז דער פּראָצענט יידישע קינדער, וועלכע באַזוכן אַ וועלכע ס'נישט איז שולע איינצייטיק איז באַדייטנדיק געוואַקסן. מען מוז אָבער נעמען אין אַכט, אַז אין יאָר 1935

1) Israel Chipkin, *Jewish Education in the United States at the Mid-Century*, in "Religious Education", 1953, IX-X, p. 334-36.

זענען מיר געווען אין דער העכסטער צייט פון דער ירידה פון די געבורטן און לכן פון זייער אַ קליינער צאָל קינדער פון שול־עלטער. אין 1954 זענען מיר אין אַ תקופה פון רעלאַטיוו אַ הויכער געבורטיקייט און פון אַ הויכן פּראָצענט קינדער אין שול־עלטער.

לויט די שאַצונגען פאַר די יאָרן 1910 און 1935 איז אויסגעקומען, אַז אײנ־צייטיק האָבן זיך געלערנט אין יידישע שולעס נישט מער פון 30־33 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער. די דאַטן פאַרן יאָר 1954 גיבן אַ גרונט צו גלויבן, אַז דער פּראָצענט קינדער אין די שולעס לגבי דער צאָל יידישע קינ־דער אין שול־עלטער מאַכט אויס העכער 50. מיר האָבן געזאָגט „איינצייטיק", ווייל לויט דער השערה פון פריער ציטירטן ישראל טשיפּקין לערנען זיך בכלל אין פאַרשיידענע צייטן אַרום 80 פּראָצענט יידישע קינדער אין אַ יידישער שולע — וואָס פאַר אַ ווערט דאָס דאָזיקע לערנען האָט, וואָס עס באַגרענעצט זיך גאָר אָפט מיט אַ יאָר אָדער גאָר מיט אַ האַלב יאָר צוצוגרייטן צו בר־מיצווה, איז אַן אַנדער פראַגע.

לאָמיר איבערגיין צו דער פאַרטיילונג פון די קינדער אין די יידישע שולעס לויט שולעס־טיפּן.

## 5) פאַרשיידענע טיפּן שולעס

טאַבעלע 26

### דער וווקס פון די תלמידים אין פאַרשידענע טיפּן יידישע שולעס 1)

| טיפּן שולעס | 1948 אַב. | 1948 אינדעקס | 1954 אַב. | 1954 אינדעקס |
|---|---|---|---|---|
| 1) זונטיק־שולעס — — — | 121.000 | 100.0 | 208.000 | 172.0 |
| 2) תלמוד־תורות (היברו־סקולס) — — | 88.500 | 100.0 | 152.000 | 172.0 |
| 3) ישיבות — — — — | 20.000 | 100.0 | 30.000 | 150.0 |
| 4) יידיש־שולעס — — — | 10.000 | 100.0 | 10.000 | 100.0 |
| צוזאַמען — — | 239.500 | 100.0 | 400.000 | 170.0 |

לאָמיר איצטער פּרווון צעטיילן די שול־קינדער לויט די טיפּן שולעס:

| | | |
|---|---|---|
| 1) זונטיק־שולעס — — — — — | 1948 — 50.5 | און אין יאָר 1954 — 52.0 |
| 2) תלמוד־תורות — — — — | 1948 — 37.0 | און אין יאָר 1954 — 38.0 |
| 3) ישיבות — — — — — — | 1948 — 8.4 | און אין יאָר 1954 — 7.5 |
| 4) יידיש־שולעס — — — — — | 1948 — 4.1 | און אין יאָר 1954 — 2.5 |
| צוזאַמען | 100.0 | 100.0 |

1) „אַמעריקען דזשואיש יאָרבוך", 1955, זייט 248.

פון דער ערשטער טאַבעלע איז קלאָר, אַז די גרעסטע געווינסן האָבן געהאַט די לעצטע זעקס יאָר די שולעס פון די ערשטע צוויי טיפּן — די זונטיק־שולעס און די תלמוד־תורות. זייער וווקס גייט פּאַראַלעל. באַדייטנדיק איז געוועזן אויך דער וווקס פון די ישיבות — אַנדערטהאַלבן מאָל. סטאַביל איז געבליבן דער ייִדישיסטישער טיפּ שולע.

די צווייטע טאַבעלע ווייזט אונדז, אַז דער טיפּ שולע מיט דער קלענסטער צאָל לערן־שעהן אין יאָר, אַלזאָ מיט דעם קלענסטן מיטנעמענדיקן באַגאַזש פון די שילער, שפּילט די הויפּט־ראָל אין ייִדישן חינוך. העכער אַ העלפט פון די שול־קינדער באַזוכן די זונטיק־שעהן, אין דערווירקלעכקייט זענען זיי יוצא מיט אויסלערנען ברכות צו בר־מיצווה און זעלטן אויך מיט קענען לייענען עברי. העכער אַ דריטל קינדער לערנען אין די תלמוד־תורות — דאָס זענען שולעס מיט פיר־פינף מאָל מער שעהן אין יאָר און מיט אַ פיל גרעסערער פּראָג־ראַם פון לערנען. צווישן די דאָזיקע שולעס זענען פאַראַן אויך פיל, ווו העבּ־רעיִש ווערט ברייט געלערנט און עס זענען אַפילו פאַראַן אַזעלכע, ווו העברעיִש איז די לימודים־שפּראַך. די ישיבות מיטן מאַקסימום לערן־שעהן האָבן געהאַט אין 1948 העכער 8 פּראָצענט פון אַלע שילער און אין יאָר 1954 נאָר מער פון 7 פּראָצענט. אָבער די דאָזיקע 7 פּראָצענט שילער האָבן באַקומען ייִדישע ידיעות און, וואָס נאָך וויכטיקער, אַריינגעזאַפּט אין זיך ייִדישקייט פון מאַקסימאַלסטן אינהאַלט און פון מאַקסימאַלסטער השפּעה מער געוויס ווי די אַלע 6־7 מאָל מער תלמידים פון די זונטיק־שולעס. דער שוואַכסטער פליגל איז דער ייִדישיסטישער — ער האָט אויסגעמאַכט אין יאָר 1935 אַרום 5 פּראָצענט פון אַלע תלמידים, אין יאָר 1948 שוין נאָר אַ ביסל מער פון 4 פּראָצענט און אין יאָר 1954 נאָך וויניקער — שוין נאָר 2.5%.

איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַר דעם חינוך אין די שטאַטן און איבער אַלע ייִדישע תפוצות, איז נישט נאָר די צאָל קינדער, וואָס באַקומען אַ וועלכע נישט איז ייִדישע דערציִונג, נאָר אויך דער פאַרנעם פון דעם חינוך, ווי לאַנג דער תלמיד פאַרברענגט אין אַ געוויסן טיפּ שולע. די עלע־מענטאַרע שולעס פאַרנעמען, פאַרשטייט זיך, דעם ברייטסטן פּלאַץ — עס איז אָבער אַ חילוק, צי דער תלמיד איז יוצא נאָר מיט דער עלעמענטאַרער שולע, אָדער ער האָט נאָך אַ יאָר צי צוויי אין אַ קינדער־גאָרטן אָדער אין אַ ייִדישער „האַי־סקול", אין אַ ייִדישער מיטלשולע.

מיר פאַרמאָגן אַ ביסל דאַטן וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען. פון 100 תלמידים אין די זונטיק־שולעס זענען געווען אַרום 11 אין קינדער־גאָרטנס און אַרום 6 פּראָצענט אין מיטל־שולעס. פון 100 תלמידים אין די תלמוד־תורות האָבן גע־לערנט אין קינדער־גאָרטנס נאָר 3 פּראָצענט און אין מיטלשולעס נאָר קרוב 5

פראָצענט 1). מיר זעען, אַז בייביידע טיפּן שולעס, וועלכע האָבן צוזאַמען אַרום 90 פּראָצענט פון אַלע שול־קינדער, שפּילט די מיטל־שולע גאָר אַ קליינע ראָלע. מיט דער בר־מיצווה ווערט אָפּגעשלאָסן דער חינוך. און ווייל דער יונגער ייִנגל פון 13 יאָר טרעט ערשט אַריין אין יענעם עלטער ווען עס נעמט זיך פאָרמירן זיין פּערזענלעכקייט, ווען זיין אויפנאַם־קראַפט ווערט שאַרפער און זיין פאַר־טראַכטן זיך איבער לעבנס־פראַגן טיפער און קאָמפּליצירטער, איז קלאָר, אַז דאָס בלייבן גאָר אָן ייִדישער דערציִונג און אָן ייִדישע לימודים מוז פירן דערצו, אַז דאָס לערנען אין דער עלעמענטאַרער שולע ווערט גיך אויסגעוועפּט און לאָזט זעלטן שפּורן און קאַרבן אין דער נשמה פונעם יונגן ייִדן.

אויך אין דעם פּרט שטייען די ישיבות קטנות פיל העכער פון די דערמאָנטע צוויי טיפּן שולעס — פון די ישיבות קטנות גייען 25 פּראָצענט אין רעליגיעזע מיטל־שולעס, ווו מען לערנט ווידער אין די פריִע שעהן ייִדישע לימודים מיט אַ פיל ברייטערער פּראָגראַם, ווי אין די עלעמענטאַרע שולעס 2). און אין די נאָכמיטיק־שעהן לערנט מען די אַלגעמיינע לימודים. דערביי איז אינטערעסאַנט פעסט־צושטעלן, אַז די גראַדויִרטע פון די אָרטאָדאָקסישע מיטל־שולעס צייכענען זיך גאָר שטאַרק אויס אויך מיט זייערע אַלגעמיינע נישט־ייִדישע לימודים. אין דעם זעלבן נאָר וואָס ציטירטן אַרטיקל פון „דזשואיש עדוקיישן" שטייט געשריבן: „ס'איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז פון 120 פריש־אָנגעקומענע סטודענטן אין קאָ־לומביע־קאָלעדזש אין יאָר 1950, זענען געווען מינימום 22 פון די ישיבות, אַלזאָ גאַנצע 18 פּראָצענט. נעמט מען אין אַכט די הויכע קוואַליפיקאַציע, וועלכע זענען נויטיק כדי אָנצוקומען אין קאָלאָמביע, מוז מען מודה זיין, אַז דאָס איז אַ גרויסע דערגרייכונג פון די ישיבה־סטודענטן".

מיר האָבן העכער געזאָגט, אַז 25 פּראָצענט פון די תלמידים פון די ישיבות קטנות בלייבן לערנען אין ישיבות גדולות מיט אַלגעמיינע מיטל־שולעס. עס וואָלט אָבער געווען נישט ריכטיק אָנצונעמען, אַז די איבעריקע 75 פּראָצענט פאַרלאָזן די ישיבות קטנות, ווי די תלמידים פון די זונטיק־שולעס אָדער פון די תלמוד־תורות. ווייט נישט אַזוי — אַ גאַנץ הויכער פּראָצענט פון די תלמידים פון די ישיבות קטנות, וועלכע גייען אַוועק אין די אַלגעמיינע מיטל־שולעס, לער־נען ווייטער אין די נאָכמיטיק־שעהן אָדער אין די אָוונטן אין די ישיבות גדו־לות. עס איז גאַנץ נאַטירלעך — דער תלמיד פון דער ישיבה קטנה, ווו ער האָט געלערנט עטלעכע יאָר און יעדעס יאָר 1.200 שעה, ווערט אַזוי אַריינגעצויגן אין דער נייער וועלט, וועלכער אַנטפּלעקט זיך פאַר אים, ווערט אַזוי אָנגעזאַפּט מיט אַ נייעם גייסט און אַזוי אָנגעלאָדן מיט ייִדישע קענטעניש, אַז זעלטן ווער פון

---

1) American Jewish Year Book, 1955, p. 251.
2) Yewish Education, Vol. 25, Nº 3, p. 52.

זיי רייסט איינגאַנצן איבער מיט דער דאָזיקער פּרומער לעבנס־פירונג. עס זענען פאַראַן גראַדאַציעס און מאַקסימומס און מינימומס — ביי איינעם בלייבט אין זכרון ווייניק און ער פירט שפּעטער אַ געוויינלעך לעבן פון אַן אַמעריקאַנער יידן; ביי אַ צווייטן ווירקט זיך דאָס אויס, אַז ער בלייבט זיין גאַנץ לעבן מער ייד און מער פּראַקטיצירנדיק יידישקייט; און ביי אַ דריטן מאַכט דאָס אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין לעבן און ער ווידמעט זיך שפּעטער דער הייליקער עבודה פון קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע, פון דינען דעם פאָלק אין זיין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. מען נעמט אָן, אַז די צוויי לעצטע גרופּעס מאַכן אויס די גרויסע מערהייט פון די תלמידים פון די ישיבות גדולות און קטנות.

די ישיבות — דאָס איז אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פּאָסטן, פון וועלכן די אַסימילאַציע באַקומט די שווערסטע קלעפּ. עס איז אַ קליינער פּאָסטן, אָבער אַ געקליבענער, אַ היסטאָריש־אויסגעפּרוווטער, אין קאַמף אַ געשטאָלטער — אָט ווי איינער פון די בעסטע קענער פון די פירער פון די ישיבות באַשרייבט די לעצטע קאָנפערענץ פון די מחנכים פון די ישיבות קטנות 1): „דאָ זענען געווען פאַרזאַמלט אַרום 200 מנהלים פון ישיבות קטנות — די פּיאָנערן פונעם תורה־חינוך. פון זייערע רעדעס און דיסקוסיעס איז קלאָר געוואָרן פאַר יעדן באַאָבאַכטער, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך נישט בלויז אַ גרויסן נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, וואָס בויט די צוקונפט פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ, נאָר אַז די דאָזיקע באַוועגונג האָט אין משך פון דער קורצער צייט זייט איר אַנטשטייאונג אַרויסגעגעבן און קאָנצענטרירט אַרום זיך גרויסע שעפערישע כוחות. אַלע חושים זייערע זענען דורכגעדרונגען מיט עכטער שמחת היצירה. אַלע שטייען זיי גרייט זיך מוסר־נפש זיין פאַר די אידייען פון יידישן חינוך. אָט די הונדערטער גייסטיקע מדריכים פון אונדזערע עלעמענטאַרע מוסדות התורה זענען נישט סתם בני תורה אָדער לומדים, נאָר בעיקר אידעאַליסטן פון אַ הויכער מדרגה".

אין די ישיבות גדולות ווערן דערצויגן די קומענדיקע ראַביים און לערער, די קומענדיקע טאָן־געבער אין די יידישע צענטערס און סינאַגאָגעס, די קומענדיקע קענער פון העברעיִש און יידיש, די קומענדיקע למדנים און תלמידי חכמים. מיר האָבן שוין העכער אָנגעוויזן, אַז די גרויסע מעלה פון די דאָזיקע תלמידים און תלמידות באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זענען נישט איזאָלירט פונעם אַרומיקן אַמעריקאַנער לעבן, ווי דאָס איז געווען אין רוסלאַנד און פוילן אָדער אין אונגאַרן און רומעניע. זיי רעדן אַן ענגליש, וואָס ווערט אימפּאָנירן די אַסימילירטסטע יידן; זיי זענען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אַמעריקע און פון יידן אין אַמעריקע, ווי נאָר אַ פירער און מדריך מוז דאָס האָבן. די איצטיקע מורים און מדרי־

1) דוד איידעלסבערג, תורה־חינוך־פּיאָנערן, אין „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 20טן מאַי, 1955.

כים פון דער מערהייט ישיבות זענען טאַקע געקומען פון אייראָפּע, נאָר זייער השפּעה באַגרענעצט זיך אויף די ייִדישע לימודים און נאָך מער אויף דער רעלי־גיעזער דערציִונג — די אַלגעמיינע לימודים, די גרויסע פּעיִקייטן פון דעם רוב תּלמידים, דער קלימאַט פונעם אַמעריקאַנער לעבן און פון דעם ייִדישן אַרום — דאָס אַלץ קנעט אויס פון די תּלמידים, וועלכע באַשטייען שוין איצט אינעם רוב פון געבוירענע אין אַמעריקע קינדער, אַ נייעם האַרמאָנישן ייִדיש־אַמעריקאַנער טיפּ, אַ נייעם גייסטיקן פּירער. ווי ווייט דער דאָזיקער נייער ייִדישער אינטעלי־גענט וועט קענען איבערגעבן דעם שפּעטערדיקן דור זיינע קענטעניש און נאָך מער זיינע טיפע ייִדישע געפילן און געדאַנקען, זיינע קניפּן און צוזאַמענהאַנגען מיט דער היסטאָרישער ייִדישקייט און מיט די טויזנטיאָריקער ייִדישע ירושות — דאָס איז אַזאַ עתיד־פראַגע, אויף וועלכער קיינער קען נישט געבן קיין תּשובה. לה' עתידות! אונדזער אויפגאַבע באַשטייט אין געבן אַ קלאָרע אָפּשאַצונג דעם שטראָם, וואָס די ישיבות האָבן אַריינגעגאָסן אינעם ייִדישן לעבן פון אַמעריקע — אַ שטראָם, וואָס איז קליין און שמאָל און דאָך פּילט מען זייער שטאַרק זיין השפּעה און זיינע אויפטוען. עס באַרעכטיקט זיך די מיינונג, אַז וואָס טיפער די היסטאָרישע יסודות פון אַ חינוך־סיסטעם, אַלץ גרינגער איז איר צו פאַרכאַפּן שטאַרק געוויסן קרייזן פון פאָלק, אַלץ גרינגער איז איר צוצוקומען צו די אינ־טימסטע ווינקעלעך פון די נשמות פון ייִדישע קינדער. געוויס, די כּמות איז אַ קליינע, נאָר דווקא ביי דעם מאָמענט, וואָס דאָס גלות־ייִדנטום לעבט איבער, איז די איכות דער עיקר דער אַלטער פּונק פון „קוב"ה ישראל ואורייתא" יענער הייליקער פייער, וואָס צינדט אָן פיל גיכער און פיל שטאַרקער, ווי די ייִנגסטע און לעבעדיקסטע נאַציאָנאַלע קולטור.

מיר גייען איבער צו אַ צווייטן פליגל פון ייִדישער קולטור, צו אַ פליגל, וואָס האָט געבויט אויף די ייִנגסטע שפּראַצונגען פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור, אויף די רייפסטע פּירות פון די ייִנגסטע שאַפונגען, אויף די מאָדערנסטע צווייגן פון דעם אַלגעמיינעם ייִדישן גייסט־בוים — מיר גייען איבער צו די ייִדישיס־טישע שולעס.

די טרעגער פון דער וועלטלעכער שולע מיט דער ייִדישער שפּראַך אַלס לימוד־אינסטרומענט און מיט דער ייִדיש־ליטעראַטור און ייִדיש־קולטור אַלס די באַזע פון דערציִונג — די דאָזיקע אידעאָלאָגן האָבן געבראַכט פיל קרבנות אויף דעם דאָזיקן מזבח. די טרעגער גופא האָבן צום רוב נאָך געשטעקט אין דער העכער כאַראַקטעריזירטער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער ירושה — דאָס האָט צוגעגעבן זאַפט און חן די שאַפונגען פון דער מאָדערנער ייִדיש־קולטור. זיי האָבן אָבער נישט געפונען קיין וועג און נישט קיין מיטלען, ווי די דאָזיקע מאָדערנסטע נאַ־ציאָנאַלע שאַפונגען אַריינצופלעכטן אָרגאַניש אין די היסטאָרישע יסודות פון דער גאַנצער טויזנטיאָריקער ייִדישער קולטור־געשיכטע. ערגעץ ווו איז ווי אויס־

געוואָקסן פאַר די תּלמידים אַ תהום, ווּהין מען איז אַריינגעפאַלן און זיך אָפּגע־ריסן פונעם היסטאָרישן נאָפּל פון אַלטן ייִדישן פאָלק, פון זיינע אור־אור־פונדאַ־מענטן, פון זיינע הר סיני־וואָרצלען.

דאָס בלעטל ייִדיש־קולטור איז געוויס אַ זאַפּטיקס, אַ רייכס ביז גאָר און דאָס פּשוט אַרויסלאָזן פון דער גאָלדענער קייט פון דעם נאַציאָנאַלן פאַרמעגן וואָלט געווען געוויס אַ אבידה, וואָס גרענעצט מיט אַ פאַרברעכן — זיין אַריינפלעכטן אינעם געוועם פון דער אַלט־נייער העברעיִש־קולטור איז איינע פון יענע שווערע פּראָבלעמען, פאַר וועלכע די אויפגעלעבטע העברעיִש־קולטור איז היסטאָריש אױקגעשטעלט. זי איז נישט ווייניקער דרינגנדיק און וויכטיק פאַר דער צוקונפט פון דער אויפגעלעבטער העברעיִש־קולטור ווי דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענוועבן פון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע מיטן אָריענטאַלישן נוסח, וואָס שפּאַרט נישט נאָר פון דעם לעבעדיקן און אויפלעבנדיקן אָריענטאַלישן אַרום, נאָר איז טיף פאַרוואָרצלט אין אונדזער אייגענער אַלטער קולטור.

מיר וועלן געבן דאָס וואָרט אַ ייִדישער דיכטעריִן, וועלכע האָט, ווייזט מיר אויס, אין דער שענסטער און זאַפּטיקסטער פאָרעם אויסגעדריקט דעם צער פון ייִדיש אין גלות און דאָס רעכט פון מאַמע־לשון אויף אַ בכבודיקן אָרט אין דער אויפלעבענדיקער העברעיִשער קולטור. זי האָט דאָס געשריבן „צו דער ייִדיש־קאַטעדרע־דערעפענונג ביים אוניווערסיטעט אין ירושלים 1):

## „מאַמע יידיש

עפנט די טויערן פון בית המקדש ברייט,
מאַכט אַ וואָרע, שפּילט אַ וויוואַט, די מאַמע גייט.
זי טראָגט מיט זיך זעק און פּעק פון גלות שווערן:
זי קומט אַ פריידיקע אַצינדער,
ברענגט אַ גרוס פון אירע פאַריתומטע קינדער.

זי דערציילט:
אין מיינע אויסגעבענקטע נעכט, אויסגעמאַטערט, מיד,
האָב איך דיך אויסגעפורעמט, מיין עלנט יידיש ליד.
מיט מיינע מוטערלעכע הענט דיך געצערטלט, געגלעט,
פאַר דיין מידן קאָפּ מיט קישנס וויסן פוך אויסגעבעט,
דיך געהאַלטן נאָענט צום האַרצן, אין נעכט די שטילע
דיך געטראָגן אויף מיין ליפּ ווי אַ האַרציקע תפילה.
ווען אייגענע האָבן פון דיר געלאַכט, געשפּעט,
פון דיר חוזק געמאַכט און באַרעדט,

1) עליזה גרינבלאַט, אין „דער שפּיגל", בוענאָס איירעס, 1955, נומער 3־2, זייט 13.

האָב איך וואָרט מיט וואָרט געפּאָרט —
אַ זיווג כשר ריין,
אַלץ געהאָפּט אויפן נס, וואָס וועט געשען.
אַזוי האָב איך געוואָגלט פון אָרט צו אָרט,
מיט דיר מיין ערלעך יידיש וואָרט.

און ווען האָסט געברענט אויף שייטערהויפנס
אין בייזן פינצטערן שטורעם,
לעבן שמות הייליקע פון אונדזערע אַלטע ספרים,
האָסטו ווי אין מדבר דער דאָרן:
געברענט און געברענט און נישט פאַרברענט געוואָרן.

ס'קומט די צעבראָכענע מאַמע אַצינדער,
זי קומט צו אירע אייגענע קינדער.
טאָ עפנט די טויערן פון בית המקדש ברייט!
מאַכט אַ וואָרע, שפּילט אַ וויוואַט —
מאַמע יידיש גייט!״

מיר האַלטן פאַר איבעריק צוצוגעבן אַפילו איין פּירוש־וואָרט — דאָ איז געזאָגט אַלץ: דער צער, וואָס לייוויק האָט אַזוי שאַרף אויסגעדריקט אין זיין אַ פריִער ציטירטן ליד, און אויך די היסטאָרישע טענות פון רעכט פון יִדיש איינ־געוועבט צו ווערן אין אוצר היהדות.

מיר האָבן נישט קיין סך פּלאַץ אָפּצוגעבן דער אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג פון די יִדישיסטישע שולעס. מיר וועלן ציטירן אייניקע שורות וועגן דעם גילגול, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט די גרופּע שולעס פון שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט און דאָס קען אין אַ גרויסער מאָס געזאָגט ווערן אויך וועגן די שולעס פון אַרבע־טער־רינג. בנוגע די שולעס פונעם אַרבעטער־פאַרבאַנד זענען זיי געווען פאַר העברעיִש און פאַר ארץ ישראל פון ערשטן טאָג פון זייער גרינדונג.

אינעם רעפעראַט, וואָס ש. גוטמאַן, דער סעקרעטאַר פון די שלום עליכם שולעס, האָט געהאַלטן אויף דער יערלעכער קאָנפערענץ, מאַי 1951, האָט ער געזאָגט 1):

„די שלום עליכם שולן האָבן פאַרשטאַנען זיך צוצופּאַסן צום געענדערטן גייסטיקן קלימאַט פון דער יִדישער אַמעריקע פון נאָכן חורבן. מען האָט איינגע־פירט פון 1944 דעם לימוד פון העברעיִש פאָרמעל. פאַר די לעצטע 4 זמנים איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ באַזונדער לימוד „יִדישע ידיעות״ וועגן יִדישע מינהגים, לעבנס־שטייגער, וועגן דעם מצב פון יִדן אין דער וועלט מיט אַ באַזונדערן אינ־טערעס פאַר ארץ ישראל.

1) שאול גוטמאַן, די שלום עליכם־שולן — די עוואָלוציע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע. רעפעראַט געהאַלטן דעם 14טן יאַנואַר, 1951. מימיאָגראַפירט, זייט 3.

„דאָס פֿייערן פֿון אַלע ייִדישע יום טובים איז אומעטום געוואָרן איינגעשטעלט אויף אַ מער טראַדיציאָנעלן אופֿן. אין 1949 האָט מען איינגעפֿירט דאָס לערנען מיט די קינדער אין לעצטן יאָר געקליבענע תּפֿילות פֿון סידור, מען גרייט צו די ייִנגלעך צו בר־מיצווה".

פֿון דער דאָזיקער פּראָגראַם שרייט ממש אַרויס דער פּעסימיזם, דער פּחד פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון דער שולע, וואָס איז בשעתו געווען אַ גרויסער אויפֿטו. איך האַלט פֿאַר איבעריק איבערצוחזרן דאָס וואָס מיר האָבן געשריבן אינעם צווייטן טייל פֿון אונדזער אַרבעט — אויף מײַן טיש ליגט אַ גאַנצער באַרג מיט קינות וועגן דעם טרויעריקן מצב פֿון די דאָזיקע שולעס. מיר וועלן נאָר ציטירן אַ פּאָר פּאַראַגראַפֿן פֿון אַן אַרטיקל פֿון דיכטער ה. לייוויק 2):

„ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער פֿאַרלוירנקייט פֿון די עלטערן און אויך ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם אויפֿקום פֿון נײַע ישובים אַרום ניו־יאָרק, וואַקסט דערווײַל אַ טענדענץ פֿון אַן איינטאָגיקער שול, אַ שול, וווּ די קינדער גייען איין מאָל אין וואָך. און דורך איין מאָל אַ וואָך דאַרפֿן זיי אַרײַנגעצויגן ווערן אין ייִדישקייט און אין דער ייִדישער שפּראַך.

„איין מאָל אַ וואָך — דאָס הייסט אַ שעה אָדער צוויי אַ וואָך — איז אַ לײַכטע אָנשטרענגונג. ייִדישקייט, ווי מיר אַלע ווייסן, איז אַ שווערע אָנשטרענגונג. גיי קאָמבינירט לײַכטקייט מיט שווערקייט!"

ער שרײַבט ווײַטער: „קאָלעגע ש. גוטמאַן פּרובירט אָנשלאָגן אַן אָפּטימיסטישן טאָן אין זײַן באַריכט. איך קען נישט זאָגן, אַז מיך שטעלט צופֿרידן די דאָזיקע איינשעהדיקע ייִדישע דערציִונג".

נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער לאַגע פֿאַלט מען בײַ זיך נישט אַראָפּ אין די ייִדישיסטישע קרייזן און מען האָרעוועט שווער און מען ברענגט שווערע קרבנות אויפֿצוהאַלטן דעם ייִדיש־פֿייער, אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט, יעדע קלענסטע מעגלעכקייט כּדי ממשיך זײַן דעם קיום פֿון דער ייִדיש־נשמה. מיר זאָגן „ייִדיש־נשמה", ווײַל דאָ האַנדלט זיך כּמעט נאָר וועגן נשמה־זאַכן בעת דאָס קאָנקרעטע לעבן האָט שוין כּמעט פֿאַרענדיקט די חשבונות מיט דער ווײַטערער אַנטוויקלונג פֿון דער דאָזיקער פֿאָלקס־שפּראַך אַלס אַ שול־שפּראַך. נישט די עלטערן און אוודאי נישט זייערע קינדער רעדן ייִדיש. זיי לעבן זיך אויס, די דאָזיקע ביידע דורות, אין אַ ריין־ענגלישער שפּראַך — און ליטעראַטור־סביבה — און דאָך זענען פֿאַראַן ייִדן, ווייניקע, נאָר זיי זענען פֿאַראַן, וואָס שיקן קינדער אין די ייִדיש־שולעס און מען וויל, אַז די קינדער זאָלן אין זיך אײַנזאַפּן דעם אַראָמאַט פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך; זיי זאָלן לכל הפּחות פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון

2) ה. לייוויק, אונדזערע פֿאָלקס־שולן, צו דער קאָנפֿערענץ פֿון שלום עליכם פֿאָלקס־שולן, „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 21טן מאַי, 1955.

דער פאָלקס־ליטעראַטור. מען ווייסט זייער גוט, אַז מען וועט דאָס אַלץ אין לעבן נישט באַנוצן, נאָר מען גלויבט, אַז דאָס וועט לאָזן טיפע שפּורן אין די נשמות פון די קינדער — שפּורן, וועלכע וועלן זיי צובינדן צום פאָלק; שפּורן, וועלכע וועלן זיי אָנלאָדן מיט אָפּווער־מיטלען קעגן דער שטראָמענדיקער אַסימיליר־כוואַליע. דאָס זענען מערסטנטייל עלטערן, וועלכע האָבן אַליין באַזוכט די ייִדיש־שולעס און זיי פילן עד היום דעם אַראָמאַט פון די ווערק פון שלום עליכם, פּרץ און אַנדערע ייִדישע שרייבער.

אויף דער קאָנפערענץ פון די שולעס פון אַרבעטער־רינג (6טן פעברואַר 1955) האָט י. מלאַטעק אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם מצב פון די נייע שולעס, וואָס מען האָט געעפנט אין די פאָר־ערטער. ער שטעלט די פראַגע 1): „ווער זענען די עלטערן, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן צושאַפן די נייע שולעס?” און ער ענטפערט:

„די ערשטע זיך אַריינצוואַרפן אין דער אַרבעט צו שאַפן אַ שולע זענען אונדזערע געוועזענע תלמידים, אונדזערע מיטל־שול־גראַדואַנטן. אונדזערע מיטל־שול־גראַדואַנטן און געוועזענע תלמידים זוכן זיך אָפּ ווי נאָר עס ווערט אַקטועל די פראַגע פון דערציִען זייערע אייגענע קינדער. זיי געדענקען דאָס וואָס אונדזער שול האָט זיי געלערנט און זיי ווילן עס איבערפלאַנצן אין זייערע קינדער”.

פון דעם איז צו ציִען איין בלתי ספקדיקן שלוס — פּאַרזייטע גייסט־קערנד־לעך גייען נישט אינגאַנצן פאַרלוירן, ווי אומגינציק דער קלימאַט זאָל נישט זיין. עס איז געוויס זייער טרויעריק פעסטצושטעלן, אַז אין 1955 זענען פאַראַן קינדער אין די ייִדיש־שולעס נישט מער, גיכער ווייניקער ווי אין יאָר 1935 — עס איז אָבער אַ אמתע פרייד ווייטער צו קאָנסטאַטירן, אַז עס געפינען זיך הונדערטער און אפשר טויזנטער עלטערן, וועלכע טראָגן אין זייערע הערצער אַזעלכע טייערע און זאַפטיקע ייִדיש־זכרונות, אַז זיי ווילן זיי אומבאַדינגט איבערגעבן בירושה זייערע קינדער, כאָטש די לעצטע פאַרשטייען זיי שווער דעם ייִדיש־לשון.

וואָס מער דער ייִדיש־לשון פאַרלירט פּאָזיציעס אין לעבן, אַלץ מער כבוד און דרך־ארץ געווינען זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. אין דער „ניו סקול פאָר סאָשעל ריסערטש” אין ניו־יאָרק, לייענט אָט שוין באַלד צען יאָר (פון 1946) אַ קורס איבער ייִדישע ליטעראַטור דער די דיכטער און קריטיקער נ. מינקאָוו — אין דורכשניט הערן דעם קורס יעדן סעמעסטער 20 און 25 סטודענטן. די קורסן זענען שוין דורכגעגאַנגען אַרום 400 סטודענטן.

פון יאָר 1947 ווערן ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור געלערנט אין די קאָ־לעדזשעס פון ברוקלין און אין סיטי־קאָלעדזש פון ניו־יאָרק. אין די דאָזיקע קאָלעדזשעס לערנען זיך קרוב צוויי הונדערט סטודענטן, צווישן וועלכע עס

---

1) „קולטור און דערציונג”, פעברואַר, 1955.

געפינט זיך אויך אַ געוויסער פּראָצענט נישט־יידן. אין יאָר 1952 איז געגרינדעט געוואָרן ביים קאָלומביע־אוניווערסיטעט די יידיש־קאַטעדרע, ווו דער קורס איז באַשטימט פאַר סטודענטן, וואָס שטרעבן צו גרינטלעכער קענטעניש פון יידיש. די לערן־פּראָגראַם פון דער דאָזיקער קאַטעדרע איז אַ ברייטע: יידישע לינגוויסטיק, ליטעראַטור און יידישער פאָלקלאָר. אַלע דערמאָנטע אינסטיטוציעס אַנטוויקלען זיך לאַנגזאַם און מאַכן אַן איינדרוק, ליידער, נישט פון אינסטיטוציעס, וואָס פאַרמעסטן זיך איינצונעמען נייע פּאָזיציעס און קעמפן פאַר נייע פּלעצער אין יידישן לעבן, נאָר פון פּאָסטנס, פון וועלכע מען זאָל קענען שיצן דאָס פאַראַגענע, שיצן און נאָך מער וויזן „את יפיה" פון דער יידישער שפּראַך און פון איר ליטעראַטור, כי „טובת מראה היא".

אַז יידיש איז נאָך אַלץ אַ שפּראַך פון גרויסע מאַסן און אַ לעבעדיקע שפּראַך, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען אין פּראַקטישן לעבן איז געקומען אומדערוואַרטעט אַ ראיה פון אַ צד, פון וועלכן מ'האָט דאָס ווייניקער פון אַלץ געקענט האָפן — פון דער „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ". אינעם גרויסן ווערטער־בוך פון זיבן וועלט־שפּראַכן איז אַריינגענומען יידיש אַלס איינע פון די גרויסע וועלט־שפּראַכן.

## 6) די פּערספּעקטיוון פון העברעיש

מיר גייען ענדלעך איבער צו העברעיש — אחרון, אַחרון חביב! דאָס איז אַ פּראָבלעם, פון וועלכער עס הענגט אָפּ אין גאָר אַ גרויסער מאָס דער נאַציאָנאַלער גורל פון יידישן פאָלק אין ברייטסטן זין פון וואָרט. דער גלות קען נישט לעבן פון זיינע אייגענע זאַפטן — דאָס איז אַן אַקסיאָמע! נאָר מדינת ישראל וועט חלילה זיין פאַרמשפּט אויף מאָגערע און דאַרע שאַפונגען, זאָל זיין נאַציאָנאַלע, אויב זי וועט זיך באַגניגנען מיט איר אייגענער קולטור און וועט נישט אַנטוויקלען אַן אַרבעט, וואָס זאָל זי זעעליש באַהעפטן מיטן גלות־יידנטום; זאָל זי באַהעפטן און אַזוי גייסטיק צוזאַמענבינדן און קולטורעל צוזאַמענשמעלצן, אַז די שאַפונגען זאָלן טראָגן אַ ברייטערן כאַראַקטער, אַן אַלייִדישן כאַראַקטער און נישט נאָר אַ לאָקאַלן — מדינת ישראלדיקן. עס קען נישט זיין מיין אויפגאַבע אַפילו נאָר אָנצומערקן די דרכים און מיטלען, ווי דורכצוזעצן אָט דעם דאָזיקן נס — צוזאַמענשמעלץ אויפן באָדן פון גייסט־שאַפונגען. איינס איז נאָר געוויס — דער גלות מוז שפּראַכלעך און דאָס מיינט העברעיש זיין אַזוי באַוואָפנט און אַזוי אָנגעלאָדן מיט קענטענישן, אַז די גייסטיקע פאַרבינדונגען זאָלן ווערן שעפערישע, זעעלישע, קעגנזייטיקע. מיט דער העגעמאָניע פון ישראל, ווו די אָריגינאַליטעט פון די קולטור־שאַפונגען און די אָרגאַנישקייט פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג זענען גאַראַנטירט דורך דעם אייגענעם באָדן און אייגענעם הימל.

פון דער צווייטער זייט מוז מדינת ישראל אויסנוצן אין דער גרעסטער מאָס

יענע היסטאָרישע באַנדן מיט די גלות־שאַפונגען, וועלכע זענען דער נאַטירלעכ־סטער בריק פאַר קעגנזייטיקע באַאיינפלוסונגען, פאַר קעגנזייטיקער באַווירקונג, מיר האָבן אין אויג די ייִדיש־שאַפונגען, וועלכע זענען ממש פון גורל אַליין צוגעגרייט און צוגעפּאַסט פאַרן דינען אַלס אַזאַ בריק. וואָס טיפער דער גייסט־זשעני פון ישראל וועט זיך אַראָפּלאָזן אין די נשמה־טיפענישן פון די ייִדיש־שאַפונגען פון די לעצטע דורות, אַלץ אינטימער און זעעלישער וועט זיין זיין קרובהשאַפט מיט יענעם טייל פונעם גלות־ייִדנטום, וואָס איז דער באַרופנסטער אויף דער אָנגע־צייכנטער מיסיע — אויף שאַפן דעם גייסטיקן בריק צווישן מדינת ישראל און חוץ לארץ. קיינער וועט דאָך נישט לייקענען, אַז די איצטיקע קולטור־שאַפונגען פון ישראל־ייִדנטום זענען אין אַ גרויסער מאָס המשך פון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע גלות־ווערק — און אויף וויפל עס זענען פאַראַן אין די גלות־לענדער ייִדישע נאַציאָנאַלע שאַפונגען, נישט נאָר אין ייִדיש און העברעיִש, נאָר אויך אין פרעמדע שפּראַכן, שטאַמען זיי אַלע כמעט פון דעם אייגענעם מקור, פונעם מזרח־אייראָפּעיִשן קוואַל; פון יענעם קוואַל, פון וועלכן דאָס ייִדישע פאָלק נישט נאָר אין די תפוצות נאָר טאַקע אויך אין לאַנד פון די אבות, שעפּט באַגייסטערונג און וויזיע.

ווו האַלטן מיר מיט העברעיִש אין אַמעריקע, אין לאַנד מיט העכער פינף מיליאָן ייִדן, ווו עס ווערט באַשטימט נישט נאָר דער נאַציאָנאַלער גורל פונעם גלות־ייִדנטום, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך פון מדינת ישראל? און נישט נאָר פינאַנציעל און פּאָליטיש, נאָר בפירוש אויך נאַציאָנאַל־גייסטיק — ווייל דער אַמעריקאַנער קיבוץ וועט באַשליסן, צי עס איז מעגלעך אַזאַ גייסטיקע קעגנזייטיקע נאַציאָנאַלע באַאיינפלוסונג, אַז דער קולטור־פּנים פונעם ישראל־ישוב זאָל חלילה נישט ווערן אַן אָריענטאַליש־פּראָווינציעלער, אַ שמאָל־קעפּיקער און ענג־האַרצי־קער פון אַן אָפּגעריסענעם פונעם גרויסן ייִדישן פאָלק שבט. די סכנה פון נאַציאָ־נאַלער סטערילקייט דראָט געוויס יעדן איזאָלירטן גלות־קיבוץ — נאָר נישט פיל קלענער איז די סכנה פון אָריענטאַלישן פּראָווינציאַליזם און פון שמאָל־האַרציקן שבט־צווייג. צי וועט ישראל ווערן אַ מרכז רוחני אָדער אַ מרכז לאומי פון גאַנצן ייִדישן פאָלק ווערט באַשטימט נישט נאָר אין מדינת ישראל נאָר אויך אין אַמע־ריקע. העברעיִש איז יענער גורל־בריק, וואָס איז דער „קאָנדיציאָ סינע קוואַ נאָן“, וואָס דורך אים און נאָר דורך אים איז מעגלעך די נשמה־אייניקייט פון דעם איינהייטלעכן ייִדישן פאָלק.

פאַראַנטוואָרטלעכסטע טרעגער פון דעם העברעיִשן חינוך און פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין אַמעריקע זענען זייער פּעסימיסטיש געשטימט. אָט שרייבט מען אין „הדואר“ 1): „מכל הספרות הפדגוגית הרצינית של יהודי אמריקה

1) „הדואר“, 20טן מאַי, 1955.

עולה נגינה עמוקה שוברת לב. אין צער גדול יותר מזה של המורים העברים והאידיים במדינה זו. בנקל אפשר היה לחבר אנתולוגיה של דברי עצבות עמוקה, מגילת איכא רבתי, פרי עטם של מורים ותיקים" (אַ טיפער קרעכץ, וואָס מאַכט ציטערן דאָס האַרץ, הערט זיך פון די מיילער פון די לערער, די העברעיִשע און די יידישע. מען וואָלט גרינג געקענט צונויפשטעלן פון זייערע קינות אַ גאַנצע אַנטאָלאָגיע, אַ קלאָג־מגילה פון די עלטערע לערער).

מיר וואָלטן געקענט ברענגען אַזעלכע ציטאַטעס צענדליקער און פון אַזעלכע אויטאָריטעטן אין חינוך־פראַגן בכלל און באַזונדערס בנוגע דעם חינוך־מצב אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי פּראָפעסאָר צבי שאַרפשטיין וכדומה. און דאָך מיינען מיר, אַז דער דאָזיקער פּעסימיזם איז באַרעכטיקט נאָר לגבי דעם הווה, נאָר נישט לגבי דעם עתיד.

עס איז געגוג זיך אַ ביסל אַריינצופילן אין דער אַטמאָספער, וועלכע הערשט אין די פאַרשיידנסטע קרייזן פונעם אַמעריקאַנער יידנטום, פון די רעפאָרמירטע ביז די לינק־ראַדיקאַלסטע, כדי פריש אָפּצואָטעמען און אָנהייבן גלויבן אין אַ בעסערע צוקונפט בנוגע דער לאַגע פון העברעיִש.

מיר לעבן אין אַמעריקע אין אַ איבערגאַנגס־צייט. דער אַלטער העברעיִשער דור, דער דור משכילים און סתם העברעיִשע לייענער, וועלכער איז אַהער געקומען צוזאַמען מיט די מיליאָנען יידישע אײנוואַנדערער פון אייראָפּע אין ערשטן פערטל פון 20טן יאָרהונדערט, האַלט ביים פאַרשווינדן. קיין יורש איז נישט צוגעגרייט געוואָרן. שטייגט דער קריזיס מיט יעדן פאַרשווונדן פון אַ העברעיִשן לייענער. דאָס איז אַ מצב, וואָס קען אָנוואַרפן אַ פּחד. די העברעיִשע פּרעסע, דער ביכער־מאַרק — זיי קעמפן שווער מיטן קיום און פאַלן אַריין אין פאַרצווייפלונג.

וואַרפט מען אָבער אַ בליק אויף די יונגע עלעמענטן און אויף לערן־ביכער אין העברעיִש, ווערט גרינגער אויפן האַרצן — מען פילט, אַז די לופט איז אָנגע־זאַפּט מיט סימפּאַטיעס פאַר העברעיִש, און נישט נאָר מיט פּאַסיווע סימפּאַטיעס, נאָר בפירוש מיט אַקטיווער שטרעבונג זיך צו באַהעפטן צו דער לעבעדיקער העב־רעיִשער שפּראַך פון מדינת ישראל, וואָס טיפער אַריינדרינגען אין די שאַפונגען פון ישראל. אמת, דאָס זענען אַלץ התחלות, שפּראָצונגען, יונגע צווייגעלעך, קוים מערקבאַרע אונטערערדישע פּראָצעסן — נאָר זיי זאָגן עדות וועגן אַ הונגער, זיך זעליש צו באַהעפטן מיט דעם העברעיִשן שאַפונג־קוואַל. דער דאָזיקער שטראָם איז נאָך אַ שוואַכער, אַ שמאָלער — ער איז אָבער פול מיט יוגנט־קראַפט און עס פילט זיך, אַז דער גייסט פון מדינת ישראל רוט אויף אים און פילט אים אָן מיט ענער־גיע און גלויבן אין דער צוקונפט. אָט דער גייסט פון מדינת ישראל, וואָס איז געוואָרן אַ באַלעבונג־פאַקטאָר און אַ באַגייסטערונג־פאַקטאָר פאַר אַלע טיפן שולעס אין די תפוצות — זיין השפעה ווערט געכפּלט און אפשר פאַרצענפאַכט אין יענע חינוך־אינסטיטוציעס, ווו עס הערשט די לעבעדיקע העברעיִשע שפּראַך פון מדינת ישראל.

ס׳מאַכט דעם איינדרוק פון דעם בילד, וואָס יחזקאל מאָלט בשעת ער זעט שוין פלייש אויף די ביינער און אָדערן, נאָר עס פעלט נאָך דער אָטעם. און גאָט זאָגט צו יחזקאל: „הנבא אל הרוח! הנבא, בן אָדם!" איך וואָלט געזאָגט, אַז אויך אין אַמעריקע פעלט דער לעבעדיקער אָטעם, עס פעלט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט דעם רצון אויסצונוצן דעם היסטאָרישן מאָמענט און זאָל אַרויס מיט אַ מאַקסימום־פּראָגראַם און מיט אַ גרויסן און אַקטיוון רצון צו גרינדן העברעיִשע טאָג־שולעס. דער דערפאָלג וואָלט געוויס געווען אַן איבערראַשנדיקער, ווייל אַלע עצות און תרופות, וואָס פאַרשיידענע ריכטונגען קומען מיט זיי, כדי צו באַפרידיקן דעם דורשט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע צו געפינען אַ היסטאָריש אויסגעפּרוּווטן אָנשפּאַר, וואָס זאָל וויפל ס׳נישט איז גאַראַנטירן די נאַציאָנאַלע צוקונפט פון דעם גרויסן קיבוץ; אַלע די דאָזיקע פּערטל־ און האַלבע־עצות און תרופות באַגייסטערן ווייניק אָדער כמעט ווי גאָרנישט. פון דער צווייטער זייט, איז גרינג צו מערקן, אַז אַלץ וואָס עס איז שייך צו מדינת ישראל, נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, קאַמף פאַר עקאָנאָמישע און פּאָליטישע זיכערקייט — פאַרכאַפּט אַ סך ברייטערע מאַסן און ווירקט אַ סך טיפער. געוויס נישט גענוג — ווייט נישט גענוג. — אין פאַרגלייך אָבער מיט דער קנאַפּער באַגייסטערונג, וואָס די מאַסן ווייזן אַרויס אַלע אַנדערע עצות טובות, ווי צו גאַראַנטירן די ווייטערע נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ אין גלות רירן כמעט גאָרנישט די נשמות פון די מאַסן.

דער איבערראַשנדיקער דערפאָלג פון די ישיבות קטנות איז דער בעסטער עדות, אַז אין אַמעריקאַנער יידנטום קומט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס, וואָס זוכט וועגן און מיטלען, ווי נישט צו פאַרלירן אינגאַנצן דעם באָדן אונטער די פיס, ווי וויפל ס׳נישט איז פאַרלאָטען דעם לאָך אין דער יידישער דערציִונג, וואָס דער פריִערדיקער דור האָט געלאָזט בירושה. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע אומרויִקע מאָמענטן אין לעבן פון אַ פאָלק קענען ברענגען ממשותדיקע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן און קענען אויך אויסגערונען ווערן און נישט לאָזן קיין שפּורן — דאָס איז געוואַנדט אין גאָר אַ גרויסער מאָס, צי האָט דער דור אַזאַ אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן כוח, וואָס פאַרשטייט דעם היסטאָרישן מאָמענט און סטאַרעט זיך אים אויסצונוצן. ווייל איך נישט אַרויסטראָגן קיין משפּט אויף יענע אָרגאַניזירטע כוחות, די ציוניסטישע זעלבסטפאַרשטענדלעך, וועלכע זענען די באַרופנסטע און די מחויבדיקסטע צו אַנטפּלעקן אַ מאַקסימום אַקטיווקייט אין דער ריכטונג פון ישראל, העברעיִש און צוזאַמענהעפט צווישן גלות און ישראל.

לאָמיר איבערגיין צו דער קאָנקרעטער לאַגע און מיר וועלן זען, אויף וויפל העברעיִש האָט אין די לעצטע יאָרן געוווּנען נייע פּאָזיציעס און צי זענען דאָס עפּעמערנע פּאָזיציעס אָדער מער אָדער ווייניקער וואָרצלדיקע און צוזאָגנדיקע.

מיר וועלן אָנהייבן פון יענע נייע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען לויט זייער נאַטור און פּראָגראַם מאַקסימאַליסטן, דאָס מיינט קרובים לויטן גייסט צום ציו־

ניזם, וועלכער איז אויך געווען און געבליבן עד היום אַ ראַדיקאַלע, אַ מאַקסי־מאַלע באַוועגונג.

אין יאָר 1941 איז געגרינדעט געוואָרן דער קעמפּ „מסד״, אַ קעמפּ, וואָס פלאַנצט איבער ישראל־גייסט און ישראל־אַטמאָספער אויפן באָדן פון אַמעריקע. שרייבט מאָריס שודאָפסקי 1):

„מסד איז איינע פון די שענסטע דערפאָלג־געשיכטעס אין דער מאַקסימאַ־לער יידישער דערציִונג. געשטיצט פון דער „הסתדרות עברית באמריקה״ האָט די דאָזיקע אינסטיטוציע שוין געלאָזט טיפע וואָרצלען אין אַמעריקאַנער באָדן. בעת פילע חקרנען זיך, ווי איבערצוּוואַרפן אַ קולטורעלן און גייסטיקן בריק צווישן ישראל און אַמעריקע, גיט מסד אַ גרייטן פּלאַן און ווייזט אויך אָן אויפן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס איז באַרופן פאַר דעם דאָזיקן בריק. מסד האָט דערוויזן גאָר אָן צווייפל, אַז פּאָזיטיווע יידישקייט אין העברעיִש איז אַבסאָלוט מעגלעך אין דאָ־זיקן לאַנד. אָנגעהויבן אין יאָר 1941 מיט גראָשנס, האָט מסד איצט אַ ביודזשעט פון 250 טויזנט דאָלער יערלעך״.

אָט ווי עס באַשרייבט דער באַרימטער שריפטשטעלער און מורה, יעקב חורגין זיינע איינדרוקן פון „מסד״ 2): מסד איז איינע פון די אינסטיטוציעס, וואָס מען קען זיי נישט פאַרשטיין נאָר פון הערן און לייענען. האָב איך זוכה געווען און בין אויפגענומען געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון דעם מדריכים־אינסטיטוט, וואָס עס האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן אַ גאַנצן סעזאָן אין קעמפּ און מיטלעבן זיין לעבן. די עקסיסטענץ פון אַזאַ קעמפּ אין אַמעריקע, איז פאַר זיך אַ וווּנדער: מדינת ישראל אין מיניאַטור אין מיטן פון די קעטסקיל־בערג, אַ נאַ־ציאָנאַלער העברעיִשער אינדזל אין מיטן פון אַ פרעמדער שטאַרקער און רייכער קולטור. נאָר דער גרעסטער וווּנדער זענען די קינדער פונעם קעמפּ: אַמעריקאַנער געבוירענע, וואַרפן זיי אַראָפּ פון זיך אויף עטלעכע וואָכן זייער אַמעריקאַניזם, שיידן זיך מיט די השפעות פון זייערע היימען און פון זייערע שולעס און אָן שום צוואַנג נאָר פון געזונטער קינדער־פרייד נעמען זיי אויף זיך די בירגערלעכע התחייבותן פון ישראל מיט אַלע אירע שוועריקייטן און פליכטן.

„טעדי און דזשון, עוועלין און ראָוז ווערן פּלוצים מגולגל אין יצחק און יוחנן, חוה און שושנה — און דורכן טויער פון מסד קומען זיי אַריין אין אַ ניי לאַנד מיט אַ נייעם קלימאַט, מיט אַ נייער געזעלשאַפטלעכער ספערע, וועלכע זענען ווייט פון זייער לאַנד, פון זיין קלימאַט דורות לאַנג. דאָס איז מדינת ישראל געאָגראַפיש און קולטורעל. אַלע שירים זענען די זעלבע, וועלכע ווערן געזונגען

---

1) מאָריס שודאָפסקי, יידישער אַקטיווער חינוך, אין „קאָנגרעס וויקלי״, 8טן מערץ, 1954 (ענגליש).

2) יעקב חורגין, מן המסד, אין „הדואר״, 5טן נאָוועמבער, 1954.

אין די דערפער און שטעט פון ישראל, די פאַרשטעלונגען, די פאַרזאַמלונגען, די שפילן, לעקציעס און רעפעראַטן — אַלץ אָטעמט מיט העברעיִש און מיט ישראל".

ער באַשרייבט אויספירלעך ווי אַזוי העברעיִש הערשט אַבסאָלוט אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן פון דעם מסד. און דאָס אַלץ ווערט נאָך באַגלייט מיט רע־ליגיעזער דערציִונג — „די שבת־תפילות זענען פון אַ גרויסן רושם. די שבת־זמירות און דער עונג־שבת, מוצאי שבת, די וווּנדערבאַרע תשעה־באָב־קינות, ווען הונדערטער קינדער און יונגע מענטשן זיצן אויף דער ערד מיט קינות אין די הענט און ברענענדיקע ליכט אין זייערע הענט — דאָס אַלץ דערציט נאַציאָ־נאַל און רעליגיעז".

מיר האָבן געבראַכט די דאָזיקע לאַנגע ציטאַטעס, ווייל דאָ באַקומען מיר אַ קלאָרע פאָרשטעלונג, אַז דווקא א מאַקסימאַלע פּראָגראַם, דווקא אַן אויסגעהאַל־טענע ברייטע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע דערציִונג־פּראָגראַם, דווקא אַזאַ איבערטראָגן דעם ייִדישן יונגן מענטשן אין אַ נייער וועלט, אַ נייער אויסערלעך, נאָר, ווייזט אויס, אייגן און אינטים אין די נשמה־טיפענישן פון ייִדישן יונגן מענטשן — דווקא אַזאַ שפּרונג איז אָנגענעמבאַר פאַר דעם יונגן דור.

„מסד" שעפּט זיך נישט אויס מיט די זומער־חדשים — עס איז שוין דאָ אַ „נוער־מסד" און „בוגרי־מסד" 1), וועלכע זעצן פאָר אין שטאָט צו פאַרזאַמלען זיך איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך און מען איז ממשיך צו שטודירן העב־רעיִשע ליטעראַטור און דער עיקר רעדן העברעיִש — מען פאַרברענגט געווייִנט־לעך צוזאַמען אַ גאַנצן טאָג אָדער צוויי האַלבע טעג. די צוויי קעמפּס „מסד" האָבן אין משך פונעם זומער אַרום 500 תלמידים און תלמידות — און „זומער 1954 האָט מען געמוזט אָפּזאָגן פּיל קינדער, ווייל עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ און דעריבער האָט מען באַשלאָסן צו בויען אַ גרעסערן בנין" 2).

„מסד" אַנטוויקלט זיך זייער גוט און מען טוט שוין נאָך דער דאָזיקער אינס־טיטוציע — די קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס, וועלכע האָבן אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע רעזאָלוציע פאַר טאָג־שולעס מיט העברעיִש אַלס לימוד־שפּראַך פון אַלע ייִדישע לימודים, האָבן צוריק מיט אַ פּאָר יאָר אָנגעהויבן גרינדן קעמפּס לויטן מוסטער פון „מסד" — זיי טראָגן דעם נאָמען „רמה". — אָט איז אַ בילד פון „רמה" 3):

„מיר סטאַרען זיך, אַז די קינדער זאָלן ביי אַלע פאַלן רעדן העברעיִש — ביים בעיִסבאָל, ביים שווימען, ביים עסן, ביים טאַנצן, ביי די פאַרזאַמלונגען".

אין „רמה", וואָס ווערט באַשריבן אין „קאָמענטערי" הענגט אַ פּלאַקאַט, וואָס שרייט: „כאַפּ זיך אויף אין העברעיִש, טו זיך אָן אין העברעיִש, וואַש זיך אין

1) דאָרטן, 3טן דעצעמבער, 1953.

2) דאָרטן.

3) „קאָמענטערי", מאַי, 1955, זייט 428.

העברעיש, עס אין העברעיש, לערן אין העברעיש, שפּיל זיך אין העברעיש, טאַנץ אין העברעיש און גיי שלאָפן אין העברעיש" 1).

ס'ווערן אָנגענומען אין די „רמה"־קעמפּס נאָר קינדער, וועלכע באַהערשן שוין מער אָדער ווייניקער די העברעישע שפּראַך. די קאָנסטרוקטיווע סינאַגאָגעס האָבן איצטער נאָר דריי „רמה"־קעמפּס מיט אַרום איין טויזנט תלמידים און תלמידות. פּראָפעסאָר משה דייוויס, דער דירעקטאָר פונעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי די קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס, האָט מיר פערזענלעך געזאָגט, אַז זיי וואָלטן גרינג געקענט באַלד גרינדן צען קעמפּס „רמה" נאָר זיי האָבן נישט קיין לערער און מדריכים. דער דוחק אין די לעצטע, וועלכע שפּילן די הויפּט־ראָלע אין די קעמפּס, באַזונדערס אין די העברעישע קעמפּס, ווו די אַטמאָספער שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע, האַלט שטאַרק אָפּ די אַנטוויקלונג פון די העברעישע קעמפּס. דאָך זענען שוין איצט פאַראַן אין אַמעריקע מינימום אַ צענדליק, גיכער מער העברעישע קעמפּס מיט פאַרשיידענע נעמען און מען לאָזט דורך יעדן זומער מינימום 3־4 טויזנט קינדער. די מערהייט בלייבן פאַרבונדן מיט די קעמפּס און בלייבט טריי דער העברעישער שפּראַך.

אויך אין די „רמה"־קעמפּס שפּילט דער רעליגיעזער מאָמענט אַ גרויסע ראָלע, נאָר מער זיין נאַציאָנאַלע השפּעה, ווי שמירת שבת און יום טובים — דער מחבר פון דער אַרבעט וועגן דעם „רמה"־קעמפּ שרייבט: „שבת אין קעמפּ איז עפּעס אַזוינס וואָס עס איז כדאַי בייצווזיין" 2).

דער פּערסאָנאַל, וואָס באַשטייט פון מער ווי דרייסיק מורים און מדריכים רעדט אויסשליסלעך העברעיש צו די תלמידים און תלמידות. און אַלע די דאָזיקע לערער און מדריכים זענען אַמעריקאַנער געבוירענע.

די באַשרייבונג פון תשעה באָב אין קעמפּ מאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק — איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן טיף איבערגעלעבט דאָס זאָגן קינות אין בית המדרש זיצנדיק אויף דער ערד — מיר ווייזט אויס, אַז די קינדער פון „רמה" וועלן באַהאַלטן נישט ווייניקער שטאַרקע און נישט ווייניקער טיפע איבערלעבונגען פון דעם תשעה באָב אין קעמפּ, אפשר אַפילו נאָך פיל טיפערע, ווייל מיט מער אַריינדרינגען אינעם אינהאַלט, דורכגעפירט. און חוץ דעם איז נאָך דער תשעה באָב שוין פאַרבונדן מיט קוממיות, מיט דער גאולה, וועלכע דאַרף נאָך דערגאַנצט ווערן און אָנגעפילט מיט נאַציאָנאַלע שאַפונגען.

פון די קעמפּס, ווו עס באַקומען אַ העברעיש־ישראלדיקע דערציִונג יונגע קינדער פון 6 ביז 13 און אויך יוגנטלעכע ביז 18 יאָר, וועלן מיר איבערגיין צו אַן אינסטיטוציע, וועלכע איז אַ ביסל עלטער פון די קעמפּס, וועלכע מוז אָבער

1) איביד, ז. 430.
2) איביד, ז. 429.

נאָך אויך באַטראַכט ווערן ווי אַן איניציאַטיוו־אונטערנעמונג. מיר האָבן אין אויג די העברעיִשע קורסן אין די שטאַטלעכע מיטל־שולעס און אין די קאָלעדזשעס און אוניוועסיטעטן. 1930 איז דורכגעפירט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל ביי דעם חינוך־דעפּאַרטאַמענט פון ניו־יאָרק די איינשליסונג פון העברעיִש ווי אַן אויסלענדישע שפּראַך אין די מיטל־שולעס פון דער שטאָט. איצט לערנען זיך העברעיִש אין 61 (1 מיטל־שולעס פון ניו יאָרק צוזאַמען אַרום 6 טויזנט 2) תלמידים און תלמידות. עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס לערנען פון העברעיִש אין אַן אַלגעמיינער מיטל־שולע איז ענלעך צום לערנען פון אַן אַנדערער אויסלענדישער שפּראַך. אַבסאָלוט נישט! די דאָזיקע העברעיִשע קורסן ווערן אויסגענוצט גאַנץ ברייט — מען אָרדנט איין אין די יום טובים אָוונטן מיט טענץ און געזאַנג מערסטנטייל פון ישראל. מען לערנט אויף די קורסן ייִדישע געשיכטע און גאָר אין אַ גרויסער מאָס, די געשיכטע פון ציוניזם. הכלל דאָס איז מער ווי אַ העברעיִשער קורס — דאָס איז אַ ישראלדיקע חינוך־אינסטיטוציע. די לעצטע יאָרן האָט מען זיך דערשלאָגן, אַז פיל אַנדערע שטעט, טשיקאַגאָ, דעטראָיט, באָסטאָן, צוזאַמען אין 12 שטעט לערנט מען העברעיִש אין די מיטל־שולעס, צוזאַמען 8 טויזנט תלמידים און תלמידות 3).

העברעיִש ווערט געלערנט אין אַלע קאָלעדזשעס פון ניו יאָרק — אין לעצטן יאָר — 1954 — האָבן געלערנט אויף די דאָזיקע קורסן אַרום 1.500 סטודענטן. ביי דער אוניווערסיטעט אין ניו יאָרק איז געגרינדעט געוואָרן אַ גאַנצער העברעיִשער פאַקולטעט, ווו עס ווערט געלערנט נישט נאָר די העברעיִשע שפּראַך אין אַלע אירע אַנטוויקלונג־פּאַזעס, נאָר אויך ייִדישע געשיכטע, ייִדישע קולטור, ישראל־לעבן, ייִדישע פילאָסאָפיע, הכלל אַלע קאַטעגאָריעס וויסנשאַפטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צום ייִדישן פאָלק.

אָט ווי עס באַשרייבט אַ העברעיִשן צענטער, איינער פון די סאַמע אַקטיוויסטע טוער אויף דעם געביט פון העברעיִש אין די מיטל־ און הויך־שולעס, דירעקטאָר פון העברעיִשן קולטור־ראַט ביים ייִדישן דערציִונג־קאָמיטעט יהודה לאַפּסאָן 4): „היינט צו טאָג איז ברוקלין קאָלעדזש דער צענטער פון יוגנטלעכן דורשט נאָך ייִדישן וויסן, וואָס נעמט אַריין: ייִדישע פילאָסאָפיע, דאָס ייִדישע לעבן אין ישראל און די מאָדערנע ייִדישע שאַפונגען. איבער 800 סטודענטן אין ברוקלין קאָלעדזש, אונטער דער אָנפירונג פון דערפאַרענע פּראָפעסאָרן און אינסטרוקטאָרן, טרינקען זיי פון די קוואַלן פון דער נאַציאָנאַלער ייִדישער קולטור".

---

1) „הדואר", 11טן מערץ, 1955.
2) עזריאל אייזנבערג, אורות וצללים בחינוך היהודי, אין „גשר", בוך 2, 1954. ירושלים. ז. 72.
3) איביד, ז. 73.
4) „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 24טן דעצעמבער, 1950.

מען שאַצט די צאָל יונגע יידן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די קורסן פון די דערמאָנטע אינסטיטוציעס, ביז אַריבער 65 טויזנט. דאָס איז דאָך אַ גאַנצע מחנה יונגע יידן, וועלכע זענען נישט צופעליק געקומען אויף העברעיִשע קורסן. געוויס נישט צוליב נייגעריקייט, נאָר פון טיפער איבערצייגונג, אַז צו דעם איז זיי מחייב זייער יידישער געוויסן. אָדער זיי האָבן בדעה צו פאַרנעמען אַ פּאָסטן אויף די פּאָזיציעס, פון וועלכע עס ווערט געפירט דער קאַמף קעגן דער אַסימי־לאַציע. די צאָל פון די לעצטע איז טאַקע זייער גרויס אויף די דערמאָנטע קאָ־לעדזש־קורסן.

ביידע נאָר וואָס באַשריבענע נישט לאַנג־אויסגעקעמפטע העברעיִש־ישראל־דיקע פּאָזיציעס, ווייזן די גאַנצע צייט אַן אומאויפהערלעכע טענדענץ צו וואַקסן — אָרגאַניש וואַקסן, לאַנגזאַם, אָן הפסקות. און דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז דאָס זענען נישט קיין צופעליקע דערשיינונגען, נאָר אָרגאַניש אַרויסגעוואַק־סענע פון יידישן לעבן, טענדענצן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די צוויי ניצחונות פון העברעיִש, איידער מיר האָבן נאָך באַהאַנדלט די לאַגע פון דעם העברעיִשן־לימוד אין יענע טויזנטער און צענדליקער טויזנטער שולעס, אין וועלכע עס לערענען זיך אַרום 400 טויזנט יידישע קינדער, ווייל די דאָזיקע ניצחונות ווייזן, אַז אינעם יידישן לעבן פון אַמעריקע קומט פאָר אַ געוויסער פּראָצעס פון אַריינגלידערן זיך גייסטיק־קולטו־רעל אין דער נייער ישראל־קולטור. העברעיִש גייט דאָ געקנופּט און געבונדן מיט ישראל. ישראל מאַכט לעבעדיקער און צוציִענדיקער די העברעיִשע שפּראַך און די לעצטע אילוסטרירט, ווי דערהויבן און שעפעריש אַ שפּראַך ווערט, ווען זי האָט אונטער זיך אַן אייגענעם באָדן און איבער זיך אַן אייגענעם הימל.

מיר האָבן געלאָזט צום סוף די וויכטיקע פראַגע, וועגן העברעיִש אין די יידישע שולעס — אייגנטלעך דעם עיקר. און אָט צוליב וואָסערע סיבות: דער יידישער חינוך אין אַמעריקע לעבט בלתי ספק איבער אַ טיפן איבערברוך. ער געפינט זיך אין פּראָצעס פון אַ סך שנויים און רעפאָרמעס, פון וועלכע ווייט נישט אַלע, זענען שוין געגנוג בולט אין זייערע טענדענצן און אין זייערע לעצטע צילן. דער חינוך שטעלט זיך אום אין אַ סך פּרטים. ער האָט שוין געמאַכט באַדייטנ־דיקע דערפאָלגן אין פּרט פון כמות אין די שולעס. די צאָל תלמידים איז באַ־דייטנדיק געוואָקסן, — דאָס איז, פאַרשטייט זיך, דער עיקר אַ דאַנק דער נאַציאָ־נאַל־רעליגיעזער דערוואַכונג פון ברייטע מאַסן, נאָר אויך באַדייטנדיק צוליב דער אינטעסיווירטער אָרגאַניזירטער פּראָפּאַגאַנדע און פאַרבעסערונגען אין די טעכני־שע באַדינגונגען פון די שולעס. דער פּראָצעס פון פאַרגרעסערן די שעהן פונעם לערנען קומט אָן פיל שווערער, נאָר אויך אויפן דאָזיקן געביט קען מען פאַר־צייכענען גאָר באַדייטנדיקע דערפאָלגן — הונדערטער שולעס פון די רעפאָרמיר־

טע קאָנגרעגעישנס און פיל מער פון די קאָנסערוואַטיווע האָבן שוין איינגעפירט צוויי מאָל אין וואָך לימודים און אויך דריי מאָל אין וואָך. דער לימוד, וועלכער ווערט אַמשטאַרקסטן פאַרלאַנגט פון די עלטערן און ווערט אויך אַמאינטענסיווסטן אַרויסגערוקט פון דער גרויסער מערהייט לערער, איז די העברעיִשע שפּראַך. זייער אַ סך קהילות האָבן שוין אָנגענומען באַשלוסן, אַז עס ווערן צוגעלאָזט צו בר־מיצווה נאָר קינדער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט מינימום אַ קורס פון דריי יאָר יידישע לימודים.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטיק פון די רעפאָרמירטע שולעס 1): „אין דער שטרע־בונג צו פאַרגרעסערן דעם פאַרנעם פון די לימודים ווערט די העברעיִשע שפּראַך באַטראַכט ווי דער רוקן־ביין פון דערציִען באַרופענע יידישע קהילה־פירער".

שטודירט מען די פּראָגראַמען פון די שולעס פון אַלע ריכטונגען, וועלכע ווערן אַלע די לעצטע צייט שטאַרק רעווידירט און איבערגעאַרבעט, וואַרפט זיך אין די אויגן איין אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטישער שטריך אַבסאָלוט ביי אַלע: — די אינטעגרירונג! נאָר שוין נישט ווי לאַנגע צענדליקער יאָרן אינטעגרירונג, נאָר אין דער אַמעריקאַנער קולטור, נאָר אויך אין דער העברעיִשער! דער צוויי־טער שטריך איז נישט ווייניקער וויכטיק — אינטעגרירונג נישט אין דער אַל־טער ביבל־קולטור, ווי דאָס איז ווידער געווען אַ סך יאָרן, נאָר בפירוש אין דער נייער העברעיִשער קולטור, דאָס מיינט אין דער ישראל־קולטור!

כמעט אַלע ישיבות גדולות און אויך אַלע העכערע רבנישע און לערערישע אינסטיטוציעס האָבן איצט פאַקולטעטן, ווו עס ווערט געלערנט אין העברעיִש, דאָס מיינט, גערעדט העברעיִש. דער פּראָצענט ראַביים, וועלכע קענען גרינטלעך העברעיִש און רעדן פריי העברעיִש, איז די לעצטע צען יאָר שטאַרק געשטיגן.

אָט זענען די פּרינציפּן בנוגע דעם חינוך, וועלכע זענען געוועזן אָנגענומען אויף אַ קאָנפערענץ פון קאָנסערוואַטיווע ראַביים:

1) רעליגיעזע איבערצייגונגען און פירונגען. 2) די העברעיִשע שפּראַך. 3) תורה (אין איר ברייטסטן זין). 4) געשיכטע פונעם יידישן פאָלק און זיין ליטע־ראַטור. 5) ארץ ישראל. 6) אַמעריקאַנער יידישע געשיכטע. 7) קונסט" 2).

די דאָזיקע פּראָגראַם, וואָס אין תוך איז זי טיפּיש פאַר אַלע יענע שולעס, וועלכע ווערן צוגערעכנט צו די זונטיק־שולעס און צו די תלמוד־תורות, איז זייער כאַראַקטעריסטיש: די העברעיִשע שפּראַך קומט אויפן צווייטן אָרט באַלד נאָך רעליגיע. און העברעיִש מיינט איצט נישט נאָר חומש אָדער נביאים — דאָס

1) Jewish Education, Vol. 25, Nº 2, 1954, p. 44.

2) יובל־נומער לכבוד 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע, פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס, מימיאָגראַפירט, מערץ 1955, זייט 59.

מיינט די מאָדערנע העברעיִשע שפּראַך, דאָס מיינט די ישראל־שפּראַך. אין דער גרויסער מערהייט שולעס לערנט מען לויט דער הברה פון ישראל. ארץ ישראל שטייט פאַר דער ייִדישער געשיכטע אין אַמעריקע! ווידער זייער כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער צייט, וואָס מיר לעבן איבער.

איך בין ווייט פון צו באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע פּראָגראַם ווערט שוין דורכ־געפירט אין אַ מערהייט שולעס, צי אַפילו אין אַ מינדערהייט שולעס. געוויס נישט! די דאָזיקע פּראָגראַם איז אָבער אַרויסגערופן געוואָרן פון קאָנקרעטע שטימונגען ביי די עלטערן און פון אַקטיוון רצון פון די פירער און לערער פון די קאָנגרע־געישנס. און דאָס איז דאָך געוויס סימפּטאָמאַטיש! במקום שיש רצון, וועט שוין עפּעס דערפון אַרויסקומען.

אַ געוויסער באַווייז, אַז די לעצטע יאָרן איז דער העברעיִש־לימוד שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן אין אַלע טיפּן שולעס איז דער אָפּזאַץ פון העברעיִשע לערן־ביכער. אָט ליגט פאַר מיר אַן אַנאָנס 1) פון דעם גרעסטן פאַרלאַג (די היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני) פון אַזעלכע ביכער. דער קאָפּ פון דעם אַנאָנס הייסט: „רשימת ספרי הלימוד וספרי העזר שלנו". דער אַנאָנס פאַרנעמט אַ גאַנצע זייט פון דעם „הדואר"; דער שריפט איז זייער קליין און זייער געדיכט געזעצט. עס זענען אָנגעגעבן אַרום 180 נומערן פון לערן־ביכער פון פאַלגנדיקע אָפּטיילן: 1) לראשית לימוד הדיבור, הקריאה והכתיבה; 2) לבוגרים; 3) דיקדוק; 4) היסטוריה; 5) תורה, נביאים וכתבים וסיפורי המקרא; 6) משנה ותלמוד. דאָס איז אַ צעטל נאָר פון איין פאַרלאַג — עס איז פאַראַן נאָך עטלעכע פאַרלאַגן, וועלכע פאַרשפּרייטן אויך אַ סך לערן־ביכער.

עס זענען איצט פאַראַן אין די שטאַטן העכער 200 קינדער־גאָרטנס — כמעט אין אַלע ווערט געשפּילט מיט די קינדער אין העברעיִש. אויך אין די ייִדישע מיטל־שולעס, אויף וויפל זיי זענען פאַראַן, ווערט געלייגט גרויס געוויכט אויף העברעיִש — עס איז נאַטירלעך, ווייל שיקן די קינדער אין אַ ייִדישער מיטל־שולע איז נישט קיין געוויינלעכע דערשיינונג און טרעפט מער ביי ציוניס־טישע עלטערן.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז מיר האָבן ווייט נישט אויסגעשעפּט די גרויסע טעמע „חינוך". אָט האָבן מיר אינגאַנצן נישט אָנגערירט אַזאַ וויכטיקע טעמע ווי די דערציִונג פון מיידלעך — ביי דער איצטיקער לאַגע ווען די לערער־פּראָפע־סיע ווערט אַלץ מער איבערגענומען פון פרויען איז דאָס געוויס אַ גאָר וויכטיקע פראַגע. וועלן מיר כאָטש נאָר דערמאָנען, אַז אין די „בית יעקב"־שולעס פון דער אַגודה, לערענען זיך ביז דריי טויזנט דערוואַקסענע ייִדישע טעכטער — דאָס זענען געוויס קומענדיקע לערערינס אָדער גוטע ייִדישע מאַמעס. די „בית יעקב"־

---

1) „הדואר", 20טן מאַי, 1955.

שולעס האָבן זיך געמאַכט גאָר אַ גוטן שם אין פּוילן. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט באַזוכט אין קראָקע אין יאָר 1937 דעם לערער־אינסטיטוט פון די „בית יעקב"־שולעס און ער איז געווען ממש אַנטציקט פון די היגיענישע באַדינגונגען, אין וועלכע די תלמידות זענען געווען געשטעלט און אויך פון דער הויכער קוואַליטעט פון די לימודים.

דאָס יאָר איז אויך געעפנט געוואָרן אַ ספּעציעלער אינסטיטוט פאַר מיידלעך ביי דער ישיבה־אוניווערסיטעט.

מיר מאַכן נישט קיין אויספירן פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן דאָ באַשריבן — ווי געזאָגט, לעבט איבער דער ייִדישער חינוך אַן איבערגאַנג־צייט. מען קען גלויבן, אַז אויב עס וועלן זיך געפינען אָרגאַניזירטע אַקטיווע כוחות, וועלכע וועלן אויסנוצן די שטימונגען, וועלן געוויס זיין געוויסע רעזולטאַטן. צי די אַלע באַשריבענע פאַסטנס און פּאָזיציעס, פון וועלכע מען פּרווט באַזיגן אָדער לכל הפּחות באַדייטנדיק אָפּשוואַכן די אָביעקטיווע אַסימיליר־פּראָצעסן, וועלן ברענגען באַדייטנדיקע רעזולטאַטן — דאָס איז די גורל־פראַגע פון דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום און נישט נאָר פונעם אַמעריקאַנער, נאָר פון גאַנצן גלות־ייִדנטום. דער דאָזיקער גורל־באַוווסטזיין מוז תמיד זיין וואַך ביי די אָרגאַניזירטע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע כוחות, אין דער ערשטער ריי ביי די ציוניסטן. די דאָזיקע וואַכזאַמקייט וועט זיין אַ געוויסע גאַראַנטיע פאַר האַלטן וואַך אויך דעם נאַציאָנאַלן געוויסן ביי ברייטערע ייִדישע מאַסן — אַ באַדינג, וואָס אָן אים וועט אוודאי נישט זיין קיין נאַציאָנאַלע צוקונפט ביים גלות־ייִדנטום.

# ענגליש־ייִדישע ליטעראַטור

ס'איז בלתי ספק, אַז אויפן באָדן פון ענגליש־ייִדישער ליטעראַטור פילט זיך אַ שטאַרקע אויפלעבונג — אַ כמותדיקע, נאָר אויך אַ איכותדיקע. מיר קענען, לײדער, זיך נישט אַריינלאָזן צו טיף אין דער דאָזיקער ביז גאָר וויכטיקער און אויך זייער אינטערעסאַנטער טעמע. נאָר איידער מיר טרעטן גאָר צו צו דער דאָזיקער ביז גאָר דעליקאַטער, ווייל צוקונפט־באַלאָדענער, טעמע, מוזן מיר כאָטש גאַנץ קורץ זיך אָפּשטעלן אויף דער ירידה אויפן פעלד, פון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור. אַמבעסטן ווערט די לאַגע באַלויכטן דורך די ציפער וועגן די אַרויסגעגעבענע ביכער צו לייענען פון די ניו יאָרקער שטאַטישע ביבליאָטעקן.

די דאָזיקע טאַבעלע גיט אַזאַ שרייענדיק בילד פון שפּראַך־אַסימילאַציע, אַז עס שטייגט נאָך איבער די ירידה, וואָס מיר האָבן העכער געזען ביים טיראַזש פון די טעגלעכע ייִדישע צייטונגען. די ערשטע ציפער פון העכער 84 טויזנט

## טאַבעלע 27

# אַרויסגעגעבענע יידישע און העברעישע ביכער פון ניו יאָרקער שטאָטישע ביבליאָטעקן 1)

| יאָרן | יידישע ביכער | | העברעישע ביכער | |
|---|---|---|---|---|
| | יערלעכער דורכשניט | אינדעקס | יערלעכער דורכשניט | אינדעקס |
| 1) 1916—1912 | 84.678 | 100.0 | 8.832 | 100.1 |
| 2) 1921—1917 | 69.274 | 81.8 | 7.735 | 87.6 |
| 3) 1926—1922 | 91.791 | 108.4 | 11.207 | 126.9 |
| 4) 1931—1927 | 74.410 | 87.9 | 10.315 | 111.8 |
| 5) 1936—1932 | 57.728 | 68.2 | 7.210 | 80.6 |
| 6) 1941—1937 | 41.487 | 49.0 | 5.574 | 63.1 |
| 7) 1944—1942 | 21.402 | 25.3 | 3.459 | 40.0 |
| 8) 1947—1945 | 21.378 | 25.3 | 2.975 | 36.0 |

ביכער יערלעך ייִדישע און קרוב ניין טויזנט ביכער העברעיִשע יערלעך איז געווען דער מאַקסימום פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די מלחמה־יאָרן גיבן אַ ירידה, ווייל דער צושטראָם פון אײַנוואַנדערער איז שטאַרק געפאַלן. באַלד נאָך דער מלחמה קומט אַ פרישער שטראָם אײַנוואַנדערער און די צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער ייִדישע און העברעיִשע גיט אַ שפּרונג אַריבער די צאָלן פון פאַר דער מלחמה — ייִדישע קרוב 92 טויזנט יערלעך און העברעיִשע העכער 11 טויזנט. די אײַנגעפירטע אײַנוואַנדערונג־באַגרענעצונגען פירן שוין צו אַן אומאויפהערלעכער ירידה אין ביידע פאַלן. עס דערגייט ביז אייך פערטל ייִדישע ביכער אין די יאָרן 1945־1947 און ביז 36 פּראָצענט פון די העברעיִשע ביכער אין די זעלבע יאָרן. דער פאַרגלייך איז מיט די צאָלן פון די יאָרן 1912־1916.

מיר האַלטן פאַר איבעריק זיך אָפּצושטעלן נאָך אויספירלעכער אויף דער ירידה פון די ביכער אין אונדזערע צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן — עס איז גענוג צו זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין אייך פריוואַטער פאַרלאַג פאַר ייִדישע ביכער. העברעיִשע ווערן אַרויסגעגעבן פון פריוואַטע פאַרלעגער כמעט אויסשליסלעך

---

1)יעקב לעשצינסקי, למצב היהודים בארצות הברית של אמריקה, אין „ספר־שנה של הקרן הקימת לישראל״, ירושלים, תש״ח, דף 299.

ג. גאָלדבערג, דער נאָכפרעג אויף יידישע און העברעישע ביכער אין „קולטור און דערציונג״. אַפּריל 1943. זייט 16.

פ. סאנדלער, דאָס יידישע בוך אין די פּאָבליק לייברעריס, „יידישע קולטור״, 1947, אָקטאָבער, ז. 51.

ג. גאָלדבערג, יידישע צייטונגען און ביכער אין אַמעריקע, אין „געדאַנק און לעבן״, באַנד 5, 1948, ז. 48.

רעליגיעזע ביכער. עס איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע דערשיינונגען פון די לעצטע יאָרן, וואָס עס ווערן אַרויסגעגעבן אַ מאַסע רעליגיעזע ביכער אין העב־רעיִש, נאָר נאָך אַ סך מער אין ענגליש.

אַזוי שרייבט דניאל פערסקי אינעם לעצטן יידישן בוך־אַלמאַנאַך 1):

„במאזן הספרים נשאר המספר היחסי כפי שהיה קודם לכן, היינו: ספרי דת למיניהם (הלכה, שאלות ותשובות, פרשנות, דרוש, מוסר ועוד) הולכים ונדפסים למכביר ללא הפסק וללא ירידה. אלא שרובם ככולם הנם ספרים מצולמים, הנדפסים בצורות אופסט ללא שנוי, עריכה והסתגלות לנסיבות החדשות — ורק מיעוטם הנם ספרים חדשים לגמרי, חדשים בחיצוניותם וישנים־נושנים בתכנם“.

„וואָס איז שייך צו העברעיִשע ספרים איז די לאַגע ווי געווען, דאָס הייסט: עס ווערן געדרוקט זייער אַ סך רעליגיעזע ביכער (פון הלכה, שאלות ותשובות, דרוש, מוסר און דאָס גלייכן). אַזעלכע ספרים ווערן געדרוקט אַ סך אָן אָן אויפ־הער. נאָר אַלע די דאָזיקע ספרים זענען פאָטאָגראַפירטע, וועלכע ווערן איבער־געדרוקט אָן שום ענדערונגען, אָן שום צופּאַסונג צו די נייע באַדינגונגען — און נאָר גאָר ווייניקע זענען גאַנץ נייע ביכער, נייע אויסערלעך, נאָר גאָר, גאָר אַלטע לויטן אינהאַלט“.

און אָט לייענען מיר אַ מיינונג פון פאַרלעגער, וואָס איז ביז גאָר אינטע־רעסאַנט און אפשר אויך גאָר, גאָר באַדייטנדיק 2):

„ס'איז פאַראַן אַ קאַלאָסאַלע נאָכפראַגע אויף רעליגיעזע ביכער מיט ענגלי־שער איבערזעצונג. די הגדה, למשל, ווערט אַרויסגעגעבן אין אַ נייעם פאָרמאַט און אין אַ נייער ענגלישער איבערזעצונג פּראַקטיש יעדעס יאָר. און יעדער פאַר־לעגער האָט זיך זיין הגדה, ווי ער האָט זיין סידור פאַר יעדן טאָג און אויך פאַר די יום טובים“.

נאָר דאָ זענען מיר שוין אַריבערגעקומען אין דעם געביט פון ענגלישער ליטעראַטור אין יידישן לעבן פון אַמעריקע. עס איז אַ גרויסע און שווערע פּראָב־לעם. מיר נעמען זיך נישט אונטער נישט נאָר אַרויסצוטראָגן שוין אַ משפט אויף דער ראָלע פון דער דאָזיקער שפּראַך אין דער נאַציאָנאַלער גורל־צוקונפט פונעם אַמעריקאַנער יידנטום, נאָר אַפילו אויסצושעפּן די דאָזיקע טעמע אין פּרט פון אינפאָרמאַציע וועגן די אַנטוויקלונג־סטאַדיעס, וואָס די דאָזיקע שפּראַך האָט שוין דורכגעמאַכט אין דער אַזוי גערופענער „יידישער“ ליטעראַטור אין ענגליש. מיר וועלן זיך באַגרענעצן מיט עטלעכע ציטאַטעס פון גאָר קאָמפּעטענטע אין דעם דאָזיקן געביט מענטשן, און וועלן פּרווון נאָר שטעלן אַ פּאָר קשיות.

---

1) דניאל פרסקי, יבול הספרות העברית באמריקה בשנות תשי״ג־תשי״ד, אין „שנתון הספר היהודי, ניו־יאָרק, 1953־1955. דף 120.

2) Harold Ribalow, Trends in Jewish Publishing, in “The Jewish Spectator”, May, 1955.

האַראָלד ריבאַלאָוו, אַ פּלייסיקער שטודירער פון די באַרירטע נאָר וואָס פּראָגן, שרייבט 1):

„אַלע רעדאַקטאָרן פון די פאַרלאַגן באַטאָנען, אַז זיי לייגן אַלע זייערע האָפע־נונגען אויף די ענגליש־ריידנדיקע און ענגליש־לייענענדיקע יידן. צוריק מיט יאָרן האָט די בלאָך־פאַרלאַג־פירמע געהאַט אַ דייטשע אָפּטיילונג — זי שטאַרבט גיך אָפּ. דער דאָזיקער פאַרלאַג פלעגט אַרויסגעבן יידישע ביכער. איצט שוין מער נישט. העברעיִש וואַקסט. סידורים ווערן געדרוקט כמעט אויסשליסלעך מיט ענגלישער איבערזעצונג. ערשט צוריק מיט אייניקע יאָר פלעגן סידורים אַרויס־געגעבן ווערן אָן ענגילשער איבערזעצונג — איצט האָבן אַפילו די טראַדיציאָ־נעלסטע סידורים, אָן ענגלישע איבערזעצונג".

עד כאן וועגן רעליגיעזע ספרים, וואָס דאָס איז זייער וויכטיק, וואָרום ווי וועלטלעך יידן זאָלן נישט זיין און נישט ווערן, וועלן נאָך אַלץ די סינאַגאָגע און דער סידור שפּילן די הויפּט־ראָלע אינעם המשך פון דער יידישער גרופּע אין דער פרעמד. בפרט נאָך, אַז די לעצטע טענדענץ פירט קלאָר און אויסגעשפּראָכן אין בית המדרש אַריין — צי צו אמתער רעליגיעזער פרומקייט איז אָן אַנדער פראַגע. נאָר אַלס אַ בית הכנסת, אַלס אַ זאַמלונג, ווו מען טרעפט זיך און מען דערפילט זיך פאַר אַ גליד פון יידישן פאָלק, געשיכטלעך און המשכדיק, בלתי ספק.

טשאַרלס אַנגאָף, אַ גאָר, גאָר אָנגעזעענער ענגלישער בעלעטריסט, קריטיקער און עסעיִסט, וועלכער האָט ביז אַרום 40 יאָר נישט אָנגעשריבן קיין איין וואָרט וועגן יידן, כאָטש ער האָט שוין געוווּנען מיט זיינע אַרבעטן אויף די אויסגערעכנטע געביטן אַ גאָר פיינעם שם אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, איז נאָך דער היט־לער־שחיטה און נאָך דעם אויפקום פון מדינת ישראל, געוואָרן אָן אויסערגעוויינ־לעכער בעל תשובה און האָט גענומען שאַפן אין ענגליש און אויך פּרעדיקן ענג־ליש, אַלס אונדזער צוקונפטיקע יידישע שאַפונג־שפּראַך אין אַמעריקע. ער שרייבט 2):

„די דאָזיקע דערוואַכונג פון נאַציאָנאַלע געפילן, אפשר בעסער צו זאָגן פון פאָלקישע געפילן, האָט שוין געהאַט און האָט ווייטער אַ גראַנדיעזע השפּעה אויפן יידישן לעבן אין אַמעריקע אין פיל הינזיכטן. די קולטורעלע געווינסן פון דער דאָזיקער דערוואַכונג וועלן אפשר נישט קומען אַזוי גיך צו דער אַנטפּלעקונג — זיי וועלן אפשר זיך ווייזן ערשט אין קומענדיקן יאָרהונדערט. אָבער לעת עתה איז אויף דעם געביט פון ליטעראַטור פאָלגנדיקס שוין געוואָרן קלאָר, — פון די שוואַרצע היטלער־טעג אָן, זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ענגליש מער דערציילונגען, ראָמאַנען און עסייען אויף יידישע טעמעס, ווי אין אַלע יאָרן פון אָנהייב פון יידישער איינוואַנדערונג אין דאָזיקן לאַנד".

1) איביד.

2) Charles Angoff, Jewish Literature in Englis, in "Judaism", Vol. 3, Nº 4, p. 414.

אין דעם זעלבן בערך גייסט, שרייבט ריבאַלאָוו 1):

„אין די לעצטע צען יאָר האָט די ייִדישע קינסטלערישע ליטעראַטור אין ענגליש אַ וואַקס געטון אין כמות און אין איכות מער ווי אין די פריִערדיקע דריי צענדליק יאָר. נישט געקוקט אויף די קינות פון די פעסימיסטן, געפינען מיר זיך אין סאמע פּראָצעס פון אַ רייכן צעבלי פון שעפערישקייט״.

וואָס זענען די טעמעס, וועלכע ווערן באַהאַנדלט אינעם רוב פון די אַלע נאָוועלעס און דערציילונגען אין דער ענגלישער שפּראַך? אַנגאָף כאַראַקטעריזירט אַזוי דעם אינהאַלט פון די קינסטלערישע ווערק ביז דער סאַמע לעצטער צייט:

„די מערהייט פון די דאָזיקע נאָוועלעס, פאַרנעמען זיך דער עיקר מיט פּאָלגנ־דיקע פּראָגן: זעלבסטהאַס (ווי זיי האָבן דאָס איבערגעלעבט אין זייערע עלטערן־היימען), אַנטיסעמיטיזם אין די רייכע קוואַרטאַלן פון די גרויסע שטעט, געמישטע חתונות, און די צוימען פאַר ייִדן אין געוויסע פּרנסות״. דאָס זענען די טעמעס פון די „ייִדישע״ נאָוועלעס ביז דער לעצטער צייט — מיר נעמען דאָס וואָרט „ייִדישע״ אין גענדזנפיסלעך, ווייל די דאָזיקע טעמעס זענען נישט ווייניק באַ־לויכטן און באַאַרבעט געוואָרן אין דער ליטעראַטור פון נישט־ייִדישע שרייבער; ווייל דאָס זענען דאָך אַלץ טעמעס, וועלכע רירן נישט אָן דעם קערן פון ייִדישן לעבן, דעם יסוד, דעם אייגענעם ייִדישן לעבנס־נוסח, וואָס זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון די נייע באַדינגונגען.

צו די נאָר וואָס אויסגערעכנטע טעמעס מוז מען צוגעבן די טעמע וועגן דעם ייִדישן לעבן אין די היימען פון אימיגראַנטן — זענען געוויס געווען אויף דער דאָזיקער טעמע זייער אַ סך נאָוועלעס, מער נעגאַטיווע, ווי פּאָזיטיווע, נאָר דאָס איז דאָך אַלץ נאָך נישט קיין וואָרצל־לעבן, דאָס איז דאָך אַלץ אימפּאָרטירט לעבן, וואָס ווערט דאָ צעבראָכן און צעבערעקלט, פּאַרלירט זיין טעם און זיין נאַטירלעכן אָריגינעלן פּנים און מוז אָפּט אויסזען לעכערלעך און מאָדנע — משונה. און אַזוי איז דאָס דאָזיקע אימפּאָרטירטע לעבן, אויף וויפל עס האָט זיך געעקשנט און זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן די נייע, אַבסאָלוט נייע לעבנס־באַדינגונגען, גע־מאָלט געוואָרן פון די קינדער פון די אימפּאָרטירטע טאַטעס און זיידעס.

נאָר נישט נאָר די דייטשע ייִדן, אויך די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָבן שוין אַ גאַנץ גרויסן און געדיכטן אייניקלעך־שיכט אין אַמעריקע — פון 1870 ביז 1900 זענען אַריינגעקומען קיין אַמעריקע קרוב צו 700 טויזנט ייִדן פון מזרח־אייראָפּע. זייערע אייניקלעך זענען שוין אויסגעוואַקסן אין הייזער פון געבוירענע אין אַמעריקע עלטערן — שיידט זיך דער דאָזיקער שיכט שטאַרק אָפּ אין זיין

1) Harold Ribalow, American Jewish Writers and their Judaism, ibid., p. 426.

היים פֿון נישט־יידן? האָט דער דאָזיקער שיכט געלייגט אַן אָנהייב פֿון פֿונדאַמענטן פֿאַר אַ באַזונדערן יידישן לעבנס־נוסח? לעבנס־שטייגער?

כּדי עס זאָל זיין אַ יידישע ליטעראַטור אינעם ברייטן און טיפֿן זין פֿון וואָרט, דאָס מיינט, אַ ליטעראַטור, וואָס וואַקסט אָרגאַניש אַרויס פֿון לעבן, פֿון אייגענע־אייגנאַרטיקע וואָרצלדיקע טיפּיש־יידישע לעבנס־פֿאָרמען, מוז זיין אַ יידישע קולטור. ליטעראַטור איז דאָך נאָר איין צווייג פֿון אַ נאַציאָנאַלער קולטור — אַ צווייג, וואָס קען נישט וואַקסן איינע אַליין! וואָס בליט און וואַקסט נאָר אין אַ פֿאָלקס־גאָרטן מיט פֿאַרשיידענע פּירות. נאָר מארץ תּצמח קולטור — דאָס מיינט, אַז נאָר אין אַ באַשטימטן קלימאַט וואַקסט פֿאָלקס־קולטור און אַלס איינע פֿון אירע צווייגן קומט אויף אַן אייגענע פֿאָלקס־ליטעראַטור. אין אַ באַשטימטן קלימאַט מיינט: יידישער היים־קלימאַט, יידישער סביבה־קלימאַט, יידישער פֿאָלקס־קלימאַט! דער פֿונדאַמענט איז דער היים־קלימאַט. איז דאָ אין אַמעריקע אַ יידישע היים? נישט ביי די איינגעוואַנדערטע, נאָר ביי דעם דריטן דור? אָט דאָס איז די צענטראַלע פּראָבלעם — אַן אייגענע היים אַ יידישע! אַ שטוב, ווו מען זאָל פֿילן, אַז מען קומט אַריין, אַז מען איז אין אַ באַזונדערן נאַציאָנאַלן קלימאַט! אַז מען איז טאַקע אין אַמעריקע נישט נאָר אין דער געוויינלעכער טיפּישער אַמעריקאַנער לופֿט, נאָר אין אַ נאַציאָנאַל־יידישער לופֿט. די שפּראַך איז, פֿאַרשטייט זיך, דער גרונט־מאָטיוו, וואָס שאַפֿט נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. נאָר חוץ שפּראַך זענען פֿאַראַן פֿיל אַנדערע בולטע סימנים, וואָס וואַרפֿן זיך אין די אויגן און גיבן קלאָר צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ שטוב פֿון אַ באַזונדערער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער גרופּע. שבת, יום טוב, יידישע שאַפֿעס מיט ביכער אויף יידישע טעמעס, בילדער אויף יידישע טעמעס און אַ סך אַנדערע מאָמענטן און דערשיינונגען, וועלכע מיר נעמען זיך נישט אונטער דאָ אַלע אויסצורעכענען. זענען פֿאַראַן התחלות פֿון אַזעלכע בולט־אויסגעשפּראָכענע יידישע היימען, כאָטש די הערשנדיקע אָדער די איינציקע שפּראַך איז ענגליש?

מיר נעמען זיך נישט אונטער צו געבן אַ תּשובה אויף די דאָזיקע נאָר וואָס געשטעלטע פֿראַגעס. מיר האַלטן פֿאַר נויטיק צו געבן די וויכטיקסטע ידיעות וועגן יידישער ליטעראַטור אין ענגליש.

ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן נישט נאָר אַ רייכע רעליגיעזע ליטעראַטור אין ענגליש, נאָר אויך אַ פֿילאָסאָפֿישע; מען האָט שוין איבערזעצט אויף ענגליש כּמעט די גאַנצע יידישע פֿילאָסאָפֿישע ליטעראַטור פֿון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע. פֿון די מאָדערנע יידישע פֿילאָסאָפֿישע ווערק איז ווערט צו דערמאָנען, אַז מען האָט שוין איבערזעצט הערמאַן כּהן, פֿראַנץ ראָזענצווייג, מאַרטין בובער. פֿון געשיכטלעכע ווערק איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז מען האָט אַרויסגעגעבן אין ענגליש גאַנץ גרעץ. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן עטלעכע אָריגינעלע יידישע איינבענדיקע געשיכטעס, אין ענגליש און זיי צעגייען זיך גאַנץ שטאַרק. אַפֿילו

די ייִדישיסטישע „ייִוואָ" און די נישט ווייניקער ייִדישיסטישע „אַלגעמיינע ייִדישע ענציקלאָפּעדיע" האָבן די לעצטע יאָרן אַרויסגעגעבן ווערק וועגן ייִדישן לעבן אין לעצטן יאָרהונדערט נישט ווייניקער אין ענגליש ווי אין ייִדיש.

איבערזעצונגען פון שרייבער אין ייִדיש און העברעיִש זענען די לעצטע יאָרן אַרויסגעגעבן געוואָרן: כמעט גאַנץ שלום עליכם, אַ טייל פון מענדעלע מוכר ספרים, אַ סך ווערק פון י. ל. פּרץ, כמעט גאַנץ ביאַליק, פיל טיילן פון אחד העם.

דאָס איז בערך דער באַלאַנס, וואָס אויף אים בויען יענע אָפּטימיסטן, וועלכע גלויבן אין אַ קומענדיקן נאַציאָנאַל־שעפערישן לעבן אין אַמעריקע. נאָר דאָ קו־מען צו אַ פּאָר קליינע פאַקטן, וועלכע שטעלן אין ספק די דאָזיקע האָפענונגען. מיר וועלן ווידער געבן דאָס וואָרט ריבאַלאָוו, וועלכער האָט ספּעציעל שטודירט די פראַגע וועגן ביכער אין ענגליש און אָט וואָס ער דערציילט 1):

„וואָרפט מען אַ בליק אויף די ליסטעס פון די אויסגאַבעס פון די ייִדישע פאַרלעגער, וואָרפט זיך אין די אויגן, אַז זיי האָבן אַ סך ביכער פאַר קינדער. נאָר — און דאָס איז זייער מאָדנע — עס זענען פאַראַן שרעקלעך ווייניק ביכלעך פאַר יוגנט. פון דער צווייטער זייט גייען דאָך איצט ביכער פאַר יוגנט זייער אַ סך. די ייִדישע פאַרלעגער, אָן אויסנאַם, באַהויפּטן, אַז זיי זענען גרייט צודרוקן ביכער אין ענגליש פאַר קינדער. נאָר זיי האָבן שטאַרק מורא פאַר ביכער פאַר יוגנט.

„די סיבה? ס'איז אַ דורכדרינגענדיקער פּירוש אויפן ייִדישן לעבן אין אַמע־ריקע. ווי באַלד דאָס ייִדישע קינד איז אַריבערגעשפּרונגען די בר־מיצווה און איז פריי געוואָרן פון דער אַפּיטראָפּסות פון די עלטערן און פון דער ייִדישער שולע ווערט ער שוין מער פאַראינטערעסירט אין ריין „אַמעריקאַנער" ביכער, ווי אין „ייִדישע". די קליינע קינדער, אונטער דער השפעה פון די עלטערן און פון דער שולע, ווילן זייער לייענען ביכער מיט ייִדישן אינהאַלט. דערמיט דערקלערט זיך די גרויסע צאָל ביכער וועגן ייִדישע יום טובים, וועגן ייִדישע געשיכטלעכע העלדן און שוין אויך וועגן היינטצייטיקע ייִדישע העלדן".

מיר האָבן דאָ אין דער בולטסטער פאָרעם דעם קאַמף — פון איין זייט עלטערן און שולע, וועלכע ציִען צוריק צו ייִדישקייט, צו ייִדישע געשיכטלעכע העלדן און אויך צו היינטצייטיקע ייִדישע העלדן. און אין די לעצטע 10־15 יאָר האָבן די דאָזיקע צוויי פאַקטאָרן אינטענסיווירט באַדייטנדיק זייערע אַקטיוויטעטן, ווי מיר האָבן דאָס העכער געוויזן. פון דער צווייטער זייט אָבער דער אַמעריקאַנער אַסימיליר־ים, וואָס פאַרפּלייצט דעם ייִדישן יונגן מענטשן, ציט אים אַריין אין קרייז נישט פון היסטאָרישע אינטערעסן און נישט פון אַבסטראַקטע נאַציאָנאַלע פליכטן, נאָר אינעם קאָנקרעטן רייכן און פילפאַרביקן לעבן מיט פּערספּעקטיוון

1) "The Jewish Spectator", May, 1955.

פאַר אַ רייכער וועלט, מאַטעריעל און גייסטיק, סאָציאַל־עקאָנאָמיש און פּאָליטיש־קולטורעל. און דער דאָזיקער יונגער יידישער מענטש זיצט אין דער האַי־סקול און מינימום אין קאָלעדזש, נישט ווייניקער פון אַ צענדליק יאָר און אין פיל פאַלן 15 יאָר, ווייל דער רוב יידישע יונגע מענטשן גייען העכער פון קאָלעדזש. און אין די דאָזיקע אַלע לערן־אַנשטאַלטן ווערט דער יונגער ייד אַזוי אַריינגעוועבט אין דעם אַמעריקאַנער אַרום, אַזוי אַריינגעלעבט אין די גייסטיקע ווערטן פון דעם אַרום, אַז די גירסאָ דינקותאָ ווערט שטאַרק אָפּגעריבן, פאַרבלאַסט, אויב נישט אינגאַנצן אויסגעמעקט פון מוח און פון דער נשמה.

און דאָך! עס זענען פאַראַן ראיות, אַז עפּעס בלייבט פון דער גירסאָ דינקותאָ — און דער אויספיר זאָל און מוז זיין — נישט פאַרצוויפלען, נאָר געפינען מיטלען און וועגן, ווי צו האַלטן די יידישע יוגנט אונטער די זעלבע השפעות, ווי אין די קינדער־יאָרן. און אויך אין דעם פּרט ווערט די לעצטע יאָרן שוין עפּעס געטון. יעדנפאַלס די יוגנט־פּראָבלעם איז שאַרף און קאָנקרעט געשטעלט ביי אַלע שיכטן פון יענע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך אַ שטאַרקן קער געטון צו יידישקייט, צום יידישן וויסן, צו יידישע גייסט־ירושות. און דאָ ערשט וואַרפט זיך אין די אויגן די קאָלאָסאַלע ראָלע פון מדינת ישראל — פון דאָזיקן לעבעדיקן ביישפּיל פון אַ נאָרמאַלן יידישן נאַציאָנאַלן לעבן; פון אַ גאַנצן, נישט צעשפּאָלטענעם יידישן נאַציאָנאַלן קולטור־פּנים און פון אַ גאַנצער יידישער גייסט־נשמה. די דערציִונג־השפּעה פון מדינת ישראל ווערט באַשטעטיקט דורך אַלע לערער פון די קורסן אין די האַי־סקולס (מיטל־שולעס) און אויך פון די פּראָפעסאָרן אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, שוין אָפּגערעדט פון אַלע יידישע שולעס.

מיר וועלן דערמיט פאַרענדיקן דעם אָפּטייל, וואָס האָט באַהאַנדלט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, דעם קיבוץ, וואָס פאַרמאָגט העכער אַ העלפט פון פרייען יידישן פאָלק (נישט גערעכנט די יידן־אנוסים פון די קאָמוניסטישע לענדער).

מיר גייען איבער צו די קלענערע קיבוצים. אונדזער אַרבעט האָט זיך שטאַרק צעצויגן און מיר וועלן מוזן ביי די קלענערע יידישע קיבוצים זיין גאָר קורץ. אונדז איז אייגנטלעך געבליבן נאָר די חינוך־פראַגע אין ברייטן זין פון וואָרט. מיר וועלן לכן באַהאַנדלען די אַלע לענדער צוזאַמען, זיך אָפּשטעלנדיק דער עיקר אויף די מיטעלע קיבוצים. לאָמיר אָנהייבן פון די ישיבות, אַלס אַן אייגנאַרטיק־סימבאָלישע דערשיינונג, וועלכע האָט פאַרכאַפּט כמעט אַלע יידישע עדות פון דער גאָרער וועלט.

## חינוך אין די מיטעלע יידישע קיבוצים

מיר האַלטן פאַר איבעריק דאָ זיך נאָך אַמאָל אָפּשטעלן אויף די וויכטיקע אונטערשיידן, וועלכע עקסיסטירן צווישן דעם גרויסן קיבוץ פון אַמעריקע און

אַלע איבעריקע ייִדישע תפוצות. מיר האָבן דאָס געטון אין די פריִערדיקע פּרקים פון אונדזער אַרבעט. מיר וועלן נאָר איבערחזרן די הויפּט־פּונקטן: אין קאַנאַדע און אין אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער איז דער אַסימילאַציע־פּאָטענציאַל פון דעם אַרום שוואַכער, ווי אין אַמעריקע; די אַסימילאַציע־נטיה ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג איז שוואַכער ווי ביי די ייִדן אין אַמעריקע. דאָס אַלץ ווירקט אויף דעם טעמפּ פון די אַלע אַסימיליר־דערשיינונגען, וועלכע מיר האָבן העכער פעסט־געשטעלט אָבער נישט אויפן תוך פון דער טענדענץ אַלס אַזאַ. דאָס זעלבע קען מען זאָגן בנוגע די צוויי פאַרוואָרפענע ייִדישע ישובים — דרום־אַפריקאַנער ייִדנ־טום און אויסטראַליער ייִדנטום.

אויך צווישן די נאָר וואָס דערמאָנטע קיבוצים זענען פאַראַן געוויסע חילוקים, נאָר זיי זענען נישט זייער באַדייטנדיק און עס לויענט נישט דאָ פאַרלירן פּלאַץ אויף זייער אויפקלערונג. בנוגע די קיבוצים אין יענע אייראָפּעיִשע לענדער, ווו ייִדיש־לעבן איז פריי זיך צו אַנטפלעקן, איז דאָרטן די לאַגע בערך די זעלבע וואָס אין אַמעריקע. אין ענגלאַנד, ווו קיין פרישע מזרח־אייראָפּעיִשע צוואַנדערונג איז נישט פאַראַן, איז די לאַגע אַבסאָלוט ענלעך צו דער זעלבער ווי אין דיפאַר־אייניקטע שטאַטן. בנוגע פראַנקרייך איז שוין די לאַגע אַ ביסל קאָמפּליצירטער — דער אַלטער ישוב איז אַזוי ווייט און אַזוי טיף שוין אַסימילירט, אַז זיין דער־וואַכונג איז אַ סך שוואַכער פון דער זעלבער אין אַמעריקע; דער יונגער מזרח־אייראָפּעיִשער פליגל איז אַ סך פרישער און אָנגעלאָדענער מיט ירושה פון דער חורבן־היים און לכן, רעלאַטיוו פּרוכטבאַרער און זאַפטיקער. רעדט זיך אָבער דאָ וועגן קליינע צאָלן ייִדן און זייער אַנטוויקלונג קען נישט האָבן קיין אַנטשיידנ־דיקע השפּעה אויפן גורל פונעם גאַנצן גלות־ייִדנטום.

מיר וועלן ביי יעדן לאַנד אָנהייבן פון ישיבות — דער אויפמערקזאַמער לייע־נער האָט שוין געוויס באַמערקט, אַז מיר גיבן צו אַ גאַנץ באַזונדערן באַטייט דער דאָזיקער ישיבות־דערשיינונג. מיר באַהויפּטן נישט דערמיט, אַז מיר זענען זיכער אין זייער ווייטערע און טיפערע אַנטוויקלונג. מיר זענען אָבער טיף איבערצייגט, אַז די דאָזיקע ישיבות־בויאונג אין אַלע עקן פון ייִדישן גלות איז, ראשית, סימפּ־טאָמאַטיש און באַווייזט, אַז דער „השיבנו נאַזאד" פון אונדזער תקופה האָט דער־גרייכט מדרגות ביז יענע חינוך־אינסטיטוציעס, וואָס פאָדערן מאַקסימום ייִדיש־קייט און גייען זייער ווייניק אין אויף קאָמפּראָמיסן. שנית, איז דאָס אַ באַווייז, אַז אַפילו אין די שוין איינגעזעסענע טיילן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די איינוואַנדערונג־לענדער, ווו די אַסימילאַציע האָט שוין געמאַכט אַ גרויסן חורבן אין דער נאַציאָנאַלער נשמה פונעם ייִדן, זענען נאָך פאַראַן ייִדישע היסטאָרישע זאַפטן, וועלכע גראַוויטירן צו די מאַקסימאַלע סיגים און גדרים צו ראַטעווען זיך פון פולער אַסימילאַציע. שלישית, און דאָס איז פאַר מיר ביז גאָר באַדייטנדיק, ווייל די ישיבות־בויאונג האָט אַרומגעכאַפּט אַבסאָלוט אַלע ייִדישע קיבוצים, די

גרעסטע און די קלענסטע, די עלטסטע און די יינגסטע, איז דאָס אַ באַווייז, אַז מיר זענען נאָך אין גלות עם אחד, איין פאָלק מיט די זעלבע ליידן און בענק־שאַפטן און מיט די זעלבע שטרעבונגען און רצונות. די ישיבות־בויאונג איז אַ מין סאָרט איבערדוף צווישן די תפוצות; אַן איבעררוף, וואָס זאָגט עדות וועגן געמיינזאַמע זאָרגן און אומרוען, וועגן געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע מוראס און פּחדים און לכן וועגן געמיינזאַמע רעטונג־מיטלען און עצות־זוכן.

קאַנאַדע קומט אין דער ערשטער ריי, — זי איז די נאָענטסטע צו די שטאַטן און ווערט נישט ווייניק באַאיינפלוסט פון דער גרויסער שכנטע.

## חינוך אין קאַנאַדע

אין פּרט פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזער דערציִונג קאָנקורירט דער יידישער ישוב פון קאַנאַדע אַבסאָלוט מיט אַלע אַנדערע ישובים פון דער גאָרער גלות־וועלט. לויטן פּראָצענט קינדער, וועלכע באַקומען אַ יידישע דערציִונג זענען פאַראַן לענ־דער (מעקסיקע און אורוגווײַ), וועלכע קענען זיך אפשר פאַרמעסטן מיט קאַנאַדע, אָבער לויט דער קוואַליטעט פון דער דערציִונג און לויט דער פאַרוואָרצלטקייט פון די חינוך־אינסטיטוציעס און אויך לויט דער ביודזשעט־זיכערקייט פאַרנעמט דער קאַנאַדער יידישער קיבוץ דעם ערשטן פּלאַץ.

אין קאַנאַדע זענען פאַראַן קרוב צו אַ צענדליק ישיבות, — קיין גענויע דאַ־טעס האָב איך, ליידער, נישט. דער יערלעכער איבערבליק פון יאָר 1953 אין „קאַנאַדער אָדלער" (9טן סעפּטעמבער, 1953) גיט אָן: „פּאַראַלעל צום גאַנצן רע־פאַקטאָרן אין אונדזער חינוך. די ליובאַוויטשער ישיבה, די מרכז התורה־ישיבה, פאַקטאָרן אין אונדזער חינוך די ליובאַוויטשער ישיבה, די מרכז התורה־ישיבה, די ראשית חכמה־ישיבה, אַלע אין מאָנטרעאַל, אויך די ישיבות אין טאָראָנטאָ, אין וויניפּעג און אין אַנדערע שטעט — זיי זענען די בעסטע עדות פון דעם רע־ליגיעז־גייסטיקן שוווּנג, וואָס די יידישע יוגנט מאַכט דורך אין קאַנאַדע".

דאָס זענען אַלץ ישיבות גדולות, ווו עס לערנען זיך דערוואַקסענע בחורים — און מען לערנט טאַקע ווי גאָר, גאָר אַמאָל. אָט איז אַ ביישפּיל, וואָס וועט אונדז ווייזן, ווי ערנסט אין די ישיבות עס ווערט געלערנט.

אין „קאַאַנדער אָדלער" פון 28טן יוני 1953 געפינען מיר פאָלגנדיקע באַ־שרייבונג: „ס'איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, דאָס די בחורים פון ישיבת „מרכז התורה" מאַכן פאַרשיידענע געוועטן אָפּצוזאָגן צוועלף בלאַט גמרא אויף אויסנווײ־ניק. דאָס מאָל האָט דער תלמיד הישיבה ראובן סילווער באַוויזן אָפּצוזאָגן אַ האַל־בע גמרא ביצה אויף אויסנווייניק, מיט דער אָנוועזנהייט פון אַ גרופּע באַלעבאַטים עסקנים פון דער ישיבה. מען האָט דעם בחור אָפּגעשטעלט אינמיטן זאָגן און אַ

פרעג געטון אַ קשיאַ, וועלכע רירט אָן אַ תוספות, און דער בחור האָט זיך גאַנץ פיין אַרויסגעוויקלט פון איר".

ס'איז דאָך נויטיק אַ געוויסע פּאַסיקע אַטמאָספער, אַז אַ בחור זאָל אַזוי זיך אַריינלאָזן אין גמרא — און ווי מען זעט, איז דאָס נישט קיין מעכאַניש־אויסלערנען, נאָר אַ קענען אין תוך. און אויב איין בחור קען אַ האַלבע גמרא, איז דאָך אַ סימן, אַז אַלע תלמידים לערנען יעדנפאַלס גאַנץ ערנסט תלמוד. מען לערנט מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט און געוויס מיטן פרייען רצון. צי וועלן אַלע די דאָזיקע בחורים, וועלכע באַקומען איינציייטיק אויך אַן אַלגעמיינע בילדונג און טאָקע אַ האַי־סקול־בילדונג און אָפט אויך אַן אוניווערסיטעט־בילדונג, בלייבן ביי דער גמרא, איז אַ ספק. אַ געוויסער טייל פון דער דאָזיקער יוגנט גרייט זיך באַוווסטזיניק צו לערעריי אָדער רבנות — און עס איז דאָך גאָר קיין ספק נישט, אַז דאָס וואַקסט אַ גאַנץ נייער טיפּ לערער און אַ נייער טיפּ רב אָדער ראַביי.

אין דער נאָר וואָס באַשריבענער ישיבה לערנען זיך אַרום 100 תלמידים — פיל מער תלמידים לערנען זיך אין דער ליובאַוויטשער ישיבה. אָט שרייבט דער „קאַנאַדער אָדלער" פון מערץ 18טן 1952: „קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז די קליינע צאָל „גרינע" ישיבה־לייט פון דעם ליובאַוויטשער טיפּ, וועלכע האָבן צו יענער צייט אויסגעזען היפּשלעך אויסטערליש אין דער נייער אומגעבונג, זאָלן אין משך פון עטלעכע יאָר זיך קענען אַזוי ווייט איינוואָרצלען אין היגן באָדן. אַרום און אַרום לערנען איצט אין דער ליובאַוויטשער ישיבה קנאַפּע זעקס הונ־דערט קינדער".

די דאָזיקע ישיבה האָט אויך אַן עלעמענטאַרע שולע און אַ האַי־סקול. און „ס'איז נישטאָ קיין סתירה צווישן די לימודים אין דער ישיבה און די אַלגעמיינע וויסנשאַפטן" („קאַנאַדער אָדלער", 8טן יאַנואַר, 1954).

ווי ווייט די ישיבות, וועלכע גייען נישט אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן און ווי זיי באַרימען זיך „לערנען זיי נישט נאָר ייִדישקייט, נאָר זיי פּראַקטיצירן ייִדישקייט", פּאַסן זיך דאָך צו, ווערט קלאָר פון פאָלגנדיקע ווערטער („קאַנאַדער אָדלער", 30טן מערץ, 1955):

„אַפילו דער ענין ספּאָרט און אַטלעטיק ווערט נישט פאַרנאַכלעסיקט. אַלץ איז כמנהג המדינה. אָבער דאָס איז גערעדט בלויז וועגן זאַכן, וואָס האָבן צו טון מיט טעכנישער מעטאָדיק. דער גייסט פון דער שולע איז חדרדיק, דאָס הייסט שטרענג רעליגיעז. און אין דעם פּרט קענט איר ביי די ליובאַוויטשער גאָר נישט אַראָפּדינגען. די ליובאַוויטשער ישיבה איז שוין געוואָרן איינגעבירגערט אין דעם באַוווסטזיין פון היגע ייִדן, ווי איינער פון די וויכטיקסטע לערן־אַנשטאַלטן אין אונדזער קהילה".

אָט די לעצטע פראַזע איז ביז גאָר וויכטיק — זענען טאַקע שוין די ישיבות געוואָרן אַן אָרגאַנישער אינטעגראַלער טייל פון ייִדישן חינוך אין די אַמעריקאַנער

לענדער? הלוואי עס זאָל זיין ווי דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, וועמען מיר האָבן נאָר וואָס ציטירט, באַהויפּטעט. די ישיבות פון קאַנאַדע אָן אויסנאַם זענען נישט עלטער פון 10־11 יאָר — זיי זענען אַלע אַ פּראָדוקט פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער דערוואַכונג פון נאָך דער שחיטה און זיי ווערן געשטיצט אין זייער קיום און אין זייער אַנטוויקלונג אַ דאַנק דעם אויפקום פון מדינת ישראל. די תלמידים פון די ישיבות זענען די זיכערסטע קומענדיקע קענער פון העברעיִש — און אפשר נישט נאָר העברעיִש־לייענער נאָר אויך העברעיִש־שאַפער.

אין אַלע ישיבות אין קאַנאַדע לערנען זיך אַרום 1.500 תלמידים — פון זיי ביז טויזנט עלטער פון 14 יאָר, בחורים און מיידלעך (די לעצטע זייער ווייניק), וואָס קומען מערסטנטייל פון רעליגיעזע היימען, אָבער מיט אַ גאַנץ פיינעם צוגאָב פון קינדער פון היימען, ווו רעליגיעזע מיצוות ווערן זייער שוואַך אָפּגעהיט.

לאָמיר איבערגיין צום וועלטלעכן חינוך — מיר וועלן ווייטער ברענגען ציפער. נאָר פריִער עטלעכע קורצע ווערטער וועגן דעם כאַראַקטער פון די שולעס אין קאַנאַדע. עס איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל טאָג־שולעס, ווו עס ווערן געלערנט באַגלייך ביידע יידישע שפּראַכן: יידיש און העברעיִש. אין וויניפּעג איז דאָ אַ ריין־העברעיִשע שולע, וועלכע האָט שוין געפייערט איר 40־יאָריקן יובילײ. נאָר העברעיִש ווערט אין אַלע יידישע טאָג־שולעס גרינטלעך געלערנט. מען קען מיט אַ רויקן געוויסן באַהויפּטן, אַז פון די דאָזיקע שולעס גייען אַרויס יידישע קינדער מיט אַ העברעיִשן באַגאַזש, וואָס גיט זיי אַ גרינגע מעגלעכקייט צו ווערן העברעיִשע לייענער. וועגן יידיש איז אָפּגערעדט, ווייל אין קאַנאַדע רעדט מען נאָך אַ סך יידיש אין היימען, אַ סך מער ווי אין אַמעריקע. דאָס זענען מערסטנטייל פּועל־ציוניסטישע שולעס און נישט נאָר העברעיִש, נאָר אויך מדינת ישראל פאַרנעמט אַ גאָר וויכטיקן פּלאַץ אין דער דערציִונג פון די קינדער. די מערהייט קינדער בלייבן מער ווי פינף יאָר אין די דאָזיקע טאָג־שולעס און דעריבער לאָזן די דאָ־זיקע שולעס אַ סך טיפערע שפּורן אין די הערצער און אין די נשמות פון די קינדער, ווי אין די שולעס פון אַמעריקע. דאָס זענען טאָג־שולעס! דאָס מיינט, אַז די קינדער לערנען אַלע לימודים אין די יידישע שולעס און אויב אַפילו די מערהייט קינדער גייען שפּעטער אַריבער אין די אַלגעמיינע מיטל־שולעס, נעמען זיי מיט מיט זיך אַזאַ געדיכטן יידיש־העברעיִשן באַגאַזש, אַז ער גיט זיך צופילן לאַנגע יאָרן און ברענגט רעזולטאַטן, וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין דער באַציִונג פון די שפּעטערע עלטערן צו די טאָג־שולעס.

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף די ציפער, וועלכע זענען געוויס נאָך גאַנץ ווייט פון יענעם חינוך־אידעאַל, צו וועלכן דאָס גלות־יידנטום שטרעבט איצט, נאָר וואָס גיט דאָך טרייסט און האָפענונג אויף אַ בעסערע צוקונפט.

אין גאַנץ קאַנאַדע זענען פאַראַן (1954) אַרום 30 טויזנט יידישע קינדער פון שול־עלטער (6־14) — פון זיי באַזוכן אַלגעמיינע מלוכה־שולעס 25.500 און

יידישע טאָג־שולעס — 4.500, אַלזאָ בסך הכל 15 פּראָצענט. נאָר דאָ גייט די רייד נאָר וועגן יענע יידישע קינדער, וואָס באַזוכן טאָג־שולעס, ווו זיי לערנען אויך די אַלגעמיינע לימודים, אַלזאָ די מאַקסימאַלסטע נאַציאָנאַלע שולעס. פון די 30 טויזנט יידישע קינדער אין שול־עלטער באַקומען אַ וועלכע ס'נישט איז יידישע דערציִונג נאָר 15 טויזנט. דאָ רעדט זיך וועגן איינציייטיק לערנען אין וועלכער ס'נישט איז יידישער שולע. דאָס מיינט נישט, אַז גאַנצע 50 פּראָצענט קינדער בלייבן גאָר אָן יידישער דערציִונג. אָבער עס איז געווּג טרויעריק, אַז איינצייטיק לערנען זיך אַפילו אין קאַנאַדע, אין דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזסטן קיבוץ, נאָר 50 פּראָצענט יידישע קינדער פון שול־עלטער.

לאָמיר איצט וואַרפן אַ קוק אויף דער פּאַרטיילונג פון די דאָזיקע 15 טויזנט יידישע שול־קינדער לויט שולעס־טיפּן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1) | טאָג־שולעס | 4.500 | 30.0 % |
| 2) | נאָכמיטיק־שולעס | 8.250 | 55.0 % |
| 3) | זונטיק־שולעס | 2.250 | 15.0 % |
| | צוזאַמען | 15.000 | 100.0 |

כמעט אַ גאַנץ דריטל פון אַלע יידישע שול־קינדער לערנען זיך אין דעם שול־טיפּ מיטן מאַקסימום יידישן אינהאַלט — דאָס איז בערך פיר מאָל אַ העכער־רער פּראָצענט, ווי אין אַמעריקע. און וואָלטן מיר צוגעגעבן די יוגנטלעכע פון די ישיבות, וואָלט דער פּראָצענט געווען נאָך אַ העכערער. גאַנצע 55 פּראָצענט לער־נען אין די נאָכמיטיק־שולעס, מערסטנטייל אין תלמוד־תורות, ווו מען לערנט ווידער מער טעג און לענגערע שעהן, ווי אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. די תלמוד־תורות אין קאַנאַדע טראָגן אויך אַ מער טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן כאַראַקטער, ווי אין די שטאַטן. ענדלעך אין די זונטיק־שולעס לערנען זיך אין קאַנאַדע נאָר 15 פּראָצענט קינדער, העכער דריי מאָל ווייניקער, ווי אין די שטאַטן.

לויט די שעהן פון לערנען באַקומט זיך אַזאַ בילד: אין די טאָג־שולעס לערנען די קינדער פון 11 ביז 12 שעה אַ וואָך יידישע לימודים; אין די תלמוד־תורות לערנט מען בערך 7 שעה אַ וואָך יידישע לימודים; און אין די זונטיק־שולעס 2־3 שעה אַ וואָך, 5־6 מאָל ווייניקער ווי אין די טאָג־שולעס און 3־4 מאָל ווייניקער ווי אין די תלמוד־תורות.

אַ בילד פון דער אַנטוויקלונג פונעם חינוך ביים קאַנאַדער יידנטום באַקומט מען ווען מען וואַרפט אַ בליק אויפן וווּקס פון די יידישע תלמידים אין די טאָג־שולעס פון דער שטאָט מאָנטרעאָל, ווו עס איז קאָנצענטרירט כמעט אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון קאַנאַדע. מיר וועלן ברענגען די גאַנצע צאָל קינדער אין שולעס פון מאָנטרעאָל און דער פון אין יידישע טאָג־שולעס.

טאַבעלע 28

## יידישע קינדער אין די טאָג־שולעס פון מאָנטרעאָל

| | יאָרן | יידישע קינדער אין אַלע שולעס | יידישע קינדער אין די יידישע טאָג־שולעס | |
|---|---|---|---|---|
| | | | אַבס. | % |
| (1 | 1928 | 13.334 | 26 | 0.2 |
| (2 | 1938 | 10.536 | 215 | 2.0 |
| (3 | 1943 | 9.322 | 699 | 7.5 |
| (4 | 1948 | 10.946 | 1.933 | 17.7 |
| (5 | 1953 | 15.567 | 3.288 | 22.1 |

די וואַקלונגען אין דער אַלגעמיינער צאָל תּלמידים אין די שולעס זענען אַרויסגערופן פון ביאָלאָגישע סיבות, פונעם פאַלן אין די פריִערדיקע יאָרן פון די געבורטן און פונעם אינטענסיוון שטייגן פון די געבורטן אין די לעצטע 10 יאָר — וועלן מיר דאָ זיך דערויף נישט אָפּשטעלן. אונדז אינטערעסירט דאָ נאָר די צאָל יידישע קינדער אין אייגענע טאָג־שולעס, ווו זיי בלייבן די גאַנצע צייט אין אַ יידישער אַטמאָספער און ווו זיי באַקומען דעם מאַקסימום יידישע לימודים. ביזן יאָר 1943 גייט דער וווקס פון די יידישע קינדער אין די יידישע טאָג־שולעס זייער לאַנגזאַם — פון 1928 ביז 1943 זענען קוים צוגעקומען אין די יידישע טאָג־שולעס 673 תּלמידים און זיי האָבן אויסגעמאַכט קוים אַ ביסל מער פון 7 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין די שולעס פון מאָנטרעאָל. פון 1943 ביז 1953 אָבער קומען צו אין די יידישע שולעס 2.589 נייע יידישע שילער און זיי מאַכן שוין אויס העכער 22 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין די שולעס פון מאָנטרעאָל.

מיר קענען, לײדער, זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דער פינאַנציעלער זייט פון דער פראַגע, כאָטש זי שפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל — די יידן פון מאָנטרעאָל צאָלן שטייער פאַר דער אַלגעמיינער שול־נעץ און מוזן אַליין אויסהאַלטן די אייגענע יידישע שולעס. די הוצאה איז אַ גאַנץ גרויסע — דאָס קאַנאַדער יידנטום גיט אויס אויף יידישע בילדונג מער פון אַ מיליאָן דאָלער יערלעך — פאַר אַזאַ קליינעם קיבוץ איז דאָס אַ היפּשע סומע.

מיר זענען, לײדער, געצווונגען זיך באַגרענעצן מיט די געבראַכטע ידיעות — און וועלן נאָר צוגעבן, אַז די לעצטע יאָרן האָט העברעיִש געמאַכט גאָר באַדייטנדיקע אַנטוויקלונגען אין קאַנאַדע — ס׳אַנטוויקלען זיך קינדער־קעמפּס פונעם טיפּ „מסד״, וואָס אין אַמעריקע, אָוונט־קורסן און אין אַלע טיפּן שולעס איז דער העברעיִש־לימוד אינטענסיווירט געוואָרן. אויך אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק איז געשטיגן די צאָל העברעיִש־לייענער.

יעקב לעשצינסקי

# אַרגענטינע

דאָס אַרגענטינער ייִדנטום קען, לײדער, זיך נישט באַרימען מיט אַ הויכן כּמות בנוגע חינוך — העכסטנס לערנען זיך אין אַלע ייִדישע שולעס פון לאַנד אַרום 17 טויזנט קינדער, שוין אַרײַנגערעכנט אַרום 2 טויזנט קינדער אין די קאָמוניסטישע שולעס. דער אַרגענטינער קיבוץ שטײַגט אַריבער 400 טויזנט נפשות. און זײַער פּאַרזיכטיק גערעכנט מוז מען אָננעמען אַז די צאָל קינדער אין שול־עלטער באַטרעפט אַרום 55 טויזנט. מיר װעלן באַקומען, אַז נאָר בערך 30 פּראָצענט קינדער באַזוכן אײנצײַטיק װעלכע ס׳נישט איז ייִדישע שולע. אָרטיקע טוער גיבן אָן נאָך אַ קלענערן פּראָצענט. װאַרפט מען אַראָפּ די קאָמוניסטישע שולעס, װעגן װעלכע מען האַלט, און מיט רעכט, אַז עס װאָלט בעסער געװען אַז זײ זאָלן נישט זײַן, װעלן מיר טאַקע באַקומען נישט מער פון אַזעלכע 25 פּראָצענט קינדער פון שול־עלטער אין ייִדישע שולעס. די אײנציקע נחמה איז, װאָס די איכות שטײט דאָרטן אויף אַ גאַר הויכער מדרגה. נאָר פריִער אַ פּאָר װערטער װעגן אַ צװײטער נחמה — די אַנטװיקלונג פאַר די לעצטע יאָרן װײַזט אָן אויסגעשפּראָכענע טענדענץ צו װוּקס.

טאַבעלע 29

דער װוּקס פון שולעס, לערער און תלמידים אין בוענאָס אײרעס[1]

| | יאָרן | שולעס: אַבס. | שולעס: אינדעקס 1) | לערער: אַבס. | לערער: אינדעקס 1) | תלמידים: אַבס. | תלמידים: אינדעקס *) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| (1 | 1941 | 49 | 100.0 | 89 | 100.0 | 2.447 | 100.0 |
| (2 | 1945 | 66 | 135.0 | 160 | 180.0 | 5.340 | 218.2 |
| (3 | 1950 | 51 | 77.3 | 262 | 163.8 | 8.580 | 160.7 |
| (4 | 1952 | 55 | 108.0 | 320 | 122.1 | 11.000 | 128.2 |
| (5 | 1954 | 59 | 107.3 | 380 | 119.0 | 13.000 | 118.2 |

אין ערשטן צײַט־אָפּשניט גײט אָן אַלגעמײנע עליה — די צאָל שולעס אויף העכער אַ דריטל, די צאָל לערער אויף 80 פּראָצענט און די צאָל תלמידים אויף העכער הונדערט פּראָצענט. שוין דאָ איז קלאָר, אַז מיר האָבן צו טון מיט אַ קאָנצענטראַציע־פּראָצעס — די צאָל לערער און שילער װאַקסט פיל אינטענסיװער, װי די צאָל שולעס. װײַטער גײט טאַקע דער װוּקס דער עיקר בײַ די צװײ

1) דאַטעס פון װעד החינוך אין בוענאָס־אײרעס.
*) צו יעדן צײַט־פּונקט.

וויכטיקסטע דאַטעס — ביי די לערער און ביי די שילער. דער פּראָצענט איז די גאַנצע צייט אַן אינטענסיווער, די צאָל לערער איז געוואַקסן העכער פיר מאָל און די צאָל שילער העכער 5 מאָל. דאָס איז בלתי ספק אַ נחמה און אַ צוזאָג — בפרט נאָך, אַז פאַר די לעצטע צען יאָר שטייט אין דער שפּיץ פון דער חינוך־אַרבעט די בוענאָס איירעסער קהילה, די איינציקע ווירקלעך דעמאָקראַטישע יידישע קהילה אין אַלע תפוצות, און די קהילה שטיצט די שולעס מיט 40 פּראָצענט פונעם לויפנדיקן ביודזשעט און מיט 50 פּראָצענט פון הוצאות אויף נייע בנינים אָדער אויף רעמאָנטירן אַלע בנינים.

מיר האָבן שוין מרמז געווען העכער, אַז אין פרט פון איכות קען אַרגענטינער יידנטום זיין שטאָלץ און מער ווי שטאָלץ. ערשטנס אין פרט פון קאָנצענטראַציע — די שלום עליכם־שולע, וועלכע האָט געהאַט — 1942 — 635 שילער, האָט געהאַט 1952 — 1.935 שילער און 1954 אַריבער צוויי טויזנט שילער. דאָס איז איינע פון די גאָר אויסנאַמע יידישע שולעס אין גלות. יידיש און העברעיש ווערן גלייך גרינטלעך געלערנט. די שולע איז ציוניסטיש, נאָר מיט שטעלן אַ פעטן טראָפּ אויף דעם גלות.

די לאַגע אין אַרגענטינע איז אַ גינציקע אויף אַזוי פיל, אַז מען יאָגט זיך נישט נאָך קיין טאָג־שולעס —אין די מלוכה־שולעס ווערט געלערנט נאָר ביז 12 בייטאָג. האָבן די קינדער נאָך דעם פרישטיק גענוג צייט פאַר דער יידישער שולע. די אָרגאַניזאַציע פון ברענגען די תלמידים איז גלענצדיק אויסגעשטעלט. די בנינים פון די יידישע שולעס און באַזונדערס פון דער נאָר וואָס דערמאָנטער שלום עליכם־שולע זענען אמתע פּאַלאַצן. די לערערס זענען ערשט־גראַדיקע און מען קען זיך באַרימען מיט באַדייטנדיקע דערפאָלגן.

די לעצטע צייט האָט די שלום עליכם־שולע פאַרגענומען אַ נייע אינסטיטוציע און אויב זי וועט מאריך ימים זיין און וועט זיך אָננעמען, וועט דאָס זיין אַן אויפטו פון אַ מאַסשטאַב, ווי מיר האָבן דאָס נישט אין קיין שום גלות־לאַנד. עס איז אַ פּרווו צו געפינען אַ תשובה אויף דער שטאַרק אָנגעווייטיקטער פראַגע פון צעשפּאַלטונג און צעריסנקייט אין דער נשמה פון יידישן קינד, וואָס גייט אין דער אַלגעמיינער מלוכה־שולע, ווו עס באַקומט פיל קולטור־שטאָף פאַר לאַנד־פּאַטריאָטיזם, און קומט שפּעטער אין דער יידישער שולע, וואָס דאַרף נישט און טאָר נישט אַרויסשטויסן דעם לאַנד־פּאַטריאָטיזם, נאָר מוז צולייגן אָדער צוטוליען אַ ביסל יידישן פּאַטריאָטיזם. שאַפן האַרמאָניע צווישן די דאָזיקע ויתרוצצו־סיסטעמען איז נישט גרינג, אפשר גאָר אוממעגלעך. דאָס איז אָבער נישט דער איינציקער ויתרוצצו אין דער נשמה פונעם יידישן קינד. די יידישע היים האָט אויפגעהערט צו שפּילן יענע נאַציאָנאַלע ראָלע, וואָס זי האָט היסטאָריש לאַנגע הונדערטער יאָרן געשפּילט. אין דער היים שטויסט זיך אָן דאָס יידישע קינד אויף אַזאַ דיסהאַרמאָניע צווישן אייגנס און פרעמדס, צווישן דער שטאַרקער און

דיקטירנדיקער קולטור פון דעם מלוכה־פאָלק און די שוואַכע רעשטלעך און שיריים פון אייגענע ייִדישע לעבנס־נוסחאות און טראַדיציעס, אַז די טראַגישע נשמה־צעשפּאָלטונג ביים קינד ווערט נאָך מער פאַרטיפט. און עס איז אַ פאַקט, אַז דווקא ביי די פּעיִקסטע ייִדישע קינדער פירט די דאָזיקע צעשפּאָלטונג צו די שווערסטע קאָליזיעס אין דער נשמה.

איז אָט וואָס די פירער פון דער שלום עליכם־שולע האָבן אונטערגענומען די לעצטע פּאָר יאָר — ביי בוענאָס איירעס האָט מען אויפגעבויט אָן „אינטעגראַלע אינטערנאַט־שולע מיט אַ קינדער־קאָלאָניע". די קינדער וועלן דאָרט לעבן און פאַרברענגען עטלעכע יאָר צייט און וועלן דערצויגן ווערן אַלס גאַנצע ייִדן און גאַנצע בירגער פון לאַנד. די גרינדער פון דער קאָלאָניע האָבן אַזוי פאָרמולירט זייערע צילן: „דער זין און דער אינהאַלט פון דער ערשטער אינטעגראַלער שולע און פון דער קינדער־קאָלאָניע איז צו בילדן אַ פולשטענדיקן איינס פון אַ גאַנצן האַרמאָנישן דערציִונג־אַנשטאַלט, ווו לערנען און לעבן זאָלן זיין צוזאַמען, ווו שול און היים, אַרבעט און שפּיל, פיזישע און גייסטיקע דערציִונג זאָלן זיך דערגאַנצן און זאָלן אַזוי אַרום שאַפן די נויטיקע דערציִערישע אַטמאָספער פאַר דער אויסבילדונג און אַנטוויקלונג פון ייִדישן קינד" („שול־בלעטער", בוענאָס איירעס, דעצעמבער 1950, ז. 2).

ס׳זענען נאָך נישט פאַראַן קיין ידיעות וועגן דעם מצב פון דער אינסטיטוציע. נאָר דער פאַרנעם אַליין זאָגט עדות, אַז מיר האָבן דאָ צו טון, ערשטנס, מיט פּעדאַגאָגישע קרעפטן פון ערשטן גראַד און, שנית, מיט אַ ייִדישן כלל, ביי וועלכן מען קען פאַרנעמען געוואַגטע נאַציאָנאַלע התחלות.

אין אַרגענטינע האָבן גרויסע דערפּאָלגן געמאַכט די לעצטע יאָרן העברעע לערן־אַנשטאַלטן. אַזוי האָט דער לערער־סעמינאַר פונעם וועד החינוך געהאַט אין יאָר 1940 — 6 לערער און 33 סטודענטן; אין יאָר 1950 — 19 לערער און 323 סטודענטן; און אין יאָר 1954 — 28 לערער און 683 סטודענטן.

ביים אַרגענטינער־ישראלדיקן קולטור־אינסטיטוט האָבן זיך לעצטן זמן (1954) געלערנט העבער 200 תלמידים און מען ריכט זיך אויפן נייעם זמן אויף אַ צוקום פון תלמידים. די פּראָגראַם איז אַ ברייטע: ייִדישער געדאַנק אין אַלטערטום, ביבלישע ליטעראַטור, געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, געאָגראַפיע און געשיכטע פון ישראל און אַנדערע לימודים.

זאָל צום סוף צוגעגעבן ווערן, אַז אין אַלע לערן־אַנשטאַלטן, הן אין די עלעמענטאַרע און הן אין די מיטעלע און העכערע לערן־אינסטיטוציעס, האָט די העברעיִשע שפּראַך געמאַכט די לעצטע צייט גרויסע געווינסן.

# קורצער בליק אויף דער חינוך־לאַגע אין די איבעריקע גלות־לענדער

לא עליך המלאכה לגמור, — זיך אָפּשטעלן אויף דער חינוך־לאַגע אין יעדן באַזונדערן לאַנד וואָלט זיך געפאָדערט צופיל פּלאַץ, וועלכן איך האָב פּשוט נישט אין מיין רשות. כאָטש איך ווייס זייער גוט, אַז דאָס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט און נוצלעך. און נאָך מער — דער מאַטעריאַל איז מוכן ומזומן אין מיין אַרכיוו. וועל איך זיך דאָס מאָל באַגניגענען מיט אַ קורצן בליק אויף דער חינוך־לאַגע, אין דער ערשטער ריי אויף יענע מאָמענטן, וועלכע ווייזן דעם היסטאָרישן איבערברוך אין דער חינוך־פּראַגע, די טענדענץ צו אַ מער וואָרצלדיקער נאַציאָנאַלער דערציִונג, צו אַ טיפערן בונד מיט היסטאָרישע יִדישע ווערטן.

אַ גרויסע גערעטעניש איז געוויס פאַראַן אויפן פעלד פון ישיבות — אַבסאָלוט אין אַלע עקן פון יִדישן גלות, חוץ די לענדער, ווו יִדן זענען פאַרשפּאַרט און איזאָלירט פונעם פאָלק, זענען אין די לעצטע 10 יאָר אויפגעקומען ישיבות — גרעסערע און קלענערע, פאַר קינדער און פאַר יוגנטלעכע, נאָר אַלע אין גייסט פון דער טראַדיציע פון די ישיבות אין רוסלאַנד־פּוילן.

אין ענגלאַנד זענען איצט פאַראַן 11 ישיבות, פון וועלכע 8־7 זענען אויפגעקומען ערשט אין די לעצטע צען יאָר; אין פראַנקרייך צוויי ישיבות, וועלכע זענען גאָר יונג, נישט מער פון 8־7 יאָר; אין בעלגיע צוויי ישיבות,ביידע אין אַנטווערפּן; אין דער שווייץ צוויי ישיבות, פון וועלכע איינע איז שוין אַלט אַ יאָר דרייסיק, נאָר די צווייטע האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט איר זעקסטן זמן. וואַרפן מיר זיך אַריבער אויף לאַטיין־אַמעריקע, געפינען מיר ישיבות אין אַרגענטינע, און אורוגוויי און אין בראַזיל, אַלע אויפגעקומען די גאַנץ לעצטע יאָרן. שפּאַנען מיר נאָך ווייטער, געפינען מיר אין אויסטראַליע צוויי ישיבות, גאָר יונגע, נישט מער פון 6־5 יאָר אַלט און אין דרום־אַפריקע צוויי ישיבות, ווידער זייער יונגע.

אָט דער דאָזיקער סטיכישער אויפבלי פון אַ לערן־אַנשטאַלט מיט אַזעלכע גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן איז בלתי ספק אַ באַווייז, אַז דער נאַציאָנאַלער געוויסן פונעם גלות־יִדנטום איז שטאַרק אומרויִק, זוכט וועגן און מיטלען, ווי צוזאַמענצוקניפּן די צעריסענע היסטאָרישע פעדים. די צאָל תלמידים אין אַלע נאָר וואָס אויסגערעכנטע ישיבות וועט אפשר נישט קיין סך איבערשטייגן אַ פּאָר טויזנט — זענען אָבער פאַראַן מאָמענטן אין דער געשיכטע פון פעלקער, ווען איכות שפּילט אַ גרעסערע ראָלע ווי כמות, ווען גראָבן טיף איז וויכטיקער ווי זיך שפּרייטן ברייט. און ווי אין די שטאָטן ווערן די ישיבות יענע נעסטן, ווו עס ווערן אויסגעברייט נייע טיפן פירער, נייע טיפן לערער, נייע טיפן רבנים און אויך ראַביים. מיר זאָגן אויך „ראַביים", ווייל אומעטום זענען די ישיבות, נישט

געקוקט אויף זייער טריישאַפט די טראַדיציעס פון די רוסיש־פוילישע תורה־נעסטן, געגאַנגען אויף אַ גרונט־פשרה, — עס ווערן געלערנט די אַלגעמיינע לימודים לויט די פּראָגראַמען פון די לענדער, ווו יידן וווינען. דער ישיבה־לערער אָדער דער ישיבה־רב וועט זיין מער צוגעפּאַסט צו די מאָדערנע לעבנס־תנאים און צו די באַדינגונגען אין די פאַרשיידענע גלות־לענדער. און מיר האָבן שוין אָנגעוויזן העכער, אַז אין אונדזערע צייטן זענען די סתירות צווישן לימודי קודש און לימודי חול כמעט ווי אינגאַנצן פאַרשווונדן.

דער צווייטער וויכטיקער מאָמענט, וואָס ווייזט אויף אַ טיפן איבערברוך אין די שטימונגען פון די יידישע מאַסן, איז דער אויפקום פון טאָג־שולעס, פון לערן־אַנשטאַלטן, ווו דאָס יידישע קינד בלייבט אין זיינע צאַרטסטע יאָרן אין אַ ריין יידישער סביבה. דערביי קומען אויף אין פיל לענדער קינדער־גאָרטנס, ווו די יידישע קינדער הייבן אָן פון העברעיש, פון העברעישע לידעלעך, פון טענץ — ישראל־לידעלעך און ישראל־טענץ.

דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די טאָג־שולעס איז דער צענט־ראַלער פּלאַץ, וואָס די העברעישע שפּראַך אין איר ישראל־פאָרעם פאַרנעמטביים לערנען די יידישע לימודים.

מעקסיקע, ווי באַקאַנט, צייכנט זיך אויס מיט איר שול־נעץ, באַשטייט אויס־שליסלעך פון טאָג־שולעס. עס לערנען זיך אין די טאָג־שולעס קרוב צו 80 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער. און מען האָט תמיד געלערנט העברעיש אין די דאָזיקע שולעס — דאָך קען מען רויק רעדן וועגן אַ טיפן איבערברוך בנוגע צו העברעיש אין די לעצטע יאָרן. דער קאַמף איז געגאַנגען אַרום דעם פאָרעם פון העברעיש — אשכנזישער העברעיש, אַלזאָ גלות־העברעיש, מיט זיין טראַדיציאָנעלן יחוס פון דאַווענען און לערנען, אָדער ישראל־העברעיש מיט זיין יחוס פון בונד מיטן אויפגעלעבטן טייל פון יידישן פאָלק, מיט די חבלי משיח, וואָס אונדזער לאַנד לעבט איבער, מיט די נייע שפּראַצונגען פון העב־רעישע שאַפונגען.

געזיגט האָט ישראל — די ריכטונג, וואָס צילט אויף תחית העם בארצו, וואָס שטעלט דעם טראָפּ אויפן בונד מיטן היסטאָרישן לאַנד פון פאָלק ישראל. העברעיש ווערט אין אַלע שולעס געלערנט נישט ווי אַ טראַדיציע־שפּראַך נאָר ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך פון אַן אויפגעלעבטן פאָלק.

אין אַלע אויפגעקומענע טאָג־שולעס פאַרנעמט העברעיש און בפירוש דער ישראל־העברעיש דאָס צענטראַלע אָרט. אין דער ווייטער אויסטראַליע איז צוריק מיט פינף יאָר אויפגעקומען אַ טאָג־שולע „הר הצופים" — לערנען שוין 500 קינדער אין דער שולע און גאָר פיל זענען רעגיסטרירט אריינצוקומען וויבאַלד עס וועט נאָר ווערן פריי אַ פּלאַץ. דאָס זעלבע איז אין דרום־אַפריקע, ווו עס זע־נען אויפגעקומען די לעצטע יאָרן צוויי טאָג־שולעס און ווידער מיט העברעיש.

אַלס לימוד־שפּראַך פון די יידישע לימודים. אויך אין מאָנטעווידעאָ האָבן מיר אַזאַ נייע טאָג־שולע. אין ענגלאַנד זענען פאַראַן טאָג־שולעס פון פריערדיקע יאָרן, אָבער דער נייער ישראל־העברעיִש האָט ערשט די לעצטע יאָרן אָפּגעהאַלטן ניצחונות. אין אַנטווערפּן זענען פאַראַן צוויי טאָג־שולעס שוין פון לאַנג, אָבער אין בריסל איז די טאָג־שולע אויפגעקומען ערשט אין די לעצטע יאָרן. און ערשט עטלעכע חדשים צוריק איז געגרינדעט געוואָרן אַ טאָג־שולע אין ציריך — זי איז געגרינדעט געוואָרן פון דער אגודה, אָבער די העברעיִשע שפּראַך ווערט געלערנט מיט דעם ישראל־נוסח.

אין פיל לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע, ווי אין בראַזיל, אין טשילע, אין קאָלאָמביע זענען פאַראַן טאָג־שולעס און העברעיִש ווערט געלערנט אין גייסט און אין פאָרעם פון ישראל־לשון.

**
*

מיר האָבן ווייט נישט אויסגעשעפּט דעם מאַטעריאַל — נאָר אונדז גייט דאָ נישט אַזוי אין ווייזן דעם כמות, ווי אין פעסטשטעלן אחדות אין דער איכות־אַנטוויקלונג, אינעם איבעררוף צווישן די פאַרוואָרפנסטע גלות־ווינקעלעך.

מענדעלע מוכר ספרים האָט אַמאָל געגעבן אַ וווּנדערבאַר בילד, ווי יידן איבעררופן זיך פּראַקטיק צו טיש ביים זינגען „כל מקדש״. האָט אַ ייִד צוריק מיט הונדערט אָדער אַפילו צוריק מיט 50 יאָר געזונגען אין באַרדיטשעוו זמירות פּרייטיק אָוונט האָבן אים געענטפערט מיט די זעלבע ווערטער און מיט דעם זעלבן ניגון־קנייטש יידן אין אַלע כנפות הארץ. אָט דער זמירות־איבעררוף, וואָס איז נאָך געקרעפּטיקט געוואָרן דורך די אַ סך אַנדערע איבעררופן יעדן גאַנץ פרי ביים דאַווענען און שבת אינדערפרי ביי די זמירות פון „ברוך ה׳ יום יום״ און אַלע יום טובים — אָט זיי האָבן געהאַלטן צוזאַמען די תפוצות, וועלכע האָבן און מוזן האָבן אַ טבע צו גראַוויטירן צו זייערע פאַרשיידענע מערהייטן. זיי האָבן געהאַט די דאָזיקע טבע אַפילו צוריק מיט הונדערט יאָר. נאָר פאַר די לעצטע הונדערט יאָר איז פאָרגעקומען אינעם לעבן פון צעוואָרפענעם יידישן פאָלק אַ טיפע רעוואָלוציע, וואָס איר גרונט־כאַראַקטער באַשטייט אין אַ העכערער גראַוויטאַציע צום נאָענטן פרעמדן אַרום און אין אַ שוואַכערער גראַוויטאַציע צום גלות־ברודער פון אַן אַנדער לאַנד.

ס׳זענען געווען טראַגישע איבעררופן און זיי האָבן געשפּילט גאָר אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ראָלע — ווען געשאָכטענע און פּאָגראָמירטע יידן אין איין לאַנד אָדער אויף איין קאָנטינענט האָבן גערופן צוהילף רעליגיעז־נאַציאָנאַלע ברידער פון אַנדערע לענדער. לאָמיר האָפן, אַז דער דאָזיקער פאַקטאָר פון ברידערונג און דערנענטערונג וועט שוין מער נישט שפּילן קיין ראָלע אין אונדזער גלות־לעבן.

### יעקב לעשצינסקי

בלייבט מדינת ישראל — אין ברייטן זין פון וואָרט: עליה אין דער ערשטער ריי; עליה פיזישע, וואָס פירט שוין ממילא צו גייסטיק־קולטורעלער עליה; עליה קולטורעלע דורך דער העברעיִשער שפּראַך און דער העברעיִשער קולטור; עליה צייטווייליקע — שיקן קינדער אין די לערן־אַנשטאַלטן פון מדינת ישראל. און אַפילו נאָר געלט־זאַמלען פאַר ישראל און פּאָליטיש און עקאָנאָמיש שטיצן ישראל שפּילן אויך אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ראָלע אין זין פון האַלטן צוזאַמען די גלות־תפוצות.

מדינת ישראל אייניקט, ברידערט, קאָנצענטרירט גייסטיק־נאַציאָנאַל אויף איין פונקט די צעוואָרפענסטע און פאַרוואָרפנסטע טיילן פון פאָלק; מאַכט פילן און איבערלעבן, ליידן און פרייען זיך ביי איינע און די זעלבע דערשיינונגען.

# זוכצעטל פון נעמען און ענינים


## א

אַבראַמס טשאַרלס: 309
אגודה: 425
אגודת הרבנים (ניו־יאָרק) 345
אַגוס יעקב ראַביי: 331, 332, 333
אַדן: 58, 59
אַדעס: 84, 85, 97, 139, 174, 175, 278
„אהבת ציון": 112
אוזשדע: 59
אונגאַרן: 15, 30, 33, 46, 66, 69, 72, 97, 171, 194, 199, 250, 279, 294, 352, 365, 389
„אונדזער וואָרט" (פּאַריז): 270
אוניווערסיטעטן: 239, 253, 403
אויסטראַליע: 27, 36, 37, 114, 227, 271, 272, 310, 360, 362, 370, 371, 423
„אויסטראַלישע יידישע נייעס": 271
„אוצר היהדות": 149
אוקריינע: 15, 30, 42, 47, 61, 64, 69, 73, 84, 109, 174, 175, 186, 191, 206, 277, 278
אורוגוויי: 36, 72, 73, 208, 209, 371, 415, 423
אַזיע: 28, 30, 37, 40, 52, 62, 63, 278
אַזיע (מיטל): 21.
אַזיע (רוסישע): 63, 71
אחד־העם: 139, 412
איבסען: 229
אידישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש): 269
„אידישע צייטונג" (ב. איירעס): 154, 231, 272, 274
„אידישער קעמפער" (נ. יאָרק): 186, 315, 341
„איזראַעליטישעס וואָכענבלאַט (ציריך): 268
איטאַליע: 38, 46, 62, 224, 235
איטאַליענער, איטאַליעניש: 127, 189, 247, 256, 258, 260, 261, 342
אייגען א. הערמאַן: 318
איידעלסבערג דוד: 350, 363, 389
אייזלאַנד ר.: 355
אייזנבערג עזריאל: 402
אייזענשטיין איירא ראַביי: 149
אייזענשטיין י. ד.: 149
איינשטיין מעדיקל קאָלעדזש: 357
אייראָפּע: 12, 21, 23, 24, 26, 27, 28, 30, 31, 32, 33, 37, 38, 39, 44, 48, 49, 50, 51, 53, 61, 62, 63, 66, 82, 86, 122, 123, 131, 139, 162, 171, 183, 190, 204, 214, 221, 235, 236, 237, 238, 239, 240, 243, 249, 252 287, 288, 289, 310, 348, 357, 362, 370, 372, 373, 390, 397
אייראָפּע דרום: 12, 14, 40
אייראָפּע מזרח: 26, 27, 28, 30, 31, 33, 40, 44, 47, 68, 84, 93, 94, 97, 100, 104, 106, 122, 127, 131, 151, 174, 180, 181, 186, 206, 210, 212, 214, 216, 229, 241, 274, 275, 284, 293, 294, 301, 342, 343, 345, 356, 360, 371, 372, 379, 410
אייראָפּע מערב: 31, 38, 39, 41, 66, 131, 181, 286 287
אייראָפּע צענטראַל: 26, 40, 41, 66, 287
איליער מנשה: 110
„אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער": 223
אינדזלען אַרקניי: 265
אינדיאַנאַפּאָליס: 252
אינדיע: 28
אינטעגרירונג: 308, 310, 311, 312, 404
אינסטיטוט פאַר יידישע ענינים (ביים יידי־

שן וועלט־קאָנגרעס) VII
אינפלאַציעס: 31
אינקוויזיציעס: 51, 66, 135, 138
איסט־סאַיד: 249, 357
איסט־ענד: 160, 161, 266
איראַן: 59
איראַק: 28, 56, 57, 58, 59
אירלאַנד: 62, (צפון): 187, 265
אירלענדער, איירישע: 124, 256, 258, 260
„אַלגעמיינע יידישע ענציקלאָפּעדיע": 412
„אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע" באַנד ב. 229, 231
אַלזשירער פּראָווינץ: 38
אלכסנדריה של מצרים: 181
אַלעקסאַנדער דער צווייטער, צאַר: 41
אַמסטערדאַם: 242, 243
אַמעריקע: 28, 31, 41, 44, 64, 72, 73, 84, 86, 93, 97, 100, 101, 102, 114, 115, 116, 117, 120, 123, 124, 125, 158, 180, 181, 185, 186, 189, 197, 198, 199, 200, 202, 204, 214, 215, 216, 217, 218, 219, 221, 224, 228, 229, 230, 237, 238, 239, 240, 243, 245, 246, 248, 249, 250, 251, 252, 255, 257, 264, 287, 330, 331, 332, 333, 337, 341, 343, 344, 345, 346, 348, 352, 354, 360, 361, 363, 364, 365, 366, 368, 381, 382, 389, 396, 398, 399, 401, 403, 408, 410, 411, 412, 413, 414, 417, 418
„אַמעריקען דזשואיש יאַרבוך" 386, 388
אַמעריקע דרום: 36, 188, 221, 272, 274, 372
„אַמעריקען היברו": 250
אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס: 327
אַמעריקע לאַטיין: 28, 32, 37, 182, 296, 359, 370, 414
אַמעריקע צפון: 21, 22, 23, 27, 119, 154, 168, 303, 304, 309, 310, 370, 373, 374, 375, 377, 379, 390
אַנגאָף טשאַרלס: 409, 410
אַנטווערפּן: 423, 425
אַנטיסעמיטיזם: 20, 27, 31, 124, 262, 263, 295, 339, 410.
אַסימילאַציע: VII, 16, 25, 30, 44, 52, 53, 71, 84, 89, 92, 97, 100, 101, 107, 108, 114, 116, 121, 127, 131, 134, 141, 148, 171, 176, 180, 181, 182, 183, 184, 185, 185, 202, 204, 217, 221, 227, 231, 238, 241, 243, 249, 252, 258, 259, 261, 262, 263, 271, 272, 275, 277, 279, 287, 288, 293, 294, 298, 299, 301, 308, 326, 343, 345, 346, 353, 363, 368, 389, 403, 414
אַסימיליר פּאָטענציאַל: VI, VII, VIII, 11, 16, 19, 20, 30, 53, 71, 75, 76, 84, 88, 89, 90, 91, 92, 95, 97, 105, 106, 107, 108, 114, 116, 117, 131, 133, 157, 165, 175, 178, 184, 203, 226, 263, 279, 351, 383, 414
אָפּענהיימער פּראַנץ: 12
אַפריקע: 37, 40, 63, 192, 269
אַפריקע, דרום: 27, 36, 37, 56, 227, 268, 269, 310, 414, 423, 424
„אַפריקאַנער יידישע צייטונג": 269
אַפריקע, צפון: 21, 38, 59, 125, 361, 371
אַקסענפּעלד: 111
אַראַבער: 17, 18, 59, 327
אַראַביש־אָריענטאַליש: 291
„אַרבעטער פּאַרבאַנד": 327, 379, 392
„אַרבעטער־רינג": 230, 325, 326, 327, 379, 381, 392, 394
אַרגענטינע: 36, 72, 73, 81, 118, 119, 120, 126, 153, 154, 156, 157, 158, 170, 206, 208, 223, 224, 229, 231, 272, 273, 274, 290, 295, 296, 361, 371, 420, 421, 422, 423
אַרגענטינער ־ ישראלדיקער קולטור־אינס־טיטוט: 422
„אַרגענטינער מאַגאַזין": 232
ארץ־ישראל: 13, 18, 22, 24, 27, 28, 29, 31, 34, 35, 37, 62, 63, 67, 107, 112, 123, 157, 182, 213, 335, 362, 380, 404
אַרשאַנסקי: 75
אַש אברהם יוסף רב: 345
אשכנזים: 291
„אשמת שומרון": 112

## ב

„באַאַבאַכטער אַן דער ווייסל": 111
באַאַרד אָוו דעפּיוטיס (ראַדעזיע): 268
באַבער רעי: 234, 259

באַגען באַריס ד״ר: 305
באַגדאַד: 57
באַגדאַדער קהילה: 57
באַזעל: 268
באַלטימאָר: 85, 230, 363, 364
באַליוויע: 72
באַלפור־דעקלאַראַציע: 380
באַלשעוויסטישע רעגירונג: 43
באַמזע נחום: 224
באַסטאָן: 83, 85, 87, 196, 228, 335, 359, 366.
באַפאַלאָ: 318, 319, 366
באַקו: 174, 175.
באַרא־פּאַרק: 366
באַרדיטשעוו: 85, 111, 198, 425
באַרוויטש מיכאל: 223
באַריישאַ מנחם: 214
בובער מאַרטין: 411
בודאַפּעשט: 108, 139, 235, 242, 243
בולגאַריע: 46
„בונד״: 13.
בונדיסטן: 125, 169, 327
בוענאָס־איירעס: 85, 223, 272, 273, 333, 422
בוקאַווינע: 30, 66, 72, 73, 107, 108, 161
בוקאַרעשט: 139
„בטרם״: 304
ביאַליסטאָק: 85, 86, 176
ביאַליק: 112, 133, 270, 333, 337, 338, 412
בימקאַ: 229
„בית המדרש הגדול״: 345
„בית יהודה״: 112
„בית יעקב״ שולעס: 405, 406
„בית מדרש עליון״: 367
בלומענפעלד שמואל ד״ר: 379
בלאָך־פאַרלאַג: 409
בני ברית: 303, 321, 322, 323, 324, 340
בעווין: 35
בעז ח.: 379
בעלגיע: 27, 30, 38, 39, 46, 271, 423
בעלקין שמואל ד״ר: 357
בעמען: 26, 48, 108, 275
בענדערלי ד״ר: 378, 379
בעסעראַביע: 69, 76, 174
בערגסאָן העברי: 136
בערלין: 30, 48, 50, 139, 228, 242, 243
בערלינער השכלה שולע: 112
בערפאַרד עוועניו: 352
„בצרון״: 379
בראָאון: 202, 204
בראַדוויי: 231
בראַדי, גרענד־ראַביי (ענגלאַנד): 271
בראַזיל: 36, 72, 81, 170, 206, 227, 362, 371, 423, 425
בראָנקס: 366
בראַצלאַווער נחמן רבי: 110
ברוקלין: 87, 150, 347, 348, 349, 361, 365, 367, 394
„ברוקלין קאָלעדזש״: 402
בריטיש־אַמעריקאַנער: 257, 258
בריסל: 271, 425
ברלין חיים ר׳: 358.

## ג

גאַטלאָבער: 111
גאָטעספעלד חנא: 229
גאָלאָמב א.: 158, 159
גאָלדבערג נתן: 194, 251, 407.
גאָלדין ה.: 256
גאַליציע: 13, 33, 42, 69, 74, 107, 108, 150, 161, 168, 176, 191, 199, 223 250
גאַליציע, מזרח: 30, 78, 98, 109
גאַליציע, מערב: 98, 99
גאָרדאָן אַלבערט ראַביי: 146
גאָרדאָן י. ל.: 332
גאָרדין ניסן: 355, 361
גוטמאַן שאול: 392, 393
גינזבורג אליהו: 304
גירוש ספרד: 66
גלאַזער נאַטאַן: 335
גלות: (יידנטום, לענדער, פאָלק): V, VII: 14, 17, 18, 19, 20, 25, 51, 56, 58, 70, 113, 115, 121, 125, 131, 132, 133, 134, 153, 158, 166, 173, 180, 205, 207, 208, 209, 211, 225, 244, 263, 280, 284, 286, 290, 291, 298, 299, 322, 370, 371, 380, 381, 392, 393, 395, 396, 398, 406, 414, 421, 425
גלות בבל: 56
גלות תימן: 56

גלחים: 123, 126, 248
„גליון" תל־אביב: 340
„געדאַנק און לעבן": 407
געטאָס: 41, 53, 57, 82, 98, 173, 217, 224, 230, 296, 297, 311, 319, 343, 382
געטאָ אין וואַרשע: 223; (אין שאַנכאַי): 361,
געמישטע חתונות: 16, 50, 52, 53, 97, 108, 156, 181, 182, 183, 185, 234, 235, 238, 239, 240, 241, 242, 244, 245, 246, 247, 248, 249, 250, 251, 252, 253, 254, 255, 256, 257, 258, 259, 260, 261, 262, 263, 264, 265, 266, 267, 268, 269, 270, 271, 272, 273, 274, 275, 276, 277, 278, 279, 309, 310, 311, 335, 338, 339, 364, 383, 410
גראָדנע: 75, 85, 86 (גראָדנער): 174; (גור־בערניע): 175
גראָס־צימערמאַן מ.: 169
גרויס־רוסן: 77, 78, 106, 175, 278; (גרויס־רוסלאַנד): 69, 71
גריכנלאַנד: 46, 47; גריכישע: 49
גרינבלאַט עליזה: 391
גרינפעלד דיין: 264, 265
גרעץ: 411.

## ד

„דבר": 163
„דהי דזשואיש פּאָסט: 249
דובנאָוו שמעון: 216
דוקער אברהם: 144, 145
„דזשואיש כראָניקל": 162, 263, 264, 265, 268, 269, 271
„דזשואיש מאָנטהלי": 160, 161
„דזשואיש ספּעקטעיטאָר": 148, 266, 408, 412
„דזשואיש עדוקיישן": 388
„דזשואיש פראָנשיר": 245
דייוויס משה, פּראָפעסאָר: 401
דייטשלאַנד: 23, 26, 38, 46, 47, 48, 49, 50, 62, 64, 66, 69, 106, 107, 123, 166, 167, 168, 191, 235, 236, 237, 240, 241, 243, 249, 250, 252, 256, 287, 293, 360
דייטשן:: 26, 27, 47, 77, 84, 181, 187, 188, 189, 190, 203, 250, 256, 257, 293, 360
(שפּראַך): 166, 189, 191, 207; (קולטור): 30
דיק: 111
דעטראָיט: 85, 139, 230, 306
דע מואַן: 252
דענווער: 255
דעניקין: 31
דענעמאַרק: 53, 270, 362
„דער איד": 358
„דער וועג" (מעקסיקע): 191, 226
„דער וועקער" (נ. יאָרק): 194
„דער פריינד": 326
דראַקסלער יולינס: 250
דרעזנער ס. ראַביי: 148.

## ה

האַוואַנע: 27
„האַוואַנער לעבן": 274
האַלבערשטאַם יהודה, רב: 366
האָלאַנד: 27, 30, 38, 46, 236, 250, 362
האָליוווד: 149
האַמבורג: 23, 48, 50
האַמעל: 85
האַנאָווער: 50
האָרן י.: 273
„האש דת": 247
„הדואר": 151, 247, 248, 356, 357, 361, 396, 402, 405.
„הדסה": 318, 320, 327
הורוויץ חייקל: 110
„היברו אַקאַדעמיע און קליוולאַנד": 362
„היברו סקולס", זע תלמוד־תורות
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני: 405
„היברו קאַלעדזש": 341
היטלער (באַנדעס, מערדערס, המן, עמלק, רעזשים, שחיטות): 23, 24, 26, 31, 37, 39, 45, 47, 48, 49, 50, 73, 135, 136, 147, 157, 243, 271, 278, 297, 330, 346, 355, 358, 409
היטלער־יאָרן: 241, 263
הייסקולס: 212, 253
הילל־פאַנדעישן": 323
העברעישע (שפּראַך, ליטעראַטור, פּאָעזיע, קולטור): 11, 17, 18, 43, 56, 68, 95, 110, 112, 134, 162, 163, 169, 207, 208, 211,

213, 216, 229, 279, 321, 323, 381, 387, 391, 395, 396, 397, 400, 401, 403, 404, 417, 419, 421, 422, 424, 425, 426
העפלה: 25, 32
„הערald טריביון": 309
הערבערג ווילי: 332
הערצל: 270
„הר הצופים", טאָג־שול (אויסטראַליע): 424
השכלה־באַוועגונג: 109, 110

## וו

וואָלאָזשינער ישיבה: 343
וואָלין (וואָלינער): 75, 80, 174, 176, 177
וואָל־סטריט: 320
וואַרשע (וואַרשעווער): 76, 85, 93, 97, 98, 101, 138, 139, 174, 175, 176, 178, 216, 275
„ווומענס האָום קאָמפּאַניאָן": 246
וווּנסאָקעט: 260
וויטעבסקער: 75, 174
ווייטשעפּל: 54
ווייס־רוסלאַנד, ווייס־רוסן, ווייס־רוסישע גובערניעס: 15, 30, 61, 64, 69, 71, 72, 75, 76, 77, 98, 99, 161, 186, 191
וויליאַמסבורג: 348, 351, 352, 353, 364, 365, 366
ווילנע, ווילנער (גובערניעס): 76, 85, 86, 98, 174, 175, 176, 178, 361; (ווילנער גאון): 110
ווילעטש: 340
ווין: 30, 48, 108, 139
וויניפּעג: 415, 417
ווישניצער מ. דר": 362
וולאַדיוואָסטאָק: 361
וועד החינוך (ב. איירעס): 422
וועלנער פּנחס: 270
וועלפער־פאַנד: 306, 316
וועלש: 187
וועגעסוועלע: 170, 362
וועסעל בעסי בלום: 260.

## ז

זאַלמאַן ד"ר: 265
זאַק ב. נ.: 179
זינגער: 229
זענדמעל סאַמועל, ראַביי: 339

## ח

„חברה משניות שומרי שבת" (ב. איירעס): 154
חדרים: 56, 65, 161, 349, 381, (מתוקנים): 216
„חובת הלבבות": 359
חורגין יעקב: 399
חינוך (אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן, בודזשעט, סיסטעם, פאַקטאָר): 18, 19, 56, 81, 83, 117, 125, 126, 152, 179, 201, 261, 284, 285, 287, 295, 297, 299, 305, 306, 307, 320, 326, 346, 353, 355, 368, 370, 371, 372, 373, 377, 378, 379, 380, 381, 382, 384, 385, 387, 388, 389, 392, 397, 402, 403, 404, 406, 413, 414, 415, 416, 417, 423
חידקל יהודה: 156
חסידיזם (חסידים: אַלעקסאַנדערער, באָבאָווער, גערער, ליובאַוויטשער, ביישטעטער, קוזמירער): 67, 109, 110, 150, 350.

## ט

„טאָג" („מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק): 149, 158, 160, 219, 249, 341, 346, 348, 349, 350, 355, 359, 361, 363, 366, 367, 375, 389, 393, 402
טאַורישע (גובערניע): 174, 175
טאַנזשער: 58
טאָראָנטאָ: 85, 415
„דהי נעישאַנאַל דזשואיש מאָנטהלי": 340
טולוז: 270
טוניס: 38, 58
טיילאָר באַריס: 306
„טיימס": 309
טעלז: 359, 362, 364
טעלזער ישיבה: 362
טעקסאַס: 248
טעריטאָריאַליסטן: 305
טערקישע אימפּעריע: 11, 250, 251
טריעסט: 243
טריפּאָלי: 58
טרענטאָן: 252

טשילע: 36, 72, 170, 206, 362
טשיפּקין ישראל: 376, 377, 378, 381, 385
טשיקאַגאָ: 83, 85, 87, 139, 170, 196, 228, 230, 256, 306, 349, 359
טשעכאָסלאָוואַקיע (טשעכן): 46, 47, 109, 275, 279
טשערניגאָווער (גובערניע): 174

י

יאַבלאָקאָוו הערמאַן: 231
„יאַנג איזראַעל": 342, 343, 344
יאַנאָווסקי אפרים: 155
יאַנאָווסקי קאָמיסיע: 315, 316, 317
יאַסי: 85
יאַפּאַן: 361
„יודאַאיזם": 409
„יונייטעד הזשואיש אַפּיל": 329
יונין וואָלף: 221
יידן: V, 11, 12, 13, 14, 15, 16, 20, 21, 22, 24, 27, 28, 29, 31, 33, 34, 36, 37, 38, 40, 41, 43, 44, 46, 48, 49, 50, 54, 57, 59, 62, 65, 66, 67, 68, 69, 70, 71, 72, 73, 74, 76, 78, 79, 80, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 89, 93, 96, 99, 101, 103, 105, 107, 108, 110, 113, 116, 118, 121, 122, 123, 124, 125, 127, 132, 133, 134, 137, 138, 139, 140, 145, 151, 158, 160, 163, 166, 170, 171, 172, 175, 179, 182, 183, 184, 185, 186, 188, 196, 198, 199, 202, 203, 204, 205, 206, 208, 213, 217, 218, 219, 222, 229, 230, 233, 235, 236, 237, 238, 239, 242, 243, 245, 246, 249, 250, 254, 256, 257, 258, 259, 260, 261, 265, 268, 269, 276, 288, 290, 291, 309, 310, 312, 314, 318, 331, 333, 339, 348, 352, 354, 355, 356, 384, 389, 409, 414, 416, 425
יידן אונגאַרישע: 252, 366
יידן אוקראַינישע: 66, 92, 136
יידן אַזיאַטישע: 61, 63 (אַזיאַטישע טיילן פון סאָוועט־רוסלאַנד: 51
יידן אייראָפּעישע: 28, 64, 65, 134, 176, 179, 240, 242, 263, 291, 294, 304, 377, 384, 410
יידן מערב־אייראָפּעישע: V, 23, 242, 243
יידן אַמעריקאַנער: 44, 61, 137, 150, 287, 291, 295, 302, 305, 306, 307, 315, 335, 336, 345, 353, 380, 382, 383 384, 385, 389
יידן אין אַפריקע: 61, 63
אין אַראַבישע לענדער: 58
יידן אַרגענטינער — זע אַרגענטינע
יידן אשכנזישע: 40, 66, 168, 191, 296
בערלינער: 243
גאַליצישע: 42, 352
דייטשע: 26, 27, 31, 44, 45, 48, 49, 60, 106, 118, 154, 182, 211, 242, 251, 263, 294, 352
ווייס־רוסישע: 66
יוגאָסלאַווישע: 46
ליביער: 59
ליטווישע: 14, 47, 66, 244
לעטישע: 47, 66
מאַראָקאַנער: 266
אין מוסולמענישע לענדער: 60
סאָוועטישע: 51, 52, 63, 278
ספרדישע: 47
ענגלישע: 54, 160, 161, 263, 265, 269, 287
עסטרייכישע: 48, 287, 352
פּויזנער: 30, 45
פּוילישע: 14, 42, 45, 49, 52, 53, 57 64, 66, 67, 79, 92, 109, 178, 266, 279, 352
פראַנצויזישע: 269, 287
אין קאָמוניסטישע לענדער: 51, 63
קאַנאַדער: 262, 419
רוסישע: 41, 42, 43, 45, 66, 67, 74, 79, 106, 107, 109, 112, 176
שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע: 11
יידישער וועלט־קאָנגרעס: 164
„יידישע קולטור": 214, 221, 407
יידישע שפּראַך: 67, 68, 78, 96, 111, 112, 161, 167, 169, 170, 171, 174, 175, 176, 177, 179, 185, 186, 189, 191, 192, 193, 197, 201, 208, 321, 346, 379, 389, 391, 393, 395, 396, 412, 417, 421
„ייוואָ": 351, 411
„ייוואָ־בלעטער": 144
יעווסעקעס: 52, 217, 279, 346
יעזוס: 123, 126
יענקיס: 256

יעקאַטערינאָסלאַוו: 78; יעקאַטערינאָסלאַווער: 174
ירושלים VI: 363
ירושלימער אוניווערזיטעט: 391
ישו: 340
ישיבות: 65, 299, 346, 347, 348, 349, 352, 353, 354, 356, 357, 359, 363, 365, 368, 386, 389, 390, 413, 414, 415, 417, 418, 423
ישיבה בחורים: 348, 355, 356, 361, 381, 388
ישיבות גדולות: 367, 368, 370, 404, 415,
ישיבה ליובאַוויטשער: 349, 416
ישיבה מדריכים: 44
ישיבות מזרחיסטישע: 212
ישיבת „מרכז התורה": 415
ישיבות קטנות: 388
ישיבת „ראשית חכמה": 415
ישיבת רבי חיים בערלין: 358
ישיבת רבי יעקב יוסף: 358
ישיבת רבי יצחק אלחנן: 197, 357, 358
ישיבת „שארית הפליטה": 365, 366
ישיבת „תורה ודעת": 359
ישיבת „תורה ויראה": 365
ישראל (מדינת) VII, VIII, 12, 14, 17, 18, 19, 28, 38, 44, 49, 52, 54, 56, 58, 59, 61, 63, 68, 69, 113, 125, 131, 133, 153, 168, 209, 224, 225, 245, 291, 294, 312, 322, 324, 327, 328, 329, 330, 335, 337, 353, 372, 424, 326

## כ

כהן: 237
כהן הערמאַן: 411
כינע: 28
כערסאָנער: 76, 78, 174, 175

## ל

לאָדזש: 85, 97, 98; לאָדזשער: 174
לאַטיין אַמעריקע: 28, 32, 35, 37, 182, 277, 278, 296, 359, 414
לאָמזשער: 174, 176
לאַנג ה.: 254
לאָנדאָן: 48, 50, 53, 139, 160, 161, 162, 228, 229, 266, 349
לאָנדאָן מאיר: 326
לאַנדאַנער קוואַרטאַל: 54
לאָס אַנזשעלעס: 83, 85, 87, 196, 306, 349
לאַפּסאַן יהודה: 402
לבנון: 28, 258
לואיוויל: 249
לובלין, לובלינער: 76, 85, 174, 176
לוטערבאַנער: 248
ליבין: 229
ליביע: 59
ליבערזאָן ד.: 351
ליובאַוויטשער: 350, 366, 367; (רבי): 349, 350
ליווערפּול: 160
ליטע: 15, 30, 31, 43, 44, 46, 47, 49, 69, 71, 72, 76, 77, 98, 99, 161, 169, 191, 192, 206, 223, 357, 361, 362
ליטווישע: 17, 43, 64, 77, 84, 92, 247, 373
ליטוויש־ווייסרוסישער ראַיאָן: 174, 175, 177,
לייוויק: 219, 229, 392, 393
ליגעצקי: 111,
ליעסין א.: 172
ליפשיץ יהושע מרדכי: 111
לירסי רופוס: 334, 345
לעבענסאָן מ.: 112
לעהמאַן עמיל ד"ר: 144
לעווינזאָן יצחק בער: 112
לעווינגער לי, ראַביי: 248
לעטלאַנד: 15, 30, 31, 43, 46, 47, 49, 69, 72, 250
לעטן: 43, 64, 77, 92
לעמבערג: 211
לענינגראַד: 276, 277, 349
לערער לייבוש: 334
לערער־סעמינאַר (ב. איירעס): 422
לעשנע גאַס: 98
לעשצינסקי יעקב: 98, 194, 240, 292, 407
„לשון קודש": 172.

## מ

מאַגנעס ד"ר: 18
מאַדיאַרן: 107, 109, 342
מאָהילעווער: 75, 174
מאָוושאָוויטש ראַביי: 321
מאָלדאַווישע: 92
מאַנהעטן קוואַרטאַל: 145, 150, 365

מאָנטעווידעאָ: 85, 425
מאָנסי: 367
מאָנטרעאָל: 85, 169
מאָנטשעסטער: 160
„מאספים": 112
מאָסקווע: 51, 52, 106, 139, 174, 217, 276, 277, 278, 349
מאָפו: 112
מאַראַנען: 11
מאַראָקאָ: 38, 59, 362
„מאָרגן־זשורנאַל": 150, 271, 365
מאַרק יידל: 125, 221, 222
מוסולמענישע לענדער: 28, 37, 38, 56, 57, 58
מזרח־אייראָפּע: זע אייראָפּע מזרח
מוקדוני א. ד"ר: 22, 231
מזרח־גאַליציע: זע גאַליציע מזרח
מיאַמי: 85; מיאַמי ביטש: 149
מייזל נחמן: 214
מינסק: 75, 278, 347
מינעאַפּאָליס: 146, 147
מינקאָוו נ.: 394
מיר: 360, 361, 364 (מירער ישיבה): 277
מלאָטעק י.: 394
„מסד": 399, 400, 419
„מסילת ישרים": 359
מעטאָדיסטן: 248
מעטערלינק: 229
מענדעלסאָן: 110
מענדעלע מוכר ספרים: 111, 425
מעקסיקע: 72, 73, 81, 85, 157, 158, 160, 170, 190, 191, 206, 226, 227, 290, 415, 424
מערן: 26, 48, 108
מצרים: 135
„משלי שלמה": 110

## נ

נאָוואָגרודקער: 176
נאָן סעקטעריען: 314
נאַפּאָלעאָן: 339
נאַציזם: 271
נאָרדיקס: 124, 168
נגינות און תפילות ביי יידן: 156
נוואַרק: 85, 230
נוסקין ז.: 230
נחמיה: 56
ניו־אָרלעאַנס: 116, 117
ניו־העוון: 251, 257, 258, 259
ניגער ש.: 334
ניו־יאָרק: 83, 86, 87, 93, 100, 101, 124, 139, 144, 145, 150, 151, 170, 215, 217, 222, 230, 231, 232, 245, 249, 250, 253, 292, 319, 325, 345, 347, 352, 358, 359, 361, 364, 365, 367, 378, 394, 402, 406, 407, 408
„ניו־יאָרק טיימס": 374, 375
ניו־לאָנדאָן: 252
ניו־סקול פאַר סאָשעל ריסערטש: 394
ניקאָלאַי דער ערשטער: 63
נעגערס: 309
נעוול: 349
נעמינאָוו ניסן הרב ר': 349
„נר ישראל" (באַלטימאָר: 363.

## ס

סאָוועט־רוסלאַנד: 46, 50, 51, 52, 106, 223, 278, 279, 346, 349
סאָטאַנאָווער מענדל: 110
סאַלאָניקי: 47, 49
סאַמאַרקאַנד: 349
סאָלטעס מרדכי: 197, 204, 210
סאַנדלער פּ.: 407
סאַנטיאַגאָ: 85
סאַן פּאַולאָ: 85
סאַן־פראַנציסקאָ: 85, 196
סאָציאַליזם: 325, 326; (יידישער): 42, 162
סאָקאָל ש.: 186
סאָרבאָנע: 223
סוואָלקער: 76, 174
סוכנות: 18
סטאַטיסטישער אַמט ביים קאָנאַדער יידישן קאָנגרעס: 262
סטודענטן: יידישע, 102, 114, 162, 160, 162, 163, 239, 253, 264, 268, 323, 388; נישט־יידישע: 116, 239, 323
סטעמפאָרד: 252, 255
סטרינדבערג: 229
סיביר: 30, 349, 361, 362
סיגאַל י.: 219

„סיטי קאַלעדזש״: 394
סיימאָן שלמה ד״ר: 150, 333
סילווער ראובן: 415
סינאַגאָגעס, אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע, רעפאָרמיסטישע: 142, 147, 148, 149, 152, 256
סינסינעטי: 336, 341
סיריע: 28, 58
סלאָבאָדקע: 359, 363, 364
סלאָוון, סלאָווישע: 167, 260, 261,
סלאָוואַקיע: 30, 33, 48, 72, 107, 109, 194
סמיט: 257
סעמיועל מאָריס: 324
סעקלער הערי: 229
ספרדים: 47, 291
„ספר שנה של הקרן הקימת לישראל״: 407
ספרינג־וואַלי: 367
סקאָטלאַנד: 265

## ע

עגנון ש. י.: 169
עזרא: 56
עטאַטיזם: 31
עטינגער ד״ר: 111
עליה: 12, 21, 22, 23, 24, 25, 32, 33, 35,
עמאַנציפּאַציע: 26, 41, 107, 109, 217, 235, 286, 329
עמיל: 248
„עמנואל טעמפל״: 341
ענגלאַנד: 27, 30, 38, 50, 53, 62, 66, 162, 182, 187, 308, 237, 262, 263, 265, 268, 296, 297, 298, 342, 362, 389, 414, 423, 425
ענגלענדער: 124, 205, 342
ענגלישע: 250, 260
ענגלישע לענדער: 167, 211; רעגירונג: 24, 37
ענגלישע שפּראַך: 162, 171, 180, 192, 193, 197, 198, 199, 207, 208, 210, 211, 222, 226, 345, 357, 411, 412
ענגליש־יידישע היסטאָרישע געזעלשאַפט: 265; ענגלישע שולעס: 374
ענטרע־ריאָס: 155
„ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ״: 395
עסטרייך: 13, 26, 38, 46, 47, 50, 64, 66, 107, 108, 178, 191, 235, 236, 250
עסטרייכיש־אונגאַרישע אימפּעריע: 13, 30, 40, 42, 107, 108, 117
עפּשטיין משה יחיאל: 347
„עץ חיים״: 362
עשאַפּאַטן: 138.

## פּ

פּאַגראָמען: 27, 33, 43, 58, 59, 61, 85, 99, 118, 120, 121, 122, 135, 170, 178, 181,
פּאַגראָמען היידאַמאַקישע: 66
פּאַגראָם קישיניעווער: 33, 377
פּאַגראָמען, רומענישע: 124; רוסישע: 242
פּאָדאָליער: 75, 76, 174
פּאַט יעקב: 222
פּאָלאַק נתנאל, ראַביי: 255
פּאָלאַק: 64, 80, 84, 109, 190, 247, 250, 256, 258, 342, 373, 374
פּאָלטאַווע: 174, 360
פּאָלעסיער: 176
פּאָרטוגאַל: 50; פּאָרטוגעזיש: 167
פּאַריז: 49, 53, 98, 139, 208, 222, 223, 228, 229, 270, 349
פּויזן: 275; פּויזנער: 45
פּויזנער וואָיעוואָדשאַפט: 176, 178
פּוילן: 15, 43, 44, 46, 61, 66, 67, 70, 71, 72, 73, 75, 76, 79, 81, 84, 86, 96, 97, 99, 100, 102, 117, 120, 161, 174, 178, 179, 191, 199, 211, 257, 270, 275, 276, 279, 287, 298, 343, 352, 361, 377, 405
פּוילישע: 373
פּוילישע שפּראַך: 177, 189, 211
„פּועלי־ציון״: 326
פּיועבלאַ: 255
פּיטסבורג: 85
פּינסק: 85
פּינסקי דוד: 229
פּיקעטן: 120, 178
פּיעטריקאָווער: 76, 174
פּלאָצקער: 76, 77
פּעדלערײַ: 119
פּעטליורע: 31
פּעטערבורג: 106, 174, 175
פּען אשר: 361

פענסילוואניע: 186, 187
פערו: 362
פערט (וועסט־אויסטראַליע): 271
„פערל־האַרבאָר": 361
פערסיע: 38
פערסקי דניאל: 347, 348, 356, 408
פראַג: 139, 242, 243
פראָטעסטאַנטן: 118, 259, 260, 269, 341, 342
פרעביסטעריאַנער: 340
פרעסבורג: 140
פרץ י. ל.: 111, 133, 412.

## פֿ

„פֿאָלקס־בינע": 230, 232
פֿאַראייניקטע שטאַטן: 17, 27, 28, 29, 31, 33, 34, 37, 69, 70, 71, 72, 73, 80, 82, 83, 87, 88, 89, 92, 93, 94, 101, 103, 114, 115, 120, 123, 127, 131, 141, 153, 162, 170, 179, 180, 181, 182, 185, 188, 193, 194, 197, 199, 200, 208, 214, 224, 225, 226, 229, 232, 236, 239, 244, 249, 256, 259, 260, 291, 301, 376, 397, 414, 415
„פֿאָרווערטס": 230, 231, 254, 270, 306, 351, 357, 362
„פֿאָרטשון" (זשורנאַל): 118
„פֿאָרעסט־האַל צענטער": 319
פֿאַשיזם: 31
פֿוקס טאַניאַ: 224
פֿילאַדעלפֿיע: 83, 85, 87, 139, 170, 190, 228, 230, 359
פֿילאָסאָפֿיע: 11, 19, 20, 90
פֿינקעלשטיין לעאָ: 224
פֿראַנצויזן: 342
פֿראַנצויזיש: 250
פֿראַנצויזיש־קאַנאַדע: 260
פֿראַנצויזישע שפּראַך: 167, 207, 210
פֿראַנק: 248
פֿראַנקרייך: 23, 27, 30, 38, 39, 46, 53, 54, 66, 123, 182, 208, 209, 224, 236, 269, 270, 297, 298, 361, 362, 414, 423
פֿרידלענדער ד"ר: 18
פֿרידמאַן מאָריס: 320
פֿרענקל יוסף: 206, 207.

## צ

צאַלשאַן איגנאַץ ד"ר: 263, 269
צביון: 118
„צוקונפט": 379
ציון: V
ציוניסטן: 125
„ציוניסטישע שטימע" (פּאַריז): 270
ציריך: 425
צענטערס יידישע: 13, 14, 29, 44, 314, 315, 316, 317, 321, 322.
צעשפּרייטקייט יידישע: 22, 32
צענטראַל־רוסלאַנד: 52, 277, 278
צפון־אַמעריקע, זע אַמעריקע צפון

## ק

קאַברין: 221
קאַהאַן סאַלאַמאָן, פּראָפעסאָר: 160, 227
קאָהס צ. סאַמועל: 304, 305
קאָוונע: 75, 76, 77, 85, 98, 174, 361
קאַזאַקסטאַן: 71
קאַטאָליקן: 118, 156, 341, 342, 376
קאַטוילישע קירכע: 373
קאַטשערגינסקי שמערקע: 224
קאָלאָמביע: 72, 170, 362, 425
קאָלאָמביע־אוניווערזיטעט: 253, 351, 395
קאָלאָמביע־קאָלעדזש: 388
קאָלאָראַדאָ־ספּרינגס: 256
„קאָלומבוס": 110
קאָלומבוס־צירקל: 124
קאַלישער: 76, 174
קאָמוניסטישע לענדער: 49, 50, 52
קאָמוניסטן: 53, 163
קאָמיוניטי צענטערס: 315, 316, 317
„קאָמענטערי": 309, 320, 400
קאָמפּאַקטקייט: 16, 81, 82, 83, 87, 88, 103, 105, 364, 382
קאַמפּע: 110
קאַנאַדע: 22, 29, 33, 34, 72, 73, 208, 230, 261, 290, 295, 362, 414, 415, 417, 418, 419
„קאַנאַדער אַדלער": 169, 179, 272, 349, 415, 416
קאָנגרעגאַציעס: 141, 142, 303, 304, 335, 337, 340, 344, 376, 404

קאָנסאָלידאַציע: 286, 288, 289, 290, 295, 302, 306
קאָנסולס: 305, 306
קאָנסיסטאָריע: 297
קאָנסערוואַטיווע: 404
קאַפּלאַן מרדכי, ראַבײַ: 18, 136, 142, 149, 324
קאָפּענהאַגען: 243
„קאַראַליינע איזראַעליטע": 256
קאַראַלניק א., ד"ר: 217
קאַרליקאָווער יידן עמאַנציפּאַציע: 110
קאַרפּאַטן־רוסלאַנד: 30, 33, 48, 72, 107, 161, 194, 275
קהילות: 58, 82, 159, 201, 271, 285, 287, 289, 301, 306, 307, 318, 370, 371
קהילה באַגדאַדער: 65
בוענאָס־איירעסער: 421; פון ניו־יאָרק: 18, 19; פון קעלן: 287
קובאַ: 72, 170, 290, 361
„קולטור און דערציונג": 125, 225, 394, 407
קולטור דעפּאַרטאַמענט ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס: 206, 404
קימעל, מאיר: 358
„קינדער־קאָלאָניע" (בוענאָס־איירעס): 422
קיעוו: 75, 76, 97, 139, 174, 278 (גובערניע): 150
קירענאַיקע: 58
קישיניעוו: 85
קלויזענבורגער רבי: 366
קלויסטערס: 272, 274
קליוולענד: 85, 196, 228, 230, 306, 362
קליין יקותיאל, הרב: 272
קלערמאָן: 270
קעלן: 75, 174, 176
קעניג שמואל: 255
קענעדי: 257, 258, 259
קערצער ב. מאָריס: 337
קראַנצלער ד"ר: 351, 352
קראָקע: 211, 406
קרוין־פּוילן: 98
קרייץ־צוגן: 51, 66
קריסטוס: 123, קריסטלעכע רעליגיע: 237
קריסטן: 123, 146, 246, 254, 255, 256, 279
קריסט־ביימער: 145, 146
קריסטשען סייענטיסטס: 248
קרעמענטשוג: 84, 85.

## ר

ראַבאַי א.: 215
ראַדאָמער: 75, 174
ראַד־איילאַנד: 260
ראַדעזיע: 268, 269
ראָזענבערג לואי: 262
ראָזענפעלד יונה: 229
ראָזענצווייג פראַנץ: 136, 411
ראָטערדאַם: 344
רדיפות: V, 23, 43, 161, 190
רודערמאַן יעקב יצחק ר.: 363, 364
רוזוועלט: 23
רומעניע: 15, 27, 31, 33, 46, 66, 72, 97, 102, 117, 171, 194, 199, 294, 250, 389
רוסלאַנד: 13, 27, 30, 40, 41, 42, 43, 44, 46, 64, 67, 69, 70, 71, 74, 75, 76, 77, 81, 84, 85, 94, 95, 96, 97, 106, 109, 110, 113, 114, 115, 116, 120, 150, 174, 179, 189, 194, 216, 228, 242, 250, 326, 349, 361, 389
רוסלאַנד דרום: 71, 174, 175
רוסישע ליטע: 176
רוסלאַנד־פּוילן: 64, 69, 174, 176, 177, 350, 377, 423
רוסישע שפּראַך, קולטור, רוסיפיקאַציע: 110
ריאָ דע זשאַנעיראָ: 85
ריבאַלאָוו האַראָלד: 408, 409, 410, 412
רייזין מרדכי זאב, ראַבײַ: 340
רייכמאַן אבא: 359, 361
ריימס: 270
„רמה": 400, 401
רעוואָלוציעס: 33, 41, 193
אין אונגאַרן: 31
באָלשעוויסטישע: 14, 31, 42, 377, 380
אין דייטשלאַנד: 31
פראַנצויזישע: 121
רעליגיע, יידישע: 138, 139, 152, 153, 159, 161, 238, 201, 244
רעפאָרם: טעמפּל „עדת ישראל: 249; סינאַגאָגעס: 337; קאָנגרעגעישנס: 336; ראַביים: 335.

## ש

שאָטלאַנד: 187
שאַנכאַי: 361, 362
שאַרפּשטיין צבי פּראָפעסאָר: 151, 397
שבחי בעש"ט: 110
שבילי החינוך: 356, 397
שוואַרץ מאָריס: 229
שוואַרצפוקס שמעון גראַן־ראַבען: 269
שודאָפּסקי מאָריס: 399
שווייץ: 30, 50, 53, 266, 267, 360, 362, 423
שולעס: 49, 52, 53, 54, 57, 58, 78, 106, 123, 145, 157, 176, 190, 199, 226, 261, 285, 309, 318, 322, 370, 371, 375, 376, 381, 384, 397, 417
פון דער „אַליאַנס": 58
אוקראַאינישע: 106
העברעישע: 49, 371, 373, 375
יידישע, 17, 43, 158, 159, 222, 386, 390, 392, 403, 420, 421
דייטשע: 188
ווייס־רוסישע: 106
זונטיק: 326, 355, 378, 385, 386, 387
טאָג: 126, 310, 321, 353, 385, 418, 419, 424, 425
מיטל: 17
קאָמוניסטישע: 371, 420
אונגאַרישע, פּוילישע רומענישע,, רוסישע: 123
סעקולערע פּאַראָכיאַלע: 187
קולטורעל־נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע: 371
קאָנגרעגעישן־שולעס: 378
פּראָטעסטאַנטישע, קאָטוילישע: 374
שלום־עליכם־שולעס: 333, 392
(אין בוענאָס־איירעס): 421, 422
„שול־בלעטער" (ב. איירעס): 422
שוועדן: 30, 50, 224, 360

שורין א. ב. הרב: 362
שחיטות: v, 14, 23, 39, 45, 47, 124, 183, 384
שטיין ז.: 225
שיינקס העשל: 251, 252, 253
שיכמאַן דוד: 154
„שירי בת ציון": 112
שלום־עליכם: 111, 231, 394, 412
„שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט": 392
שלעזישע: 176, 178
שלעזינגער הרב הכולל ד"ר: 156
שמד: 108, 122, 181, 182, 193, 185, 211, 248, 256, 269, 273, 274, 275, 310, 331, 363
שם־טוב בן־ציון ר.: 349
שמעלץ־טאָפּ: 125, 127, 216
שמרי אריה: 224
שעדלעצער: 75, 174
שענדעריי מ.: 272
שערמאַן בצלאל: 186, 187, 188, 205, 231, 315, 316, 317, 373, 374
„שנתון הספר היהודי": 408
שפּאַניער: 50, 127
שפּאַניש: 161, 171, 181, 191, 193, 207, 210, 211, 247
שפּאַניש־מאַראָקע: 58
„שפּיגל" (ב. איירעס): 391.

## ת

תימן: 56, 58, 59
„תורה ודעת": 359
תלמוד־תורות: 326, 378, 381, 382, 385, 386, 387, 418
„תעודה בישראל": 112
תפוצות: v, vi, 12, 16, 17, 18, 20, 35, 45, 69, 70.

# „נצח ישראל" פון דוד בן־גוריון

## אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „קיום"

יעקב לעשטשינסקי שרייבט אין „פאָרווערטס" פון 55־X־16:

אַרגענטינע איז געוואָרן די לעצטע יאָרן דער צענטער פון יידישן בוך. דאָרטן ווערן אַרויסגעגעבן אפשר אַזוי פיל יידישע ביכער, ווי אין דער גאַנצער איבעריקער יידישער וועלט. און אין אַרגענטינע לעבן דאָך נישט מער ווי אַרום 400 טויזנט יידן, וואָס איז 12 אָדער 13 מאָל וויניקער ווי אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

און אָט ליגן פאַר מיר זעקס ביכער פון אַ גאַנץ נייעם פאַרלאַג, וואָס האָט זיך געשטעלט באַזונדערע צילן און גאַנץ נייע אידעען: — באַקענען דעם גלות־לייענער מיט די בויער און שאַפער פון מדינת־ישראל דורך זייערע ווערק, דורך זייערע מעשים אין משך פון יאָרן, פון דער צייט וואָס זיי האָבן געלייגט די ערשטע פונדאַמענטן פון מדינת־ישראל ביז אונדזערע טעג. באַקענען אונדז מיט די געדאַנקען און איבערלעבונגען פון די בויער פון אונדזער היים נישט דורך זייערע צופעליקע אַגיטאַציע־רעדעס אין מאָמענטן פון קאַמף און אויפברויז, נאָר מיט זייערע אינטימע, טיף דורכגעטראַכטע און דורכגעפילטע טרוימען; מיט יענע געפילן און געדאַנקען, וועלכע האָבן דיקטירט זייער לעבנסוועג און האָבן זיי אָוועקגעשטעלט אין די ערשטע, סאַמע פאָדערשטע רייען פון דער גאולה, פון בויען דאָס לאַנד און אָרגאַניזירן דאָס פאָלק.

איז געווויס אַבסאָלוט נאַטירלעך, וואָס אַזאַ פאַרלאַג האָט דעם ערשטן בוך געווידמעט בן־גוריונען, יענעם אַרכיטעקט פון דער יידישער מדינה, וועלכער שטייט אויף זיין פאָסטן אָט שוין באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט און וואָס צייכנט זיך אויס גאַנץ באַזונדערס מיט דער קלאָרקייט פון זיין אויסגעקליבענעם וועג, מיט דער גלייכער ליניע פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און סאָציאַלן איבערבוי.

אָט דאָס, שיינט מיר, זענען געווען די גרונט־געדאַנקען פון דוד בן־גוריון. דאָס זענען אויך געווען די הויפּט־

צילן פון יענעם פליגל פון דער
ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכער האָט
אָנגעהויבן זיין אַקטיווע טעטיקייט
מיט דער צווייטער עליה; יענע
חלוצים, וועלכע האָבן דערקלערט
זעלבסט־אַרבעט אַלס זייער טאָפּלטן אי־
דעאַל: אַלס אַ וועג צו סאָציאַליזם, צו אַן
אָרדענונג, ווו מען לעבט פון אייגענער
אַרבעט און נישט פון דער עקספּלואַטאַ־
ציע פון פרעמדע קרעפטן. און פון דעם
אויפבוי פון אַ פריי און זעלבסטשטענדיק
יידיש פאָלק.

ביידע די דאָזיקע אידייען ווערן פאַר־
ווירקלעכט נאָר און אויסשליסלעך דורך
זעלבסט־אַרבעט. עס איז נישט מעגלעך
קיין יידישע זעלבסטשטענדיקייט, קיין
יידישע נאַציאָנאַלע גאַנצקייט און פריי־
הייט, קיין יידישע נאַציאָנאַלע היים אַן
זעלבסט־אַרבעט; אַן דעם, אַז יידן אַליין
זאָלן אויספילן אַלע סאָרטן אַרבעט פון
די שענסטע און איידלסטע ביז די סאַ־
מע שמוציקסטע און שווערסטע. און דאָס
איז אויך דער אידעאַל פון סאָציאַליזם,
— פון אַן אָרדענונג, ווו אַלע לעבן פון
אייגענער און נישט פון פרעמדער אַר־
בעט.

ליגט פאַר מיר אַ בוך פון בן־גוריונען,
אַ בוך פון העכער 300 זייטן, ווו ס׳איז
אָפּגעקליבן דאָס בעסטע פון דעם וואָס
בן־גוריון האָט געשריבן. און וויל עמע־
צער גרינטלעך זיך באַקענען מיט יענעם
פירער פון יידישן פאָלק, וואָס האָט גע־
נומען אויף זיך דער ערשטער דעם גרוי־
סן באַרג פון נאַציאָנאַלער פאַראַנט־
וואָרטלעכקייט און געשטעלט דעם טראָפּ
אויף מדינה, אויף פּאָליטישער זעלבסט־
שטענדיקייט, אויף פולער און גאַנצער
זעלבשטענדיקייט, זאָל נעמען דעם דאָ־
זיקן ספר און אים לייענען מיט קאָפּ. יאָ,
איך ראָט דאָס אַבסאָלוט יעדן ווער עס
וויל וויסן, ווי פון אַ יידיש יינגל פון אַ
קליין פויליש שטעטל וואַקסט אויף אַ
געוואַגטער פירער און אַן אַנטשלאָסענער
פּאָליטישער טוער; און נישט נאָר אַ פּאָ־
ליטישער, נאָר אויך אַ גייסטיקער וואָרט־
זאָגער. און לייענען ראָט איך דווקא דעם
לעצטן אַרטיקל מיטן נאָמען: „נצח יש־
ראל“, וואָס איז אויך דער נאָמען פון
בוך.

דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער
שטריך פון בן־גוריונען איז דאָס וואָס
ער איז אַ האַרמאָנישער זעלבסטשטענ־
דיקער דענקער און אַ האַרמאָנישער טו־
ער. זיינע גרונטגעדאַנקען זענען ביי אים
באַזירט אויף דער יידישער געשיכטע,
דער יידישער תורה, אין וועלכער ער
איז ממש אויסגעקאָכט. נאָר צו די דאָזיקע
טיפע ריין־יידישע פונדאַמענטן האָט ער
אויף אַ זייער האַרמאָנישן אופן צוגעגע־
בן די בעסטע געדאַנקען פון דער קול־
טור־וועלט. זיין יידישע וועלט איז נישט
אָפּגעריסן פון דעם וועלט־אַרום, פאַר־
קערט ער איז גוט באַהאַוונט נישט נאָר
אין די נייעסטע פּאָליטישע ריכטונגען
און שטרעמונגען, נאָר אויך אין די ווי־
סנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע אידעען.
אָבער דאָס אַלץ ווערט ביי אים אַזוי
איבערגעאַרבעט און אַזוי האַרמאָניזירט,
אַז ס׳זאָל נישט אונטערגראָבן דעם יידי־
שן יסוד פון זיינע געדאַנקען, אַז ס׳זאָל
נישט רירן די פונדאַמענטן פון זיין יידי־
שער וועלט־אַנשויאונג.

דאָס בוך עפנט זיך מיט עטלעכע וווּנ־
דערבאַרע באַגייסטערטע לויב־ווערטער
פון באַקאַנטן זשורנאַליסט־פּובליציסט מ.
רעגאַלסקי, וועלכער שטעלט פאָר פאַר

דער ייִדישער וועלט דעם נייעם פּאַרלאַג, וואָס טראָגט דעם זייער פּאַראַנטוואָרטלעכן נאָמען „קיום״. קיום מיינט נישט סתם עקזיסטענץ, ווי מען קאָן פּאַרטייטשן דאָס וואָרט. אין תוך מיינט דאָס המשך; אין געגעבענעם פּאַל מיינט דאָס האַרמאָנישן המשך. מדינת ישראל וואַקסט פּאַראַלעל מיט דער ייִדישער קולטור אין גלות, נאָר צוביסלעך ווערט די מדינה די צענטראַלע ווירקנדיקע מאַכט און שטיצט דעם נאַציאָנאַלן קיום פון די ייִדנשאַפטן אין די גלות־לענדער. אַ טיפערע באַקאַנטשאַפט מיט די מענטשן, וועלכע פאַרמירן די פיזיאָנאָמיע פון דער פּאָליטישער היים פון ייִדישן פאָלק, וועט געוויס דינען צו אַן אינטימערער פאַרבינדונג פון די ייִדן פון גלות מיט די ייִדן פון ישראל. דעם דאָזיקן ציל איז געווידמעט די טעטיקייט פונעם פּאַרלאַג.

אויפן צווייטן אָרט קומט אַ גרויסע אַרבעט פון יהודה ארז וועגן בן־גוריונען. דאָ איז געגעבן, פון איין זייט בן־גוריונס ביאָגראַפיע, פון זיינע ערשטע שריט אין ישראל ביז אונדזערע טעג. דאָס איז ממש אַ מייסטערהאַפטע ביאָגראַפיע פון אַ מענטשן, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט שווערער פיזישער אַרבעט אין קאָלאָניעס, מיט זיין ווירקן אין דעם קליינעם קרייז פון די ערשטע חלוצים פון דער באַרימטער צווייטער עליה, ביז די סאַמע לעצטע העכסטע שטאַפּלען פון זיין איינפלוס. און דאָ אַנטפּלעקט זיך די פריער־דערמאָנטע האַרמאָנישקייט פון דער פּערזענלעכקייט פון בן־גוריון. ממש פון זיינע ערשטע טריט, סיי אין דער פּראַקטישער אַרבעט און סיי אין דער פאָרמירונג פון דער וועלט־אַנשויאונג פון דער פּאַרטיי, צו וועלכער ער געהערט און וועלכע ער האָט געבויט, פילט מען יענע סינטעטישקייט, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן איצטיקן בן־גוריון. סינטעטישקייט מיינען מיר אין פאָלגענדן זינען: — די נאַציאָנאַלע גאולה איז אינטים געבונדן מיט דער סאָציאַלער גאולה. זיי מוזן אָבער ביידע זיך צופּאַסן צו די לויפנדיקע נויטן און באַדערפענישן. דער העכערער פּרינציפּ וועלכער דיקטירט די צופּאַסונג, איז דער מאָמענט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וועלכער איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון אונדז זעלבסט. דער סאָציאַלער מאָמענט איז שוין מער געבונדן מיט דער פרעמדער וועלט און מוז זיך דעריבער אונטערוואַרפן די דיקטאַטן פון נאַציאָנאַלן גאולה־אידעאַל, וועלכער שאַפט די פונדאַמענטן פאַר אַ קומענדיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, דער גרונט־אינהאַלט פון די אידעאַלן, וועלכע בן־גוריון האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן.

אַלע אַרטיקלען פון בן־גוריונען זעלבסט זענען נישט מער ווי אַ פּירוש צו די נאָר־וואָס אויסגעלייגטע גרונט־געדאַנקען. אין די דאָזיקע אַרטיקלען אַנטוויקלט בן־גוריון קלאָר און מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט פון געזונטער לאָגיק, אַלע פּראַקטישע שריט וועלכע פירן צו די צילן, וועלכע זענען געוואָרן דער זין, דער איינציקער זין פון זיין לעבן. פון די אַרטיקלען זעט מען ווי בן־גוריון האָלט אין אויג ביי אַלע פּראַקטישע שריט זיינע גרונט־צילן, זיינע העכסטע ייִדישע אידעאַלן. ער איז גרייט צו מאַכן פּשרות, צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן, אָבער נאָר אין וועגן און מיטלען, נישט חלילה אין

די גרונט־אידייען, אין די גרונט־צילן.

און נאָך איין זאַך וואַרפט זיך אין די אויגן. בן־גוריון פּרעטענדירט ניט אויף דעם הויכן ראַנג פון טעאָרעטיקער, פון אַ שאַפער פון גאַנצע אידעאָלאָגישע סיסטעמען. אָבער טראַכט מען זיך אַריין גוט אין דעם אינהאַלט פון זיינע אַרבעטן זעט מען, אַז בן־גוריון האָט נישט נאָר אַ געזונטן קאָפּ, נאָר אויך אַ שעפערישן מוח. דעריבער באַקומט זיך אין רעזולטאַט, אַז פּאַקטיש איז בן־גוריון נישט נאָר דער פּראַקטישער פירער פון די פּועלי־ציון, פון די אַקטיוווסטע בויער פון דער מדינה, נאָר אויך דער טעאָרעטישער שאַפער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, אויף וועמענס גורל ס'איז אויסגעפאַלן די הויכע מיסיע פון לייגן די גרונט־פונדאַמענטן פון דער יידישער מדינה און אָנגיין מיט איר וויטערן אויפבוי.

# אינהאַלט־פאַרצייכעניש


הקדמה: זייט V.


## ערשטער טייל

### די נייע אָביעקטיווע באַדינגונגען אין די גלות־לענדער


אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — 11
וואַנדערונג און עליה — — — — — — — — — — — — — 21
די שחיטה־רעזולטאַטן — — — — — — — — — — — — — 26
דער אונטערגאַנג פון אייראָפּעישן יידנטום — — — — — — — — — 40
די ליקווידאַציע פון די יידישע ישובים אין די מוסולמענישע לענדער 56
די נייע געאָגראַפישע פאַרטיילונג פון יידישן פאָלק — — — — — 60
רוימלעכע קאָמפּאַקטקייט און איזאָלירטקייט — — — — — — — — 65
סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור און אַסימילאַציע — — — — — — — 87
קולטור־מצב און אַסימילאַציע — — — — — — — — — — — — 105
די פּאָליטישע לאַגע און אַסימילאַציע — — — — — — — — — — 121


## צווייטער טייל

### די אַסימילאַציע פּראָצעסן


אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 131
דער אונטערגאַנג פון די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען — 138
א) אין די פאַראייניקטע שטאַטן — — — — — — — — — — 141
ב) אין אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — — — — 153
ג) אין מעקסיקע — — — — — — — — — — — — — — — — 157
ד) אין ענגלאַנד — — — — — — — — — — — — — — — — 160
דער אַסימילירֿ־פּאָטענציאַל פון די מאָדערנע שפּראַכן און קולטורן 165
די ראָלע פון יידיש אין יידישן לעבן — — — — — — — — — — 174
די ירידה פון דער יידישער פּרעסע און פון יידישן טעאַטער — — 193
די יידיש־טראַגעדיע — — — — — — — — — — — — — — — 213


### געמישטע חתונות


א) אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — 234
ב) אין אייראָפּע פאַר דער לעצטער מלחמה — — — — — — — — 240

ג) אין די פּאַראייניקטע שטאַטן — — — — — — — — — — — — — — — 244
ד) אין קאַנאַדע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 261
ה) אין ענגלאַנד — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 262
ו) אין דער שווייץ — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 266
ז) אין פאַרשיידענע לענדער — — — — — — — — — — — — — — — — 268

## דריטער טייל

### די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע דערשיינונגען

אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 283
קאָנסאָלידאַציע־טענדענצן — — — — — — — — — — — — — — — — 286
דער צוזאַמענשמעלץ־פּראָצעס — — — — — — — — — — — — — — — 290

### די פאַראייניקטע שטאַטן

א) אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 301
ב) די קאָנסאָלידאַציע־טענדענצן אין יידישן לעבן פון אַמעריקע 303
ג) אינטעגרירונג און סעפּאַרירונג — — — — — — — — — — — — — — 308
ד) די יידישע צענטערס — — — — — — — — — — — — — — — — — 314
ה) רעליגיעזע דערוואַכונגען — — — — — — — — — — — — — — — — 329
ו) יאַנג־איזראַעל — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 342
ז) איבערגעפלאַנצטע פרומקייט — — — — — — — — — — — — — — — 345
ח) ישיבות — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 353

### חינוך

1) אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 370
2) רעליגיעזע און עטנישע שולעס אין די פ׳ שטאַטן — — — — — — 373
3) די אַנטוויקלונג פון יידישן חינוך אין די שטאַטן (1910־1935) 376
4) יידישער חינוך אין די לעצטע יאָרן (1935־1955) — — — — — — 382
5) פאַרשידענע טיפּן שולעס — — — — — — — — — — — — — — — 386
6) די פּערספּעקטיוון פון העברעיִש — — — — — — — — — — — — 395
ענגליש־יידישע ליטעראַטור — — — — — — — — — — — — — — — 406
חינוך און די מיטעלע יידישע קיבוצים — — — — — — — — — — — 413
חינוך אין קאַנאַדע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 415
אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 420
קורצער בליק אויף דער חינוך־לאַגע אין די איבעריקע גלות־לענדער 423
זוכצעטל פון נעמען און ענינים — — — — — — — — — — — — — — 427

פאַרלאַג אַדרעס
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

## דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף
3. יחיאל האַלפערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה״ אין ארץ־ישראל
7. ד״ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשצינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־ייִדנטום

## אין צוגרייטונג:

9. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
10. מ. גראָס־צימערמאַן — אַ וועלט מיט ייִדן

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL 3 DE NOVIEMBRE
DE 1955 EN LOS TALL. GRAF.
ZLOTOPIORO HNOS., GASCON
1231, BUENOS AIRES (R. A.)

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
**JACOB LESTSCHINSKY, New York**

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
**Poale Sion Hitajdut**
Departamento
**Ediciones "KIUM"**

JACOB LESTSCHINSKY

# EL ASPECTO NACIONAL DEL JUDAISMO GALUTICO

•

BUENOS AIRES
1 9 5 5